STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05334

NOAH PANDRE

Zalman Shneour

Permanent preservation of this book was made possible
by David & Bea Tendler
in memory of
Pearl & Philip Tendler and Becky & Isaac Meyer Weisberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זלמן שניאור

✱

נח פאנדרע

זלמן שניאור

נח פאנדרע

צווייטער טייל: „צווישן אָזערע און דניעפּער״

JEWISH COLLEGE LIBRARY
71-25 MAIN STREET
FLUSHING, NEW YORK 11367

פֿאַרלאַג „ניי-לעבן״
תל־אביב, תשכ״ט — 1969

©

אַלע רעכט געזיכערט

נדפס בישראל תשכ"ט

דפוס „ א ו ר " בע"מ
רח' לבנדה 36, טעל. 36910
תל־אביב

צווייטער טייל

„צווישן אזערע און דניעפּער“

צוויי וואַסערן

(אַנשטאָט אַ הקדמה)

צוויי וואַסערן זענען דאָ אין שקלאָוו. פון טיפע וועלדער קומען זיי אָן, צעגיסן זיך און נעמען אַרום די גאַנצע שטאָט אין צוויי פלייצנדיקע אָרעמס.

דער רעכטער אָרעם — די אָזערע, אַ שטילע, אַ צעשוווּמענע. הויבט זיך אָן ווי אַ שמאָל טייכעלע און ענדיקט זיך ברייט און גלאַט, ווי אַ דרייעקיקער שפּיגל, מיט טראָסטינעס און אייאיר אַרומגעזוימט.

דער צווייטער אָרעם — דער דניעפּער. אַ מוסקולדיקער, אַ האַרט־שטראָמיקער, אַ ברומיק־זינגענדיקער און גלייכמעסיקער צווישן הויכע זאַמדיקע ברעגעס.

ביי דער גרויסער מיל, פאַרן פאַרקערעוועז צום יידישן בית־עלמין, — דאָרטן באַגעגענען זיךביידע וואַסערן. גיבן זיך אָפּ שלום.

די מאַנסבילשע קאַלטע וואַסער־לאַפּע פון דניעפּער נעמט אָן די ווייכלעכע, לעבלעכע האַנט פון דער ווייבערישער אָזערע.

פון דער דאָזיקער קרעפטיקער באַרירונג וועקן זיך אויף ביי דער צנועהדיקער צעשווומענער וואַסער־ווייב אירע פאַרטאַיעטע ליידנשאַפטן, ברויזן אויף. וואַרפט זי זיך שטורמיש, קאָפּ־אַראָפּ, מיט צעשויבערטע שוימיקע קודלעס, דורך דער הרעבליע פון מיל, אין שויס פון דניעפּער, אויף זיין מאָגערער מאַנסבילשער ברוסט, אין זאַמדיקן טאָל אַריין.

איר ליידנשאַפטלעכער אימפּעט גייט נישט פאַרלוירן. ער דרייט דאָס גרויסע שעפל־ראָד פון דער גרויסער זעקס־שטאָקיקער מיל. מאָלט ברויט פאַר גאַנץ שקלאָוו און פאַר אַלע אַרומיקע דערפער.

צווישן אָט די צוויי פאַרליבטע וואַסערן האָט זיך דאָס שטעטל צע־לייגט אין דער לענג און אין דער ברייט. הייזער און בתי־מדרשים טוליען זיך צו דער שטילער אָזערע. פאַר אירע קאַפּריזן האָט מען קיין

מורא נישט. מען פאַרטרויט איר גרונט און מען שפּיגלט זיך אין איר. מען ווייסט: אַפילו איר ווילדעוועו ביי דער מיל איז געצוימט און ווערט רעגולירט דורך מענטשלעכע הענט.

נישט אַזוי איז ביים דניעפּער. אָפּגערוקט פון הויכן ברעג שטייען דאָ די יידישע הייזקעס. קוימענס איבער קוימענס כאַפּן קרום אַ קוק אין האַסטיקן שטראָם אַריין. פענצטער זעען אים אינגאַנצן נישט און פונדעסט־וועגן גלאָצן זיי צום דניעפּער מיט פאַרדאַכט: „מיר געדענקען נאָך פון קדמונים וואָס דו קאָנסט אָפּטאָן נאָך פּסח, בשעת אַ געוויסער, ווען דיין קריע צעיושעט זיך. לאָמיר זיין גוטע פריינט, נאָר פון דערווייטנס...״

לעבן זיך אַזוי יידעלעך צווישן די צוויי וואַסערן, ווי אויף אַ האַלב־אינדזל אַרבעטן און האַנדלען. כליזמרלעך שטעלן אָן די כלים און שפּילן חתונקעס. מוהלים בוימלען די מוהל־מעסערלעך. יינגלעך לויפן אין חדר. מיידלעך שפּילן זיך אין זעמדעלעך.

און שוין פון קינדווייז אָן נעמען זיי אין זיך אַריין דעם כוח פון ביידע וואַסערן: די רואיקייט פון דער אָזערע, די שטראָמיקייט פון דניעפּער. און נפשות וואַקסן דאָרט אויס — נאָכגיביקע ווי די אָזערע, לעבלעכע אַזוי ווי זי: שעמעוודיקע באַנק־קוועטשער, פרומינקע יענ־טעטשקעס, שרעקעוודיקע קרעמערלעך, וואָס האָבן מורא פאַר אַ סטראַזש־ניק.

אָבער אויך יונגאַטשעס וואַקסן דאָרט אויס. ברויזנדיקע ווי דער דניעפּער, וועלכע רייסן זיך אין דער פרעמד, וועלכע זענען קיינמאָל נישט צופרידן מיט זיך אַליין און מיט וועלכע אַנדערע זענען קיינמאָל נישט זיכער: אַפּיקורסים, גליקזוכער, רעוואָלוציאָנערן, דיכטער...

ווען עס דערעסט די פוילקייט פון אָזערע, דער לויפט צום דניע־פּער. און ווער ס׳איז מיד פון האַסטיקן דניעפּער, פון קאָכיקן לעבן אַרום זיינע פריסטאַניעס און לייוועס, דער לויפט זיך אָפּרוען ביים אָזערע־שפּיגל, אויף זיינע פלאַכע, באַגראָזטע ברעגעס...

מישן זיך אָט די צוויי עלעמענטן ביי גרויס און קליין. און עפּעס איז דאָ פון ביידע וואַסערן ביי די שטילע אַזוי ווי ביי די שטורמישע נאַטורן.

האַ־האַ! איינמאָל אין יאָר מוז דאָך אַפילו די פאַרשלאָפענע אָזערע אויפברעכן דאָס אייז און רייסן צוימען.

וויי־וויי! איינמאָל מוז דאָך אַפילו דער שטראָמיקער דניעפּער

א י י נ פ ר י ר ן. דערלאָזן פערד זאָלן אים פּאָדקאָווען, הינט זאָלן איבער אים לויפן.

פון אָט די יידעלעך און קינדער און ווייבער ווילן מיר דאָ דערציילן; פון אָזערע און דניעפּער, וואָס ראַנגלען זיך אין זייער זעל דאָס גאַנצע לעבן.

זיידע וואַיטעק

1. ווער איז וואַיטעק ?

לייזערל וואַיטעק איז אַ געוועזענער באַלעגאָלע, וואָס האָט געמוזט אָפּלאָזן די לייצעס פון די פערד, ווען די הענט זענען אים שלאַבערדיק געוואָרן מחמת טיפער עלטער. און זינט ער איז אַראָפּגעשטיגן פון זיין אויסגעזעסענער קעלניע, איז ער באַקאַנט געוואָרן אין גאַנץ שקלאָוו אַלס דער איינציקער בריוו־טרעגער פון צעך. אַ שטורעמדיקע אַסיפה פון באַלעגאָלעס האָט דאָס געמאַכט. מ׳האָט געקלאַפּט מיט די פויסטן און מיט די בייטש־שטעקלעך אָן טיש און מען האָט באַשלאָסן איבערגעבן אין וואַיטעקס אַלטיטשקע הענט אַריין אַלע בריוו, וואָס ווערן געבראַכט פון דער ווייט פאַר שקלאָווער יידן און יידענעס. און אויף אַזאַ אופן איבער־געבן אים די גאַנצע פרנסה, וואָס די יידישע פּאָטשט טראָגט איין. דהיינו: דריי קאָפּיקעס פאַר אַ פאַרמאַכטן בריוו און צוויי קאָפּיקעס פאַר אַ צע־טעלע. און זאָל זיידע־וואַיטעק האָבן אַ גוטע עלטער! יאָ, „זיידע־וואַיטעק״, וואָרים אַלע באַלעגאָלעס, אַפילו ר׳ סענדער, ווען ער האָט נאָך געלעבט, האָבן אים גערופן זיידע.

נישט געקוקט אויף זיינע עטלעכע און אַכציק יאָר, האָט נאָך וואַיטעק, אַזוי צו זאָגן, כוח אין די לענדן. ער איז שטאַרק ווי אַ וואָרצל פון אַן אָפּגעשניטענעם דעמב. און די גרינלעכע וואָלענע און אונטערגעגאַרטלטע „כאַלמידע״, וואָס ער טראָגט אויף זיך דאָס רוב חדשים פון יאָר, מאַכט נאָך ברייטער זיינע אַקסלען און — העכער זיין ברוסט. נאָר זיינע טרי־טעלעך זענען שוין אַ ביסל געמאָסטן. און בשעת ער איילט זיך, סמאָרעט ער מיט די צוויי־צאָל־דיקע אויסגעקרימטע פּאָדעשוועס. די ענלעכקייט מיט אַן אָפּגעשניטענעם דעמב אין וואַלד פאַרשטאַרקן נאָך זיינע וואָרצל־דיקע האַרטע פינגער, וועלכע בויגן זיך כמעט נישט און כאַפּן אַרום זיין

קאָרענע, גויאישקע פּיפּקע, מיט דער קופּערנער, געלעכערטער היטעלע, אין אַן אייביקן קלעם. אַזוי קלעמען איין אויסגעדאַרטע, אָדערדיקע וואָרצלען אַ שטיין אין אַראָפּ־באַרג און לאָזן אים נישט זיך רירן פון אָרט. זיינע אַמאָליקע בלאָנדע האָר זענען דורך דער עלטער מילכיק־גרין געוואָרן ווי מאַסליאַנקעס *). אַרום זיין ערדיקן אַלטן פּנים שיט זיך אים זיין שיטער בערדל ווי מאָך אַרום אַ פּיען. און אין זיין ברייטער נאָז, נאָענט צו דערביינדעלע, האָט זיך איינגעגעסן עפּעס אַ מין טרוקענער לישאַי, אַ גרינלעכע, נישט־אויסגעהיילטע פאַרדאַרטע וווּנד. און דער פעלדשער זאָגט, אַז מען קען דאָס נישט היילן, אַזוי ווי מען קען מער וואָיטעקן יונג נישט מאַכן. נאָר אַפילו אָט דער דאָזיקער פעלער גיט וואָיטעקן צו אַ האַרבקייט און איינגעפונדעוועטקייט פון אַ דעמבענעם פּיען, אין וועלכן ס'האָט זיך אַריינגעכאַפּט „טשערוואָטאָטשינע”.

פון אָט דער גאַנצער מאָכיקער, וואָרצלדיקער און שווּעמלדיקער אַלטקייט שיינען אַרויס אַ פּאָר טונקל־בלויע, ריינע און אַ ביסל פאַרשייטע אויגן פון אַ קלוגן ייִנגל. און נאָך שטאַרקער לויכטן די פּאָר אויגן, ווען ס'איז זייער פּראָסטיק, און וואָיטעק פאַרבינדט זיין לישאַי אויף דער נאָז מיט זיין רויטן טיכל. צעטיילט ער אַזוי זיין וואַלדיקן פּנים מיט אַ העלישן קאָליר, מיט אַ מין פונצאַווער רייף, און שטרייכט אונטער, נישט־ווילנדיק, די בלויקייט פון זיינע אויגן. זיי לויכטן דאַן מיט גאָר אַ באַזונדער חסד, ווי צוויי פיאַלקע־בלימלעך פון צעווירטע פוילע בלע־טער אין וואַלד סוף ווינטער־צייט.

וואָיטעק איז איינער פון די זעלטענע איבערגעבליבענע ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטן. איינער פון די ווייניקע קאַנטאָניסטן, וועלכער האָט זיין לערנען אַמאָל אין חדר נישט פאַרגעסן; וועלכער האָט זיין ביסל יידישקייט און עברי און חומש דורכגעטראָגן ווי אַ קמיע אויפן האַרצן, דורך אַלע ניקאָלאַיעווער קאַזאַרמעס, דורך שמיץ, יסורים און בהמהשער פאַר־גרעבטקייט.

אַלס אַ צען־יעריקער חדר־ייִנגל האָט מען אים געכאַפּט, און קאָפּ־אַראָפּ, ווי אַ געבונדן קעלבל, אַוועקגעשלעפּט אין שקלאָווער „סטאַן” מיט דעם גרינעם קיילעכדיקן קנייכל אויפן שפּיץ... דאָס איז דער הײַנטיקער

---

*) פוטער־שוואָמען, וועלכע ווערן געגעסן רוי.

„אוטשאָסטאָק" און דער אַמאַליקער זאַמל־פּונקט פון „געכאַפּטע", פון נאָוואָבראַנצעס, און „אַכוואָטניקעס"... *)

גאַנצע דרייסיק יאָר האָט מען פון אים גאָרנישט געהערט. זיין געדע־כעניש איז אָפּגעמעקט געוואָרן, און דער זכר פון זיין מאַמען, די אלמנה, וואָס האָט דאָס פאַרלוירן־גיין פון איר בן־יחיד נישט איבערגעלעבט — אַוודאי און אוודאי.

און פּלוצלונג, אין איין העלן פאַר־ימים־נוראים־טאָג, האָט ער זיך אַנטפּלעקט דאָרטן, ווו ער איז געכאַפּט געוואָרן... פאַרוואַקסן איז ער געווען און פאַרלעדערט, ווי אַ ראַבינזאָן קרוזאָ, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון זיין געהיימנישפולן אינדזל. העגט האָט ער מיטגעבראַכט האַרטע, ווי קאָפּיטעס, און פלייצעס ברייטע און געזעצטע, ווי אַ פונדאַמענט, אויף וועלכן עס לאָזט זיך אַלץ אויפבויען... אַ סיווע געשפּרענקלקייט אין האָר און באָרד און אַ געניטקייט און פעאיקייט צו אַלע מלאכות אין דער וועלט: האַלץ־האַקן, הייזער קאַלכן, ברעטער הובלען, ליים קנעטן, אַבי כשר פאַרדינען אַ שטיקל ברויט.

אָט מיט די דאָזיקע אויסגעהאָרעוועטע און לעדערדיקע הענט האָט ער זיך, אַרבעטנדיק און וואַנדערנדיק, דערקליבן פון קרים ביז שקלאָוו, כדי אַרומצוגעמען די אַלטיטשקע מאַמעלע זיינע, צו טאָן פאַר איר כל עבודת־פּרך און טרייסטן זי אויף דער עלטער. און, ס'פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט זי שוין מער לעבעדיק נישט געפונען. נאָר איטשע דער קברות־מאַן האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ פאַררעגנטן, צעשפּאָלטענעם און אויסגעקרימטן ברעטל אין עק בית־עלמין, אָן אַן אויפשריפט און מיט אַ צעוואַקסענעם נוס־בוים צוקאָפּנס קבר, אָפּגעפּליקט פון יינגלעך־שקצים און אָפּגעגריזשעט פון יידישע ציגן. און ער האָט אים געזאָגט, אַז דאָ ליגט זיין מאַמע.

וואָיטעק האָט חתונה געהאַט מיט אַן אָרעמער דינסט־מיידל, געהאַט מיט איר אַ פּאָר קינדער און געצויגן חיונה פון טראָגן נאָסקעס אויפן מאַרק, פון אויסלאָדן לייוועס ביים ברעג דניעפּער. אָפּגעשפּאָרט עטלעכע גילדן — האָט ער זיך איינגעהאַנדלט אַ פערדל מיט אַ געגנוצטן וועגל

*) אייגנטלעך, אָכאָטניקעס. ס'הייסט אַזעלכע, וואָס גייען דינען „מיטן אייגענעם ווילן". אין דער אמתן זענען עס געווען אַלערליי אויסוואורפן, וועלכע מען פלעגט אונטערקויפן מיט גרויסע געלטער און לאָזן גיין דינען אַנשטאָט ציטערנדיקע, רייכע קינדער.

און איז געוואָרן אַ באַלעגאָלע. צו שפּאַנען און זאָטלען אַ פערדל האָט ער נישט פאַרגעסן. אונטער נאַהייקעס און קלעפּ האָט ער זיך דאָס אויסגעלערנט אין קאַזאַרמע און האָט דאָס שוין מער קיינמאָל נישט גע־קענט פאַרגעסן. אָבער דער מזל זיינער, צו זיין שטענדיק עלנט ווי אַ דאָרן אין סטעפּ, האָט אים אויך אויף דער עלטער נישט געשאָנעוועט. זיין ווייב איז געשטאָרבן, זיינע קינדער זענען אַוועק קיין אַמעריקע. און ווידער איז ער געבליבן איינער אַליין אויף דער וועלט. אָנגעטריבן זיין פערדל צווישן שקלאָוו און אָרשע, און ווידער אַמאָל — פון אָרשע קיין שקלאָוו. ווי אַ סך אַנדערע באַלעגאָלעס פון צעך. און עס האָט זיך אים געגומען דוכטן, אַז ער האָט קיינמאָל נישט חתונה געהאַט, קיינמאָל אַ קינד אין תלמוד תורה נישט געפירט. זיין צווייטער לעבן אין שטעטל האָט אים עפּעס געגומען אויסזען ווי אַ חלום. צווישן איין עלנטקייט אין די יינגערע יאָרן און צווישן דער צווייטער עלנטקייט אויף דער עלטער. צווישן דינען בייזע גויים אין די קאַזאַרמעס און, להבדיל, ברוגזדיקע סוחרים אויף די שליאַכן. שטענדיק אַליין, שטענדיק פאַר קאַשע מיט וואַסער...

אַזוי איז ער נאָך אַרומגעפאָרן שיינע עטלעכע יאָר, ביז די אויסגע־געלטע לייצעס האָבן זיך אים אַרויסגעגליטשט פון די וואָרצלדיקע הענט. ער האָט שוין מער נישט געקענט איינהאַלטן דעם פערד, ווען יענער צעטראָגט זיך באַרג־אַראָפּ... ביז איינמאָל, נישט פאַר קיין יידישן באַלע־גאָלע געדאַכט, האָט מען אים, קוים מיטן לעבן, אַרויסגעשלעפּט פון אונטער די רעדער אַ פאָר וויאָרסט פאַר אַלעקסאַנדריע, ווו אַלע פורן גליטשן זיך אין ליימיקן אַראָפּ־באַרג. אַ פאַרבלוטיקטן און פאַרחלשטן האָבן אים יונגע באַלעגאָלעס אַריינגעטראָגן אין קרעטשמע, און זינט דעם — מער נישט דערלאָזן, אַז „זיידע־וואָיטעק" זאָל זיצן אויף דער קעלניע.

2. גויאישקע פאַטשט און יידישע פאַטשט

אין יענע יאָרן, ס'הייסט: מיט אַ יאָר פופציק צוריק, האָבן זיך פּאָטשט און טעלעגראַף אָקאָרשט באַוויזן אין די ווייס־רוסישע שטעטלעך. יידישע יונגעלייט האָבן אָנגעהויבן באַוואונדערן דאָס זינגען פון די טע־לעגראַפנע סלופּעס, בשעת עס בלאָזט אַ ווינטל. „דאָס לויפט די טעלע־גראַמע איבער די דראָטן" — דערקלערן זיי טיף־וויסנשאַפטלעך — „נאָר

מחמת גרויס געשווינדקייט זעט מען זי נישט, די טעלעגראַמע...״ זיי קוקן און באַוווּנדערן דעם פּאָטשטאַליאָן מיט דער קאָקאַרדע, מיטן שווערדל ביי דער זייט, וואָס זיצט אין אַ בריטשקע, אָנגעטאָן אין אַ שינעל, אויף זעק מיט בריוו און פירט פּאַנאַנדער די פּאָטשט איבער שטעטלעך און וואָלאָסטן, גלייך פון וויטעבסקער און אָרשער באַן. אַזוי פאָרט ער און זאָגט אָן מיט זיין טראָמייטער דורך וועלדער און פעלדער, אַז דאָס פירט ער בריוו און געלט און פּאָסילקעלעך. טאָקע ער אַליין, דער פּאָטשטאַליאָן, מיט דער קאָקאַרדע און מיטן שווערדל... דער שאַל פון טראָמייטער אַליין הערט זיך גאָר פייערלעך און פריילעך, ווי אַן אָנזאָג פון אַ נייער צייט.

אָבער יידישע סוחרים פון אַלטן שניט און יידענעס מיט פּאַרוקן האַלטן נאָך דערוויל זייער ווייניק פון אַזאַ נייער אינסטיטוציע. און טאַקע, וואָס האָבן זיך דאָ גויים צו מישן אין יידישע בריוו?... קוקן זיי מיט קרומען פּאַרדאַכט אויף די משונהדיקע אַדרעסן — מאָדנע אותיות מיט עקעלעך און מיט פלעקעלעך. כ׳מיין, ווער האָט דאָס אַ קאָפּ צו לערנען זיך שרייבן אַזעלכע מיני אַדרעסן? און ווער האָט דאָס צייט צו גיין זוכן אַדרעסן־שרייבער: גלחים, קאַזיאָנע־ראַבינער און אַפּטייקער־ייִנגלעך, וואָס לאַכן אָפּ פון אַ יידן... און, בכלל, ווער וועט דאָס גיין איבערגעבן יידישע בריוו אין גויאישקע הענט אַריין? און אָט דער קורנאָסער שגץ מיט פרישציקלעך, ביים פענצטערל אין פּאָטשט, ווער קען אים און ווער ווייסט אים? ווער וועט אים פּאַרטרויען איבערצושיקן מזומן־געלט אויף אַן אשר־יצר־צעטעלע, וואָס ער גיט אַרויס? ער שטעמפּלט אַפילו זייער האָפּערדיק מיט זיין מעשענעם שטעמפּל. כע־כע... ווערן טאָקע שקלאָוער יידן מוראדיק נתפּעל! אַ שטעמפּל קען יעטוועדער באַ־שטעלן אין מאָהליוו...

שיקן זיי טאָקע דערפאַר, די יידישע סוחרים, זייערע סוחרישע בריוו, חשבונות און אָנווייזונגען דורך באַקאַנטע באַלעגאָלעס. מען קוקט אַפילו נישט אויף דעם, וואָס פּראַוויטעלסטווע האָט פּאַרבאָטן אַזאַ קאָנקורענץ און באַשטראָפט דאָס איבערפירן בריוו דורך פּריוואַטע לייט. נישקשה! די קעשענעס ביי די באַלעגאָלעס זענען טיף. זיי לאָזן זיך אַראָפּ ביזקל גאַרטל. און אַז פּראַוויטעלסטווע וועט זיין מיט זיבן אויגן, וועט זי דען קענען דורכקוקן אַזעלכע פינצטערע, איבערגעגאַרטלטע באַהעלטערלעך?

פירט מען אַזוי די יידישע קאָרעספּאָנדענץ איבער אַלע טראַקטן און

מען שטעקט אויס אַ צונג דער גויאישקער פּאַטשט. און גאָט איז אַ פּאַ־טער.

זאָגן אַפילו די אויפגעקלערטע לייטלעך, אַז די באַלעבאַטישע פּאַטשט קאָסט אַ סך טייערער. זיי האָבן געמאַכט אַ חשבון, זאָגן זיי, זיי האָבן אויסגערעכנט און ווייסן. דהיינו: דער, וואָס שיקט דעם בריוו, גיט אַ פּאָר קאָפּיקעס און דער, וואָס באַקומט דעם בריוו, צאָלט אויך עפּעס צו. כאַפּט עס טייערער ווי אַ מאַרקע. ס'איז אפשר אַן אמת. ס'איז אָבער ווערט! מען איז פּאָרט „זיכערער״ און אַדרעסן שרייבט מען פּאָרט מיט אַ יידישן כתב, געמישט יידיש מיט לשון־קודש, אַזוי ווי טאַטעס און זיי־דעס האָבן געשריבן: „כבוד הרבני המפורסם המופלג אַזאַ און אַזאַ נאָמען אויף האלייאיקער גאַס בשקלוב הבירה״. אָדער: להגבירה הצנועה... צו דער באַשיידענער האַרינטע אַזאַ און אַזאַ נאָמען, ביים ליובאַוויטשער בית־מדרש אין דער הייליקער קהילה אַזאַ און אַזאַ... און דערזעט מען אַזעלכענע אותיות מיט אַזאַ טיטל, מיט אַ באַקאַנטן כתב — דערקוויקט מען זיך שוין מיטן אַדרעס גופא. גאָר עפּעס אַנדערש איז, ווען מען קריגט אַ בריוו מיטן אַ גויאישקן אַדרעס. דער שטעמפּל מיט דער מאַרקע וואַרפן אַן אימה. אַ ייד פון אַלטן שניט האָט פיינט קאַזיאָנע שטעמפּלעך. דאָס שמעקט מיט מסירות, מיט פּראָטאָקאָלן, מיט פּאָדאַט־קעס, מיטן פּריסטאַוו... און עס נעמט אָפּ דער חשק פונעם גאַנצן יידישן בריוו אינעם גויאישקן קאָנווערט. ס'איז ווי אַ כשרע געפילעכץ אין אַ טריפהער גענדזענער העלדזל...

ואלה... און דאָס זענען די וואָגלענישן און וואַנדערונגען פון אַ יידישן בריוו, דורך יידישע הענט און קעשענעס: פּעטער אורי, ווען געפינט זיך, למשל, אויף זיין סוחרישער נסיעה אין וויטעבסק, גיט איבער זיין בריוו דעם וויטעבסקער באַלעגאָלע. דער וויטעבסקער באַלעגאָלע אַן אָרשער, דער אָרשער, אַ קאָפּוסטער, דער קאָפּוסטער, אַ שקלאָווער. אָט אַזוי וואָגלט אַרום דעם פּעטער אוריס בריוו אַ גוטע פּאָר וואָכן, ביז ער פאַלט אַריין אַ צעקנייטשטער און אַ פאַרפלעקטער אין דער לעצטער, טיפסטער און אַלטמאָדישסטער קעשענע פון לייזערל וואָיטעק — דער פינף־און־אַכציק־יאָריקער שקלאָווער פּאַטשטאַליאָן. עס גיט זיך פון בריוו אָפּ מיט אַלערליי סחורות, וואָס די באַלעגאָלעס האָבן געפירט: מיט הערינג, מיט געראַכערטע טאַראַנקעס, מיט קעראָסין, מיט פּאַסטנעם בוימל, מיט גערבערײ־זויערס און מיט געטריקענטע שוועמלעך. און וואָיטעק גיט

אים נאָך צו דעם ספּעציפישן ריח פון זיין אַלטער דעליע, דער ריח פון פאַרלאָזענער עלטער און פון דורכגערויכערטער קאָרענער פּיפּקע.

אָבער וואָס מער פלעקן און ריחות אַ יידישער בריוו האָט אין זיך, אַלץ מער חשובער און טייערער איז ער. דאָס זענען זיינע מעדאַליען, די סמנים פון אויסצייכענונג, פון אַריבערגעטראָגענע יסורים און וועג. ס׳איז אַ סימן, אַז אַ סך טעג און נעכט האָט ער זיך געטרייסלט אויף יידישע פורן, ביז ער איז אָנגעקומען אין די זשעדנע הענט פון אַדרעסאַט.

ס׳איז אפשר אויך אַן אמת דאָס, וואָס די אויפגעקלערטע יונגעלייט זאָגן, אַז אַ בריוו, וואָס קומט אָן מיט גלעקלעך איבער דער דוגע און מיט טראָמייטערן דורך די וועלדער און מיט קאַזיאָנע פּאָטשטאַליאָנען, קומט אָן אַ שפּאָר־ביסל גיכער. דהיינו: אַ בריוו אַזאַ פון וויטעבסק גייט בסך־הכל דריי טעג, אָנשטאָט צען און צוועלף טעג און אָפּטמאָל צוויי גאַנצענע וואָכן... אויף דעם קען מען נאָר ענטפערן: אַז עס זענען פאַראַן אַפּיקורסים, וואָס זאָגן, אַז לויט דער נייער חכמה פון רפואה קומט אויס, אַז אַ גוֹאישקע פישל, געקאָכט אין געזאַלצענע וואַסער, איז אַ סך געזינ־טער פאַרן מאָגן, איידער אַ מיטל־שטיק פון געפילטן און געפעפערטן יידישן קאַרפּ. עס קען גריילעך זיין. נאָר אַזאַ יאָר אויף שונאי־ישראל, וואָס פאַר אַ טעם דאָס פישל האָט און אַזאַ געזונט אויף יידישע מאַמעס, וואָס פאַר אַ טעם זייער קאַרפּ האָט... אַזוי ווי מיר האָבן שוין געזען ביז אַהער, און אַזוי ווי מיר זעען אין די וויטערדיקע קאַפּיטלען.

3. אין דער קאַך־שטוב ביי מומע פייגען

אַפילו דאָס באַקומען אַ בריוו גופא — אַ פאַרגלייכעניש! הייַנט און אַמאָל... היינטיקע צייטן וואַרפט אַריין דער גויאישקער פּאָטשטאַליאָן דעם אָנגעקומענעם בריוו דורכן שפּאַלט פון טיר און לויפט שוין ווייטער. כאַפּ־לאַפּ, משה־זוך־מיך!... וואָס פאַר אַ הנאה האָט מען פון אַזאַ פאַרשמייעטן פּאָטשטאַליאָן, און וואָס פאַר אַ הנאה האָט ער פון זיינע קונדן?

גאָר אַנדערש איז עס צוגעגאַנגען אַמאָליקע יאָרן. מיט נחת־רוח איז עס צוגעגאַנגען און מיט יידישער האַרציקייט, מיט אָנקלאַפּן אין טיר און מיט אַ קוש דער מזוזה, מיט אַ ברייטלעכן „גוט־מאָרגן״, אָדער „גוטן־אָוונט״ און מיט בעטן זיצן, מיט דערציילן נייעס און גוזמאות פון אַלע קהילות, ווו נאָר יידישע באַלעגאָלעס פאָרן אַרום, און מיט טרינקען אַ גלאָז טיי, אָדער אַ קעלישאָק בראָנפן, אויף אַ ברעג טיש אין קאַך־שטוב.

דער יידישער פּאָטשטאַליאָן פלעגט אַליין זיין טשיקאַווע אויף דעם, וואָס דער באַלעבאָס פון שטוב שרייבט פון דערוויטנס. און די באַלעבאָסטע אַליין פלעגט זיך טאַקע, גלייך אויפן אָרט, טיילן מיט אַלע נישט־אינטימע טיילן פון בריוו מיט דעם נייגעריקן בריוו־טרעגער. טאָמער עפּעס נישט־גוטע ידיעות, חס־ושלום, פלעגט דער בריוו־טרעגער העלפן מיט אַ קרעכץ, מיט שמונצער דורך די ציין; ווער רעדט נאָך, ווען פון בריוו האָבן זיך, געלויבט דער אויבערשטער, געהערט גוטע בשורות פון געזונט און פּרנסה, אָדער פון קומען אַהיים אויף יום־טוב, פלעגט נאָך דער יידישער בריוו־טרעגער באַקומען אַ פּאָר קאָפּיקעס איבערן טאַריף דערפאַר, וואָס ער האָט אין אַ מזלדיקער שעה געבראַכט אַזאַ טייערע שרייבאַכץ און די צופרידנהייט איז געווען גלייך אויף ביידע זייטן.

אָט, מומע־פייגע, למשל, קוקט שוין אויס אויף וואַיטעקן. וואָרים אורי איז שוין באַלד אַ דריי פיר וואָכן אַוועקגעפאָרן אויף וויטעבסקער טראַקט אויפצוקויפן זיינע מציאות אויף די פּריצישע אָאוקציאָנען — סחורות פאַר דעם קומענדן ניזשני־יאַריד. און קיין בריוו איז נאָך פון אים אַלץ נישטאָ. און טעלצע, איר דינסט־מיידל, אַ מויד אין די יאָרן, און די קינדערלעך אירע, וועלוול, פּייוקע און ירחמיאלקע, קוקן אויך אויס זייערע אויגן. נישט אַזוי אויף וואַיטעקן אַליין, ווי אויף זיינע מעשיות.

געבענטשט זאָל זיין טעלצע! ווען נישט זי וואָלט וואַיטעק קיינמאָל אַזוי נישט מאריך געווען מיט טיי־טרינקען אין קאָך־שטוב, און עס וואָלט קיינמאָל נישט דערגיין צו אַזעלכע זיסע און שרעקלעכע מעשיות, וועלכע לאָזן זיך אַלעמאָל אויס מיט אַ גוטן סוף. וואָרים מומע פייגע אַליין איז אַ ביסל אַ טאַטנס אַ טאָכטער, אַן איידעלע זאַך, זי פאַרטראָגט שלעכט דעם ביטערן רויך פון וואַיטעקס פּיפּקע און דאָס סמאָרען פון זיינע באַלעגאַלישע שטיוואַלעס. ווי אַלע אַמאָליקע באַלעבאָסטעס, האָט זי נישט איבעריק ליב באַלמעלאָכעס, גראָבע נפשות, ווי גוט און האַרציק זיי זאָלן נישט זיין. זי דערלאָזט קיינמאָל נישט אירע חדר־יינגלעך זאָלן גיין קוקן, ווי דער סטאָליער מייסטרעוועט, טאָמער וועלן זיי זיך איינשמירן אין לאַק און אין קליי. און צום ליימער טאָר מען נישט אַריינקוקן — טאָמער וועט מען זיך אויסשמירן אין ליים; און צום רימער — אַוודאי נישט, טאָמער וועט זיך דערנאָך אָפּגעבן פון די קליידער מיט פּראָסטן לעדער און מיט טראָן־שמירעכץ...

נישט אַזוי אָבער איז טעלצע, אָט די פּאַרזעסענע גוטהאַרציקע דינסט־

מויד, מיט דער אונטערגעשווירענער „טיאַלקע״ פון האָר איבערן שטערן, כדי מען זאָל מיינען, אַז זי איז יינגער... איר פאַרשטאָרבענער טאַטע איז אויך געווען אַ באַלעגאָלע ביים אָרשער באַן. זי איז יונג אַוועק פון דער היים און אַ סך יאָרן געדינט אין דער פרעמד. צום טאַטנס קבורה נישט געקענט קומען. און אַז וואָיטעק קומט, דערפרייט זי זיך מיט אים, ווי מיט אַ פאַרלוירענעם טאַטן. מיט זיינע ווערטלעך, מינעלעך און מיט זיינע אָפענע אויגן, אַפילו מיט דעם וואָליקן ריח פון זיין „כאַלמידע״, דערמאָנט ער די אָרעמע היים אין אָרשע, דעם אַלטיטשקן, וועלכן זי וועט שוין מער נישט זען...

קומט וואָיטעק, פאַרשפּרייט זי, צוליב זיין כבוד וועגן, אַ האַנטוכל אויף דעם ברעג טיש אין קאָך־שטוב; דערלאַנגט אים טיי מיט מילך און איז אים אָפּט מאָל מהנה מיט אַ טרוקן קיכעלע צו טונקען אין הייסינקן טיי. זי איז מכבד און די קינדער העלפן איר. דער טראָגט צו דאָס גלאָז, דער דערלאַנגט צוקער, דער זוכט אויס אַ שטיקל שבתדיקע חלה. זיי ווייסן, אַז וואָיטעק וועט דערפאַר באַצאָלן מיט אַ גראַמעלע, מיט אַ מעשהלע... די מומע־פייגע מאַכט כלומרשט אַן אָנשטעל, אַז זי איז נישט שטאַרק צופרידן פונעם כיבוד אין קיך... כ׳מיין, וואָס פאַראַ סעודות האָט מען צו פּראַווען מיט אַ בריוו־טרעגער? האָסט געבראַכט אַ בריוו, אָפּגענומען די פּאָר קאָפּיקעס טו זאָג אָפּ דיין „גוטן אָוונט״ און גיי געזונטערהייט!

ס׳איז אָבער נאָר אַ באַלעבאַטישער אָנשטעל. וואָרים אין האַרצן האָט זי דעם אַלטיטשקן ליב נישט ווייניקער ווי אירע חדר־יינגלעך. און אַז וואָיטעק צערעדט זיך אין קיך מיט זיין הייזעריקלעכן ווייכן קול, הויבט זי אָן האָרכן קעגן איר אייגענעם ווילן. זי הערט זיך פריער צו מיט איין אויער, דערנאָך — מיט ביידע אויערן. און, ווי אָנגעצויגן פון אַ כישוף, הויבט זי זיך אויף, טרעט אַרויס פּאַוואָליע פון זאַל און בלייבט שטיין אין טיר פון קיך. די באַק אונטערגעשפּאַרט מיט צוויי פינגער... דערזעט זי טעלצע אין אַזאַ פאַרשטאַרטער נייגעריקייט און שפּרינגט אויף:

— וואָס שטייט איר, באַלעבאָסטע נאָט אייך אַ שטול! זעצט אייך!

זעצט זיך מומע־פייגע און באַמערקט גאָרנישט, ווי דאָס דינסט־מיידל און די קינדער און וואָיטעק האָבן זי אַריינגענומען אין קאָמפּאַניע. פאַר־פלויגן דער האָנאָר פון אַ מיושבדיקער באַלעבאָסטע.

בעסער ווי אַלע מעשיות, מיט גזלנים און גוטע יידן, געפעלן איר וואָיטעקס דערציילונגען פון ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטשינע. אָט, למשל,

ווי די יידישע האַלב־געשמדטע קאַנטאָניסטן האָבן איינמאָל געמאַכט אַ סדר אין סעוואַסטאָפּאָל, נישט ווייט פון די געפּערלעכסטע „באַסטיאָנען״, בשעת האַרמאַטן האָבן געדונערט אַרום און אַרום. מצות האָבן זיי געבאַקן פון קאָרענע מעל. שוואַרץ ווי די ערד זענען די מצות געווען, און נישט־דערבאַקן, ווי לאַטקעס. אַנשטאָט וויין האָט מען געטרונקען חמצדיקן בראָנפן פון ליימענע טעפּעלעך. נישט ווייסער ווי די מצות זענען די טעפּעלעך געווען. אָט אַזוי האָבן דאָס יענע אַרבע־כוסות אויסגעזען! אַנשטאָט אַ היסב־בעט האָט מען אָנגעוואָרפן אַ פּאַק סאָלדאַטסקע שינעלן און דער פּראַפּאָרשטשיק גאַברילאַ בר׳ חאַצקיל, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, האָט זיך גאָר וואַזשנע אָנגעלענט אויפן פּאַק און געפּראַוועט דעם סדר. די הגדה האָט ער „געלאַפּאַטשעט״ אַזוי הויך און אַזוי משונה־דיק, אַז די אויערן האָבן ווי געטאָן: „האָמאַר רב׳ האַלעזער בר׳ האַזאַריאַ, ריהיי האַני ביקען ווישים...״ (אמר ר׳ אליעזר בן עזריה הרי אני כבן שבעים). אַזוי האָט מען געבראָקט די הגדה און די טרערן זענען ביי אַ סך סאָלדאַטן גערונען אין די ליימענע טעפּלעך מיט דעם חמצדיקן בראָנפן — אין די כוסות הייסט דאָס. ביז פּראַפּאָרשטשיק גאַברילא בר׳ חאַצקיל, דער זאָגער פון דער הגדה, איז אויפגעשטאַנען און געגעבן אַ טראַסק אין טיש אַריין: איר הערט, בראַטצי — האָט ער אויסגע־שריען, — ס׳איז הײנט אַ ליל־מישו... משורים.. שמורים״ איז הײנט, אין אייער טאַטן אַריין! פרייליך זאָלט איר מיר זאָגן די הגדה! איר הערט? אַז נישט, קען זיך, ניע־דאַי באָג, אַריינרייסן אַ באָמבע פון פראַנצויז... אין אייער מאַמען אַריין!...

האָבן זיך אַלע קאַנטאָניסטן גלייך אַ נעם געטאָן זינגען די „חד־גדיא״, אַז אַלע פאַנישע זעלנער זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן אַרום דער „זעמליאַנקע״, ווו מען האָט געפּראַוועט דעם סדר, און האָבן זיך געצלמט און האָבן זיך געשושקעט פון גרויס פאַרוואונדערונג: ווי קענען דאָס מענטשן זינגען, ווען אַרום און אַרום ברענט אַזאַ גיהנום.

אין יענער נאַכט, האָט וואַיטעק פאַרענדיקט זיין דערציילונג, האָט טאַקע קיינעם קיין אומגליק נישט געטראָפן. נישט די יידן, וואָס האָבן געפּראַוועט דעם סדר, נישט די גויים, להבדיל, וועלכע זענען געשטאַנען אַרום דער זעמליאַנקע און האָבן זיך צוגעהערט...

טעלצע איז זיך אַזש פאַרגאַנגען אין אַ שטיל געוויין, די קינדערשע אויגלעך זענען געווען פייכט און טרויעריק. און די מומע פייגען אַליין האָט דאָס אַזוי צענומען, אַז זי איז גלייך געלאָפן צום אַלמער און גע־

בראַכט אַ ביסל ווישניאַק מיט ספּירט אויפן דעק פון אַ גראַפין, צו וועלכער קיינער אין שטוב האָט זיך נישט צוגערירט, זינט אורי איז אַוועקגעפאָרן; און מיט אירע אייגענע ווייסע הענט מכבד געווען וואָיטעקן מיט אַ גוט גלעזעלע.

די גאַנצע בריוו־צערעמאָניע

.1

האָבנדיק אַזאַ גוטן קבלת־פּנים אין מומע־פייגעס קאָך־שטוב, איז שוין קיין וווּנדער נישט, וואָס לייזערל וואַיטעק אַליין האָט שטאַרק ליב פּעטער אוריס בריוו, ווען יענער איז אויף דער רייזע.

וואַיטעק רעכנט שטענדיק אויס, אַז זיין אָפּברענגען אַ בריוו זאָל אויספאַלן אין אָוונט, נאָך וועטשערע, ווען די קינדער זענען שוין דאָ אין דער היים פון חדר, און מומע פייגע האָט צייט און טעלצע דאָס דינסט־מיידל איילט זיך נישט, און שלאָפן גיין איז נאָך צו פרי, און דאָס אויער איז נייגעריק און אַ שמייכלענדיקע שטילקייט טוליעט זיך צו די קלאָרע גלעזלעך פון די נאָפט־לעמפּלעך, און פון האַלב־אָפּגעקילטן, אויסגייענדיקן סאַמאָוואַר ציט זיך אַ פאַרבענקט געזאַנגעלע: „אַך, ס׳איז גוט צו זידן און צו קאָכן זיך! און צו אויסגיין זינגענדיק איז אויך נישט שלעכט...״ אָט אין אַזאַ גוטער שעה ווערן אוריס זעלטענע בריוו איבער־געגעבן מיט גרויס פּרסום און מיט גרויס ליבלעכקייט. אַזוי ווי עס ווערט באַשריבן אַ ביסל ווייטער, מיט אַלע פּרטים און מיט אַלע פּיצעלעך.

ס׳איז אָוונט. די אייזערנע דעקלעך ציטערן אין קוימען פון שניי־איקן ווינט, קלינגען ווי איבערגעצויגענע סטרונעס. טעלצע, די דינסט־מויד, איז פאַרנומען מיט וואַשן דאָס געפעס. ווישט זי און זומט צו אַ לידעלע פון אַ פאַרזעסענער מויד. זינגט זי און ווישט, און די האַר־„טיאַלקע״ איבער איר שטערן, וואָס זי האָט אונטערגעשוירן, כדי זי זאָל אויסזען יינגער — שפּרינגט אונטער צום טאַקט. די מומע פייגע שטריקט אַ זאָק אויף דעם אַלטן פאַטער־שטול, צווישן דער וואַרעמער הרובע און צווישן אַלטן קאָמאָד. די קינדער, אָקאָרשט נאָכן חדר און נאָך וועטשערע, מאַכן די אוראָקעס. און גאָר פּלוצלונג פאַרשפּיצן זיך אַלע אויערן. די „טיאַלקע״ אויף טעלצעס שטערן בלייבט שטיין, די פּענעס אין די קינ־

דערשע הענטלעך בלייבן הענגען אין דער לופטן און מומע פייגע אַליין קראַצט זיך מיט אַ שטאָלענעם שפיזל אונטערן קאָפּ־טיכל. אַ סימן, אַז זי האָרכט אויך... בערישע נאָכשלעפנדיקע טריט דערהערן זיך האַרט ביי דער שטוב און... טוק־טוק־טוק! מיט דער קליאַמקע אין דער פאַר־ריגלטער טיר פון פירהויז.

רופט זיך אָפּ טעלצע:

— באַלעבאָסטע! וואָיטעק...

ענטפערט מומע פייגע מיטן שפיזל אין האַנט:

— אַוודאי אַ בריוו פון אורין!

שפּרינגען אויף אַלע דריי בנים: וועלוול, פייווקע און ירחמיאלקע:

— וואָיטעק, וואָיטעק!

זאָגט די מומע פייגע געלאַסן:

— טעלצע, גיי מאַך אויף!

לאָזן זיך לויפן אַלע דריי קינדער:

— מיר אויך, מיר אויך!

שרייט אויף זיי מומע־פייגע, מכלומרשט, אַן:

— נישט אייער עסק. מאַכט די אוראָקעס!

אָבער די שמחה פון וואָיטעקס קומען האָט זיך שוין אַריינגעריסן אין שטוב, נאָך איידער דער אַלטיטשקער האָט איבערגעטראָטן די שוועל. און דאָס אָנשרייען פון דער מומען האָט מער קיין ממשות נישט, ווערט בטל בששים.

לאָזט זיך לייזערל וואָיטעק אַריין אין שטוב, ס'הייסט אין קאָך־שטוב. אַ קאַלטע פינצטערע פאַרע גייט אים פאָראויס, און אַ ווייסע פאַרע כוואַ־ליעט און קרייזלט זיך הינטער אים. ווי אַן אָנגעפּעלצטער מלאך אין וואָלקנס קומט אָן וואָיטעק און די שווערע אָנגעפּעלצטע שטוב־טיר פאַלט צו הינטער אים מיט אַ קרעכצנדיקן, הייזעריקן און אויסגעצויגענעם „ברוך הבא!...” די וואָלקנס פאַרשווינדן און וואָיטעק אַנטפּלעקט זיך אין מיטן קאָך־שוב מיט אַלע זיינע פעלצן און גאַרטלען און באַשליקן, איינס איבער ס'צווייטע. נאָר איין רעשטל פון די פאַרשוווּנדענע וואָלקנס קרייזלט זיך גרוי־בלוי פון זיין קרומער פּיפּקע אונטער זיין פאַרבונדענער נאָז... און דער ריח פון זיין אויבערשטער וואָלענער און גרינער דעליע איז ווי דער ריח פון געפרעסטער שטרוי און ווינט, פון געפרוירענער ערד און שטאַל. עס ציטערן די קינדערשע נאָזלעכער, ווי ביי ווילדע פאַר־שפּאַרטע ציגעלעך, ווען זיי דערשמעקן דעם בערגיקן וואַלד דורך די

שפּאַלטן פון זייער געפּענגעניש. אַ נישט־צופרידענער שאָטן לויפט נאָך אַריבער דעם געכאַליעטן פּנים פון דער מומע־פייגען. זי האָט נישט ליב אַזעלכע ריחות... און טעלצע צוניסט זיך אַזוי, אַז די אונטערגעשווירענע „טיאָלקע״ פּאַטשט איר איבערן שטערן.

רוקט גלייך וואָיטעק אַרויס די אַנגעפּרוירענע וואַנצעס פון די האַרטע קאָלנערס און ווייכע שאַרפן, און ברומט אַרויס זיינע ערשטע געגראַמ־טע ברכות:

— אמת געגנאַסן! טעלצע וועט קריגן אַ חתן, וועט זיין שמחה וששון...

ער באַפּרייט די ברייטע נאָז פון אונטערן רויטן טיכל, וואָס איז אים אַרומגעבונדן ווי אַ רייף אַרום מאָכיקן פּנים, באַווייזט זיך דער אַל־טער פּאַרשימלטער לישאַי, וואָס האָט זיך אים איינגעגבערט אין נאָז־ביין און וויל זיך נישט אויסהיילן זינט דער סעוואַסטאָפּאָלער מלחמה, זינט אַן אייזערנער שטיקל פון אַ האַרמאַט־קויל האָט אים דאָרטן גע־טראָפן...

אויפגעדרייט דעם קראַן — גיסן זיך שוין זיינע ווערטער פון זיך אַליין; פּראָסטיקע פון ווינטערדיקער גאָס און רויכיקע פון זיין וואַרעמער פּיפּקע. דורך דער טיר פון קאָך־שטוב דערזעט ער די מומע־פייגען, ווי זי זיצט און שטריקט. בענטשט ער זי מיט אירע בנים צוזאַמען:

— אַ „גוטשינקען״ פייגען דער נגידה, פון לייזער וואָיטעקן אין „כאַלמידע״ *). זי טוט טאָן מאַכן אַ זאָק, זאָל איר גאָט געבן יאָרן אַ שאָק. און אַ גוט־נאָוועגט דעם בחור פון גמרא! ער וועט מירצעשעם זיין אַ שררה! און אַ גוט־נאָוועגט דעם חומש־בחור מיט רש״י! מ׳וועט אים קאָכן האָניק מיט קאַשע! און גוט־נאָוועגט דעם מוזיניקל! — אַ גרויסער שטיפער, אַ מפּוניקל. און אַ גוטן־אָוועגט אַלע יידן, אין דער היים און אויף יאַרידן...

אָט דעם גאַנצן פּיל־גאָרנדיקן גוט־נאָוועגט בויט וואָיטעק אויס זייער געלאַסן, פּיפּקענדיק צווישן די גראַמען מיט איין האַנט, און פונאַנדער־בינדנדיק די באַשליקן און קאָלנערס מיט דער צווייטער האַנט. ביז עס באַווייזט זיך זיין גרינלעכע באָרד און זיין ברייטער האַלדז, וואָס איז רויט און אָנגעקנייטשט אין אַ סך קליינינקע קנייטשעלעך, ווי אַ געגנ־דזענע לאַפּקע.

זיין קול איז אַ האַמעטנער, אָבער אַ האַרציקער. הייזעריק און פונ־

---

*) באַלעגאָלישער אויבער־מאַנטל.

דעסטוועגן אָנגענעם, ווי אַ פּאַרצייטיקער בלאָז־אינסטרומענט, וואָס איז לאַנג געלעגן אין פייכטקייט און נישט באַנוצט געוואָרן. עס פייפט דאָ און דאָרט פון אַ שפּעלטעלע, אָבער מוזיקאַליש איז עס פּאָרט... זיין אַמאָליקער האַלב־יעוואָנישער לשון איז שוין לאַנג אויסגעיידישט געוואָרן. אין משך פון פינף און פערציק יאָר, זינט ער איז צוריקגעקומען פון סלוזשבע. נאָר ווען נישט ווען רייסט זיך ביי אים נאָך אַרויס אַ האַרב וואָרט, אַ יעוואָנישער אויסדרוק — אַ פאַרבלאָנדזשעטע סאָראָקע אין אַ נעסט פון טויבן. שרעקט זיך דאָס וואָרט אָפּ און אַנטלויפט...

2.

שטאַרקט זיך די מומע פייגע. זי באַהערשט איר ברענענדיקע בייגע־ריקייט צו זען וואָס גיכער אוריס בריוו פאַר די אויגן און ענטפערט אָפּגעשלאָסן פון זאַל אַרויס:

— גוטן אָוונט, גוט יאָר! טוט זיך אויס, ר׳ לייזער!

— טוט זיך אויס. זעצט זיך! — חזרט איבער טעלצע.

בינדט וואָיטעק אויף זיין אַלטן באַלעגאַלישן גאַרטל, און זיין אוי־בערשטע, וואָליקע „דעליע״ גליטשט זיך עפּעס אַליין אַראָפּ פונעם גלאַטן לעדערנעם פעלץ, וואָס ער טראָגט אונטער איר. כאַפּט ער זי אונטער אין פאַלן און וואַרפט זי אויפן לען פון הילצערנעם שטול. בינדט ער אויף אַ צווייטן גאַרטל. צעעפענען זיך די לעדערנע פּאָלעס און עס ברויזן אויף די שעפּסענע גרייזעלעך פון פעלץ, ווי ברודיקער שוים איבער וואָי־טעקס אַלטיטשקע קני, איבער זיינע פאַרשמאַלצעוועטע פלודערן. דאָס גאַנצע יעוואָניש־באַלעגאַלישע געפּילעכץ, דאַכט זיך, קריכט אַרויס פון לעדערדיקן אָנטועכץ. און די קינדער ווערן נבהל ונשתומם פון אַזאַ פּלוצלעכן איבערגאַנג פון ייד צו גוי... נאָר אויך די דאָזיקע שאָלעכץ פּאָלט, און פון דער לעדערנער, גויאישער קליפּה קריכט ווייטער אַרויס אַ ייד. אַן אַלטיטשקער אָבער געזעצטער זיידעלע מיט אַ ברייטן פּנים און מיט אָפענע בלוי־לויכטנדיקע אויגן, אין אַ וואַטאָווען ראָק, מיט אַ דריטן גאַרטל. די קינדער זענען זיך פשוט מחיה, דערזעענדיק, אַז דער קערן איז פּאָרט אַ יידישער...

זעצט זיך ר׳ לייזערל און זויגט אין זיך, ווי אַן אָנגעקילטער שוואָם, די וואַרעמקייט פון קאָך־שטוב און משפּחה, זויגט אין זיך און שווי־דערט.

— קאַלט, ר׳ לייזערל? — גיט טעלצע אַ פרעג — וואָ־אָס?

— אַ שאלה! — מאַכט וואַיטעק און שוידערט מיטביידע פּליי־צעס. — נישט קיין וועג און נישט קיין שטעג, נישט קיין דאַך און נישט קיין שליאַך. פאַר אַ זלאָטע וואָלט וואַיטעק אין אַזאַ פּאָגאָדע נישט געבראַכט קיין באַלעגאַלישע „שמאַנצעס״. נאָר פאַר פייגע אוריס זאָל געזונט זיין...

— אַ בריוו? — צעשיינט זיך מומע פייגעס פנים. זי הויבט זיך אויף מיט דער זאַק אין האַנט און וואַקסט אויס אין טיר, צווישן זאַל און קאַך־שטוב. נאָר אין קיך גופא גייט זי נאָך אַלץ נישט אַריין. דאָס פּאַסט איר נישט צום אויסגעהאַלטענעם באַלעבאַטישן טאָן.

— וואָדען! — מאַכט לייזערל און גיט כיטרעוואַטע אַ בליץ מיט די בלויע אויגן צו דער באַלעבאָסטע — אָן „שמאַנצעס״ וועט וואַיטעק ר׳ אוריס שוועל נישט אַריבערטרעטן. ניע סמיעט! (נישט דערוועגן זיך!) — שרייט ער אָן פּלוצלונג אויף זיך אַליין — מעשה יון און קונדיס צוזאַמען.

אינעם וואָרט „שמאַנצעס״, אָדער ריכטיקער, ווי לייזערל וואַיטעק רעדט עס אַרויס — „סמאַנצעס״, פילט זיך אַ געשמאַקע באַלעגאַלישע גראָבלעכקייט און אַ גוטמוטיקייט פון אַן עם־הארץ, וואָס אַליין פאַר־שטייט ער זיך נישט אויף די שוואַרצע פּינטעלעך, נאָר אין האַרצן האַלט ער פון זיי יאָ... ס׳איז אַ וואָרט, וואָס זיין טייטש איז נישט קלאָר און גיט פונדעסטוועגן צו אַ טעם צו אַלץ, וואָס וואַיטעק זאָגט. אַמאָל איז דאָס אַ טעם פון ביטול, אַ צווייטן מאָל פון האַרציקייט, אַ דריטן מאָל פון אַנטשלאָסנקייט:

— ריבהלע, וואָס קאָסטן היינט דיינע „סמאַנצעס״?

הייסט דאָס: וואָס קאָסטן היינט דיינע עפּל?

— האָט ער אים אַריינגעוואָרפן אין „ציפּערבלאַט״ צוויי „סמאַנצעס״! מיינט דאָס: צוויי פּעטש געגעבן אים.

— אַ פּאָר קיין אָרשע קאָסט היינט אַכט „סמאַנצעס״!

איז דאָס נישט קיין אַנדערע זאַך, ווי אַכט גילדן.

אָבער אַזאַ איידעלער באַלעבאָסטע, ווי מומע פייגען איז, געפעלט לגמרי נישט, וואָס אוריס בריוו גייען אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון „שמאַנצעס״. גיט זי זיך נישט־ווילנדיק אַ קרים. אָבער באַלד דערפילט זי אַ געוואַלדיקן דרך־ארץ אין וואַיטעקס וואָרט פאַר אורין און פאַר

זיין שרייבן. דאָס מאָל האָבן די „שמאָנצעס״ גאָר אַן אַנדערן טייטש. פאַרשנירט זי בײדע ליפּעלעך און וואַרט.

לאָזט וואַיטעק אָפּ דעם לעצטן גאַרטל פון זיין וואַטאָווען אונטער־ראָק און שיקט אַריין זיין אָנגעקילטע און אָנגעדראָלענע האַנט אין דער טיפער וואַרעמער קעשענע, ווי אַ בלינדן בער אין דער נאָרע. די האַרטע האַנט גראַבלט זיך דאָרטן און זוכט און נישטערט. אַ ביסל געפינט טאַקע וואַיטעק נישט אַזוי גיך דאָס געזוכטע און אַ ביסל מאַכט ער זיך, אַז ער געפינט נישט. ער איז מאריך כדי צו ציען זיס די נשמה, כדי צו רייצן די ווייבערישע אומגעדולד ביי דער מומע פייגען... ער איז אַ פּקח, לייזערל וואַיטעק, און ווייס ווי צו ציען אַזאַ פאַרגעניגן — דאָס באַקומען אַ בריוו פון וויטעבסק. דערביי פּיפּקעט ער און באַלעבאַטשעט און רעדט צום פאַרשטעקטן בריוו, אַזוי ליבלעך און ממזריש, ווי אַ זיידעלע וואָס שפּילט זיך אין באַהעלטערלעך מיט זיין שטיפערישן אייניקל:

— האַ? עכברש דו! ווו ביזטו דאָרטן פאַרקראָכן? צו אַל־די גוטע יאָר!... העז אַ מזיק!... קו־קו! וואַרט, דו ווייסער־חברהניק דו! כ׳וועל זיך באַלד צו דיר דערקלייבן, וועל איך זיך... הע? דאָס ביזט דו? אַט־אַ האַלט איך דיך!! אַט־אַ צי איך דיך! אַט־אַט־אַט!...

ער ציט עפּעס פאַרזיכטיק פונעם וואַטאָווען אָפּגרונט. ווי מען ציט אַ צאַפּלענדיקן העכט פון וואַסער און מען איז נישט זיכער אין דער ווענדקע, און שלעפּט אַרויס אַ גרויען נישט־געוויינלעכן קאָנווערט און פאַרקרימט זיך.

— אַך, ניין! — מאַכט וואַיטעק און גיט אַ וואָרף אויפן טיש, — נישט דיך מיינט מען דאָ!... וואָס קריכסטו ווו מען דאַרף נישט? טצ, טצ... ס׳איז גאָר אַ בריוו פאַר דער שטרויענער אלמנה! -- אַזוי דערקלערט וואַיטעק די שטוביקע — אַ בריוו פון פאַנדרען פאַר אייער שכנטע, פאַר דער שטרויענער אלמנה, פאַר מערע סענדערס. אַ ביטערע האַרץ נעבעך. שוין באַלד צוויי טעג אָנגעקומען פון מאָהליוו. אַלץ קיין צייט נישט געווען אָפּצוגעבן. אַז גאָט וועט שענקען דעם געזונט, וועל איך אים נאָך היינט אָפּטראָגן. אַך־כאַ! זיצט נעבעך אַ גבר אַ ייד אין אָסטראָג פאַר אַזעלכע „סמאָנצעס״ און רייניקט אָפּטריטן...

ווערט טעלצע אומרואיק:

— וועט גאָר ר׳ לייזערל נישט בלייבן טרינקען אַ גלאָז טיי?

— מ׳עט זען, מ׳עט זען! — מאַכט וואַיטעק פּיפּקענדיק, און פאַר־טיפט זיך נאָך אַ מאָל אין זיין וואַטאָווער קעשענע. ער בויגט זיך אויס

ווי אַ שופר, גרונטעוועט און גרונטעוועט און קען זיך נישט דערגרונטעווען. וואָרטשעט ער שוין אַ ביסל ברוגזלעך:

— אײַ־אײַ! אַ טורטוריאַטער ווי איך בין אַ באָקסער (אַ טעאַטער ווי איך בין אַ בחור), וואָס זענען דאָס פאַר אַ סמאָנצעס? (פאַר אַ שטיק) אָקאָרשט געווען דוכט זיך... נו, נו! געגוג צו חכמה'נען זיך, וואָרים, וואָרים... אַט־אַט געכאַפּט, כע־כע! יע—מ—ד!

און וואַיטעק שלעפּט אַרויס מיט אַ שאָל פון נצחון אַ צעקנייטשטן בריוול און מאַכט זיך, אַז ער לייענט דעם יידישן אַדרעס דורך אַ שפּאַקול. איין אויג פאַרקוועטשט ער דערביי:

— לזוגתי פייגע הגבירה, אין שקלאָוו הבירה, לעבן ליובאַוויטשער סמעדרעש (בית מדרש) און ווייטער דאָרטן די איבעריקע סמאָנצעס...

באמת קען וואַיטעק קיין שייטל געשריבענעם נישט לייענען. דאָס איז ער נאָר זיך משער, אַז אַזוי שטייט געשריבן אויפן קאָנווערט. דורך זיינע הענט און אויערן זענען שוין דורכגעגאַנגען אַ רעכט ביסל טיטלען אויף בריוו. לייענט ער שוין אויסנווייניק, און קיין גרויסן טעות מאַכט ער נישט דערביי.

מומע פייגע נעמט איבער דעם צעקנייטשטן, פאַרשמאַלצעוועטן בריוו, גיט אַ צי מיט דער שמאָלער נאָז, וואָס לויכט זיך דורך ווי וואַקס אויפן לעמפּל, ווייזט אָן וואַיטעקן אויף אַ זייער פאַרדעכטיקטן פלעק אויפן קאָנ־ווערט און זאָגט אַזוי:

— זעט נאָר, ר' לייזער, וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ דיעגאַכץ?

— דיעגאַכץ? — וווּנדערט זיך וואַיטעק און פּיפּקעט — ווי קומט דיעגאַכץ צו וואַיטעקן? מיין טאַטע האָט נישט געהאַנדלט מיט דיעגאַכץ. און איך אויך נישט. נאָר כ'מיין, באַלעבאָסטע לעבן, אַ בריוו גייט פון וויטעבסק...

מיט די לעצטע ווערטער מיינט וואַיטעק צו זאָגן: אַ וווּנדער אַ ביסל! אַ בריוו גייט אַזאַ מהלך־רב פון וויטעבסק קיין שקלאָוו, מאָהליוער גובערניע, ווילט איר ער זאָל אָנקומען אָן דיעגאַכץ? נאָר גלאַט, גבירים האָבן ליב צו האָבן טענות...

3.

דער תירוץ אויף אַזאַ האַרבער קשיה מכוח דעם פלעק פון דיעגאַכץ ווערט אָנגענומען, דער בריוו ווערט אויפגעשניטן מיט אַ שפּיזל פון זאָק, און ווערט געלייענט טיילווייז פאַר זיך, ווי אַ שטילע שמונה־עשרה,

און טיילווייז — הויך אויפן קול, ווי „ברוך הוא וברוך שמו, אמן״. ס׳הענגט אָפּ דערפון, וואָס אין בריוו איז געשריבן. דאָס, וואָס אַלע מעגן וויסן — הויך אויפן קול. און דאָס, וואָס נאָר מומע־פּייגע דאַרף וויסן — מיט די בלויזע ליפּן. אָט למשל:

—געלויבט דער אויבערשטער, פאַרקויפט אַ ביסל סחורה און פאַר־דינט המ... שו־שו־שו. (דאָ גייט מומע־פּייגע איבער אויף אַ שטילן קול פון קריאַת־שמע) און דאָס... און דאָס וואָס איטשייזע דער תנא־ברא האָט חתונה־געהאַט מיט אַן אָרשער מיידל איז פאַר זשאַמען אַוודאי גוט. וועט ער זיך אַ ביסל אויסרוען פון זיין בן־יחיד. וואָרים דו ווייסט דאָך, אַז... (פאַר זיך) שו־שו־שו... אויף פּסח, אם ירצה־השם, וועל איך קומען אַהיים... וועסטו שו־שו־שו, שו־שו־שו... נאָר פאַרגעס נישט אַריינגיין צו בלומקען, מיין שוועסטער, אָפּנעמען די טוץ זילבערנע בעכערלעך, וואָס זי האָט גענומען אויף קאָמיסיע, זי איז אַפילו אַן אלמנה, אַ גרויסע יחסנטע, נאָר שו־שו־שו, שו־שו־שו... דאָ אין וויטעבסק איז לעשץ בחצי־חנם. די פיש פון דער דווינא האָט גאָר אַן אַנדער טעם ווי ביי אונדז פון דניעפּער. דערפאַר — גענדזענע שמאַלץ איז אַ יקרות. בלומקע וואָלט געוועזן נישט אַזאַ יחסנטע (פאַר זיך) שו־שו־שו, וואָלט זי בעסער אָפּגעלאָזן דעם געשעפט פון בעכערלעך און לעפעלעך. וואָרים וואָס פאַרשטייט זי ברוך־השם אין... שו־שו־שו, שו־שו־שו... פון געגנדזן־שמאַלץ וואָלט זי מער פאַרדינט. שו־שו־שו. און טאָמער וועט משה־הירשעלע דער גאָלדשמידט, דער ג... שו־שו־שו מאַכן מחזקות מיט די דימענטלעך און נעמען זיך דינגען ווי אויפן פיש־מאַרק, זאָלסטו נישט מאַכן קיין מלאכות און זאָלסט... המ... שו־שו־שו, וואָרים איך בין אים דאָך נישט די אַלטע מאַמע זיינע, וועלכע ער רופט „די קראַדלע״ און... שו־שו־שו...

און לייזערל וואָיטעק זיצט דערביי און ציט פּאַוואָליע פון דער האַלב־אויסגעלאָשענער פּיפּקע. ווייל ער ווייסט, אַז מומע־פּייגע האָט פיינט אַ שטאַרקערן רויך. פּיפּקעט ער אַזוי, און זאָגט נאָך אַלץ, וואָס מומע־פּייגע לייענט אַרויס פון בריוו. מומע־פּייגע שטיל און באַשיידן און וואָיטעק מיט גרויס פּרסום. עס בייטן זיך אים אַלערליי מינעס אויפן מאַכיקן פּנים. זיפּצעלעך און שמייכעלעך לויפן געוועט איינער איבערן צווייטן... און אָפּט מאָל פּילט ער אויס דאָס, וואָס מומע־פּייגע האָט דיפּ־לאָמאַטיש דורכגעלאָזן און איבערגעהיפּט אין לייענען. אָט, כסדר:

— נו, געלויבט דער אויבערשטער! אַז אַזאַ באַלעבאָס אַ ייד ווי ר׳ אורי האָט פּרנסה, האָבן אַנדערע יידן אויך פּרנסה... נישט ווי די

הייבטיקע באַלעבעסלעך מיט זייערע סמאַנצעס... אַזוי, איטשייזע האָט שוין אויך חתונה? נו, אפשר וועט ער אָנהויבן נעמען לייב. וואָרים ער איז דאָך דאַר און לאַנג ווי אַ האָלאָבליע... ניין, וואָס דען! ר׳ אורי וועט דיר נישט קומען אַהיים אויף פסח! כע־כע... אַך, די ווייבער, די ווייבער, די אלמנות! קיינמאָל זענען זיי נישט צופרידן!... טצ... ווען וויטעבסק וואָלט נישט געווען אַזוי ווייט, וואָלט מען זיך שוין אַן עצה געגעבן. פרישע לעשך פון וויטעבסק אַהער און גענדזענע שמאַלץ מיט גריבענעס אַהין. מ׳וואָלט נתעשר געוואָרן. נאָר גיי פיר פרישע פיש הונדערט און צוואַנציק וויאָרסט מיטן אָקס! נו, איז ר׳ אורי נישט גערעכט? ווי קומען ווייבער האַנדלען מיט זילבערנע כלים?...

און אַזוי ווייטער און ווייטער. אויף יעדן פסוק, וואָס מומע־פייגע לייענט אַרויס פון בריוו, האָט וואָיטעק, דער בריוו־טרעגער, אַ פירוש מיט רש״י און אַ מיינונג. ער פאַרטייטשט און איז מסכים אויף יעדן וואָרט אין אוריס בריוו, אַזוי רואיק און אַזוי הרחבהדיק, פונקט ווי ער וואָלט דאָ געווען עפּעס גאָר אַ נאָענטער קרוב. ווייניקסטנס — אַן אָנגע־זעענער מחותן פון אוריס צד אָדער פון מומע־פייגעס צד.

און ווער ווייסט ווי לאַנג וואָיטעקס הסכמות און זיינע טייטשן אויפן בריוו וואָלטן געדויערט, ווען מומע־פייגע כאַפּט זיך נישט פּלוצלונג, אַז וואָיטעק, דער אַמאַליקער באַלעגאָלע און דער איצטיקער בריוו־טרעגער, איז צו איר אַ ביסל צופיל אַריין אין קרובהשאַפט, מישט זיך שוין צופיל נישט אין זיינע זאַכן. קנייטשט זי איין דעם גלאַטן שטערן און גייט אַוועק פון קאַך־שטוב אין זאַל אַריין. זי רוקט זיך אַרויס ברוגזדיק, דער־לייענענדיק אוריס בריוו פאַר זיך. אַ טראָט און אַ לייען, אַ לייען און אַ טראָט. ביז זי זעצט זיך צוריק אויפן פריערדיקן אויסגעוואַרעמטן אָרט, אויפן אַלטן פאָטער־שטול, צווישן קאָמאָד און צווישן דער אָנגעהייצטער הרובע.

ווי נאָר זי גייט אַרויס, ווערט עפּעס די לופט אין קאָך־שטוב פרייער. טעלצע כאַפּט און דערלאַנגט וואָיטעקן אַ גלאָז טיי מיט מילך. די קינדער הויבן אָן צוצושטיין צו וואָיטעקן, ער זאָל עפּעס דערציילן. אָנשטאָט אַן ענטפער גיט זיך וואָיטעק אַ טשעפּע מיט וועלוול דעם גמרא־בחור, פּייור־קען גיט ער אַ קיצל אונטער דער פּאַכווע און דעם מוזיניקל גיט ער קונציק אַ שמעק טאָן די ביטערקייט פון זיין פּיפּקע. צעניסט זיך דער קליינער, ווי פון אַ שמעק־טאַבאַק. ווינטשעוועט אים וואָיטעק:

— צו געזונט! אַ מענטש איז נישט אַ הונט. אַ מענטש ניסט און אַ הונט...

פון אַזאַ גליטשן זיך פון די הענט, צעפלאַקערט זיך די קינדערשע נייגעריקייט נאָך מער. שטייען זיי צו אים ווידער צו:

— לייזערל, איין קנאַק מיט דער צונג! ווי אַ ביקס...

— מאַכט ווי אַ בער, ר׳ לייזערל!!

— ניין, ניין — ווי אַ קוואַקעכע!

שליסט וואַיטעק צו איין שעלמיש אויגל:

— וואָס רעדט איר, עכברשים? אַ בריוו דאַרף איך נאָך אָפּטראָגן פּאַנדריכען. באַלד צוויי טעג, אַז ער ליגט. אַלץ קיין צייט נישטאָ. „סמאָנצעס״ וועלן מיר אַן אַנדער מאָל דערציילן.

צעשרייט זיך טעלצע אויף די קינדער:

— לאָזט אַ מענטשן טרינקען טיי, אַז ער טרינקט!

נעמען זיך די קינדער אַראָפּ אַ מוסר און צעלאָזן זיך אין אַ גאַר גרויסער הכנסת־אורחים. אַלע דריי נישטערן זיי אויף די פּאָליצעס, אין טיש־קעסטל, אין דעם געפּעס־אַלמערל. זוכן עפּעס און טראָגן צו:

— אַ סוכאַריקל!

— אַ קרוטקע פון אַ חלה!

גיט וואַיטעק ווידער אַ מאָל אַ ווינק מיט איין אויגל צו טעלצען און מאַכט בורא־מיני־מזונות איבערן סוכאַריקל. די קינדער ענטפערן אמן. זיי ווייסן, אַז נאָכדעם ווי וואַיטעק וועט זיך לאָזן ווילגיין פונעם מילכיקן טיי, וועט ער זיך לאָזן איבעררעדן און וועט עפּעס דערציילן. שטעלן זיי זיך אַרום ווי די צוציקלעך אַרום טישל פון קיך און באַגלייטן יעדן זופּ און יעדן אָנגעווייקטן ביסן פון סוכאַריק אונטער וואַיטעקס גרינלעכע וואָנצעס. אָבער טעלצע, די דינסט־מויד מיט דער „טיאַלקע״ אויפן שטערן, וועט דען לאָזן לעבן אויף דער וועלט? וווּ די מאַמע איז נישטאָ — דאָרטן איז זי אַ מאַמע; פּאַטשט זיך און זידלט זיך:

— אַז אַ מענטש עסט, קוקט מען אים נישט אין די אויגן אַריין... וויפל מאָל האָט מען אייך געזאָגט!

4.

די מומע־פייגע שיקט וואַיטעקן אַרויס אין קיך דורך איינעם פון אירע בחורימלעך, אַ דריי־קאָפּיקענע מטבע. ס׳איז דער שקלאָווער טאַריף פאַר אַן אָפּגעבראַכטן בריוו. וואַיטעק נעמט איבער די מטבע פון דער

קינדערשער ציטערדיקער הענטעלע אין זיין לעדערנער, צעקנייטשטער דלאָניע, גיט אַ שפּיי אויפן געלט צוליב מזל־וועגן, ציט אַרויס פון די באַלעגאָלישע פּלודערן אַן אַלטע לעדערנע בייטל, וועלכע איז דורכגע־צויגן מיט אַ דינעם שוואַרצן רימען, און וואַרפט אַהין אַריין די דריי קאָפּיקעס. פון דער לעדערנער, קירבעסדיקער בייטל שלאָגט אַ ביטערער ריח פון מאַכאָרקע־טאַבאַק. וואָרים אינעם זעלבן בייטל האַלט וואָיטעק סיי זיין מזומן־געלט, סיי זיינע פּיפּקע־מאַטעריאַלן: טאַבאַק, שטיין און שטאָל־רינג צו מאַכן פייער. דאַרף ער האָבן אַ פּאָר קאָפּיקעס, שיט ער אויס אויף דער דלאָניע זיינע קופּערנע און זילבערנע מטבעותלעך צו־זאַמען מיט מאַכאָרקע־וואָרצלען און פייער־שטיינדלעך. און פּילט ער אָן זיין גרויסע פּיפּקע, דאַן טרייסלען זיך אַריין אין דער פּאַררויכערטער לאַך, צוזאַמען מיטן טאַבאַק, אַמאָל אַ גראָשעלע, אַמאָל אַ גריוונעצקעלע. שיט וואָיטעק צוריק פון פּיפּקע אין לעדערנעם בייטל און פון בייטל אין פּיפּקע, ביז די אויסגעמישטע מאַטעריאַלן טיילן זיך פאַנאַנדער. לעבט זיך אַזוי אין פרידן דער טאַבאַק מיטן מזומן־געלט, און דאָס מזומן־געלט מיטן טאַבאַק. און וואָיטעק לעבט זיך בשלום ושלוה מיט זייביידן.

פאַרצויגן מיט רימענדל די לעדערנע בייטל — מאַכט וואָיטעק אַן אָנשטעל, אַז ער איילט זיך שטאַרק, גאָר שטאַרק. סכנות־נפשות ווי ער איז פאַרנומען. די שטרויענע אלמנה פאַנדריכען מוז ער זען. אַ בריוו מוז ער איר אָפּגעבן, ער מוז נאָך צוריק אָנטאָן דעם פּעלץ און די וואָלענע דעליע... הכלל — ער איז פאַרנומען ביז איבערן האַלדז.

גלויבט טעלצע, די בהמה, אַז ער מיינט דאָס מיט אַן אמת. בעט זי זיך ביי אים:

— ר׳ לייזערל, נאָך אַ גלאָז טיי!

בעט זיך, קוקנדיק אויף איר, דער גמרא־בחור:

— ר׳ לייזערל — אַ מעשה!

מישט זיך אַריין דער מוזיקל:

— ניין, ניין, ווי אַ קאַץ מאַכט! איינמאָל נאָר.

לאָזט זיך וואָיטעק איינרעדן.

— יאָ — פּיפּקעט ער און איבערלייגט זיך הויך אויפן קול, — סיי ווי סיי קען זי נישט לייענען, די שטרויענע אלמנה. זי מוז סיי ווי סיי אָנקומען ביי יעדן בריוו צו דעם „סמאָנצע“, צום נייעם נגידס בחורל, אָדער צום אַפּטייקער, הייסט ווו וועט זי לויפן אַזוי שפּעט ביינאַכט? וועל איך איר שוין מאָרגן פרי אימירצעשעם אָפּטראָגן דעם בריוו.

ער לאָזט צוריק אָפּ דעם פאַרצויגענעם גאַרטל, זעצט זיך צוריק אַריין אין זיין אויסגעטאָענעם פעלץ און „דעליע״, ווי אין אַ וויכן „היסב־בעט״. זיינע אויבער־בגדים האָבן זיך שוין אָציינד גוט אָנגעוואַרעמט אין קיך, שלאָגט פון זיי זיס און שטאַרק מיט סמאָלע, מיט געטריקנטע שוועמלעך און מיט האַרעפּאַשנעם שווייס, פון לאַנגע יאָרן אַרבעט. וואָיטעק טונקט אָציינד די האַרטע קרוטקע פון אַ חלה, וואָס דאָס מוזיניקל האָט פאַר אים פריער אויסגעזוכט, אין אַ פרישער הייסער גלאָז טיי, און זויגט מיט זיינע איינגעפאַלענע מאַכיקע באַקן. די לעדערדיקע קנייטשן אויף זיין פאַרברענטן האַלדז לעבן אָפּ און באַוועגן זיך. די גרינלעך־גרויע האָר, וועלכע זענען אים אַ ביסל גויאיש פאַרשניטן אויף זיין נאַקן — אַ זכר פון אַמאָליקער סאָלדאַטשינע ביי ניקאָליי דעם ערשטן — גיבן אים אָציינד צו אַ שטריך פון אַ נישט־אויסגעלעבטער גבורה, פון אַ נישט־אויסגעוועפּטער געדולד. ברעקלעך פאַלן איבער זיין וואַלדיקער, גריג־לעכער באָרד. צווישן איין ביסן און דעם צווייטן, און ביז ס׳וועט דערגיין צו דער מעשה, אויף וועלכער אַלע וואַרטן, איז ער דערווייל משמח די קינדער, כדי זיי זאָלן זיך נישט נודיען וואַרטנדיק. אַ פריער — דעם קלענסטן, ירחמיאלקען דעם מוזיניקל. ער ציט אים צו צו זיך פאַר אַ קנעפּל און טיקעט אים מיט איין קאַרעדיקן פינגער אין פּופּיק:

יינגל־צינגל
נאָגל פּרעסער,
פאַר אין מצרים,
קויף אַ מעסער!
פּוטער־יאַיכל
גיס אין בייכל!
און דעם געצקע
ביי דער רעטשקע,
שנייד דעם פּ — !

— כיי־כיי־כי! — מאַכט דאָס מוזיניקל און פאַרגייט זיך אין אַ גליק־לעכן געלעכטערל.

זענען דאָך די אַנדערע צוויי בנים מקנא. די אויגעלעך ברענען ביי זיי ווי ביי וועלפעלעך. דערפילט דאָס וואָיטעק און שפּילט זיך מיט זיי אין „ציילן״, מיט אַלע דריי צוזאַמען:

איינס צוויי דריי,
עוזר־לייזער־ליי.

האָקן — באָקן,
ביידע גלאָקן,
בערל, שמערל,
צירל, פערל;
קאַץ און מויז
פון שטוב אַרויס!

נאָך אַן אַקט אַ ביסל! אַלעמאָל פּאַלט אויס דער „אַרויס" אויפן מוזיניקל...
ער און נישט קיין אַנדערער באַקומט דעם קיצל אין בויך. מאַכן די קינדער אַן אָנשטעל, אַז זיי גלויבן אין ירחמיאלקעס מזל, און לאָזן זיך ווייטער אָפּנאַרן פון וואָיטעקן. אַבי ער שפּילט זיך מיט זיי ווי מיט אַ גלייכן.

נאָר דאָס איז אַלץ אַ הקדמה. אָט האָט וואָיטעק אָפּגעטרונקען די צווייטע גלאָז טיי. אָט שטאָפּט ער שוין די טיפע פּיפּקע זיינע פון דער לעדערנער בייטל. אַ גריוונעצקע אַ זילבערנע האָט זיך פאַרעקשנט און וויל זיך דווקא אַריינכאַפּן מיטן טאַבאַק אין פּיפּקע און געוויכערט ווערן... און וואָיטעק יאָגט זי צוריק אין בייטל אַריין, אין בייטל אַריין, ביז ער רעדט זי איבער...

די אייזערנע יושקעס ציטערן אין קוימען. רויטע פייערלעך לויפן אַרום אונטער דער קופערנער דעקל פון דער פּיפּקע... און וואָיטעקס מעשה טריפט ווי פרישער דיעגאַכץ אויף בייע רעדער. און עס פּאָרט זיך אַזוי זיס, אַזוי גוט אויף וואָיטעקס מעשה אין אומבאַקאַנטע שליאַכן און אין פאַרגאַנגענע צייטן.

די באָרד האָט אים געראַטעוועט

מוסטערן פון וואָיטעקס מעשיות

1.

...היינט קען מען דערציילן מעשיות? סמאָנצעס זענען דאָס, נישט קיין מעשיות! אָט אַמאָל האָט מען דערציילט מעשיות. זענען דאָס געווען מעשיות.

אין שקלאָוו האָבן אַלע אַמאָל געקענט איסר דעם מלמד. אַ קליין יידעלע געווען. אַ באָרד האָט ער געהאַט — די גרויס ווי אַ פּאָמיעלע, אַ פּנימל, ווי אַ פייג. בשעת אַ גרויסן ווינט, פלעגט ער די באָרד פאַררוקן אין חסידישן גאַרטעלע, דער ווינט זאָל אים פאַר דער באָרד נישט אַוועק־טראָגן אין קאַנאַווע. אָנגעטאָן דאָס שפּיציקע יאַרמעלקעלע — האָט ער אויסגעזען גאָר... גאָר סמאָנצעדיק. אַ קעפּעלע ווי ביי אַ האָז, צעשראָקענע אויגן און אויערלעך. נאָר אַ מלמד איז ער געווען אַ גוטער. זיין טאַטע געווען אַ מלמד, זיין זיידע אַ מלמד, און ער אויך געוואָרן אַ מלמד. געקנעלט גוט מיט די עכברשים. האָבן זיך אָבער שקלאָווער מלמדים אָנגעזעצט אויף אים. פאַרהוקעט און פאַרטוקעט: כע־כע, איסר פּאָמיעלע! „איסר פּאָמיעלע" וועט איר אָפּגעבן אייער יינגל? וויפל לערנעכץ קען אַריין אין אַזאַ קעפּעלע? אַז מער ווי אַ באָרד, ברוך־השם, האָט ער נישט...

דאַרף זיך פאַרלויפן אַ מעשה מיט איסר דעם מלמדל: דעם נגידס בן־יחיד נעמט און קלעפּט אים צו די באָרד מיט וואַקס. דעם אייגענעם רבין! איסר איז איינגעשלאָפן ביים לערנען מיט דער באָרד אויפן טיש. האָט אים דער שיינער תלמיד אָפּגעטאָן אַ שפּיצל. אויפגעכאַפּט זיך, האָט זיך ר׳ איסרל אַ ריס געטאָן און אויסגעריסן זיך אַ צאָל האָר פון באָרד. נאָר אָנשטאָט אָפּשמייסן דעם שיינעם תלמיד זיינעם — האָט ער

זיך גאָר צעוויינט אויף חלול־התורה. אויף דעם כבוד פון לערנען תורה וואָס איז אַזוי פאַרשוועכט געוואָרן. קעץ האָבן געלאַכט אין די הויפנס. אַלע באַלעבאַטים אין שטאָט האָבן זיך צעשושקעט. אַזאַ מלמד, האָבן זיי געזאָגט, וואָס פאַרשווייגט אַ שייגעץ אַזאַ זאַך, איז קיין מלמד נישט. געקומען אַ נייער זמן, איז ביי איסר דעם מלמד געוואָרן גאָר שיטער. געבליבן איז נאָר אַן אלמנהס אַ זונדל און אַ גענדזלערקעס אַ ייִנגעלע פון „אונטערבאַרג״. סמאַנצעס נישט קיין תלמידים! אין חדר גייען זיי. קיין שכר־לימוד צאָלן זיי נישט. אַפילו דריי קאָפּיקעס צו־שטייער אויף קעראָסין צום לאָמפּ איז ביי זיי אויך שווער אַרויסצורייסן.

איז דאָך ר׳ איסרן געוואָרן זייער ביטער. האָט ער אַריינגעשטעקט די באָרד אין גאַרטל און אַוועקגעלאָזן זיך צופוס צוועלף וויאָרסט צום רבין אין קאָפּוסט: „רביניו, ראַטעוועט, אַזוי און אַזוי איז די משעה. די באָרד האָט מיך געקוילעט. אַ יידעלע בין איך אַ קליינינקער און אַ באָרד האָב איך אַ גרויסינקע. לאַכן פון מיר קינד און קייט און קיין תלמידים גיט מען מיר נישט״.

האָט דער רבי, ר׳ לייבעלע עליו־השלום, געגעבן אים אַן עצה אַוועקצוגיין קנעלן אין אַן אַנדער שטאָט. וועסט בייטן דאָס אָרט, האָט ער אים געזאָגט, וועסטו בייטן דיין מזל. און די באָרד דיינע, האָט ער אים געבענטשט, וואָס האָט דיר פאַרשאַפט אַזוי פיל בזיונות, — וועט דיך נאָך מירצעשעם ראַטעווען פון אַל־דאָס־בייז...

אַי, ווו זאָל איסר אָנהויבן קנעלן! אין פאַהאָסט זאָל ער אָנהויבן קנעלן, אַכט שעה פון שקלאָוו מיטן אָקס און זעקס שעה מיטן שליטן. אַי, וואָס, די דאָרטיקע מלמדים וועלן דאָך נישט צולאָזן אַ מלמד פון דער פרעמד? וועט ער, ר׳ לייבעלע, אים געבן אַ צעטעלע צו אַ פאַהאָס־טער חסיד, אַ גביר אין שטעטל. סיי ווי סיי זוכט יענער אַ למדן פון דער פרעמד פאַר זיינע קינדער. וועלן באַלעבאַטים אין פאַהאָסט זען, אַז דער גביר האָט אויסגעשריבן צו זיך אַזאַ צאַצקע אַ מלמד, וועט זיך זיי אויך פאַרוועלן.

נו, אַמאָל איז דעם רבינס אַ צעטעלע ווערט געווען מער ווי היינט אַ... „וויגרישנער בילעט״... איז ווי נאָר ר׳ איסרל דער מלמד האָט אַריינ־גענומען דאָס צעטעלע אין זיינע דאַרינקע הענטעלעך, איז ביי אים אַוועק ווי אַ מזמור. פאַהאָסט איז געגאַנגען אויף רעדלעך. אַ קלייניקייט, דער גביר און חסיד פון שטעטל האָט אים אויסגעשריבן פון דער פרעמד, מסתמא מוז דאָך עפּעס זיין! האָט מען זיך דערוווּסט פון ר׳ לייבעלעס

צעטעלע, און יעטוועדער באַלעבאָס האָט זיך געשטופּט מיט זיין יינגל צום שקלאָווער למדן, וואָס איז אַראָפּגעפאָרן מיט דעם כוח פון קאַפּוסטער צדיק. די באָרד זיינע, וואָס מען האָט אַזוי אויסגעלאַכט אין שקלאָוו, איז געוואָרן אַ שם־דבר אין פּאָהאָסט: אָט גייט ר׳ איסרל מיט דער שיינער באָרד!

קנעלט אַזוי אָפּ ר׳ איסרל עטלעכע זמנים. ער באַקט תורה אין פּאָהאָסט און זיין ווייב באַקט ברויט אין שקלאָוו. נתעשר זענען זיי ביידע געוואָרן! די עשירות איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז ר׳ איסרל האָט געלאָזן מאַכן געפּאַרבטע לאָדן מיט אייזערנע שטאַבעס צו די פענצטערלעך פון זיין הייזקע. אַ מלמד זאָל זיך גאָר פאַרגלוסטן גרינע לאָדן! אויף וואָס דאַרף אַ מלמד לאָדן? מסתמא האָט ער דאָך מורא פאַר גנבים? מסתמא האָט ער „קניפּלעך״, אַ טאָפּ מיט זילבערנע מטבעות האָט ער באַגראָבן אונטער די ברעטער פון פּאָדלאָגע. אָט אַזאַ גערעדעריי איז אַוועק איבער גאַנץ שטאָט. פון דעם טאָפּ איז געוואָרן אַ קופּערנע פּאַן, און פון די זילבערנע רובלעס איז געוואָרן גאָלדענע רענדלעך. ביז ס׳איז אויס־געוואַקסן אין אוצרות און ס׳איז דערגאַנגען ביז סטיאָפּעס חמורישע אויערן...

ווייסט איר דאָך נישט ווער ס׳איז סטיאָפּע! טצ־טצ־טצ... הערט איר! אָט דאָ הויבט זיך דאָך אָן די רעכטע מעשה... סטיאָפּע איז אַ פּאָהאָסטער ערל מיט אַ פורל. אַ גרויסער גוי מיט אַ פלאַקסענער באָרד און מיט אַ בלויער נאָז. וואָרים דעם טרונק האָט ער ליב ווי אַלע גויים. נאָר קיין בויאַן איז ער נישט. אַז ער שיכורט זיך אָן, לייגט ער אַריין דעם קאָפּ אין די גראָבע לאַפּעס און וויינט...

איז אָט דער דאָזיקער סטיאָפּע האָט שוין געהאַט אַ חזקה אויף איסר דעם מלמד. קומט די צייט פאַר ימים־נוראים, אָדער ערב־פּסח, דער זמן איז געענדיקט, מאָנט אויף ר׳ איסרל זיין שכר־לימוד ביי אַלע באַלעבאַטים, וויקלט איין די ממתקים אין זיין רויטער חסידישער טיכל, פאַרבינדט און הענגט אויף אויפן האַלדז, מיטן קניפּל אונטער דער העמד; פאַרדעקט מיט דער „פּאָמיעלע״ פון זיין באָרד און גיי ווייס ווו ר׳ איסרל האַלט דאָס געלט באַהאַלטן! עטלעכע רובל לאָזט ער זיך איבער אין קעשענע, האַנדלט איין גוטע זאַכן אויף די ימים־טובים. שמאַלץ און איינגעמאַכץ — פאַר ראש־השנה און ווײַן און ספּירט — אויף פּסח. קומט סטיאָפּע מיט זיין גויאישקער פורל, פּאַקט איין די פּעקלעך און פלעשער אין שטרוי, זעצט אַרויף דעם מלמדל אויף די שטרוי. דעקט

אים איין ווי אַ שׂרהמיט צוויי גויאישקע קאָזשוכן, און האָצקעט זיך אַזוי אַוועק קיין שקלאָוו, מיטן פּאָהאָסטער שליאַך, צווישן פעלדער און וועלדער. אָנגעקומען, נאָך אַכט שעה פאָרן, און געבראַכט אַהיים אַזאַ טייערן גאַסט — באַקומט ער פון מלמד די פיינע פיר גילדן פאַר דער פור און אַ גריוונעצקע אַ צוגאָב אויף בראָנפן. און פון דער מלמדקע באַקומט ער ערב פסח דעם גאַנצן איבערגעבליבענעם חמץ. ערב ראש־השנה דערלאַנגט זי אים אַ פרישׁ געבאַקענעם ברויט, מיט קימעל באַ־שאָטן; אַ שמעקענדיקן, אַ מחיהדיקן, אַז סטיאָפּען הויבט גלייך אָן ריינען די סלינע. זי איז דאָך עפּעס אַ בעקעריןְ, די מלמדקע! נאָך אַ לאַבן ברויט דאַרף זי נישט פאָרן קיין פּייטערבאַרג...

.2

שוין באַלד שיינע עטלעכע זמנים, אַז סטיאָפּע פירט אַזאַ געהויבענעם גאַסט אַהיים, צוויי מאָל אַ יאָר פון פּאָהאָסט קיין שקלאָוו. ווען ר׳ איסרל פאָרט אָן צוריק קיין פּאָהאָסט, מיט אַ שקלאָווער באַלעגאָלע, נאָך די ימים־טובים, קומט צו אים סטיאָפּע דער ערשטער אין אויסגעלופטערטן „חדר״, פאַרנויגט זיך אים ביזקל דר׳ערד און בעט נישט צו פאַרגעסן אים און זיין פורל אויף „פאַסכע״, אויף פסח הייסט דאָס. און נאָך פסח דערמאָנט ער דעם מלמדל נישט צו פאַרגעסן אים אויף „קוטשקי״, אויף סוכות הייסט דאָס. הייַנט ווער זאָל זיך ריכטן, אַז אין אַזאַ שטילן גוי וועט מיטאַמאָל אַריין אַ גלגול? — —

איז אָט קומט אָן מיט מזל אַ נייער ערב־פסח. אָפּגעפּטרט אַ זמן. אָנגעטאָן די סאַמעטענע חסידישע היטל איבער דער יאַרמאַלקע, אויפ־געמאָנט שכר־לימוד ביי די באַלעבאַטים, באַהאַלטן דאָס אין „קניפּל״ — אונטער דער באָרד און איינגעהאַנדלט ווייַן און שמאַלץ אויף יום־טוב — גיט ר׳ איסר צו וויסן סטיאָפּען, ער זאָל מאָרגן ראַנעצקע קומען אָפּפירן אים קיין שקלאָוו... נו, סטיאָפּען דאַרף מען דאָך קיין סך נישט בעטן! אַלעמאָל קומט ער אָן מיט אַ שעה פריער, וואַרט מיט דעם פורל ביי דער טיר, ביז ר׳ איסר וועט אָפּדאַווענען. און דאָס מאָל — גיב נאָר אַ קוק אַ ביסל! סטיאָפּע איז נאָך נישטאָ. ר׳ איסר האָט שוין לאַנג אָפּגעדאַוונט, איבערגעביסן אַ פרישן בייגל מיט טיי און סטיאָפּקע איז נאָך אַלץ נישטאָ. זיצט ר׳ איסר אַן אָנגעטאָענער אויף זיינע פּעקלעך און וואַרט. אויף הייסע נאָדלען זיצט ער און קוקט אַרויס אין פענצטערל.

עס ווערט צען דער זייגער, עס ווערט עלף — סטיאָפּקע איז נישטאָ. שיקט ר׳ איסר אויפזוכן דעם ערל מיטן וועגל, געפינט מען אים אָבער נישט, נישט אין זיין כאַטע, נישט אויפן מאַרק. לויפט שוין ר׳ איסרל אַליין אַן אָנגעטאָנענער און אָנגעפּעלצטער, לויפט אַ פאַרסאָפּעטער דינגען אַ באַלעגאָלע אין יידישן צעך. כאָטש ס׳מאַכט אויס אַ סך טייערער ווי אַ גויאישקע פורל. נאָר ווו, וואָס, ווער, ווענען? וועלכער ייד וועט דאָס ערב־פּסח אָוועקפאָרן פון דער היים, אַכט שעה מיט דער אָקס אין צע־גאַנגענעם שניי? מאָרגן פרי דאַרף מען נאָך פּאַספּעיען צו ביעור־חמץ, צוריק אַהיים מיטן זעלבן וועג. בונטעווען זיך די באַלעגאָלעס און ווילן נישט פאָרן. זיי פאַרלאַנגען אַ דרייענדיקן מקח און צוויי גילדן אויף בראָנפן און צוויי גילדן אויף האָבער פאַרן פערד אַ צוגאָב. און פאַר פאָרן צוריק ליידיקערהייט — אַ קערבל... סטייטש, יידן! — בעט זיך ר׳ איסרל, — ס׳איז דאָך נישט סדום. וואָס האָט איר צו מיר?... „וואָס האָבן מיר צו אייך? — לאָכן בייז די באַלעגאָלעס, — מיר האָבן צו אייך גאָרנישט. איר האָט דאָך אַלעמאָל געמאַכט פּסח דורך אַ גוי, טאָ מאַכט אַצינד אויך פּסח דורך אַ גוי!...״

נאָך האַלבן טאָג שלעפּט זיך דאָס מלמדל צו זיך אַהיים אין ליידיקן „חדר״ אַריין. ערשט סטיאָפּע שטייט שוין דאָ פאַרן טיר מיט זיין פורל און וואַרט אויף אים. אַ קוליע פרישע שטרוי ליגט אין וועגל און צוויי פּעלצן, ווי אַלעמאָל.

דערזעען דעם מלמדל — לויפט אים סטיאָפּע אַנטקעגן און פאַרנויגט זיך אים ביזקל דר׳ערד:

— נעם נישט, זאָגט ער, פאַר אומגוט, ראַבין, וואָס אַזוי שפּעט... אַ פּאָדקאָווע איז ביי מיין „גניעדקען״ *) אָפּגעפאַלן. געמוזט איבער־שמידן... אָט, קוק!

בויגט זיך איסר דער מלמד אַן און קוקט. באמת אַ נייע אייזערנע פּאָדקאָווע ביים פערדל אויף דער פאָדערשטער קאָפּיטע, פונדעסטוועגן האָט ער צום גוי טענות:

— ס׳טייטש, סטיאָפּקע! אַזוי שפּעט אַרומגעזען זיך. די טעג זענען נאָך קורץ. מירן דאָך אָנפאָרן אין שקלאָוו אין דער נאַכט אַריין...

— ס׳איז גאָרנישט, ראַבין, — מאַכט סטיאָפּע, — מיר קענען דעם

---

*) גניעדקאָ — אַ ברוין פערדל.

וועג גוט. „גניעדקע״ קען אים אויך. מיט די ערשטע שטערן ברענג איך דיך צו דיין איסעריכען!...

מאַכט ר׳ איסר דער מלמד קיין שהיות נישט, כאַפּט אַליין וויקלען די פלאַשן פּסחדיקן ווײַן אין שטרוי פון וועגל, כדי דער גוי מיט זײַנע גויעשקע לאַפּעס זאָל זיי נישט אָנרירן. עס זאָל נישט ווערן קיין „יין נסך״... פּאַקט אַרײַן, פאַר אײַנע הוצאות, דעם פּסחדיקן ספּירט און שמאַלץ און די איבעריקע שמאָנצעס. העלפט אים דער גוי איבערדעקן מיט שטרוי און טראָנטעס. אַ גאַנצע „היסב־בעט״ פאַרן מלמדל געמאַכט. זעצט זיך איסר אַרײַן. דער גוי דעקט אים איין מיט ביידע קאָזשוכן. גיט דעם מלמד אַ זעץ אין נאָז אַ ריח פון איבערגעברענטן בראָנפן. מאַכט ער צו סטיאָפּען:

— אַזוי פרי, סטיאָפּע, האָסטו זיך שוין אָנגעשניאָשקעט?

— פון האַרצווייטיק — מאַכט סטיאָפּע און קערט אָפּ די אויגן.

— דו האָסט שוין אויך האַרצווייטיק? — וווּנדערט זיך דאָס מלמדל.

ענטפערט אים סטיאָפּע נישט. דאָס פורל רירט זיך. דער גוי און זײַן פאַרשווין האָצקען זיך. ר׳ איסרל זיצט ווי אַ געבונדענער אין זײַנע גאַרטלען און אינעם גויס קאָזשוכן. אונטערן באָרד אויפן האַרצן — דאָס קניפּל מיט „ממתקים״. די לאַנגע פּאָמיעלע־באָרד פאַררוקט אין גאַרטל און פאַרקוועטשט אין קאָלנערס. און דאָס פּנימל קוקט אַרויס ווי אַ הע־זעלע פון נאָרע. די אויגעלעך צעשראָקן און אויפן האַרצן אין אים עפּעס נישט פריילעך. עס ווילט זיך אים נישט אַרײַנפאָרן אין דער נאַכט אַרײַן, אין שקלאָווער וואַלד, מיט אַ האַלב־שיכורן גוי אויף דער קעלניע. נאָר אפשר, קלערט ער, ביז דער נאַכט וועט ער זיך אויסניכטערן...

דאָס גויאישקע פורל טרייסלט אויס די נשמה. ס׳איז די אמתע ערב־פּסחדיקע בעזדאָראָזשיצע. מיטן שליטן קען מען שוין נישט פאָרן. און די גויאישקע שלעכט־געשמירטע רעדער הינקען און וואַרפן פון איין גליטשיקן שטיק שניי צום צווייטן. ס׳איז אים שפּל, דעם מלמדל, און זעען זעט ער, אַז דעם גוי איז אויך שפּלדיק אויפן האַרצן, וואָרים סטיאָפּע טרייסלט מיטן קודלאַטן קאָפּ און שלוקערצט. איז דאָס ר׳ איסרן אַ חידוש. וואָרים אַלעמאָל אַרט דעם ערל דאָס גאַנצע טרייסלעניש ווי די וואַנט. און דאָס מאָל איז ער עפּעס אויך נישט מיט אַלעמען.

— אַ שלעכטער וועג... — מאַכט ער צום ערל — וואָ־אָס?

אָבער סטיאָפּע ענטפערט נישט.

חידושט זיך ווייטער ר׳ איסר. אַלעמאָל מאַכט זיך דעם גוי דאָס מויל

נישט צו. ער דערציילט אים פון דער גויה זיינער, פון „סענאָקאָס״ *), פון זיין פערד און בהמה, פון זיינע חזירים, להבדיל... און דאָס מאָל שווייגט ער גאָר. פאַרט מען אַזוי אָפּ עטלעכע שעה. עס הויבט אָן ווערן פאַרנאַכטלעך, כמורנע. אַ פאַרע שטייט איבער די בוימער פונעם צעשמאָל־צענעם שניי. פאַרקוועטשט דעם מלמדל דאָס האַרץ. רעדט ער צום ערלס רוקן מיט געבעט:

— פאַרוואָס רעדסטו נישט? סטיאָפּע — —

נאָר סטיאָפּע ענטפערט נישט. ער מאַכט נאָר: „ניאַ־ניאַ״ צום פערדל און טרייבט ווייטער מיט היץ, ביז ער טרייבט אים אַריין אין געדיכטן סאָסנע־וואַלד.

צוליב סגולה־וועגן הויבט ר׳ איסרל אָן צו דאַוונען מנחה. ער האָט שוין מורא צו בעטן דעם גוי צו בלייבן שטיין, כדי אָראָפּצוגיין, ווי אַלע מאָל, צו „שמונה־עשרה״... פאַרמאַכט ער די אויגן און דאַוונט זיצנדיק. ערשט מיט אַ מאָל בלייבט די פור שטיין. ר׳ איסר וויל נישט מפסיק זיין. די פור שטייט. עפנט דער מלמד אויף פאַוואָליע די אויגן און דאָס האַרץ פאַלט אים איין. די שטילע שמונה־עשרה בלייבט אים פאַרגליווערט אויף די ליפּן. וואָרים סטיאָפּע זיצט אויפן וואָגן אויסגעדרייט מיטן פינצטערן פּנים צו אים און אין האַנט, אַנשטאָט די לייצעס, האַלט ער גאָר אַ לאַנגן מעסער.

דערזען, אַז דער ייד קוקט אויף אים, מאַכט צו אים דער ערל:

— זאָג־נאָר, ראַבין, צי איז אַן אמת, אַז דו האָסט געמאַכט בייע לאָדן?

די ציין קלאַפּן ר׳ איסרן אין מויל. נאָר ענטפערן דעם גוי טוט ער נישט. אינמיטן „שמונה־עשרה״ וועט דאָך ר׳ איסרל חסיד נישט מפסיק זיין. ווייזט ער דעם ערל נאָר מיט די פינגער אויפן מויל: „נו, אָה, אָה!״... ס׳הייסט: לאָז מיך אָפּדאַוונען וועל איך דיר ענטפערן! גיט דער גוי אַ שאָקל מיט זיין מאַגערקע און מיט זיין קוטשמע האָר. ס׳הייסט: „גוט, ראַבין, איך וואָרט...״ פאַרמאַכט ווייטער ר׳ איסר די אויגן און פאַרלאָזט זיך אויף גאָט. ער זאָגט אָפּ די לעצטע ברכות פון שמונה־עשרה מיט כונה. אַ וואָרט אַ פּערל. און דער גוי מיט דעם מעסער אין האַנט קוקט און

*) קאָסען היי.

וואַרט. דאָס פּורל שטייט. פונעם מאַטן פּערדל גייט אַ פּאַרע און אין וואַלד ווערט אַלץ פינצטערער.

3.

פּאַרטיק געוואָרן מיט שמונה־עשרה, עפנט ר׳ איסרל אויף די אויגן און דערזעט ווייטער דעם מעסער אינעם ערלס האַנט. נאָר די ציין קלאַפּן אים שוין נישט מער אין מויל. די שטילע „שמונה־עשרה״ האָט אים באַרואיקט. ווי בוימל אויף אַ ווונד, האָט זי זיך אים צעגאָסן.

— לאָדן געמאַכט? — פרעגט איבער דער גוי נאָכאַמאָל.

— געמאַכט. — ענטפערט אָפּ ר׳ איסרל און קוקט אויף אים מיט אויסגעלופּעטע אויגן.

— אָך טי האָספּאָדי! — מאַכט דער גוי און צלמט זיך איבער. — איז דאָס טאָקע אָן אמת? אָן אמת טאָקע?... אַלץ אָן אמת?....

— וואָס איז אַלץ אָן אמת? — פרעגט איבער ר׳ איסרל — וואָס טוט זיך מיט דיר, סטיאָפּע?

נאָר סטיאָפּע ענטפערט נישט. ער ווישט אָפּ אַ טרער פון די בערישע אויגעלעך און רעדט צום מלמד אַזוי:

— און אַצינד איסר־סערדצע, מוז איך דיך קוילענען, מוז איך דיך...

— קוילענען? — ציטערט ר׳ איסרל — וואָס הייסט קוילענען? פאַר וואָס קוילענען   דו לאַכסט, אַ פּנים, סטיאָפּע!

— איך לאַך נישט! — זאָגט דער ערל פינצטער ווי די נאַכט, און קריכט אויפן מלמד מיטן מעסער — גיב אַהער, ראַבין, דיין פּיסקליאַטענע האַלדז, איך מוז דיך קוילענען...

— סטייטש! — קוויטשעט דאָס מלמדל און טוליעט דעם האַלדז אין באָרד — מיר זענען דאָך עפּעס גוטע פריינד אַזוי פיל יאָרן. מיין זשאַנקע גיט דיר אָפּ דעם חמץ... און איך —

— סיי ווי סיי — מאַכט סטיאָפּע מיט אַ וויינענדיקן קול — סיי ווי סיי, וועל איך דיר אַלץ צונעמען: דיין געלט פון קניפּל, דיינע גוטע זאַכן אויף פּאַסכע...

— ווייִ, ווייִ, סטיאָפּע! ווי האָסטו דאָס קיין מורא נישט פאַר גאָט? וואָס האָב איך דיר געטאָן?

— דו ביסט געערכט, ראַבין! — מאַכט סטיאָפּע און די טרערן רינען

אים — שפיי מיר אין פנים, איסר, אַזאַ „אוביוועץ״, אַזאַ הונט ווי איך בין! אַ גלגול איז אין מיר אַריין. האָסטו צוגעמאַכט נייע לאָדן צום שטוב, האָסטו באַגראָבן אַ טאָפּ מיט רענדלעך אונטערן אויוון. אַלע דערציילן... מוז איך דיך קוילענען. איך קען נישט אַנדערש. די פּאָדקאָווע פון פערד האָב איך מיט אַ כיוון איבערגעשמידט. געוואָלט אַרויסטרייבן דעם „נישט־גוטן״ מײַנעם ביים פייער פון קוזניע און נישט געקענט. געבלאָזן, געפּאָכעט מיטן בלאָז־זאַק און אַרויסטרייבן נישט געקענט... אפשר גאָר בכיוון אָפּגעצויגן ביז נאָך האַלבן טאָג, כדי אַרייַנפּאָרן מיט דיר אין סאָסנע־וואַלד אין דער נאַכט אַריין און דיך קוילענען דאָ. כ׳ווייס אַליין נישט, וואָס דער „נישט־גוטער״ האָט דאָ געוואָלט. אָבער דיין קניפּל געלט אונ־טערן באָרד מוז איך ביי דיר צונעמען און צו דיין אוצר אין שטוב וועל איך זיך היינט ביינאַכט אויך דערקלייבן... אַ פייער אַזאַ ברענט אין מיר. אַ גאַנצע קוזניע ברענט אין מיר...

— האָב רחמנות אויף מיין ווייב און קינדער — וויינט ר׳ איסרל — כ׳האָב נישט קיין אוצר... כ׳בין אַן אָרעמער ייד...

קניט זיך דער ערל לעבן אים אין שטרוי, כאַפּט אָן דעם מלמדס קעפּעלע און בויגט עס אויף הינטן, בויגט און כליפּעט:

— רחמנות האָבן האָב איך. און קיין אוצר אפשר האָסטו נישט. אָבער קוילענען מוז איך דיך. אַ נישט־גוטער זיצט אין מיר. וווּ איז דיין האַלדז, ראַבין? גיב מיר דיין האַלדז!...

נאָר ווי אַזוי זאָל אים ר׳ איסרל געבן דעם האַלדז, אַז ס׳איז פאַר־שטעלט מיט קאָלנערס, פאַרדעקט מיט דער געדיכטער באָרד און דער עק פון באָרד שטעקט אין גאַרטל אונטערן פוטער; און דער מלמד אַליין טוליעט זיך און קאָרטשעט זיך. און דעם ערלס ביידע הענט זענען פאַר־נומען. איין האַנט מיטן מעסער, די צווייטע האַנט מיטן מלמדס קעפּעלע. פּרוווט דער גוי דורכזעגן די באָרד מיטן מעסער. נאָר גיי זעג אַ באַרשט, אַזוי דיק ווי אַ פּאָמיעלע! עטלעכע האָר שניידט ער דורך און צום האַלדז איז נאָך ווייט. און דאָ צעשרייט זיך נאָך דאָס מלמדל ווי אַ געווינערין:

— אוי, אוי, סטיאָפּע! הרגע מיך פריער, דערנאָך קוילע מיר די באָרד!... דערנאָ־אָך!

טרייסלעך זיך ביים גוי די הענט פון אַזאַ געשריי. ער קלאָגט אַליין און סמאָרקעט זיך. ער שלעפּט דעם יידן, מיט צוויי פינגער, די באָרד ציילן־ווייז פון גאַרטל אַרויס און בעט זיך דערביי:

— איך בעט דיך, ראַבין, שריי נישט, ליאַרעם נישט! דו זעסט דאָך — אַ גילגול איז אין מיר אַריין! סיי ווי סיי מוז איך דיך קוילענען, טאָ לאָז מיך שוין, טייערינקער, לאָז מיך!

געהערט אַ בעלנות פון אַן ערל? ער וועט קוילענען און דער ייד זאָל נישט שרייען...

אַזוי אַרום האָט זיך אָבער דאָס אָפּשעכטן פאַרצויגן אַ ווײַלעצקע. די באָרד האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן. און ר׳ איסרן איז דערווײַלע עפּעס אײַנגעפאַלן. פאָרט אַ יידישער קאָפּ! אָט וועט איר באַלד הערן.

דער בעל־גוף האָט אים די גאַנצע באָרד אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן גאַרטל. אַנגענומען אים פאַר דער „פּאָמיעלע״ און האַלט שוין גאָר נאָענט צום גאָרגל. ערשט מיטאַמאָל צעלאַכט זיך דאָס מלמדל. פאַרגייט זיך אונטערן מעסער מיט אַ משונהדיק־פריילעכן געלעכטערל. אַ פאַרציטער־טער איז דער גוי געוואָרן. און באַלד גאָך אַזאַ שרעק האָט אים אָנגע־נומען אַ פינצטערער צאָרן:

— וואָס לאַכסטו, דו פאַרפלוכטער זשיד איינער? דו לאַכסט פון אַ פאַרלוירענעם מענטשן, ווי איך בין? אַ?...

— לאָז מיר אָפּ אַ רגעלע די באָרד! — מאַכט איסרל גאַנץ רואיק, — לאָז אָפּ, וועל איך דיר זאָגן.

לאָזט אים דער גוי אַ רגעלע אָפּ. ליגט איסר מיט זיין צעפלאָשעטער גרויסער באָרד אויפן שטרוי און רעדט צו סטיאָפּען זייער האַרציק אַזוי צו זאָגן:

— מילא, גוטער מענטש, פאַרפאַלן, איך זע שוין, אַז אַנדערש קענסטו נישט. דו מוזט מיך קוילענען. אַ מזל אַזאַ. פאַר מיינע זינד, אַפּנים! נייע לאָדן האָט זיך מיר פאַרוואָלט. קנאה אָנגעמאַכט צווישן מענטשן. האָט מיך גאָט געשטראָפט. און דו, סטיאָפּע, מיט דיין מעסער, ביזט זיין שליח... כ׳וועל זיך לאָזן קוילענען, כ׳וועל נישט שרייען, סטיאָפּע־לעבן, האָב קיין מורא נישט...

— ביסט אַ טיי... אַ טייערער מענטש! — סמאַרקעט זיך דער ערל, און פאַרזאַאיקעט זיך — אַז... אַזעלכע מענטשן ווי דו זענען גאָר נישטאָ!

— איז אָט, — הויבט זיך ר׳ איסרל פּאַמעלעך אויף און זעצט זיך אַנידער — איז איידער איך גיי פון דער וועלט לאָמיר ביידע מאַכן לחיים! געווען זענען מיר גוטע פריינד אַזוי פיל יאָרן, טאָ לאָמיך נישט

שטאַרבן בייזערהייט! אָט דאָ אין שטרוי האָב איך אַ פלאַש פסחדיקן ספירט. סיי ווי סיי, וועסטו נאָך מיין טויט אַלץ צונעמען — אַלע פלעשער ווייַן, מיין קניפּל מיט געלט... טאָ לאָמיר כאָטש איין פלאַש אויסטרינקען צוזאַמען. נישט מיר נישט דיר, מכבד זיין איינער דעם צווייטן. און לאָמיר זיך געזעגענען ווי גוטע ברידער...

— כ'האָב אַלעמאָל געוווּסט, — כליפּעט סטיאָפּע — אַז דו האָסט אַ גאָלדן האַרץ, אַ גאָלדענער מענטש ביסטו, ראַבין איסר, דיין פּאַמיאַטקע בין איך נישט ווערט, ביים צלם זאָג איך דיר דאָס.

.4

דער גוי צלמט זיך און ווישט זיך די אויגן און לאָזט פונדעסטוועגן נישט דעם מעסער פון האַנט... גראַבלט איסר דער מלמדל פון שטרוי אַרויס די פסחדיקע פלאַש ספּירט און דערלאַנגט דעם ערל מיט אַ גוטינקן שמייכעלע:

— נאַ, סטיאָפּע! אַזאַ פייערדיק ביסל משקה האָסטו אַפילו אין חלום נישט געזען, הייַנט דער טעם!... דער ריח! אַ דערקוויקעניש. נעם־זשע עפן אויף, סטיאָפּע! אויף אַרויספּאַטשן אַ שטאָפּערל ביסטו מער בריה פאַר מיר. זע, טו אַ טובה!

דערזען אַזאַ פולע כלי, איז דעם ערל אויפגעגאַנגען אַ ליכט אין די בערישע אויגעלעך. דער פינצטערער פּנים האָט זיך אים אויסגעלייטערט.

— איך זע, — מאַכט ער — איסר, אַז דו ביסט אַ חכם אַ ראַבין, צו זוכן אַזעלכע מענטשן ווי דו.

לייגט דער ערל אַפּ דעם לאַנגן מעסער צווישן די קני, נעמט די פלאַש אין איין האַנט און גיט אַ פּאַטש מיט איר דנאָ אין דער צווייטער האַנט. און דער שטאָפּערל פליט ווי אַ פייל פון בויגן איבער דעם מלמדס קאָפּ.

— זה כפרתי, זה חליפתי! — מאַכט דער מלמד שטילערהייט איבערן שטאָפּערל.

— נו, ווער זאָל פריער טרינקען? — פרעגט סטיאָפּע און באַלעקט זיך — טרינק דו, ראַבין!

— ניין, טרינק דו! — שטופּט אָפּ דער מלמדל די פלאַש מיט ביידע הענטלעך — דו האָסט אויפגעעפנט — ביסטו בילכער!

— ניין, — מאַכט סטיאָפּע — דיך דאַרף מען באַלד קוילענען, ביסטו בילכער!

— ניין, ניין, ניין! איך מוז באַלד שטאַרבן, ווייל איך דער לעצטער הנאה האָבן פון ביסל בראָנפן. טרינק דו געזונטערהייט, סטיאָפּע!

— וואָס פאַר אַ טייערער מענטש דו ביסט! — צעשמעלצט זיך דער ערל — דאָס האַרץ גייט אין מיר אויס, וואָס איך מוז דיך באַלד קוילענען. נאָר דו ווייסט דאָך, אַ גלגול איז אין מיר אַריין. לאָמיר זיך צעקושן, איסר ליבהאַרציקער!

— צעקושן איז צעקושן! — מאַכט ר׳ איסר אַ פרום פנימל, און צעשמאַצקעט זיך מיט סטיאָפּען. צוויי מחותנים וואָלטן געמעגט מקנא זיין.

אָנגעקושט זיך און אָפּגעווישט די ליפּן, שטעלט סטיאָפּע אָן דעם נאָגל פון גראָבן פינגער אויפן מיטן פלאַש און פרעגט, זייער פאַר־זאָרגט, ביי ר׳ איסרן

— ביז וואַנען זאָל איך טרינקען, ראַבין? ביז דאַנען?

— ניין, ביז דאַנען! — מאַכט איסרל, און רוקט אַראָפּ סטיאָפּעס נאָגל ביזן סאַמע פּופּיק פון פלאַש.

— צופיל, ראַבין! וואָס וועט דיר איבערבלייבן?

— נישקשה. איך בין דאָך אַ קליינינקער. כי־כי־כי, טרינק געזונ־טערהייט!

עפּנט אויף דער ערל זיין טרפהנע „רילע״ און כלושצעט אין זיך די ניינציקער פסחדיקע, אַזש ס׳פּאַרכאַפּט אים דער אָטעם פאַר שטאַרק־קייט. רייסט ער זיך אַ רגעלע אָפּ פון פלעשל, קוים וואָס ער דישעט:

— פו—ו טי טשאָרט! פייער! אין זיין מאַמען אַריין! יידן, אין זייער מאַמען אַריין, קענען זיך בעסער אויף משקה, ווי מיר. אונדזער זאַך איז אַ פּויערישע. „אַשצע״ איסר?

ס׳הייסט: טרינקען נאָך, איסר?

— נאָך, נאָך! — טרייבט אים דער מלמדל אונטער און נעמט פּאַ־וואָליע דעם מעסער פון צווישן דעם ערלס קני.

— אַשצע?

— אַשצע, אַשצע, טייערער!

און דער ערל לאָזט זיך נישט בעטן און פּאַרוואָרפט ביסלעכווייז דעם קאָפּ אויף הינטן, אַלץ טיפער און טיפער. זיין חזירשער גאָרגל אַנטפּלעקט זיך פאַרן מלמדס אויגן אַלץ מער און מער, די רויטע האַלדז מיט דער

גאַנצער גויאישקער גבורה איז אויסגעבויגן און אָנגעצויגן ווי אַ סטרונע.
איין שניט פּלאַצט זי.. און אויס מיטן גאַנצן גוי!

מאַכט איסר דער מלמדל קיין לאַנגע שהיות נישט. וואָרים אויב נישט ער דעם גוי, וועט דער גוי אים מאַכן דעם זעלבן קונץ. כאַפּט ער און טוט אַ הויב דעם לאַנגן מעסער, גיט פלינק אַ פיר מיט דער שוואַכער הענטעלע... „כיק!" גיט עס אַ קוויטש אינעם גויס גאָרגל און ר' איסרל גיט זיך אַ רוק אויף צוריק. וואָרים פונעם איבערגעשניטענעם האַלדז גיט אַ שפּריץ אינדערהויך בלוט מיט פּסחדיקן ספּירט צוזאַמען. און דער ערל מיט דער נישט־דערטרונקענער פלאַש אין האַנט גיט אַ פאַל מיטן קאָפּ אויף הינטן. מיטן קאָפּ אין וואָגן צום פערדישן עק־צו, און כאָרכלט:

— אַרויס פון מיר דער נישט־גו—גו—גו..

אַרויס פון מיר דער „נישט־גוטער", האָט ער געמיינט צו זאָגן... דאָס וואָס ער האָט געוואָלט אָפּטאָן האָט מען אים געטאָן. כע־כע. און רוף מיך סמאַגנצע!

— אָט אַזעלכע מעשיות, — פאַרענדיקט וואַיטעק נאָך אַ רגע שווייגן — פלעגט מען דערציילן אַמאָליקע צייטן, ווען איך בין נאָך געווען אַ חדר־ייִנגל, איידער מען האָט מיך אַוועקגעגנבעט פון דער מאַמען „עליו השלום" און אָפּגעגעבן מיך פאַר אַ סאָלדאַט.

— ✶ —

אָפּגעדערציילט, פאַרצויגן זיך מיט דער קאָרענער פּיפּקע און אַרומ־געריינגלט זיך מיט אַ בלויען רויך.

אָבער דער מומע־פּייגעס קינדער זענען נאָך נישט באַפרידיקט. די אויגעלעך גליען ביי זיי:

— ר' לייזערל! און וואָס איז געווען דערנאָך?...

— וואָס — דערנאָך? — מאַכט זיך וואַיטעק תמעוואַטע.

— דער סוף? — פאַרטייטשט טעלצע די דינסט־מויד מיט פאַר־טרערטע אויגן.

— יאָ, טאַקע. — רוקט זיך אַרויס פון זאַל די מומע־פּייגע מיט דער זאָק אין האַנט. זי איז אויך נייגעריק. פאַרגעסן אויף איר באַלעבאַטישן האָנאָר.

— דער סוף? — פרעגט איבער וואַיטעק מיט אַ מינע פון אַ ויידעלע,

וואָס האָט באַהאַלטן פאַר זיינע אייניקלעך אויפן סאַמע סוף אַ ראָזינקע־לעקעכל — דער כּוף איז געווען גאָר אַ געהויבענער. ר׳ איסרל האָט ווי־נישט־איז דעם פערדל אָנגעטריבן. אָנגעפאָרן אין שקלאָוו אינמיטן דער נאַכט, האָט ער געמאַכט אַ געוואַלד אין מאַרק, אויפגעוועקט מענטשן פון שלאָף און אַוועק מיט אַ כאָפּטע יידן אין „סטאַן״. דעם פערד מיט דער פאַרבלוטיקטער פור האָט מען אויך צוגעפירט פאַרן צוימל. אין סטאַן האָט ר׳ איסרל דערציילט די גאַנצע מעשה, געוויזן די דורכגעשניטענע האָר פון באָרד, געוויזן דעם מעסער... און יידן האָבן געהאָלפן אויס־טענהן זיך. דער גוי סטיאָפּע האָט נאָך „געדיאַוועט״ און האָט צוגעכאָרכלט, אַז ס׳איז אמת, אַלץ איז אמת ווי גאָלד... אַ נישט־גו—גו־גו איז אין אים אריין. אַ נישט־גו—גו—גו, כע־כע. אַזוי עדות־זאָגנדיק אויף זיך אַליין האָט ער איינגענומען אַ מיתה־משונה פאַר נאַטשאַלסטווע אין די אויגן. אַ שיינע־ריינע כפּרה פאַר אַלע יידן!

באַלד נאָך די ערשטע טעג יום־טוב, חול־המועד גאַנץ פרי, האָט זיך ר׳ איסרל אַוועקגעלאָזן צופוס צום קאָפּוסטער רבין, מיט אַ שיינעם פדיון און מיט אַ צייל האָר פון באָרד, וואָס דער ערל האָט אים דורכגעשניטן... די אָפּגעשניטענע האָר פון איסר דעם מלמדס באָרד ליגן נאָך ערגעץ־ווו אין אַן אַלטן לעדערנעם סידור פונעם בעל־שם־טוב. ביים רבינס אייניקל אין קאָפּוסט געפינט זיך דער סידור ביז צו היינטיקן טאָג. און נאָר על־טערע חסידים קאָנען אים זען און דעם צייל האָר צווישן זיינע בלעטער חנוכה־צייט, ווען מען בענטשט „על הנסים״.

ס׳לעצטע ציגעלע גיט מילך

1.

צו מאָרגנס גאַנץ פרי, נאָך דער נעכטיקער בריוו־צערעמאָניע ביי מומע־פייגען אין שטוב, האָט וואָיטעק, דער יידישער פּאָטשטאַליאָן אין שקלאָוו, געטופּעט מיט זיינע ברייט־נאָזיקע, לעדער־אָרומגעניייטע וואָלי־קעס, אינעם קלעפּיקן, פריש־אָנגעפאַלענעם שניי. ער איז געגאַנגען דאַווענען צום ערשטן מנין פון פּראָסטאָקעס, אין ליובאַוויטשער בית־מדרש, און, פאַרבייגייענדיק, געקלערט אָפּצוגעבן מערען, פאַנדרעס ווייב, דעם משו־נהדיקן, גרויען בריוו, וואָס שוין באַלד דריי טעג, אַז ער האָט אים באַקומען פון מאָהליוו און האַלט אים נאָך אַלץ אין איין וואָרעמען אין דער וואַטאָוואָוער בוזעם־קעשענע פון זיין אונטער־קאַפּטן.

וואָס ווייטער וואָיטעק איז געגאַנגען, אַלץ גרעבער און גרעסער זענען ביי אים געוואָרן די פיס. זיי זענען ביי אים געוואַקסן ווי אויף הייוון. און אָט... אַז זיי דערגרייכן שוין צו דער אומגעלומפּערטער קלאָ־ציקייט פון אַ שניי־באַבוק, צעפאַלן זיי זיך פּלוצלונג אויף פרישע, ווייסע שטיקער און ווערן מענטשלעך־קליין... דער הונט־רויטער לעדער פון זיינע וואָליקעס אַנטפּלעקט זיך, ווי אַ ברוינע גריבענע אין אַן אויפגע־בראָכענעם קניידל. און ווידער הויבן אָן די מענטשלעכע פיס צו וואַקסן, מיט יעדן טריט אַלץ מערער, אַלץ מגושמדיקער...

בשעת וואָיטעק האָט, נעכטן ביינאַכט, געפּלוידערט ביי דער מומע־פייגען אין קאָך־שטוב, האָט די זאַוויערוכע געקאָכט צווישן די איינגע־בויגענע, קרום־דאַכיקע הייזקעס. ווי קאַלטער שוים אין אַ שוואַרצן טאָפּ האָט זי זיך צום הימל געוואָרפן. אַ ווייסער ווינטער־קדחת איז דאָס געווען, מיט אַ דריבנער קלאַפּעריי פון אייזיקע ציין און מיט אַן אומרואיקער פּאַטשעריי פון האַלב־אָפּגעריסענע דראַניצעס, און מיט אַ פרומער שאָק־

לעריי פון דאַרע בוימלעך אין די יידישע פּאָליסאַדניקעס... אַצינד איז דער בייזער שוים געלעגן פאַרגליווערט ווי פאַרפאָר, דורכגעקנאָטן מיט זאַמד־דימענטלעך און באַשאָטן מיט מאַטאָווע פאַרפעלעך. ער איז געלעגן אין שפּיציקע און קרומע כוואַליעס ביי די פּלויטן, אין סטויגיקע הויפנס אינמיטן גאַס, און אין האַלב־קיילעכדיקע האַלב־אויסגעבלאָזענע פּוכענע קישנס אַרום די קוימענס אויף דעכער. די נאַכטיקע האַלוצינאַציעס פון דער זאַוויערוכע האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין איידעלע שפּיצן אויף צווייגן, און קייטעלעך אויף די ערוב־דראָטן, און אין געצאַצקעטע וואָליקע פרענז אויף סטרעכעס. פון די פינצטערע ליידנשאַפטן בייגאַכט איז געוואָרן מיידלשע, קלאָרע צניעות, און פון די הולטייסקע־צעריסענע שנייאיקע העמדער — קליינשטעטלדיקע הייבלעך אויף פלעקענער, באַדעקעניש־שלייערן אויף קוסטעס, שלעפּעס פון חופּה־קליידער אויף בערגלעך מיסט, און קיטלען אויף פרומע ווערבעס ביי דער אָזערע. איבער דעם דאָזיקן פאַרגליווערטן חן איז געשטאַנען יענע זיסע שטילקייט, וואָס צעגיסט זיך אין אַלע אברים נאָך אַ פאַרפלויגענעם צאָרן, נאָך אַ שווערן חלום ביי אַ געגנזענעם. און אַ פאַרטאָגיקער ווינטער־הימל איז געווען איינגעבויגן איבער דער שטילקייט. און אויסגעזען האָט דער הימל, איבער דער מאַ־טער ווייסקייט פון דער וועלט, כמעט וואָליק־שוואַרץ, דערפאַר האָט זיך געדוכט, אַז דער טאָג גרויט און בלויט נישט אין הימל, נאָר אינעם שניי, אויף דער ערד...

לייזער וואָיטעק איז געווען נישט דער ערשטער, וועלכער האָט, מיט זיינע גראָבע וואָליקעס, צעשטערט אַזוי פרי די חנעוודיקע פאַרקיילעכ־דיקייט און די ווייסע גאַנצקייט פון דער ערד. גאָר נאָענט צו ר׳ סענדערס הויז האָט ער דערזען אויסגעגלעטע פּאַסן, מיט קליינע טריף־לעכער פון ביידע זייטן. האָט ער אין זיי דערקענט די צייכנס פון אַ שליטן. כוועדער דעם וואַסער־טרעגערס שליטן און די קאָפּיטעס פון זיין קאַליקן פערדל.

אַ ביסל ווייטער האָט וואָיטעק מיט זיינע אַלטיטשקע, אָבער דורכ־דרינגענדע אויגן דערזען אַ סך קרומע און פאַרווישטע טריט פון אַ גרויסן הונט, פון עפּעס גאָר אַ גרויסן הונט. די טריט פאַרקערעווען זיך צום אָזערע און צווישן זיי — עטלעכע רויטע טראָפּנס. נעמט וואָיטעק אַרויס די וואַרעמע פּיפּקע פון מויל און בויגט זיך איין. דערזעט ער, אַז דאָס זענען גאָרנישט טריט פון אַ הונט, נאָר פון אַ חיה... יאָ! דאָס זענען גוט־באַקאַנטע טריט...

— טצ... טצ!... — מאַכט וואַיטעק — ר׳ „וועלוול״ אַליין, כע־כע... ווי איך בין אַ באָקסער!

און ווי ער קנאַקט אַזוי מיטן צינגל — ערשט אַ קול פאַלט איבער אים, ווי פון הימל אַראָפּ:

— אַ גוט מאָרגן, ר׳ וואַיטעק! איר קוקט, אַ? קוקט, קוקט!

וואַיטעק גיט זיך אַ קער און דערזעט, אַז דאָס רעדט צו אים משה דער טאָקער, אַ ברייט־פּלייציקער, הויקערדיקער ייד מיט אַ קאַלטענע־וואַטער באָרד, פול מיט האָלץ־ברעקלעך אין די קאַלטנס, און זיינע שפּיציקע שוואַרצע אויגעלעך שפּריצן מיט פונקען. ער שטייט און מאַכט צורעכט זיינע קליידער הינטער אַ פּלעקער־צוים, נאָך אַ מענטש־לעכער באַדערפעניש, האַרט צוגערוקט מיט זיין גרויער קאַפּאָטע צום גרויען צוים. דערפאַר האָט אים וואַיטעק פריער נישט באַמערקט.

— אַ גוטשינקן יאָר אויף אייך! געזונט זאָלט איר זיין און רייך... יאָ, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן? מערע איז דאָך אייער שכנה. זי איז שוין אויפגעשטאַנען?

משה טאָקער איז צו אים כיכענדיק אַרויס פון הינטערן צוים:

— אויפגעשטאַנען? נאָך אַ מין אויפשטיין איז זי היינט אויפגע־שטאַנען, אַ ברירה האָט זי געהאַט?

— וואָס איז שוין דאָרטן פאַר אַ נייע סמאָנצעס? — כמורעט זיך לייזערל.

— אָט, הערט זיך קאָרשט צו! — ענטפערט משה דער טאָקער — איר הערט גאָרנישט?

2.

וואַיטעק באַפרייט אַן אויער פון אונטער זיין רויטן טיכל, מיט וועלכן ער פאַרבינדט דעם לישאַי אויפן נאָז, דערהערט ער אַ שיטערינקן, געצויגענעם געוויין.

— כ׳וואָלט שווערן, — מאַכט ער — אַז אין סענדערס הייזקע וויינט אימיצער. זינט די שריפה ביים נייעם נגיד האָלט מען ביי סענדערן אין איין וויינען...

— טאָקע ז י אַליין, — ענטפערט משה דער טאָקער — „פאַר־דאָניוכע״, סענדערס אַלמנהלע. דעם קאָפּ האָט זי מיר שוין היינט געלעכערט.

— און איך — שאָקלט וואַיטעק פאַרדריסלעך מיטן קאָפּ — איך ברענג פּאַר די ווייבער אַ בריוו. געמיינט, כ׳וועל זיי דערפרייען... וואָס וויינט זי דאָרטן?

— נו, אַ ציג איז אַ ציג — ענטפערט דער טאָקער. — אַז מ׳האָט אַ ציג, דאַרף מען זען די פירהויז זאָל זיין פאַרריגלט ווי עס באַדאַרף צו זיין.

וואַיטעק האָט אים אָנגעקוקט.

— אַוועקגעגנבעט?

—ניין, — דרייט דער טאָקער מיטן קאָפּ — נישטאָ קיין בעלנים אויף אַזאַ מציאה. אַזאַ ביטערע האַרץ ווי סענדעריכען וואָלטן אַפילו גנבים געשאַנעוועט. נאָר אַז די אָזערע איז געפרווירן, קומען די „גוטע געסט" אַריבער פון פּראַנצאָווקער וואַלד. ווייסט זי דען נישט? אָבער אַ יידענע בלייבט אַ יידענע. פאַרגעסן צוריגלען. און ר׳ „וועלוול", אַז ער איז הונ־געריק, איז דאָך אים קיין מעשה נישט צו־קליין! אויף דער קליאַמקע האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט, ווי אַ הינקענדיקער קבצן און אויפגעמאַכט. מיר האָבן היינט פּרי שיער נישט געפּלאַצט פאַר געלעכטער.

— אַ גוטער געלעכטער! — פּיפּקעט וואַיטעק פאַרטראַכטערהייט — דאָס לעצטע ציגעלע.

— איר הערט דאָך: אַלס די בעסטע שמירה, האָט סענדעריכע צו־געבונדן איר ציג צום לייטערל פון בוידעם. און מורנו רבי וואָלף — האַ־האַ־האַ — נעמט און בייסט איין די ציג אין גאָרגל, הויבט זי אויף צוזאַמען מיטן לייטער, און האַידאַ!... צום פּראַנצאָווקער וואַלד, איבער דער אָזערע... געהערט האָב איך עפּעס, אינמיטן דער נאַכט, ווי אימיצער פּאָרקעט זיך מיט נעגל ביי סענדערס הייזקע... זאָג איך צו מיין אַלטיטשקער, צו שצערען זאָג איך: דו הערסט? זאָגט זי: ס׳איז גאָרנישט. און ראַנעצקע: האַ־האַ! קאַזי־קאַזי־קזי, קאַזי, קזי־קזי! און ווייטער קאַזי־קזי־קזי! פּאַרדאָניוכע רופט די ציג... ווו די ציג? וואָס ציג? נישט קיין ציג, נישט קיין לייטער... אַי, האָט זי זיך דאָס צעיאָמערט, די „פּאַרדאָניוכע"! מיר האָבן פריער אַליין געמיינט: גנבים. דערנאָך האָבן מיר שוין דערזען, אין פרישן שניי, ו ו ע ר די גנבים זענען. פון שוועל איבער דער אָזערע ביזקל וואַלד — ריטשקעלעך בלוט. ריטשקעלעך בלוט... מען קאָן זיי נאָך זען.

וואַיטעק און משה טאָקער האָבן זיך געלאָזט גיין עטלעכע טריט

און פונאַנדערגעקוקט די רויטע טראָפּנס, וואָס קייטלען זיך, ווי גרויסע בלוטיקע סגלען, אינעם פאַרווייעטן שליטן־וועג ביים ברעג אָזערע, און פאַרלירן זיך אין דער בלוילעכער ווייטער ווייסקייט. איין ריטשקעלע איז געווען גענוג גרויס און איר צעשפּריצטע רויטקייט האָט דערמאָנט אַ הענגל מיט צייטיקע ריאַבינעס, וואָס קריכט אַרויס ביי די דאָרפישע באַבעס פון מאַרק־קאָרב. דאָ, אַ פּנים, האָט דער וואָלף דאָס ציגעלע אינגאַנצן פאַרצוקט. לעבן דעם דאָזיקן מאוימדיקן פלעק איז געווען קלאָר צו דערקענען דעם פוס־שטעמפּל פון דער חיה: אַ לענגלעכע דאָפּלטע גריבל מיט קרומע נעגל. וואָיטעק האָט מיט זיין אַרומגעניטן וואָליק פון פוס אַ ריר געטאָן אַ הייפל בלוטיקן שניי. האָבן זיך די פאַרגליווערטע בלוט־טראָפּנס אַרויסגעגליטשט פון דער ווייסער קאָשע ווי טריבע גראַנאַט־שטיינדלעך.

— אָט דאָ זענען מיר געגאַנגען נאָכן סליעד! — מאַכט צו אים דער טאָקער נאָך אַ מינוט שווייגן, — און ווילט איר זען, וואָס מירן געפונען? אָט קומט זען!

זענען זיי אַריין צו ר׳ סענדערן אין פירהויז. די טיר פון פירהויז איז געשטאַנען האַלב־אָפן. האָט אויף זיי גלייך אַ שפּאַר געטאָן מיט יענער טוכלער אַרעמקייט און עלנטקייט פון אַן אָפּגעלאָזענער באַלעבאַ־טישקייט, וואָס נאָר פאַריתומטע און פאַראומגליקטע הייזער קענען זיי. עמערס אָן אויערלעך, כאָמעטן אָן רימענס, פאַרשטויבטע טעפּ, אין וועלכע מען האָט שוין לאַנג נישט געקאָכט. אַ פאַרזשאַווערטער מיסט־גאָפּל... אין באַלויכטענעם ווינקל, נאָענט צו דער אָנגעפּעלצטער און צעפּליקטער טיר, מיט הענגענדיקע שטיקער מאָך און טראַנטעס, איז געשטאַנען, אָנ־געלענט אין דער קרום, נישט קיין גרויסער, אָבער אַ נישקשהדיק־שווערער און פייכטער לייטער. פון דעם מיטלסטן שטאַפּל איז אַראָפּגעהאָנגען אַ שטריק מיט צוויי פרישע ציגענע הערנער, מיט אַ בינטל ציגענע גרויע האָר צווישן זיי ביידן, און מיט אַ שטיקל אָפּגעגריזשעטער, גאַנץ־געבלי־בענער שאַרבן־שיכל... אַזוי ווי זיי זענען געווען אָנגעבונדן בשעת די ציג האָט נאָך געלעבט, פּונקט אַזוי זענען זיי געבליבן הענגען אויך אַצינד, ווען די ציג איז שוין מער אויף דער וועלט נישט געווען. פון ווילדן הונגער האָבן די וועלף אויסגענאָגט דאָס לעצטע שטיקעלע פלייש פון שאַרבן, אויסגעלעקט די קלענסטע סמנים פון בלוט. קיין זכר מער

גישט איבערגעלאָזט. בלויז די הערנער... אויף איינצובייסן הערנער זענען וועלפישע ציין אויך צו שוואַך.

מיט זיין לעדערנער הענטשקע האָט וואַיטעק אָנגערירט דעם לייטער. די צוויי הערנער האָבן זיך אַ שאָקל געטאָן און זענען געוואָרן שרעקלעכער... זיי האָבן וואַיטעקן דערמאָנט אַ תליה... אַ תליה אין די פינצטערע צייטן, ביי סעוואַסטאָפּאָל, אין ניקאָלאַי דעם ערשטנס צייטן. אַ תליה פון אַ ווידערשפעניקן סאָלדאַט, וואָס האָט אויפגעהויבן אַ האַנט אויף אַן אָפיציר. האָט מען אים געהאַנגען צווישן די ריזיקע קערב מיט אָנגעשאָטענע ערד אין פערטן באַסטיאָן, ביים שיין פון רויכערדיקע, רויטע שטורקאַצן און ביים אויפּלויכטן פון פראַנצויזישע האַרמאַטן־שאָסן. דאָס פייכטע שטיקל שאַרבן אונטער די הערנער האָבן דערמאָנט אויפגעריסענע שלייפן, צעמזיקטע לייבער... און וועלף האָבן זיך וואַיטעקן דערמאָנט, וואָס יאָגן זיך נאָך זיינע פערד דורך די נאַכטיקע וועלדער. אין די אויגן גרינע פייערן; אויסגעדאַרטע פיס און ריפּן־ביינער אָנשטאָט ביי־כער... און דאָ שטייט דער טאָקער איבער אים און דערציילט אין דער שטיל, די ווייבער הינטער דער צעפליקטער שטוב־טיר זאָלן נישט דערהערן:

— איז זעט איר, ר׳ לייזערל? אָט דאָס איז אַלץ, וואָס מירן געפונען. אפשר צוויי וויאָרסט פון דאַנעט. אויף יענעם זייט אָזערע. ס׳אַ סכנה! זאָגט צו מיר מיין שצערע, זאָג איך: עט, גאָרנישט! כ׳האָב נאָר געכאַפּט מיין האַק און רוף זיך אָפּ צו אונדזער וואַסער־טרעגער, צו כוועדקען רוף איך זיך אָפּ: וועסט גיין, כוועדער? כ׳וועל גיין. נו, גייען מיר אַזוי און גייען און גייען. דער שליאַך איז פאַרווייעט, נאָר די לאַפּעס זענען גוט קענטיק. בלוט־פינטעלעך און בלוט־פינטעלעך און די פּאַסן פון דעם נאָכגעשלעפּטן לייטער. לאַכן מיר. אַ מזיק אַ וואָלף! זאָג איך; „מאָלאַדיעץ!״ זאָגט כוועדקע. און פּלוצלונג, פון אַ קופּע סאָסנע־צווייגן, האָט מיר אַ שיין געטאָן — דער עק פון לייטער! כ׳האָב גלייך דערקענט. כוועדער האָט זיך גענומען רוקן אויף הינטן. און איך — גאָרנישט. כ׳גיי צו אַזוי פּאַוואָליע. די האַק אין האַנט. און מיטן גאַנצן כוח: „אַטו־ו! אַטו־ו!״ קיינער רירט זיך נישט. האָב איך מיטן קאָריק פון שטיוול גענומען שלעפּן דעם לייטער פון יעלניק אַרויס. קיינער רירט זיך נישט. האָב איך דעם לייטער אינגאַנצן אַרויסגעשלעפּט. ערשטע עפּעס אַן אָפענע ווונד קריכט אַרויס צוזאַמען מיט די שטאַפּלען. דאָס זענען געווען די הערנער מיטן שטיק שאַרבן... און אָט! אָפּגעבראַכט סענדעריכען איר

לייטערל מיטן רעשטל פון איר ציג. כע־כע. פאַרטאָג איז עס געשען. שכנים זענען אָנגעלאָפן. סענדעריכע האָט געוואַלדעוועט. מען האָט גע־מיינט — געקוילעט אימיצן.

.3

אין שטוב האָט מען אַפּנים דערהערט, אַז אין פירהויז זענען דאָ מענטשן. וואָרים סענדעריכע, מערעס מאַמעלע, האָט אויפגעמאַכט די טיר, און איר צעקנייטשט פּנימל, ווי אַ געבאַקן עפּעלע, האָט אַרויס־געקוקט:

— אַך, איר, ר׳ משה?

— אַ גוטשינקן מאָרגן סענדעריכען! — מאַכט וואָיטעק — כ׳זוך אייך טאָקע.

אַרויפגעכאַפּט אויף זיך די פאַטשיילע, איז סענדעריכע אינגאַנצן אַרויס אין פירהויז. אָנווייזנדיק אויף די בלוטיקע הערנער מאַכט זי צו וואָי־טעקן אַזוי:

— גו—וט, אַ? אַ לעצטע ציגעלע, זאָגט מען, גיט מילך... אָט האָט זי מיר געגעבן...

מאַכט משה דער טאָקער מיט חכמה:

— המ... אַ ציג בלייבט אַ ציג... געדאַרפט, הייסט דאָס, אַזוי צו זאָגן, צו... צוצוריג —

— געדאַרפט, געדאַרפט! — שלאָגט אים איבער סענדעריכע מיט האַרץ. — מ׳האָט דען אַ קאָפּ זינט נח זיצט? דער מזל מיינער דער פינצטערער!

כדי צו טרייסטן זי, שלעפּט וואָיטעק אַרויס דעם גרויען קאָנווערט פון דער טיפער וואַטאָווער בוזעם־קעשענע:

— אַ בריוו פאַר מערען!

— מע־ערע! — שרייט סענדעריכע — קום אַרויס!

אין שטוב האָט אַ סקריפּ געטאָן אַ בעט און ס׳האָט זיך דערהערט אַ קוויטש פון אַ קינד, וואָס מען רייסט אָפּ פון דער ברוסט. פאַרוויקלט אין אַ רויטלעכער, אָפּגענוצטער פאַטשיילע, איז מערע די הויכע, פאַנ־דרעס שטרויענע אלמנה, אַרויס אין פירהויז, אַן אָפּגעמאָגערטע, מיט בלויע קרועס אונטער די אויגן, מיט אַ פאַרשפּיצטער נאָז, ווי אין אירע כלה־יאָרן. און אין אירע ברוינע אויגן האָט געברענט יענער שטומער

צער און בענקשאַפט פון אַ יונג, געזונט ווייבל, וואָס איז שוין לאַנג אָפּגע־ריסן פון איר מאַן. אויף אירע הויכע מאָגערע פיס מיט דער קורצער פּאַטשיילע אויף די אַקסלען, האָט זי אויסגעזען ווי אַ פּאַרוואָגלטער באַ־טשאַן, וואָס האָט מחמת זיין שוואַכקייט נישט געקענט באַצייטנס אַוועק־פליען אין די וואַרעמע לענדער.

מיט אַ שמייכעלע האָט איר וואַיטעק דערלאַנגט דעם גרויען בריוו, ווינקענדיק צו איר מיט איין אויגל:

— אַ לעצט ציגעלע גיט מילך, אַ ?

— ב ל ו ט י ק ע מילך! — רופט זיך אָפּ סענדעריכע און שאָקלט צו מיט איר געבאַקט קעפּעלע.

פאַרשעמט ווי אַ כלה, וואָס באַקומט צוגעשיקט אַ מתנה פון חתן, האָט מערע גענומען טאַפּן דעם גרויען קאָנווערט, פאַרלעגן געקוקט אויף וואַיטעקן, וואָס זי קען אים נישט סילוקן אַ פּאָר קאָפּיקעס פאַר דער טרחה. אומבאַהאָלפן האָט זי זיך אַ קער געטאָן צו דער מאַמען און פאַרוואָרפן דערביי דעם לאַנגן, בויגיקן האַלדז ווי אַ באַטשאַן:

— מאַמע, אפשר... האָסטו ?

— פון וואַנעט זאָל א י ך האָבן ?... — גיט סענדעריכע אַ קוואַטש־קע ווי אַ הון אויף אייער.

דערזעט וואַיטעק, אַז דאָס מיינט מען די דריי קאָפּיקעס, שקלאָווער טאַריף פאַר אַ פאַרמאַכטן בריוו, וואָס קומט אָן מיט אַ באַלעגאַלע. גיט ער אַ מאַך מיט די אָנגעפּעלצטע פּלייצעס:

— חס ושלום !... פאַר פּאַנדרעס אַ בריוו ?... אַך, אַך !

— טו קומט כאַטש אַריין אַמאָל אין אָוונט טרינקען אַ גלאָז טיי ! — בעט מערע — קומט, ר׳ לייזערל, היינט נאָך מעריב !

וואַיטעק האָט אַ שאָקל געטאָן מיט זיין שווערער באַראַשקענער היטל :

— כע־כע, טיי איז נישט ווינד און ווייַ. בעסער קאַנדל־צוקער איידער אַ גערשט אויפן קוקער. וועלן מיר טרינקען און שונאים וועלן — היקען. אַ גוטן טאָג, פּאַנדריכע !

מיט האַרצקלאַפּעניש האָט מערע אַריינגעטראָגן דעם בריוו אין שטוב. זי האָט אים באַטראַכט, ווי אַ הונגעריקער אָן ציין באַטראַכט אַן אַלט־געבאַקענעם ברויט. זי האָט געוווסט, אַז די בריוו, וואָס נח שיקט צו איינמאָל אין צוויי חדשים, זענען געשריבן מיט רוסישע קאַטשערעס און לאַפּאַטעס. נח שרייבט זיי דורך אימיצן אַ „געלערנטן״, אין אָסטראָג, און

צאָלט פּאַר אָנשרייבן מיט זיינע לעצטע פּיאַטאַקלעך. אַזאַ בריוו ליגט אָפּ וואָכנלאַנג אין קאַנצעלאַריע אין מאָהליוו. דאָרטן ווערט ער געפּרוווט און ערשט דערנאָך ווערט ער דורכגעלאָזן צום ווייב קיין שקלאָוו. פון די אַרומיקע שכנים לייענט קיינער נישט רוסיש. מוז דערפאַר מערע אָנקור־מען צום זונדל פונעם נייעם נגיד, וואָס האַלט ביי ענדיקן די שטאָט־שול. אָבער כמעט אַלע מאָל, ווען זי קומט אַהין מיט אַזאַ בקשה, טרעפט זי דעם תנא־ברי ווי ער שלאָגט זיך מיט זיין עלטערער שוועסטער, מיט די באָמבעלעך אין די בלאָסע אויערן... זי שרייט: „מאַ־אַמע!” און ער טשעפּעט זיך, מיט אַן אָנשפּיל אויף אירע ציגענע מעלות:

קאַזי־קאַזינע
שהלך לגינה
ואכל לבאָטשווינע
אמר רבינא:
מאי דינא? א. א. וו.

דאָס זעלבע לידעלע, וואָס ר׳ סענדער, עליו השלום, האָט געהערט ביים נייעם נגיד, בשעת ער האָט צום ערשטן מאָל געמוזט אָנקומען צו אים. ער האָט וועגן דעם געראָטענעם ברודער און נאָך מער געראָטענער שוועסטער דערציילט אין שטוב. און מערען איז דערנאָך אויסגעקומען צו הערן דאָס זעלבע צולהכעיס־לידעלע, און שטופּן זיך מיט איר עלנטן בריוו צווישן די שטענדיק־צעקריגטע ברודער און שוועסטער.

און אויסער דעם... ווען מערע קומט צוגיין צום נייעם נגיד מיט איר קינד אויפן אָרעם און מיטן בריוו איז האַנט, קוקן דאָרטן אויף איר אַלע שטוביקע אַ ביסל קרומלעך, ווי אויף איינער, וואָס קומט מיט אַ טענה. זיי זעען אין איר אַריינקומען — נישט אַ ביטער האָרץ, וואָס וויל וויסן וואָס דער מאַן אין אַרעסט שרייבט איר, נאָר אַ מין לעבעדיקע פּרעטענזיע אויף דער בהמה, וואָס פאַנדרע האָט געראַטעוועט פון פייער; אַ פּרע־טענזיע אויף דאָס שטעלן זיך קעגן דעם שכורן פּריסטאַוו... לייענט מען איר ברוגזלעך איבער דעם בריוו און די נגידיתטע שטעקט איר אָפּ אַמאָל אַ האַלאַטשאָק מילך, אַמאָל אַ טעפּל זויערקרויט. און אַז מערע גייט אַרויס, קרימט זיך די נגידתטע מיטן געלבן געזיכט:

— מען קען זיך איר גאַרנישט אויסצאָלן, דער קבצנטע...

זי האָט דאָס איינמאָל דערהערט, מערע, ווי נאָר זי איז אַרויס פונעם נייעם נגידס הויז. האָט זי דעם טעפּל מיט זויערקרויט געלאָזן שטיין פאַר

דער טיר און אַוועק אַ וויינענדיקע אַהיים: נויטיק אומלעבן האָט זיך נח געדאַרפט איינשטעלן פאַר אָט די דאָ!...

אַ גאַנצן טאָג דערנאָך האָט זי געוויינט.

4.

זינט דעם גייט זי לייענען אירע בריוו צום אַפּטייקער, וועלכער שמעקט מיט נאַפּטאַלין און הייסט אַליין „נאַפּטאַלין”. זרח נאַפּטאַלין. דאָס איז אַ פּאַרזעסענער בחור מיט קרייזעלעך אַרום די אויערן און מיט אַ פעטן פליך איבערן גאַנצן קאָפּ. אונטער די אויגן האָט ער אַפילו פריינדלעכע קנייטשעלעך, נאָר קוקן קוקט ער אויף דער שטרויענער אַלמנה, ווי אַן אַלטער קאָטער מיט אַן אָפּגעביסענעם עק הינטער אַ צוים אויף אַ יונגער קאַץ, וואָס דראַפּעט זיך. דער צוים פון געטאָקטע פלעקענער, וואָס טיילט אָפּ דעם אַפּטייקער פון זיינע קונדן, פאַרשטאַרקט נאָך די דאָזיקע ענלעכקייט. ער לייענט מערען דעם בריוו מיט אַ לאַקריץ־שמיי־כעלע אויף די פייכטע ליפּן. און נאָך זיסער און מיאוסער ווערט דאָס שמייכעלע, ווען עס קומט אים אויס לייענען צערטלעכע ווערטלעך פון פּאַנדרען צו זיין ווייב. דאָרטן ציט ער די ווערטער לאַנג און פאַרזיכטיק, ווי פאָדים פון פּאַטאָקע און קוקט אָן מערען פאַרשנדיק, מיט אַ נייגעריק־פייערל אין די אַלט־בחורישע אויגן. ער וויל זען, צי די הייסע ווערטער האָבן מערען צעגומען... אַ חלשות גייט איר אָן. אין באַק וואָלט זי אים מכבד געווען, ווען זי וואָלט נישט געווען אַזוי דערשלאָגן.

אָפּטמאָל, בשעת אַזאַ לייענען אין אַפּטייק, דוכט זיך איר, אַז זי זיצט גאָר צוקאָפּנס ביי איר מאַן, וועלכער איז אַ חולה־מסוכן. אַרום און אַרום שמעקט עס מיט יאָדינע, קאַרבאָלקע און מיט יאָדאָפאָרם. און דער חולה רעדט פון היץ. דעם גאַנצן בריוו רעדט ער אַרויס פון היץ... זי גייט אַוועק אַ קראַנקע.

מערע האָט אויפגעריסן דעם קאָנווערט און... ס'איז געשען אַ נס! דאָס מאָל איז דער בריוו געווען אַ יידישער. ליבע יידישע „קאָטשערעס”, נישט קיין גויאישע... דעם אמת מוז מען זאָגן, אַז מערע האָט אַפילו קיין יידיש אויך נישט געקענט לייענען, און פונדעסטוועגן האָט זי זיך דערפרייט. מיט אַ יידישן בריוו איז איר אָפּן די וועלט. זי ברויכט נישט דעם נייעם נגידס זונדל, נישט דעם אַפּטייקער מיט די זעקעלעך אונטער די אויגן. מומע־פייגע, וואָס וווינט דאָ אין שכנות, קען אויך איבערלייענען אַ יידישן

בריוו. אַ געזונט אין נחן! דאָס מאָל האָט זיך אים, אַפּנים, איינגעגעבן דורכצושמוגלען אַ יידישן בריוו פון הינטן־אַרום.

— זעסט? — האָט מערע פריילעך געשמונצערט צו איר עופּעלע — אַ בריוו פון טאַטינקן!...

ציטערנדיק, האָט זי ווידער אַרויפגעכאַפּט די פּאַטשיילע אויפן קאָפּ, איינגעבויגן זיך איבער איר קינד און אַ קוש געטאָן אונטערן אויער, ווו עס ליגט אויסגעגאָסן אַ בלוי־רויטער פלעק. מיטן דאָזיקן פלעק איז דאָס קינד געקומען אויף דער וועלט. סענדעריכע האָט געזאָגט, אַז דאָס קומט פון אַ שרעק בשעת אַ שריפה. זי, מערע, האָט זיך דאָך דערשראָקן אין זעקסטן חודש פאַר דעם נייעם־נגידס שריפה, איינמיטן דער נאַכט. נח האָט זי געלאָזן איינינקע אַליין, און מיטן האַק אין האַנט געלאָפן ראַטעווען דעם נייעם נגידס שטאַל. מסתמא האָט זיך מערע אַ כאַפּ געטאָן פאַרן האַלדז. איז אָט! דער אָפּשיין פון דער שריפה האָט זיך איבערגעגעבן. אַן אייביקן פלעק האָט יענער שרעק איבערגעלאָזט אויף איר קינדס העלדזל, לזכרון. זי, מערע, זאָל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, וואָס דעם נייעם נגידס שריפה האָט איר אָנגעטאָן...

מערע האָט איבערגעלאָזט דאָס קינד אויף דער מאַמעס הענט און אַריינגעלאָפן צו דער מומע־פייגען.

— פייגע־לעבן! — האָט זי אָנגעשטורעמט, קייכנדיק און שעמענדיק זיך — האָט רחמנות!

די מומע־פייגע האָט געמיינט, אַז ס'איז אַלץ מכוח דער ציג, וואָס די וועלף האָבן צעריסן היינט פאַרטאָג. האָט זי אַ טראַכט געטאָן: אַ נייער גמילת־חסד אויף דער הייסער מינוט, מיט דעם זכות פון דער פאַרצוקטער ציגעלע... האָט זי זיך דערפאַר גלייך געכאַפּט צו איר גרויסן בייטל אויפן לענד:

— וויפל דאַרפט איר?

— אָך, ניין — פאָכעט פאַנדריכע מיט איין פּאָלע פון פּאַטשיילע, ווי אַ פאַרוואָגלטער באַטשאַן מיט אַ צעבראָכן פליגל און שלעפּט אַרויס אַ פּירקאַנטיק פּאַפּיר פון אונטערן זעלבן פליגל — אָט דאָס!

מומע־פייגע, מיט איר שאַרפן אויג, האָט גלייך דערקענט, אַז דאָס איז דער זעלבער קאָנווערט, וואָס וואָיטעק האָט נעכטן ביינאַכט געהאַלטן ביי איר אין קאָך־שטוב. ער האָט אים אַפילו, על פּי טעות, אַרויסגעצויגן פון בוזעם־קעשענע אָנשטאָט אוריס בריוו.

— פון דיין נחן? — שלאָגט זיך אָן מומע־פייגע.

— טוט אַ טובה!

מומע־פּייגע האָט גלייך דערפילט דעם צער פון אַזאַ יונגער ווייב ווי מערע איז, וואָס קען אַפילו, אין איר עלנט, נישט לייענען דעם מאַנס בריוו און מוז אָנקומען צו לייטן. געלויבט איז דער אויבערשטער! זי האָט גאָט אָפּגעהיט פון אַזאַ אָפּקומעניש.

די נעבעכדיקע מינע איבער דאָס פּאַרצוקט ציגעלע, וואָס איז געווען אָנגעגרייט ביי מומע־פּייגען אויפן פּנים, איז אַראָפּ אינגאַנצן. מומע־פּייגע איז פייערלעך צוגעטראָטן צום קאַמאָד און אַרויסגעזעצט אויף דער נאָז אַ פּאָר שפּאַקולן מיט ווייכע האָלאָבליעס. אוריס בריוו לייענט זי אָן שפּאַקולן. זי קען זיין כתב און טרעפט זיינע אותיות, ווי פאַרדרייט זיי זאָלן נישט זיין. אָבער פרעמדע בריוו שטרענגען זי אָן. און אויסער דעם איז זי זיכער, אַז שפּאַקולן, ביים לייענען פרעמדע בריוו פון אָרעמע שכנות, גיבן איר צו מער פייערלעכקייט און מער חשיבות. און שטעלן זי מיט אַ קאָפּ העכער פאַר די יינגערע און שענערע ווייבער, ווי מערע פאַנדרעס, וואָס פאַרשטייט זיך נעבעך נישט אין די שוואַרצע פּינטעלעך.

ביי דער שטרויענער אלמנה

.1

וואָיטעק איז אַ גאַנצן טאָג געווען נישט מיט אַלעמען. די פּייכטע, אָפּגעגריזשעטע הערנער פון דעם פאַרצוקטן ציגעלע האָבן זיך אַלץ געשאָקלט פאַר זיינע אַלטיטשקע אויגן און צוזאַמען מיט זיי — בלוטיקע מעשים פון סעוואַסטאָפּאָליער מלחמה. זיין אויפרעגונג איז געווען אַ מאָדנע, אַ יוגנטלעכע. אימיצער האָט אים אַ כשוף אָנגעטאָן. אַזוי האָט אים גענאָגט דאָס האַרץ אַ מ אָ ל, גאַנצע יאָרן נאָכאַנאַנד, נאָכדעם ווי מען האָט אים אַוועקגערויבט פון אונטער דער מאַמעס פאַרטוך, בשעת דער גויאישער „דיאַדקאַ" האָט אים געשלאָגן און אַרויסגעטריבן אַ הונגעריקן פּאַשען חזירים... האָט ער געטאָן דעם דיאַדקעס ווילן: מיט דער בייטש געקנאַקט איבער די חזירישע רוקנס און געדאַוונט פון אַ קלייניקן סידורל מיט אַ לעדערנעם רוקן, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פונדערהיים, און אויסבאַהאַלטן פון אַלע בייזע אויגן...

און היינט באַגינען... די רויטע בלוט־פלעקן אויף דעם פריש־געפּאַלענעם שניי, אויפן ניכטערן האַרצן — האָט אים אויפגערודערט דעם גאַנצן הייוון פון דנאָ, אויפגעברויזט זיין קילן, אָפּגעשטאַנענעם, אַכציק־יאָריקן וויין.

נאָך מעריב איז ער אַוועק צו פּאַנדרעס שטרויענער אלמנה טרינקען טיי. אַזוי ווי ער האָט איר היינט פרי צוגעזאָגט. ער האָט געקענט סענדערס טאָכטער און האָט געוווסט, אַז ס'וועט איר פאַרדריסן, אויב ער וועט נישט קומען. דאָס וואָלט געהייסן, אַז ער, וואָיטעק, איז נישט צופרידן, וואָס מען האָט ביי אים אַראָפּגעשלונגען דעם טאַריף פאַרן אָפּגעבראַכטן מאָהליוועער בריוול...

אין סענדערס אָפּגעלאָזענער הייזקע איז ער אַריין אָן יענע הכנות און אָן יענער ברייטקייט, מיט וועלכער ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נעכטן ביי־

נאַכט צו דער גבירינטע, צו דער מומע־פייגען אין הויז. דער געזונטער חוש פון אַ גוטמוטיקן פּראָסטאַק האָט אים אויך אָפּגעהאַלטן פון זיין שוואַכ־קייט צו האַקן גראַמען, זאָגן חכמות. אַפילו אָן זיין איינגעחזרט ווערטל: „שמאָנצעס" האָט ער פאַרגעסן.

ביי דעם פינף־קאָפּיקענעם אָוונט־לעמפּל איז די גאַנצע טרויעריקייט און אבלות אין שטוב געלעגן אַ באַגולדעטע: די טרויערקייט נאָך פאַנדרעס אַרעסט און די אבלות נאָך ר׳ סענדערס טויט. די אָרעמקייט האָט גע־שמייכלט פון די שאָטנס אַרויס מיט אַ שמייכל פון „צדוק הדין". דער שניידערשער זייגערל אויף דער וואַנט, וואָס האָט פריער, בשעת ר׳ סענ־דער האָט נאָך געלעבט, אַזוי פלייסיק געטיקעט און געטאַקעט און געלאָפן מיטן אומרו, ווי אויף איין פיסל, אין דער צייט אַריין, און גערעדט צו סענדערס האַרץ פון אַ גוטער עלטער — איז ג ע ש ט א ַ נ ע ן... זיין שטענדיק פאַרהאַוועטער אומרו איז אַצינד געהאָנגען אַ ביסל קרום, ווי דאָס צינגל ביי אַ טויטער קאַץ. די צייט איז פאַרגליווערט געוואָרן צווישן די פיר בערוועגע־ווענט. און די שעהן האָבן זיך דאָ געצויגן אָן אַן אָנהויב און אָן אַ סוף. און טאַקע צוליב וואָס ציילן די מינוטן ווי נייאינקע גראָשנד־לעך? מיט אַ צייט צי אָן אַ צייט... ס׳איז שלעכט!

דער שטוביקער ריח פון אָפּגעשטאַנענע וואַרעמעסן האָט דאָ אויך געפעלט. אין דער באַגולדעטער האַלב־טונקלקייט האָט געשוועבט נאָר אַ גערוך פון איבערגעזייערטע קרויט, פון הערינג־ראָסל, פון געשטויסענע קאַניפּליעס און פון שוואַרץ ברויט. אַלץ יענע ריחות פון אָרעמקייט, וועלכע פאַרגינט זיך נאָר זעלטן־ווען אַ געקעכץ אין מיטן וואָך, און באַגנוגט זיך מיט טרוקענע ווינטערדיקע מאכלים, מיט איבערכאַפּן דאָס האַרץ.

אין ווינקל, ביי דער וואַרעמער לעזשאַנקע, מיט די גרינע אַלט־מאָדישע קאַכליעס מיט אַ גלאַנץ פון פאַליווע, ווי פויערישע טעפּ, איז געזעסן סענדעריכע איבער אַ זאַק מיט אַ לאָך. דאָס לעמפּעלע אויבן. און איר פּנים איז געווען גרין באַלויכטן אין שוואַכן אָפּשיין פון די קאַכליעס. מיט אירע טיפע און האַרטע קנייטשן האָט די קליינטשיקע סענדעריכע אַליין אויסגעזען ווי אַ קאַכלענע פון ערדיקן ליים געקנאָטענע און מיט גרינער פאַליווע באַגאָסענע באַבעלע. בולט און שטאַר. נאָר אירע גרינע הענטלעך לעבן נאָך און באַוועגן זיך ביים צירעווען. פון דער גראָבער וואָלענער לאָך אין זאָק לויפט ביי איר אַלע ווײַלע אַרויס אַ גרינלעכער פונק — אַ נאָדל און לויפט צוריק אַריין.

מערע האָט אַריינגעטראָגן פון קאָך־שטוב צוויי גלעזער מיט שוואַרצ־לעכן טיי, אַ פּאָר קליינינקע שטיקלעך קאַנדל־צוקער אויף אַ טעצעלע — יענער סאָרט צוקער, וואָס איז גוט צום הוסט און וואָס טיי קען מען מיט אים אויסטרינקען דריי גלעזער נאָכאַנאַנד. און פונדעסטוועגן בלייבט ער נאָך אַלץ ליגן, ווי אַ זיסע פּאַטשערקע, אויף דער צונג און צעגייט נישט. סענ־דערס צוקער, עליו השלום.

דאָס קינד אין דער אָרעמינקער וויגעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ קוויטש. האָט דאָס מערע גענומען צום ברוסט מיט דער איינפאַכקייט פון אַ מוטער פון פאָלק, וואָס קוקט אויף אויפקנעפּלען איר ווייסן בוזעם פאַר אַ פרעמדן, ווי אויף אויפמאַכן אַ פאָרטקע אין אַן אָנגעפּיפּקעט הויז. פון איר רויטער מולטענער בלוזע האָט זיך אַרויסגעגליטשט אַ ווייסער קנויל מיט בלויע אָדערלעך און מיט אַ ברוינעם שפּיץ, ווי באַשמירט מיט מילך־שאָקאָלאַד. ביי מערעס מאָגערקייט האָט זיך, כמעט, נישט געקענט גלויבן אַזאַ שטייפקייט, אַזאַ געזונטקייט און זאַפטיקייט. דאָס קינד האָט זיך צוגעכאַפּט מיט אַ זליוקען, ווי צו אַ קוואַל. קענטיק געווען, אַז קיין סך מי קאָסט אים נישט אַזאַ זויגן. אַפילו ביי אַזאַ איבער־אַכציק יאָריקן יידן, ווי וואַיטעק איז געווען, האָט מערעס אַנטבלויזטע מוטערלעכקייט אַרויסגערופן דאָס פאַרגעסענע בילד פון זיין יונג־פאַרשטאָרבענער ווייב. נאָר יענע איז געווען אַזאַ נעבעכדיקע אַקעגן אָט דער דאָ.

— אַ געזונט ווייבל, קיין עין הרע! — האָט זיך וואַיטעק געטראַכט — סענדערס אַ טאָכטער...

מערע האָט זיך אָבער פאַרט אַ ביסל פאַרשעמט. נישט מיט איר אַנטבלויזטן לייב, נאָר מיטן רויטלעכן פלעק אויפן העלדזל פון איר קינד. וואַיטעק האָט זיך פאַרקוקט אויפן פלעק. האָט זיך שוין מערע מער נישט געקענט איינהאַלטן און אָנגעוויזן מיטן פינגער:

— אָט! — פון דער שריפה! אַלץ פון דעם נייעם נגידס שריפה...

וואַיטעק האָט זיך אַ קראַץ געטאָן, געטרייסט מערען:

— ס'מאַכט נישט אויס. וואָלט געווען אַ מיידל איז עפּעס אַנדערש. אָבער אַזאַ יונג! נישקשה. כע־כע, ר'וועט שוין גוט האַלטן די לייצעס נאָכן טאַטן, נאָך הונדערט מיט צוואַנציק יאָר...

2.

דאָס קינד האָט געזויגן און מערע האָט זיך עפּעס געקלאָגט אינדער־

שטיל. און געדאַכט האָט זיך, אַז זי באַגלייט דאָס זויגן פון איר קינד מיט אַ טרויעריק געזאַנגעלע. זי האָט זיך באַקלאָגט אויף איר אומגליק, אויפן חורבן אין שטוב, אויף דעם בייזן ווינטער, אויף די גראָשענע פּרנסות ביים טישל אין מאַרק... די „קאַכלענע מאַמעלע" אויף דער לעזשאַנקע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איר פאַרגליווערטקייט, געוואָלט איבערדערציילן צום צענטן מאָל דעם אומגליק מיט דער צעריסענער ציג. נאָר מערע האָט זי אָפּגעשטעלט:

— מאַמע, גענוג וועט שוין זיין!...

אַנשטאָט דעם האָט זי וואָיטעקן אויסגעשאָטן אַ הויפן נייעס פונעם מאָהליווער בריוו וואָס ער האָט איר היינט פרי אָפּגעבראַכט, און וואָס די שכנטע, מומע־פייגע, האָט איר צוויי מאָל געמוזט איבערלייענען... די בשורות אין פאַנדרעס בריוו זענען גאָרנישט געווען פון די שלעכטע. ערשטנס: אינעם יידישן בריוו, וואָס ער האָט דאָס מאָל געלאָזט דורכשוואַרצן האָט ער זי אָנגערופן מיטן אַלטע, געלאַשצעטן נאָמען פון נאָך דער חתונה; מערע־מרוינעלע האָט ער זי אָנגערופן. עטלעכע מאָל אַזוי. און צווייטנס, שטייט דאָרטן, אַז זיינער אַ גוטער ברודער פון אָסטראָג, שעפּטעלע, דאַכט זיך ,רופט מען אים. יאָ, שעפּטל־גנב, האָט זיך פאַר אים פאַסטאַרעט פון הינטן־אַרום. נישט אַנדערש, אַז ס'איז זיין מלאכה און זיין געלט. וואָרים אים און שמחהלען האָט מען גאָר פלוצלונג באַפרייט פון די אָפּטריטן און פון דער אומריינער פאַס. און אַצינד גייען זיי אויף אַרבעט מיט אַלע אַנדערע אַרעסטאַנטן. זיי זעגן אַצינד, שרייבט ער, האָלץ אין וואַלד. ער האָט, שרייבט ער, הנאה פון דער אַרבעט. ער האָט זיך, שרייבט ער, אָטחייעט, ער און שמחהלע. אַרומגעוואַשן זיך אַ ביסל. די אַרעסטאַנטן באַהאַלטן זיך מער נישט פון אים. פונעם גוי „טשורילע", ווען ער האָט אָנגעבראָכן די ביינער, הערט מען נישט מער. מ'האָט אים, שרייבט ער, איבערגעפירט אין אַן אַנדער אָסטראָג, קען מען ביינאַכט רואיק שלאָפן אויף די פּאָליצעס. וואָרים אָט דער ערל טשורילע האָט זיך פאַרשוואָרן צו קוילענען אים ווי אַ גאַנדז, אין מיטן דער נאַכט... און נאָך שרייבט ער איר, נח, אַז ער האָט נאָר עגמת־נפש פון שמחהלען. שמחהלע טורערו האָט זיך צוזאַמענגעשמעקט מיט די סטאַראָזשעס און מיטן שליסלער. ווו אַ קאָפּיקע גיט ער זיי אָוועק. ער מאַנטשעט ביי אַלעמען עפּעס אויס און גיט זיי אָוועק. שוואַרצן זיי אים דערפאַר אַריין נישט־געלייטערטן בראָנפן פון ברויז. סם־המות, שיכורט ער, דער טורערו. ער דערעסט נישט און שיכורט. און אַז שמחהלע שיכורט זיך אָן, מאַכט ער סקאַנדאַלן און

שרייט, אַז ער וועט דעם נייעם נגיד אַ מעשה אָנטאָן נאָכן אָפּזיצן. ער וועט אים.. .ער וועט אים שעכטן „אויף טרפה” און די בהמה זיינע וועט ער שעכטן... שמחהלע איז שוין נישט איינמאָל געזעסן אין קאַרצער פאַר זיינע מעשים. קומט דערנאָך צוריק אַ פּגירה. שילט זיך און הוסט און טשעפּעט זיך מיט אַלעמען. נישט איינמאָל האָט זיך שוין פאַר אים פּאַנדרע איינגעשטעלט, יאָ. מכּוח דעם נייעם נגיד איז עפּעס אויך אין בריוו געשטאַנען. ער, דער נייער נגיד, הייסט דאָס, איז נישט קראַנק צו אויסהעלפן... דער שוויגער סענדעריכען אין נויט. אַ געראַטעוועטע טיראַ־לער בהמה און דאָס אָפּזיצן אין אָסטראָג, פאַר זיין כּבוד און פאַר זיין באַק, איז עפּעס מער ווערט ווי אַ פּאָר רובל אַ חודש... אָבער זי, מערע, פאַרשטייט גאָרנישט וואָס ס'איז מיט פּאַנדרען געוואָרן. ווי שעמט ער זיך דאָס נישט צו שרייבן איר אַזעטקענע זאַכן. זי וועט דאָס גיין בעטן ביים נייעם נגיד? אָדער דער נייער נגיד וועט זיך אפשר אַליין דערמאָנען?... פּאַנדרע שרייבט אַפילו „דער שוויגער”, אָבער זי פאַרשטייט דאָך, אַז דאָס מיינט מען זי אַליין... ווען זי גייט אַריין צום נייעם נגיד איבערצולייענען אַ רוסיש בריוול, מיינען זיי שוין דאָרטן, אַז זיי מאַכן זי גליקלעך. אַלע זענען דאָרט זויער און צעקראָכן ווי איבערגעשטאַנענע פּעטשאַ און קוקן טוען זיי אויף איר ווי אויף אַ קבצנטע, וואָס שטופּט זיך אין קרובהשאַפט. אָט דאָ אַנומלטן, ביים אַרויסגיין פון נייעם נגיד האָט זי דערהערט אַ שיין ווערטל הינטערן טיר. האָט זי זיי געלאָזן שטיין זייער טעפּל קרויט אינמיטן פּירהויז און איז אַוועק. זאָל זיך די נגידיתטע קוויקן אַליין מיט איר גוט־האַרציקער זויער־קרויט...

יאָ, ווייטער בעט נח, אַז בריוו זאָל מען אים שרייבן רוסישע. ווייל אַלע בריוו צו די אַרעסטאַנטן גייען דורך דער קאַנצעלאַריע. פּאַרוואָרפן זיי יידישע בריוו אינגאַנצן, אָדער ס'ליגט אָפּ גאַנצע וואָכן. און מ'זאָל, חס ושלום, נישט דערמאָנען דעם יידישן בריוו, וואָס ער שיקט דאָ. קיינער טאָר פון דעם נישט וויסן...

— נאָ, — מאַכט וואָיטעק נאָכן אויסהערן אַלע נייעסן און פאַרציט זיך מיט זיין קאָרענער פּיפּקע — דו זעסט, מערע! כ'האָב דיר שוין היינט געזאָגט, געלויבט דער אויבערשטער! דאָס לעצטע ציגעלע גיט מילך...

רופט זיך אָפּ די „פּאַליוּוענע” סענדעריכע פון דער גרינער לעזשאַנקע:

— ס'וואָלט געווען גלייכער דאָס ציגעלע אַליין זאָל בלייבן גאַנץ...

דאָס קינד האָט זיך אָנגעזויטיקט, אָפּגעריסן דאָס מיילכל פון דער מוטערס ברוסט און צעניסט זיך פון וואָיטעקס פּיפּקע. אויסגעהערט דער

מאַמעס ברכות און דער באָבעס צווינטשונגען און אָנגעשטעלט אויף וואַיטעקן אַ פּאָר קיילעכדיקע, בייגעריקע אויגלעך. אין שפּאַס האָט אים דער אַלטער צוגעשמונצערט און אויסגעלאָזן מיט אַ קעצישן קול:

— פּקכּכ—י—י!

דאָס קינד האָט אים געענטפערט מיט אַ שמייכל. איינע פון יענע קינדערשע שמייכלען, וואָס בליען אויפן גלאַטן פּנימל, ווען דאָס קינד האָט צוטרוי צו אַ „גרויסן".

נישט קוקנדיק אויף אַזאַ ליבלעכן שטומען שמועס צווישן צוויי אַזעלכע פאַרשידענע עלטערס, איז וואַיטעק באַלד נאָכדעם געבליבן זיצן אַ פאַרטראַכטער, אַ שווייגעדיקער. האָט זיך מערע פאַרחידושט:

— וואָס איז מיט אייך היינט ר' לייזערל, אַ? עפּעס זייט איר היינט נישט מיט אַלעמען.

— אָט, — מאַכט וואַיטעק און קוקט זיך אום אויף דער אַלטיטשקער סענדעריכען אויף דער לעזשאַנקע — דאָס פאַרצוקט ציגעלע... דאָס בלוט אין שניי היינט פאַרטאָג... ס'גייט מיר פון זינען נישט אַרויס. שוין איינמאָל געזען אַזאַ ציגעלע אין שניי. אָן אַ טאַטן, אָן אַ מאַמען. אין כּעוואַסטאָפּאָלער שניי... אַ יידישער משומד, נעבעך, איז דאָס געווען.

דאָס סידורל

3.

— געוועזן איז דאָס — אַזוי האָט וואָיטעק אָנגעהויבן דערציילן אָן איבעריקע הכנות — געוועזן איז דאָס אין סעוואַסטאָפּאָל אויפן ברעג ים, ווען די שטאָט איז שוין געווען האַלב־צעשאָסן. דער פראַנצויז האָט צוגענומען איין באַסטיאָן נאָכן צווייטן. און דער ענגלענדער האָט געהאַרמיי־טערט פון די שיפן. פון נאָענטע הייזער איז געוואָרן בערג מיט ציגל, און פון די געפלאָכטענע דאָפּלטע פּלאַנקעס, אָנגעשאָטענע מיט זאַמד און שניי, איז געוואָרן הורבעס בלאָטע... אויף די נאָענטע בוימער זענען געהאָנגען געפרוירענע קישקעס פון פערד. וואָרים דער פראַנצויז האָט זיך אונטערגעגראָבן אונטער די באַסטיאָנען, אַריינגעקייקלט פעסלעך מיט פולווער און האָט אויפגעריסן. זענען פערדישע און, להבדיל, מענטשישע גלידערים געפלויגן אין הימל אַריין.

אונדזער פּאָלק האָט זיך באַפעסטיקט הינטער אַ וואַסער־קאַנאַל — אַ מין ברייטע געפרוירענע קאַנאַווע. און דעם אייז האָבן די סאָלדאַטן געמוזט האַקן, טאָג־איין טאָג־אויס, אונטער אַ האָגל פון קוילן, טאָמער שטורעמט אָן דער פראַנצויז זאָל ער נישט געפינען קיין פאַרטיקע „בריקן” אַריבערצוגיין צו אונדז... האָבן מיר געמיינט, אַז מיר זענען זיכער. אָבער נאָך האַלבע נאַכט האָט זיך איינמאָל אָנגעהויבן אַ שיסעריי פון פלאַנק, פון דער זייט הייסט דאָס. ווי קומט דער פראַנצויז פון דער זייט? אפנים זיי האָבן זיך אַריינגעריסן ערגעץ־ווו ווייט און אומגעגאַנגען אונדזער קאַנאַל מיט זיינע שווערע האַרמאַטן. אונדזערע אָפיצירן האָבן דעם קאָפּ פאַרלוירן און איך האָב פאַרלוירן מיין ראָטע. אונדזער ראָטנער איז גלייך פון אָנהויב אַנידערגעפאַלן. אַ באָמבע האָט אים אַראָפּגעקלאַפּט דעם קאָפּ, ווי אַן עפּעלע פון בוים. זיין אָרט האָט פאַרנומען דער פעלדפעבעל און זיך באַלד אויסגעצויגן אָן אַן אָרעם און פּלייצע... דער שונא האָט זיך

פאַרנומען פון הינטן און געשטופּט אונדז צום קאַנאַל צו, ווו מיר אַליין האָבן דעם אייז אויפגעריסן. זענען מיר געבליבן צעטומלטע צווישן פייער און וואַסער און גענומען אַרויסקלייבן זיך ווי מייז פון פּאַסטקע. די סאָל־דאַטן האָבן זיך צעמישט און גענומען לויפן. און דאָ פאַרנעמט זיך שוין אויף פאַרטאָג. אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר אַזוי געטראָמייטערט און גע־שאָסן, נישט וויסנדיק וווּהין און וועמען מיר שיסן... לויף איך אַזוי, כדי אָנצוטיאָגן מיינע אַנטלאָפענע חברים. די זאַפּאַסן, ווייס איך, ליגן לינקס. אויך עטלעכע רוסישע שיפן ליגן דאָרטן איינגעקאָוועט אין אייז. פון ים אָקעגן מיר שמייסט אַ שנייאיקער ווינט. זשמורע איך מיך, לויפנדיק, און שלאָג זיך פּלוצים אָן אין אַ געפלאַכטענעם פּלאַנקן. ס׳איז אָבער נישט געווען קיין פּלאַנקן. ס׳איז געווען איינע פון די ריזיקע קערב אָנגעשאָטן מיט געפרוירענע ערד, כדי אָפּצוהאַלטן דעם האָגל פון באָמבעס, כדי צו שיצן די לעצטע הייזער און די סאָלדאַטן פון זאַפּאַס, וועלכע פאַרטאַיען זיך הינטער די דאָזיקע קערב און וואַרטן ביז די טראָמייט וועט זיי הייסן לויפן אין פייער אַריין. גיב איך אַ שפּרונג און אַ לויף, כדי צו באַהאַלטן זיך הינטער דער דאָזיקער קאָרב, און פאַל שיעור נישט איבער אַ צע־בראָכענער ביקס.

און וויסן דאַרפט איר, אַז יענע ביקסן זענען נישט די היינטיקע ביקסן. געוויגן האָט אַזאַ כלי נישט ווייניקער ווי אַ פּוד, און פּלעגט אָנצינדן דעם פּולווער דורך אַ קרעמען. ווי די מוזשיקעס צינדן נאָך ביז צו היינ־טיקן טאָג אָן זייערע פּיפּקעס. איז דער קרעמען נאַס געוואָרן, איז געווען אַ סוף מיטן שיסן. ביים פראַנצויז זענען שוין געווען די ביקסן אויף פּיסטאָנעס. האָט געמעגט אַפילו גיסן אַ מבול פון הימל, האָבן זיי אויך געקענט שיסן. דערפאַר טאַקע, זאָגט מען, האָבן זיי דעם קייזער ניקאָלאַי אַנגעלייגט אַ קאָלנער... די בעסטע סאָלדאַטן האָבן דאָ גאָרנישט נישט געקענט העלפן.

איך אַליין האָב זיך קוים אויף די פיס געהאַלטן, אָט אָ די ביין פון באָז איז מיר שוין דאַן געווען אָנגעשאָסן און געברענט ווי פייער. פאַל איך אַזוי איבער דעם צעבראָכענעם ביקס, ווי איבער אַ קלאָץ מיטן קאָפּ צו דער געפרוירענער ערד. נאַ, טו איך אַ טראַכט, איצטער בלייב איך איינגאַנצן אָן אַ נאָז!... און דערשפּיר גאָר אַ ווייכע זאַך, אַ שינעל פון אַ סאָלדאַט דערשפּיר איך אונטערן פּנים און איך דערהער אַ שאַרפן קרעכץ.

— ווער איז דאָס דאָ? — שפּרינג איך אויף.

— סוואַי! — ענטפערט מיר אַ הייזעריקער קול. און איך זע, אַז דער פאַרשנייטער שינעל רירט זיך. אַ ברוסט קייכט און אָטעמט אונ־טער אים.

בלייב איך אַזוי שטיין און ווייס נישט וואָס ווייטער צו טאָן: צי לויפן ווייטער זוכן מיין ראָטע, צי ראַטעווען אַ פאַרוואונדעטן. די מורא פאַרן טויט קומט אויף צוגיין און שושקעט מיר אַריין אין אויער: אָט האָסטו אַן אויסרייד נישט צו לויפן אין פייער און בלייבן דאָ באַשיצט פון פראַנצויז צווישן די גרויסע קערב מיט געפרוירענער ערד! און אין האַרצן טוט ווי וואָס איך, וואָיטעק, איינער פון די בעסטע שיסער אין אונדזער ראָטע, וועל זיך דאָ באַהאַלטן, ווי אַ וואַנץ אין שפּאַלט, און וואַרטן... אויף וואָס וואַרטן?... וואָס זאָל איך זיך דאָ עוסקן מיט אָט דעם געפאַלענעם חזיר? עפּער אַ ווילדע בייזקייט נעמט מיך מיטאַמאָל אַרום נאָך אַזאַ שווערער נאַכט... פּאַניע אויף מיר האָט אפשר מער רחמנות געהאַט, ווען ער האָט מיך אַוועקגעריסן פון מיין מאַמען „עליו השלום" און פאַרשלעפּט מיך אין דער פרעמד איינינקן אַליין?... פונדעסטוועגן זעץ איך מיך צו צום סאָלדאַט אויף דער ערד און פרעג אים ווער ער איז. ענטפערט ער נישט. ער כריפּעט.

זוך איך פּאַוואָליע דעם אָרט ווו די קויל האָט אים געטראָפן. די הענט, דאַכט זיך, זענען גאַנץ. די פיס זענען גאַנץ. מיטאַמאָל טאַפּ איך אַן אַן איינגעפאַלענעם שטיק שינעל. פון איין זייט בויך, זע איך, אַז דער טייל שינעל איז אַרונטערגעריסן און איז עפּעס לײדיק. הויב איך אַזוי פּאַמעלעך אויף דעם שטיק שינעל אינדערהויך און קוק אַריין... הער, מערע, דו זויגסט דאָך אַ קינד, דו וועסט זיך נישט דערשרעקן?

— איז וואָס האָט איר דערזען? — רופט זיך אָפּ די „פּאַליוועגע" סענדעריכע פון דער גרינער לעזשאַנקע.

— איך בין נישט פון די שרעקעדיקע — באַרויִקט אים מערע נאָך אַ מינוט שווייגן.

— דערזע איך, — דערציילט לייזערל ווייטער און דער מאָכיקער פּנים ווערט ביי אים גרינלעך־בלאָס ווי ביי סענדעריכען — דערזע איך אונטן, אויף דער שנייאיקער ערד, אַ מין טונקל־רויטע פּאַרקילעכץ, אַ גאַנצע לעבער אָנגעפאַלדעוועט, קנייטש אויף קנייטש. וואָס העכער אַלץ רויטער. ס'איז געווען דאָרט פּאַרקילטע, אויסגערונענע בלוט און איבער דעם אַ רויטלעך ביינדל... אַזאַ ביינדל האָט היינט אַרויסגעשטעקט פון אונטער אייער ציגס הערנער אויפן לייטער. דערפאַר האָב איך זיך

דערמאָנט. אַ גאַנצן טאָג איז זיך מיר דאָס מתדמה... מוז איך מיר פון האַרצן אַראָפּרעדן.

— איז וואָס איז דאָס געווען? — פרעגט איבער מערע און פאַר־בייסט אַ ליפּ.

— געווען איז דאָס, פאַרשטייט זיך, נישט אַביינדעלע פון אַ ציג. אַ ראָזעווע ביינדל פון אַן אָפּגעשיילטן מענטשלעכן ריפּ איז דאָס געווען. כ׳האָב גלייך דערקענט. און אַ ביסעלע טיפער, אונטערן שינעל, נאָך איינע אַזאַ ביינדעלע. לאָז איך אָפּ די טראַנטע פון שינעל און פאַרדעק. איך בויג זיך צו צום פאַרשנייטן קאָפּ און פרעג:

— פון וועלכן פאָלק און ראַטע ביסטו? כ׳וועל לויפן זוכן דעם „רויטן צלם”. נאָסילקעס וועל איך זוכן...

— ניע נאַדאָ! — מאַכט ער צו מיר — איך דאַרף נישט קיין צלמים. גענוג צלמים, מאַכט ער. אָט־אָ באַלד גיי איך אָפּ... זאָגט ער. זיץ בעסער!

— העון, — קלער איך — אַ פּאַניע פאַר דער גסיסה זאָל נישט האַלטן פון צלמים. מן־הסתם מישט זיך אים אין קאָפּ פאַרן טויט. טרייסט איך אים ווי איך קען:

— כ׳וואָלט דיר, — זאג איך — ברודער סאָלדאַט, געלייענט אַן „אָטכאָדנע”...*) נאָר כ׳בין, — זאָג איך, — אַ ייד...

— אַ ייד? — כריפּעט ער, דער גוסס, און הייבט אויף אַ קודלאַטן קאָפּ און אַ פינצטערן פּנים, צעקנייטשט פון מוראדיקע יסורים. ער שפּאַרט זיך אָן מיט די לעצטע כוחות אויף איין עלנבויגן און קוקט מיך אָן ביים ערשטן גרויען פון טאָג. אין די אויגן ברענט אַ משוגעת־פייערל. אַ טוי־טער בין איך געבליבן, דערזעענדיק אָט די פּאָר אויגן.

— אַ ייד! — ענטפער איך אים און רוק זיך אָפּ אַ ביסעלע אין אַ זייט.

און ער פאַלט צוריק מיטן שווערן קאָפּ אין שניי און כריפּעט:

— דעם צלם נעם פון מיר אַוועק! נעם אַוועק דעם צלם!

— וועלכן צלם? — ציטער איך. — איך זע נישט, ברודער, קיין צלם!

— אויפן האַרצן! — כריפּעט ער — נעם אַוועק! ער ברענט מיך!...

4.

כ׳האָב מיך אַרומגעקוקט. קיינער, אויסער אונדז, איז נישט געווען

*) אַ קריסטלעכע תפילה פאַרן טויט.

צווישן די צוויי געפלאָכטענע פלאַנקעס מיט אָנגעשאָטענער ערד. ערגעץ־ווו ווייט האָט מען נאָך געשאָסן און געטראָמייטערט. האָב איך זיך געשטעלט אויף די קני לעבן גוסס און פּאַוואַליע אויפגעקנעפּלט אים דעם שינעל ביים סאַמע קאָלנער. דערנאָך די קורטקע, דער — קאַפּטל און העמד ביים האַלדז. כ'האָב אָנגעטאַפּט אַ פּאַרשמאָלצן שנירל און אַ צי געגעבן. ס'האָט אַ בליאַסק געטאָן אַ מעשענער צלמל... ווי אַ געלינקער רוח'ל איז ער אַרויסגעשפּרונגען פון אונטער דער סאָלדאַטסקער אָנטועכץ. אַ מעשענער, אַ לאַכנדיקער אַזאַ. אויסגעפּאַלירט פון לאַנג טראָגן אים אויף דער האָריקער האַרץ, און אַ ביסל וואַרעם פון דעם מענטשלעכן לייב, האָט ער אַ פאַל געטאָן ווי אַ גליענדיקע קויל. כ'האָב אַוועקגעכאַפּט מיין האַנט. וואָרים ווי קום איך אַ ייד, אַ סאָלדאַט, צווישן אַזוי פיל קריסטן־רשעים, אָנצוהויבן זיך מיט זייערע צלמים? מער פעלט מיר נישט...

דער געפאַלענער זעלנער האָט מיך אָבער נישט אָפּגעלאָזט.

— רייס אָפּ! — שרייט ער צו מיר און אין האַרצן פייפט ביי אים. — וואַרף אַוועק.

— ניין! — זאָג איך — מ'טאָר נישט... ווי קום איך?...

— כ'בין אויך אַ ייד. — כריפּעט יענער און גלאָצט מיך אָן מער מיט די ווייסלעך ווי מיט די שוואַרצאַפּלען. — מ'האָט מיך אָפּגעשמדט מיט געוואַלד. מ'האָט מיך... אוי־אוי!...

שטעל איך מיך שוין ווידער לעבן אים אויף די קני און פרעג אים:

— פון וואַנען ביסטו, בראַטיעץ טי מאָי?

— פון האָרי־האָרקי *) — שעפּטשעט ער — די כאַפּערס... מ'האָט מיך אין באָד איינגעשלאָסן, די „דיאַדקעס"... מיט הערינג מיך געקאָרמעט... כ'האָב מיין שתן געטרונקען פון דורשט... געבערענט מיך און געבראָטן, פּאָניע... כ'האָב נישט אויסגעהאַלטן. אוי־אוי...

אָפּגעקרעכצט, האָט ער ווייטער צו מיר גערעדט. דער פּנים האָט זיך אים אינגאַנצן פאַרקרימט, דער מויל אויף אַ זייט:

— גאָט רעכנט זיך מיט פּאָניען. דער פראַנצויז ברענט אים, דער ענגלענדער בראָט אים... אַציגד איז פּאָניע אין באָד... כאַ־כאַ־כאַ...

כ'האָב מיך נאָכאַמאָל אַרומגעקוקט צי קיינער האָרכט נישט צווישן די „נאָסיפּעס" מיט ערד.

— איז וואָס זאָל איך טאָן? — פרעג איך אים.

---

*) אַ שטעטל אין מאָהליוער גובערניע.

— רייס מיר אָפּ דעם צלם! רייס אָפּ! כ׳וויל מיט אים נישט באַגראָבן ווערן.

כ׳האָב אַ ריס געטאָן ביים שנירל און אָפּגעריסן. דער צלמל האָט מיר געברענט די דלאָניע ווי אַ הייסער שטיקל גראַנאַט פון אַ „הוביצע״, אַ האַרמאַט אַזאַ. מ׳האָט דאָך דאָס אָנגעטאָן אַ קליין ייִנגל מיט געוואַלד, דערוואָרגן זיין ייִדישקייט, ווי אַ גוי דערוואָרגט אַ פּיסקליאַניק... אָבער אַוועקוואַרפן דעם צלמל האָב איך מורא געהאַט. טאָמער געפינט אים ווער אין שנײ און נעמט חוקר ודורש זיין. האָב איך אַראָפּגעלאָזט דעם ביקס פון פּלייצע און מיטן אייזערנעם „שטיק״ געמאַכט אַ טיפע גריבל אין דער געפרוירענער ערד, טעמפּ געמאַכט אינגאַנצן דעם שטאָלענעם שפּיץ... אין גריבל אַריינגעוואָרפן דעם צלמל מיטן שנירל צוזאַמען, צוגעטאָפּטשעט מיטן קאָרעק פון סאָלדאַטסקען שטיוול, צוגעדעקט מיט שנײ. אויס צלמל!

מיטאַמאָל דערזע איך, אַז די ציין בלישטשען ביים משומד אין מויל. דאָס האָט ער געשמייכלט. צופרידן געווען, וואָס כ׳האָב געטאָן זיין לעצטן רצון. נאָר מיר האָבן זיינע ציין אויסגעזען, ווי די אָפּגעשיילטע ריפּן אונטער זיין שינעל. איבער זיין אויסגערונען בלוט לאַכן ביי אים צוויי צעבראָכענע ריפּן. איבער די בלויע ליפּן זיינע — די ציין. און ווי איך שטיי אַזוי אַ פאַרשטיינערטער — ערשט איינע אַ האַנט זיינע הויבט זיך אויף צו מיר און ווייזט אויפן האַרצן ביי זיך:

— אַ סידורל!... לייג אַריין!...

— אַ סידורל? — בויג איך זיך צו אים ווידער אַראָפּ — וואָס פאַר אַ סידורל? כ׳האָב נאָר איין איינציקן סידורל. פון דער היים געבראַכט. איין סידורל...

דאָס מויל האָט זיך ביים משומד גלייך פאַרמאַכט. די ציין האָבן אויפגעהערט גלאַנצן. אַ כליפּען און כריפּען האָב איך דערהערט. ער האָט געוויינט, דער געפאַלענער סאָלדאַט, ווי אַ קליין קינד, אַ קראַנק קינד, וועלכן מען גיט נישט די צאַצקע וואָס ער פאַרלאַנגט:

— אַ סידורל! אַ סידורל! אַ סי־סי!...

— זעמליאַק! — בעט איך זיך ביי אים — כ׳האָב נאָר איין סידורל! פון דער היים געבראַכט. איין סידורל. נאַ, זע.

און, רעדנדיק אַזוי, נעם איך אַרויס מיין אוצרל פון בוזים־קעשענע. אין כשרן קעלבערן לעדער געבונדן. בלויע בלעטער מיט אַן אַלטן שקלאָ־ווער דרוק. מיט אַן אויפשריפט אויפן אינערלעכן בלאַט פון איינבונד:

„זה הסידור שייך...״ מיין פאָטער, עליו השלום, האָט דאָס אויפגעשריבן מיט זיין אייגענער האַנט.

דערזעען אַזוי נאָענט צו זיך אַ סידורל, האָט זיך דער גוסס אַ ביסל אַ הויב געטאָן, צוגערירט זיך צום לעדערנעם רוקן מיט די ליפּן. און פאַלט צוריק. קוקט צו מיר אַרויף מיט תחנונים און בעט זיך:

— כאָטש איין בלעטל, ברודער! דיר בלייבט אַ גאַנצער סידור מיט בלעטלעך... איין בלעטל אָנשטאָט דעם... להבדיל... אָנשטאָטן צלם... אָט דאָ, אויפן האַרצן לייג מיר אַוועק!

כ׳האָב אויפגעמאַכט מיין סידורל און אַ מיש געטאָן. ער האָט פריער געהאַט אין זיך צוויי שער־בלעטלעך. איין שער־בלעטל מיט אַ צאַצקע, מיט אַ געעפנטן טויערל, מיט רינגעלעך און מיט צוויי לייבן אויפן טויער. עס איז נאָך גאַנץ עד־היום. און אַן אַנדער שער־בלעטל — אָן אַ צאַצקע...

נישט געטראַכט קיין סך האָב איך אויסגעריסן דאָס צווייטע שער־בלעטל. באַוויזן דעם גוסס פאַר די אויגן, צוזאַמענגעלייגט דאָס בלעטל, ווי אַ קמיע, און עס אים אַריינגעשטופּט טיף אונטער דער האַרטער העמד, פון קאָלנער ביז דער האַריקער ברוסט זיינער. זיין לייב איז שוין געווען באַדעקט מיט אַ קאַלטן שווייס. פונדעסטוועגן האָט ער נאָך אַ זיפץ געטאָן. ער האָט אַ זיפץ געטאָן ווי אַ געראַטעוועטער, ווי פון אַ גרויסער סכנה אַרויס, און די ציין זיינע האָבן זיך ווידער צעבלישטשעט.

כ׳האָב אים איינציקווייז פאַרשפּיליעט צוריק דעם וואַרעמען קאַפּטל, די קורטקע, דערנאָך דעם שינעל. די ברוסט ביי אים האָט געכריפּעט, אונ־טער מיינע געפרוירענע פינגער, אַלץ פאַמעלעכער און פאַמעלעכער. און אַז איך בין פאַרטיק געוואָרן, האָט ער מער שוין נישט געכריפּעט... איך גיב אַ קוק — אַ שוימל גיסט זיך אים פון ביידע זייטן מויל, אויף דער האַרטער באָרד; און די ציין שמייכלען פון שוים אַרויס.

כ׳האָב זיך ווייטער אַ לאָז געטאָן זוכן מיין ראָטע. אין האַרצן האָב איך אַפילו מורא געהאַט, טאָמער געפינט פאָניע דאָס בלעטל, ביים באַ־גראָבן די געפאַלענע סאָלדאַטן, און וועט דערזען, אַז מ׳האָט דאָ געמאַכט אַזאַ בייט... יעדער סאָלדאַט האָט דאָך אַ נומער. מ׳ווייסט ווער ער איז... וועט מען נעמען נאָכפרעגן, נאָכזוכן... נאָר די פרייד, וואָס איך האָב מחיה געווען אַ יידישע נשמה פאַרן טויט, איז געווען גרעסער...

צו אַ זוכעניש און פאַרשעניש מצד פאָניען איז, געלויבט דער אויבערשטער, נישט געקומען. פאָניע האָט נישט דערלעבט. וואָרים מיר האָבן אין יענעם טאָג פאַרלוירן דעם גאַנצן ראַיאָן, ווו מיר האָבן זיך

ביינאַכט אַזוי בלינדערהייט געשלאָגן. די געפּלאָכטענע פּלאַנקעס מיט ערד, ווו דער הרוג איז געבליבן ליגן, איז אויך אַריינגעפאַלן צום פראַנצויז אין די הענט. דער פראַנצויזל האָט אונדז געשלאָגן אין פלאַנק און אַזוי אַרום געשטורעמט אַלע באַפעסטיקונגען ביים קאַנאַל. ביז איבערדערפרי האָט ער זיי אַלעמען פאַרנומען, ביזן סאַמע ים אַראָפּ. מן־הסתם האָט ער אויך דעם הרוג מיט מיין שער־בלעטל אויפן האַרצן באַגראָבן מיט די איבעריקע געפאַלענע סאָלדאַטן, זיינע און פאַניעס, אין איין ברודער־קבר...

נאָר צוליב וואָס דערצייל איך דאָס אַלץ?... אַזעלכע זאַכן דערציילט מען נישט. מען קען פאַר זיי האָבן אַ פּסק נאָך היינט... הויב זיך אָן מיט פאָניען! דו פאַרשטייסט דאָך מסתמא, מערע?... נאָר דאָס בלוט אין שניי, דאָס ציגענע בלוט היינט פאַרטאָג, לאָזט מיך נישט צורו. אַ כישוף מיר אָנגעטאָן... און אויב דו ווילסט, מערע, קענסטו זען. אָט אין מיין אַלט סידורל אין לעדערנעם איינבונד! אַ שקלאָווער, פאַרצייטיקער דרוק... איבער הונדערט יאָר איז דאָס סידורל אַלט...

און מערע האָט דאָס קינד אַריינגעלייגט אין וויגעלע און מיט מאָגערע, זשעדנע הענט אַ בלעטער־געטאָן אין סידורל. צוויי דורות זענען געזעסן איינע אַנטקעגן דעם אַנדערן ביים לעמפּעלע און אַ הונדערט־יאָריקער עדות, אַן אַלט סידורל, צווישן זייביידן. דער צער פון אַ ווייטער אויסגעשטאָרבענער וועלט האָט מערען אַרומגענומען. דאָס צווייטע שער־בלעטל אין סידורל איז געווען אויסגעריסן און די רעשטלעך, די ציינערדיקע רעשטלעך פון אויסגעריסענעם בלאַט זענען געווען צוגעקלעפּט מיט פּאַפּ, כדי דאָס אַקעגן־בלעטל, אין דער סוף פון סידורל, זאָל זיך האַלטן און נישט אַרויספאַלן.

די סעודה פון „חברה־קדישא״

1.

ווער ס׳האָט, בעוונותינו הרבים, פאַרלוירן דעם אַפּעטיט, דער זאָל גיין זען ווי שקלאָווער חברה־קדישא עסט... וועט ער געהאָלפן ווערן.

און עסן, ווי ס׳געהער צו זיין, טוט די חברה איין מאָל אין יאָר, און הייסן הייסט עס: „די גרויסע סעודה פון חברה־לויה״.

די איינציקע באַלוינונג איז זי פאַר דער שווערער חברהשער פּראַצע אַ גאַנץ יאָר: מטהר צו זיין, אָנטאָן תכריכים, טראָגן צום בית־עלמין און מקבר זיין שקלאָווער בר־מינַנס. אַ גאַנץ יאָר אַזוי, אין היץ און אין קעלט, אין רעגן און אין גליטשיקן שניי, אַ מהלך־רב איז יעדע לויה. פון שטאָט ביזקלן בית־עלמין, אויף אַ באַרג אין רישקאַקי — שיינע עטלעכע וויאָרסט היטערן גרויסן מיל ביים דניעפּער.

די געלטער וואָס חברה־קדישא מאָנט איין, ביי ברייט־האַרציקע און קאַרגע יורשים, גייט דאָך אויף כלערליי צדקה־זאַכן: תכריכים פאַר אָרעמעלייט, אויף אויסצוהאַלטן דעם לוויה־בית־מדרש און חברהשע שמשים, אויף רעמאָנט פון פּלאַנקען אַרום בית־עלמין, און שכירות פאַרן קברות־מאַן. וואָס־זשע בלייבט פאַר דער הייליקער טרחה פון די אַנשי־חברה־לוויה: די ליימער, נאָסקע־טרעגער, רימערס, קצבים און באַלעגאַ־לעס? זיי בלייבט נאָר איבער די גרויסע סעודה איין מאָל אין יאָר.

דערמאָנענדיק זיך אין איר, קנאַקן אַלע פאַרשמאַכטע צינגעלעך, און טרוקענע גערגעלעך לויפן אַרום אין אויסגעצויגענע העלדזער צו זוכן אַ ביסל שפּייעכץ...

ביי פּרץ סמאָלענסקינען, דער גרויסער העברעאישער שרייבער און אַמאָליקער שקלאָווער ישיבה־בחור, ווערט באַשריבן אין „קבורת־חמור״, אַז דער העלד זיינער — יעקב פון שכולה, פון שקלאָוו הייסט דאָס, האָט אויפגענאַשט אַלע לאַטקעס, וואָס חברה־לויה האָט אָנגעגרייט צו דער

גרויסער סעודה. און דערפאַר האָט מען אים אַריינגעלייגט אין חרם און פאַרשריבן אין פנקס צו באַגראָבן אים „קבורת־חמור״...

איז הנה... זייט וויסן, יידן, אַז סמאָלענסקין עליו השלום איז, במחילה מכבודו, געווען אַ רעכטער שטיקל באַרימער! וואָרים ווען יענקוץ, דער העלדישער מסור זיינער, וואָלט אַפילו געווען מיט צען מיילער און יעטוועדער מויל מיט פיר־און־זעכציק ציין אָנשטאָט צוויי־און־דרייסיק, און מיט עטלעכע מאָגנס פון אַ קעמל — וואָלט ער אַזאַ קעסל לאַטקעס און בלינצעס און פעטע טייגעכצן, ווי חברה־קדישא גרייט אָן צו איר יערלעכער סעודה, אויך נישט געקענט אַריינפּאַקן אין זיך. נאָר פאַרפאַלן! באַשריבן איז באַשריבן. אויף אַ מעשה פרעגט מען קיין קשיא נישט. נאָך אַ ווערטל איז פאַראַן: אַז „דאָס בעסטע אין דיכטונג איז אַ ליגן״. אַ גוטער דיכטער געווען פּרץ סמאָלענסקין. אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן!

מענטשן, וואָס האָבן די דאָזיקע בערג מיט טייגעכצן און לאַטקעס געזען מיט זייערע אייגענע מענטשלעכע אויגן פון פלייש און בלוט, דערציילן פון זיי נסים ונפלאות. אַ זיסער שוידער גייט דורך דורכן רוקן, ווען מיר דערמאָנען זיך אָן דעם כוח־האכילה פון אונדזערע טאַטעס, אָן דער טיפקייט פון זייער געבענטשטער קישקע, אַריינצונעמען אין זיך אַזוי פיל פעטע, דורכגעפרעגלטע טייג. און סך־הכל, דאַכט זיך, מיט איין איינציקן דור צוריק!... וואָס זאָלן זאָגן און וואָס זאָלן רעדן אַזעלכע קאַליקעס פון יונגן דור, ווי מיר זענען? וואָס ציטערן טוען מיר צו נעמען אַן איבעריקן ביסן און דער דאָקטאָר האָלט נאָך אין איין טענהן, אַז ס׳איז שעדלעך, אַז מיר עסן צופיל...

נישט צו פאַרגעסן, אַז דאָס רעדט זיך בלויז פון טייגעכץ און בלינצעס ביי אנשי חברה־לויה! דאָס זענען דאָך בלויז די פאַרבייסעכצן, צום סוף פון דער גרויסער סעודה. און ווו זענען דאָס עפּעס די מאָוימדיקע קופּערנע פאַנען מיט פיש, אויף בעראָזאָווע קוילן געקאָכט, כדי עס זאָל נישט שמעקן מיט רויך? און ווו זענען דאָס, אַ שטייגער, די מוראַדיקע קעסלען מיט געענדזנס, פון וועלכע מ׳האָט די פעטע הויט נישט אָפּגעשיילט און געפּרעגלט מיט די גריוון צוזאַמען? די פאָלומעסיקעס מיט געהאַקטע לעבערקעס? די פּיראַמידעס פון אייער אַריינצושלאָגן אין די טייגעכצן? די עמערס בראָנפן און פעסער ביר?

די גאַנצינקע גאַס, אַרום בית־מדרש פון חברה־לויה, איז צוויי טעג געווען פאַרטשאַדעט פון די פעטע קעסלען און הייסע סקאָווערדעס, וואָס

כאַרכלען און פייפן אין לויה־הויף; פון פעדערן־סמאַלעניש און לעבער־בראָטעניש. און די פאַרפאַסטע מיטגלידער פון חברה־קדישא האָבן זיך דאָ אַרומגעדרייט ווי אַ פוקס אַרום אַ הינער־שטייג, כדי אָנצושמעקן זיך מיט די טייערע ריחות פון געפּרעגל און געקעכץ, און געריבן זיך די הענט.

נאָר צו וואָס זאָלן מיר גלאָט אין דער וועלט אַריין דרייען אַ מוח מיט בלויזע אַבסטראַקציעס? מען קען נאָך מיינען, אַז דאָס זענען גוזמאות. אָט לאָמיר, למשל, אויסרעכענען דעם שפּייז־צעטל פון אַזאַ סעודה, כמעט אַלע יאָר דאָס זעלבע, וואָס יעדער פאַרפאַסטער חברה־מאַן באַקומט ביינאַכט נאָכן תענית. און זאָלן מבינים אָפּמעסטן דעם אַפּעטיט פון אַ פאַרגאַנגענעם דור, און זאָלן בעלי־חשבון אָפּשאַצן די אויסגעשטאָר־בענע קיי־אינסטרומענטן און פאַרדייאונג־אַפּאַראַטן, וואָס האָבן זיך קיינמאָל נישט געגוויסיקט מען זאָל זיי רייניקן מיט צאָן־בערשטלעך, נישט מען זאָל זיי אונטערשמירן מיט ריצנאייל...

קודם כל „המוציא". צו מאַכן המוציא האָט יעטוועדער פון חברה קדישא באַקומען אַ ווייסע חלה און אַ פערטל לאַבן פרישן קאָרענעם ברויט.

צו מאַכן „לחיים!" — יעדן אַ סאָטקע בראָנפן. און צו פאַרבייסן נאָכן „לחיים" — אַ שיסעלע מיט געהאַקטע גענדזענע לעבער איבערגע־גאָסן מיט אַ פּאָר לעפל פרישע שמאַלץ.

דערנאָך — געריכט נומער איינס: אַ פונטיקן שטיק קאַרפּ, געציבלט און געפעפערט און געפילט, מיט פיש־מילך און מיט רויג אַרומגעלייגט, און איבערגעגאָסן מיט אַ יויך־לעפל פון בוריקעס־כריין.

דערנאָך — נישט ווייניקער ווי אַ פערטל פון אַ גוט־אויסגעקאָרמעטער גאַנדז, געבראָטן צוזאַמען מיט הויט און שמאַלץ. אויסער די ווייכע שמאַלץ פון די „פלאָסצענעס", וואָס ווערט באַנוצט פאַר די טייגעכצן. אַ צוגאָב צום פערטל גאַנדז — אַ שטיק פופיק מיט פליגעלעך, אָדער אַ שטיק געפילטער גענדזן־האַלדז מיט פיסלעך. דערצו נאָך, עס זאָל זיך גוט אַראָפּגליטשן — אַ גרויסע זויערע אוגערקע און אַ געבאַקטער עפּל.

צום פאַרטרינקען אַזאַ רייכע פּאָרציע — יעטוועדן אַ גרויסע פלאַש ביר.

עס קאָן דאָך אָבער, חס ושלום, פּאַרט אויספעלן דורשט...אַ קשיא אויף אַ מעשה? אַזעלכע טיפּע קישקעס ווי די חברה קדישא־לייט האָבן!... דערפאַר האָבן די גבאים אויך געזאָרגט, פון קדמונים אָן געזאָרגט, אַז יעדער חברה־מאַן זאָל באַקומען אַ הויפן „פּעניצלעך", דאָס הייסט: דין־

געשניטענע שייבעלעך פון סיטנעם ברויט, דיק־באַשמירט מיט אַ געדיכ־טער מישונג פון געשטויסענע קאַניפּלעס מיט פעפער און זאַלץ און אינג־בער; און אַזוי צוזאַמען געבראָטן אויף בלעכן, ווי ענגלישע טאָוסטלעך, להבדיל. דאָס ווערט מיט אַ פריילעכן קנאַק געכראַמשקעט צווישן די געריכטן, דאָס צעגייט אין מויל מיט אַ בוימלדיק־שאַרפן געשמאַק; דאָס פלאַקערט־אָן צונג און גומען און ווערט געלאָשן מיט וואָס גאָט גיט: מיט קאַלטינקן ביטערן ביר, מיט זויערן קוואַס, גאָרגלט זיך עס אַזוי מחיהדיק און עס ווערט זיס־אָפּגעזיפּצט און מען נעמט זיך ווידער צו די „פּע־ניצלעך".

שטייט, דעריבער, צווישן די געריכטן אַ קרוכלע קנאַקעריי און לאָזט זיך הערן פון איין עק טיש ביזקל צווייטן און פאַרקלינגט די גאַנצע סעודה מיט אַ באַטעמטן אויפהיצן די קיי־אינסטרומענטן און מיט אַ לעשעניש, וואָס מען לעשט זיי, זליאַקענדיק און אָכצענדיק. אָן דעם איז די סעודה קיין סעודה נישט, ווי אַ חתונה אָן כלי־זמר.

נאָר דאָס זענען אַלץ זייטיקע הנאות. דער עיקר הנאה ליגט פאָרט אין די געריכטן גופא. אויף זיי טאָרן מיר אַ מינוט נישט פאַרגעסן.

נו, נאָך דער גוטער פאָרציע גענדזגנס — אַ פערטל טייגעכץ פון טייגעכץ־לאַנד. יעדער טייגעכץ אַזוי גרויס ווי אַ קעסל־פּויק. פון לאָקשן געמאַכט און דורכגעריבן מיט אייער און מיט „יוצרות": ווי, למשל, קליינע גריוון, ציבעלע־שלאַכעץ, געגנדזענע מוחות און מיט אַ סך שמאַלץ, אַזוי ווי הברה־קדישא האָט ליב. דרויסן איז יעדער טייגעכץ געווען פאַרברוינט און האַרט ווי וואַלד־ניס, און אינעווייניק — צאַרט און געלבלעך ווי קעלבערנע געהירן, געשפּרענקעלט מיט גאָלדיקע און שוואַרץ־ברוינע „יוצרות". אַ שם האָבן די דאָזיקע טייגעכצן געהאַט אין גאַנץ שקלאָוו. וואָרים דאָס וואָס חברה־קדישא פאַרגינט זיך איינמאָל אין יאָר ועט זיך דאָך קיין באַלעבאָס אין מיטנוואָך נישט פאַרגינען.

אַלס צולאָג צום פערטל טייגעכץ געהערט נאָך אַ בערגעלע בלינצעס. יעדער בלינצע געפילט מיט געברוינטע מעל און אַזוי גרויס ווי אַ המן־טאַש. אָדער לאַטקעס... שוין איינמאָל לאַטקעס! ביי לייטן וואָלט דאָס געהייסן געפּרעגלטע פלאָדנס. נאָר חברה־קדישא איז אַלץ קליין אין די אויגן. ביי חברה־קדישא הייסט דאָס „לאַטקעס".

נאָך די לאַטקעס טראָגן די סאַרווער אַרום זעק מיט ווינטער־עפּל אויף די פלייצעס און פאַרטיילן זיי צווישן די אָנטיילנעמער פון דער

סעודה. יידן זאָלן זיך אָטחיהן נאָך אַזאַ „עס״, קיין עין־הרע, און פאַר־טרייבן די שמייע.

ניין. כ׳וואָלט געווען אַ בעלן זען, ווער פון היינטיקע שצאַגלעס, וועט אַריינגעמען אין זיך אַזעלכע פאָרציעס און בלייבן גאַנץ?...

למען האמת מוז געזאָגט ווערן, אַז נישט אַלע פון חברה־קדישא האָבן זיך פאַרגינען אויפצועסן אַזעלכע פעטע בערג מיט מאכלים. כאָטש קענען, וואָלט זיי געקענט. זיי זענען אָבער געווען נאָבל און געטיילט די מוראדיקע פאָרציעס מיט זייערע אָנגעהעריקע, מיט ווייב און קינדער, וואָס האָבן געהינעט ביי די סעודה־טישן, אָדער וועלכע האָבן געוואַרט אויף זייער חלק אינדערהיים. פאַר ווייבער און קינדער פון גראָבע יונגען, נישט פאַר קיינעם געדאַכט, און פון זולל־וסובאס, וועלכע האָבן נישט איבעריקס פאַרטרויט זייערע טאַטעס און זיידעס, האָבן געוואַרט דאָ, אויף אָן אָרט, ביי דער סעודה. אָבער בעסערע און שעמעוודיקערע משפחות — האָבן נאָר מיטגעגעבן זייערע שפייזער אַ קאָשעק מיט אַ פאָר ליידיקע טעפּעלעך, און אין גאַנצן פאַרלאָזן זיך אויף פאָטערלעכער רחמנות און אויף מאַנצבילשער איידלקייט...

אַזאַ סעודהניו, פאַר אַלע מיטגלידער פון חברה־קדישא, פלעגט אַמאָל, זאָגט מען, אָפּקאָסטן הונדערט זילבערנע רובל. נישט ווייניקער. אַ קלייני־קייט, וואָס פאַר הונדערט קאַרבן האָט מען, אַמאָליקע צייטן, געקענט אָנקויפן! אַ גאַנדז האָט דאָך דאַמאָלסט געקאָסט אַ גילדן און אַ גוטער קאַרפּ — אַ פּיאַטאַק. אַ פאַס ביר — פינף גילדן, און אַ פּוד ברויט — אַ פערציקער. און ברויזן האָבן יידן אַליין געהאַלטן. „קאַזנאַ״ איז נאָך דאַמאָלסט קיין שענקערין נישט געווען, נישט געשטעלט זיך אין „מאָנאָ־פּאָל״ ביי דער סטאָיקע, מיט אַ קאָקאַרדע אויפן קאָפּ. האָט מען בראָנפן פאַר חברה־קדישא אָפּגעלאָזן גלייך פון ברויז. פאַרן אייגענעם פרייז, צו צען קאָפּיקעס אַן עמער. האָט טאָקע יעטוועדער, אין יענע צייטן, באַקומען צו דער סעודה נישט קיין אָרעמינקע סאָטקע, נאָר אַ גאַנצע קווערטל, געצאַפּט פון פאַס. און האָט מער ווי העלפט אַוועקגעטראָגן אַהיים אויף קידוש, צום קומענדיקן שבת. יידן זענען, חס ושלום, נישט קיין גויאישקע שיכורים. זיי וועלן נישט אויסטרינקען אַ גאַנצע פלאַש בראָנפן ביי איין וועטשערע.

נאָר די זינד האָבן גורם געווען... און זינט וויטע מיט זיין מיניסטערישן קאָפּ האָט ביי יידן צוגענומען די דאָזיקע פרנסה, איז משקה געוואָרן טייער, מיט גאָלד גלייך. איז די פאָרציע בראָנפן, צו דער גרויסער סעודה,

געפאַלן פון אַ האַלבן שטאָף אויף אַ סאָטקעלע. ווערט טאָקע די גזרה באַקלאָגט יאָר־איין יאָר־אויס, ווען חברה־לויה זעצט זיך צום טיש און קלאַפּט אָפּ דעם טריפּוואָקס פון דער מאָנאָפּאָלקע:

אַך, אַך, פאָניע גנב! די וועלט איז אים ווייניק! פאַרגינט נישט חברה־לויה אַן איבעריקן טרונק בראָנפן...

.2

אַמאָליקע צייטן, ווען מתנגדים האָבן געפירט דאָס גאַנצע רעדל אין שטאָט, פלעגט מען די סעודה פון חברה־קדישא פראַווען יום ב׳ נאָך „שמות". דאָס הייסט: מאָנטיק, נאָכן שבת ווען מען לייענט אין שול די פרשה שמות.

שפּעטער, ווען חסידות האָט גענומען וואַקסן, און מורנו ורבנו זלמן שניאורסאָן, דער גרינדער פון חב״ד, איז געמסרט געוואָרן פון די מתנגדים, געזעסן אין תפיסה אין „פּייטערבאַרג" און איז מיט גאָטס הילף באַפרייט געוואָרן, איז די סעודה פון חברה־קדישא באַשטימט געוואָרן אויף י״ט כסלו — דער טאָג ווען רש״ז איז באַפרייט געוואָרן. דאָס פאַלט אויס אַרום חנוכה — די צייט פון שמאַלץ און גריבענעס און אַבדירקעס. קיין בעסערע צייט, אַרויסצוגיין פון געפענגעניש האָט רש״ז באמת נישט געקענט אויסזוכן פאַר זיינע חסידימלעך. און אַזוי ווי חברה־לויה באַשטייט אַצינד כמעט אינגאַנצן פון „אנשי־שלומנו" *) האָבן זיי די דעה און פראַ־ווען סעודות ווען זיי ווילן, נישט ווען די אַלטגעבאַקענע מתנגדים ווילן. פאַסט חברה אַ גאַנצינקן טאָג, פאַר דער סעודה, און זאָגן תחנון צום אָנדענק פון ר׳ שניאור־זלמנס אומזיסטע יסורים. און פרייען זיך דערנאָך דאָפּלט צוליב דעם רבינס באַפרייאונג.

אַפּיקורסים זאָגן אַפילו, אַז גאָר נישט צוליב דעם רבונו־של־עולם און נישט צוליב די יסורים פון אַלטן רבין ווערט דאָס געפאַסט, נאָר כדי צו קענען אויפנעמען אין זיך נאָך מעריב אַזוי פיל אכילה ושתיה מיט כבוד און מיט הרוחה. נאָר מאַלע וואָס יונגעלייטלעך זאָגן! נישט אַנ־דערש, אַז זיי זענען מקנא און וואַלטן, ווייזט אויס, אַליין געוועזן גרויסע בעלנים מען זאָל זיי אויך איינלאַדן צו דער סעודה, כע־כע.

מעריב, נאָך אַזאַ ליבן תענית, ווערט געדאַוונט מיט כונה און מיט

---

*) אָנהענגער פון חב״ד.

חשק. מען וואָלט געקענט זאָגן מיט אַפּעטיט. די גראָבע יונגען כאַפּן אַפילו אָפּ די שמונה־עשרה און ברענען זיך מיט ר׳ יחיאל דעם חזנס געלאַסנקייט, ווי מיט לאַנגע הייסע לאָקשן. נאָר ס׳העלפּט זיי נישט. ר׳ יחיאל האַלט, אַזוי צו זאָגן, די צעיושעטע לאָשיקעס פאַר די לייצעס. מעגן זיך די טרפהנע העלדזער איילן וויפל זיי ווילן. פאַרקערט, ער ציט די תפילות מיט שמחה און מיט אַ מין מסירת־נפש, ווי איינער וואָס ברענגט אַ קרבן זיין נאַגנדיקן הונגער דעם רבונו של עולם, אונטער די ווינטערדיקע שטערן וואָס פינקלען אַריין אין די פענצטער... דאָס זענען אָבער יסורים פון יציאת־נשמה פאַרן אַריינגיין אין גן־עדן. די האָפענונג אויף דער באָענטער, גוטער סעודה זינגט אַרויס אַ פאַרטאָיעטע, אַן איינגעהאַלטענע, פונעם טרויעריקן מעריב־ניגון. פון „המעריב ערבים״ הערט זיך דאָס בלעזלען פון געקאָכטע פיש, און פון „אוהב עמו ישראל״ דער ריח פון גריבענעס. פון דער טונקעלער „קריאת שמע״ לויכטן אַרויס אויפגעשניטענע טייגעכצן, און אין דער שטילער „שמונה עשרה״ צישען בלינצעס אין זייער האַלב־אָפּגעקילטער שמאַלץ. די ריחות און קולות, וואָס דערגרייכן פון שול־הויף, ווו די גוטע געריכטן דערקאָכן און דערפּרעגלען זיך, פאַרשטאַרקן נאָך דעם כוח־הדמיון. די עולם־הבא און עולם־הזה מישן זיך אויס. ווו הייבט זיך אָן די זיסע פאַרשמאַכטקייט און ווו לאָזט זיך אויס דער דאַוונען?

— אוי, אב הרחמן... שמע קולנו... ד׳ אלהינו...

אָפּגעשפּייט צו „עלינו״ מיט טרוקענע שפּייעכץ; אַזוי ווי מיט שטיק־לעך ווייסע וואַטע, און אָפּגעדאַוונט, גיט זיך דער עולם אַ לאָז צו „עזרת נשים״. אין פירהויז פון דער ווייבערשער שול שטייט שוין בעני דער אונטער־שמש, צווישן אַ קאַדקע מיט אייז־וואַסער און צווישן אַ גרויסער פאַמוניצע. אין האַנט — אַ בלעכערנע קוואַרט מיט צוויי הענטלעך, און איבער דער פּלייצע אַ זעקס־אַרשינאַוון בית־מדרש האַנטוך. דאָס איז דער האַנטוך פאַרן בעסערן עולם: פאַרן גבאי, חזן און פאַר חשובע באַלעבאַטים. פאַרן פּראָסטן עולם הענגט אַ צווייטער זעקס־אַרשיניגער האַנטוך אין אַ רינג, אויף דער קאַלטער, אויסגעקאַלכטער וואַנט. דער האַנטוך איז נאַס און גרוי, ווי אַ בלאָטיק שטעגעלע אין שניי. ער איז, דאַכט זיך, גאָר קיינמאָל טרוקן נישט געווען. בעני אונטער־שמש גיט יעדן איבער אַ קוואַרט וואַסער צו נטילת־ידים, און דעם ברעג האַנטוך פון פּלייצע דערלאַנגט ער כסדר דעם גבאי און זיינע משמשים. יענע ווישן זיך די געפרוירענע הענט, גלאָצן מיט די אויגן אויף בעניין און שעפּשען די

ברכה. דאַכט זיך, אַז זיי פאַרגעטערן בענין און פרעפלען צו אים. אָבער יעטוועדן פון פראָסטן עולם גיט בעני אַ ווייז אָן מיט אַ ביסל רוגזה, אויפן האַנטוך אין רינג: „דאָרטן!"... און ס'דאַכט זיך, אַז ער שרעקט זיי אָפּ. „נישט אַזעלכע ווי איר קענען זיך בוקן צו מיר!"... שטייט, אַרום האַנטוך אויף דער וואַנט, אַ טומל און אַן אויסכאַפּעניש און אַ שטום־לשון קריגעריש: „נו, אָה! אָה, נו!..." און דער גאַנצער פירהויז פון עזרת־נשים שווימלט ווי אַ מוראַשקע־נעסט.

ביים סאַמע איינגאַנג צו די לאַנגע, געדעקטע טישן שטייט שוין דער גבאי אַ „געוואַשענער" מיט אַן אַראָפּגעשלונגענעם ביסן „המוציא" אין פוסטן ושט און רופט אויס יעטוועדערן אַריינגעקומענעם חברה־מאַן, ווי צו הקפות:

— אַ גאָט העלף ר' וואָלף בר' לייב, אָדער ר' זרח בר' זלמן, אָדער ר' מענדל בר' זוסיע! אַ שיינעם דאַנק אייך, וואָס איר האָט זיך מטריח געווען און געקומען. גייט, זייט מוחל, זעצט זיך און מאַכט המוציא. שמש, ווייזט אים אָן זיין אָרט!

פון דעם דאָזיקן כבוד האַלטן חברהשע לייט עולם ומלואו. פאַר אַ טאָפּ לינזן וועלן זיי אייך אַזאַ „גאָט־העלף" נישט פאַרקויפן. געווען אַמאָל אַ מעשה: דעם רייכן מילנער פון שטאָט, וואָס איז קיינמאָל קיין חברה־מאַן נישט געווען, האָט זיך פאַרגלוסט זיין אויף דער באַרימטער סעודה. האָט ער אָנגעבאָטן דעם ערעמסטן חברה־קדישא־מאַן, נישט קיין אַנדערן ווי זעלקע לאַטוטניק אַ פינף־רובלדיקע פאַר זיין אָרט ביים טיש. האָט זיך זעלקע אָפּגעזאָגט און נישט גענומען. ס'האָט נישט געהאָלפן, וואָס זעלקעס אשת־חיל האָט געקערט וועלטן, דאָס מאַנדל אירער זאָל נישט זיין קיין זולל־וסובא און נעמען. אַ קלייניקייט — האָט זי געטענהט, — זיל־בערנע פינף קאָרבן! האָלץ פאַר דער הרובע, וואָלענע זאָקן פאַר די קינדער און אַ פעטע גאַנדז אַ צוגאָב קאָן מען דאָך איינהאַנדלען פאַר אַזאַ מטמון מיט געלט. זעלקע, זכרונו לברכה, קליין און דאַר ווי ס'איז געווען, האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט מיט די הינטערשטע פיסלעך, אַזוי צו זאָגן:

— לאָ! איינמאָל אין יאָר מאַכט מיר דער גבאי אַזאַ וואָרע, דאַנקט מיר בפרהסיה וואָס איך קבצן, איך לאַטוטניק, האָב אים אָנגעטאָן אַזאַ כבוד און געקומען צו דער סעודה. און איך וועל דאָס פאַרשאַכערן אַ חזיר אַ יידן פאַר עטלעכע רובל? אַלץ אין דער וועלט — נאָר נישט דאָס! גטן זיך, מיין ווייב, אויב דו ווילסט, נאָר נישט דאָס!

אינעווייניק, אין דער ווייבער־שול, זעצט מען זיך אויס ביי די לאַנגע תהילים־טישן, געדעקט מיט גראָבע לייוונטענע טישטעכער.

איבער די טישן הענגען שווער אַראָפּ די אַלטע אַכט־רעריקע מעשענע מנורות, מיט גראָבע בייכער און מיט דאַרע אָרעמס, אין וועלכע עס ברענען אָרעמינקע חלבנע ליכטלעך. און די הויכע אַלטמאָדישע לאָמפּן ציען נייגעריק די לאַנגע העלדזער פון די ווינקלען און כאַפּן אַ קוק, איבער די קעפּ, ווי ס׳זעט אויס אַ יידישע שמחה. די ווייבערישע שטענדערס פון אַ גאַנץ יאָר זענען צוזאַמענגעלייגט, אין אַ טונקעלן ווינקל, אין איין גרויסן הויפן. דאָס איז די סעודה אַליין אַריבערגעגאַנגען, מיט שווערע טריט, איבער זייערע יאָלדישע האָלצערנע גופים און האָט זיי אַוועקגעלייגט...

ווי אַ לאַנגער שמאָלער „בית״ זענען די טישן אויסגעשטעלט. אויפן סאַמען רוקן פון „בית״ זענען אַוועקגעשטעלט בכבודיקע שטולן פאַרן גבאי און זיינע משמשים. צו די אַנדערע טישן זענען צוגערוקט די שמאָלינקע בענק פון בית־מדרש, וועלכע שטייען אַלעמאָל אַרום די ווענט. זיצט מען ענג געפּרעסט ווי די הערינג, און די אויגן לויפן אַרום. ביי די אַנטבלויזטע ווענט, אַנשטאָט די אָפּגערוקטע בענק, טוליען זיך גאַנצע משפחות פון די אָרעמע חברה־קדישא־לייט. ווייבער און קינדער, וועלכע קענען זיך שוין נישט דערוואַרטן ביז דער ברויטגעבער און „ראש״ פון הויזגעזינד וועט זיי אויסטיילן אַ חלק פון זיין חלק. ביים אַריינגאַנג, לעבן טיר, טומלען זיך כלערליי שלעפּער און קבצנים, וואָס וואַרטן אויף שיריים. דאָרטן זעט מען שוין „דזשירקעליכע״ די טראַנטשיכע, וואָס רק זי שנאָרט אַלטע בגדים און רק זי ציטערט פאַר קעלט. נאָך איר האָט דאָס ר׳ סענדער, עליו השלום, אַ נאָמען געגעבן זיין אַצינד־פאַרקויפטע קליאַטשע.

חיה־שרהקע די משוגענע איז שוין אויך דאָ. די זעלבע חיה־שרהקע, וואָס דערשמעקט די ערשטע אַלע אומגליקן אין שטאָט און צעטראָגט עס, ווי אַ שלעכטן ריח, מיט איר מיאוסן געזאַנגעלע.

נאָר לכבוד אַזאַ שמחה אין שטאָט, מיט אַזוי פיל גוטע ריחות פון געקאָכטס, געבראָטנס און געפּרעגלטס, האָט זי אויף איר משוגענעם קאָפּ אָנגעטאָן אַ געלעכערטן לאָקשן־טאָפּ, אָדער פאַרזשאַווערטן קוגל־טשוהון, וועלכן זי האָט דערטאַפּט ערגעץ־ווו אויף אַ מיסט. אָנגעטאָן ווי אַ קאַסקע און פּויקט זיך אַליין איבערן באַפּאַנצערטן שאַרבן מיט אַ הילצערנעם, האַלב־פאַרברענטן קאָך־לעפל, וואָס איז אויך געפונען געוואָרן אין שטאָ־

טישן רינשטאָק. מיט גרויס התלהבות פּויקט זי זיך אין קאָפּ און זינגט דערביי צו און כיכיקעט:

ניטשיינע האָב איך אַ שמעק געטאָן
דאָ, אויכעט דאָ.
פּופּקעס, גריבענעס, אָבדירקעס —
דאָ, טאַקע דאָ!
חברה כראַמשקען, חברה זליאַקען
איכאַ, איכאַ־כאַ!

הינען, שוין ביי דער זעלבער טיר, „איקעלע" און איר קאָנקורענטקע — „מחיהקעלע". דאָס זענען צוויי שלעפּערקעס, וואָס גייען איבער די הייזער, יעדע מיט איר נוסח. איינע מיט אַ זיסן, די צווייטע מיט אַ זויערן נוסח. ביי ביידן זענען די צעקנייטשטע און זשעדנע פּנימלעך אַרויסגע־שטעקט פון די אַלטע פאַטשיילעס, ווי פון שמוציקע קיילעכדיקע רעמלעך. נאָר איין פּנימל איז אַ קאַריקאַטור אויף אומצופרידנקייט, דאָס צווייטע — אויף איבערגעטריבענער דאַנקבאַרקייט. איינע — וואָס מען זאָל איר נישט שענקען — ענטפערט זי מיט אַ שטילינקן, שטעכנדיקן קרעכצעלע: „אָי־עי". רופט מען זי דערפאַר „איקעלע". די צווייטע צעגיסט זיך האָניק־דיק און דאַנקט פאַר אַלץ. מען זאָל איר געבן אַ סקאָרינקע זאָגט זי אויך, אַז מ'האָט זי מחיה געווען, רופט מען זי דערפאַר „מחיהקעלע".

און אַ סך אַנדערע אָרעמע לייט און דראַכלע יידן שטופּן זיך ביים אַריינגאַנג. אַלע קוקן זיי צו די טישן מיט אויסגעלופּעטע אויגן און שלינגען די סלינע און וואַיען עפּעס שטילינקערהייט. ווי די צוגעבונדענע הינט, בשעת די באַלעבאַטים לאָזן זיך וווילגיין.

פאַרגינט זיי נישט קושקע בראַנד, דער פּרעסער, אַפילו דאָס, וואָס זיי, די שלעפּער, שטייען שוין און וואַרטן אויף שיריים, איידער ער, קושקע, האָט נאָך גענומען אַ ביסן אין מויל, נאָך אַזאַ תענית. גיט ער זיי אַ שטויס־פאַנאַנדער מיט ביידע עלנבויגנס, ווען ער לאָזט זיך אַריין מיט געוואַשענע הענט צו זיין „המוציא". ער איז ביי זיך האָפּערדיק, אָט דער קושקע. אַ פּרעסער איז ער אַפילו אַ גרויסער, נאָר חברה־לויה רעכנט זיך מיט אים, קיכלט אים. וואָרים ווו עס קומט אויס צו האַמפּערן זיך, מיט האַרטע יורשים, פאַר קבורה־געלט, דאָרטן שיקט מען אַריין קושקען. ער שאַנעוועט קיינעם נישט. די ברענענדיקע ליכט און די פאַר־ווייינטע אויגן פון די אבלים אַרן אים ווי דער פאַראַיאָריקער שניי. ווו אַ יידיש האַרץ צעגייט ווי וואַקס — דאָרטן דינגט זיך קושקע־בראַנד ווי

אַ הינקענדיקער ציגיינער אויפֿן יאַריד. זיינע רויטע באַקן און חוצפּהדיק־פרישע אויגן ווירקן אויף די נישט־אויסגעשלאָפֿענע קרובֿים, אין שטוב פֿון אַ בר־מינן, ווי אַ האַמער אויף בליי. ער פֿירט אַלעמאָל אויס... פֿירט ער דערפֿאַר אויס אויך בשעת דער גרויסער סעודה און באַקומט דאָפּלטע חלקים. פֿאַר זיך — דעם בעסטן חלק, און פֿאַר זיין ווייב און קינדער — אַ באַזונדער חלק.

אָבער די ביטערע קבצנים ביי דער טיר פּייפֿן אויף אַלע זיינע פּריווי־לעגיעס. צעבייזערן זיי זיך נאָך קושקע־בראַנדס שטויס און באַגלייטן אים צום טיש מיט גאָר אַ פֿיינעם מזמור.

עפּנט אויף „דזשירקעליכע״, די שלעפּערקע, אַ מויל פֿון אַ געוועזענער טוקערקע:

— וואָס שטופּסטו זיך, וואָס? אפֿשר וועסטו גאָר באַקומען אַן אַפּאָ־פּלעקסיע אינמיטן פֿרעסן פֿיש מיט כריין. מען קען נישט וויסן...

באַשטעטיקט דאָס גלייך, אַזאַ השערה, חיה־שרהקע די משוגענע, אויף איר שטייגערל: אַ זעץ מיטן קאָך־לעפֿל איבערן שיסל אויפֿן קאָפּ און אַ זונג; אַ זונג און אַ זעץ:

ניטשיינע האָב איך אַ שמעק געטאָן
דאָ, טאַקע דאָ!
פֿאַר די פֿיש און פֿאַר „אָבדזשירקעס״
דאָ, אויכעט דאָ.
פֿאַר די לעבערקעס און טייגעכץ —
אונדז צו לאַנגע יאָר!

גלוסט זיך קושקע בראַנד אַ וואָרף צו טאָן זיך אויף דער טוקערקע, נאָר ער דערשרעקט זיך אַ ביסל פֿאַר חיה־שרהקעס פֿינצטערע נבֿיאות. גיט ער אַ בליאַסק אויף דער כאָפּטע קבצנים מיט אַ פּאָר גזלנישע אויגן, פֿון יוצא־וועגן; טראָגט זיך אָפּ און שטופּט זיך אַריין אויף זיין אָרט ביים טיש, צווישן זאַוול דעם שמייסער זיינעם — אַן אויסוווּרף און אַ וויסטער ווייבערניק — און צווישן יאָקע דעם שינדער, וועלכער גיט זיך שטענדיק אָפּ מיט רויע פֿעל. צווישן די דאָזיקע פּראָסטע יונגען וועט ער זיך פֿילן גוט ביי דער סעודה. ווייט פֿון גבאי און געדעקט פֿון אַלעמענס נישט־פֿאַרגינערישקייט און נייגעריקייט ביים עסן. וואָרים בשעת דער אַכילה האָט ער פֿיינט צו פּראַווען צערעמאָניעס מיט כלי־קודש, און קען נישט פֿאַרטראָגן, אַז מ׳קוקט אים צופֿיל אין מויל אַריין.

.3

נישט ווייט פון קושקען און זיין קאָמפּאַניע שטופּט זיך אַריין און זעצט זיך צום טיש אַ ייד אַ בעל־גוף מיט ווייבערשע היפּטן און מיט אַ שטעכיקן געלעכטערל אין די בערישע אויגעלעך. די שוואַרצע קרייזע־לעך פון זיינע דראָטענע האָר לויפן וועט־געלויף, פון אונטער זיין היטל מיטן צעבראָכענעם דאַשיק, און פאַרגיסן אים דעם נידעריקן שטערן, די צורה, דעם האַלדז־און־נאַקן זיינעם און קייטלען זיך צוזאַמען מיט זיין נאָך מער געקרייזלטער און נאָך מער האַרטן בערדל. גיט ער אַן עפן אַ מויל — זעט מען באַשיינפּערלעך, אַז ער רייסט פּאַנאַנדער מיט כוח די האַריקע רינגעלעך פון באָרד און וואָנצעס. דאָס איז מלך „מעבר יבק", דער זעלבער מלך, וואָס באַגלייט אַרויס אַלט און יונג אויף יענער וועלט. מיט אַלטע לייט זאָגט ער וידוי און איבער יונגינקע פאַרבייאיקע מאַכט ער אַליין די ברכה פון „צדוק הדין". מען דינגט אים אָן ער זאָל זיצן גאַנצע נעכט ביים בעט פון טויט־קראַנקע, ביי וועלכע די גסיסה ציט זיך לאַנג און די נאָענטע קענען עס מער נישט אויסהאַלטן. זיצט ער מיט פּעדערל אין האַנט און וואַרט אויפן לעצטן אָטעם פון גוסס, כדי אַראָפּצולאָזן דעם שליאַבאָם צווישן לעבן און טויט. שוין אַ סך יאָרן, אַז ער באַשעפטיקט זיך מיט דער דאָזיקער טרויעריקער מלאכה. ער האָט זיך גוט איינגעאַרבעט און טוט עס שוין מיט דער אינערלעכער שמחה פון אַ מייסטער. און זאָגט ער אָן, נאָכן לעצטן אָטעם, די טרויעריקע בשורה די נאָענטע, וועלכע ליגן פאַרשטעקט אין אַ צווייטן צימער— שפּילט נאָך ביי אים אין די בערישע אויגלעך די פרייד פון אַ שעפער, וואָס האָט פאַרפולקאָמט זיין אַרבעט און דערפירט זי צו דער העכסטער מדרגה. אָבער נישט אַלע קרובים פאַרשטייען דאָס אָפּצושאַצן. אַ סך נעמען אָן דעם התפעלות־פינקל, אין זיינע בערישע אויגלעך, פאַר אַ געזאַלצענעם גע־לעכטערל. ער האָט שוין אַפילו איינמאָל באַקומען פּעטש פאַר אַזאַ לעבעדי־קייט אין די אויגלעך, טאָקע באַלד נאָך אַ פייערלעכן „ברוך דין אמת". נאָר אָפּקילן אין אים די שמחה פון אַ מעבר־יבק־מייסטער האָט דאָס אין אים נישט אָפּגעקילט. אָנצוציען אַ סקאַרבאָוועו טרויער איבער דעם צע־שוומענעם פּנים זיינעם מיט די דראָטענע האָר־קרייזעלעך, דאָס גיט זיך אים יאָ איין. אָבער וואָס טוט מען מיט אויגלעך? די אויגלעך צאַפּלען פון זיך אַליין, און עס לויכט אין זיי די פרייד פון אַ גרויסן פאַראַמשטשיק, וואָס פירט אַריבער מענטשן פון איין וועלט אין דער צווייטער וועלט.

מ׳האָט אים פיינט ווי אַ שפּין. עלטערע לייט קוקן אויף אים מיט אַ ביסל שרעק און חנפהנען אים אונטער, ווען עס קומט זיי אויס צו רעדן מיט אים. פּונקט ווי פון אים, פון מלך „מעבר־יבק״, איז אָפּהענגיק דאָס אַריבערפאָרן מיטן פּאַראָם אויפן עולם האמת, אַ ביסל פריער צי אַ ביסל שפּעטער... און מלך פּילט אַרום זיך אָט די דאָזיקע מורא פון אַלטיטשקע לייט און איז שטאָלץ ביי זיך. ער רעדט מיט דעם דאָזיקן סאָרט יידן אַ ביסל גראָבלעך, ווי אַ רייכער סוחר מיט זיינע פאַראָרעמטע קונדן, וואָס בעטן זיך ביי אים צו פאַרלענגערן די וועקסלען...

אונדזער באַקאַנטער „מאיר פּענטע״, מיט זיין ליימענעם פּנים און מיטן לשון פון אַ גולם איז אויך דאָ. זיין מאַיריכע, מיט אַ פאַרזאָרגטן אויסגעדאַרטן פּנים און מיט אַ ליידיקן טאָפּ אין האַנט, שטייט ביי דער וואַנט און טשאַטעוועט. זי האָט פּחד, אַז דער מאַן אירער, דער גראָבער נפש, זאָל נישט אַראָפּשלינגען אַלץ וואָס מען טיילט אויס, בשעת אַזאַ גרויסע סעודה איין מאָל אין יאָר. זי היט ער זאָל עפּעס איבערלאָזן פאַר דעם הויזגעזינד. ס׳איז אַפילו אַ געפּערלעכער עסק אָפּצוהיטן מאיר פּענ־טעס אַפּעטיט. וואָרים פאַר צופיל צושטיין צו אים, בשעת ער אכלט, קען ער נאָך מכבד זיין מיט אַ בריק־טאָן — וואָס ער האָט שוין לאַנג גע־לערנט פון זיינע פערד. ער קען זי נאָך, קומענדיק אַהיים, פאַרפּענטען, ווי זיין שטייגער איז, און לאָזן זי ליגן אַזוי אין בעט אַ געפּענטעטע ביז פאַרטאָג. נאָר וואָס טוט מען נישט צוליב הונגעריקע קינדער?

און לייזערל וואַיטעק, אונדזער פריינד, איז אויך דאָ. ביים סאַמע עק טיש זיצט ער. מ׳האָט אים געגעבן אַן אָרט ביי דער סעודה מער פון רחמנות וועגן, ווי דערפאַר ווייל עס קומט אים... ער איז שוין צו אַלט צו דינען מיט עפּעס אין חברה־קדישא, ווי אַמאָל אין די יינגערע יאָרן. נאָר ער איז צופרידן מיט זיין חלק, און זיינע בלוי־גרינע אויגן לויכטן. ער קוועלט אָן, וואָס ער זיצט בחברותא מיט אַזוי פיל יידן. אַזוי פיל טייערע יידן. מען וועט עסן, מען וועט שמועסן, מען וועט זיך משמח זיין. וואָס מיר עלטער? וואָס מיר ווינטער? שמאַנצעס איז דאָס אַלץ! אַ גן־עדן אויף דער וועלט...

אָבער מער פון אַלעמען זעט זיך פאָרט אָן דער גבאי ר׳ אשר אַליין. אויף זיין הויכן שטול, אויפן בכבודיקן זיץ צווישן די צוויי לאַנגע טישן. ער איז דאָך עפּעס דער גאַנצער מאַכער פון דער סעודה. דאָס הייסט נישט, אַז ער מאַכט זי פון זיין אייגענער קעשענע. הונדערט רובל, נישט ווייניקער, קאָסט אַזאַ סעודה אָפּ, און גייט פון חברהשער קאַסע. פונדעסט־

וועגן מוז זיך דער גבאי גוט אונטערגאַרטלען. פון דער פעטקייט און זאַטקייט פון דער יערלעכער סעודה הענגט אָפּ דעם גבאיס שפּעטערער גורל, צי מען וועט אים אויף דער קומענדיקער אַסיפה אויסקלייבן ער זאָל „קעניגן" נאָך אַ יאָר צי נישט. חברה־לויה האָט אַן אייזערנעם זכרון. חס ושלום די חלקים פיש זאָלן דאָס יאָר זיין אַ קאָפּעלע קלענער ווי פאַראַ־יאָרן, די געבראָטענע גענדז זאָלן זיין אַ ביסל אָפּגעשוינדן, די בייכער פון די בלינצעס זאָלן זיין אַ ביסל איינגעפאַלן, די טייגעכצן — נישט געגנוג פעט... מ'עט דאָס אים שוין דערמאָנען דעם גבאי. מ'עט אים באַשולדיקן אין פאַרדינען שטילערהייט אַרום דער סעודה... ציטערט ער דערפֿאַר פאַר חברה־פרעס און פאַר זייערע מבינות, און טוט אַלץ וואָס אין אַ מענטשלעכן כוח איז צו געפינען לייטזעליקייט אין די אויגן פון זיינע שפּעטערדיקע ווײלער. ער סטאַרעט זיך מהנה צו זיין אַלע באַלע־גאָלישע, קצבישע, שוסטערשע, נאָסקע־טרעגערישע און גלאָט גראָב־יונגי־שע קישקעס. ס'איז גאָר נישט אַזאַ לייכטע מלאכה! און מחמת מורא טרייבט ער איבער... אין אַ יקרות־יאָר קומט נאָך אויס צוצולייגן אַ פּאָר צען־רובלדיקע פון דער אייגענער קעשענע. אַבי עס זאָל זיין שלום. וואַקסן אַזוי די חלקים פון יאָר צו יאָר. פון צוויי בלינצעס קאָן מען שוין באַלד מאַכן אַ האַלב אַרשינענעם מגן־דוד, און פון די טייגעכצן — מוסטערס פון זעלנערישע קעסל־פּויקן. אַ דרייפונטיקער קאַרפּ קלעקט באַלד קוים אויף צוויי חלקים. און די גענדז ביי די גענדזלערקעס מוז מען אויסזוכן די גרעסטע, אַבי חברה־קדישא זאָל זיך נישט בלאָזן. און גאָט ווייס צו וועלכע מאָסן און וואָגן די חלקים וואָלטן דערגאַנגען, ווען נישט די נייע צייט מיט אירע סטרייקן און יקרות, ווען נישט די וועלט־מלחמה. יאָ, די וועלט־מלחמה! זי, נאָר זי האָט אָפּגעשטעלט די אַנטוויקלונג פון די פּאָרציעס פיש, און דעם וווקס פון די טייגעכצן ביי חברה־קדישא. זי. נאָר זי האָט אויסגעזויגן די גאַנצע געגדזענע שמאַלץ פון די געהאַקטע לעבערקעס און דעגענערירט די לאַטקעס. אָט וואָס די וועלט־מלחמה האָט אָנגעטאָן!

חברה־לויה איז זיך משמח

.1

זייער שווער צו טרעפן, ווי אַזוי די סעודה פון „חברה־לויה״ זעט אויס אַצינד, אין דער פאַראָרעמטער קהילה קדושה פון שקלאָוו. מען קען זיך נאָר משער זיין, אַז אַצינד שטופּט מען אָפּ די סעודה מיט אַ פּאָר קעלישאָקעס „ריקאָווקע״, מיט אַ בייגל, מיט אַ געבאַקטער קאַרטאָפליע. אפשר דאָס אויך נישט... אָבער אין די פאַר־מלחמה־יאָרן, מיט אַ דור צוריק, און אינעם יאָר פון וועלכן עס ווערט דאָ דערציילט — האָט זיך דער גבאי, ר׳ אשר, גאָר באַזונדערס פּאָסטאַרעט. צי דערפאַר ווייל אין יענעם יאָר האָט ער געהאַט אַ שטאַרקן קאָנקורענט צו די קומענדע וויבאָרעס אין חברה, — אָרע וואָכערניק איז דאָס געווען, זיין ביזאַהעריקער סגן און חברהשער קאַסירער, וואָס האָט שטילערהייט געגראָבן קעגן אים אום אַליין צו ווערן גבאי — צי מחמת די חברהשע לייט האָבן געבומען מורמלען, אַז ער, ר׳ אשר, זיצט שוין צו לאַנג אויפן גבאות־שטול, איז ביי זיך צו תקיף געוואָרן און קוקט שוין אויף זיין דערהויבענעם אָרט ווי אויף אַ חזקה. ווי די מעשה זאָל נישט זיין — דער גרויסער סעודה פון חברה־קדישא, י״ט כסלו שנת... איז דערפון חס ושלום נישט אָפּגעקומען. אדרבא, די גרעסטע געגדז אויפן מאַרק האָט ר׳ אשר געלאָזן איינהאַנדלען און די פעטסטע קאַרפּן; בערג מיט אייער און קעלבערנע גערירן פאַר טייגעכצן; זעק מיט ציבעלעס פאַר די געפילטע פיש, און קרענצלעך קנאָבל פאַר די גענדזנס. די צאָל פון פאַראַיאָרנדיקע קאָך־ווייבער האָט זיך דאָס יאָר אַרויסגעוויזן אַלץ קנאַפּ — האָט מען אָנגעדונגען עטלעכע נייע יידענעס. צווישן זיי אויך סענדעריכען, מערעס מאַמעלע און פאַנדרעס שוויגערל: אַ ביטער האַרץ און אַ גרויסע בריה אין קיך, אַבי ס׳איז נאָר דאָ וואָס צו קאָכן... ר׳ סענדער, עליו השלום, וועלכער איז אומגעקומען אין דער אָזערע, איז דאָך עפּעס געווען אַ לויה׳ניק פון אַזוי

פיל יאָרן. נישט איינמאָל האָט ער געבראַכט צופירן אַ מת־מצוה אין זיין וואָגן, קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט זיך פון טרחה אין חברהשע זאַכן, פּרנסה געוואָרפן און צו טהרה און קבורה געקומען צו לויפן. טו זאָל כאָטש זיין אַלמנהלע עפּעס פאַרדינען אַרום דער סעודה, און זאָל זי מהנה־זיין די טאָכטער אירע, וואָס זויגט אַ קינד און פירט אַזאַ שווערן לעבן, אָן פאַנד־רען, וועלכער קומט נאָך אָפּ אין אָסטראָג.

ר׳ אשר מיט זיינע משמשים האָבן שוין פריער באַשלאָסן צו געבן סענדעריכען, אויסער עטלעכע מזומנע גילדן פאַר קאָכן און באַקן, אויך שיינע חלקים פיש און פלייש און טייגעכץ פאַר פאַנדרעס שטרויענער אַלמנה. און זאָל דאָס איר סטאַיען צום לעבן כאָטש אויף עטלעכע טעג. דאָס איז איינער פון די שענסטע מנהגים אין חברה־קדישא, צו פאַרגיטיקן, אויף אַזאַ אופן, די משפחות פון פאַראָרעמטע און פאַראומגליקטע חברהשע לייט. צו אַזאַ ביטערן שטאַנד אין ר׳ סענדערס הויז האָט זיך זייער גוט געפּאַסט. און ר׳ אשר איז געווען שטאָלץ, וואָס ער האָט אַזאַ שיינע מצוה נישט פאַרגעסן.

שוין אַ גאַנצן טאָג, אַז סענדעריכע בראָט זיך און פּרעגלט זיך ביי די גרויסע קעסלען געגנדזנס און מוראדיקע פאַנען פיש. אין לויה־הויף קאָכט זי, אונטער דער בלעכערנער סטרעכע פון דער האַלב־אָפענער קיך. איר וואַרעמע יופע, איבערגעמאַכט פון ר׳ סענדערס באַלעגאַלישער דעליע, איז פאַרשמאַלצעוועט, איר פאַרטוך גלאַנצט, און איר פאַרקנייטשט פּנימל איז פאַרשוויצט און בלישטשעט ווי קופּער פון פאַן. אין איר הייסער פאַר־שמייעטקייט זעט זי אַליין אויס, ווי אַ מאַגערע, נישט־געגנוג אויסגעבראָ־טענע געגנדזל, וואָס וויל זיך אַריינפּאַסן, מיט איר גרויסער קאָך־לעפל, אין דעם אָדער יענעם פעטן קעסל און קען זיך נישט אַריינפּאַסן. שר... שר... שר...! גיט איר אַ זעץ די פאַרע פון אונטער דער אָדער יענער טשוהונענער פּאָקרישקע און טרייבט זי אָפּ. לויפט זי, סענדעריכע, צו אַן אַנדער קעסל. זי איז פלינק, די אַלטיטשקע, ווי אַ וועווערקע. מיט דער הילצערנער קאָך־לעפל מישט זי, מיט דער לינקער האַנט גיט זי צו פאַ־טראָוועס און געווירצן, מיטן פּיסקל פאַרזוכט זי, מיטן אַרבל ווישט זי זיך דעם שווייס פון איבערגעהיצטן נעזל און האָט נאָך צייט צו דערציילן חכמות פון איר אייניקל מיטן פלעק אויפן האַלדז, וואָס ס׳איז אים געקומען פון מערעס שרעק, בשעת דער שריפה ביים נייעם נגיד... אירע צו־ברייטע שיכעלעך, וועלכע זענען דערשטאָפּט מיט היי, כדי עס זאָל איר וואַרעם זיין, טענצלען אַרום איבער דער געפּרוירענער פּאָדלאָגע, און די הענ־

טעלעך איבערגיסן די ברוינע טייגעכצן מיט שמאַלץ און איבערשיטן זיי מיט ציבעלע־שאָלעכץ. אַ פּאַרזוך מיטן שנעבעלע און אַ קנאַק מיטן ציינגעלע. און די אַנדערע יידענעם פּאַדיען אַרום מיט איר צוזאַמען. פּלאַפּלען זיי אַלע אויף איין מאָל, און אַלע זענען מסכים, אַז אַזאַ לויהשע סעודה, ווי גבאי ר׳ אשר מאַכט היינטיקן יאָר, איז שוין לאַנג נישט געמאַכט געוואָרן. ווערליק זייער ווייבערשן שכל זענען זיי זיך משער, אַז ר׳ אשר וועט דאָ צולייגן פון דער אייגענער קעשענע נישט ווייניקער ווי פינף און צוואַנציק זילבערנע רובל.

.2

צו יעטוועדער טעלער גיבן די סאַרווער צו אַ סאָטקע „זעכציקער״. די סאָטקע איז פאַרחתמעט מיט דער קייזערלעכער חתימה, מיטן צווייקעפּיקן אָדלער אויפן טריפוואַקס. קיין אָפּענעם בראָנפן, ווי אַמאָל, טיילט מען היינטיקע צייטן נישט אויס. עס זאָל נישט זיין קיין טענות, אַז מען מישט אונטער דעם שנאַפּס מיט „מים חיים״ און אַז די באַלעבאַטישע לייט פון חברה־לויה באַקומען נייַנציקער און דער פּראָסטער עולם „פערציקער״. זאָל זיך אַזוי נישט טרעפן, ווי ס׳האָט זיך געטראָפן... און, כדי פּטור צו ווערן פון אמתע און אומזיסטע טענות, האָט מען איינגעפירט געחתמעטע פלעשלעך משקה, און גיי האָב טענות צום קיסר! בלויז די צוויי קאָפּיקעס פאַר דעם פלעשעלע צאָלט יעדער אָפּ במזומן און באַקומט זיי צוריק, ווען ער גיט דאָס פלעשעלע אָפּ.

דער גבאי מאַכט „שהכל״ אויף אַ פולן בעכער. און באַלד נאָך זיין ברכה פליען אין דער לופטן, מיט אַ פיל־גאַרנדיקן קנאַק און פּאַטש, אַ וועלכע הונדערט שטאָפּערלעך פון די סאָטקע־פלעשלעך. דער עולם האָט קיין געדולד נישט פאַר די פּראָפּנציערס, און טוט דאָס אויף אַן איינפאַכערן וועג. באַלד נאָכדעם דערהערט זיך אַ פריילעכע הוזשעריי פון אויסגעשרייען:

— לחיים, לחיים, לחיים, גבאי!

— לחיים, לחיים יידן! — ענטפערט אָפּ דער גבאי פּאַטערלעך. און זיינע שפּאַרבער־אויגן שווען אַראָפּ ביידע לאַנגע טישן פון רעכטס און לינקס, צי אַלע זיינע שפּעטערדיקע ווילער, פורים־צייט, זענען דאָ אויף די ערטער. באַמערקט ער, אַז אימיצער פעלט — גיט ער עפּעס אַ שושקע דעם אויבער־שמש אויפן אויער און אַ ווינק אַראָפּ־טיש. גיט אים דער

אויבער־שמש גלייך אָפּ אַ ראַפּאָרט, אַז דער אָדער יענער, וועלכע פעלן, זענען אונטערוועגנס; אָדער אַז זיי זענען נישט אין גאַנצן געזונט. הייסט גלייך דער גבאי אָפּשיקן זייערע חלקים פון דער סעודה אַהיים, צו זייערע פאַמיליעס.

באַזאָרגט אַזאַ איידעלן ענין, קערט ווידער ר׳ אשר גבאי אום דעם קאָפּ צו די לאַנגע טישן, און לאָזט שטורעמען איבער זיך די לאַנגע „לחיימס" פון אַלע זייטן. דער חזן ר׳ יחיאל מיט זיין לייבן־קול, אָרע וואָכערניק — זיין באַהאַלטענער קאָנקורענט, די משמשים און אַנדערע כלי־קודש זיצן בראש, פוןביידע זייטן גבאי. זיי טרינקען פון גלעזלעך און גיסן אָן זייערע גלעזלעך פונעם גבאיס פולן גראַפין. און דאָס גיט זיי צו אַ באַזונדערע חשיבות קעגן דעם גאַנצן עולם. זיי טיילן זיך בולט אַרויס מיט זייער איידעלן טרינקען, ווי פידלען און פיאָלן אין אַ פייקל־אָרקעסטער.

מען דערלאַנגט די מוראדיק־גרויסע שטיקער קאַרפּ אין מוראדיק־גרויסע פאַלומעסיקעס. די קעפּ ווערן איינגעטיילט דער גבאות. דערנאָך טיילט מען ווי עס מאַכט זיך. דעם אַ קאָפּ, דעם אַן עק, דעם אַ מיטלשטיק. איין שטיק האָט נישט מקנא צו זיין דעם צווייטן. אין יעדען באַלעבאַטישן הויז מאַכט מען פון אַזאַ „עק" גוטע דריי חלקים. גיבן זיך אַ לאָז די אָפּגעפּאַסטע פּיסקעס. ציינער מאָלן, ליפּן טשמאָקען, באַק־ביינער אָרבעטן און נעזער פאַרגייען זיך פון כריין אין גאָר הויכע טענער. אויסגעלופּעטע אויגן וויינען מיט ציבעלע־טרערן, און בייכער קרעכצן פאַר הנאה. נישט ערגער ווי ערב־שבת אין באָד, אויף דער אויבערשטער פּאָליצע.

קושקע־בראַנד, דער פּרעסער, האָט שוין אַרויפגעשאָרט, ביזקל פּאַ־טילניצע, די וואַטאָווע היטל זיינע, און אויף זיין האַלב־אַנטבלויזטן פּליך, צווישן די פּעקלעך געלבע האָר פון ביידע זייטן, האָבן זיך באַוויזן די ערשטע טראָפּנס שווייס פון דער זיסער האָרעוואַניע.

מלך „מעבר יבק", וואָס באַגלייט אַזוי פרייליך אַוועק יונג און אַלט אויף יענער וועלט — באַוועגט זיינע שוואַרצע דראָטענע קרויזן האָר איבער זיין נידעריקן שטערן, איבער זיינע באַקן און גאָמבע. קיין מויל זעט מען בכלל נישט אַרויס, נאָר די קרייזעלעך זיינע, די פינצטערע, זענען אַנגעשוואָלן געוואָרן, און זעען אויס, מיט זייער גרויקייט אויף די שפּיצן, ווי קורצע, מיט שוים־באַדעקטע כוואַליעס פאַר אַ שטורעם... און דאָס איז ערשט דער אָנהויב שטורעם! איבער די קרויזלדיקע, טאַנצנדיקע כוואַליעס גלאַנצן נאָך דערווײַלע די צוויי בערישע אויגעלעך. אָבער מען

זעט שוין באַשיינפּערלעך ווי זיי ווערן אַלץ קלענער און קלענער, ווי די לעצטע שטערן איבער אַ ים, פּאַר אַ זאַווערוכע, ביז זיי לעשן זיך אינגאַנצן אויס, פאַרגייען... צוויי ווייטע לויכט־טורעמס אינעם שטורעם פון דער אכילה.

יאָקע דער שינדער שיילט מיט כוח זיין חלק פיש. און אַ פּנים האָט ער דערביי, ווי ביי באַאַרבעטן אַ געשאָכטענעם פאַדלע־פערד. בלוטדור־שטיק און שפּלדיק אין איין און דער זעלבער צייט. כל יומו איז ער געוווינט צו שינדן און קען זיך פון זיין טבע נישט אָפּגעווינען אַפילו ביים פיש־עסן. ער רייסט אָפּ די געציבלטע קאַרפּן־הויט פון געפּילעכץ. און די גרויסע טונקעלע פּאַרציע, מיטן עק אויפן וויסן טעלער, זעט אויס ווי אַ משונהדיקע ליטקע אין שניי... אין קאָפּ שטייט נאָך דער נעפּל פון דער סאָטקע בראָנפן אויפן ניכטערן האַרצן, און די פינגער שיילן.

זאַוול, קושקע־בראַנדס שמייסער, צו זיין רעכטער האַנט, דער אויס־ווורף און ווייבערניק, עסט ליידנשאַפטלעך זיין שטיק פיש. אַ קאָפּ־חלק איז אים אַריינגעפאַלן גאָר אומגעריכטערהייט. האָט ער אויפגעריסן אַלע אירע האַרטע לייבלעך און ווינקט צו לוסטיק צו אַלע אירע פעטע באַהעל־טערלעך. זויגט זיך אין איר איין און לאָזט אָפּ, באַטראַכט זי מיט באַ־גייסטערונג פון אַלע זייטן און גראָבט זיך אין איר ווידער איין. ער פאַר־גוואַלטיקט זי פשוט, די קאָפּ־פאַרציע, און זי ליגט פאַר אים צעוואָרפן אין איר גאַנצער אַפּעטיטלעכער נאַקעטקייט, באַגאָסן מיט רויטן כריין, און לאָזט איבער זיך טאָן אַלץ וואָס זאַוול שמייסער פאַרגלוסט זיך.

קוקנדיק אויף אַזעלכע גרונטאָוונע עסער, נעמט אָן אַ חשק דעם אויסגעווייקטן קברות־מאַן נאָכצוטאָן זיינע שכנים ביי דער סעודה. ער דערמאָנט זיך אָן זיין יונגשאַפט, איידער ער האָט געקראָגן מערידן, איידער אַ טרוקן הוסטעלע האָט זיך אין אים איינגעגעסן, און איידער די האָר פון באָרד זענען אים אויסגעפאַלן און דאָס פּנים האָט זיך אויסגע־צויגן אין זיין גאַליקער געלבקייט, פון דער אייביקער פייכטקייט אויפן בית־עלמין, פון פאַרמאַכטע און אָפענע יידישע קברים.

פרוווט ער, דער קברות־מאַן, אַן אכל־טאָן אויף „טאָמער יאָ"... טאָמער וועט עס גיין. כאַפּט ער אַריין מיט אַן איבערגעטריבענער זשעד־נעקייט אַ צו גרויסן ביסן. און באַלד פאַרהוסט ער זיך פון כריין און פאַרכליניעט זיך אין דער פעפערדיקער פיש־זאַפטיקייט. בלייבט ער שטיין מיט אויסגעגלאָצטע פאַרטרערטע אויגן און מיט אַ האַלב־אָפענעם מויל, פונקט ווי דער גלגול פונעם געפילטן קאַרפּ, וואָלט אין אים אַריין,

דאָס צאַפּלענען פון פיש בשעת מ'האָט אים געשניטן... קוים וואָס ער אָטעמט זיך אָפּ, דער קברות־מאַן, און קוקט מיט קנאה אויף קושקען, וואָס רייבט אַריין און זעט די וועלט נישט; וואָס קוקט זיך אַפילו נישט אום אויף אַזאַ שטאַרקן הוסטן פון זיין שכן. טראַכט ביי זיך דער קברות־מאַן מיט גאַל:

— נישקשה... שוין געזינטערע פאַר אים מקבר געווען...

3.

הויבט אויף קושקע בראַנד זיינע פאַרגאָסענע אויגן פון טעלער און דערזעט, אַז זיין שמייסער איז זיך צו שטאַרק משמח מיט דער „שירענע". ס'הייסט: מיט זיין פאַרציע פיש. אַ ביין־ברעכעריי און אַ סמאָטשקעריי שטייט אַרום זאַוולען און אַרום דעם קאַרפּן־קאָפּ, וואָס ער באַאַרבעט אַזוי געשמאַק. פאַרגינט ער אים נישט אַזאַ הנאה און מאַכט צו אים אַזוי:

— אַ קאָפּ? אַנדערש פּאַסט דיר נישט ווי פּרעסן אַ קאָפּ? אויסגע־מאַנטשעט ביים סאַרווער אַ קאָפּ, וואָס?

זאַוול שמייסער, וועלכער האָט אַמאָל געלערנט אין תלמוד־תורה און האָט נאָך מחמת יונגשאַפט נישט פאַרגעסן אַ פּסוק, שפּילט אָן, באַגנדיק אַ פעטע זשאַברע, ווי אויף אַ פיאַל און שפּילט אָן אויפן ראש־השנהדיקן מנהג. אַ סמאָטשקע און אַ זאָג, אַ זאָג און אַ סמאָטשקע:

— פאַרשטייט איר מיך, באַלעבאָס, כ'וויל ווערן אַ „ראש" און נישט קיין „זנב"...

בלייבט קושקע זיצן, מיטן ביסן אין אַנגעשטאָפּטן מויל, פאַרגאַפּט פון זיין שמייסערס תורה. אָבער דער גאַליקער קברות־מאַן העלפט אים אַרויס מיט אַ שמייכעלע און מיט אַ שטעכיקער עצהלע:

— זאָג אים, קושקע: צו שפּעט געכאַפּט זיך. אַזוי ווי ער איז געווען אַ זנב, אַזוי וועט ער שוין בלייבן אַ זנב...

ווערט דער שמייסער בייז סכנות נפשות. ער, זאַוול, האָט דווקא יאָ געזען ווי דער קברות־מאַן האָט קיין כוח נישט צו עסן. קייט ער אַ ווײלע, זאַוול, מיט כעס און מיט אויסגעלופּעטע אויגן אויף זיין קעגנער. שלינגט שווער אַראָפּ און גיט דעם קברות־מאַן אַזאַ עצה:

— בית־עלמין בלעטלעך קיי, דו ציגענע בערדל, דו!

— האַ־האַ־האַ! — צעלאַכט זיך קושקע פון טיפן בויך. ס'טוט אים הנאה וואָס אַרום אים קריגט מען זיך און ער אַליין עסט. ס'עסט זיך אַזוי בעסער.

אָבער מאיר פענטע מיט זיין ליימענעם לשון איז אַלעמען, נישט

ווילנדיק, משמח, און צעטרייבט דעם כעס, ווי אַ רויך, צווישן זיינע אויפגערייצטע טיש־חברים. ער זיצט מיט זיינע ווייטיקדיקע אויגלעך און מיט זיין ליימענער צורה אַקעגן קברות־מאַן און לאָזט פון זיך אַרויס אָפּגעהאַקטע הברות פון אומגעלומפּערטקייט און אַנטציקונג:

— אַ כאַלער־אַראַ—כריי! אַ סריייף—ני—קאַ—כריי!

הייסט דאָס: אַ כאָלערע! ס'אַרא כריין! אַ שריפה, נישט קיין כריין! אָדער ער פינטלט מיט די אויגן און שרייט דערשטיקט פון האַלדז אַרויס:

— אוי, אַ מאַך—! וואַרענ—ני—קאַ—הילעכץ!

הייסט דאָס: אוי, אַ מכה! „וואַרעניע" נישט קיין געפּילעכץ!

דערהערט פּענטעס ווייב די זיסע אויסגעשרייען פון איר מאַן, גייט זי פאַרשעמט אַרויס פון וואַנט־שאָטן, ווו זי האָט זיך געטוליעט ביז אַהער מיט אַ סך אַנדערע ווייבער, און שטעלט אויס צו איר ברויטגעבער איר ליידיקן טעפּל. וואַרפט אַהין פּענטע אַריין מיט האַרץ אַ שטיק פון זיין חלק פיש, און בורטשעט אויף פּענטיכען מיט זיין ליימענעם לשון:

— טאַ־זיי—דאַף—מע—מאַכ—פיש! הע—עסט?

הייסט דאָס: אָט אַזוי דאַרף מען מאַכן פיש, הערסט?

דאָס זענען בלויז איינציקע, אכלנדיקע פיגורן, בשעת דער סעודה פון חברה־קדישא. די העויות און דער כוח האַכילה איז פאַרשידן. יעדער עסט לויט זיין נוסח. דער ליימער „לייגט ציגל", דער נאַסקע־טרעגער קרעכצט אונטער דער משא פון עולם־הזה... דער קאָוואַל „צווענגלט" זיין חלק פיש פון אַלע זייטן און פינטלט פון כריין מיטביידע אויגן ווי פון הייסע פונקען. דער רימער „פּאַסעוועט" און דער שוסטער האַקט קליינינקע און גיכע ביסנס, ווי טשוועקלעך אין אַ פּאַדעשווע, איינס נאָך איינס, איינס נאָך איינס. און דער סטאָליאַר הובלט אין פּיסק אַריין... הכלל, יעטוועדער מיט זיינע תנועות, אַזוי ווי ער איז געוווינט ביי זיין טעגלעכער פּראַצע. און אַלץ גיסט זיך צוזאַמען אין איין געשמאַקער רייבעניש און סמאַטשקעניש. אַ מחיה צו קוקן, ווי אַזאַ גרויסע עדה יידן, קיין עין־הרע, האָט זיך אָפּגעזונדערט פון דער איינגעשנייטער שטעטל און פון אַלע אָפּגעשטאַנענע מצוות, האָט זיך אויסגעזעצט אַרום טישן און איז שטאַרק פאַרנומען מיט עולם־הזה. אַריינגעטאָן זיך מיט לייב און לעבן אין זאַכן, וואָס דער שקלאָווער מאַרק און דער גבאי, זאָל לעבן, האָט איר אָנגעבאָטן. הלואי זאָל זיי נאָר אַלעמען דער אויבערשטער

געבן כוח אַריינצונעמען איז זיך אַזוי פיל ערדישע הנאה און עס זאָל זיי חלילה נישט פאַרשאַטן.

דערזעט ר׳ אשר, דער גבאי, אַז דער עולם איז שוין פאַרטיק מיט פיש, גיסט ער אָן זיין טיפן קעלישאָק און גיט אַ ווינק מען זאָל מאַכן לחיים נאָך אַמאָל.

— נאָך אַזאַ פיש, — מאַכט ער און פאַרקוועטשט זיין שפּאַרבער־אויג — נאָך אַזאַ פיש און נאָכן היינטיקן דאַווענען איז אַ יושר צו נעמען אַ ביסל בראָנפן.

— פאַרוואָס, גבאי אשר, פאַרוואָס? — פרעגן זיך נאָך אַ סך צופרי־דענע קולות. כאָטש אַ סך פון זיי געדענקען דעם גבאיס ענטפער, אויף פונקט אַזאַ קלוגעטשקער פראַגע, פון פאַר צוויי יאָרן. אָבער מיט זייער געמאַכטער נייגעריקייט מונטערן זיי אויף ר׳ אשרן אַרויסצוזאָגן די אַלטע חכמה מיט אַ נייער פרישקייט.

— ווייל, — גלעט זיך ר׳ אשר די באָרד — ווייל די פיש האָט מען געכאַפּט, און היינטיקן מעריב־דאַווענען האָט מען אויך געכאַפּט...

— האָ־האָ־האָ! — דונערט אויף אַ הונדערט־העלדזערדיקער געלעכ־טער, — דאַווענען האָט מען אויך „געכאַפּט״.. אַ געזונט אין אונדזער גבאי!

און אַלע אָפענע „סאָטקעס״ גיבן זיך אַ בויג און זייען אויס דאָס רעשט בראָנפן אין די קעלישקעס, אָדער גלייך אין די העלדזער אַריין.

קריגט אָרע וואָכערניק קנאה, וואָס ר׳ אשר מאַכט זיך אַזוי באַליבט ביים עולם. ניין, געזונט וועט אים, אָרען, דערפון נישט צוקומען ביים קלייבן אַ נייעם גבאי... וויל ער זיך אויך מאַכן באַליבט, און שרייט אויס צו די צוויי באַזעצטע טישן, גאָר פלוצים און אין מיטן־דריגנען:

— שאַ, שאַ, יידן! איר ווייסט פאַרוואָס... אַ האָן, בשעת ער קרייעט, פאַרמאַכט ער די אויגן?

— יאָ, יאָ, פאַרוואָס? — פרעגן זיך נאָך פאַראייגצלטע, נישט זייער נייגעריקע קולות. דער איבעריקער עולם שווייגט, וואָרום אָרעס הויכע שאלה קלינגט אַ ביסל נישט צו דער זאַך.

איילט זיך דער וואָכערניק צו פאַרענטפערן די האַרבע קשיה:

— ווייל ער קען אויסנווייניק... דער האָן...

— כאָ־כאָ! — ענטפערט אים פון די טישן אַ שיטערינקער געלעכ־טער. און אויך דאָס געלעכטערל שטאַמט פון די אָרעמסטע חברהשע לייט, וואָס קומען אָן צום וואָכערניק נאָך אַ טובה.

פאַרשעמט זיך ר׳ אָרע אַליין פאַר זיין נישט מיושבדיקן, געכאַפּטן ענטפער. ער קוקט זיך אום, פינטלט מיט פינצטערע אויגן אויף ר׳ אָשרן, זיין גרויסן קאָנקורענט, ביי וועמען אַלץ קומט אַרויס אַזוי קלוג, אַזוי קיילעכדיק, און וועלכער טרעפט שטענדיק אין פינטל אַריין...

נאָר דאָ קומען אָן די גרויסע פּאַלומעסיקעס מיט די פעטע שטיקער גענדזנס און ראַטעווען אים אַרויס פון זיין אַריינפאַל. אַלע שטרעקן אויס הענט און טעלער נאָך זייערע חלקים און קוקן זיך מער אויף אָרע וואָ־כערניק נישט אום.

4.

יויך אָדער זופּ גייט נישט אַריין אין שפּייז־צעטל פון חברה־קדישא. יויך — דאָס איז אָן עסק פאַר מפונקים, פאַר ווייבער און איידימלעך אויף קעסט. חברה־קדישא האַלט נאָר פון פעטע אַכילות. אָנשטאָט שיטערע פאַרפל זאָל בעסער בלייבן מער אָרט פאַר לאָקשענע טייגעכצן, פאַר גע־פּילטע בלינצעס און פאַר שוימענדיקן ביר.

קושקע בראַנד כאַפּט זיך גלייך צו צו זיין פערטל גאַנדז און צום צולאָג: אַ געפּרעגלטער שטיק פופּיק, אַ בלינטשע, אַ זויערע אוגערקע. מיט אַזאַ חשק כאַפּט ער זיך צו, פונקט ווי ער וואָלט נאָך היינט, נאָכן תענית גאָרנישט טועם געווען. די זויערע אוגערקע בייסט ער פון גאַנצן און דעם געבאַקטן עפּל נעמט ער אויך אַריין אין שפּיל. דרייט זיך ביי אים אַ געדריי פון באַקן־ביינער, חלה, ליפּן, געגנדזנס און פּאָטראָוועס, אַז עס גייט אַ רויך.

פאַרדריסט דעם גאַליקן קברות־מאַן אַזאַ פאַרפרעסנקייט. ס׳גייט אים, פשוט, איבערן לעבער. זוכט ער מיט וואָס אַ שטאָך צו טאָן אַזאַ גראָבן נפש. דערזעט ער קושקעס צוויי פעקלעך געלע האָר איבער זיינע אויערן, פון ביידע זייטן פליך. די פעקלעך האָר שטעקן אַרויס פון אונטער דעם פאַרשאַרטן וואַטאָוועוון היטל און זענען שוין דורכגעשלאָגן מיט אַ גרויקייט. און גרויסע טראָפּנס שווייס שאָקלען זיך, צווישן די דאָזיקע געלע פעקלעך, אויפן פעטן פליך. צערייצט דאָס דעם קברות־מאַן נאָך מער. רופט ער זיך אָפּ צום שינדער אָקעגן אים:

— יאָקע, דו ווייסט אפשר פאַרוואָס מען זאָגט, אַז אַ געלער איז אַ גנב?

— הע? — פרעגט יאָקע גאַנץ טעמפּ און שינדט ווייטער די פעטע

פאַרפרעגלטע הויט פון זיין חלק, ווי זיין שטייגער איז.

— דו ווייסט גאָר נישט? — פרעגט איבער דער קברות־מאַן מיט זיין הייזעריקן קולעכל און ווינקט מיט זיין וואַסערדיק אויגל — אַט וועל איך דיר באַלד זאָגן, יאָקע! ווייל... אַ געלער, אַז ער ווערט גרוי, זאָגט ער, אַז ער איז געווען אַ שוואַרצער...

— האַ־האַ־האַ! — דונערט אָפּ, קייענדיק, אַ קופּקע טיש־חברים. און אַ סך לעבעדיקע אויגן קוקן זיך אום אויף קושקען.

ערשט דאָ כאַפּט זיך קושקע, אַז דאָס מיינט מען אים. דערקייט ער זיין שווערן ביסן מיט אַן איינגעהאַלטענעם צאָרן, שלינגט אַראָפּ און מאַכט צום קברות־מאַן אַזוי:

— דאָס מיינסטו מיך! דו ווערעמדיקער בית־עלמין־ניסל, דו! אַליין פרעסט דאָס נישט און לאָזט אַנדערע נישט עסן...

דערהערט דער גבאי, אַז די גראָבע יונגען האָבן זיך צעיאַכמערט, נעמט ער זיך גלייך לעשן דעם בייזן טומל.

— שאַ, — מאַכט ער — קושקע! אַן כעס! ביי דער סעודה מעג מען זיך ווערטלען וועגן אַלעמען. אַט וועל איך אייך באַלד עפּעס זאָגן וועגן אונדזער חזן, ר׳ יחיאל, זאָל געזונט זיין, און ער וועט אויך נישט ווערן אין כעס.

— זאָגט, זאָגט, זאָגט ר׳ אשר! — וואַרעמען אים אונטער אַ סך אַנגעשטאָפּטע מיילער.

מאַכט ר׳ אשר בנעימותדיק:

— למען השם, פאַר ימים נוראים, אם־ירצה־השם, דאַרף מען זען טאָן מיט אונדזער חזן, וואָס כעלמער טוען מיט זייער חזן.

— וואָס, וואָס, וואָס טוט מען אין כעלם מיטן חזן? — כאַ־כאַ־כאַ...

— שאַ. איר לאַכט שוין? וואַרט אַ ווײַלעצקע. אין כעלם איז דאָ אַ שיינער מנהג, גוט אַנצוברעכן די ביינער דעם חזן, תשובה־צייט...

— צוליב וואָס, ר׳ אשר? זאָגט, זאָגט, זאָגט!...

— כדי ער זאָל ראש־השנה דאַווענען מיט אַ צעבראָכן האַרץ.

— כאַ־כאַ־כאַ! — צעטרייסלען זיך אַלע חברהשע מילצן. עס הירזשען די באַלעגאַלעס, עס רעווען די קצבים, די שמשים בייסן זיך די בערד, מחמת בכבודיקער איינגעהאַלטנקייט. אַפילו ר׳ יחיאל דער חזן אַליין ברומט לאַכנדיק מיט זיין לייבן־קול.

— נאַ! — טראַכט זיך אָרע וואָכערניק מיט פאַרדרוס — פאַרפאַלן, דאַכט זיך, אויך היי־יאָר מיינע גבאות!...

אין פריילעכן טומל קערט זיך אום קושקע־בראַנד צו זיין אָפּגע־לאָזענעם חלק געגדזנס, און דער קראַנקער קברות־מאַן קריגט אויך חשק צו פאַרזוכן פון זיין חלק. קאַלופּעט ער מיטן גאָפּל אין דער פּאַלקע און קוקט זיך אום צי מען זעט נישט, ווי ער האָט קיין כוח נישט...

קיינער זעט אים נישט אָן. בייביידע לאַנגע טישן באַארבעט דער עולם די חלקים אויף וואָס די וועלט שטייט. מען שניידט דאָס געגדזנס און מען פּאַסעוועט, מען רייסט עס און מען ברעכט ביינדלעך. מען טרענט אויף בייכיקע בלינטשעס — געפּילט מיט ציבעלע־שאָלעכץ און מיט איינגעפּרעגלטע מעל. אויף די טעלער — שמאַלץ, אויף די פינגער — שמאַלץ, אויף די ליפּן — שמאַלץ, און שמאַלץ אין אַלעמענס אויגן... די פאַרפּרעגלטע גריוון־הויט איבער די חלקים ברעכט זיך ווי אַ רויער טונקל־ברוינער שטיק בורשטין. אַ פּאַרע פון הייסע שטערנס שטייט איבער אַלעמען און אַ מחיהדיקער ריח פון געבראָטנס.

אַצינד קריגט דער עולם דורשט. ווערן געעפנט די ברייטע גרינע פלעשער. עס שוימט אַ האַניקדיקער שוים איבער די שוואַרצלעכע, קליינ־שטעטלדיקע „באַוואַרסקע" — בייעריש ביר הייסט דאָס — פון דער אמתער שקלאָווער מאַרקע. די צינגער האָבן זיך צעבונדן נאָך מער. עס בליען אויף באַקן, און אויגן פאַרגייען אין תענוג און פלאַקערן ווידער אויף. מען ווערט צעקיצלט און צעציקלט און מ׳לאַכט פון פולן האַרצן איבער יעטוועדער קלייניקייט. דער האָט אַ ניס געטאָן כ כי־כי־כי!ביים סאַרווער האָט זיך אַ גליטש געטאָן דער פּאָלומעסיק: כאַ־כאַ־כאַ!... די סטרונעס פון פרייד זענען ביי אַלעמען אָנגעצויגן און ענטפערן אָפּ, ביי יעדן ריר, מיט אַ פּיל־טאָניקער, צען מאָל פאַרגרעסערטער ברומעריי. מען לאַכט פון יעדן מגושמדיקן וואָרט, וואָס דאַרף דאַכט זיך, ווירקן ווי אַ דראָנג אויף די ריפּן. אַז מ׳וואָלט אָן אַנדערש מאָל געקיצלט מיט אַ האָלאָבליע אונטער דער פּאַכווע, וואָלט מען דען געלאַכט? „קאַראַאול" וואָלט מען דאָך געשריען! נאָר היינט לאַכט מען.

— ביי מיר, — רופט זיך אָן אַ בגילופינדיקער קצב און פאַרקרימט צוליב קאָמישקייט דאָס מויל אויף איין זייט — ביי מיר האָט אַ קעלבל אָפּגעקייט אַ ברעג טלית און אַראָפּגעשלונגען אַ ציצה. דערנאָך האָט מען די ציצה געפונען ביי איר אין צעפּצעכע...

— האָ־האָ־האָ! — דונערן אַלע בייכער.

דערציילט אַ באַלעגאָלע:

— אַן אַגער האָט זיך צו מיר פֿאַרנאַדיעט. יאָקים דעם פּלאָטניקס אַגער. שדכנט זיך צו מיין קליאַטשע. קערט די וועלט.

— כע־כע־כע!

— אין אַ מזלדיקער שעה! — ווינטשעוועט אים זאַוול שמייסער — זאָלסט דערלעבן פֿון אַזאַ טייערן איידעם קינדער און קינדס־קינדער!

— האַ־האַ־האַ!

5.

דערזען די קבצנים ביי דער טיר און פֿענצטער, אַז דער עולם איז שוין נישקשהדיק אָנגעגעסן און אָנגעטרונקען, באַקומען זיי מוט, טרעטן צו צו די טישן, שטייען צו צו חברהשע לייט, כאַפּן שיריים, בייזערן זיך, מאַנטשען, חנפֿהנען, בעטלען. „אָיקעלע" און „מחיהקעלע" זענען אויך דאָ. איינע שטופּט זיך מיט אַ זויערינקן פּנימל, די אַנדערע — מיט אַ זיסינקן. איינע זיפֿצט נאָך יעדן ביסן, די אַנדערע בענטשט. מער ווי אַלע שטופּט זיך דאָ אַ מגושמדיקער ייד, וואָס אַ קאַפּאָטע טראָגט ער אַ ברודיק־געלבע און עס גיט זיך פֿון אים שטענדיק אָפּ מיטן ריח פֿון אַן אַלטער טאָרבע. זיין גאַנצער יחוס איז וואָס ער דערציילט, אַז ער האָט שוין געקליבן נדבות אין ארץ־ישׂראל. געווען שוין, זאָגט ער, אַפֿילו ערב־יום־כיפּור אויפֿן הר־הזתים און „געקליבן" דאָרטן אויך... עפּעס גוטע זאַכן, פֿרעגט מען אים, וואַקסן דאָרטן אין ארץ־ישׂראל? „בעריקעס", ענטפֿערט ער, מיט אַ באַזונדער התוך הדבור. וואָס־זשע עסט מען דאָרטן צו וואַרעמס? „בעריקעס". ענטפֿערט ער מיטן זעלבן לשון. וואָס הייסט „בעריקעס"? גלאַט בעריקעס? „בעריקעס מיט בוימל?", ענטפֿערט דער ארץ־ישׂראל ייד.

דאָס זענען אַלע איינדרוקן וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פֿון זיין ארץ־ישׂראל רייזע. און מיט דעם כוח פֿון די הייליקע זכרונות וועגן „בעריקעס", שטופּט ער זיך, מיט אַ טאָפּעלער און טעמפּער עקשנות, דאָרטן, ווו אַלע אַנדערע קבצנים האָבן שוין אָנגעווירן די כוחות... רופֿט מען אים דערפֿאַר „בערע בעריקעס".

דערזעט אים זאַוול דער שמייסער גאָר נאָענט לעבן די רעשטלעך פֿון זיין טעלער, צעלאַכט ער זיך און דערציילט וועגן בערע־בעריקעס הויך אויפֿן קול. נישט ער האָט מורא, אַז יענער וועט זיך פֿאַרשעמען, נישט יענער פֿאַרשעמט זיך. אדרבא, בערע־בעריקעס הערט וועגן זיך אויס די גראָבלעכע מעשה, כאַפּט דערביי זשעדנע די שיריים און מרוקעט צו עסנדיק. מסכים הייסט דאָס.

— איר הערט דאָך, — דערציילט זאַוול גאַנץ הפקרדיק — דער נייער נגיד האָט אים איינמאָל גענומען אויף שבת. געגעבן אים אַ קליי־נינקן שטיקל פיש און אַ סך יויך אין טעלער. טונקט בערע־בעריקעס די גאַנצע צייט די יויך מיט פרישער חלה. איין טונק — אַ האַלבע המוציא, אַ צווייטן טונק — אַ האַלבע המוציא. רוקט אים אונטער דער נייער נגיד דעם קאַרענעם ברויט. פיש, מאַכט דער נייער נגיד, האָט ליב מען זאָל עס עסן מיט אַ שטיקעלע סיטנעם ברויט. און ביי אונדז, זאָגט „בערע־בעריקעס", עסט מען פיש מיט ווייסער חלה, אין ארץ־ישראל אויך אַזוי!... אָפּגעזאָגט און „טונקט" ווייטער. ווערט שוין בייז די נייע נגידיתטע. איר ווייסט, זאָגט זי, ר' ייד? ווייס מעל קאָסט ביי אונדז זייער טייער! „ס'איז אָבער ווערט!", גיט בעריקעס אַ בורטש און רייבט ווייטער. די גאַנצע חלה האָט ער ביים נייעם נגיד אָוועקגעטונקען. כאַ־האַ־האַ!

— כע־כע־כע! — העלפט אים לאַכן בערע־בעריקעס, ווי גאַר אַ זיי־טיקער מענטש, און כאַפּט ווייטער פון די טעלער.

עס שווימען אַרויס, וויגנדיק זיך ביי די סאַרווער אויף די פּלייצעס, די געהויבענע און מוראדיקע לאָקשן־טייגעכצן. אַלע זענען זיי געפּרעגלט און זעען אויס, ווי צעשניטענע, געפּלאָכטענע ברוין־לאַקירטע קערבּ, וואָס זענען אָנגעפּילט מיט אייער־לאָקשן, מיט געריבענע געהירן און מיט מחיה־דיקער געלבלעכער ווייכקייט... אָנקוקנדיק אַזעלכע שמאַלציקע פּיפּער־נאָטערס, ווערט דער עולם ערנסטער. די ברעמען כמורען זיך אָן, ווי ביי דיינים פאַר פּסקנען אַ האַרבע שאלה. נאָך די שווערע חלקים פיש און פלייש שטייט זיי אַצינד פאַר גאַר נישט קיין לייכטע נייע האַרעוואַניע. אַ סך זיפצן אָפּ. נאָר גאָט וועט מסתמא העלפן!

— נאָ, — דערהערן זיך ביים עק טיש עטלעכע ערנסטע קולות — גענוג צו חכמהנען זיך! אַצינד וועט אונדז עפּעס זיידע־וואָיטעק דער־ציילן.

און וואָיטעק דערציילט צום צענטן מאָל מעשיות פון זיינע אַמאָליקע חברים, אַלע ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטן. ווי אַזוי, אַ שטייגער, שמחת־תורה, צו די הקפות, האָט זיך צעוואָרעמט מורנו גרישאַ בר' דאַנילאָ זעליקאָוויץ. פון פרומער באַגייסטערונג האָט ער אַ הויב געטאָן זיין הקפה, ווי אַ גבר וואָס שפּילט זיך מיט אַ קינד:

— אָך, האַספּאָדי, תורהלע טי נאַשאַ!

פונעם וואָרף־אַרויף האָט זיך אָבער פּאַרקאַטשעט דאָס מענטעלע אויף דער רייניקייט, אַנטבלויזט די הילצערנע עץ־חיימס. גיט באַלד אַ שפּרונג

צו אַ צווייטער גאָטפאַרכטיקער ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט, וואָס האָט זיך אָנגעגומען פאַרן כבוד פון אלהי־צבאות, און צעשרייט זיך אויף מורנו גרישאַ בר׳ דאַנילאָ זעליקאָוויץ:

— ווי „דערזשעסטו״ די תורהלע, דו סוקין־סין! פאַרדעק דער תורהלע די „גאָזשקעס״!

מיטן פריילעכן טומל, אַרום וואַיטעקן, באַגוצן זיך די טעלער־לעקער. זיי ווערן אַלץ מוטיקער. זיי כאַפּן שוין אַציגד חוצפּהדיק פון טיש און די שיריים ביי די סאַרוועוער אויף די פּלייצעס, פון די גרויסע פּאָלומעסי־קעס. נאָר אַלע חברהשע לייט זענען שוין אַזוי איבערגעפּילט מיט טייגעכץ, אַז זיי קוקן אויף דעם מיט פאַרגאָסענע און גנאָדיקע אויגן. נאָר בועז, דער נגיד אין מגילת־רות, האָט אַזוי גוטמוטיק געקוקט אויף די „קלייבער״ אין זיינע ברייטע שניט־פעלדער... און, באמת, די פעטע רעשטלעך, סוף סעודה, דאָס זענען דאָך די „פּאה״, „שכחה״ און „לקט״ *) אויף די זאַטע חברהשע טישן, ווי אין אַמאָליקע צייטן — אויף די פעלדער פון יהודה... טאָ זאָלן זיי — די שקלאָוער אָרעמעלייט, כאַפּן געזונטשינקערהייט!

גבאי ר׳ אשר האָט זיך ווידער פּאָסטאַרעט... היינטיקן יאָר אַ נייעס! אַלס אַ צווייטע פאַרבייסעכץ, נאָך דער סעודה, דערלאַנגט מען נאָך שוואַרצע פלוימען, געדיכט איינגעקאָכט מיט גענדזענע „פּלאָשצינעס״ און מיט קאַרטאָפליעס צוזאַמען. ס׳איז אַ גרונטאָוונער צימעס, אין וועלכן ברוין און שוואַרץ און פעט לויפן געוועט. ער האָט אַ הפלאדיקן, האָניקדיקן ריח, דער צימעס, און אַ טעם — כפרה אַלע קאָמפּאָטן אין דער וועלט! נאָר פסח־צייט פאַרגינט מען זיך אין שקלאָוו אַזאַ צימעס. און אויך דאַמאָלסט — נישט אַזאַ זיסן און נישט אַזאַ פעטן ווי ביי חברה־לויה. נאָר ר׳ אשרן און חברה־קדישא, צו דער סעודה, איז קיין זאַך נישט טייער.

גיט קושקע בראַנד שלעפעריק אַ שמעק, דערנאָך פאַרזוכט ער אַ לעפל מיט פוילער איבערגעזעטיקטקייט, און טשוכעט זיך גלייך אויס. האַ? וואָס איז דאָס? וואָס זאָגט איר עפּעס? אַ טעם! אַי־אַי־אַי!

פאַרגינט ער זיך נישט אויפצועסן אַזאַ טייערן צימעס „מיט נישט״, און גיט זיך אַ נעם רייבן די פעטע פלוימען־קאַרטאָפליעס מיט אַ שטיק פרישע חלה. און אַלע קוקן און שטוינען. אַזאַ צוביס איבערשטייגט

---

*) מצוות, וואָס זענען אַמאָל געווען פאַרבונדן מיטן שניט אויף די פעלדער אין יידישן לאַנד.

שוין אַלע באַגריפֿן פֿון אַ קישקע אָן אַ דעק. דער דורשט פּייניקט קושקען נאָך אַזאַ האָניקדיקן הייסן ביסן. און זיין בוטל ביר איז שוין לאַנג ליידיק. מאַנטשעט ער נאָך אויס ביי זיין שמייסער אַ ביסל געטראַנק, וואָס איז ביי יענעם איבערגעבליבן אויפֿן דעק פֿלאַש. אַראָפּגעשוועקט דעם צימעס און אָטהייעט זיך. די אָנגעפּאַקטע חברהשע לייט ווערן מיד און שלעפּערדיק. מונטערט זיי דער גבאי אויף און שאָקלט זיי פֿאַנאַנדער. פֿון זיין אויבנאָן שרייט ער אויף זיי פּאָטערלעך אָן:

— נאַ, נאַ!... אַ ניגון, יידן, אַ ניגון!

— אַ ניגון, אַ ניגון!

מען זינגט „אחד אלהינו" אונטער ר' יחיאל דעם חזנס אָנפֿירונג. מען זינגט „אחד מי יודע" לויט מאָטע מאַרשעלאָקס נוסח מיטן „האָפּ־טשאָק מאַרשעלאָק, מיט איין באָרוועס, מיט איין זאָק"... און מען גייט איבער אויף חסידישע ניגונים. מען זינגט דעם אַלטן רבינס ניגון מיט התלהבות. דערנאָך — ניגונים פֿון אַלע חסידישע טישן אין רייסן: אַ קאַפּוסטער שטייגערל, אַ ליובאַוויטשער, אַ סטראַשעלער. און גאָר אַ שפּאָגל־נייעם זמרל, וואָס דער „חוזר" האָט דאָ נישט לאַנג געבראַכט פֿון אַ רבינס טיש.

אָבער אויך די חסידישע ניגונים שעפּן זיך אויס. די העלדזער ווערן הייזעריק, די נעזער שלעפּערדיק. פֿאַלט ר' יחיאל דער חזן אויף אַן המצאה:

— שאַט, יידן! לאָמיר גאָר אַצינד זינגען דעם אַלטן רבינס אַדרעס. שמחת־תורה אין קאַפּוסט האָט מען אים געזונגען ביי ר' לייבעלען — זיין אייניקל. אָט אַ הערט:

אואוו מיאָסטעטשקו ליאָדי־יו
מאָגילעווסקו גובערני־יו
דזכאָוונאָמו ראַבינו־ו
שנייער־זלמענ־יו!

די אויסטערלישע גויאישקע ווערטער מיטן מאָדנעם יידישן טעם, מיטן ביים־האַרץ־ציענדיקן חסידישן ניגון צעפֿלאַקערן ווידער אַמאָל דעם איינגעשלאָפֿענעם חשק צום געזאַנג. ציט מען אַפֿריער מיט ר' יחיאלן פֿאָוואָליע, האַלב־פֿריילעך, האַלב־טרויעריק, איינמאָל אָפּגעזונגען בעמט מען זיך צום אָנהויב אַדרעס מיט אַ טאָן העכער און מיט אַ גיכערן טעמפּ:

אַי, אואוו מיאָסטעטשקו...

באַדייט דאָס אויף מאַמע־לשון:

אַי, אין דעם שטעטעלע ליאַדי *)
פון גובערניע מאָהילעוו,
צו דעם הייליקן רבין
שניאור־זלמנען.

צום דריטן מאָל ווערט דער אַדרעס געזונגען נאָך גיכער און נאָך העכער. און צום פערטן מאָל פאַרגייט ער שוין אין אמתן חסידישן קוויטש, ווען די אויגן ברענען ווילד און די קעפּ וואַרפן זיך ווי קוסטעס אין אַ זאַוויערוכע און הענט פּאַטשן צום טאַקט, אַלץ געשווינדער און געשוויג־דער, און גבאי, חברהשע־לייט, סאַרוועער און טעלער־לעקער גיסן זיך צוזאַמען אין איין זינגענדיקן שטורעם, שפּעט אין דער נאַכט, אין עזרת־נשים פון לויה־בית־מדרש:

...אַי דזכאַוונאָמו ראַבינו־ו
שנייער—זאַל—מענ—ניו !!

*) ליאַדי — די אַמאָליקע רעזידענץ פונעם אַלטן רבין, ר׳ שניאור זלמן שניאורסאָן.

קושקע כאַפּט דעם פּסק

1. זאַוולס עצה

בשעת חברה־קדישא פאַרגייט זיך נאָך אין די הויכע טענער פון רבין שניאורסאָנס „אַדרעס", ווערט זאַוול שמייסער עפּעס אומרואיק. דאָס געמישעכץ פון בראָנפן און ביר, וואָס ער האָט אין זיך אַריינגענומען, צעשפּילן זיך אין אים. דאָס געבראָטענע גענדזנס קערט ווערלטן... מאַכט ער צום באַלעבאָס זיינעם, צו קושקען:

— איר ווייסט? די אַלטע שקראַבע — סענדעריכע — קאָכט דאָך דאָ היינט אַ גאַנצינקן טאָג.

— נו? — פרעגט קושקע שלעפערדיק און פאַרשטייט נישט וווהין זיין שמייסער בויגט.

— היינט וואָס זיצן מיר דאָ מיט די כניאָקעס? — רעדט זאַוול שטילערהייט און ווינקט צו יצר־הרעדיק מיט איין אויגל. — מערע איז דאָך אייבינקע אַליין...

דאָס בלוט גיט זיך קושקען אַ וואָרף אין קאָפּ. אַנגעגעסן ווי ער איז און אָנגעפּאַיעט ווי אַן אָקס, האָט ער נאָך פונדעסטוועגן געגוג כוח־הדמיון פאָרצושטעלן זיך סענדערס טאָכטער אין איר גאַנצער גלוסטיקער ווייבלעכקייט, וואָס האָט זיך אַזוי צעבליט נאָך דער חתונה מיט פאַנד־רען — זיין שונא. ער האָט דאָך איר שטענדיק נאָכגעקוקט, ווי אַ קאָטער נאָך פלייש, און באַלעקט זיך. נאָר סענדערס חסידישקייט און פאַנדרעס אימה האָבן שטענדיק געשוועבט אַרום איר, ווי אַ וואָלקן, געמאַכט אַ מחיצה צווישן איר און זיין גראָבליוגנשאַפט. אָבער אַצינד... סענדער — דערטרונקען, פאַנדרע — אין אָסטראָג, סענדעריכע — פאַרנומען. היינט וואָס שווייגט ער?... ניין! אַ מזיק איז דאָס, נישט קיין מענטש, אָט דער זאַוול!

— אַט! — ענטפערט קושקע אין זיין ערשטן נאָכטראַכטן, גלאַט אין דער וועלט אַריין.

נאָר זאַוול שמייסער לאָזט אים נישט אָפּ:

— איך געדענק נאָך — מאַכט ער — פאַראַיאָרן ווינטער, ביים אָרשער וואָקזאַל, בשעת איר האָט געגעסן קאַשע פון האַלאַטשיק, האָט זיך פאַנדרע צוגעטשעפּעט. אַפריער האָט ער געמאַנטשעט אַ „קאַפּ קאַשע", דערנאָך האָט ער זיך געוואָרפן שלאָגן. איר האָט אים עפּעס אַ זאָג געטאָן מכוח זיין מערען: „כ'וועל פון דיר באַלד מאַכן אַ רויטע קאַשע!" האָט ער געשריען...

— מילא, — ענטפערט קושקע, כלומרשט גלייכגילטיק, און דאָס גאַנצע איבערגעהיצטע בלוט זידט אין אים. ער געדענקט גאַנץ גוט, ווי ער האָט מורא געקראָגן פאַר פאַנדרעס קולאַקעס, און איז געווען צופרידן, וואָס די באַלעגאָלעס האָבן זיך אַריינגעמישט און נישט דערלאָזן.

— איך אויף אייער אָרט, — בונטעוועט אים ווייטער זאַוול דער אויסוואורף — איך וואָלט אים נישט פאַרשוויגן, אַצינד, אַז די יידענע איז אַליין —

— אָ, — גיט קושקע פאַרדראָסיק אַ מאַך מיט דער האַנט — אַזוי גוט ווי ער... אַ שטיין איז דאָס, נישט קיין יידענע...

— כהע! — גיט זאַוול ממזריש אַ לאַך, — שוין געזען אַזעלכע צדיקותטעס! איר קענט נישט קיין נקבות, וואָס זיצן אַזוי לאַנג אָן אַ מאַן. מ'דאַרף נאָר אָנטרעפן די גוטע שעה...

ביי קושקען צעגליען זיך די פאַרגאָסענע אויגן. ער דערמאָנט זיך ווי מערע איז לעבן אים געזעסן גאָר נאָענט, דאַמאָלסט... בשעת ער איז אָנגעפאָרן מיט „שמענדריקען" צוריק פון מאַקאַראָוקי און אַרויסגעלייגט די עטלעכע רובל אויפן טיש. אַפילו אַ גלאָז טיי האָט זי אים דערלאַנגט און געשמייכלט. „שמענדריקע" וואָלט זיך דאַמאָלסט נישט געווען אָנגע־זליאָקעט מיט אייז־וואַסער און נישט אַנידערגעפאַלן — וואָלט אפשר דערפון עפּעס אַרויסגעקומען. מ'קען נישט וויסן... געוואַלד, וואָס פאַר אַ טאַרעראַם דאָ איז! וואָס פאַר אַ זינגערייי! משוגע קען מען ווערן!...

פון גלוסטעניש און פון טומל האָט זיך קושקעס פּעטער שטערן פאַרקרימט ביזן פליק. און זאַוול האָט, מיט דעם חוש פון יצר־הרעניק, געטראָפן גלייך אין פינטל אַריין:

— קומט!

אַט דער דאָזיקער פילדייטיקער „קומט" פאַרדרייט קושקעס נישט־

לויטערן קאָפּ איינגאַנצן. פונדעסטוועגן שלאָגט ער זיך נאָך מיט דער דעה. ער האָט מורא:

— ע... כ'דאַרף נאָך נעמען אַ חלק סעודה אַהיים... פאַר דער ווייב...

— טאָ קומט נעמען! — לאָזט אים זאַוול נישט אָפּ.

באַלעבאָס און שמייסער דרייען זיך ביידע, שטילערהייט, אַרויס פון צווישן דעם זינגענדיקן, ליאַרעמדיקן עולם. קושקע בראַנד שטופּט זיך שווער אַדורך מיט זיין ברייטן געזעס, מיטן גרויסן קאַשיק אין האַנט און מיט זיין „צעטעלע". ס'איז דאָס קוויטל צום אויבער־סאַרווער, פונעם גבאי ר' אשר אַליין אונטערגעשריבן, אַז מ'זאָל דעם מוכ"ז (איבער־ברענגער) אַרויסגעבן אַ חלק פיש און אַ חלק פלייש און אַ חלק „טיי־געכץ", צו נעמען אַהיים. יאָ, נישט אַלע לעבעדיקע חברהשע לייט באַ־קומען אַזאַ קוויטעלע, סיידן אַ חברהשער מאַן שטאַרבט, נישט פאַר קיין יידן געדאַכט, באַקומט דאָס די פאַמיליע עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד. נאָר קושקע בראַנד, אָט דער קופּערנער שטערן, וואָס איז אַזוי שטאַרק, ווען מען דאַרף רייסן קבורה־געלט, האָט זיך אין חברה־לויה זיינע פּריווי־לעגיעס...

ביידע גייען דורך דעם לאַנגן, טונקעלן פירהויז, וואָס איז נאָר באַ־לויכטן פון דער ווייטער קהלשער קיך אין הויף, טאַפּנדיק אין דער האַלב־טונקלקייט, האַלט זאַוול אין איין אויפרייצן זיין באַלעבאָס. אַזאַ אויסוווּרף איז דאָס!

— איך אויף אייער אָרט... כעהע!... עפּעס האָט איר אַזוינס געדברעט וועגן סענדערן, נאָך זיין טויט, אַז ער האָט, הייסט דאָס, דערהרגעט אַן ערל אין וואַלד... קלייבן זיך פּאַנדרעס גוטע ברידער צו פאַרמסרן אייך, אָט ווי נאָר נח וועט אַרויס פון אָסטראָג. עס חלשט זיך זיי אַ געשלעג, טו זאָל כאָטש זיין פאַר וואָס...

נאָר גראָד דאָס וועקט אויף קושקע־בראַנדס פאַרפרעסענעם קאָפּ אַ ביסעלע חשד:

— הער נאָר, זאַוול, אויב דו ביסט אַזאַ קנאַקער אויף ווייבער, טאָ פאַרוואָס שלעפּסטו עפּעס מיך צו פּאַנדריכען? גיי אַליין!

— אַפּריער איר — חנפעט זיך זאַוול שמייסער — דערנאָך איך. איך, אַז איכל אָנקלאַפּן... ווער בין איך? זי וועט מורא האָבן. אָבער איר, באַלעבאָס, אַן אַמאַליקער אַריינגייער אין שטוב, אַ זייער־גלייכן...

אין דער גרויסער האַלב־אויסגעלאָשענער קיך נעמט אָפּ קושקע־בראַנד, אויף זיין צעטעלע, דעם דאָפּל־חלק פון דער סעודה פאַר ווייב

און קינדער. דערזעט ער סענדעריכען צווישן די פאַררויכערטע קאָך־יידענעס. זיי אַלע זענען אַצינד פאַרנומען מיט אויפראַמען די קהלשע קיך. פון די האַלב־געריייניקטע קעסלען טראָגט זיך אַ פּאַרע און אַ געדיכטער טשאַד פון שמאַלץ און אָפּפאַל, דער זויערלעכער ריח פון סקאָווערדעס נאָך אַ גרויסן געפּרעגל.

גיט אים זאַוול שטילערהייט אַ שטויס מיטן קני. ס׳הייסט: „נו, אַט זעסטו? מערע איז טאַקע איינינקע אַליין אין שטוב...״

ווענדעט זיך קושקע צו סענדעריכען, כלומרשט זייער פריינדלעך און זייער געלאַסן. נאָר די אויגעלעך לויפן ביי אים אַרום גאָר אומרואיק:

— האַ! גאָרנישט געוווּסט, אַז איר זענט דאָ!... וואָס מאַכט מען עפּעס?

סענדעריכע האָט אויף קושקען אַ צאָרן פון לאַנג אָן. אויסער דער באַהאַלטענער שנאה צווישן צוויי פאַמיליעס, וואָס קאָנקורירן שוין דור־רות־לאַנג אין באַלעגאָלישן צעך, קען זי נאָך אָט דעם קושקען נישט מוחל זיין פאַר „שמענדריקען״, וועלכן ער האָט מיט אַ יאָר צוריק איבערגעהיצט און פאַרשמיסן: אומגליקלעך געמאַכט שמענדריקען. און סענדערן אויך אפשר... עס ברענט איר דאָפּלט דערפאַר, וואָס זי איז דערביי אַזוי שולדיק ווי קושקע־בראַנד אַליין. דאָס האָט זי צוגערעדט סענדערן, עליו השלום, צו פאַרדינגען אַזאַ ציטערדיק פערדל. סענדער האָט נישט געוואָלט. ס׳האַרץ האָט אים געזאָגט... זי קען פון דאַמאָלסט אָן קושקען אין די אויגן נישט קוקן, ווי אַ מיטהעלפער אין אַ פאַרברעכן. שווייגט זי, אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ אין אַ קופערנער פאַן, און ענט־פערט קושקען אַ וואָרט נישט.

פאַרדריסט קושקען אַזאַ גרויסהאַלטעריי און אַזאַ ברוגזן זיך פון אַ וויסטער אלמנה, פון אַזאַ קבצנטע, ווי סענדעריכע איז געוואָרן נאָכן מאַנס טויט און נאָכן אַרעסט פון איר איידעם. צערייצט דאָס אים, אין זיין כמורנער אָנגעגאָסנקייט, נאָך מער. רעדט ער שוין צו איר מיט אַ געזאַלצן געלעכטערל:

— איז ווילט איר גאָרנישט שיקן דער טאָכטער אייערער? זי קוקט דאָך שוין אויס די אויגן נאָך אַ שטיקל טייגעכץ...

ענטפערט שוין סענדעריכע מיט ביטערער פאַרביסנקייט

— נישט דיין קאָפּווייטיק, גראָבער נפש דו!

— פססס! — מאַכט קושקע, כלומרשט מיט ביטול — מ׳טאָר גאָר נישט פרעגן?

— ווערסט קומען פורים — זידט ווייטער סענדעריכע — וועסט ברענ־גען אימיצנס שלח־מנות, וועל איך דיר שענקען צוויי קאָפּיקעס.

אַזאַ ביס אין קושקעס גראָבער הויט אַריין רופט אַרויס אַ דריבנעם געלעכטערל ביי די קאַך־יידענעס.

קושקע ווערט רויט ווי פייער, נאָר ער שעמט זיך אָפּצוטרעטן, ווי אַן אָפּגעשמיסענער, פון דער כאַפּטע פאַרדריפּעטע ווייבער. סיקעט ער נאָכ־אַמאָל, מיט איבערגעטריבענער פאַראַכטונג. דורך די פאַרשטשירעטע ציין סיקעט ער:

— פּססס!

זאַוול שמייסער, ווי זייער אַן איבערגעגעבענער משרת, העלפט אַרויס זיין קלאָציקן באַלעבאָס. ער כאַפּט קושקעס קאָשיק, וואָס איז אָנגעלאָדן מכל טוב, אוןביידע לויפן זיי אַרויס אויף דער גאַס. אין קושקעס איבער־געזעטיקטן, גרויסן גוף קאָכט אַ בייזקייט, ווי אַ ביטערער שוים. ניין! ער מוז זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָפּרעכענען מיט סענדערס משפּחהלע.

שטענדיק טשעפּעט מען זיך, שטענדיק רעדט מען מיט אים פון אויבן אַראָפּ. דאָס — סענדער „עליו־הסנאָבל" אַליין, מיט זיין חסידיש און מיט זיינע למדנות, דאָס — פאַנדרע, זיין שיינער איידעמל — ביים אָרשער וואָקזאַל, דאָס סענדעריכע — די יענטעצקע זיינע. אויך אַ נפש! די איינ־ציקע, וואָס איז נאָך צו דערטראָגן, איז פאָרט פאַנדריכע...

און דאָ שפּרייזט נאָך זאַוול ביי דער זייט, מיטן פולן קאָשעק אין האַנט, און רוימט אַריין:

— נו! געזען אַ פּאַראַד? מ'וועט אייך שוין פאַרמסרן פאַר פאַנדרען. טאָ זאָל כאָטש זיין פאַר וואָס...

— קום! — מאַכט קושקע פּלוצלונג — לאָמיר איר אָנקלאַפּן, — פאַנדריכען! מיר גייען סיי ווי סיי פאַרביי.

— איך אויף אייער אָרט — שעפּטשעט זאַוול מיט שכל — וואָלט נישט אָנגעקלאַפּט גלאַט אַזוי. אַזאַ שלייען ווי מערע דאַרף מען וויסן ווי צו נעמען... אַזאַ גליטשט זיך פון האַנט. גלאַט אָנקלאַפּן? פע!

— נו, נו? — פרעגט קושקע.

— מ'דאַרף אָנקלאַפּן און זאָגן: די מאַמע ט'דיר געשיקט דיין חלק סעודה. דאָס וועט זיין די בעסטע זאַך.

— וואָס באַרעסטו מיר אַ קאָפּ? — בלייבט שטיין קושקע בראַנד — ווו וועל איך איר נעמען חלקים, ווו וועל איך?

— ווו נעמען? — מאַכט זאַוול און קוקט אַריין אין פולן קאָשיק —

נעמט פון דאַנען. אייער פּעסיען וועט אַ העלפט אויך געגוג זיין. נישקשה, אַזאַ נקבה ווי מערע, איז עפּעס מער ווערט.

קושקעס נאָזלעכער ציטערן. זאַוולס עצה רופט אַרויס אַ מאָדנע אויפ־רעגוג אין אַלע זיינע אָנגעגאָסענע גלידער. אונטערצוקויפן אַ פרעמד ווייבל מיטן חלק גאַנדז פון זיין אייגענער יידענע — דאָס איז טשיקאַווע. דאָס שמעקט מיט הייסע זינד. שדים ווייסן וואָס דאָס איז!

— גערעכט! — מאַכט קושקע און נעמט איבער דעם פולן קאָשעק פון דעם שמייסערס הענט — מיין יידענע קאָן זיך באַגיין מיט אַ העלפט אויך. האַ־האַ!...

— אָבער געדענקט, באַלעבאָס! — באַלעקט זיך זאַוול — אַפריער איר, דערנאָך איך. איר זענט בילכער. דערנאָך איך... סענדעריכע, זאָגט איר?... אָה, די אַלטע שקראַבע וועט אַזוי גיך אַהיים נישט קומען. זי האָט נאָך צו טאָן אין דער לויה־קיך ביז פאַרטאָג.

קושקע ווערט ביי זיך גאָר האָפערדיק פון אַזאַ ווייִרוך, וואָס זיין שמייסער רויכערט אים. עס ציט אים אַ מין זיסע קעלטל דורכן רוקן. אַזאַ קעלטל האָט ער אַמאָל געשפּירט פאַרנדיק צו דער ווייב, נאָך אַ צוויי־וואָכעדיקן אַרומטרייבן זיינע פערד אין דער פרעמד... עט! מען איז נאָך, געלויבט דער אויבערשטער, אַ מאַנסביל! מ׳עט נאָך ווייזן אַזעלכע גבורות ווי פאַנדרע קען!... וויבאַלד אַזאַ יונגאַטש, ווי זאַוול שמייסער, גיט נאָך אים, קושקען, אָפּ די בכורה.

נישט ווייניקער צופרידן איז ביי זיך זאַוול, וואָס מיט אַ הייפל לשון האָט ער אינגאַנצן אָפּגעקויפט זיין באַלעבאָס. זאָל ער זיין דער ערשטער. און טאָמער עפּעס אַ צרה — זאָל עס בעסער אויסגיין צו קושקעס קאָפּ. אָה! אַזאַ יידענע ווי פאַנדרעס ווייבל האָט לאַנגע הענט. מ׳קען נישט וויסן.

זיי האָבן זיך שוין געוועזן דערנענטערט צום ליובאַוויטשער בית־מדרש לעבן דער אָזערע. נאָך איין פאַרקער און זיי וועלן שוין זיין גאָר נאָענט צו סענדערס הייזקע. אָבער פּלוצלונג וואַקסט אויס הינטער אַ ווענגעל היה־שרהקע די משוגענע. ווי פון אונטער דער ערד שפּרינגט זי אַרויס מיט איר פאַסקודנינקן געלעכטערל, און באַגלייט אַוועק אונדזערע ביידע קאַוואַליערן מיט איר נישט־גוט לידעלע:

ניטשיינע האָב איך אַ שמעק געטאָן
דאָ, אויכעט דאָ!
פאַרן פּופּיק, פאַרן טייגעכץ,

דאָ, טאַקע דאָ.
פאַר די קלעפּ אין האַלדז־און־נאַקן —
אי־כאַ, איכאַ, כאַ!!

קושקען גיט אַ טיאָכקע אין האַרצן, צי האָט זי עפּעס נישט אונטער־געהערט, די משוגענע?... צען אויערן האָט זי דאָך, אָט די חיה! און קלעפּ?... וואָס פאַר אַ קלעפּ? גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין וועט חיה־שרהקע נישט זינגען. אַ נישט־גוטער אָנזאָג, אַפּנים. אָדער אפשר מיינט זי נאָר דעם שטויס, וואָס ער האָט איר פריער געגעבן אין לויה־בית־מדרש? נישט געדאַרפט זיך אָנהויבן מיט אַזאַ משוגענער...

אָבער זאָוול שמייסער שרעקט זיך גאָר ווייניק פאַר חיה־שרהקעס שלעכטע נביאות. ער כאַפּט אַ האַרטן שטיק שניי און וואַרפט איר נאָך:

— אַוועק, דו! „סאַמאַסעץ״!

חיה־שרהקע אַנטלויפט מיט אַ קוויטשנדיקן כיכיקען. און קושקע קלערט נאָך אַ ווײַלע. אַפּטרעטן צוריק, אַזוי נאָענט לעבן סענדערס הייזקע, פּאַסט שוין אינגאַנצן נישט. גיט ער נאָר זאָוולען אַ שטויס מיטן עלנ־בויגן:

— הער, דו! אָנקלאַפּן דער ערשטער וועסטו!

2. אַ שוואַכע מינוט

דורכן שיטערן דרעמל, ווי עס דרעמלען מענטשן, וועלכע האָבן זיך געלייגט שלאָפן האַלב־הונגעריק, האָט מערע דערהערט אַ קלאַפּן פון דער קליאַמקע אין פּירהויז. זינט דער מעשה מיט דער צעריסענער ציג, וואָס דער וואָלף האָט אַוועקגעטראָגן צוזאַמען מיטן לייטער, איז זי גע־וואָרן שרעקעוודיקער. כאָטש קיין ציג אין פּירהויז איז שוין, ברוך־השם, מער נישטאָ. זי האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט און געפּינטלט מיט די אויגן אויפן נאַכט־לעמפּל. אויף דער וויגעלע מיט איר איינגעשלאָפענעם עופהלע. די מאַמע זאָל שוין אַזוי גיך קומען פון דער חברהשער סעודה?

פון געוווינהייט האָט זי אַ קוק געטאָן אויפן וואַנט־זייגערל. דער „שניידערשער״ זייגער מיט איין וואָג איז געשטאַנען. זינט דער טאַטע איז אומגעקומען איז דער זייגער קאַליע געוואָרן און קוקט מיט פאַר־גלאָצטע ציפערס אויפן באַמאָלטן ציפערבלאַט, און מיט אַן אַרויסגע־שטרעקטן לאַנגן אומרו: בע!

דאָס קלאַפּן מיט דער קליאַמקע האָט זיך איבערגעחזרט. ס׳איז אָבער

נישט געווען אַ זיכערער קלאַפּן פון אַ שטוב־מענטש, נאָר פון אייגעם, וואָס איבערלייגט זיך: יאָ באַאומרואיקן, צי נישט?...

מערע איז גלייך אַראָפּגעשפּרונגען מיט אירע לאַנגע געטאָקטע פיס, אויפגעעפנט די שטוב־טיר און אַ פרעג געטאָן:

— ווער איז דאָס דאָרטן? מאַמע, דו?

ענטפערט איר, הינטער דער פירהויז־טיר, אַ באַקאַנטער הייזעריק־לעכער קול פון אַ מאַנסביל:

— די מאַמע האָט דיר געשיקט גוטע זאַכן, די מאַמע!

מערע האָט דערקענט דעם קול:

— דאָס ביסטו, קושקע? וועלכע גוטע זאַכן?

— פון דער סעודה. זי אַליין קומט שפּעטער.

מערע האָט זיך אַ ווײַלע געקווענקלט. זי האָט נישט געוווסט וויפיל ס'איז דער זייגער. אפשר איז שוין צו שפּעט צו עפענען פאַר אַ פרעמדן?... אָבער דאָס האַרץ האָט איר שטאַרק געצויגן. דאָס איז געווען יענע האַרץ־ציעניש פון אַ געזונטער מוטער, וואָס זויגט אַ קינד און וואָס איז גרייט אַ קיי צו טאָן אַפילו אינמיטן דער נאַכט. דערצו נאָך איז זי, די מאַמע אירע, שוין צוויי טעג נישט געשטאַנען אין מאַרק ביי איר טישל. געווען אַלץ פאַרנומען מיט דער סעודה פון חברה־לויה און אין שטוב האָט מען זיך ווי־נישט־איז געשפּייזט מיט ברויט און טיי, מיט רויע זויער־קרויט. האָט זי, נאָך אַ רגעלע טראַכטן, נאָך אַ מאָל אַ פרעג געטאָן:

— צוליב וואָס האָסטו זיך געדאַרפט מטריח זיין?

— אַז די מאַמע דיינע האָט געבעטן, די מאַמע... מערע, זאָגט זי, וואַרט, און דו גייסט פאַרביי...

מערע האָט קושקעס הייזעריקייט דערפילט, אַז ער איז אַ ביסל „מלא" און ער אָטעמט שווער. נאָר די ווערטער זיינע האָבן פאַרט געהאַט אַ געוויסן טעם. קושקע וווינט דאָך דאָ אין עק גאַס און די מאַמע ווייסט, אַז אין שטוב איז מער ווי סקאָרינקעס גאָרנישטאָ... האָט זי זיך באַלד איבערגעלייגט: וואָס איז זי עפּעס אַ פּיצל קינד? אָט דאָ, אינעם זעלבן פירהויז, האָט זי געפּאַטשט אַ שטאַרקערן ווי קושקע בראַנד. פאַנדרע אַליין, פאַר חתונה, האָט דאָ געקראָגן דעם גוטן פּלעם, אַזש בלוט האָט געשפּריצט.

— וואַרט! — מאַכט זי אַנטשלאָסן צום פאַרשוין הינטער דער טיר — וואַרט אַ ווייליטשקע!

מיט איין שפרונג־צו האָט זי אַרויסגעצויגן פון אונטערן בעט דעם טאַטנס וואַרעמע שטיוול: די גאַנצע ירושה, וואָס איז נאָך אים איבער־געבליבן, און וועלכע זי טוט שטענדיק אָן, ווען זי גייט שעפּן וואַסער פון ברונים. זי איז טיף אַריינגעפּאָרן אין זיי מיטביידע באָרוועסע פיס, אַרויפגעכאַפּט אויף זיך אַ קליידל און די רויטע שטוב־פּאַטשיילע. היינטער דער פירהויז־טיר האָט מען געדולדיק געוואַרט. יאָ, קושקע בראַנד איז אַ גאַנץ גוטער שכן. פונדעסטוועגן.. זי ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס. איר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז קושקע איז נישט אַליין.

אין די מאַנסבילשע שטיוול האָט זיך מערע דערפילט אַ סך שטאַר־קער און פרייער, ווי פריער אין בלויזן העמד און אין ווייבערישן נאַכט־קאָפּטל. און נישט קווענקלענדיק זיך מער קיין רגע, האָט זי אויפגעריגלט די פירהויז־טיר.

דאָס ערשטע, וואָס זי האָט דערזען, ביים אָפּשיין פון קיך־לעמפּל, איז געווען: אַ פּאָר פּעט־פאַרגאָסענע אויגן און די דערהיצטע רויטקייט פון קושקעס געזונטער צורה... דאָס וואָלט זי אפשר אַ ביסעלע אָפּגע־שראָקן, אָבער גלייך נאָך קושקעס מאָדנעם קוק האָט זיך, דורך דער האַלב־אָפענער פירהויז־טיר, דורכגעשטופּט אַ פולער קאָשעק.

מערעס שאַרפע נאָז, וואָס האָט שוין לאַנג נישט געפילט דעם ריח פון אַ גוט געקעכץ, האָט גלייך דערשמעקט אַ מחיהדיקן דאַמף פון פאַרקילטע גענדזן־שמאַלץ, פון געריבענע געלכלעך מיט לאָקשן, פון פיש־יויך. דאָס האָט אינגאַנצן פאַרשלונגען איר ווייבערישע אָנגעשפּיצט־קייט. דאָס האָט זי כמעט ווי באַרויקט. הייסט דאָס, אַז די מאַמעלע אירע האָט טאַקע געזאָרגט פאַר איר...

זי האָט געמאַכט אַ באַוועגונג צוצונעמען דעם פולן קאָשעק פון קושקעס הענט. אָבער קושקע האָט זיך מקדים געווען:

— דער קאָשעק איז מיינער, און די טעפּלעך... די טעפּלעך דאַרף איך אָפּטראָגן צוריק...

האָט שוין מערען מער נישט געפּאַסט צו שטיין אין דער טיר און זיין גראָב קעגן אַ שכן, וואָס האָט זיך צוליב איר מטריח געווען.

— נו, — מאַכט זי פאַרלעגן — טאָ קומט אַריין אַ ווײַלעצקע.

קושקע האָט שווער און נישט זיכער אַריינגעשפּרייזט. מיט אַ זייטל אַריינגעשטופּט זיך. מערע האָט הינטער אים פאַרמאַכט די פירהויז־טיר. דערנאָך די שטוב־טיר און גלייך געכאַפּט אויסשטעלן אויפן קאָכשטוב־

טיש עטלעכע טעלער, גענומען אַרויסלייגן פֿון די וואַרעמע טעפּלעך די שיינע חלקים פֿיש און פֿלייש און טייגעכץ.

אַריבערלייגנדיק אַזוי, מיטן רוקן צו קושקען, אַזעלכע געשמאַקע שטיקער, איז איר פֿאַרגאַנגען דאָס האַרץ. זי האָט אַזש דערפֿילט אַ ווייטיק אונטערן לעפֿעלע. שוין לאַנג נישט געזען אַזעלכע גוטע זאַכן! און אין דער זעלבער צייט האָט זי געפֿילט, אַז קושקע בראַנדס פֿאַרגאַסענע אויגן נעמען זי דורך פֿון הינטן, אַז ער באַגלייט, מיט אַ מאָדנער עקשנות, יעדן קער פֿון איר שטאַרקן און בויגיקן קערפּער. און קוקן קוקט דאָ אַ פֿרעמדער מאַנסביל, אַ רויטער, אַ קערנדיקער. און זי געפֿינט זיך אין זיין נאָענטקייט, אייניקע אַליין, אינמיטן דער נאַכט, אין אַ האַלבפֿוסטער שטוב, פֿון וועלכער מען האָט אַוועקגענומען דעם איינציקן מאַנסביל און אַריינגעזעצט אים אין אָסטראָג.. שוין באַלד איבער אַ יאָר ערגעץ־ווייט זיצט ער. ווייס, ווייס... און דאָ, צוזאַמען מיטן ריח פֿון געשמאַקע געגנדונג, שוועבט אַרום איר גאָר אַ באַזונדער גערוך, דער גערוך פֿון אַ מאַנסבילישן דערהיצטן גוף, פֿון מאַנסבילישע צעוואַרעמטע מלבושים. ווי אַן אויסגעהונגערטע, פֿאַרבלאָנדזשעטע וואָלפֿיכע, האָט מערע דערשפּירט אָט דעם פֿאַרגעסענעם ריח, און אַ שעמעוודיקע מאַטקייט איז זי באַפֿאַלן.

ווי צווישן צוויי פֿייערן איז זי אַ רגעלע געבליבן שטיין. צווישן איין הונגער און אַ צווייטן.. די דינע נאָזלעכער האָבן איר אַ ציטער געטאָן. האָט זי נישט אויסגעהאַלטן אַזאַ דאָפּלטע פֿאַרשמאַכטקייט און איינגעקלעמט זיך מיט די פֿינגער אין דער פֿאַרברוינטער גריבענע־הויט פֿון שטיק געגנדנס, אָפּגעריסן אַ שטיקל און זשעדנע אַריינגעכאַפּט אין מויל. געמיינט האָט זי דערמיט דערקוויקן זיך. קיין שלעכטן טעם האָט דאָס נישט געהאַט, אָבער ווייט נישט דער געשמאַק, וואָס זי האָט פֿריער מיט אַ רגעלע געמיינט. פֿון אויפֿרעגונג האָט איר אַ ביסל איבערגעטריקנט די צונג און אין האַלדז איז געוואָרן ביטערלעך. און פֿון הינטן קוקן זי אַלץ אָן די פֿרעמדע מאַנסבילישע אויגן, טאַפּן דורך יעדע באַוועגונג אירע.

— נו? — מאַכט קושקע גאָר פּלוצלונג און זייער הייזעריק...

מערען האָט זיך אַ וואָרף געטאָן דאָס בלוט אין קאָפּ פֿונעם דאָזיקן „נו". דאָס האַרץ האָט זיך ביי איר פֿאַרצאַפּלט. פֿונדעסטוועגן האָט זי אויסגעהאַלטן, נישט אומגעדרייט זיך, און מיטן ביסן אין מויל, פֿאַרשטיקט און אַ ביסל שטאַמלענדיק, אָפּגעענטפֿערט:

— אַ... ד...אַנק פאַר דער טרחה!

זי האָט בכיון פאַלש אויסגעטייטשט דעם „נר". ס'הייסט, קושקע, כלומרשט, פרעגט מיטן „נר" ווי ס'געפעלט איר דער חלק סעודה? דאַנקט זי אים פאַר נאָכפרעגן זיך.. אָבער איר שטאַמלען האָט נאָך ערגער געמאַכט.

— דיין מ...אַמע — שטאַמלט קוקשע צוריק ווי אָנגעשטעקט מיט מערעס שוואַכקייט — די מאַמע דיינע... אַ ווילע יידענע... זי וועט קו־מען... אַה־האָ! פאַרטאָג וועט זי ערשט קומען...

קושקעס לויב דער מאַמען אירער, אַז „די ווילע יידענע" האָט מערען געטראָפן נאָך אויסטערלישער. זי האָט צו אים, נישט ווילנדיק, אַ קער געטאָן אַ פּאָר ברוינע איבערגעשראָקענע אויגן. דורך דער דאָזי־קער באַוועגונג האָט זיך קושקען אַנטפּלעקט פון דער זייט, צווישן דער האַלב־אָפענער העמד און אָנגעוואָרפענער רויטער פאַטשיילע, אַ שטיק הויט, וואָס איז אַזוי זאַפטיק און ווייס, ווי אַ געשיילטע ריבן, און אַ טייל פון אַ ברוסט, וואָס איז אַ ביסל קאַליע געוואָרן דורך זויגן אַ קינד. און דאָך האָט דאָס אַזוי געפּאַסט צו איר אויסגעצויגענעם בלאַסלעכן גע־זיכט, צו איר גאַנצער עלנטקייט פון אַ פאַרוואָגלטן באַטשאַן אויף הויכע פיס, מיט מענערשע שטיוול, צו איר גאַנצער האַלב־אָנגעטאָענער ווייבער־לעכקייט אינמיטן דער נאַכט... האָט איבער זיך קושקע מער נישט געקענט געוועלטיקן און אָנגעכאַפּט זי מיט איין רויטער לאַפּע ביי איר ווייכן היפט. אָנגעכאַפּט און געשמאַק אַ פעטשל געטאָן, אַזוי ווי ער איז געווען געוווינט מיט זיין בעסטן פערד, ביים פּאָיען אים פון עמער.

אַ גרויל איז מערען דורכגעלאָפן דורך אַלע אברים: „וואָס טוט זיך עס דאָ? ווי אַזוי דערוואַגט ער זיך דאָס!"... אָבער נישט צו דערלאָזן, שילטן און אָפּשטויסן, האָט זי מער קיין כוח נישט געהאַט. פאַרגליווערט איז זי געבליבן שטיין איבער איר מאָדנער פאַרשמאַכטקייט, ווי איבער אַן אָפּגרונט. ווי אַ דערשראָקענע חיה, וואָס לויפט פון צעטומלעניש, גלייך אויפן יעגער, אַזוי האָט זי זיך אַצינד אויסגעדרייט צו קושקען, אָנשטאָט צו אַנטלויפן פון אים. מיט איר האַלב־צעקייטן ביסן און מיט איר פאַרבלאַסטן פּנים האָט זי אויסגעזען נאַרישעוואַטע. קושקעס קיי־לעכדיקער פּנים האָט אַנטקעגן איר געפלאַמט ווי אַן אָנגעגליטער איי־זערנער טאָפּ. זיינע אויגן זענען טיף אַוועק אין יצר־הרעדיקע פעטע קנייטשעלעך.

אַ צווייטע לאַפּע האָט זי אָנגעכאַפּט ביים צווייטן היפט. די מאַכט

פון דער מאַנסבילשער האַרטער דלאָניע האָט דורכגעברענט איר שטוב־קליידל, איר העמד. דאָס האָט אין איר צערייצט דעם צווייטן הונגער, דעם הונגער, וואָס געדויערט שוין באַלד איבער אַ יאָר צייט, און געמאַכט איר פאַרגעסן די גוטע זאַכן אויפן טיש, דאָס ציען אונטער דער לעפעלע. זי האָט אַ קוים אַראָפּגעשלונגען דעם אַריינגעכאַפּטן ביסן. דאָס האַרץ איז זיך פאַרגאַנגען ווי זי וואָלט געפלויגן מיט אַ שווערן שליטן און מיט אַ געיאָגטן שוואַכן פערדל אין אַ טיפן באַרג־אַראָפּ.

— כי־כי־כי־כי — איז זיך קושקע פאַרגאַנגען אין אַ פליישיקן געלעכטערל.

דאָס האָט זי אַ רגעלע אויסגעטשוכעט, און כדי צו פאַרגרעסערן דעם שטח צווישן זיך און קושקען, האָט זי אָנגעכאַפּט דעם ליידיקן קאָשעק אויפן טיש און אַ שטופּ געטאָן מיט אים קושקען, ווי מיט אַ שטרויענעם פּאַנצער, אָבער נישט אויף אַזוי פיל שטאַרק, אַז קושקע זאָל זיך אָפּשרעקן... און קושקע בראַנד האָט זיך טאַקע געמאַכט, אַז ער זעט נישט און פילט נישט מערעס וואָפן, און ער האָט זי אַ כאַפּ געטאָן הייס און גראָב פאַרביידע אירע פּלייצעס אונטער דער פאַטשיילע. דער ליידיקער טראָסטינע־קאָשיק האָט טרוקן אַ קנאַק געטאָן צווישן מערעס שלאַנקן גוף און צווישן קושקעס באַלייבטקייט.

— ווי אַמאָל דער פרישער לאָבן ברויט, צווישן מיר און פאַנדרען...

— איז מערען דורכגעלאָפן אַ בייזער געדאַנק — עס חזרט זיך איבער, אַלץ, אַלץ...

זי האָט דערפילט אַ שווינדלעניש. דער קראַך פון שטרויענעם געפלעכט האָט זי פאַרשיכורט מיט זיין ענלעכקייט צו דער אַמאָליקער „ליבע־דערקלערונג" פון נחן... אַלע אירע אברים האָבן זיך, נישט־ווילנדיק, אַ צי געטאָן צו דער זיסער גראָבקייט פון דעם פרעמדן מאַנסביל. אונטערטעניק זיין... אָה! אונטערטעניק זיין, לאָזן זיך, אַזוי, אַז אַלע אַדערן זאָלן ווייטאָן...

וואָלט אָט דער קושקע געשוויגן און ווייטער געגאַנגען, וואָלט נאָך אפשר מיט מערען געטראָפן יענער מענטשלעכער זיסער אומגליק פון וועלכן קיין צניעות אין דער וועלט איז נישט געזיכערט, ווען די בייזע שעה קומט אָן. טאַקע אַזוי, ווי זאַוול שמייסער האָט אויסגערעכנט און קושקען פאַראויס געזאָגט.

אָבער קושקע בראַנד, דערפילנדיק מיט זיינע ביידע לאַפּעס דעם קרעפטיקן מאָגערלעכן און נאָכגיביקן גוף, האָט שוין געמיינט, אַז ער

איז פּאַרטיק מיט זיין נצחון איבער סענדערס טאָכטער. האָט ער געפונען פּאַר נויטיק אַריינצורוימען איר אין אויער מיט זיין שיכורן אָטעם:

— מיינסט טאָקע, די מאַמע האָט דיר געשיקט? כי־כיכי. ס'האָב איך אַליין... מיין ווייבס חלק האָב איך דיר אָפּגעגעבן. זעסטו ווי דו געפעלסט מיר?...

3. מיטן זכות פון טאַטנס שטיוול

מערעס האַלב־פּאַרמאַכטע אויגן זענען גלייך גרויס געוואָרן. אַ ברוי־נער בליאַסק פון אַ נאַכט־פויגל האָט אין זיי אויפגעפלאַקערט. אַ קאַל־טער שוידער איז איר דורך דורכן רוקן און אויסגעלאָשן דעם פייער. אַ ביטער רויכערדיקע האַלעוועשקע איז געבליבן...

ווי אַ מענטש, וואָס טרינקט זיך און כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרויעלע, אַזוי האָט זיך מערע אָנגעכאַפּט אין איר שוואַכקייט, אין דער חרפה, וואָס מען האָט איר דאָ אָנגעטאָן. אויסגענאַרט זי, אַזוי מיאוס, אונטערגעקויפט מיט אַ שטיקל פלייש, ווי אַ בעטלערקע פון גאַס...

— אַזוי גאָר? — גיט זי זיך אַ ריס — נישט די מאַמע?...

מיטביידע באַפרייטע פויסטן האָט זי קושקען אַ שטויס געטאָן פון זיך. דער צעפרעסטער שטרויענער קאַשעק צווישן זיי ביידן איז אַראָפּ־געפאַלן אויף דער ערד. אַט דער דאַזיקער וואַגיקער שטויס, וואָס איז לכתחילה געווען מער געמאַכט־פיינטלעך, ווי באמת־פיינטלעך, האָט זי אינגאַנצן אויסגעניכטערט. זי האָט דערשפּירט צו קושקען די אַלטע שנאה פון צוויי משפחות, וואָס רייסן זיך אַרום שוין דורות־לאַנג. ס'האָט איר פלוצלונג אויפגעלויכטן, אַז פאַר איר שטייט דאָ אַ דם־שונא, וואָס האָט זיך אַהער אַריינגעמאַכט מיט בייזע כוונות. „שמענדריקע" האָט זיך איר דערמאָנט, דאָס באַרעדן פאַנדרען נאָכן אַרעסט: אַפילו דעם טאַטן אירן, נאָך זיין ביטערן טויט, אויך באַרעדט...

מיט צוזאַמענגעשטשירעטע וועלפישע ציין האָט זי זיך אויף אים אַ וואָרף געטאָן. קושקע איז געשטאַנען מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע גע־זעצטע פיס אינמיטן קיך. ער האָט אָקאָרשט פאַספּעיעט אויפצוהויבן דעם ווייבס קאַשעק פון אונטער מערעס שטיוול. און פלוצלונג האָט ער דערפילט צוויי פלאַמענדיקע פּעטש אויף ביידע האַרטע באַקן, ווי מיט צוויי שפּעלעך זודיקע וואַסער אָפּגעגאָסן. און באַלד נאָכדעם — אַזאַ שטויס אין האַרצן, אַז ער, מיט זיין זעקס־פודיקן גוף, איז געפלויגן צום

שוואַרצן לאָך פון אויוון און אָנגעשלאָגן זיך מיט די לאָפּאַטקעס אין פּריפּעטשאָק. און ס׳איז נאָך אַלץ נישט געווען גענוג. אין מערגן האָט זיך אויפגעכאַפּט די אַמאָליקע חיה־נקבה, פון פאַר דער חתונה, בשעת זי איז נאָך געווען ווילד און שרעקנדיק און האָט געשלאָגן און געביסן אַלעמען, ווער נאָר עס האָט זיך צו איר דערנענטערט.

איידער קושקע איז נאָך געקומען צו זיך, האָט שוין מערגע דערוויזן אַראָפּצוכאַפּן איין מאַנסביליש שטיוול פון לינקן פוס, אַ ירושה־שטיוול פון טאַטן סענדער, עליו השלום. ביי אַזאַ שאַרפער באַוועגונג האָט זי אַפילו אַנטבלויזט אירע שטאַרקע נאַקעטע פיס ביז איבער די קני. נאָר דאָס האָט איר שוין ווייניק וואָס געאַרט. אין באַצוג צו קושקע בראַנד האָט זי זיך איצט דערפילט ווי אַן אַמאָליקע מאַטראָנע צו איר קנעכט...

מיט דעם אַראָפּגעכאַפּטן שווערן שטיוול האָט זי קושקען גענומען בויקערן, ווי מיט אַ לעדערנעם האַמער, ווו נאָר זי האָט אַריינגעטראָפן. קושקעס רוקן און האַרטער קאָפּ האָבן געפּויקט ווי אַ זעלנערישער באַראַבאַן.

אַזאַ פּלוצליכער איבערגאַנג פון וואַרעם צו קאַלט, פון ווייבערישע ווייכקייט צו בייזער האַרטקייט, פון זיסן שפּאַס צום ביטערן ערנסט, האָט קושקען אינגאַנצן פאַרטומלט. דעם גאַנצן מאַנסבילישן האָנאָר צוגענומען פון אים, געמאַכט פון אים אַ שמאַטע.

— זע, זע, מע.. מע... משוגע גע...וואָרן !...

אַזוי האָט קושקע געמעקעט, און, איינגעבויגענערהייט, אונטערן האָגל פון קלעפּ, גענומען זוכן די טיר פון שטוב, דערנאָך די טיר פון פּיר־הויז.

הינטער אים האָט „מערגע די הויכע" אַלץ אונטערגעטאַנצט מיט איין באָרוועסן, מיט איין באַלעגאַלישן שטיוול אויפן פוס און מיטן צווייטן שטיוול אין האַנט און אַרויסבאַגלייט אים מיט אַ ברומיקן קוויטש. די פריערדיקע מאַטקייט אירע איז פאַרשוווּנדן. מערגע האָט, דאַכט זיך, אַצינד אָפּגערעכנט זיך פאַר איר ווייבערישער שוואַכקייט מיט אַ מינוט צוריק, פאַר דעם זינדיקן פעלער, וואָס זי איז שיעור נישט באַגאַנגען; פאַרן פרעמדן ביסן, וואָס זי האָט אַריינגעכאַפּט אין מויל ווי אַ בעטלערקע. דאָס אַלץ האָט זי, דאַכט זיך, אַריינגעלייגט אין דער וואָגיקייט פונעם טאַטנס שטיוול... און קושקע האָט דאָס אויפגענומען, ווי אַ בופלאָקס נעמט אויף די הערנער־שטויסן פון אַ יונגער קו.

זאָוול שמייסער, וועלכער האָט זיך די גאַנצע צייט באַהאַלטן הינטער

ר' סענדערס געבויטער סוכה אויף דער גאַס, און געוואַרט אויף זיין ריי, ביי דער שטרויענער אלמנה, האָט זיך שוין געוועז גערייבן די הענט. אין שטוב איז עטלעכע מינוט געווען גאַר שטיל. הייסט דאָס, אַז אַלץ גייט כשורה... יאָ, ער, זאַוול, קען שוין איינמאָל די טבע פון אַזעלכענע ווייבער!... אָבער גאָר פּלוצלונג איז ער אויפגעציטערט געוואָרן אין זיין באַהעלטעניש. האָט ער פּאַוואַליע אַרויסגערוקט דעם קאָפּ פון הינטער דער סוכה און דערזען, ביי דער וויסקייט פונעם שניי, מיט וואָס פאַר אַ כבוד און שטורכאַצן זיין באַלעבאָס ווערט אַרויסבאַגלייט פון סענדערס הייזקע. ער האָט גוט געזען ווי קושקע בראַנד שטופּט זיך קוים דורך פון דער נידעריקער פירהויז־טיר, מיט אַן איינגעבויגענעם קאַרק און מיט אַ ליידיקן קאָשעק אין די הענט. מ'האָט געקענט פּלאַצן פאַר געלעכטער, ווען נישט דער דרך־ארץ. יענער איז דאָך פאָרט אַ באַלעבאָס... נאָ! הייסט דאָס, אַז ס'איז געשען דער צווייטער פאַל: אַ פולע פור מיט קלעפּ אַנשטאָט אַ שטיקעלע הנאה... אויך אויף דעם האָט ער זיך גערעכט. יאָ, ער, זאַוול, קען גוט די טבע פון אַזעלכענע ווייבער...

ווי נאָר קושקע איז אַרויסגעלאָפן, האָט ער פאַרריכט די וואַטאָווע היטל, אַ טרייסל געטאָן מיט די פּלייצעס, ווי אַ הונט, וואָס שפּרינגט אַרויס פון קאַלט וואַסער, און צאָרנדיק־שטיל אַ ברום געטאָן:

— זאַוול!

זאַוול איז צו אים גלייך צוגעקראָכן. די היטל איבער די ממזרישע אויגן. אָבער נאָך איידער קושקע האָט צייט געהאַט אויסצולאָזן דעם כעס אויף זיין שמייסער, האָבן אויף זיי ביידן געגומען פליען פון פיר־הויז מיני שטיקער פייכטע און קלעפּעדיקע „קליאַטשע".

— זע, אַ שטיק פיש! — שרייט אויס זאַוול.

— די בלינטשע! — ווונדערט זיך קושקע.

— די געגנדזענע פּאַלקע... אַ כאַליעריע!

דאָס פערטל טייגעכץ האָט אַ ליאַפּע געטאָן זאַוולען איבערן באַק, ווי אַ פעטע שטיק פעטשאַ, וואָס צעקריכט אונטער די הענט. דאָס האָט מערע אַרויסגעוואָרפן קושקעס שיינע מתנות און אָנגעצילט, ווו מען באַדאַרף. איר ווילד־צעשויבערטער קאָפּ האָט זיך נאָך אַרויסגעשטעקט פון טיר־שפּאַלט און צוגעשאָקלט:

— אַ שיינע חברהצקע!

זי האָט דערקענט, אַז קושקע האָט דאָ אַ צווייטן חבֿרל. נישט

אומזיסט, הייסט דאָס, האָט זיך איר פריער אויסגעדוכט, אַז נאָך אימיצער האָט זיך פּאַרטאַיעט הינטער דער שטוב.

באַלד נאָכדעם האָט זיך די פּירהויז האַסטיק צוגעשלאָסן. דער שוועד רער ריגל האָט אַ פּאָר געגעבן, ווי מיט אייזערנע ציין אַ קריץ געד טאָן. גישטאָ.

זאַוול מיט קושקען האָבן זיך באַלד אָפּגעטראָגן פון סענדערס הייזקע. שילטנדיק און זידלענדיק, אין דער וועלט אַריין, געווישט זיך די צעד שמירטע פּאָטראָוועס פון די פּאַטילניצעס. יעטוועדער האָט אַצינד געהאַט אַ ביסעלע הנאה פונעם צווייטנס חרפה:

— אַלץ ביסטו שולדיק! — ברומט קושקע.

— איך? וואָס בין איך שולדיק... אַז איר מאַכט קאַליע?

— שוין געוועז אָט־אָט... — פּאַרריכט קושקע מיט פּאַרדרוס.

— שוין געוועז אָט־אָט? פרעגט איבער זאַוול שמייסער אַ ביסעלע שפּאָטיש.

וואָלט דאָס נאָך אַלץ געוועז צו פאַרטראָגן. קיינער האָט דאָך נישט געזען, קיינער האָט נישט געהערט. ווער איז דאָס מחויב פּאַנאַנדערד צופּויקן?

אָבער ווי נאָר זיי פּאַרקערעווען זיך אויף צוריק צום ליובאַוויטשער בית־מדרש, ערשט פון אַ זייטיקער פריזבע שפּרינגט אַראָפּ חיה־שרהקע די משוגענע, ווי אַ דערשראָקענע ציג. איר קאָפּ־טיכל פּלאַטערט, און אַליין לאָזט זי זיך אַוועק טאַנצן אַנטקעגן קושקען אין אַ מין להכעיסד טאַנץ, מיט הענט און פיס, און איר ברודנער געלעכטערל צעגיסט זיך איבער דער פאַרשנייטער גאַס:

אי־כאַ, אי־כאַ, אי־כאַכאַ!
ניטשיינע האָב איך אַ פּלי געטאָן
דאָ, אויכעט דאָ!
פון דער קאָכשטוב און פון פּירהויז
דאָ, אויכעט דאָ.
מיט די פיש און מיטן טייגעכץ
דאָ, טאַקע דאָ.

— געוואַלד! — רעוועט קושקע אויף, ווי אַ דערשטאָכענער אָקס — וווּ טוט מען זיך פון איר אַהין?...

און ער לאָזט זיך לויפן נאָך חיה־שרהקען מיטן ליידיקן קאָשעק אין דער האַנט.

אין דער זעלבער צייט איז מערע צוגעפאַלן, אינעם טאַטנס הויז, צו איר שלאָפנדיק קינד און געכליפּעט. דערמאָנט זיך אין דעם מיאוסן ביסן, וואָס זי האָט, אין איר פאַרשמאַכטקייט, אַריינגעכאַפּט, געשפּייט ווי פון טרפה און ווייטער געכליפּעט. אויף וואָס האָט זי געוויינט? אויף איר עלנט, אויף איר הונגער? אויף דער שאַנד, וואָס אַזאַ גראָבער נפש, ווי קושקע, האָט איר אָנגעטאָן, ווענדיק זי איבערקויפן, ווי אַ שכורע זונה, מיט קאַלטע רעשטלעך פון אַ סעודה? צי אפשר איז דאָס געווען אַ געוויין פון חרטה אויף איר שוואַכקייט אַ מינוט נאָכאַנאַנד? צי איז עס געווען די נאָכווייעניש פון דער איבערגעלעבטער געפאַר, אַזוי גראָב און ביליק אַריינצופאַלן אין קושקעס אָרעמס ווי אין אַ גרוב, פון וועלכער זי וואָלט שוין מער נישט געקענט אַרויס; אַפילו זאָוול דער אויסוווּרף, וואָלט איבער איר געהאַט אַ שליטה, אַבי ער זאָל נישט אויסזאָגן... ווי וואָלט זי פאַנדרען געקוקט אין די אויגן, ווען ער קומט צוריק? וואָס וואָלט פון איר געוואָרן? אָדער האָט זי גאָר געכליפּעט אויף איר יונגער ווייבלעכער קראַפט, וועלכע גייט לאיבוד נאַכט־איין, נאַכט־אויס?... היינ־טיקע נאַכט אויך. היינטיקע נאַכט נאָך מער ווי אַלעמאָל...

שווער צו וויסן, איבער וואָס אַזאַ געזונט, באַליידיקט ווייבל האָט געוויינט, אַזוי שפּעט, אין דער נאַכט, איבער איר קינד מיטן רויטן פלעק אויפן העלדזל. אפשר האָט זי געוויינט איבער די אַלע זאַכן צוזאַמען.

די באַלאַדע פון צווײ פערד

1.

יאָקע דער שינדער האָט הײנט געכאַפּט צווײ מציאות אויף אײן מאָל. „שמענדריקען" — בײ מאיר פּענטען, און כּוועדער דעם וואַסער־טרעגערס פערד — אַ סיווע, הינקענדיקע קליאַטשע. און אָט, אײנמיטן פרײטיק, ערב שבת־שירה, פירט ער זײ בײדן שינדן איבער דער פאַר־פרווירענער אַזערע. קײן שענערע צײַט און קײן בעסערן אָרט האָט ער זיך גאָרנישט געקענט אויסזוכן!

שוין באַלד דרײַ וואָכן, אַז מאיר פּענטע דולט אים אַ קאָפּ ער זאָל בײ אים אָפּקויפן „שמענדריקען" אויף דער פעל. וואָרים „שמענדריקע" האָט שוין אויפגעהערט צו זען אויף דעם צווייטן אויג אויך. מקוים געוואָרן ישראל יאָצרעס דאָקטאָריע, אַז די חולאת אין שמענדריקעס קאָפּ וועט אים אינגאַנצן בלינד מאַכן. און אָט, אַ שטיק צײַט איז אַוועק אין קנעכטשאַפט בײ „פּענטען" און שמענדריק גלאָצט שוין מיטן צווייטן אויג אויך. בלוי און קאַלט ווי שטאָל איז אויך דאָס צווייטע שוואַרצאַפּל געוואָרן, און די בלוטיקע ווײסלען פון זײַנע בײדע אויגן דרײען זיך אַלץ אַרויף און אַרויף־צו. אמת איז, אַז ער האָט אויפגעהערט צו ציען אין אײן זײט, ווי פריער. דערפאַר אָבער האָט ער אָנגעהויבן צו קריכן אויף גלײַכע ווענט, אויף טעלעגראַפנע סלופּעס, אויף בוימער און אין גריבער אַרײַן. מאיר פּענטען האָבן שוין מער נישט געהאָלפן די שווערע פּעטש, מיט וועלכע ער פלעגט שמענדריקען מכבד זײַן, ווי, להבדיל, אַ מענטשן. נישט די בײטש, נישט דער בײטש־שטעקל האָבן דאָ גע־קענט העלפן. פּענטע האָט שוין מער נישט געקענט גײן מיט פאַרלײגטע הענט אויף הינטן, און נאָר פון צײַט צו צײַט אויסגלײַכן דעם וועגל מיט געבן שמענדריקען אַ שטורכאַץ אין דער דאַרער מאָרדע אַרײַן. אַצינד האָט ער שוין אַלײן געמוזט העלפן שלעפּן דעם וועגל. אײַנשפּאַנען

זיך גלייך מיט שמענדריקען האָט ער געמוזט; סאָפּען ביי אַ באַרג־אַרויף און אָפּהאַלטןביים אַראָפּ. ביז אַזאַ ליימענער גולם, ווי פּענטע איז, האָט דערזען באַשיינפּערלעך, אַז אַלץ וואָס ער האָט שוין געקענט אַרויסציען פון שמענדריקעס קראַנק־לעבן איז שוין אַרויסגעצויגן געוואָרן. פון די זיבן קאַרבן, וואָס ער האָט מיט אַן אַכט חדשים צוריק באַצאָלט ר' סענ־דערן פאַר אַזאַ פּאַדלע, זענען שוין געוויס דריי קאַרבן, נישט ווייניקער, פאַרברויכט געוואָרן, מיטן שווייס פון שמענדריקעס פעל אָוועקגעגאַנגען. און ס'איז איצט געקומען די רעכטע צייט אָפּצוראַטעווען דעם רעשט. ס'הייסט: די לעצטע פיר קאַרבאָוואַנצעס, וואָס די פעל איז נאָך ווערט. האָט ער זיך בעת דער חברהשער סעודה אין לויה־בית־מדרש, געווענדעט צו יאָקען, זיין טיש־חבר, מכוח דעם דאָזיקן ענין. שטופּנדיק דעם פעטן טייגעכץ מיטביידע הענט אין מויל אַריין, האָט ער מיט זיין ליימענעם לשון, וואָס באַשטייט פון האַלבע ווערטער, געדעדט צום שינדער אַזוי:

— אָקע! קוי — שוי — אַ — מאַ — פּאַדל — און — אַל — שע — נע — נע — נעק. ע?

ס'האָט געזאָלט הייסן: יאָקע, קויף שוין אָפּ מיין פּאַדלע און זאָל שוין נעמען אַן עק. האַ?

נאָר יאָקע דער שינדער, אַ געלאַסענער בעל־פּרנסה, האָט פּענטען געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מיט איין פּאַדלע לוינט אים נישט צו פּאַטש־קען די הענט. כדי ער, יאָקע, זאָל זיך וועלן באַנוצן מיט זיין אומנות מוז ער האָבן אַ „פּאַרטיע". ווייניקסטנס נאָך אַ צוויי דריי פּגירות מוז ער האָבן. ערשט דאַמאָלסט לוינט אים אָפּצודינגען דעם טרפהן־סאַראַי הינטער דער שטאָט. וואָרים, זאָגט ער, ס'איז אַלצאיינס, צי ער שינדט איין פערד, צי פינף — די פינף און זיבעציק קאָפּיקעס מזומן מוז ער סיי ווי סיי באַצאָלן. לוינט עס אים נישט. סיידן פּענטע וועט אים אָפּלאָזן אַ האַלבן רובל פון דער פעל, ווי?

אָבער פּענטע איז אויף אַזאַ הנחה נישט איינגעגאַנגען, און האָט ווייטער געצויגן חיונה פון זיין קאַליקע־פערדל. נאָך גאַנצע צוויי וואָכן האָט ער אים געמוטשעט, געשלעפּט פאַרן צוימל, געשטורכעט מיטן בייטש־שטעקל צווישן די ריפּן, געבריקעט אים, פאַר כעס, מיטן שטיוול אין אויפגעבלאָזענעם בויך, ביז ער האָט מיט זיינע אונטערגעשוואָלענע אויגן דערזען, אַז שמענדריקעס פעל, אַראָפּ דער גריווע, הויבט אָן אויפגעפרעסן צו ווערן פון אַ קרעץ. האָט ער זיך דערשראָקן, געלאָפן

צום שינדער און אָפּגעלאָזן אים גאַנצע פיר גילדן אויף איין מאָל און דאָס געשעפט איז געמאַכט געוואָרן.

אינעם זעלבן טאָג האָט יאַקע איינגעהאַנדלט אויך כוועדער דעם וואַסערטרעגערס אַלטע קליאַטשע, מיטן ביינערדיקן גרויסן קאָפּ און מיט דער סיוועך אויסגעקראַכענער פעל, וואָס האָט שוין געצומען געל ווערן פאַר אַלטקייט. אויסער אירע אַנדערע מעלות האָט זי נאָך זינט אַ שטיקל צייט שטאַרק געהינקט, מחמת אַ שלעכט אונטערפּאַדקאָוועט זי. און הינקענדיק, צעפּליוכעט דאָס פּולע פּעסל וואַסער, וואָס כוועדער פירט פאַנאַנדער צווישן די יידישע הייזער. און גיט מען איבער דער קאַליקע אַ פּאַך מיט דער בייטש, אַזוי גיט זי אַ פּאַל מיט די הינטערשטע פיס אין שניי, פאַרפּלאָנטערט זיך אין די לייצעס און אין די האָלאָבליעס אַזוי, אַז עס קומט אויס אויסצושפּאַנען זי אינמיטן דער גאַס. גייען אַרויס די בייזע יידישע באַלעבאָסטעס, וואָס קענען זיך נישט דערוואַרטן אויף כוועדערס פּעסל, מאַכן מיט די הענט פונדערווייטנס און זידלען זיך.

האָט כוועדער דערזען, אַז מיט אייגענע מענטשלעכע כוחות וועט עס גיין גיכער, איז ער אַליין אַריין אין שפּאַן, און פּאַלאַהייקע, זיין אשת־חיל, האָט אים געהאָלפן מיט אַ דראָנג פון הינטן. און זיין ביזאַהעריקע ברויט־געבערין האָט ער, אָן רחמנות, פאַרקויפט יאַקען דעם שינדער. אויך מיט אַ האַלבן רובל וועלוועלער, אַבי פּטור צו ווערן פון אַן אומזיסטיקער סעטשקע־פרעסערין און נישט וואַרטן ביז ביי יאַקען וועט זיך אַנקלייבן אַ פּאַרטיע שונד.

אָבער יאַקע דער שינדער, ערלעך ווי ער איז, איז פונדעסטוועגן נישקשה פון אַ דריייער. ווו טרפהער סאַראַי? וואָס סאַראַי? ווען סאַראַי הינטער דער שטאָט? ער האָט זיי ביידן אָפּגענאַרט. סיי כוועדערן דעם גוי, סיי מאיר פענטען, דעם ליימענעם גולם. דעם אָפּגעהאַנדלטן קערבל, פאַרן סאַראַי, האָט ער זיך אַריינגעלייגט טיף אין די פאַרשמאַלצעוועטע פלודערן, און אַליין אַוועקגעלאָזן זיך איבער דער פאַרפרוירענער אָזערע מיט ביידע פּאַדלעס: מיט דער הינקענדיקער קליאַטשע און מיטן בלינדן שמענדריקען. אַן אָרט צום שינדן האָט ער זיך אויסגעזוכט — די וויסטע לאָנקע, צווישן די געפרוירענע טראַסטינעס פון אָזערע און צווישן וואַלד. זומער קאָסעט מען דאָרט היי און מען שטייט ביז די קני אין וואַסער. אַצינד, ווינטער, איז די לאָנקע הפקר. די באַלעבאַטים אירע זענען ערגעץ־ווו אין דאָרף. די קאָסעס זשאַווערן אין די גויאישקע שפּייכלערס. הייבט וועמען אַרט דאָס, אַז יאַקע וועט דאָ שינדן זיינע פּאַדלעס?... די

וויסטע לאָנקע אַליין, דאַכט זיך, איז מיט אים מסכים. מיט טיפֿן איינגעהאַרטעוועטן שנײ איז זי באַדעקט ווי מיט אָנגעקראָכמאַלעטע תכריכים, אויסגעבעט, און וואַרט אויף מתים... און די מתים, אָט־אָ גייען זיי טאַקע, אָט־אָ קומען זיי אָן! — זיי לעבן נאָך כלומרשט. אָבער נישט לאַנג וועט דאָס שוין דויערן. נאָך עטלעכע מינוט אפשר; נאָך איין ווײלעטשקע.

.2

קרום איבער דער פֿאַרפֿרוירענער אָזערע ציט זיך דער פֿויערישער שליאַך אין וואַלד אַריין. ער איז ברוין פֿון אָנגעטראָגענער ליימיקער ערד, און גרין געפּינטלט איז ער פֿון געפֿרוירענע פֿערדן־מיסט. יאָקע טרייבט אָן זיינע צוויי מציאות אויף דעם דאָזיקן שליאַך און הינקט אַ ביסל אונטער. אַ שלעכט־געשאָכטענער פֿערד איז אויף אים, מיט עטלעכע יאָר צוריק, אָנגעלאָפֿן און צעקנאַקט אים דעם פּאָדיאָם פֿון פֿוס מיט אַ שווערער פּאָדקאָווע; הינקט ער דערפֿאַר אונטער. נו, און כוועדערס סיווע קליאַטשע הינקט דאָך אויך. דאַכט זיך אַז זיי גייען און מישן איבער איינער דעם צווייטן, קרימען זיך נאָך... מען ווייסט בלויז נישט צי יאָקע קרימט איבער כוועדערס קליאַטשע, צי די סיווע קליאַטשע — יאָקען. ער אַ האָץ, זי אַ האָץ, זי אַ האָץ, ער אַ האָץ... און שמענדריקע דער בלינדער שלעפּט זיך נאָך מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם האַלדז. ער שפּירט פֿאַרטריקנט בלוט אויף יאָקעס האַרטער פּאָדיאָווקע און קרימט דערשראָקן מיט ביידע אויגן־ווייסלען. צו אַנטלויפֿן אין זיין בלענדעניש האָט ער מורא, און כדי נישט פֿאַרלירן דעם אויסגעטראָטענעם שליאַך אונטער די פֿיס, רייבט ער זיך מיט זיין דאַרער מאָרדע ביים האַלדז פֿון דער אַלטער גוטער קליאַטשע. רייבט זיך און בעט, דאַכט זיך, שטומערהייט רחמים: ווייסט אפשר, באָבע, וווּהין מען פֿירט אונדז?

שווייגט די אויסגעדאַרטע פֿאַרגעלבטע קליאַטשע, כוועדערס געוועזענע ברויט־געבערין. זי הינקט געדולדיק איבערן ברודנעם שליאַך, אין דער ווייסער אומבאַוווּסטקייט אַריין: „פֿון וואַנען זאָל זי וויסן?... יאָ, זי שפּירט עפּעס אויך אַ נישט־גוטן ריח פֿונעם מענטשנס קליידער. נאָר שוואַך איז זי אַזוי, און הינקען טוט זי אויך, קאָן זי זיך מער נישט שטעלן דעם מענטשן אַקעגן. זי וויל גאָרנישט שטעלן זיך אַקעגן. געלויבט איז גאָט, וואָס זי דאַרף מער נישט שלעפּן קיין פֿולע פֿאָס וואַסער

מיט קלעפּ און מיט שמיץ, אויפֿן גליטש אין די יידישע גאַסן, וואָס לויפֿט אַוועק פֿון אונטער די שפּיצן קאָפּיטעס אַזוי, אַז מען פֿאַלט אויף הינטן. יאָ, גייט זי אַציגד וווהין מ'פֿירט זי..."

יאָקע ווייסט, אַפֿנים, אויך פֿון דער פּראַקטיק, אַז זיין שעפּסענע פּאַדיאָווקע מיטן פֿאַרבלוטיקטן לעדערנעם פֿאַרטוך איבער דער פּאָד־יאָווקע, דערוועקן נישט קיין גרויסן צוטרוי ביי די האַלב־געפּגרטע סוסים. פֿירט ער זיי דערפֿאַר איבערן שליאַך מיט גוטשינקע רייד: כלומרשט: אַ טייערער מענטש פֿירט זיינע פֿיר־פֿיסיקע פּענסיאָנערן אין אַ פֿערדישן גן־עדן אַריין; אין אַ מין גן־עדן, וואָס איז פֿול מיט פֿרישן היי און מיט געזיפּטן האָבער. אָן מעקענע... אָט דאָ איבער דער אַזערע מוז מען זיך נאָך אַריבערשלעפּן, און דער גן־עדן הויבט זיך אָן... אַזוי, דוכט זיך, רעדט ער זיי איין און פֿאַרקלאַפּט זיי אַ קאָפּ. גאַלע רוסיש רעדט ער צו זיי. ווי אַלע יידן איז יאָקע דער שינדער זיכער, אַז יידיש פֿאַרשטייט נישט קיין שום בהמה אויף דער וועלט. אַפֿילו שמענדריקע, דער אַמאָ־ליקער „איידעמל אויף האָבער" ביי ר' סענדערן, פֿאַרשטייט אויך נישט... רעדט ער צו זיי דערפֿאַר נאָר אויף גויאיש; און מיט די גראָבע ליפּן שמונצערט ער אונטער גאָר ליבלעך. דערביי באַוועגן זיך מאָדנע זיינע אויסגעקראָכענע און אַראָפּהענגענדיקע וואָנסעס, וואָס האָבן אַ רויטלעך־שוואַרצן קאָליר, ווי פֿאַרטריקנטע בלוט.

— ניאָ, ניאָ, — שמונצערט ער — קאָניקי! קודי, קודי, האָ? העי, העי, טשיטשאָס! וואָט־וואָט, קאָניקי!!

(ניאָ, ניאָ, פֿערדלעך! וווהין, וווהין, אָ? עי, עי, באַלד! אָט־אָט, פֿערדלעך!)

אַלץ אַזעלכע פֿויערישע ווערטער, וואָס האָבן גאָר קיין שום צו־זאַמענהאַנג נישט. נאָר זיי דאַרפֿן אויסדריקן אַ ביסל פּאַטערלעכע זאָרג און אַ ביסל חניפֿה צו די צוויי פֿערדישע אינוואַלידן. אַלץ כדי זיי זאָלן זיך לאָזן פֿירן פֿאַרן צוימל, ווי די לעמעלעך און זאָלן זיין ווי „מענטשן"... יאָ. וואָרים ער, יאָקע אַליין, האָט דאָך קיין כוח נישט נאָכצוויאָגן זיך נאָך זיי, אויב זיי זאָלן זיך דערשרעקן און עוקר זיין... ער אַליין הינקט צו. טאָ זאָל בעסער זיינס אַריבערגיין. יאָ, יאָ. אָט אַזוי גייט מען, פּגירהלעך, ווי די סטאַטיקלעך. ניאָ, ניאָ. נאָך אַ טראָט, נאָך אַ טריטעלע...

אָבער אין דער זעלבער צייט, ווי ער רעדט צו זיי אַזוי צוקערדיק און פֿריינדלעך, דרייען זיך ביי אים אַליין די פֿינצטערע, שמאָלע אויגן

אונטער דעם פֿאַרפֿעטסטן קאָזיראָק, און זיין לינקע האַנט טאַפּט דאָס גליטשיקע הענטל פֿון לאַנגן שינד־מעסער אין דער לעדערנער שייד ביי דער זייט.

אַזוי ליבלעך שמועסנדיק און פֿאַרדעכטיק שנאָרכנדיק, שפּרייזט די גרופּע אַריבער דעם שליאַך איבער דער אָזערע, ביז טיף אין דער פֿאַר־שנייטער לאָנקע. דער שניי ווערט דאָ עפּעס טונקעלער. די שאָטנס פֿון דעם נאָענטן וואַלד פֿאַרטונקלען אים. אויף די שפּיצן סאָסנעס, איבער דער לאָנקע, שרייען הייזעריק און זשעדנע עטלעכע וואָראָנעס. ווי די בעטלער ביי דער טיר פֿון דער געוועזענער סעודה ביי חברה־קדישא טומלען זיי זיך. שקלאָווער סאַראָקעס קענען יאָקע דעם שינדער זייער גוט. זענען זיי אים פֿאַרלאָפֿן דעם וועג, אויסגעשטעלט זיך אויף די ביימער, לויזן זיך אונטער די פֿליגלען און קראַקען. זיי ווייסן, אַז גלאַט אין דער וועלט אַריין, אינמיטן פּרייטיק, וועט זיך יאָקע נישט אַראָפּלאָזן אַהער־צו־צו מיט צוויי פּאַדלעס פֿערד. זאָגן זיי אַרויס זייער שוואַרצע השערה די שוואַרצע חברים זייערע, אויף אַלע עקן וואַלד:

— קראַ־קראַ־קראַ! מיט גאָטס הילף, אינגיכן וועלן מיר דערלעבן גאָר אַ וואָזשנע סעודה... נאָר שטיל זאָל זיין! טומלען דאַרף מען נישט...

און אַליין טומלען זיי:

קראַ־קראַ־קראַ!...

אָנגעקומען צו דעם מיטן פֿון דער פֿאַרשנייטער לאָנקע, כאַפּט יאָקע אַרויס דעם מעסער פֿון שייד און לאָזט אים קונציק אַריינגליטשן אין וואַ־רעמען אַרבל אַריין, מיטן הענטל צום געלענק און מיטן שאַרף צו די פֿינגער. ער טוט דאָס אָפּ פֿאַרשטעלטערהייט, ווי אַ קונצנמאַכער. ער האָט מורא די קליאַטשע זאָל נישט דערזען דעם בייזן בליאַסק פֿון מעסער און נישט כאַפּן לויפֿן, מיטשלעפּנדיק מיט זיך דעם בלינדן שמענדריקען. נישט קיין לייכטע זאַך צו כאַפּן זיי דערנאָך מיט אַ קראַנקן פֿוס. ער ווייסט, אַז די נאָענטקייט פֿון אַ סכנה פֿאַרדאָפּלט די כוחות, אַפֿילו ביי האַלב־געפּגרטע חיות און בהמות. נישט איין לעקציע אַזאַ האָט ער שוין געהאַט אין זיין לאַנגער פּראַקטיק. אַפֿילו דער צעקוועטשטער פּאַדיאָם פֿון פֿוס קען עדות זאָגן... יאָ, אָט, אַפֿילו שמענדריקע, די בלינדע פּגירה, איז עפּעס אומרואיק געוואָרן. ער שמעקט די לופֿט, קרימט מיט די ווייסלען פֿון די אויגן, שוידערט מיט איין אויסגעקראָכענער ליטקע.

שטייען אַזוי, איין רגעלע, אַלע דריי, אין איין שערענגע: אַ שוואַרץ מענטשל, אַ ווייסע קליאַטשע און אַ ברוין פֿערדל, מיט די קעפּ געווענדט

צום ווייטן שטעטל און מיט די הינטנס — צום נאָענטן וואַלד. פון איבער דער וויסטער לאַנקע, הינטער דעם שיטער־גרויען וואַלקנדל פון די דאַרע טראָסטינעס און הינטער דער פאַרפרוירענער אָזערע מיטן קרומען פאַס פון שליאַך, זעט דאָס גאַנצע שטעטל אויס עפּעס מאָדנע־פרעמד און מאָדנע־פאַרוואָרפן אין עק וועלט. הייזקע אויף הייזקע אָנגערוקט מיטן בויך. הייזקע צו הייזקע צוגעטוליעט מיט די פאַרשנייטע דעכער. הייזקע אין הייזקע קוקט אַריין מיט אויסגעגלאָצטע ווינטערדיק־קאַלטע שויבן. און נאָר דער גויאישקער קלויסטער גרינט אינמיטן, מיט זיינע פינף ציבעלע קעפּ. און ווייסע און בלויע רויכן קרויזלען זיך פון די קוימענס. ס׳איז ערב שבת. אַ סדרה בשלח, מיט ווייטע צימבלען פון „אָז ישיר״, גייט אויף דער שטאָט. מאָרגן איז שבת־שירה. קאָכט מען פּעטע קאַשע אין די יידישע אויוונס. אַ סך קאַשע! עס זאָל סטאַיען פאַר מענטשן און פאַר פויגעלעך. אַלע זענען גלייך פאַר דעם „שבת־שירה״...

.3

— האַ־אַססס! — גיט כוועדערס קליאַטשע אַ ביס, און שאָקלט־צו צו שטאָט מיטן קאָפּ, אַזוי טרויעריק און פאַרבענקט. און אירע אויסגע־לאָשענע אויגן גלאַנצן מיט פערדישע טרערן. ס׳הייסט: „אַך, אַ סך וואַסער פאַנאַנדערגעפירט צווישן יידישע הייזער, ס׳ביסל געזונט פאַר־לוירן אויף די עלטערע יאָרן... און וואָס? גאָרנישט...״

און יאָקע, אָט דער דאָזיקער פרעמדער מענטש, מיטן פאַרדעכטיקן גערוך, פונקט ווי ער וואָלט געטראָפן אירע טרויעריקע געדאַנקען, גלעט איר דעם אַראָפּגעבויגענעם קאָלטענעוואַטן האַלדז און רעדט צו איר אויף דער זעלבער שפּראַך, ווי דער לעצטער באַלעבאָס אירער, ווי כוועדער דער וואַסער־פירער, אָבער עפּעס צו ליבלעך, פריקרע־ליבלעך:

— לאָ — שאַדקאַ! לאָ — שאַדקאַ! לאָ — שאַדקאַ! סטאָי, לאָ־שאַדקאַ!

פאַרשטייט דאָס די קליאַטשע אין איר טעמפּער באַטריבקייט אַזוי:

— פע—רדעלע, פע—רדעלע! ביסט גערעכט ווי די וועלט. גערעכט ווי די וועלט. דעם געזונט פאַרלוירן אויף די יידישע בייזע באַלעבאָסטעס, מיט די גרויסע מיילער און פאַרקאַטשעטע קאָפּטעס...

אָבער גאָר פּלוצלונג, אינמיטן אַזאַ צערטלעכקייט, שפּרינגט אַרויס ביים פרעמדן מענטשן פון אַרבל אַ לאַנגער מעסער און פאַרקלעמט זיך

שטייף אין דער געזונטער ברודיקער האַנט, אין דער זעלבער האַנט, וואָס האָט זי אָקאָרשט געגלעט מיט דער דלאָניע אונטערן האַלדז. און דער אָרעם, וואָס האָט זי אָקאָרשט געהאַלטן אַרומגענומען אונטערן קאָפּ, גיט זיך אַ ציִ־אויס ווי אַ בייטש־שטעקל און דאָס לעצטע צערטלעכע וואָרט „לאָ — שאַדקאָ" ווערט נאָך אַרויסגעזאָגט מיט אַ פּלוצלעכער בייזקייט, דורך פאַרשצירעטע ציין, ווי ביי אַ גזלן: „לאָ־אָ־שאַדקאָ!"

דערשרעקט זיך מוראדיק כוועדערס קליאַטשע און גיט אַ וואָרף אַרויף מיטן קאָפּ. פון יאָקעס באַוואָפנטן אָרעם אונטער איר האַלדז וויל זי אַפּשפּרינגען. אָבער אין דער זעלבער רגע גיט זיך אָט דער קאַלטער שטיק שטאָל אַ גליטש אַריין אין איר גאָרגל, פון רעכטס אויף לינקס און מיט איין רוק, און טאַקע דאָרטן, ווו די גרויסע באַקנביינער פאַר־קיילעכדיקן זיך צו די אומרואיקע אויערן. אַ שאַרפער קיצל טרעפט זי, ווי אַ בליץ, פון אויער ביז אויער. און דער זעלבער קיצל גייט גלייך איבער אין אַ מאָומדיקן שניידנדיקן ווייטיק. די גאַנצע ווייסע וועלט גיט זיך אַ שאָקל...

— הי־הי! — ווילט זיך דער סיוועך קליאַטשע אַ הירזשע טאָן. און זי וווּנדערט זיך וואָס אָנשטאָט דעם מאַכט ביי איר אין גאָרגל „יוק"... אַזוי הייס און שליימיק. און עס גיט אַ פליוך צו אירע פערדישע פיס, ווי פון אַן איבערגעקערטן עמער, ווען כוועדער, איר געוועזענער באַלע־באָס איז שיכור, און טרעפט נישט מיטן פולן עמער אין וואַסער־פּאַס אַריין... נאָר דאָס מאָל איז דאָס פאַרפּרוירענע וואַסער געדיכט־רויט און לויפט־אויף אין דער ווייסקייט פון שניי ווי אַ בראַנד פייער...

ווי אַן אָפּגעברענטע גיט זיך שוין כוועדערס קליאַטשע אַ וואָרף אין דער זייט, דרייט זיך אויס מיטן עק צו שטאָט און כאַפּט לויפן, אין הינקענדיקן גאַלאָפּ, צום וואַלד צו.

יאָקע גיט אויך אַ שפּרונג אין אַ זייט מיט זיין הינקענדיק פיסל, כדי נישט איינצושפּריצן זיך. זאָל זי אַצינד לויפן, די פּאַדלע. זי וועט שוין ווייט נישט אַנטלויפן. דאָס האַרץ קאָכט ביי אים מיט אַ פרייד פון אַ מייסטער, וואָס האָט אָפּגעטאָן גאָר אַ האַרבע שטיקל אַרבעט. נאָר אינגאַנצן אויסהיטן זיך פון פלעקן האָט ער זיך נישט אויסגעהיט. אַ האַלבע לעדערנע פאַדיאָווקע און איין באַק־און־אויער איז אים מער־דערלעך פאַרשפּריצט מיט בלוט. ווי אַ האַלבע מאָומדיקע מאַסקע זעט דאָס אויס.

דער ווייטיק ביי דער אַנטלאָפענער קליאַטשע ווערט אַלץ שניידנ־

דיקער. דער פראָסט אַרום גיט אים נאָך צו אַ ברענענדיקע שטעכיקייט. אין די נאָזלעכער בלעזלט זיך אַצינד אַ געדיכטע רויטקייט. אין אויפ־געטרעגנטן האַלדז זידט אַ שליימיק געמורמל. הי־הי, וויל זי נאָך אַמאָל אַ הירזשע טאָן און זי פאַרכליגעט זיך. דער סליאַד פון איר פאַרצווייפלטן גאַלאָפּ ברענט ווי פייער. אַ רויטקייט און אַ ווייסקייט מישן זיך פאַר אירע אויגן און עס דוכט זיך איר, אַז פון אָט די צוויי שאַרפע קאָנ־טראַסטן טוט עס אַזוי וויי. אַנטלויפן, וואָס גיכער אַנטלויפן הי־הי!...

וואַרפט זי אין וואַקלענדיקן לויף מיטן אונטערגעשניטענעם קאָפּ, פּונקט ווי זי וואָלט פּרווון אָפּשאָקלען זיך פון מוראדיקן שמאַרץ, ווי פון אַ יאָך — אַ צוטשעפּעניש, און קען נישט. לויפט זי דערפאַר צו דער גרינער פינצטערקייט פון סאָסנע־וואַלד, כדי צו ראַטעווען זיך פון דער פלאַמענדיקער רויטקייט, כדי נישט זען מער די שניידנדע ווייסקייט, האַצקעט זיך ווי אויף אַ פערדישער קוליע... און גאַר פּלוצלונג גיט זי אַ פאַל אַנידער אויף די הינטערשטע פיס. זי וויל נאָך אויפשפּרינגען און אָנשטאָט דעם הויבט זי אָן צו וואַקלען מיטן גאַנצן פאָדערשטן טייל פון גוף. דער געקוילעטער קאָפּ שאָקלט זיך אַ ווײַלע ווי אָן אומרו, פון זייט צו זייט, און זינקט אַראָפּ. עס ציט איר צו לייגן זיך אויף אַ זייט, און זי לייגט זיך, הכנעהדיק, באַשיידן, ווי אַ קרבן: „מילא, געגוג צו צאַפּלענען אַזוי פאַרן לעבן! נישטאָ וואָס אָנצוווערן...״ אַזוי, דאַכט זיך, זאָגט כוועדערס קליאַטשע צו זיך אַליין אין איר לעצטער רגע. אָבער די אויסגעשטרעקטע פיס אירע טוען דאָס זייעריקע: זיי צאַפּלענען.

באַלד נאָכן אַנטלויפן פון דער געקוילעטער קליאַטשע ווערט דער בלינדער „שמענדריקע״ אומרואיק: ווו איז דאָס אַהינגעקומען דער ליבלעכער פערדישער האַלדז, אין וועלכן ער האָט געריבן אַ באַק און געהאַלטן זיך אין אים? ווי אַ בלינדער, וואָס האָט פאַרלוירן זיין שטעקן אין שניי, אַזוי שטייט שמענדריקע אַ ווײַלע מיט אויסגעגלאָצטע ווייסלען אינמיטן פעלד, און דערהערט הינטער זיך אַ פאָבריקעווען און פאַר־כליגעטן הירזשען. אַ וואַרעמער בייזער גערוך גיט אים פּריקרע־זיס אַ זעץ אין די נאָזלעכער. די אויערן זיינע הויבן אָן צו גיין ווי אויף שרייפלעך. דרייט ער זיך, בלינדערהייט, אויס צו דער אַנטלאָפענער חברטע און שאָקלט נאָך איר נאָך מיטן אויסגעדאַרטן קאָפּ פון אַ מאַרטירער. ס׳הייסט: „שטעל זיך, טייערינקע, נישט אָקעגן!... זיי מקבל יסורים באהבה!...״

פונדעסטוועגן, ווען יאָקע שינדער, אָט דער פרעמדער מענטש מיטן זויערלעכן געשטאַנק, הויבט זיך אָן צו גנבענען צו אים, ווערט שמענ־

דריקע אַליין באַנומען פון אַ טיפן שרעק. ער גיט מעשה־שגץ אַ דריי מיטן בלינדן קאָפּ, אַ שפּרונג אויף די פאָדערשטע אויסגעדאַרטע פיס און אַ בריק מיט די הינטערשטע. אָבער מיט אַזאַ אויסגעפייניקטן בלינדן שלימזל מאַכט נישט יאָקע קיין שום לאַנגע מחזקות. ער שפּרינגט צו מיט זיין קירצער פיסל, כאַפּט אָן שמענדריקען, ביי דער אָפּגעהאַנגענער פעל אונטערן האַלדז, ווי אין אַ זאַק, שניידט אַריין מיט זיין מעסער, ווי אַ קצב, אין אַ דיקן שטיק פלייש, און גייט רואיק אָפּ.

4.

איצט איז געקומען שמענדריקעס ריי צו שטאַרבן און צו לויפן פאַרן טויט. „וואָס איז דאָס?" וואַרפט ער בלינדערהייט מיטן קאָפּ און גלאָצט מיט די ווייסלען. „מיר אויך אָפּגעטאָן אַזאַ מעשה? געקוילעט? מיך אויך?... אַ בלינדן קוילענען? סטייטש, סטייטש! מענטשן! אַ בלינדן אויך?"...

די זודיקייט פון דעם פליוכענדיקן בלוט אויף די אָנגעפּרוירענע קני דערשיטערט אים. ער כאַפּט לויפן גאַלאָפּ, פונקט ווי אָקאָרשט — כוועדערס קליאַטשע. ער לויפט אין אַ תהו־ובהו אַריין. בלינד איז די וועלט און בלינד איז דער גרויסער שמאַרץ. לויפן, לויפן! אָבער נישט־ווילנדיק ווערט פון תהו־ובהו אַ מאָדנע קיילעכדיקייט. עס ציט אים, שמענדריקען, צו לויפן זיין לעצטן לויף אין קרייז. ער זעט אַ פאַרגעסענע רונדיקייט מיט זיינע בלינדע אויסגעגלאָצטע אויגן: אַ גרינע רונדיקייט... שוין אַלט זייענדיק עטלעכע וואָכן האָט ער ערגעץ־ווו געזען אַזאַ קרייז... ערשט גאָר דאָ נישט לאַנג, דאַכט זיך נאָכן דערזען די ליכטיקע וועלט. אינמיטן אַ גרינער לאָנקע איז די מאַמע זיינע געשטאַנען און געשטשיפּעט דאָס זאַפטיקע גראָז. זי איז געווען ברוינער פאַר אים, און איר פעל האָט געגלאַנצט אויף דער זון, ווי אַ וואַסער אין אַ ליימיקן טייך־ווינקל. אַ זון האָט געלויכטן. און ער, שמענדריקע, מיט אַ העלער אויפגעשטעלטער גריוועלע, איז געלאָפן אַרום איר אין איין גרויסן ראָד, אַזוי קיילעכדיק ווי די זון, אַזוי ברייט ווי די בלויקייט איבערן פעלד. האָט זיך די מאַמע זיינע, צופּנדיק דאָס גראָז, אָנגעבייזערט אויף אים:

— הי־הי! — האָט זי ליבלעך אויפגעהירזשעט.

— ס'הייסט: שטיף נישט, מיין קינד! לויף נישט אַזוי ווייט!

האָט ער זיך גענומען דערנענטערן צו איר אין ענגערע קרייזן. אַלץ

ענגער און ענגער, נענטער און נענטער. דער מיטלפּונקט איז אויסגע־וואַקסן אין זיסע מוטערלעכע אייטער. און שאַרכנדיק האָט ער זיי שקאָצעוואַטע אָנגעכאַפּט און פאַרכלינעט זיך פון מילך.

אָט אינעם זעלביקן כישוף־קרייז ווערט ער אויך אַצינד געצויגן, ביים אויסהויכן די נשמה. נאָר אַצינד ווערט ער געטריבן אין קרייז פון אימת־מות און פון ווייטיק. אויך אַצינד לויפט ער צו א י ר, צו דער געהיימנישפולער מ ו ט ע ר, וואָס רופט ערגעץ־ווו, צום לעצטן מאָל... איינטוליען זיך אין איר וואַרעמע אייטער וויל ער, פאַרגיסן דאָס געזאַלצענע כאַרכלען אין האַלדז מיט זיסע מילך.. נאָר דעם גאַנצן קרייז לויפט ער נישט אויס. אינמיטן פ אַ ר ע נ ג ע ן א י ם ווערט ער געשטרויכלט אין דעם גוף פון דער געשאָכטענער קליאַטשע. אויך זי, אַ געוועזענע פערדיכע מוטער, ליגט טויט. דער קרייז צעברעכט זיך מיט אַ שווערן און שמערצלעכן אַנידערפאַל. שמענדריק טוליעט איין דעם געשאָכטענעם קאָפּ אין איר עק און וואַרפט מיט אַלע פיר פיס, דער־שראָקן און קאַפּריזנע, ווי אַ ציטערדיק קינד:

— מוטער, מוטער. דו זעסט? וויי, וויי...

— קראַ, קראַ! — ענטפערן אים די אומגעדולדיקע סאַראָקעס אָפּ פון די שפּיצן סאָסנעס.

דאָס איז ווי אַ זשעדנע געשרייעריי פון בעטלער אויף אַ בלוטיקער חתונה, ווען אַ מחותן צעדרשנט זיך צו לאַנג און האַלט אָפּ דעם מאָלצייט...

די פיס פון כוועדערס קליאַטשע האָבן נאָך קוים געשווידערט אין זייער אויסגעשטרעקטקייט, אַזוי דריבנע און געשווינד, ווי שטאָלענע ספּרונזשינעס. דעם קאָפּ, אָבער, האָט זי שוין מער נישט געקענט רירן. דערפאַר האָט זיך שמענדריק לאַנג געצאַפּלט. — פאַרט געוועזן יינגער! און דאָס בלוט פוןביידע פערדישע העלדזער האָט זיך אַצינד געגאָסן רעגלמעסיק, אין גלייכע רינעס, וואָס פאַלן אַריין אין צוויי רויטע בלאָטקעס. און די בלאָטקעס זענען אַלץ געוואַקסן אין שניי, אויסגעברייט זיך ווי רויטע טינט אויף ווייסן לעש־פּאַפּיר. הפקר האָט אַצינד אויס־גערונען דאָס, וואָס גרויסע באַשעפענישן האָבן אין זיך געזאַמלט און אָפּגעהיט אַזוי פיל יאָרן. הפקר ווי קאַליע־געוואָרענער בוריקעס־ראָסל פון צעבראָכענע פּעסער.

אין מיטלפּונקט פון שמענדריקס נישט־דערלאָפּענעם קרייז איז געשטאַנען יאָקע דער שינדער, אַ שוואַרצינקער, אַ פּאַסקודניאַקער. גלייכ־

מעסיקע ווייסקייט און אַ צעשפּריצטע רויטקייט האָט אים אַרומגערינגלט. און ער האָט קאַלטבלוטיק געקוקט, פון אונטער זיין פאַרפּעצטן קאַזיראָק, אויפן פאַל־אַנידער און אויפן צאַפּלען פון זיין צווייטן קרבן. דאָס האָט ע ר צעבראָכן שמענדריקעס לעצטן קרייז. ע ר... און ס׳אַרט אים גאָרנישט. גאַנץ רואיק האָט ער זיך פאַררוקט דעם מעסער אין שייד, אָפּגעווישט די פאַרבלוטיקטע הענט אין לעדערנעם פאַרטוך, פאַרדרייט אַ גויאישקע „ציהאַרקע״ פון צייטונג־פּאַפּיר און מאַכאָרקע, און פאַר־רויכערט. אַזוי האָט ער זיך רואיק אָפּגעוואַרט ביז דער לעצטער צאַפּל פון די פערדישע פיס וועט אויפהערן. מיט אַ בייזער נייגעריקייט האָט ער נאָך געגעבן אַ קוק־אַראָפּ אויף זיין רעכטן שטיוול און פאַרקוקט זיך. אינעם דאָזיקן שטיוול זיצט אַ פוס מיט אַ צעקאַליעטשעטן פּאַדיאָם. אַ קוק אויפן פוס און אַ קוק אויף די צוויי נבלות דאָ נישט ווייט, פונקט ווי ער וואָלט אַזוי אָפּגעוויגן אַ פאַרבאָרגן נקמה־געדאַנקל: צי האָט ער זיך שוין אַצינד אָפּגערעכנט פאַר זיין פוס, וואָס אַ נישט־דערשאָכטע־נער משא־פערד האָט אים אַמאָל צעמזיקט, צי נישט?...

אַפּנים באַשלאָסן, אַז נאָך נ י ש ט געגוג אָפּגערעכנט זיך. וואָ־רים ער האָט ווידער אַרויסגעצויגן זיין לאַנגן מעסער פון שייד און גענומען דערנענטערן זיך צו די צוויי פערדישע נבלות מיט כיטרע טריטעלעך פון אַ פאַרטאַיעטן שונא. אַרומגעקוקט צי זיי לעבן נאָך, האָט ער זיך פאַוואָליע אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, צווישן די אויסגעשטרעקטע פיס פון כוועדערס קליאַטשע.

אין שניי האָט איר פאַרעלטערטע סיווע פעל אויסגעזען נאָך אָפּגע־לעבטער און געלער, ווי זי איז. באַר יאָקע האָט נאָך אַלץ נישט פאַר־טרויט איר טויטער פאַרגליווערטקייט. זינט דער משא־פערד האָט אים מכבד געווען מיט דער פּאָדקאָווע, פאַרטרויט ער מער נישט קיין שום טויטן פערד אין דער וועלט. האָט ער נאָך כוועדערס קליאַטשע ברוטאַל אַ שטאָך געטאָן אין האַלב־אָפּענעם אויג. זי האָט אַפילו מיט איין האָר נישט אַ קרים־געטאָן. ערשט דאַמאָלסט האָט יאָקע גענומען ציען איין לאַנגן שניט איבערן בויך. דערנאָך איז ער אַרויפגעפּאָרן מיט זיין מעסער איבער דער לענג פון די אויסגעשטרעקטע פיס, פון אינעווייניק, דאָרטן ווו די פעל איז נישט אַזוי שטאַרק. אַזוי אַרויפפאָרנדיק ביז איבער די פאַרהאַרטעוועטע „באַבקעס״ מיט די בערדלעך, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אין די קאָפּיטעס מיט די נייע שלעכט־אָנגעקאָוועטע פּאָדקאָוועס. ער האָט זיי באַטראַכט צי עס לוינט זיך אָנצוהויבן מיט זיי, און באַשלאָסן, אַז

עס לוינט. האָט ער אַראָפּגעלאָזן דעם מעסער, און פון דער טיפער קע־שענע אַרויסגענומען אַ האַמער מיט אַ דלאָטע, און לייכט, ווי אַלטע טינקע פון וואַנט, אַראָפּגעשלאָגן אַלע פּאַדקעוועס פון די צעפּאָרענע קרוכ־לע קאָפּיטעס. איין פּאַדקאָווע נאָך דער צווייטער. אָפּגעשלאָגן. אָנגעלענט זיי אויף איין טונקעלער בערגל, און ווידער אַמאָל גענומען זיך צום מעסער.

אָן די פּאַדקאָוועס האָבן די פערדישע פיס אויסגעזען נאָך עלנטער, נאָך נעבעכדיקער. די ראָזעווע לעכער אין די קאָפּיטעס האָבן דערמאָנט אין די לעכער אין די הענט און פיס פון אַ געקרייציקטן.

5.

יאַקע האָט באַדעכלט איין אויג מיט אַ פּאַרבלוטיקטער דלאָניע און אַ קוק געטאָן ווי האַלט דאָס מיט דער זון. „אוי אוי!" האָט ער פּאָר זיך אַ בורטשע געטאָן, דערזעענדיק, אַז צו ליכט־בענטשן איז נאָך געבליבן בלויז אַ שעה, אַנדערטהאַלבן. „ווו איז ער דאָס, דער ממזר, מיט דעם שליטל?..." האָט ער ווייטער אַ בורטשע־געטאָן און אומגעקוקט זיך צום שליאַך איבער דער אָזערע. קיין סימן איז נאָך נישט געווען צו זען פון צאַלקען — זיין פופצן יאָריקן געהילך — וואָס האָט געדאַרפט קומען אָפּצו־נעמען די רויע פעלן.

יאַקע האָט זיך מיט דאָפּלטן פלייס אַ כאַפּ־געטאָן צו די געשאָכטענע פערד, ווי איינער, וואָס האָט באַשלאָסן צו ענדיקן זיין אַרבעט, מעג עס דונערן און בליצן.

אַצינד אָבער איז שוין די אַרבעט געוועז שווערער. די פערדישע ליט־קעס זענען טויטערהייט שווער געוואָרן, ווי די שנייאיק־בלוטיקע ערד, וואָס האָט זיי צוגעטוליעט צו זיך. די אַלטע פעל פון כוועדערס קליאַטשע האָט זיך אָפּגעטיילט פון די דאַרע ביינער ווי פון פּאַרפּרוירענעם פעך. אַ שווייס האָט יאַקען אַרויסגעזעצט אונטערן קאַזיראַק אויפן שטערן און צעמישט זיך מיט דעם פּאַרשפּריצטן בלוט אויף דער באַק. האָט זיך געדוכט, אַז ער גייט אָפּ מיט בלוטיקן שווייס ביי זיין האַרטער אַרבעט. האָרעוועט ער אַזוי און שילט די טויטע פּאַדלע מיט טויטע קללות:

— אַ ניכפּע זאָל דיך טרעפן, אַלטע שקורע! בלעך נישט קיין פעל, צו אַלדי שוואַרץ יאָר! העט אַ פּאַרשטונקענע קאָפּאָטע! קאָרע פון אַ דעמב איז שוין גרינגער אַראָפּצוציען!

אָט מיט אַזאַ „צדוק הדין" האָט ער אויסגעטאָן פון כוועדערס ברויט־געבעריין איר לעדערנע העמד, וואָס די מאַמע אירע האָט איר אַמאָל געשענקט, ווען זי איז אַרויס פון איר בויך. און גראַטעסק און מאוימדיק האָט אויסגעזען דאָס, וואָס פון אַזאַ אַלטער ווייסער פעל קריכט אַרויס און אַנטבלויזט זיך, אַזוי הפקרדיק און ציניש, אַזאַ רויטער באַרג מיט יוגנטלעך־נאַקעט פלייש. די פרעכקייט פון אַ זונה האָט פון נאַקעטן פלייש אַרויסגעפלאַקערט און דער גרויסער ווייטיק פון אַ קרבן. אָט די דאָזיקע קעגנזאַצן האָבן, אַפּנים, אין דער שטיל געווירקט אויף יאָקע דעם שינדער ער זאָל זיך אַזוי גראָב צעהיצן, אַז זיינע גלייכ־גילטיקע אויגן זאָלן זיך אַזוי צעברענען, אַז זיינע קאַריאַווע און געניטע הענט זאָלן אַזוי ציטערן, און אַז דער קאָרעק פון זיין הויכן שטיוול זאָל, פון צייט צו צייט, זעצן אַזוי הערשאַפטלעך־ברוטאַל אין דער אַנטבלויזטער רויטער מאַסע. נאָר אַ שיכורער בייזער גוי, וואָס טאַר־מאָשעט זיין נאָך מער שכורע „זשינקאַ" אין בלאָטיקן שניי, זי זאָל מיט אים גיין אַהיים — באַנעמט זיך אַזוי...

מוראדיק־אויסטערליש האָט אויסגעזען אויך דאָס, וואָס צוליב אַזאַ דינע האַריק־סיווע הויט שיט מען אַרויס אויפן שניי אַזאַ רויטן באַרג מיט פלייש־געוועבן, מיט קאָמפּליצירטע מוסקולן, מיט קונציק־פאַרצווייגטע אָדערן, מיט מייסטערהאַפט־פאַרוויקלטע געדערים און פעטס און דריזן, אין אַלע טענער פון ראָז און רויט און ברוין און פיאָלעט. מען שיט אויס אַזעלכע אוצרות צוליב דעם ביליקן זאַק; מען וואַרפט אַרויס אַזעלכע סודות פון לעבן צוליב אַ הויט פון אַזאַ גרויס באַשעפעניש. ניין, נאָר אַ מענטש איז מסוגל אויף אַזעלכע קרומע זאַכן.

דערנאָך איז געקומען די ריי פון „שמענדריקען". זיין פעל איז דאָך געווען טונקל־ברוין, האָט דאָס שינדן זי פון רויטן פלייש אַראָפּ, נישט אויסגעזען אַזוי שרעקלעך און אַזוי גראָב, ווי פון דער סיווער קליאַטשע. דערפאַר אָבער האָט זי זיך, מחמת אומרייינער צעפּרעסנקייט, געריסן ביי דער קאַלטונעוואַטער גריווע ביזקל סאַמע רוקן. און יאָקע האָט זיך געזידלט, וואָס ער איז אַזוי אַריינגעפאַלן. געשאָלטן מאיר פענטען, וואָס יענער האָט אים אַזוי „אַריינגעלייגט", און געשלאָגן שמענדריקעס אַנטבלויזט פלייש מיטן קאָרעק דערפאַר, וואָס ער איז אַזאַ שלימזל נאָכן טויט אַזוי ווי ביים לעבן, נאָכן טויט אפשר נ אָך מ ע ר, ווי ביים לעבן.

די זון האָט זיך רויט אַראָפּגעלאָזט צום וואַלד. די סאָראָקעס זענען

געוואָרן חוצפּהדיקער, און אַראָפּגעלאָזט זיך דאָ און דאָרט אויף דעם פּאַרגאָסן בלוט אין שנײ צום אָנהויב — אויף דעם רויטן האַלב־קרײז, וואָס שמענדריק איז נישט דערלאָפן, וועלכער איז צעבראָכן געוואָרן אונטער זײַנע שוואַכע פיס...

יאָקע שינדער האָט זיך נאָך אַלץ געבאָברעט אַרום די מוראַדיקע פלײש־בערג מיט די פאַרסקאַליעטע פערדישע צײן, ווי אַ גרויסער זשוק אין בלוטיקן מיסט געגראַבלט זיך. און ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן שינדן איז שוין צאַלקע, זײַן משרת, לאַנג געווען אָנגעלאָפן מיטן שליטן, איבער דער אָזערע, אָפּצופירן די פעלן. יאָקע האָט זײ שווער צוזאַמענגעלײגט, ווי פּודיקע פײכטע געוועגטער, מיטן אָפּגעשײלטן זײַט אינעווייניק און מיט די האָר דרויסן, אַזוי האָט ער זײ אָנגעלאָדן אין שליטן. די שווערערע פעל פון דער סיווער קליאַטשע — אונטן, און שמענדריקעס לײַכטערע פעל פון אויבן. אויך דאָ האָט זיך דער שאָטן פון בלינדן פערדל געשטיצט אויף דער סיווער באָבען זײַנער, אַזוי ווי מיט אַ שעה צוריק פאַרן טויט...

צאַלקע האָט, ווי אַ יונגער לאָשעק, אַ צי געטאָן די שליטל און איז גיך אַוועק איבער דעם קרומען שליאַך. און אין רויטן סליאַד, נאָכן שליטן, האָט אַוועקגעהונקען יאָקע, ווי אַ פאַרמאַטערטער און אונטער־געשאָסענער וואָלף.

אין דער זעלבער צײַט איז די שבט־זון כמעט אינגאַנצן אונטער־געגאַנגען אין אַ פאַרקילטער רויטקײט. אויך דאָרטן, אין מערב־הימל, האָט אימיצער געקוילעט דעם ווײַסן פערד פון אַן אָפּגעלעבטן טאָג. אַ סיווער וואָלקן האָט זיך דאָרט געוואַלגערט אויסגעצויגענערהײט און זײַן אויפגעריסענער בויך, מיט רויכיקע געדערים, האָט געטריפט מיט בלוט. און נישט ווײַט פון אים איז געלעגן אַ ברוינער וואָלקן, אַ קלע־נערער, אַ טונקעלער. א ו י ך אַ געקוילעטער. אַ מין נעפּלדיקער „שמענדריקע" מיט אַן אויסגעקראָכענעם עק. און בײדנס געדיכטע בלוטן האָבן זיך צעגאָסן אַרום זײ און אויסגעמישט זיך צוזאַמען; טאָקע דאָרטן, ווו דער הימל פאַרקײלעכדיקט זיך צום ווײַטן אַראָפּ־וואַלד...

זאָל דאָס געווען זײַן אַ נאָכקרימעניש אויף דעם, וואָס איז אָקאָרשט געשען אויף דער ערד? צי די גײַסטער פון די צוויי אומגעקומענע פערד האָבן אַהין אַוועקגעשוועבט, כדי צוצוטוליען זיך צום כסא־הכבוד, בעטן רחמים?... ווער ווײסט? האָבן דען בכלל פערד אַ נשמה? און ווי קומען די פאַרהויכטע אָטעמס פון פאַדלע־פערד צו אַזעלכע דערהויבענע זאַכן?

אַ פאַרשטערטער שבת־שירה

1.

ביי חיים־יוסף „טרעטי־בייק״, אין שענק, האָט מען שוין גענומען אויפרוימען אין שטוב לכבוד שבת. מ׳האָט אויסגעקערט דאָס אָנגע־טראָגענע מיסט, אַריינגעבראַכט עטלעכע פרישע קייקלעך ליים אויף אַ נייער זאַסלאַנקע און אַריינגעשטעקט אין זיי חלבנע ליכטלעך צום ליכט־בענטשן, מ׳האָט אַרויסגעטריבן אַלע גויים און אָנגעזאָגט זיי, אַז ביז מאָרגן ביינאַכט, נאָך אָנצינדן פייער, זאָלן זיי זיך גאָר נישט דער־ווענן אַריינשמעקן אַהערצו. וואָרים ס׳איז שבת. אָבער איין גוי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. כוועדער דער וואַסער־טרעגער איז דאָס געווען. ער איז נאָך געזעסן אין קאָך־שטוב ביי אַ נישט־דערטרונקענעם שטאָף בראָנפן. צווישן די קני אַ קאַראַמיסל, מיט וועלכער ער האָט אָקאָרשט געשלאָגן פּאַלאַהייקען, זיין געזעצלעך ווייב, וועלכע האָט זיך אים אַקעגנגעשטעלט און נישט געוואָלט דערלאָזן — ער זאָל אויסברענ־גען אַזוי פיל געלט; אָט דאָס בלוטיק געלט, וואָס ער האָט אָפּגענומען פאַר זיין הינקענדיקער קליאַטשע.

כוועדער האָט אַריינגעגאָסן איין קעלישאָק נאָכן צווייטן. נאָך יעדן קעלישאָק געבויטשעט מיט אַ שווערן קאָפּ, ווי נאָך איינגענומענעם ביטערן סם, און אגב אויסגעגאָסן דאָס האַרץ פאַרן טיש, פאַר דער שענקערקע, פאַר דער קאַץ, להבדיל, און פאַר דער הון, וואָס שפּאַצירט אַדורך זוכן אַ האָבערל... אַלס אַ היימישן גוי, צו וועלכן די באַלעבאַסטע מוז אָפּט מאָל אָנקומען נאָך אַן איבעריקע פאַר עמערס וואַסער, און אַלס איינעם, וואָס איז היינט נתעשר געוואָרן און געגעבן צו לייזן אַן אפּותיקי, וואָס ער באַקומט פון צען יידישע הייזער פאַר אַ חודש וואַסער־טראָגן, האָט מען אים אַ ביסל געשאַנעוועט און געלאָזן זיצן ביז ליכט־בענטשן.

— נאַר וויסן זאָלסטו זיין, כוועדער! — אַזוי האָט אים חיים־יוסף „טרעטי־בייק" שוין אַ פּאָר מאָל מתרה געווען, — „יאַק זשינקאַ זאַמאַליע סוויעצע..." עס הייסט, ווי נאָר דאָס ווייב וועט בענטשן ליכט, אַזוי זאָלסטו זיך גלייך אָפּטראָגן... שבת!

— זאָל זי נאָר קומען, די „סטערווע", — אַזוי ענטפערט אים אָפּ כוועדער מיט אַ בויטש פון קאָפּ און קלאַפּט צו, סטראַשענדיק, מיטן קאָראַמיסעל — זאָל זי נאָר קומען, אין איר מאַמען אַריין, אַזוי וועל איך איר די קליאַפּקעס דורכברעכן און דאָס גאַנצע וואַסער פון איר אַרויסלאָזן.

חיים־יוסף און כוועדער האָבן אַזוי בשום אופן נישט געקענט מושווה ווערן. וואָרים יעדער האָט גאָר געזעדט פון זיין אייגענער ווייב. חיים־יוסף פון ז י י ן אשת־חיל און כוועדער פון פּאַלאַהייקען. מיט דעם איינעם אונטערשיד, וואָס כוועדער האָט זיך זיין פּלוניתטע פאַרגעשטעלט אין געשטאַלט פון אַ פולער פאַס וואַסער...

דאָס גאַנצע עשירות, וואָס איז אַריינגעפאַלן צו כוועדערן אין די הענט, איז בסך־הכל געווען דריי מיט אַ האַלבן רובל. ער האָט דאָס אָפּגענומען פאַר זיין סיוועיר קליאַטשע און איבערגעגעבן זי יאַקען צום שינדן. אַ האַלבן פאַדלע־פערד האָט שוין כוועדער באַלד פאַרטרונקען און פאַרביסן מיט „באַראַנקעס", מיט אַ פּאָר קייקלעך געבאַקטע פיש און מיט זויערע אוגערקעס. אָבער נישט קוקנדיק אויף אַזעלכע קייזערלעכע פאַרבייסעכצן, האָט ער דעם שטאָף בראָנפן שלעכט פאַרדייעט. ס׳איז אים געווען קאַלעמוטנע אויפן האַרצן, ווי ביי אַ מענטשן, וואָס האָט אַריינגעכאַפּט אין דער פינצטער אַ טרונק קעראָסין אַנשטאָט משקה, און פאַרביסן מיט זייף אַנשטאָט הערינג.

די שענקערקע האָט זיך געדרייט אין קיך ביי די ערב־שבתדיקע טעפּלעך. און כוועדער האָט זיך אַלץ געטשעפּעט צו איר, שיער נישט אַנגעכאַפּט זי ביים פאַרטוך. ער האָט דאָס געטאָן ווי אַ מענטש, וואָס טרינקט זיך און ראַטעוועט זיך פאַר אַ שטרויעלע:

— סלוש — כאַזאַיקאַ! אַ? כאַזאַיקאַ! אָט זאָג מיר דו צי כ׳בין אַ „פאַדליעץ" צי נישט? אָפּגעדינט האָט מיר אַ קליאַטשע אַזויפיל יאָרן... און אַצינד, בשעת איך זיץ דאָ און טרינק סיוווכע און פאַרבייס מיט זשידאָווסקע פיש, שיילט מען פון איר די אַלטע שקורע אירע, אויף יענער זייט אַזערע... גיי אַרויס, וועסטו זען. מיר טוט וויי דאָס האַרץ און סאָראָקעס פרייען זיך...

— וואַרף אים שוין אַרויס פון שטוב! — שרייט די שענקערקע צום מאַן — כ׳וועל היינט מיט פאַררוקן טשאָלנט נישט פאַרטיק ווערן...

לויפט צו חיים־יוסף צו זיין פאַרזעסענעם קונד. אין זיין וואַטאָוועז שוואַרצן לייבל, איבערן „ארבע כנפות״, און אין דער יאַרמאָלקע אויפן שפּיץ בייקענעם קאָפּ, זעט ער אויס כוועדערן משונהדיק און שטאַרק. און דאָ שרייט ער נאָך אויף אים, דער שענקער:

— וואָס ווילסטו דאָ, וואָס? דערטרינק דיין בראָנפן און גיי!

אָבער שרייענדיק אַזוי, דערזעט חיים־יוסף דעם גרינלעכן נישט־דערטרונקענעם שטאָף. אַזויפיל לייזעכץ אויף איין מאָל!... ווערט ער אַ ביסל ווייכער צו כוועדערן און רעדט אים צו מיט אַ פריינדלעכן טאָן:

— נו, אידי, אידי, כוועדער! אידי, זשינקאָ טאָביע הוקאַיטש!... (נו, גיי, גיי, כוועדער! גיי, דאָס ווייבל דיינס רופט דיך!).

— אָט נאָך אַ שעהלע, גוטער מענטש! — אַזוי בעט זיך כוועדער מיט אַ וויינענדיקן קול, — נאָך אַ ווײַלעצקע. דו ביסט דאָך אַ קלוגער מענטש. אַלע יידן זענען קלוגע מענטשן... טו זאָג־זשע מיר דו, בין איך דען נישט אַ „סוואָלאָטש״? בין איך נישט אַ הינטישער זון? שוין באַלד אַ האַלבע קליאַטשע פאַרטרונקען. געקוילעט און פאַרטרונקען...

חיים־יוסף דער שענקער איז נישט געוווינט מען זאָל אים מאַכן אַזעלכע קאָמפּלימענטן. פאַרקערט. אַלע רופן אים „בייק״. פון זיין יידענע איז שוין אָפּגערעדט. זיין צונעמעניש „טרעטי־בייק״ איז אים איבער־געגאַנגען בירושה, ווי אַ גראַפּלעכער טיטל, פונעם זיידן, נאָך וועמען ער איז אַ נאָמען. יענער, זכרונו לברכה, האָט שוין געהאַט דאָס צונע־מעניש „בייק״, זיין טאַטע האָט שוין געהייסן „וטאָרע בייק״ און ער, חיים־יוסף — „טרעטי־בייק״. דערפאַר צעגיסן זיך איבער אים כוועדערס שיכורע ווערטער, אַז בטבע איז ער אַ קלוגער מענטש, ווי אַ גוטער בוימל. און אָנשטאָט אָננעמען כוועדערן פאַרן קאָלנער און אַרויסוואַרפן אים, אַזוי ווי דאָס ווייב הייסט, שטעלט ער זיך גאָר אַוועק איבער כווע־דערן און טרייסט אים:

— וואָס סמאַרקעסטו זיך? וואָס ווילסטו פון דיין לאָמער קליאַטשע? אַ סקאָטינע איז אַ סקאָטינע. אָפּגעדינט — שינדט מען זי אָפּ און אַ סוף.

— ניין, — מאַכט כוועדער און דרייט שווער מיטן קאָפּ און שנייצט זיך אויס אין פאָלע פון זיין קאָזשוך. — וואָס ווייסטו, גוטער מענטש! זי האָט דאָך אויף מיר געקוקט מיט מענטשישע אויגן. ווען מ׳האָט זי

אַוועקגעפּירט — אומגעקוקט זיך אַזוי... אַליין איז זי אַ ווייסע, אַ סיוויג־קע, און אויגן האָט זי טונקעלע, שוואַרצינקע: „האָב רחמנות!״ האָט זי זיך געבעטן. אָבער ווי קום איך, אַ „פּאַדליעץ״ אַזאַ, צו רחמנות?... אָט אַ האַלבע קליאַטשע באַלד... אָט אַ... גוטער מענטש!... וואָט טר־טאָשקי (אָט דאָ), אין שטאָף!...

— נו, — ווערט שוין חיים־יוסף אומגעדולדיק — דריי מיר נישט מיין יאַרמאַלקע און גיי!... גיי, גיי! פֿאַלאַהייקע וואַרט אויף דיר אינדרויסן. גיי, גיי, כוועדער!

— גיב נאָר אַ קוק!... — קוויטשעט אויף די שענקערקע ביים אויוון, — ווי ער טענהט זיך דאָס אויס מיטן ערל! געפּונען אַ צייט, האָט ער...

— ניע סערטשיטע! — ווישט זיך כוועדער די נאָז מיט דער פּאָלע — בייזערט זיך נישט, גוטע מענטשן, טרייבט מיך נישט. אַזאַ פּאַדליעץ ווי איך בין!... אָט וועט מען ביי אייך באַלד אָנצינדן ליכטעלעך שבת־דיקע. דער „כאַזאַין״ וועט גאָט בעטן און איך וועל מיר זיצן. וווהין וועל איך גיין, גוטע מענטשן? אין כאָטע ביי מיר איז פינצטער. אין שטעלעכל פינצטער. נישטאָ מיין ווייסע קליאַטשע. ווי דער טאָג האָט מיר דאָרטן געלויכטן איר סיווע פּעל...

.2

דאָס מאָל ווערט שוין חיים־יוסף גאָר־גאָר אין כעס און גיט זיך, כלומרשט, אַ וואָרף אויף כוועדערן, ווי ער וואָלט אים געוואָלט דורס־זיין:

— אַרויס צו אַל־די קאַדיק! דו שלאַק, דו אָנשיקעניש!

און די שענקערקע ווישט זיך די הענט אין פאַרטוך און העלפט צו:

— אַרויס, דו שיכור, דו! אַרויס!

— ניע טראַש! (טשעפּע נישט), ווערט מיטאַמאָל כוועדער ניכטע־רער, שטעלט זיך אויף מיט זיין גאַנצן האַמעטנעם גוף און שאָקלט זיך אויף זיינע לאַפּטיעס. — ניע טראַש, זאָג איך! טשעפּעט נישט אַזאַ זינדיקן מענטשן, ווי איך בין, אַזאַ פּאַדליעץ, אַזאַ —

כוועדערס באַוואַקסענער פּנים קריגט דערביי אַזאַ ווילדן אויסדרוק, אַז חיים־יוסף דער גבור און זיין ווייב די אשת־חיל דערשרעקן זיך, טרעטן אָפּ און קוקן זיך איבער. הען אַ מעשה! אינעם שטענדיק אונ־

טערטעניקן וואַסער־טרעגער האָט זיך אויפגעכאַפּט דער אמתער גוי, דער פרייער „גבעוני״, אײדער יהושע האָט אים פאַרשאָלטן... *)

אָבער כוועדער געברויכט נישט זיין גויאישקן כוח. ער זיצט שוין ווייטער אויפן פאַרעווען בענקל, צווישן מילכיקן סודניק און פליישיקן טישל, די קוטשמע האָר האָט ער פאַרצווייפלט אַריינגעוואָרפן אין די דלאָניעס, און כליפּעט מיט גאָר אַ נייער פרישקייט. גראָד אַצינד האָט ער געפונען די ריכטיקע צייט אויסגיסן דאָס האַרץ בזו הלשון:

— אָט באַלד וועלן די זשידעס אַנצינדן ליכטלעך און עסן אַ היי־נערשע יאַיכל. און איך אַ פּאַדליעץ אַ פּינצטערער... פאַרפאַלן בין איך! שטיקער רייסט מען פון איר דאַרטן, אויפן שנײ, ווי קרויט שיילט מען זי, און איך זיץ מיר דאָ און צי סיוווכע... א י ר ב ל ו ט ט ר י נ ק א י ך! — אַזוי צעיאָמערט זיך פלוצלונג כוועדער, ווי אַ מענטש וואָס האָט אַנגעטאַפּט דעם ריכטיקן וואָרט. א י ר ב ל ו ט!

און איידער דער שענקער און די שענקערקע קומען צו זיך, פון אַזאַ פלוצלעכן אויפשרייען, ערשט כוועדער האָט שוין אַ כאַפּ געטאָן די פיר־עקיקע, נישט־דערטרונקענע פלאַש פון טיש און גיט זי אַ שליידער מיטן גאַנצן פויערישן כוח צום שוועל צו, אַזוי, אַז שטיקער און שטיק־לעך גלאָז צעשפּרינגען אויף אַלע זייטן, אין דער אויפגעראַמטער קיך; און אַ נאַסע פליאַמע, פונעם רעשט בראָנפן, צעפלייצט זיך איבערן ערב־שבתדיק אויסגעשאַטענעם זאַמד, ווי אויף לעש־פּאַפּיר.

הויבט דאָך חיים־יוסף אָן צו שרייען און חיים־יוספיכע צו קוויטשען. כאַפּט אָבער כוועדער אַרויס זיין קאַראַמיסעל פון צווישן די קני און צעפאָכעט זיך מיט אים:

— סטאַי, זשידי! (שטייט אָקאָרשט יידן!) וואָרים כ׳וועל אייך דאָ באַלד ממיתן, ווי כ׳האָב געממיתט מיין געזעצלעך ווייב...

עס איז אין שענק געוואָרן אַ געוואַלד, אַז הימל עפן זיך. אויף די קולות זענען אַנגעלאָפן שוסטאַרעס, וואָס האָבן זיך אָקאָרשט געלאָזן גיין אין באָד, כדי אַריינצוכאַפּן אַ פאַרע פאַר קבלת־שבת. מיט פאַר־אייניקטע כוחות האָט מען כוועדערן אַרויסגעשלעפּט אויף דער גאַס,

---

*) יהושע, וועלכער האָט איינגענומען ארץ ישראל נאָך משהס טויט, האָט די „גבעונים״ פאַרשאָלטן, זיי זאָלן אייביק זיין ביים פאָלק ישראל האָלץ־העקער און וואַסער־טרעגער.

און פאַר איינע הוצאות אַריינגעלייגט אים אַ ביסל „טרוקענע" אין קאַלנער.

— קאַראַ־אול! — האָט כוועדער געשריען איבער דער גאַנצער גאַס.

מ׳האָט אים צוגעשלעפּט צו זיין געפּרווירן פעסל אויף דער מיטן גאַס. אויפן שליטן, ביים פעסל מיט די צוויי איבערגעקערטע עמער, איז געזעסן פאַלאַהייקע און באַוויינט דעם פינצטערן מזל אירן ביי כוועדערן. און דאָס וואָס איר געזעצלעכער מאַן פאַרטרינקט די פאַר רובל, וואָס מ׳האָט אָפּגעלייזט פאַר דער לאָמער קליאַטשע, און מ׳וועט נישט קענען איינהאַנדלען עפּעס אַן אַנדער פאַדלע... מ׳האָט כוועדערן מיט גרויס כבוד אויסגעשפּרייט לעבן זיין פעסל און אַוועקגעלייגט לעבן אים זיין קאַראַמיסעל.

דערזען איר געטרייען מאַן אין אַזוי פיל יידישע הענט, האָט פאַ־לאַהייקע געקראָגן מוט און קודם־כל צוגעכאַפּט דעם קאַראַמיסעל און פאַררוקט אים אין שליטן אונטערן פעסל, כדי כוועדער זאָל זיך מיטן אויסגעבויגענעם דראָנג מיט די צוויי אויערלעך ווייטער נישט נעמען שלאָגן... באַוואָרנט זיך אַזוי — האָט זי זיך געשטעלט אויף די קני, לעבן איר געזעצלעכן מאַן און, איינרעדנדיק אים ער זאָל זיין אַ מענטש און האַליובענדיק אים אויפן גויאישקן שטייגער, האָט זי פאַוואָליע אַרומ־געטאַפּט אים אַלע זיינע קעשענעס, צי פון דעם געלט איז נאָך עפּעס געבליבן, צי נישט. אָבער כוועדער האָט געקעמפּט ווי אַ לייב און נישט צוגעלאָזן צו זיך קיינע שום ווייבערישע לאַפּקעס.

— קאַראַ־אול! — האָט ער מאַוימדיק געשריען — אוביוואַיוט! עס הייסט: מ׳זאָל אים ראַטעווען וואָרים מ׳הרגעט, מען ממיתט אים...

דאָס געלעכטער, אינעם צוזאַמענגעלאָפענעם רעדל יידן, איז אָבער געוועזן אַזוי שטאַרק, אַז כוועדער האָט זיך אַ ביסל אויסגעטשוכעט, אַוועקגעזעצט זיך, אַרומגעקוקט זיך. און קודם־כל אַראָפּגעלאָזט פאַ־לאַהייקען אַ פּראַסק אין באַק אַריין, אַז יענע איז גלייך אַנידערגעפאַלן לעבן פעסל מיט די איבערגעקערטע עמערס. ערשט דערנאָך האָט כווע־דער גענומען סטראַשען:

— די לייכטער אייערע, די זשידאָווסקע, וועל איך מער נישט אַראָפּנעמען, ניין! און פאַסכע וועל איך דעם חמץ אייערן דעם „פּאַהאַנעם" נישט אָפּקויפן, אָט וואָס!...

— עי, וועסט בעסער ווערן! — האָט דאָס רעדל ערב־שבתדיקע יידן געלאַכט אַרום אים.

גראָד דאָ איז אַ שליטל צוגעפאָרן צום רעדל. דאָס איז געווען צאַלקע, יאָקע דעם שינדערס משרתל איז אַנגעלאָפן און האָט זיך אַריינ־געשטופט אַ קוק־טאָן. אויפן שליטל זענען געווען אָנגעלאָדן צוויי פריש־געשונדענע פעלן. אונטן — אַ ווייסע, אויבן — אַ ברוינע. דערזען די בלוטיקע פעלן, האָט כוועדער ווילד גענומען דרייען מיט די אויגן, און גאָר פלוצלונג האָט ער זיך ווידער צעוואָיעט איבער דער גאַנצער גאַס:

— קאַראַ־אול! רעזוטש! אוביוואַ־איוטש!

אַ בחברותא געלעכטער האָט אים געענטפערט אויף זיינע געשרייען. קיינער פון רעדל אַרום האָט אָבער נישט חושד געווען, אַז כוועדער וויל דאָ בלויז פאַרשרייען זיין מוראדיקן, גויאישקן אומעט, וואָס גריזשעט אים אין האַרצן. אַן אומעט, וואָס האָט נישט קיין נאָמען און האָט נישט קיין טרייסט.

3.

ביי מאיר־פענטען אין שטוב איז אויך פאָרגעקומען אַ גרויסע קריי־געריי, מיט זיין יידענע, איבער די דריי רובל מיט פערציק קאָפּיקעס, וועלכע ער האָט אָפּגענומען פאַר „שמענדריקעס" פעל. נאָר גאָר אויף אַן אַנדער אופן ווי ביי כוועדערן מיט פאַלאַהייקען, להבדיל.

אָנגעהויבן האָט זיך די קריגעריי איבער דעם, ווער פון זיי זאָל דאָס געלט באַהאַלטן ביי זיך. טריינע, מאירס יידענע האָט געטענהט, אַז ביי איר איז זיכערער. ער, פענטע, איז דאָך אַ ליימענער גולם, און זי איז אַ סוחרטע. זי האַנדלט מיט ציגענע מילך, האַנדלט זי. יאָ. אויסער דעם, אַז מ'וועט דאַרפן קריגן נאָך עטליכע רובל אין חברה־גמילות־חסדים, כדי צו איינהאַנדלען עפּעס אַ נייע פגירה אַ פערד, איז ווער וועט מוזן לויפן צום גבאי דריי מאָל אַ טאָג, ביז זי וועט דעם גמילות־חסד אַרויסמאַנטשען? זי! אַלץ זי. זאָל ער נאָר, אַזאַ גולם, נישט מורא האָבן! אַז מ'וועט האַלטן ביי קויפן אַ פערד, וועט זי אים אָפּגעבן דאָס גאַנצע געלט צוריק...

אָבער פענטע האָט פאָרט געהאַט פחד, די יידענע זיינע זאָל נישט אויסגעבן פונעם געלט אויף אירע צוויי ציגן, וואָס זי קאָרמעט און מעלקט אין שטאַלכל. וואָרים, זינט די ציגן האָבן זיך אָפּגעציגלט מוטשעט זי

אים די יידענע: „סעטשקע און סעטשקע" און נאָכאַמאָל: „סעטשקע"! ס'רעדט זיך נאָר אַזוי: סעטשקע. זי מאָנט סעטשקע און מיינען מיינט זי קלאַיען. ער קען זי גוט זיין אשת־חיל...

האָט מען זיך אַזוי אַרומגעאַמפּערט, ביז טריינע האָט זיך צעקווי־טשעט און געגומען שפּרינגען איר מאַן אין די אויגן אַריין. ער שטייט ווי אַ סלופּ און זי דראַפּעט זיך אויף אים. שטופּט ער זי אָפּ, כאַפּט זי גאָר אַ ליימענע פּאָקרישקע פון אַ טעפּל און וואַרפט אים אין קאָפּ אַריין... נו, וועט עפּעס אַזאַ גבר ווי פּענטע גיין שלאָגן זיך מיט אַזאַ דאַרער קאַץ ווי טריינע זיין ווייב? האָט ער זיך מישב געווען, אַ קראַץ געטאָן זיך אין דער פּאַטילניצע און אָנגעוועגדט זיין אַלטן מיטל, דהיינו: ער האָט זי פּאַרטריבן, זיין יידענע, אין ווינקל, ווי מען פּאַרטרייבט אַ קוואָקעכע וואָס ברעכט כלים, און אַ כאַפּ־געטאָן זי אַ צאַפּלדיקע און אַ קוואָקצענדיקע און... געפּענטעט. יאָ, געפּענטעט זי מיטן זעלבן שטריק, וואָס ער פלעגט געברויכן צו „שמענדריקען" אויף דער נאַכט־פּאַשע, און אַ געפּענטעטע אַריינגעוואָרפן זי אין בעט אַריין, כדי זי זאָל זיך אַ ביסל אויסליגן און באַרואיקן זיך. נישט אומזיסט רופט מען דאָך אים „פּענטע" אין גאַנץ שקלאָוו. זאָלן זיי דאָרטן זאָגן וואָס זיי ווילן! ס'איז אָן אויסגעפּרוווטער מיטל. קיין בעסערן מיטל צו אַ צעבונטע־וועטער יידענע קען ער נישט.

אַריינגעוואָרפן זי אין די בעבעכעס, האָט ער איר אָפּגעזאָגט זיין אַלטע מימרא, זיין איינציקן שטיקל מוסר, וואָס ער רעדט אין איר אַריין אַלעמאָל, נאָך אַזאַ פאַל. מיט זיין ליימענעם לשון אַריינגערעדט און מיט זיינע האַלב־פּאַרזשליאָקעטע און ברומענדיקע ווערטער:

— נו, נו!! לי—אַ—דו—לי, או—קרי—מי—ביט—אינעזיק!

ס'הייסט: נו, נו, ליג, אַז דו ליגסט! און קריך מיר נישט אין היזק!

האָט זיך דאָך טריינע די געפּענטעטע צעוואָיעט און געמאַכט אויף די גאַנצע שטוב, די קינדער איבערגעשראָקן אין די ווינקעלעך און די ציגן, להבדיל, אין שטעלעכל. קינד און ציג האָט זיך צומעקעט: „מאַ־מע! מע־ע!..." אָבער פּענטע אַליין האָט זיך גאָר ווייניק געמאַכט פונעם גאַנצן האַרמידער. פון אונטער זיינע ליימיק־רויטע און ווייטיקדיקע אויגן־לעפּלעך האָט ער קאַלט באַטראַכט זיין געפּענטעטע יידענע אין בעט און, געלאַסן, אַרויפגעצויגן אויף זיך זיין צעפּליקטע שבתדיקע קאַפּאָטע. די טונקעלע שבתדיקע קאַפּאָטע איבער דער ברוינער, וואָכעדיקער און לענגערער... וואָרים פון דער שבתדיקער, וואָס ער האָט אַמאָל באַקומען

צו דער חופה, איז ער שוין לאַנג אַרויסגעוואַקסן. אויסגעפּוצט אַזוי לכבוד שבת, האָט ער געגומען באַרואיקן זיין געפּענטעטע יידענע:

— האַלדווע ניש! כעל—קו—צו—ווטשע—על אי—די—אָפּ—ענטע!

ס׳הייסט: געוואַלדעווע נישט! כ׳וועל קומען צו וועטשערע וועל איך דיך אָפּפּענטען!

דערביי האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין שטוב און אַלץ געזוכט אַ באַהעלטערל, ווו צו פאַרשטעקן דאָס ביסל מזומנים.

אָבער טריינע האָט אים, קוויטשנדיק, געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַזוי לאַנג קען זי נישט ליגן געפּענטעט:

— גולם! ליכט־בענטשן!... מכות וועסטו עסן, נישט וועטשערע!

פּענטע האָט זיך פאַרטראַכט: אַ יידענע מוז בענטשן ליכט. דאָס איז קלאָר ווי דער טאָג. הייגט וואָס זאָל ער דאָ טאָן? לאָזן זי אַ געפּענטעטע און אַוועקגיין, צי אָפּפּענטען זי און בלייבן דאָ היטן דאָס געלט?

אָבער גאָר פּלוצלונג האָט אים אין ליימענעם קאָפּ עפּעס אויפגע־לויכטן שאַ! אַז זי וועט אָפּבענטשן ליכט וועט זי זיך סיי־וויסיי נישט טאָרן צורירן צום געלט. הייגט וואָס איז דאָ וואָס מורא צו האָבן? ביז מאָרגן, נאָך אָנצינדן פייער, האָט ער נישט וואָס מורא צו האָבן.

איז ער צוגעגאַנגען גאַנץ געלאַסן צום בעט און אָפּגעפּענטעט זיין יידענע. זי האָט זיך שוין, אגב, אַ ביסל באַרואיקט. ער האָט רואיק אויסגעהערט אירע לעצטע קללות און נישט אָפּגעטראָטן פון אָרט ביז טריינע, זיין ווייב, האָט אָפּגעבענטשט ליכט אין די צינענע לייכטער, וואָס ער האָט אַמאָל באַקומען דרשה־געשאַנק, כאָטש געדרשנט צו דער חתונה האָט ער נישט בעסער ווי הייגט. אָבער ווי נאָר טריינע האָט אָפּגעבענטשט און אָפּגעדעקט איר שבתדיקן פּנים, האָט פּענטע גלייך געגעבן אַ רוק־אַריין די דריי רובל מיט פּערציק קאָפּיקעס אונטער איין צינענעם לייכטער און אַ לאַך־געטאָן, מיט זיין גולמדיקן שמייכל, אין טריינעס באַלויכטענעם פּנים:

— או—איצטע—טרייע—גע—קוי—עטשקע!

ס׳הייסט: און איצטער, טריינע, גיי און קויף פּעטשקע!

שמייכלענדיק האַמעטנע, מיט אַ פאַרדרייטן מויל, איבער זיין גאָר־נישן איינפאַל, האָט ער אויף זיך אָנגעוואָרפן זיין באַלעגאָלישע דעליע און אַוועק צו קבלת־שבת. יאָ, אָט ווי מען באַהאַלט געלט, אַז מ׳האָט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס!...

דערגענטערנדיק זיך צום ליובאַוויטשער בית־מדרש האָט פּענטע,

אויף יענער זייט אָזערע, דערזעען צוויי בערגלעך מיט רויט־געשונדענע פליישן — אַלץ וואָס איז איבערגעבליבן פון זיין שמענדריקען און פון כוועדערס קליאַטשע. אַ האַלב־קרייז פון צעשפּריצט בלוט איז געווען צעפּעכערט אַרום זיי, און משוגע־געוואָרענע סאָראָקעס האָבן זיך געדרייט אין דעם דאָזיקן נ י ש ט ־ פּ אַ ר ע נ ד י ק ט ן קרייז, אין דער שבתדיקער האַלב־טונקלקייט. ליכטעלעך שיינענדיקע אין בית־מדרש און פינצטערע וואָכעדיקע סאָראָקעס איבער דער הפקרדיקער יאַטקע...

— אוי, אַ כאָלער —! — האָט זיך מאיר פּענטע פּאַרקוקט מיט אַן אויפגעעפנטן מויל.

שווער געווען צו וויסן, וואָס ער מיינט מיט זיין פּאַרטראַכטער קללה: צי ווונדערט ער זיך דאָס, אַזאַ גולם, אויף דעם סוף פון אַלע לעבעדיקע? אָדער איז דאָס בלויז אַ מאיר־פּענטעדיקער „צדוק־הדין״, אויף שמענדרי־קעס מזל ביים לעבן און נאָך זיין ביטערן טויט?...

.4

שבת־שירה גאַנץ פרי האָבן זיך יידן אויפגעכאַפּט פון שלאָף ביי אַ גרויס געשריי פון סאָראָקעס.

יידן, וואָס וווינען ביים ברעג אָזערע, זענען געווינט צום געשריי פון פויגלעך, ווען יענע קלייבן זיך צוזאַמען אין די טראָסטינעס און שרייען אַלע צוזאַמען אויף זייערע פויגלשע לשונות. דאָס ווערט אָנגע־רופן: „אַ פויגלשע חתונה״. נאָר עפּעס אַזאַ „חתונה״ ווי ד אָ ס מ אָ ל האָבן זיי נאָך קיינמאָל נישט געהערט. לויטן געשריי זענען דאָס געווען אַצינד צען פויגלשע חתונות צוזאַמען.

קראַצן יידן אָפּ דעם אייז פון די אָנגעפרוירענע פענצטערלעך און קוקן אַרויס. דערזעען זיי, אַז די פּאַרשנייטע לאָנקע אויף יענער זייט אָזערע, הינטער די אויסגעטריקנטע טראָסטינעס, איז עפּעס פּאַרגאָסן מיט אַ גרויסער בלאָטע פון שוואַרץ־־בלויען טינט. און די דאָזיקע שוואַרצקייט לעבט, באַוועגט זיך ווי אַ היישעריק און קלינגט דערביי מיט טויזנטער זשעדנע קולות. און ווו זענען דאָס עפּעס די געשונדענע פערד פון נעכטן?... די געשונדענע זענען מער נישט געווען צו זען. מיט אַן אַטלעסנעם באַדעק פון שוואַרצע פליגלען זענען זיי אַצינד געווען איינגעהילט.

אַזאַ שוואַרצן טריאַטער, אינמיטן ווייסן שניי, זעט מען נישט אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק. דערצו נאָך איז היינט שבת אויף דער וועלט.

— ✡ —

האָבן זיך ווייסע חברהניקעס און שוסטער־יונגען געפעדערט, אַרויפ־געכאַפּט אויף זיך וואָס גאָט האָט געגעבן, און אַוועקגעלאָזן זיך, נאָך פאַר שחרית־דאַווענען, איבערן קרומען שליאַך פון דער געפרוירענער אַזערע, כדי אָנצוקוקן דעם בייז־ווונדער פון דער נאָענט.

האָבן זיי דערזען אַ גרויסע טרפהנע סעודה פון כל־ערליי שוואַרצע און גרויע פויגלען, קליינע און גרויסע. דורכן שיטערן פאַרהאַנג פון די אויסגעדאַרטע טראַסטינעס האָבן זיי דאָס שוין דערזען.

אויף דער מיטן לאָנקע האָבן זיך מיושבדיק געשטופּט די גרויסע וואָראָנעס, מיט די פלאַכע פאַרברעכערישע קעפּ און מיט די גרויע שי־נעלן פון אַרעסטאַנטן, אָנגעטאָן איבער די שוואַרצע אַרבל־פליגלען און איבערן שוואַרצן קאָפּ־מיצל. און סאָראָקעס האָבן זיך דאַרטן געטומלט, שוואַרצע ווי קויל און מיט לאַנגע שפּיציקע שנאָבלען, ווי די דלאָטעס פון איינברעכער. מיט די דאַזיקע שוואַרצע דלאָטעס האָבן זיי טאַקע געהאַלטן אין איין איינברעכן זיך צווישן די ריפּן פון די געשונדענע פערד. און קליינע האַלקעס זענען דאָ געווען, מיט קיילעכדיקע קעפּ פון געטאָקטע שטעקנס. מיט הולטאַיסקע אָפענע פּיסקעס, פּונץ־רויטע. ווי אויסגעשמירט מיט פרישׁ בלוט, פליען אָן די האַלקעס איינע אויף דער צווייטער, און, מיט אויסגעבויגענע העלדזער, ווי די שלאַנגען ביים בייסן, אַזוי קריכן זיי קאָפּ אויף קאָפּ, איבער די נבלות, און הייזעריק שילטן זיי זיך „קכ־כ־כ־אַ! פּאַסקודניצע, אָט־אָ פּיק איך דיך, אָט־אָ שלינג איך דיך! קכאַ־אַ! סכנות־נפשות וואָס איך קען אָפּטאָן אַז איך בין הונגעריק...”

אָבער אָנשטאָט דעם נעמען זיי זיך גאָר פּיקן דאָס פלייש מיט אַ זשעדנעקייט פון שנאָרער, אומקוקנדיק זיך אַלע ווײַלע אויף זייערע חברים פון איין מין. מיט זייער פלינקייט און חוצפּה און מיט זייער מאָסע שטויסן זיי אַרויס די געלאָסענע און שטאַרקערע ראָבן, די על־טערע און געניטערע רויבער און פרעסער.

אַ בראָנז־ברוינער שפּאַרבער מיט אַ שאַרפן שנאָבל, וועלכער איז דורך די ווינטערדיקע קעלטן געוואָרן אַ גרויסער יורד, איז אויך אַראָפּ פון זיינע הויכן, פון זיינע רויבערישע הימל־טורעמס. אַראָפּ אויף דער

ערד איז ער, צו טיילן דעם ביסן מיט דער באַנדע שוואַרצע גנבים און מיט די גרוי־געלאַטעטע בעטלער, מיטן גאַנצן אָנגעלויף פון האַלקעס און אַנדערע פויגלשע אויסוואורפן. ער היבקט, דער שפּאַרבער, אונטער דער לאַסט פון זיינע גרויסע פליגלען. און ווו נאָר ער טוט אַ גראַבל מיט זיינע קרומע רויבערישע נעגל פון אַ הויפּטלינג, דאָרטן מאַכט אים די גאַנצע שוואַרצע חברה אַ וואַרע. שרייען און ליאַרמען, דאַכט זיך, ווי באַגזלטע גנבימלעך, און מאַכן, פונדעסטוועגן, אַ וואַרע...

דערזען, אַז מענטשן קומען אָן — דערשרעקט זיך די ריזיקע כאַ־ליאַסטרע... פליט אויף ווי אַ טינטיקע כמאַרע און צעשיט זיך אין איין צעשויבערטן געדריי פון פאַרברענטע בויגעלעך פּאַפּיר אין ווינט... אַנט־פלעקן זיך די צוויי רויטע בערגלעך פון געשונדענעם פלייש מיט צע־צויגענע אָדערן. נאָר דער שפּאַרבער אַליין קוקט זיך רואיק אום מיט זיינע בורשטינענע אויגן. אַ דיקער פּאָדים פלייש, ווי אַ רויטע לאָקש, הענגט אים קרום איבער דער קרומער נאָז. און זען זעט ער אויס, ווי אַ ביסל פאַרשעמט, וואָס מען האָט אים דאָ געטראָפן, אַזאַ ריז ווי ער, אין אַזאַ מיאוסער קאָמפּאַניע...

ביסלעכווייז געוווינט זיך די שוואַרצע, הייזעריק־ליאַרמענדיקע חב־רה פויגלען, צו צו דער נאָענטקייט פון נייגעריקע מענטשן. זיי פליען קורץ אַרויף און לאָזן זיך ווידער אַראָפּ אויף די בערגלעך צעפּיקטע פליישן. אַנטבלויזט זיך אַ ווייַלע אונטער זייער מאַסע, די רויע־רויטקייט און באַדעקט זיך ווידער בלוי־שוואַרץ, ווי דורך אַ קונצן־מאַכעריי. די חוצפּה זייערע וואַקסט ביז זיי לאָזן זיך איינגאַנצן אַראָפּ מיט אַ שיכורן קראַקען פון פאַרפרעסענע טרפהנע העלדזער. מען רייסט מיט שנאָבלען און מיט נעגל מילץ און לעבער, פעטס און פלייש־געוועבן. איין שוואַרצע כוואַליע פויגלען קומט איבער דער צווייטער, איין מין שטויסט אַרויס דעם צווייטן מין און קומט ווידער צוריק. די אַרויסגעשטויסענע קריכן איבערן שניי מיט דריבנע טריטלעך און מיט אַראָפּגעבויגטע העלדזער, און שילטן און פלוכן. און די אַרויסשטויסער ציען האַפּערדיק די געפּרווירענע פלייש־פעדימער און טריאומפירן. פויגל־כוואַליע אָפּ און פויגל־כוואַליע אויף. ס'איז אַ שוואַרצע וואַקכאַנאַליע, אַן אָרגיע פון שנאָבלען און נעגל, הייזעריקע געזאַנגען און אַ שיכורע פליגל־פּאַטשעריי... ס'איז אַ פּרע־סערישע זעלבסטהערשעריי און אַ קאָמונע אין איין און דער זעלבער צייט. אַ גזלניש רייסן פון מויל און אַ חברישער טיילן־זיך: קררראַ, קררראַ! אַהער שוואַרצע ברידערלעך! אַהער... און אַוועק פון דאַנען! נאַ, נעם

איבער מיין אָרט, טרען און פרעס!... ר־ראַ־טעוועט! ער ר־רייסט ביי מיר דעם ביסן פון האַלדז! ער ר־רויבט מיך!... קרראַ, קרראַ!

5.

די געשונדענע פערד אַליין האָבן, דאַכט זיך, דער גאַנצער שוואַרצער חברה צוליב, ציניש־רויט צעוואָרפן די צעפּיקטע, שטאַרע פּיס אַן פּאַד־קאָוועס. אויפגעעפנט, אומפאַרשעמט, צעשפּאָלטענע בייכער, אַלע גע־שלאָסענע סודות פון לעבן און טויט אויפגעפּראַלט דער גראָבער נייגע־ריקייט פון שוסטער־יונגען און ווייסע־חברהניקעס: „באַט, קוקט אַריין, אַז אייך גלוסט זיך! נאָך נייגעריקער, נאָך טיפער!... קוקט!..“

און זייערע אָפּגעשונדענע גרויסע קעפּ, אָן אויערן, שטשירען דערביי גרויסע ציין און לאַכן, דאַכט זיך, פערדיש־גרויזאַם און הולטאַיסקע, וואָס די פעדערדיקע שוואַרצע לצים קיצלען זיי אַזוי אין די אָפענע געדערים מיט זייערע פלעדערווישן און מיט צעשפּרייטע עקן און פּיקען צו מיט לאַנגע און קורצע שנאָבלען! „כאַ־כאַ, נאָך אַ ביסל! נאָך, נאָך!...“ די געשונדענע אַליין זענען די קרבנות און זיי אַליין זענען דאָס די גאַסטפריינדלעכע איינלאַדער צום אייגן פלייש און ביין.

פון דער גאַנצער גרויזאַמער סעודה שעמערירן אַרויס נאָר דריי גראָבע פאַרבן: די פינצטערע שוואַרצקייט פון די פליגלען, די בלענדנ־דיקע ווייסקייט פונעם שניי און די זאַטע רויטקייט פון די געשונדענע פליישן און קנאָכנס. און אַלע דריי פאַרבן מישן זיך שאַרף און ווילד אויפן גרינלעכן גרונט פון דערבייאיקן וואַלד. עקלהאַפטיק און געוואַלדיק מישן זיי זיך און קענען זיך נישט צוזאַמענמישן, ווי די לובאָק־קאָלירן פון פּאַפּירענע ביליקע בילדער אויף אַ פּויערישן יאַריד...

און ווי זיי שטייען אַזוי, די שקלאָוועו יונגאַטשעס, און באַוווּנדערן נייגעריק דעם פאַרביקן טריאַטער פון לעבן און טויט, ווו טויטע באַשע־פענישן שפּייזן מיט זייער לייב די לעבעדיקע, מיט אַזאַ מוראדיקער הפ־קרות, ווו די רירעוודיקע לוסטיקייט צעשטערט און פאַרווישט די אומ־באַוועגלעכע מיאוסקייט אויף גאַטס אויסגעשנייטער ערד, ערשט כוועדער וואַסער־טרעגער, צעפּאַטלט און אויסגעניכטערט, לויפט מיט זיין אויסגע־בויגענעם קאָראָמיסעל איבערן אָזערע־שליאַך און שרייט עפּעס און סטראַ־שעט. די אויגן זענען אים נאָך ווילד פון נעכטיקן טרונק. ער לויפט מיטן אויפגעהויבענעם קאָראָמיסעל, גלייך אויף דעם רעדל נייגעריקע יינגלעך.

נישט אַנדערש — ער פאַרגינט זיי נישט, די יידישע קינדער, די אומ־זיסטע הנאה וואָס זיי האָבן פון זיין געשונדענער לאָמער קליאַטשע. מיטן זעלבן קאָראָמיסעל, מיט וועלכן ער באַשטראָפט פון צייט צו צייט, פּאַלאַהייקען, זיין גרוזעצלעך ווייב, ווען זי פאַרזינדיקט זיך אַקעגן אים, וואַרפט ער זיך אַצינד אויף די יידישע קינדער און פּאַכעט, ווי מיט אַ האַק. און אַז יענע צעלויפן זיך, ווי די שרעטלעך, וואַרפט ער זיך שלאָגן אויף דער שוואַרצער מאַסע פון די פויגלען.

— אוביר־ו — צעפּאַכעט ער זיך אויפן שוואַרצן וואָלקן פון די פלאַטערנדיקע פליגלען און שרייט זיי איבער מיט זיין רעוועך.

און אַ קלאַנג איז גלייך אַרויס אין ליובאַוויטשער בית־מדרש, צווישן די מתפללים, אַז כוועדער דער וואַסער־טרעגער איז משוגע־געוואָרן און אַז זיין ווייב ליגט אַ געשלאָגענע, און אַז מאָרגן וועלן יידן, ביי דער אָזערע, קיין טראָפּן וואַסער נישט האָבן — — —

און שחרית האָט מען אָפּגעדאַווענט אין ליובאַוויטשער בית־מדרש, לייענען די פרשה „שירה" האָט מען אָפּגעלייענט, צו מוסף האָט מען זיך געשטעלט און די שוואַרצע סעודה אויף יענער זייט אָזערע, האָט נאָך אַלץ געדויערט. מיט כוועדערס אָוועקגיין האָט זי זיך ווידער אָנגעהויבן און שוין מער נישט אָפּגעשטעלט זיך. פאַרקערט, זי האָט זיך נאָך צעוואַקסן, צעפלייצט זיך ווי אַ בלאָטע טינט איבערן שניי. איין קראַ־קענדיקע כוואַליע מחותנים איז אָנגעקומען איבער דער צווייטער. איין כאַליאַסטרע סאָראָקעס האָט אָפּגעוואָרט די צווייטע. די קופּעס רויע פלייש אינמיטן דער פאַרשנייטער לאָנקע, זענען געוואָרן אַלץ נידעריקער און העלער, וואָרים די גראָבע קנאָכנס האָבן זיך אַנטבלויזט פון רויטן פלייש אַרויס. און אַז יידן זענען אַרויס פון שול און אָפּגעגעבן זיך גוט־שבת, האָט מען איינער דעם צווייטן נישט געהערט. אַזוי גרויס איז געווען דאָס געשריי פון די זשעדנע קראָען.

מען האָט אָפּגעגעסן טשאָלנט. און, ביי די פאַרווייטע פלויטן און צוימען און פלאַנקענס, האָבן יידענעס אויסגעטרייסלט די שיריים פון שבת־שירה, די רעשטלעך פון דער פעטער טשאָלנט־קאַשע, און איינגע־לאַדן די פויגלעך פון גאָרער וועלט, אַזוי ווי מען איז זיך נוהג פרשה ב ש ל ח, פון ימים קדמונים אָן: קומט און האָט הנאה, פרייע פויגלעך, פון דער אויסלייזונג, וואָס יידן זענען אויסגעלייזט געוואָרן פון דעם הויז פון קנעכטשאַפט אין לאַנד מצרים...

אָבער נאָר אייניציקע וואָראָביישיקלעך קליינינקע און גרויאינקע,

ווי מייזלעך אַן עקן, האָבן זיך שרעקעוודיק אַראָפּגעלאָזט לעבן די צוימען און, טענצלענדיק ווי בעטלערלעך, דערנענטערט זיך צו די הייפלעך קאַשע. פון די גרויסע פויגלען, פון די ווילדע פעלד־מחותנים, איז קיינער נישט געקומען מתקן זיין די נשמה מיט די כשרע שיריים פון שבת־שירה. די אומרייניע רויטע סעודה אויף יענער זייט אַזערע איז דאָס מאָל שטאַרקער און אָנציענדיקער געווען פאַר דער יידישער קאַשע.

און חדר־ייִנגלעך מיט דורכזיכטיקע אויגלעך, אין וועלכע עס שוועבן נאָך אום די מעשיות פון חומש, זענען אַרויסגעלאָפן אַ קוק טאָן, ווי אַזוי די פויגלעך כאַפּן שבתדיקע שיריים און העלפן זינגען שירה, האָבן זיי גאָר דערזען, אַז די סיטרא־אחרא, דער כוח פון שטן, האָט אינמיטן העלן טאָג גובר געווען. זי האָט צוגעצויגן צו זיך די טומאה, אַלע שוואַרצע כוחות פון וועלדער און פעלדער, און פראַוועט מיט זיי אַ פינצטערע סעודה הינטער די גרויע טראָסטינעס, ביים געפרוירענעם וואַסער; און זינגט מיט זיי גאָר אַן אַנדער שירה, אַ שוואַרצן „אָז ישיר״. און דער הייליקער טשאָלנט, פון טאַטעס און מאַמעס טישן, וואַלגערט זיך אין עלנטע הייפלעך ביי פּלויטן, פאַרשעמט און פאַרגעסן, ביז... איבער־אַיאָר אין דער צייט, אַם ירצה השם.

פרילינג ביים דניעפער

1.

פרילינג ביים ברעג דניעפער אין שקלאָוו, הויבט זיך אָן מיט דער קריע.

אין איין פאַרנאַכט, נאָך פסח צייט, גיט אַ בלאָז אָן אומגעוויינלעכער ווינט, וואָס מענטשן פרירן נאָך פון אים, אָבער דער אַרשין־דיקער אייז ווערט, פונעם זעלבן ווינט, קרוכלע און ערטערווייז געלעכערט.

דער פאַראָמשציק, וואָס וווינט ביים ברעג דניעפער אויף אַ בערגל, וועלכער שיצט אים פון געוויסער, כאַפּט זיך אויף אינמיטן דער נאַכט פון אַ פיל־טענערדיקן קלאַנג און הודזשעריי, פונקט ווי אַ גאַנצע ראָטע אַרעסטאַנטן וואָלטן, אַלע אויף איינמאָל, צעבראָכן די קייטן זייערע און וואָלטן זיך אַלע געלאָזן לויפן שטראָם־אַראָפּ מיט ווילדן אימפעט, מיט אויסגעשרייען פון באַפרייאונג און מיט געוואַלדן פון סכנה.

גיט ער זיך, דער פאַראָמשציק, אַ צופּ דאָס שוואַרצע קיילעכדיקע בערדל און אַ זאָג צו זיין אויסגעפּאַשעטער יונגער ווייבל:

— נאַ, באַשע, ס'האָט זיך גערירט...

זיפצט אָפּ די פאַראָמשציכע אונטער דער וואַרעמער פּערינע אי מיט דערלייכטערונג, אי מיט באַדויערונג. אַזאַ פאַרשלאָפענער זיפץ באַדייט:

„געלויבט דער אויבערשטער, מ'וועט באַלד אַראָפּלאָזן דעם פּאַראָם און זען זיך מיט פּרנסה". און פאַרדריסן טוט איר ערגעץ ווו אין אַ האַרץ־ווינקעלע, וואָס זי וועט שוין מער נישט האָבן דעם מאַן אַזוי נאָענט און אַזוי אָפט ביי דער זייט. אויס מיט די ווינטערדיקע נעכט!

ס'איז די העכסטע צייט צו זען זיך מיט אַ ביסל מזומנים. דאָס פאַרלאַטען און אויספּעכן דעם פּאַראָם האָט אָפּגעקאָסט אַ מטבע, און דער פסח האָט אויך איבערגעלאָזט אַ נישקשהדיקן לאָך אין קעשענע.

און בלויז זיבן־אַכט חדשים אין יאָר האָט מען דאָך פּרנסה. די איבעריקע חדשים איז דער דניעפּער געפרוירן, און ווער עס וויל שליטלט אים אַריבער. און פאַקטע, דעם פּריץ פון שטעטל, מוז מען צאָלן פאַר אַלע צוועלף חדשים.

שטייט מען אויף ביים פּאַראָמשציק גאַנץ פרי און מען גיט אַ וויש די אַנגעשוויצטע שויבן מיטן ברעג פּאַרהאַנקע, דערזעט מען ווי גרויסע און שווערע קריעס ציען זיך איבער דער גרויקייט פון וואַסער, ווי די וואָלקנס אין הימל נאָך אַ שטורעם. זיי זענען ברודיק־ווייס פון אויבן, די קריעס, אין גרינלעך־בלוי אין ברוך; און זייערע געשטאַלטן זענען פאַרשידן און משונהדיק — אויך ווי צעריסענע וואָלקנס. זיי טורעמען זיך אין מוראדיקן געדראַנג און קריכן, בראַזגענדיק, איין קריע אויף דער צווייטער. זיי שטעלן זיך דיבאָם ווי גלעזערנע חיות מיט די קאָפּיטעס צום הימל. און פּלוצלונג בלייבט שטיין די גאַנצע פּראָצעסיע — מיט אַ קראַך פון הונדערטער פורן אָנגעלאָדענע מיט גלאָז. און לעבלעכע ווינטן ציאָגן זיך איבער זיי הענדום־פּענדום, פייפנדיק ווי די סטראַזשניקעס בשעת אַ קאַטאַסטראָפע: האַלט, האַלט! פאַר־פלוכט!... טראַך־טאַראַ־ראַך! האַ־אַלט!...

דער וואַסער־וועג איז ערגעץ־ווו קאַליע געוואָרן... און די קריע בלייבט, אָפט מאָל, אַזוי שטיין עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד, פאַרשפּאַרט דעם גאַנצן אויבערפלאַך פון דניעפּער און שטופּט אַרויס די גרינגע שוואַכינקע און קראַנקע קריעלעך אויפן צעיורטן ברעג... ביז די לעבלעכע ווינטן מאַכן ערגעץ־ווו אָרדענונג, רוימען אָפּ אַלע פאַרגליווערטע שטרויכלעגישן, און דער וועג קיין קיעוו ווערט ווידער פריי. רירן זיך ווידער די שווערע פורן גלאָז, און ציען זיך מיט אַ שלעפּערדיקן קלונג אַראָפּ־שטראָם.

וואָס האַסטיקער און ברויזנדיקער עס ווערט דאָס געלויף פון דער קריע, אַלץ ווילדער ווערן אירע קאָנטורן און צעשויבערט אירע געשטאַלטן. די אייז־שטיקער לויפן ווי די רויבער נאָך אַ פּלינדעריי, וואָס זיי האָבן געפּלינדערט ערגעץ־ווו ארויף־שטראָם, אין קאָפּוסט צי אין אָרשע, וואָרים יעטוועדע קריע טראָגט עפּעס אויף דער פּלייצע. די — אַ בערוועגע, די — אַ ברעט, די אַ שטיק פּלאַנקען און די — אַ צעבראָכענעם עמער. און אָט קומט גאָר אָן אַ קריע מיט אַ לעבעדיק הינטל. עס ציטערט מיט איין פאָדערשטער אויסגעשטרעקטער לאַפּקע און וואָיעט אַזוי קינדיש־פאַרוואָרפן אינעם גאַנצן כאָאָס פון אייז־שטיקער, וואָס דרייען זיך אַרום אים, קענטיק, בשעת איבערגיין צום לעצטן מאָל דעם שליאַך, האָט זיך

דער דניעפּער אָפּגעריסן אונטער זיינע פיסלעך און אַוועקגעטראָגן אים...
האַוו, האַוו! האַוו! וווהין? וווהין?...

דאָס געוויסער וואַקסט דערווײַלע־וואָס. דאָס איז שוין גוט קענטיק. וואָרים די בלוילעכע רואיקייט פון וואַסער, צווישן די קריעס, ווערט ביס־לעכווייז מוטנע־רויט פון אַראָפּגעשווענקטן ליים, ווערט אָנגעשוואָלן פון שוים. די כוואַליעס קאָכן צווישן די שטיקער אייז. די משופּעדיקע, זאַמ־דיקע ברעגעס פון דער זייט און די ליימענע בערג פון יענער זייט, אונטער זאַרעטשיע, הויבן זיך אָן אַראָפּצולאָזן, זינקען. און ס׳דאַכט זיך, אַז אויך דאָס הויז פון פּאַראָמשציק, אויפן בערגל, דערנענטערט זיך צום פּלאַך פון וואַסער און גלייכט זיך אויס מיט שטאָט.

כאַפּט אַנשל פּאַראָמשציק און לאָזט אַראָפּ פון סכה דאָס פריש־אויסגעפּעכטע, איבערגעקערטע שיפל, מיט דעם פלאַכן דעק. מאַלע, וואָס עס מאַכט זיך. מ׳דאַרף זיין גרייט. שוין דער פאַרשטאָרבענער טאַטע זיינער, אויך אַ פּאַראָמשציק, האָט דאָס אים ביים לעבן נישט איינמאָל אָנגעזאָגט. שוין נישט איינמאָל איז דעם טאַטן זיינעם אויסגעקומען צו אַנטלויפן אין שטאָט אַריין אויף אַ שיפעלע און איבערלאָזן דאָס פאַר־טרונקען הייזל אויף גאָטס באַראָט. דער סימן פון אַ געפערלעכן געוויסער איז דאָס, וואָס די אָזערע, הינטער דער גרויסער מיל, וואַרפט זיך איבער דער הרעבליע און צעקושט זיך מיט די כוואַליעס פון דניעפּער. אים, אַנשלען אַליין, איז שוין איינמאָל אויסגעקומען צו אַנטלויפן בשעת אַ גע־וויסער. באַשע, זיין ווייב, איז נאָך דאַמאָלסט געווען זיין כלה; איז ער אַנטלאָפן מיט די בעבעכעס צו איר טאַטן. נאָר ס׳איז געווען אַן אומזיס־טער שרעק. העכער ווי ביז צו די דעמבענע פריזבעס איז דאָס וואַסער דאַמאָלסט נישט דערגאַנגען. על־פּי־רוב דערגייט נישט דאָס וואַסער אַפילו ביזקל שפּיץ בערגל אונטערן פונדאַמענט פון הויז. אַ שמאָלינקע בלאָטיקע סטעזשקעלע, מיט ברעטער אויסגעלייגט, בלייבט אַלעמאָל איבער און פאַרבינדט דעם פּאַראָמשציקס שטוב מיט שטאָט.

אַ טאָג צען געדויערט אַלעמאָל אַ געוויסער. אַפילו אַ געוויינלעכער. די אַרומיקע לאָנקעס און פעלדער ווערן פאַרגאָסן: די צעקעמטע צווייגן פון די נאַקעטע ווערבעס שטעקן דאָ און דאָרט אַרויס, ווי שטיקער קעפּ פון דערטרונקענע ריזן, מיט האָר אַזוי דיק ווי ריטער. פון דער גויאישקער באַד, ביים ברעג טייך, קוקט נאָר אַרויס אַ שטיק דאַך מיט אַ בלעכערנעם אויסגעקרימטן קוימען. אַ טייל פון די אָנגעגרייטע קלאַפּטערס האָלץ פאַר

די פאַרעכאָדן שווימט אויף, און גויים פאַנגען אַרויס די צעלאָפּענע בע־ראָזעווע שייטן מיט גרויסע דראַנגעס.

אין אַזאַ פאַרפלייצעניש זעט אויס דעם פּאַראָמשציקס הויז, אויף אירע הויכע פריזבעס, איבערן שפּיץ בערגל, ווי אַ מין נחס קאַסטן, וואָס רוט אויף די בערג פון אררט. ווייניקסטנס מיינען אַזוי חדר־ייִנגלעך און זענען מוראדיק מקנא דעם חדר־חבר זייערן, אַבאָלע דעם פּאַראָמשציקס, וואָס ער איז אַזוי גליקלעך און וווינט אויף די ברעגן פון דער סדרה „נח״. ווער רעדט נאָך, אַז אַ סאַראָקע פליט אויף פון פּאַראָמשציקס דאַך, אָדער אַ האָן צוקרייעט זיך אויף זיין סכה, איז עס שוין מער נישט קיין שום ענלעכקייט, נאָר אַן אויסגעריסענער שטיק חומש...

פון טאָג צו טאָג ווערן די קריעס אַלץ קלענער און קיילעכדיקער. דאָס וואַסער לויטערט זיך פון שליים און מאַכט דריידלעך. כאַפּט זיך אַריין אַ קריע אין אַזאַ „וואַסער־לייקע״, דרייט זיך ווי אַ קאַרוסעל אויף אַ יאַריד אַזוי לאַנג, ביז אַ צווייטע קריע שטויסט זי אַרויס און פאַרנעמט איר אָרט.

דאָס פאַרפלייצעניש פאַלט אָפּ, ווערט בלוי, ווי סינקע־וואַסער פאַרן איבערשווענקען גרעט. איבערן שליימיקן, משופּעדיקן ברעג פון דער זייט טייך ווערט אויסגעלייגט אַ שורה קורצע בערווענעס אין דער ברייט, און איבער זיי, ווי איבער גרויסע וואַלגערהעלצער, ציען גויים מיט שטריק צוויי אויסגעפּעכטע פלאַכע לייוועס, וועלכע האָבן זיך אַ ווינטער אויסגערוט איבערגעקערהייט און געשלאָפן אויפן בויך הינטער די גערט־נער. מען נעמט צו די אַריבערגעפּאָרענע בערווענעס פון הינטן און מען לייגט זיי אויס פון פאָרנט, און די לייוועס קייקלען זיך ביי פרילינגדיקע גויאישקע אויסגעשרייען:

— ררראַז! — גיבן זיי זיך אונטער חשק, די גויים, איינער דעם צווייטן, — אַשצע־ע, ררראַז!

די צוויי שווערע לייוועס, דאָס איז דער גאַנצער יסוד פון פּאַראָם. אויפן וואַסער ווערן זיי באַפעסטיקט, זייט ביי זייט, דורך איבערגעקרייצטע באַלקעס און אייזערנע שרויפן. ברעטער ווערן איבער זיי געלייגט און צוגעשרויפט. די הילצערנע פּאַרענטשעס ווערן אַרומגעשטעלט און ווערן פאַרציינערט און פאַרקייטלט איינס אין איינס. אַ משופּעדיקע ברייטע קלאַטקע ווערט געלייגט אויף נידעריקע קאָזלעס, זי פאַרבינדט דעם זאַמדיקן ברעג מיט דעם איינגאַנג פון פּאַראָם, פּאַרטיק.

.2

אייגנטלעך — נישט גאַנץ פּאַרטיק. עס פעלט נאָך דער קאַנאַט, וועלכער איז דיק ווי אַ מענטשלעכע פויסט און איז דורכגעצויגן מיט פּאַראַלעטרטן פעך, כדי דאָס וואַסער זאָל אים נישט נעמען. אָן דעם קאַנאַט איז דער פּאַראָם ווי אַ גוף אָן אַ נשמה. אָן דעם קאַנאַט, וואָס ווערט געצויגן איבער טשעטשאָטקענע *) רעדלעך און איבער דעמבענע געטאָקטע סלופּעס, וואָס דרייען זיך, שטייענדיק און ליגנדיק, אויף אייזערנע אַקסן, וועט דער פּאַראָם אַוועקגעטראָגן ווערן מיטן שטראָם, אַזוי גיך ווי ער וועט קומען אינמיטן דניעפּער.

דער דאָזיקער קאַנאַט ווערט באַפעסטיקט צו אַן איינגעגראָבענעם גרויסן אַנקער אויף יענער זייט טייך, אונטער זאַרעטשיער ליימענע בערג, און ווערט אָנגעצויגן, דורך אַ גאַנצער הילצערנער מאַכינאַציע, אויף דער זייט טייך.

דאָס איז אַ מין קיילעכדיק שינדל־דעכעלע אויף קורצע סלופּעס. אונטער דעם דעכעלע אַ גרויסער האָלצערנער קאָלאָוואָראָט, אין געשטאַלט פון אַ מאַסיוון ריזיקן דריידל, מיט איין טעמפּן אייזערנעם אַקס געוועדעט צום מיטן דעכל און מיט דעם צווייטן צו דער ערד. ביידע אַקסן זיצן אין אויסגעהוילטע דעמבענע קלעצער און טוקן זיך אין פרישן דיעגאַכץ.

דער צווייטער עק פון גראָבן קאַנאַט צעצווייגט זיך דאָ, אונטער דעם דעכעלע, אין אַ סך דינערע קאַנאַטן און שטריק, וואָס יעטוועדערער פון זיי כאַפּט אַרום, דאָ אַ גלאַט רעדל און דאָרט אַ ציינערדיק וואַלגעראָלץ. אַ פּאָר פון זיי זעען אויס ווי לאַנגע שפּינען, מיט הילצערנע פיס אונטערן בויך און אויפן רוקן. צוליב וואָס דאַרף מען דאָס אַלץ? מסתמא דאַרף מען.

כדי צו ברענגען די גאַנצע פויערישע מאַשינע אין באַוועגונג איז דאָ צוגעפּאַסט נאָך אַ ראָד, אַ קלענערע, אויף צוויי ליגנדיקע אַקסן, מיט אַ סך דאָפּלטע הענטלעך אַרום און אַרום, ווי דאָס ראָד ביים ברונעם פון דער פּאָזשאַרנער קאָמאַנדע.

דרייט מען געשווינד דאָס דאָזיקע ראָד און מען ציט זי, אַראָפּ־צו,

---

*) טשעטשאָטקע — אַזאַ שטאַרק האָלץ, גענומען פון אַ געוויסן סאָרט בוימער־וואָרצלען, ווערט באַנוצט אין גאַנץ רוסלאַנד צו בערלינקעס און שיפן.

ביי אַלע העגטלעך, אַזוי הויבן זיך אָן צו באַוועגן אַלע וואַלגער־העלצער, ברוסיקלעך און רעדלעך מיט אַ קלאַפּערײַ און מיט אַ קוויטשערײַ און פּויקערײַ, גיך־גיך קלאַפּן די קלײנע מאַכערײַקעס, די גרעסערע — פּאַמע־לעכער, און גאָר גערלאַסן דרייט זיך דער מיטלסטער גרויסער קאַלאָוואָראַט, וויקלט, צאָל נאָך צאָל, דעם זעכציק־פּודיקן קאַנאַט אַרום זײַן ברײטן קליאָפּקענעם בויך, ווי אַ גראָב־בײַכיקער באַלעגאָלע — זײַן צען־אַרשי־נענעם גאַרטל...

אַזוי הויבט אויף אײן אײנציקער מענטש דעם מוראדיק־שווערן קאַ־נאַט פון וואַסער, אָן אַ סך מי און שוויס, און ציט אים אָן פון אײן ברעג דניעפּער צום צווייטן. אַנגעצויגענערהייט ברומט דער געפּעכטער קאַ־נאַט ווי אַ ריזיקע סטרונע, ער ברומט מיטן אָפּקלאַנג פונעם האַסטיקן שטראָם, וואָס פּלײַצט אונטער אים, און וועלכער גיט זיך איבער דורך דעם גאַנצן פּאַראָם, ווי דורך אַן אומגעלומפּערטער האַרפע, מיט געטאַקטע סלופּעס און רעדלעך אַנשטאָט אַ מעמבראַנע.

ביים אָנציען דעם קאַנאַט קריצן גבורהדיק און ווייך די גרויסע האַקציינער, אונטערן קאַלאָוואָראַט, און לאָזן אים צוריק נישט גיין. אָנציען דעם קאַנאַט לאָזן זיי, און אָפּלאָזן — דאָס נישט. וויל מען אָפּלאָזן דעם אָנגעצויגענעם קאַנאַט אויף איין מאָל — איז דאָ דערצו אַ שווערער דעמבענער הויבל מיט אַ קיילעכדיקן קאָפּ, וואָס דריקט אים צו ביזקל דער ערד. און אויך ער, דער קאָפּ, איז צוגעטשעפּעט צו אַן אײַזערנעם צוויי־פּוד, כדי צו זײַן זיכערער, אַז דער הויבל וועט אַליין נישט אויפּ־שפּרינגען. טשעפּעט מען אָפּ דאָס אײַזערנע געוויכט און מען הויבט פּאַר־זיכטיק אויף די האַלצערנע האַנט, אַזוי שטייען אָפּ די גרויסע האַק־ציינער פון קאַלאָוואָראַט. און ער, מיט אַלע קלערענע רעדער אַרום אים, לויפן אויף־צוריק מיט אַ שווינדלדיקער האַסטיקייט און מיט אַ שטורמישער באַראַבאַנערײַ. און דער שווערער געפּעכטער קאַנאַט פאַלט ראַפּטום אין שטראָם אַריין, שניידט איבער די ברייט פון דניפּער, ווי מיט אַ מעסער. אַ פּאַס ווייסער שוים שפּרינגט אויף אויפן אָרט פון שניט, אינמיטן דער פּלייצנדיקער בלויקייט. דער קאַנאַט זינקט דאָרטן אין אָפּגרונט. קענען זעגל־שיפן, פּאַרעכאָדן און פּלייטן פרײַ אַריבערשווימען, און ווײַטער גיין אַראָפּ שטראָם און אַקעגן שטראָם.

שנעל ווערט אַזוי דער קאַנאַט אָפּגעלאָזן און פּאַמעלעך אָנגעצויגן צוריק. דער פּאַראָם, ווען ער שווימט, רײַבט זיך אָן אים האַרט מיט זײַנע

טשעטשאָטקענע רעדלעך, ווײל פֿון אים, דאַכט זיך, אַנטלױפֿן שטראָם־אַראָפּ... און אָנשטאָט דעם פּעקלט ער זיך גאָר אַריבער אויף יענער זײט טײַך מיט פּעק און קאַסטנס. מיט מענטשן און בהמות, מיט װעגענער און פֿערד. אָט אַזױ האָבן זיך דאָס מענטשעלעך צונויף געמאַכט די גראָבע לעכצעניש פֿון פּאַראָם: אָ פּ צ ו ר י י ס ן ז י ך פֿ ו ן ק אַ נ אַ ט, ווי אַ װילדער הונט פֿון קײט, און אַנטלױפֿן קײן קיעװ, מיט דער פֿלײצנדער בלױקײט אַראָפּ... מיט אָט דעם אײביקן כּוח פֿון װ ו ע ל ן אַ נ ט־ל ו י פֿ ן, טרײבט מען אים, דעם הילצערנעם גולם, פֿון אײן ברעג צום צװײטן, טאָג־אײַן, טאָג־אױס, ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן, בײַם שײַן פֿון לאַמטערנעס. װאָרים אױפֿן פּאַראָם איז נאָך דאָ אַ מין קאַיוטע פֿון ברעטער פֿאַר אַנטאָשן דעם גױאיקן שומר, װעלכער קאָכט דאָרטן זײַן עסן און שלאָפֿט דאָרטן און װאַכט איבער דעם שעלמישן שטראָם פֿון דניעפּער, און קרײצט אים איבער, אַפֿילו אינמיטן דער נאַכט, מיט אַ גאַנצער כאָפּטע פּאַסאַזשירן און בהמות.

יעטװעדער מאָל אָפּפֿאָרנדיק פֿון ברעג, דרײט זיך דער פּאַראָם אױס אַקעגן שטראָם מיט די שאַרפֿע שפּיצן פֿון זײַנע צװײ אונטערשטע לײװעס, כּדי בעסער דורכצושנײדן אים, דעם האַסטיקן. װער עס איז טשיקאַװע בױגט זיך אַראָפּ און זעט װי צװײ ריזיקע נעזער בוירן זיך אין שטראָם און שוימען און שנאָרכן אונטער, װי צװײ בלינדע װאַסער־חיות...

מיטן אויסקערעװען דעם שאַרף פֿון פּאַראָם גיט זיך די װעלט אַ דרײ. מחמת פּאַמעלעכקײט באַמערקט מען גאָר נישט װי דער ברעג האָט זיך אָפּגעריסן און אַנטלױפֿט. בלײבט מען עפּעס הענגען, אינמיטן דניעפּער, צװישן הימל און װאַסער און צװײ ברעגעס. מען שטײט, דאַכט זיך, אויף אײן אָרט, נאָר דער קאַנאַט ברומט און פּאַליעס לױפֿן געשװינדער. עס אַנטפּלעקן זיך אומבאַקאַנטע ליניעס פֿון די ברעגעס, פּאַרקײלעכדיקטע און געבראָכענע, אויפֿגעשװאָלענע און אײַנגעפֿאַלענע. ס'איז אַ כּישוף! מען שװעבט אין מען שטײט פּעסט מיט בײדע פֿיס אויף אַ הילצערנעם אינדזל. און דאָ דערזעט מען פּלוצלונג, אַז דער צװײטער ברעג לױפֿט פֿרײַנטלעך אַקעגן, זאַרעטשיע דערנענטערט זיך. דרײט זיך דער פּאַראָם װידער אױס מיטן טעמפּן זײַט צו אַן אָנגעלאָפֿענער צװײטער קלאַטקע אויף קאָזלעס. אַ פּעטליע װערט פֿאַרװאָרפֿן אויף אַ סלופּ, אַ שװערער דראָנג װערט אַרױסגעצױגן, װי אַ גרױסער ריגל, און דורכן אָפֿענעם אַרױסגאַנג קריכן אַרױס אָנגעלאָדענע פֿורן, ײדענעס מיט קאָשיקעס,

פויערים מיט בייטש־שטעקעלעך און מיט טאָרבעס אויף די פּלייצעס, און אַקעגן זיי, צווישן צוויי ליימיקע בערגלעך, שניידט זיך אַ בייער שליאַך אין אַ בייער וועלט אַריין...

אַ קאָפּיקע פון מענטשן נעמט אַנשל פאַראַמשציק פאַרן איבערפאָר, דריי קאָפּיקעס פון אַן אויסגעשפּאַנטער בהמה און פינף פאַר פערד און וואָגן. פאַר קאַסטנס סחורות — באַזונדער. יאַריד־צייט קאָסט דאָס דאָפּלט. פאַר אַזאַ אָפּצאָל פאָרט מען אַריבער פון שקלאָוו קיין זאַרעטשיע. אָבער די וואָס קומען אַן פון זאַרעטשיע צאָלן גאָרנישט. סוף־כל־סוף מוזן דאָך די אָנגעקומענע פון זאַרעטשיע, פאָרן צוריק... גלייכט זיך דאָס אויס.

אַ לעדערנע טאָרבעלע איז באַפעסטיקט ביים פאַראַמשציק פון דער רעכטער זייט גאַרטל, און פונקט אַזאַ צווייטע טאָרבעלע — ביי באַשען, זיין ווייב, אונטערן פאַרטוך. איז ע ר דאָ ביים ברעג מאַנט ע ר אויף דעם אָפּצאָל, איז ער נישטאָ מאָנט ז י אויף. פון ראַנעטשקע ביז שפּעט אין דער נאַכט גראַבלט די געניטע האַנט און קלינגט מיט הויפנס זילבערנע און קופּערנע מטבעות, צו געבן אויסגאָב און גלאָט אַזוי צו פילן דעם טעם פון פרנסה. ס'אַ מחיה אַראָפּצולאָזן די ברייטע האַנט אין אַזאַ שפּע און פילן ווי עס וואַקסט, אַן עין הרע און ווערט אַלץ שווערער און קלינגענדיקער. קיין געבן אויף באָרג איז דאָ נישט שייך. ס'איז נישט קיין קרעמל מיט שטענדיקע קונדן. זעט מען זיך שטענדיק מיטן מזומענעם גראָשן. נתעשר ווערט ער דער פאַראַמשציק פון וועסנע־צייט ביז שפּעט אין האַרבסט!

מען דרייט אַ קאַנאַט

.1

אַנשל פּאַראַמשציק איז אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר דרייסיק, אַ געזעצ־טער, ברייט־פּלייצעדיקער, מיט קורצע שטאַרקע פיס. און אַ פּנים האָט ער — קיילעכדיק ווי אַ ריבן און אַרומגעזוימט מיט אַ שוואַרץ גלאַנצנדיק בערדל, און אין זיינע אויגן שפּיגלט זיך אָפּ די בלויקייט און פריילעכקייט פון דניעפּער. די געזונטע רויטקייט פון זיינע באַקן מאַכן די דאָזיקע בלויקייט נאָך בולטער. פּונקט אַזוי פריש און אַזוי מוטיק פרייגן אויס די ליימיקע בערג פון אַקעגן, די בלויקייט פון וואַסער, וועלכע שטראָמט צווישן זאַרעטשיע און צווישן אַנשלס הויז...

אַ גאַנצן זומער און אַ שטיק האַרבסט אַרבעט ער, אַנשל פּאַראַמשציק, אויף דער פרייער לופט ביים ברעג טייך. ער העלפט אַרויפשטופּן שווערע פורן פון דער משופּעדיקער קלאָטקע אויפן פּאַראָם, אַרויפטראָגן באַלאָ־דענע קוישן און אַרויפקייקלען פולע פעסער. מ׳וואָלט זיך געקענט באַגיין אָן אים. צו אַזאַ גראָבער האַרעוואַניע זענען דאָ אַ סטאַראַזש און די גויים, וואָס פאָרן אַריבער. אייגער העלפט דעם צווייטן. באַשע די פּאַראַמשציכע שרייט אויך, אַז מ׳עט אויסקומען אָן אים, אַז ער לאָזט זיך צופיל אַראָפּ... אָבער אַנשלען טוט הנאה די אַרבעט גופא. זיינע ברייטע פּלייצעס פאַר־לאַנגען אָנשטרענגונג, זיין קורצער האַלדז — דאָס געשמאַקע שוויצן. אָפּלאָזן און אָנציען דעם קאַנאַט, דורך דעם גרויסן קאָלאָוואָראָט, דאָס איז זיין באַליבטע מלאכה. אַזאַ איידעלע אַרבעט פּאַרטרויט ער זיין גוי זעלטן ווען. ס׳זענען דאָ צופיל רעדלעך פאַר איין פויערישן קאָפּ !... אגב, געפעלט אים טאַקע, אַנשלען, דער עצם אָנציען, צו הויבן אַזאַ משא פון וואַסער מיט צוויי מענטשלעכע הענט. עס געפעלט אים די פויקעריי פון די האַק־ציינער אין מיטלסטן ראָד. די זיסע קרעכצן פון דער גאַנצער היל־צערנער מאַכינאַציע, וואָס דערמאָנען האַלץ־העקער ביי דער אַרבעט...

דורך דעם זומער ווערט אַזוי אַנשל פאַרברוינט ווי אַ צייטיקער וואַלד־נוס. און די אָרעמס זיינע ווערן אים אָנגעגאָסן מיט אייזן. און זיינע ברייטע לאַפּעס ווערן אים פאַרשוואַרצט פון איינגעגעסענעם דיעגאַכץ. דערזעט עס באַשע, זיין ווייב, וועלכע איז אַזוי געזונט און אָנגעגאָסן און פאַרברוינט אַזוי ווי איר מאַן. דערזעט זי אין אַ בייזער מינוט זיינע „שוס־טערשע הענט" און צעשרייט זיך אויף אים ער זאָל זיי אויסוואַשן. טוט ער איר אַ נחת־רוח, לויפט פּליושקעט די שוואַרצע ידים אין דניעפּער, שייערט די דלאָניעס מיט זאַמד און פּליושקעט ווידער. דערנאָך לויפט ער אַרויף צום ווייב און ווישט זיך די הענט אין איר בלויען האַרטן פאַרטוך זי לאָזט זיך ווי אַ קו לאָזט זיך זויגן פונעם קעלבל און שמייכלט צו אים ווי צו אַ קינד. דער נאַסער פאַרטוך פאַראייניקט זיי ביידן, אַ שטומע קראַפט שטראָמט, דאַכט זיך, דורך צווישן צוויי לייבער. אַ האַלב־שיכורער שמייכל לאָזט אַראָפּ די וויעס ביי מאַן און ווייב. ער וואָלט געוועזן אַ בעלן אַרומכאַפּן זי אָט דאָ אויפן זאַמדיקן ברעג פאַר אַלע פויערים אין די אויגן, לעשן דערמיט דעם נישט אויסגעברענטן פייער פאַר אַ קורצער זומערדיקער נאַכט... נאָר באַשע שטופּט אים אָפּ מיט איר ווייבערישער שעמעוודיקייט: „גיי, שוין, גיי!" און דרייט זיך צו אים אויס מיטן רוקן. אָנגעגליט דורך דער ווייבס פאַרטוך, און דורכן קיילעכדיקן דריי פון איר פולן היפּט, לויפט ער ווידער אַראָפּ צום וואַסער און נעמט זיך שלעפּן קוישן און וועגענער מיט אַ מין ווילדן האַסט און מיט בייזער עקשנות, ביז דער הייסער שווייס זעצט אים אַרויס אונטערן פאַרפּעצטן דאַשעק און צערינט זיך אין קיצלדיקע ריטשקעלעך איבער זיין האַרטן האַלדז. דאָס שוואַכט אים אַ ביסל אָפּ דאָס האַרץ־ציעניש נאָך זיין געזונט ווייבל. ער קוקט זיך אום מיט אַ צופרידענעם פּנים פון אַ מענטשן, וואָס האָט זיך מנצח געווען. אָבער זי איז שוין נישטאָ. אַ רויך ציט זיך פון קוימען, איבער זיין הייזקע, אויפן בערגל, דאָס ווייבל קאָכט וואַרעמס, מילכיקן קרופּניק מיט פרישן באָב, פאַרווייסט מיט סמעטענע... מ'עט דערצו אַריינרייבן אַ לעבעלע ברויט, אַ קנאָקעדיקס, מיט פרישן קימל באַשאָטן. אַ־האַ־האָ! גוט צו לעבן אויף דער וועלט! —

.2

נאָכן אָפּגאַנג פון דער קריע, אין אָנהויב וויעסנע, גייט אַנשל אַראָפּ, צום אָפּגעפרישטן פּאַראָם, מיט קלאָציקע נישט־זיכערע טריט. ער איז דאַן

ענלעך צו אַ בער־מענטש, וואָס האָט זיך אויסגעפּאָפּן אַ גאַנצן ווינטער אונטער דער ווייבס פּערינעס. דאָס האָט אים אָפּגעשוואַכט, אָנגעגאָסן מיט פוילקייט און פעטס זיינע קורצע ליטקעס. די לאַנגע נעכט פון גוטן שלאָף און גלוסטעניש און פון פאַרשפּאַרטער לופט דרימלען נאָך אין יצר־הרע־קנייטשעלעך אַרום זיינע בלוילעכע אויגן, און מאַכן זיי אָפּגעשטאַנען און שלעפּערדיק. אָבער דער גאַנצער קערפּער זיינער האָט זיך שוין אויפגעכאַפּט און ציט זיך און לעכצט פאַנאַנדערצווויגן און אויספאַרען דאָס אָנגעזאַמלטע פעטס.

מיט אַ געניטן קוק באַטראַכט אַנשל זיין אָפּגעפּרישטן פּאַראָם. ער לייגט זיך אויפן בויך און קוקט אַרום די גלאַנציקע אויספּעכונג אונטן, אויף די ברייטע לייוועס. דערנאָך — די גאַנצע פּאָדלאָגע, וואָס איז אויסגעלאַטעט מיט נייע שטיקער ברעטער. ער פּרוווט די פעסטקייט פון די פּאָרענטשעס און די גלאַטקייט פון די בערווענעס, וואָס פאַרריגלען דעם אַריינגאַנג און דעם אַרויסגאַנג. ער קלעטערט אַרויף צום עק קאַנאַט, אויפן הויכן ברעג, און גיסט אָן פרישן דיעגאַכץ אין די אַקסן פון גרויסן הילצערנעם קאָלאָווראָט. דערנאָך שפּייט ער אָן מיט אַן אויפגערעגטער מונטערקייט אין ביידע הענט און גיט זיך אַ נעם דרייען די גאַנצע הילצערנע מאַשינעריע, כדי אויסצופּרווון די שטאַרקייט פון אַלטן קאַנאַט. אַפריער ציען זיך אָן די דינערע צעצווייגטע שטריקן, דערנאָך הויבט זיך אָן אויסצוגלייכן דער אָפּגעהאָנגענער, ווי אַ ריזיקער קלאַמער, אויסגעבויגענער קאַנאַט גופא, אָט־אָט ציט ער זיך אָן, אַ סטרונע, איבער דער גאַנצער ברייט פון דניעפּער. אָבער פּלוצלונג ווערט די פּיל־הענטלדיקע ראָד לייכט און נאָכגעביק ווי אַ ווינט־מילכעלע. שיער־שיער איז אַנשל מיט זיין האַרטן גוף נישט אַנידערגעפאַלן ביים לעצטן דריי... דער קאַנאַט פּלאַצט ביים סאַמע קאָלאָווראָט און גיט אַ שמיץ אין וואַסער מיט זיין גאַנצער פּופּציק־פּודיקער מאַסע. אַ מוראדיקער פּליושק דערגרייכט צו אַנשלס אויערן און די געשרייען פון זיין גוי, וועלכער לויפט דערכאַפּן דעם אָפּגעריסענעם עק.

ווען משה־רבינו האָט געשפּאָלטן דעם ים־סוף מיט זיין סנפּירין־שטעקן האָט ער, כביכול, קיין שענערן און קיין שטאַרקערן שלאָג נישט געקענט געבן. וואָרום דער שמיץ פון קאַנאַט שניידט איבער מיט אַ זילבערדיקן פּאַס שוים די גאַנצע ברייט פון בלויען טייך, פון ברעג ביז ברעג. דאָס ווייסע „בלוט“ פון די טיפענישן גיט, דאַכט זיך, אַ שלאָג אין איבער־

געשניטענעם שטראָם. ס׳איז אַ שיין בילד. פון אונטערן רונדן דעכל אויף סלופּעס, ווו דער פּאַראַמשציק איז שטיין געבליבן, ווי אַן אָפּגע־שמיסענער, ביי דער אָפּגעלאָזטער ראָד. קוקנדיק אויף אַזאַ שיינקייט, זידלט זיך אַנשל אויס גאַנץ געשמאַק, לויפט אַראָפּ צום גוי זיינעם און העלפט אים ציען דעם אָפּגעריסענעם עק קאַנאַט. ס׳איז נישט אַזאַ לייכטע אַרבעט צו ציען אַזאַ פענקענעם ריז אַנטקעגן שטראָם און דערשלעפּן אים אַזוי ביזקל ראָד אויפן הויכן ברעג. נאָר מען אַרבעט און מען קומט דעם דניעפּער ביי. נעמט זיך אַנשל פאַרריכטן דעם איבערגעריסענעם אָרט. אַריינפּאַסן און פאַרבינדן די שטריק־אָדערן. די איינגעפּעכטע, אויסגע־דרייטע און פאַרהאַרטעוועטע פאַקליע איז אַזוי שווער פאַנאַנדערצובויגן, ווי אַלטע פינגער־גראָבע און פאַרזשאַווערטע פּראָפּנציערס. אַנשל אַרבעט שווער אַ פּאָר שעה נאָכאַנאַנד. און דער גוי פון בודקע אויפן פּאַראָם העלפט דערביי סאָפּנדיק און שיטנדיק מיט פויערישע זאַפטיקע „מי־שברך׳ס״, כדי אונטערגעבן כוח און געדולד דעם באַלעבאָס זיינעם און זיך אַליין. דאָס געדויערט אַזוי לאַנג ביז עס געלינגט זיי ביידן אָנצושפּאַנען נאָכאַמאָל דעם פאַרלאַטעטן קאַנאַט פון ברעג ביז ברעג. די לאַטע איז מיאוס, משונהדיק דיק און פאַרפּעכט. אָבער שטאַרק.

אַן אומזיסטע טרחה געווען! וואָרום ווען עס האַלט שוין גאָר גאָר ביים סוף אַרבעט און דער אָפּגעהאַנגענער קאַנאַט גלייכט זיך ווידער אויס — פּלאַצט ער אין אַן אַנדער אָרט. דאָס מאָל איז דער מיטן. און די צוויי צעריסענע עקן גיבן זיך אַ צי אַראָפּ־שטראָם און שניידן איין אַ גרויסן דריי־עק פון ווייסן שוים...

וואָס איז דאָ וואָס צו רעדן? דער קאַנאַט איז פאַרפוילט. מיט שמאַטעדיקע לאַטעס וועט מען דאָ מער גאָרנישט מאַכן. אַנשל האָט שוין די צרה פאַראויסגעזען נאָך פאַראַיאָרן און געלאָזן איבערפּעכן דעם גאַנצן קאַנאַט כדי צו מאַכן אים בויגיקער. ס׳האָט אָבער, ווייזט אויס, ווייניק־וואָס געהאָלפן. די אַלטע געדרייטע פאַקליע איז דערפון נאָר געוואָרן אַ ביסל אַנגעשוואָלענער, קלעפּיקער, אָבער נישט פעסטער. עס צעקריכט ביי יעדן אָנציען. ס׳איז קלאָר ווי דער טאָג: דאָס יאָר קען מען מער נישט אָפּלייגן. מען מוז האָבן אַ נייעם קאַנאַט!

ווי־נישט איז ווערט די אַלטע איבערגעריסענע פאַקליע צורעכט גע־מאַכט. אויפן מיטן קאַנאַט שפּרינגט אַרויס אַ נייע לאַטע, ווי אַ מגושדיקער געשוויר, וואָס טריפט מיט פעך. דאָס ווערט געמאַכט אויף דערווייל. אַנשל

גייט אַרויף צום ווייב אין שטוב מישב זיין זיך. באַשע די פּאַראַמשציכע הויבט זיך אָן צו טומלען. זי כאַפּט אַרויף די וואָלענע פּאַטשיילע און גייט ערגעץ־ווו אַוועק אַ פאַרזאָרגטע מיט אירע שבתדיקע אויירינגלעך און מיט דער דימענטנער בראָשקע אין אַ פּעקעלע. אין אַ שעה אַרום קומט זי צוריק אַ פריילעכע, מיט אַ הויפן געלט אין איר לעדערנער טאָרבעלע ביים היפּט. אַ גאַנצן הונדערטער האָט זי געבראַכט צו שלעפּן אין אַסיג־נאַציעס, אין זילבער און אין קופּער־געלט. די גאַנצע פאַרביקע קופּע געלט קלעקט קוים צו באַשטעלן אַ נייע נשמה פאַרן פאַראָם — אַ קאַנאַט.

.3

אַ נייער קאַנאַט פאַרן פּאַראָם — דאָס איז אַ גרויסער חידוש אין ק״ק שקלאָוו. ס׳איז אַ טעאַטער פאַר אַלע ליידיקגייער, אַן אָפּשטעלעניש פאַר באַלמעלאָכעס, וואָס איילן זיך צו דער אַרבעט, אַ פאַרקוקעניש פאַר גויים אויף פורלעך און גויות מיט אָפענע מיילער, אַן אַרומטענצלעניש פאַר מעקלער מיט שטעקעלעך, און גאָר אַ טשיקאַווע זאַך פאַר ייִנגלעך, צוליב וואָס מען איז זיך מוסר־נפש, צוליב וואָס מען דערעסט נישט און מען דערטרינקט נישט, צוליב וואָס מען כאַפּט פעטש און שמיץ, אַבי לויפן קוקן, ווען מען גייט פון חדר וואַרעמעס עסן.

— ✶ —

אויף אַ ליידיקן און זייער לאַנגן פאַס ערד, באַוואַקסן מיט די ערשטע גרעזעלעך, צווישן די פלעקענער־צוימען פון די גויאישקע קרויט־גערטנער און סעדער, באַווייזן זיך גאַנץ פרי דריי געזעצטע יידן אין קורצע וואַטאָווע פאַדיאָווקעס, יעטוועדער מיט אַ גרויסן פּאַק געפּרעסטע פּאַקליע אויף דער פּלייצע. זיי מעסטן אָפּ אַ פינף הונדערט טריט און גראָבן איין אין דער ערד צו צוויי הילצערנע סלופּעס, צוויי קעגן צוויי. און צווישן די סלופּעס באַפעסטיקן זיי צוויי הילצערנע רעדער אויף קאָזלעס, מיט איין האַנט יעדער ראָד. דרייט מען אַזאַ ראָד ביי איר הענטל צעגראַגערט זי זיך מיט אירע האַק־ציינער, ווי פּורים צו דער מגילה. זי דערמאָנט אין אַ פּויערישער שפּינדל־שטול — אַ „שפּונדע״ רופט זיך דאָס. נעמט זיך איין ייד דרייען און גראַגערן און דער צווייטער ייד רוקט זיך פון דער דאָזיקער שפּונדע אויף הינטן, טרעט מיט זיינע שטיוועלעך און בויגט

די קניעלעך, אַלץ אויף צוריק און אויף צוריק, ווי אַן אָפּגעשטאַנענער קרעבס. טריט נאָך טריט מיט די שטיוועלעך, טריט נאָך טריט. און פון זיין פאַרבונדענעם, אָנגעשטאָפּטן פאַרטוך לאָזט ער פּאַוואָליע אַרויסקריכן אַ לאַנגן שנירל פון רויע פּאַקליע. דאָס יידל טרעט אַלץ אָפּ אויף הינטן און דאָס שנירל דרייט זיך. דוכט זיך אויס, אַז ער לאָזט אַרויס פון פולן נאָפּל אַ לאַנגע אומענדלעכע, דינע קישקע. ווי אַ קונצנמאַכער אויפן יאַריד ציט ער זי, און עס טוט אים גאָר נישט וויי. ער רוקט זיך אַזוי און רוקט זיך אויף צוריק, גייט אויס שמונה־עשרה אין דער אומענדלעכ־קייט אַריין, און די שפּונדע גראַגערט אים צו: „גיי, ווייטער, ווייטער!"... פאָלגט ער ווי זי הייסט אים, ביז ער דערגייט צו דער צווייטער שפּונדע, וועלכע שווייגט און וואַרט אויף אים. דאַמאָלסט גיט דאָס יידל מיט דעם לאַנגן נאָפּל אַ געשריי „סטאָי!" ס'הייסט: אַצינד הער איך דיך ווי דעם קאָטער!... דערהערט דאָס ראָד און שטעלט זיך אָפּ אין דער וויטנס. דרייט זיך צו איר אויס „דאָס שמונה־עשרה יידל" מיטן הינטן, גיט אַ ריס אָפּ די אָנגעשפּונדענע דינע קישקע פון בויך און באַפעסטיקט זי צום איינגעגראָבענעם סלופּ. אַצינד כאַפּט אונטער דאָס צווייטע, נאָענטע ראָד דעם אַראָפּגעהאָנגענעם פּענקענעם נאָפּל פונעם יידנס בויך. אַצינד נעמט זי איבער די ממשלה, הויבט זיך אָן דרייען און גראַגערן צום טאַקט. זי גראַגערט און דאָס יידל גייט אויס שמונה־עשרה אין צווייטן זייט. האָפּ־האָפּ שטיוועלע נאָך שטיוועלע. האָפּ־האָפּ. דערביי לאָזט דאָס יידל אַרויס אַ נייע קישקע פונעם פולן בויך מיט פּאַקליע. און ער קריכט אַזוי ביז ער דערקריכט צו דער ערשטער, אַנטשוויגן־געוואָרענער שפּונדע. „סטאָי!" שרייט ער. רייסט זיך אַליין אָפּ דעם נאָפּל און בינדט צו. אַזוי — אַ סך, אַ סך מאָל. שמונה־עשרה אויסגעגאַנגען אַהין און שמונה־עשרה — צוריק.

קלויבט זיך אָן אַ רעכטע פּאַרציע פון אַזעלכע רויע, לאַנגע שפּאַגאַטן, צווישן די סלופּעס. דער אָנגעשטאָפּטער בויך ביים שמונה־עשרה־יידל פאַלט איין. זעצט ער זיך אַוועק אויף אַ גרויסער אויפגעפּאַטלטער קופּע פּאַקליע און רוט זיך אויס. דערפאַר צעגראַגערן זיך די שפּונדעס, אַצינד —ביידע אויף איין מאָל. און ראָד אַקעגן ראָד דרייען צוזאַמען די רויע האָריקע שפּאַגאַטן אינאיינעם. פון אַלע גרויע שנירלעך ווערט איין אָנגעצויגענער שנור, איין שטריק. ציט זי זיך אָן ווי אַ שטאַרקע ריזיקע סטרונע, פון שפּונדע ביז שפּונדע, און ביידע רעדער הויבן אָן קרעכצן און בלייבן שטיין.

הויבט זיך אויף דאָס שמונה־עשרה־יידל מיט אַ נייעם אויסגעוואַק־סענעם פּענקענעם בויך, און שנירלט אויף איין ראָד, דערנאָך — אויף דער צווייטער ראָד. ער קריכט אַלץ אויף הינטן און אויף הינטן, ווי אַ טאַראַקאַן, ווען די באַלעבאָסטע גייט אָן אין קיך.

אַרבעט עס זיך אַזוי עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד. עס שנירלט זיך און עס שטריקלט זיך, פון די שפּאַגאַטן ווערן שטריקלעך. פון די שטריקלעך ווערן גראָבע שטריק און פון די גראָבע שטריק — קאַנאַטן. יעדער קאַנאַט אַנדערהאַלבן פינגער די גרעב. און וואָס דיקער און פעסטער די שטריק ווערן געדרייט, אַלץ האַרטער און נישט־נאָכגיביקער ווערן זיי, אַלץ שווערער און הייסער אַרבעטן די יידן ביי די שפּונדעס, אַלץ שטייפער און גלייכמעסיקער זעען אויס די, פון צוויי עקן געדרייטע, פלאַקסענע ספּיראַלן. שנירל אַרום שנירל און שטריק אַרום שטריק, אַזוי לייגן זיך האַרט און געדיכט די פּענקענע אָדערן. איין פּרונזשינע פון פּאַקליע אין דער צווייטער און איין ספּרוזשינע — אַ ר ו ם דער צווייטער. אַלץ צווילינגס און דריילינגס און פירלינגס פון געדרייטער פּאַקליע, ענג אַרומגעכאַפּט און פעסט פאַרקראַמפּט... און ס׳דאַכט זיך, אַז כדי פונאַנ־דערצונעמען איין דיקע שטריק אַזאַ, וועט מען מוזן צוריק אַרויסשרויפן איין מוראַדיק־לאַנגער פּענקע־פּראָפּנציער פון צווייטן. נאָר אַזוי וועט מען עס קאָנען פונאַנדערנעמען...

די אַרבעט ווערט אַלץ הייסער. די גאַס פאַרשמעקט מיט דערהיצ־טער פּאַקליע. און די שפּונדעס הויבן אָן צו זינגען און צו קרעכצן אונטער אַזאַ אָנשטרענגונג, די איינגעגראָבענע סלופּעס בויגן זיך אויס, פאַרטרויט מען שוין נישט מער אַזאַ שפּאַנונג די הילצערנע האַק־ציינער, אַז זיי, הייסט דאָס, וועלן נישט לאָזן לויפן די שפּונדע־רעדער אויף צוריק. און ווען די אַרבעט רוט — בינדט מען צו די דריי־הענטלעך צו די נאָענטע סלופּעס. און זאָל זיך זיי גאָר נישט גלוסטן אַ מעשה אָפּצוטאָן...

.4

דאַן קומט דער לעצטער טאָג, ווען אַלע פיר מיטעלע קאַנאַטן ווערן צוזאַמענגעדרייט אין איין איבער־קאַנאַט, דאָס איז דער גרויסער פינאַל פון אַ וואָך פּראַצע. אָנשטאָט דריי יידן קומען דאָס מאָל צוגיין גאַנצע פיר. די שוואַכע שפּונדעס ווערן פאַרביטן אויף אַ סך גרעסערע, ביי וועלכע די מיטלסטע טיילן זענען פון אייזן, די הענטלעך אויך פון אייזן

און די אַקסן זענען געדיאַגעכצט. זיי זענען געמאַכט אַזוי, אַז מען זאָל זיי קאָנען איבערדרוקן אויף שטיקער רעלסן, ווען דער קאַנאַט וועט קיר־צער ווערן פונעם דרייען. די דאָזיקע דריי־רעדער ווערן שטאַרק באַפעס־טיקט און איינגעשרויפט צווישן פריש־איינגעגראָבענע סלופּעס. מען צעלייגט אַ פלאַקער און מ׳צעלאָזט פעך און דיעגאַכץ אין איין פאַררוי־כערטן קעסל און מען מישט דאָס שוואַרצע געמישעכץ מיט אַ גרויסן קוואַטש. דאָס הייסט; מיט אַ קאָפּ־פּאַקליע אָנגעבונדן אויף אַ פלאָקן. מען שמירט מיט אים ערטערווייז אָפּ די פיר טיילן פון קומענדיקן קאַנאַט, איידער מען דרייט זיי צוזאַמען. כדי מאַכן זיי בויגיקער און קלעפּיקער, אָבער נישט אויף אַזויפיל זיי זאָלן זיך גליטשן.

מען זעצט אַרויף די גראָבע, האַלב־געפּעכטע שטריק אויף די געהע־ריקע קרוקעס. אין מיטל־פּונקט פון די גרויסע רעדער, און די שפּונדעס הויבן אָן צו אַרבעטן. פיר הענט דרייען קעגן פיר הענט. צוויי יידן דרייען אויף רעכטס און צוויי אויף לינקס. די נייע שפּונדעס גראַגערן נישט. זיי גייען אַ כּך שטילער, זיי טשמאַקען נאָר מיטן פעטן דיעגאַכץ אויף די אַקסן און אויף די האָק־ציינער. אָבער אין דער דאָזיקער מעטאַלענער איינגעהאַלטנקייט און אין דער פעטער גליטשיקייט פילט זיך דער גרויסער שווּנג פון קראַפט, וואָס פּרעסט איין, צום לעצטן מאָל, אַ פּופּציק פּוד צעשויבערטע פּאַקליע אין איין האַרטן און בויגיקן זייל, אַזוי דיק ווי אַ קולאַק און אַזוי לאַנג ווי די ברייט פון דניעפּער בשעת אַ געוויסער.

אַ קאַרטשעניש כאַפּט אָן די פיר האַרבע אָדערן. די שפּונדעס אַר־בעטן און די פיר גראָבע שטריק קרימען זיך אויס אין לאַנגע פּראָפּנ־ציערס פון ראָד ביז ראָד. אַ רינגלעניש און אַ שרויפעניש הויבט אָן אַרומצולויפן איבער זייער צוויי־הונדערט־קלאַפטערדיקער לענג. די צאַפּל־דיקע, שווינדלדיקע רינגען שלאָגן זיך אָפּ אינדערמיטן קאַנאַט און צע־לויפן זיך אויף צוריק צו די רעדער־צו. די קרומע „פּראָפּנציערס" ווערן אַלץ ענגער און ענגער. די טאָלן צווישן זיי פאַרשווינדן און די פּוסטקייט צווישן די ספּיראַלן ווערט ביסלעכווייז איינגעשלונגען אין האַרט־געדרייטן לייב פון פּאַקליע. די אַכט הענט רוען־אָפּ און נאָר איין פּאָר הענט פּעכט איין, פון קעסל, די האַלב אָפּגעטאָנענע אַרבעט. די שפּונדעס ווערן איבערגערוקט אויף די שטיקער רעלסן, אַ ביסעלע נאָענטער איינע צו דער צווייטער, כדי דער קאַנאַט זאָל זיך פרייער קאָנען צוזאַמענרינגלען, און מען נעמט זיך דרייען ווייטער. שווייס טראָפּנס פון שטערנס און

שוואַרצע טראָפּנס פּעך טריפן אַרויס פון קאַנאַט. ער שוויצט אויך, ווייזט אויס, פון אָנשטרענגונג, ביי אַזאַ הייסן געדריי פון צוויי זייטן.

דער פּאַראָמשציק מיט דער פּאַראָמשציכע שטייען דערביי און גיבן אַכטונג, זיי זענען אַ ביסל פּאַרזאָרגט די אַרבעט זאָל זיך איינגעבן, דער נייער קאַנאַט, וואָס קאָסט זיי ביי אַ הונדערט זילבערנע רובל אויף אַ משכון, זאָל אַרויס אַ געראָטענער. דער פּאַראָמשציק זאָגט צו די פּאַר־שוויצטע יידן אויף בראָנפן און פּאַטשט דעם עלטסטן איבער דער פּלייצע. דרייט מען געשמאַק און מען סטאַרעט זיך. קנאַקן די ביינער ביי מענטשן און די שפּונדעס קנאַקן נאָך מער. אָט־אָט בויגן זיי זיך אויס און רייסן אויס, אונטער זיך, די איינגעגראָבענע סלופּעס. מוז מען זיי ווייטער איבערשטעלן אויף די גליטשיקע אייזנס.

די שפּונדע־דרייער הויבט אָן אויסצוגיין לופט. נעמען זיך אונטער פּרייוויליקע פון דער גאַס צו העלפן זיי. ליימער מיט פּאַרקאַטשעטע אַרבל, שוסטער מיט שוואַרצע נעגל, יידן און גויים און יעטוועדער, וועלכער האָט גאָט אין האַרצן. מען שרייט קורץ און פּאַרזאָרגט, כדי אויפצומונטערן איינער דעם צווייטן. וואָרום די אַרבעט איז אַצינד בכלל נישט אַזאַ זיכערע. אַ ראָד זאָל פּאַרלירן אַ האַק־צאָן, אָדער זי זאָל מחמת אַן אַנדער סיבה, אַ לאָז טאָן זיך אַצינד אויף צוריק, קאָן זי, ביי דער מוראַדיקער אַנגעשפּאַנטקייט פון האַלב־געמאַכטן קאַנאַט, אַראָפּקלאַפּן אַ קאָפּ, אַזוי לייכט ווי אַן עפּעלע פון צווייג.

די געצווילינגטע און געפירלינגטע טיילן פון קאַנאַט רינגלען זיך צוזאַמען אַלץ האַרטער און ענגער. אַ נאָדל קאָן מען שוין מער אין די „צווישנס" נישט אַריינרוקן. פונדעסטוועגן דרייט מען נאָך צאָל נאָך צאָל. פון אַלע קעגן־כוחות שרויפט זיך אַ שרויף פון אַ פּופּציק פּוד פּאַקליע, וואָס אַ סך מענטשלעכע פּאַראייניקטע קרעפטן גייען אין איר אַריין. זיי שפּאַרן זיך אין איר האַרטקייט און צוריק אַרויסגיין קענען זיי נישט. שפּרינגט ערגעץ־ווו אויף אַ פּענקענער אָדער, מחמת איבערפּלוס פון אַריינ־געפּרעסטער קראַפט, אַזוי לויפט צו אַ ייד מיט אַ ברייטן האַמער און קאָועט דעם אָנגעשוואָלענעם אָרט, און אַ צווייטער ייד קוקט פון אַ צווייטן עק דורך אַ פּוסטן קולאַק, ווי דורך אַ שפּאַקטיוו, כדי צו זען די גלייכקייט און רונדיקייט. ער גיט אַ צייכן פונדערווייטן און דער ברייטער האַמער שלאָגט ווייטער, טעמפּ און פעט, ווי אין בליי אַריין. אונטער זיינע שלעק,

וועלכע הערן זיך אָן ווי פּעטש, ציטערט דריבנע דער אָנגעצויגענער ריז און ברומט ווי אַ באַנדורע.

.5

אַזוי שמידנדיק און דרייענדיק ווערט ביסלעכווייז אויסגעגליכן דער פינף־צאָליק גראָבער קאַנאַט. קיין איינציקער אויפגעלאָפּענער „בלאָטערל״ איז אויף אים נישטאָ. ער איז גלאַט ווי אַן אַלטע וואַלגערהאָלץ און שווער ווי אַ געגאָסענער זייל פון אייזן. מען בינדט צו, פון זיכערקייט וועגן, די אָפּגעשטעלטע דריי־רעדער און מען לאָזט אַזוי דעם אָנגעצויגענעם קאַנאַט עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד אין דער לופטן, כדי זיינע פּענקענע אָנגעפּעכטע שרויפן זאָלן זיך געוויינען צו אַזאַ שפּאַנונג, זיי זאָלן זיך גוט אָנפּאַכן צו זייער אומנאַטירלעכער פאַרדרייטקייט; זייער קראַמף זאָל פאַרגליווערט ווערן, זיי זאָל זיך שוין מער נישט גלוסטן צו לויפן אויף צוריק. אין דער דאָזיקער שפּאַנונג ווערן זיי נאָך געפּעכט פון צייט צו צייט, געזאַלבט מיטן הייסן קוואַטש, כדי מאַכן זיי נאָך ווייכער, נאָך בויגיקער, כדי צו באַרואיקן זייער מוראדיקע ווידערשפּעניקייט. פון ביידע עקן, האַרט ביי די שפּונדעס, ווערט דער קאַנאַט פעסט אַרומגעבונדן מיט דינע, געדיכט־אָנגעדרייטע שטריקלעך, כדי צו דערווערגן, ביים סאַמע וואָרצל, זיין צוזאַמענגעשרויפטן צאָרן און זיין אָנגעדרייטע גבורה.

פונדעסטוועגן, ווען דער פאַרטיקער קאַנאַט ווערט פאַרנאַכטלעך אַראָפּגעלאָזט פון די גרויסע שפּונדעס, גיט ער זיך אַ וואָרף אין קוים־אָנגעשפּראָצטן וויעסנע־גראָז, ווי אַ גוססדיקער ווערגל־שלאַנג. ער צאַפּלט דערנאָך און דרייט מיטן קאָפּ, מיטן דערוואָרגענעם האַלדז און מיט איין פוסטן אויג — אַ לאָך אָן וועלכער ער האָט זיך פריער געהאַלטן אָן דעם קרוק אין שפּונדע — ביז ער באַרואיקט זיך. ערשט דאַמאָלסט דערנענטערט מען זיך צו אים און מען וויקלט אים צונויף אין געשטאַלט פון אַ ריזיקע מושל, אין איין געדרייטער קופּע. אין אָנטאַפּן איז ער האַרט ווי געקאָוועטער אייזן, אין וואָג איז ער שווער ווי בליי, און פונדעסטוועגן איז ער נאָכגעביק, אין צוזאַמענלייגן, ווי רויע טייג ביים פלעכטן אַ קיטקע. עס גלויבט זיך גאָר נישט, אַז פון אַזאַ בערך דינעם וואַגלער זאָל אויסוואַקסן אַזאַ באַרג מיט אויסגעאַרבעטע שטריק. ערשט אַז מען לייגט אים אינגאַנצן צוזאַמען, אין אַלץ קלענערע און קלענערע ספּיראַלן, דערזעט מען וואָס פאַראַ אַרבעט דאָ איז אָפּגעטאָן געוואָרן, צענדליקער

פּוד פון צעפּלאָשעטע האָריקע פּענקע און ביי אָנדערהאַלבן פּוד פּעך האָט זיך דער נייער קאַנאַט אַריינגעשלונגען. פינף טעג פון מאַשינאָווע און מענטשלעכע כוחות זענען אין אים אַריינגעפּאַקט געוואָרן. און דאָס אַלץ ליגט דאָ פאַרשטאַרט אין ענגע צוזאַמענגעפּעכטע אָדערן. קוקט מען אָן אָט דעם באַרג מיט פאַרגליווערטער מענטשלעכער פּראַצע, אַזוי ווילט זיך מאַכן אַ גרויסן קולאַק און סטראַשען עמיצן אַ שטאַרקן, אַן אומבאַזיגטן...

מיט פאַראייניקטע כוחות פון די באַלמעלאָכעס, פון יידן און גויים אויף דער גאַס, און פון אַנשל פאַראָמשציק גופא, ווערט דער גאַנצער באַרג מיט אויסגעאַרבעטע, איינגעפּעכטע פּאַקליע אַרויפגעשלעפּט אויף אַ ברייטער טאַטשקע און ווערט אַראָפּגעפירט מיט גרויס כבוד צום פּאַראָם. דאָ ווערט ער אָנגעצויגן, ווי אַ נייע גרענעץ איבער דער גאַנצער ברייט פון דניעפּער, אָנשטאָט דעם אַלטן אָפּגעלעבטן חבר זיינעם, מיט די פאַרצירעוועטע אָנגעשוואָלענע ריסן. דער נייער יורש זיינער פאַרשמעקט דעם פּאַראָם מיט זיין פּעכיקער פרישקייט און מיט זיין נייער פּענקע, וואָס גיט זיך אָפּ מיט געזונטער פויערישקייט און מיט גויאישקער סערמיאַגע.

דער דאָזיקער נייער ריח גיסט זיך אַריין אין די פרילינג־ריחות ביים ברעג טייך; אין די ריחות פון ווערבע־ריטער, פון פערדן־שווייס, פון אָנגעווייקטן ליים און אָנגעוואַרעמטן זאַמד... אַ נייער קלונג איז דער דאָזיקער ריח אין אַן אָנגעשטעלטער פריילעכער קאַפּעליע. ס'איז אַ נייער ווינק, נאָך אַ ווינק אויף אַ נייעם פרילינג, אויף נייע אויפגעכאַפּטע כוחות וואָס יוירן שוין שטיל און איינגעשפּאַרט אין מענטשן, אין בהמות און אין דער אויפגעוואַכטער ערד. נאָך נאָר... איין אָנזאָג איז דאָס. וואָרים ער אַליין איז נאָך נישטאָ. צו בלאָטיק זענען נאָך די וועגן און צו שווער איז דער שלעפּ פון זיין קייזערלעכן מאַנטל. ערגעץ־ווו אין טיף אוקראַינע, אַרום קיעוו, גייט ער טריט ביי טריט. אין רייסן הערט מען דערווייל נאָר די ריחות זיינע.

אָבער שאַ! אָט־אָט קומט ער! אָט־אָ גייט ער שוין, ער אַליין, מיט שוימיק גרינס אויף בעריאָזעס, מיט געלבע קר־קווייטלעך אין גראָז און מיט ניי־אויסגעווייסטע פאַרעכאָדן אויפן אויסגעלויטערטן דניעפּער.

זונדל גאָטס גנב

.1

אַ ביסל שפּעטער, נאָכן פּאַראָמשציק, טשוכעט זיך אויס, פון זיין ווינטערדיקן שלאָף, אַ צווייטער בער אין זיין נאָרע אויפן ברעג דניעפּער. דאָס איז „זונדל גאָטס גנב״.

ער קריכט אַרויס פון זיין הייזקע אין אַ וואַטאָווען צעפליקטן לייבל, מיט צעפּאַטלטע ברודיק־בלאָנדע און לאַנגע האָר פון אַ לאַטיש, שטעלט זיך אַוועק ביים ווינקל און קוקט אָן דעם מפרנס זיינעם, דעם אָפּגעריי־ניקטן דניעפּער מיט אַ האַרטער מינע. זיינע לעבעדיקע אויגן זענען איינגעגראָבן אין אַ גאַנצער „האַרמאָשקע״ פון רויטע און געלבע קנייטש־לעך. זעט דערפאַר אויס זיין קוק שאַרף און פאַרשנד, ווי פון שפּאַקטיוועס אַרויס. דער דניעפּער איז נאָך כמורנע, נאָכן אָפּטרייסלען פון זיך דעם שווערן יאָך פון אייז. און פונקט אַזוי כמורנע געגעצט צו אים זונדל, פון הויכן ברעג־אַראָפּ. עס הייסט: „דו ביסט נאָך ברוגז, בין איך אויך ברוגז, און טו מיר עפּעס!...״

בעבעכעס פון אַלערליי ציגיינערשע קאָלירן לופטערן זיך אַרום זונדלס הייזקע. זיי הענגען אַראָפּ אין די הויפנס ווי ביי אַ מאַרק־הענדלער פון דער פּלייצע. זיי הענגען אַראָפּ פון זשאַווערדיקע טשוועקעס, פון סוקעס, פון פּלעקענער, און פאַרשטעלן די הייזקע כמעט אינגאַנצן. עס זענען דאָ בלויע, ברייטע פאַרטוכער פון זיין פּלוניתטע, רויט־געשפּרענקלטע ציכלעך, גרינע מולטענע קאָפּטעס, געלבע קינדערשע מייטקעלעך מיט שפּענצערס. און גלאַט אַזוי פאַרביקע טראַנטעס. אַלץ פון דער שנור זיינער און פון אירע צוויי קינדערלעך, וואָס וואַרטן אויף וואַרעמע טעג, כדי אַוועקצופאָרן נאָך קאָפּלען מיט אַ פאַרטיע פּערעסעלענצעס, נאָך דעם זעלבן קאָפּלען, זיין בכור, וועלכן מ׳האָט פאַרשיקט היינטיקן ווינטער קיין „סימביר״ פאַר אַ מעשה שהיה...

דאָ לופטערן זיך געפּאַסעקטע גרויס־שטעטישע זאַקן און אַ פּאָר לאַסטיק־אונטערקליידלעך פון מושען, זיין טאַכטער, פון וועלכער ער האָט אויך קיין גרויסן נחת נישט. ווארים אַן אייניקל האָט זי אים געבראַכט אַהיים, און ער אַליין ווייסט נישט, ווו זי האָט עס געבוירן... ווו האָט זי דאָס חתונה געהאַט? ווער איז איר מאַן? און ווען איז דער מאַן אַוועק פון איר? ער ווייסט עס נישט. אַן אייניקל האָט זי אים מיטגעבראַכט אין הייזקע אַריין און אַ שלוקערץ, אַ מוראדיקן שלוקערץ, וואָס מ׳קען גאָר נישט אויסהיילן. און חישין דער דאָקטאָר זאָגט, אַז ס׳איז פון נער־וועאישקייט...

דאָ לופטערן זיך שוין אַפילו די גרויסע קאָשיקעס, פון וועלכע ער און זיין ווייב פאַרקויפן, זומער־צייט, קיכעלעך און אייער ביי די פּאַ־רעכאָדן.

דער פרילינג־ווינט איז, דאַכט זיך, אַריינגעפאַלן, ווי הייוון, אין דער ענגשאַפט און ברודיקייט פון זיין הייזקע, אויפגעבלעזלט אַלע פּאָר־לעגענע געווענטער, אויפגעבאַברעט אַלע לעכערדיקע צודעקעכצן און אַרויסגעבלאָזן זיי אויף דער פרייער לופט. און אָט פאָכען זיי אַלע און פלאַטערן אַרום זונדלען, ווי געבראָכענע און גאַנצע פליגלען, טאַרמאָשען אים ער זאָל אַ ביסל לעבעדיקער ווערן. ער זאָל מיט זיי פליען... און ער שטייט גאָר אין דער פאַרביקער געפעכעריי און געגעצט.

אַ צוויי־יאָריק קינד קריכט אַרום אים אַרום, בלייבט שטיין פּאַר־טראַכט און קוקט מיטן זיידן צוזאַמען. דאָס איז מושעס, זיין טאָכטערס אַ טעכטערל. דאָס איז דאָס אייניקל, וואָס מ׳ווייסט נישט ווו און פון וועמען ס׳איז געבוירן געוואָרן. די צוויי פּנימער פון עלטער און קינד־שאַפט שפּיגלען אָפּ די כמורנעקייט פונעם באַפרייטן דניעפּער, ווי אַן אַלטער צעקרימטער שפּיגל און אַ ביי שפּיגעלע פּאָר דריי קאָפּיקעס... נאָר די רויטע ליים־בערג פון זאַרעטשיע אַקעגן זיי, מישן אַריין אַ וואַ־רעמען טאָן אין דעם בלייענעם וואַסער־אָפּשיין און פאַרשפּריצן אים אין די מענטשישע קוקערס אויך.

די רויטקייט פון זאַרעטשיער בערג, אויף וועלכע עס שמעלצט זיך נאָך דאָס לעצטע ביסל שניי, און וועלכע קייטלען זיך צו די קאַכעלניעס און צום אָרשער שליאַך צו, דערמאָנען זונדלען אין די אָרשער ברעמלעך, ווו עס וווינט הירשל דער טויבער, דער זעלבער הירשל, וועלכער האָט געמסרט קאָפּלען זיין זון פאַר דער מעשה מיט חישין דעם דאָקטאָרס פערד, און האָט עדות געזאָגט קעגן אים אין מאַהליוּוער סוד. שפּייט

ער אויס, זונדל, מיט האַרץ, כאַפּט אָן מושעס מיידעלע פאַר דער האַנט און שלעפּט עס צוריק אין הייזקע אַריין.

דאָס אויפגעריסענע טירל קלאַפּט זיך צו, און די קאַלירטע בעבע־כעס שאָקלען נאָך נאָכן אַלטן און נאָך זיין אייניקל:

„מאָדנע מענטשן! קאָנען נישט פאַרגעסן"...

.2

זונדלס הייזקע, ווו עס האָבן געווינטערט אַ זיבן־אַכט פאַרשוין, איז אייגנטלעך נאָר אַ מין סכה מיט איין פענצטערל און מיט איין טירל, אינגאַנצן צוזאַמענגעשלאָגן פון געהובלטע ברעטער. אויסגעשטאָפּט, ווו אַ לאָך מיט מאָך און מיט אַ בלעכערנעם קוימען איבערן שפּיציקן דעכל — אָן אַ בוידעם. שטייען טוט זי אויפן הויכן, שטאָטישן ברעג דניעפּער, אַזוי ווי דעם פאַראָמשציקס הויז, און איז נאָר אָפּגערוקט ווייט פון פאַראָם אַ וועלכענע הונדערט קלאַפּטער. פון דערווייטנס קוקט אויס זונדלס הייזקע, ווי אַ ווייס־געהובלטער נעסט פול מיט מיני מענטשן־פויגלען, וואָס קוקט זיך פריי און אומאָפּהענגיק אין דניעפּער אַריין און שמייכלט אַראָפּ צו די טונקעלע פריסטאַנעס, ווו די ווייסע פאַרעכאָדן שטעלן זיך אָפּ. נאָר וואָס נעענטער מען גייט צו צו דער הייזקע, אַלץ קלאָרער ווערט די אָרעמקייט, אַלץ בולטער — די דחקות. אַלץ שאַרפער ווערן די פאַרבן און די ריחות פון דער צוזאַמענגעקאָרטשעטער נויט. און די מענטשן, וואָס קריכן אַרויס פון דעם דאָזיקן נעסט, זענען זייער ווייט פון זיין ענלעך צו בלויע שוואַלבן מיט ווייסע ברוסט־שירצלעך...

אַנדערש קאָן דאָס אויך נישט זיין. ס'איז אַ „כל־דכפין"־הייזקע... וואָרים אויסער זונדלען און זיין משפּחה טוליען זיך דאָ זומער־צייט, אָפּט מאָל אויך ווינטער, אַלץ וואָס אַנטלויפט פון שטאָט, פון שטאָטישע עוולות, און אַלץ וואָס זוכט אַוועקצופאָרן מיטן ערשטן בעסטן פאַרעכאָד... אָן אַ בילעט. אויף די שמאָלע הילצערנע בענק, אַרום די ווענטלעך אין זונדלס הייזקע, געפינט מען צוגעטוליעט אַן אָרעמאַן מיט אַ טאָרבע; אַ ישיבה־בחור, וואָס איז געבליבן אָן טעג, מיט אַן אומריינעם העמד אין אַ נאָז־טיכל פאַרבונדן, וואָס וויל איבערן וואַסער אַנטלויפן צוריק צו דער מאַמען; אַ קאַטערינשטשיק אָן אַ האַנט, וואָס דרייט זיין קאַטערינקע און בעטלט דערביי נאָר מיט איין גאַנץ־געבליבענער דלאָ־ניע; אַ גויאישקן מייסטער, וואָס יידן האָבן געבראַכט צופירן פון דער

פרעמד און אַרויסגעטריבן פאַר שיכרות; אַ פאַרדעכטיקטן יונגגמאַנטשיק מיט ברענענדיקע אויגן, מיט אַ קאַמערטאָן אין קאַליעווע, וואָס זאָגט, אַז ער האָט געזונגען ביי אַ חזן... נאָר מ׳ווייסט נישט אין וועלכער שול ער האָט דאָס געזונגען און ביי וועלכן חזן. און בשעת ער נעמט ציען דעם קאַמערטאָן פון קאַליעווע, כדי צו ווייזן ווער ער איז, גיט עס דאָרטן מאָדנע אַ קלונג, און מענטשן רוקן זיך אָפּ פונעם יונגנמאַן, וואָס שניידט זיך אויף אַ חזן. מען איז חושד, אַז אויסער דעם קאַמערטאָן ליגט ביי אים אין קאַליעווע אַ מעסער אויך.

הכלל, ווען שטאָט האָט עפּעס באַליידיקט, אָדער נישט געטרויט, לויפט אַהער צו זונדלען, ווי די אַמאָליקע קרעפּאַסטניקעס זענען געלאָפן אין דער „וואָלניצע״ *) קיין זאַפּאָראָזשיע, הינטער די שטיינערנע שוועלן פון דניעפּער... זונדלס הייזקע איז זייער מקום־מקלט. אַלע קריגן זיי דאָ אַ פּאָר איילן באַנק צום אָנשפּאַרן זיך, און אַ ביסן ברויט צו אונטערלענען דאָס האַרץ. מען פרעגט דאָ נישט קיין פּאַפּירן, מען פאַר־לאַנגט דאָ נישט קיין שום באַצאָלט. פּאַרקערט, זונדל זעט אַוועקצו־שוואַרצן, ווי נישט איז, זיינע נישט־געבעטענע אורחים מיטן וואַסער, קיין אַרשע און קיין מאָהליוו, ער מאַכט דאָס אָפּ מיט די מאַטראָסן פון די פאַרעכאָדן פאַר אַ שבוש. און באַפרייט אַזוי אַן אָרט פאַר נייע אורחים אין זיין הייזקע.

זונדל אַליין, אַזוי זאָגן באַלעבאַטים, האָט קיינמאָל נישט געגנבעט, חס ושלום! ער האָט אַלעמאָל כשר פאַרדינט זיין ברויט. אַלע וואָס דען? דעקן גנבים — דאָס יאָ. באַשיצן פאַרדעכטיקטע פאַרשווינען, דאָס האַלט ער פון אַלעמאָל־אָן פאַר זיין הייליקסטן חוב, ער און זיין גאַנצע הויז־געזינד. „עס־אָפּ, נעכטיק איבער און פאַר געזונטערהייט!... איך בין מיר זונדל. איך פאַרקויף בולקעס ביי די פאַרעכאָדן און ווייס פון גאָרנישט...״

רופט מען אים דערפאַר נישט מיט קיין רויען צונעמעניש, נישט סתם „זונדל גנב״, נאָר איידעלער, מיט אַן איראָנישן ווונק: „זונדל, גאָטס גנב״.

די הייזקע פון געהובלטע ברעטער גופא געהערט גאָר נישט זונדלען. נישט ער האָט זי געבויט. זי געהערט צום רבינס פּריסטאַן אונטערן וואַסער. און פּריסטאַנעס זענען דאָ צוויי. איין פּריסטאַן אַ גרויסער,

---

*) פרייהייט.

אַ געפּאַרבטער אין נאַציאָנאַל־רוסישע קאָלירן, געהערט צו דער גוי־אישער „קאָמפּאַניע״ פון פּאַרעכאָדן, וואָס מען זאָגט, אַז זיי זענען גרויסע שונאי־ישראל, און דער צווייטער פּריסטאַן, אַ טונקעלער, אַ באַשיידענער, געהערט צום רבין שניאורסאָנס פּאַרעכאָד. צו ר׳ לייבעלען פון קאָפּוסט. דעם רבינס נאָמען איז „פּאַראייביקט״ איבער די גרויסע וויאָסלע־רעדער פון זיין פּאַרעכאָד און אויף די רעטונגס־גאַרטלען. דאָרטן שטייט אויס־געמאָלט, מיט האַלב־אַרשינענע אותיות, מיט טוש און מיט גאָלד: „לעוו״...

„זונדל גאָטס גנב״ איז כלומרשט דער אַפּוטרופּוס פונעם רבינס פּריסטאַן, כאָטש אַליין טוט ער ביים פּאַרעכאָד אַ פינגער אין דניעפּער־וואַסער נישט אַריין. אַלע מלאכות אויפן פּריסטאַן, ווי האַלטן אים ריין, אַרויפציען די פאַן, ווען דער פּאַרעכאָד באַווייזט זיך, און אַרויפשטופּן די קלאַטקע מיט דער פּאַרענטשע, ווען דער פּאַרעכאָד קומט צו צום ברעג, וכדומה, דאָס אַלץ טוען געדונגענע גויאישע סטאַראָזשעס, וואָס ווינען אויפן פּריסטאַן, ווי ביי זיך אין כאָטע. היינט וואָס־זשע טוט דאָ זונדל? ער טוט דאָס, וואָס יענער יונגערמאַן מיט דער רעקאָמענדאַציע האָט געקאָנט טאָן, ווען ער איז געקומען זוכן אַ שטעלע. וואָס קאָנט איר? האָט מען דעם יונגנמאַן געפרעגט, בוכהאַלטעריע? ניין. בוכהאַלטעריע האָט ער גראָד נישט געלערנט. ער האָט אַ צו שוואַכן זכרון. נו, וועט איר פּאַקן קאַסטנס! אַך, ניין. דאָס וועט ער נישט קענען. ער האָט „האַרמאַ־טיזם״, האָט ער. עס טוט אים שטענדיק ווי אַ לאַפּאַטקע. נו, וועט איר זיך שוין מוזן מטריח זיין ווישן די לאָמפּן, אויסקערן די פּאָדלאָגע... אויסקערן? אויסווישן? חס ושלום! דער דאָקטאָר האָט אים אָנגעזאָגט, אַז שטויב און סאַזשע איז פאַר אים סם־המות, אַ האַלב יאָר שוין, אַז ער הוסט. און אגב ווייסט ער אַפילו נישט ווי מען נעמט אַ בעזים אין האַנט... הכלל, יונגערמאַן, וואָס־זשע קענט איר? המ... וואָס קען ער?... ע ר ק ע ן נ ע כ ט י ק ן. וואָס הייסט נעכטיקן? אַז מען פאַרט אַוועק זומער אויף אַ דאַטשע, בלייבט דאָך די דירה איינע אַליין, קען ע ר דאָס נעכטיקן. אַ ספּעציאַלנאַסט אַזאַ.

— ✶ —

אָט דאָס אייגנטלעך, איז אויך „זונדל גאָטס גנבס״ ספּעציאַלנאַסט ביי די פּאַרעכאָדן. ער קען „נעכטיקן״. ער נעכטיקט אין דער הייזקע זומער, בשעת פּאַרעכאָדן גייען. בינו־לבינו נעכטיקט ער שוין ווינטער אויך,

ווען דער דניעפּער איז געפרוירן און דער פּריסטאַן ווערט אָוועקגעפירט ערגעץ־ווו איבערצווינטערן. און הייסן הייסט דאָס פּאַרט, אַז אַ ייד איז אַ משגיח אויף די ענינים פון רבינס פּריסטאַן אין ק״ק שקלאָוו. עס איז אַ פּשרה, אַ מין דראָטענער ערוב, כדי צו קענען טראָגן אום שבת.

.3

דאָס אָבער, וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען טוט זונדל גרונ־טאָוונע, מיט מסירת־נפש. ע ר נעכטיקט און עס נעכטיקט טעמע זיין ווייב, אַ דיקע יידענע מיט שיינע שוואַרצע אויגן און מיט אַ מאַנסבילשע נאָז; און מושע זיין טאָכטער נעכטיקט, אַ היפּטיקע און ברוסטיקע יונגע ווייב מיט אַ קאָפּ האָר, מיט גראָבע ליפּן און מיט קליינע הענט, וואָס די תאוה שלאָגט פון איר, ווי די היץ פון ערב־שבתדיקן באָד־אויוון. אַלע באַלעגאָלעס ווינקען זיך מיט איר איבער און די יונגע מאַטראָסן פון אַלע פּאַרעכאָדן זענען מיט איר חבר־לאַפּ. אָבער זי אַליין איז, דאַכט זיך, איבערגעגעסן מיט זיי אַלעמען, ווי אַ ראַסאָווע בהמה מיט צוקער־ריבן. זי קוקט אָוועק פון זיי מיט אַ מאָדנעם אויסדרוק פון פריקרעקייט און... שלוקערצט. זינט זי איז צוריקגעקומען פון דער פרעמד, מיט איר יאָריק מיידעלע אויפן אָרעם, האָט זי באַקומען אַזאַ שוואַכקייט. זי איז ווייך און באַשיידן מיט ווייבער און גראָב און מגושמדיק מיט מאַנסבילן. אַפילו דער טאַטע אירער עפּנט אויף אַ פּאָר אויגן, ווען ער דערהערט איר לשון, ווי אַזוי זי ווערטלט זיך דאָ מיט מענער, וועלכע שטייען צו איר צו. „מושע!״, שרייט ער, און אַלע קנייטשעלעך אַרום די אויגן ווערן ביי אים רויט. ענטפערט זי אים אָפּ מיט אַ שאַלנדיקן שלוקערץ... פאַר איר שלוקערץ האָט זונדל מורא. כאַפּט דאָס איר אָן, אַזוי שרייט דאָס פון איר אַרויס ווי אַ גלגול, ווי אַ סאָווע אין פינצטערן וואַלד. אַן אָנשיקעניש איז געקומען אויף אַזאַ שטאַרקער נקבה ווי זיין מושע. חישין, דער דאָקטאָר, אָט דער אַלטער בחור, זאָגט אַפילו, אַז עס וועט זיך מיט דער צייט „אויסשטיין״. נאָר עס שטייט זיך נישט אויס. זונדל אַליין הויבט אָן חושד זיין, אַז דער אַלטער בחור האָט גאָר הנאה, וואָס זי קורירט זיך ביי אים אַזוי לאַנג. לייטן זאָגן, אַז בשעת ער באַגלייט זי אַרויס פון זיין קאַבינעט זענען ביי אים די אויגן פאַרגאָסן מיט הינערשע שמאַלץ און ער זינגט איר נאָך זיס און געצויגן אויף פּעטערבורגער רוסיש:

— טאַק שטאַ, באַרישניאַ, וועט איר קומען איבערמאָרגן... דאַ!

דרייזע, זיין שנור, מיט אירע צוויי קינדער העלפן אַצינד אויך „נעכטיקן". זיי העלפן אין דעם, זייער שווער און זיידן, זינט קאָפּל זיין זון איז אַוועק קיין „סימביר" פאַר „גאָרנישט מיט נישט..."

גרויס איז ער געווען אָט דער דאָזיקער קאָפּל און שטאַרק, אַז אַלע האָבן זיך געוווּנדערט: ווי קומט דאָס אַזאַ ריז צו אַזאַ קורצינקן יידעלע ווי זונדל גאָטס גנב? באַלעגאָלעס, ביים ברעג דניעפּער, האָבן משער־געווען, אַז איידער זונדל איז געגאַנגען אויפמייסטרעווען אַזאַ בנאָק, האָט ער זיך אַוודאי געשטעלט ביי טעמען, זיין ווייב, אויפן קאָפּ און אָפּגעמאָסטן: דו הערסט, טעמע, אָט אַזאַ יאָט זאָלסטו מיר האָבן!

קאָפּל איז אַמאָל, אַלס יינגל, געגאַנגען אין תלמוד־תורה צוזאַמען מיט נח פאַנדרען. ער האָט דוקא געהאַט אַ בעסערן קאָפּ פאַר פאַנדרען, בעסער געלערנט פאַר אים. נאָר פאַנדרע איז דערנאָך אַוועק „אין פליייש" און קאָפּל „אין פערד"...

— ✶ —

ס'הייסט, נישט אין מסחר פון פערד, נאָר אין ר י י ט ן אויף פערד. זיין חשק צו רייטן האָט זיך ביי אים באַוויזן נאָך פאַר „בר־מצוה". און מיט דער צייט איז דער חשק אַזוי שטאַרק געוואַקסן, אַז ער האָט מער רואיק נישט געקענט זען אַ צוגעבונדענעם פערד. ער האָט זיך געמוזט אַרויפכאַפּן אויף אים און אַוועקרייטן... מיין פערד צי דיין פערד — דאָס איז אַלץ איינס!

אָפּגעריטן מיט באָרוועסע פיס איין וויאָרסט, פלעגט ער שוין אַוועק־רייטן אַ צווייטן וויאָרסט, אַ דריטן. דער חשק פון רייטן פלעגט אים אַזוי פאַרפירן קיין מאַקאַראָווקי און צו די דערפער אַרום מאָהליוו. נו, אַ מענטש מוז דאָך עסן אויך! פלעגט ער דאָס פערד פאַרהאַנדלען. בלייבט מען דאָך מיט צוויי באָרוועסע פיס איינער אַליין אין דער פרעמד? פלעגט זיך אונדזער קאָפּל ווייטער אַן עצה געבן. אויסגעשפּאַנט אַן אַנדער פערד פון אַ פרעמדן וואָגן, און אַוועקגעלאָזט זיך רייטן צוריק קיין שקלאָוו.

ער האָט אַזוי לאַנג אַרומגעריטן, ביז מ'האָט אים געכאַפּט און איינגעזעצט און געמשפּט. אַרויס פון אָסטראָג און אָפּגעגעסן אַ פּאָר אומזיסטע וואַרעמעסן ביי דער מאַמען, פלעגט זיך אין אים דער חשק פון רייטן צעפלאַקערן מיט גאָר אַ נייער פרישקייט. ער האָט שוין

חתונה־געהאַט, געקראָגן צוויי קינדער און אָפּגעווױנען זיך פון זײַן שוואַכקײט, האָט ער אַלץ נישט געקענט. וואָס ווייטער, אַלץ מער איז ער „געזעסן" און אַלץ וויניקער געריטן אויף פרעמדע פערד אין דער פריי. מען דערציילט אַפילו, אַז דאָס לעצטע מאָל, נאָך דריי יאָר זיצן, איז ער געקומען אַהיים און געטראָפן אַ יאַטל ביי דרייזען, זײַן ווייב, אין וויגעלע. ווי אַזוי דרייזע האָט אים דערקלערט אַזאַ נס ווייסט מען נישט. מען ווייסט נאָר, אַז פון זונדלס הייזקע האָבן זיך דאַמאָלסט, איבער דעם דניעפּער, געטראָגן מוראדיקע ווייבערישע געוואַלדן. טעמע, קאַפּלס מאַמע, איז אַרומגעלאָפן ווי אַ קוואָקעכע זוכן הילף. זונדל אַליין איז געשטאַנען ביים אָפענעם פענצטערל מיט אַ קאָליע אין האַנט און האָט אימיצן געסטראַשעט. דערנאָך איז שטיל געוואָרן, און דער יאַטל אין וויגעלע איז אויך שטיל געוואָרן, אויף אייביק... קאַפּל אַליין איז אויך שטילער געוואָרן און, צוזאַמען מיט דרייזען, אַוועקגעזעצט זיך שבעה נאָכן עופהלע. זענען דאָך נייגעריקע באַלעגאָלעס אַרײַנגעקומען מנחם־אבל זײַן. האָט זיך קאַפּל גנב געקלאָגט פאַר זיי מיט גרויסע עניוות, פאַנאַנדערפּירנדיק מיטביידע לאַנגע הענט:

— נאַ, ברידער, איר הערט? אַזוי אומזיסט בין איך נאָך קיינמאָל נישט „געזעסן"...

.4

וואָלט נאָך אַלץ אָפּגעלאָפן ווי עס באַדאַרף צו זײַן. וואָרים נאָך שבעה האָט זיך קאַפּל אַרויסגעצויגן פון טאַטנס הייזקע און גענומען לעבן צוריק מיט ווייב און קינדער, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן. דאַרף זיך אָבער אַרײַנמישן דער שטן און נישט דערלאָזן. ווייטער אַ מעשה מיט אַ פערד.

פאַראַיאָרן ווינטער, אַ שבת פאַרנאַכט, אינעם זעלבן ווינטער, ווען מען האָט פאַנאַנדרען אַרעסטירט פאַר אויפהויבן אַ האַנט אויפן פּריסטאַוו, גייט זיך אַזוי קאַפּל צו דער מאַמען זײַנער אין געסט, אויפן ברעג דניעפּער, כדי אָפּצועסן אַ טעלער מיט געקאָכטן באָב, וואָס די מאַמע גרייט פאַר אים אָן כיבוד אַלע שבת צום טיי. עס טונקלט שוין איבערן דניעפּער און איבער זאַרעטשיער בערג. דער טאַטע, ווייסט ער, איז אַוועק, נאָך שלוש־סעודות, אין שטאָט אַרײַן צו מעריב. ער, קאַפּל, האָט פיינט צו עסן כיבוד ביי דער מאַמען, ווען דער טאַטע איז דאָ... דער

טאַטע איז דאָך אַ „גאַטס גנב". מוז מען מאַכן אַ ברכה. מען מוז זיך שטעלן מנחה־דאַוונען. אַלץ פאַרן טעלער באַב... אַזאַ עסק לוינט קאַפּלען נישט. אַזאַ געשעפט קאָסט זיך אַליין טייערער.

פאַרמאַכט מיטאַמאָל קאַפּל איין אויג און דערזעט מיטן צווייטן אויג, ווי דורך אַ שפּאַקטיווע, אַז נישט ווייט פון טאַטנס הייזקע, צוגעבונדן צו אַ ווערבע, שטייט אַ פיינער פערד, אַ שוואַרצער, מיט אַ שוואַרץ־לאַקירטן שליטן, און קיין קוטשער איז נישטאָ. פאַרטאַיעט קאַפּל דעם סקריפּ פון זיינע שטיוול אין שניי און גייט צו נעענטער. וואָס דען? טאַקע נישטאָ קיין קוטשער. אַ בערישע פעל איבערן שליטן — אַלס אַ צודעק. דאָס פערד אויך מיט אַ צודעק, אַ פאַרביקער, פון גראָבן וואָל געשטריקט, מיט רויטע פרענדז. ער וואָלט שווערן, אַז דאָס איז דאָקטאָר חישינס געשפּאַן. מושע האָט זיך אַ פּנים צעשלוקערצט, האָט מען אים אַרויסגערופן. דער קוטשער, מסתמא, איז געווען פאַרנומען, איז זיך חישין אַליין דורכגעפאָרן, אַליין אַנגעטריבן. וואָס דען! דער אַלטער בחור איז דאָך פאַר מושען די כפּרה.

דורך דער כפּרה, וואָס דער דאָקטאָר נעמט איין פאַר זיין שוועסטער, האָט זיך קאַפּל גנב דערפילט אין גאָר קרובישע באַציאונגען צום אַלטן בחור, און מחמת גרויס מחותנשאַפט, האָט ער אָפּגעבונדן דאָס פערד און אַריינגעזעצט זיך מיט ביידע שטיוואַלעס אינעם דאָקטאָרס שליטן. איינגעדעקט זיך מיט דער בערישער פעל און אַ צי געטאָן די גוטע לייצעס מיט די מעשענע שמאַכטעס, האָט ער זיך גלייך דערפילט ווי ביים טאַטן אין וויין־גאָרטן; און ס'האָט אים אָנגענומען דער אַלטער חשק — אַ טרייב צו טאָן, ווי עס געהער צו זיין, דאָס פרעמדע פערדל, אויס־פּרוּוון זיין לויף, גלאַט אַזוי זיך. דער דאָקטאָר מעג פאָרן אום שבת? מעג ער, קאַפּל אַסטראָזשניק, אויך פאָרן. די גאַס אין שטאָט אַריין איז אויסגעגלעט פון שליטנס, ווי אַ לאָקשן־ברעט, און דער דאָקטאָר איז דערווייל פאַרנומען מיט דער שוועסטער, אַן אייגענער מענטש! נישטאָ וואָס צו איילן זיך. און טאָמער וועט דער דאָקטאָר זיין ברוגז, וועט ער קושן אַ בער, אַן אייגענער מענטש...

אָנטרייבנדיק אַזוי דאָס פערד, אַ וועלכע צען מינוט, איז קאַפּלען איינגעפאַלן, אַז אייגנטלעך האָט ער נישט וואָס צו פאַרקירעווען זיך אַזוי גיך צוריק צום דניעפּער. וואָס וועט ער דערפון האָבן? אַ דאַנק אפשר פונעם אַלטן בחור מיט דעם שוואַרצן בערדל? ער וועט זיך דאָך מסתמא זידלען דערפאַר, וואָס ער האָט אים אַנגעטראָגן שניי אונטער

דער בערישער פעל. טו זאָל שוין זיין פּאַרוואָס!... און לאָמיך טאַקע אַ פּאָר טאָן אַ ביסל ווייטער! נישקשה, דער דאָקטאָר קען אונטערוואַרטן לעבן מושען. ער וועט איר לאָזן נאָך אַמאָל אויפשפּילען די קאָפּטע און צולייגן אַן אויער צו דער ברוסט. זאָל ער אויך הנאה האָבן...

אָפּלייגנדיק אַזוי דעם צוריקקער פון מינוט צו מינוט און, זאָגנדיק זיך אַליין כלערליי תירוצים, האָט זיך קאָפּל־גנב מיט איין מאָל געגעבן אַ שטעל אויף אין שליטן, אַ קנאַל געטאָן מיט דער בייטש, אַ פייף געטאָן מיט די ליפּן און ווילד צעוויגט די לייצעס מיטביידע מאַלפּישע הענט. דאָס אויסגעכאַליעטע פערדל האָט זיך דערשראָקן פון אַזאַ פּלוצלעכער גראָבקייט, צו וועלכער ער איז קיינמאָל נישט געווינט געווען און האָט זיך צעטראָגן אין גאַלאָפּ. די אייזערנע גליטשערס פון שליטן האָבן זיך צעקוויטשעט איבערן שניי, ווי איבערגעצויגענע סטרונעס, און קאָפּל, ווי גרויס ער איז, האָט שטייענדיקערהייט דיריגירט איבער אָט דעם צעהיצטן גאַלאָפּ. מיט ביידע הענט און מיט ביידע לייצעס האָט ער דיריגירט, ווי אַ משוגע געוואָרענער קאַפּעלמייסטער איבער אַ משוגע געוואָרענעם קלעזמער מיט אַ פערדישן קאָפּ: „היניאָ! היניאָ!“ און נאָכאַמאָל „היניאָ!“ מיט אַ קנאַק און מיט אַ פייף. אַזוי האָט ער זיך אַוועקגעטראָגן גלייך צום אָרשער שליאַך.

פאַרבייפליענדיק מיט אַזאַ התלהבות, די אָרשער ברעמלעך, האָט ער אַפילו נישט באַמערקט ווי הירשל דער גאָלדשמיד, האָט אַרויס־געקוקט אַ נייגעריקן קאָפּ פון פאָרטקע און שאַרף אָנגעקוקט דעם צעוויל־דעוועטן פערד און דעם צעיושעטן פאָרער. מיט צוויי פינצטערע באַ־ברילטע אויגן, פון אַ טויבן רכילותניק, האָט ער עס אָנגעקוקט און נאָכגעקוקט. ער, הירשל, הערט טאַקע נישט, זינט שיינע עטלעכע יאָר, די גאַנציקע וועלט אַרום זיך. נאָר אַ פּאָר אויגן האָט אים דערפאַר דער רבונו של עולם געגעבן, וואָס זענען מער ווערט ווי דריי פּאָר אויערן צוזאַמען.

אַ רפואה צום פערד

1.

חישין דער דאָקטאָר איז אַרומגעגאַנגען שוואַרץ ווי די ערד. אַ פּאָר חדשים זענען שוין אַריבער זינט מען האָט ביי אים, אין מיטן העלן טאָג, אָוועקגעגנבעט פערד און געשפּאַן, און ער האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקענט טרייסטן. ס'האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די ערב־פּסחדיקע בלאָטעס, קויט און טוואַן האָבן פאַרגאָסן די קלאַטקעס, און חישין איז נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען צופּוס צו זיינע חולאים. וואָס פאַר אַ צורה האָט דאָס — אַ דאָקטאָר זאָל אַזוי לאַנג אַרומטיאַפּען אין טיפע קאַלאָשן, ווי אַ מאַרק־יידענע? האָבן טאַקע שקלאָווער באַלעבאַטים פאַרלוירן דעם רעספּעקט פאַר אַזאַ מין דאָקטאָר און חולאים האָבן אָנגעוווירן דעם צוטרוי, און מאַמעס האָבן אים גענומען אָפּשטעקן אַ „פּערטעלע" אָנשטאָט צוויי גילדן פאַר אַ וויזיט. און אויסגעפּאַשעטע דינסט־מוידן האָבן מיט גרויס אומצופרידנקייט אויפגענומען זיינע קויטיקע קאַלאָשן און אַרויסבאַגלייט זיי מיט אַ שפּאָטיש מינעלע: העז, אַ דאָקטאָר! אָנגעטראָגן בלאָטע, ווי אַ ליימער...

דערווייל־וואָס האָט קראָל, דער קאָנקורענט זיינער, דער צווייטער שקלאָווער דאָקטאָר, אויסגענוצט הישינס אומגליק ווי ס'געהער צו זיין, גענומען אַרומפאָרן מיט אַ צולהכעיס קנאַק פון פריצישן בייטש, פאַר זיין ווייסן פערד האָט ער אויסגעשריבן אַ פורפל־נעץ מיט קליינינקע לאַכנדיקע גלעקלעך, אָנשטאָט פרענז, און פאַר זיין קוטשער — אַ קייַלעכדיקן שאַפּענעם ווינטער־היטל מיט פּאַווע־פעדערלעך. אַזוי האָט ער זיין דאָקטאָרשע פירמע באַדעקט מיט רייכקייט און מיט „פּאַטשאָט", און דאָס געשעפט האָט געבליט.

גראָד דאַמאָלסט, ווען דער באַגנבעטער חישין ראַטעוועט זיך אַרויס, מיט זיינע טיפע קאַלאָשן, פון געדיכטן קויט אויף דער קלאַטקע, פליט

אָן קראָלס געשפּאָן מיט אַ בלאָטיקן שפּריץ און מיט אַ פרײלעכן ניאַ־ניאַ פון קוטשער. די פּאַווע־פערדלעך, אויף דער קאַצאַפּישער ווינטער־היטל, גיבן פיל־פּאַרביק אַ שײַן, קראָלס ברילן צעבליען זיך שפּאָטיש און די ממזרישע גלעקלעך אויף דער פורפל־נעץ צעלאַכן זיך איבערן פערדס אויסגעכאַליעטן הינטן, מיט זײַערע איבערגעקרײַצטיקטע אָפענע מײַלכלעך.

— גלין, גלין — כי־כי־כי!

ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז ווען חישינס אַ פּאַציענט איז עפּעס נישט געגאַנגען כשורה, האָט מען די שולד גלײַך אַרויפגעוואָרפן אויפן דאָקטאָרס טיפּע קאַלאָשן: מ׳שטײנס געזאָגט, אַ דאָקטאָר טיאָפּעט נעבעך אין קויט, קומט נישט צו דער צײַט, הײַנט וואָס פּאַר אַ ראַטונעק קען ער שוין געבן זײַנע חולאים?...

האָט מען גענומען אײַנלאַדן קראָלן אָנשטאָט אים, אָפּטמאָל — נאָך אַ צוויי־דריי נישט־געלונגענע וויזיטן פון חישינען מיט זײַנע טיפּע קאַלאָשן.

און קראָל, דער דאָקטאָר, פלעגט דאָס באַלד געבן אַ פּאָר צו מיטן ווײַסן פערד, אַ לויכט מיט די פּאַווע־פערדעלעך אויפן קוטשערס קאָפּ און אַ גיי אַרײַן מיט זײַן טכוירעגנער פוטער און מיט זײַן הויכן וווקס. מחמת זײַן צו שטאָלצן, נישט־יידישלעכן, גאַנג, פלעגט ער זיך אָפּטמאָל אָפּשלאָגן דעם שטערן אָן די פּאַרהאָנגענע פּריטעלקעס אין די אַלט־מאָדישע שלאָפּצימערן. אָפּשלאָגן זיך — און מאַכן אַ שווײַג. ער פלעגט אויסהאַלטן כאַראַקטער. און טאָמער איז דאָ זײַן קאָלעגע חישין געווען פריער פּאַר אים, פלעגט ער זיך מיט אים און מיט זײַנע רפואות אָפּרע־כענען אויף ד ע ר וועלט:

— ווי? וואָס האָט ער דאָ געהייסן... רי...צינאייל? ריבאַרבערים מוז מען דעם חולה געבן!

— וואָס? אַ לעבלעכן קאָמפּרעס מיט טאָפּטע האָט ער געהייסן צולייגן? נאַ... אַ הייסן! בײַטן אַלע האַלבע שעה. איר הערט וואָס מען זאָגט אייך? אַ הייסן!

— מיט וואָס האָט ער געזאָגט אויסרייבן? מיט האַ... האַרמאַטיזנעם עסיק? מיט „פּאָדעלדיגע" מוז מען אויסרייבן!

— וואָס האָט ער געהייסן אויסשפּריצן אין שטוב? קאַרבאָלקע? אַך וואָס!... מיט סקיפּעדאַר! סקי־פּע־דאַר!

אַזוי איז צווישן די דאָקטוירים אַוועק אַ קריג אויף רפואות. קראָל

האָט נאָכן קאָנקורענט זיינעם מבער־חמץ געווען, ווו נאָר ער האָט געקענט. און שקלאָוו האָט מיטאַמאָל דערזען, אַז די שכינה פון דאָקטאָריע רוט נאָר אויף קראָלן...

גאָר אַנדערש האָט וועגן דעם געקלערט חישין אַליין. אין קראָלס שמד־שטיק האָט ער געזען נישט נאָר דאָס וועלן פאַרשווערכן זיין נאָמען אַלס דאָקטאָר, נאָר אויך אונטערצוגראָבן זיין קאַנדידאַטור צו די נאָענטע וויבאָרעס. וואָרים דער אַלטער קאַזיאָנער ראַבין איז שוין געוואָרן צו שוואַך צו טראָגן אויף זיך דעם יידיש־גויאישן יאָך און פאַרמיטלען יידן מיט פּראַוויטעלסטווע. האָט מען אַרויסגעשטעלט צוויי נייע קאַנדידאַטורן, און נישט קיין אַנדערע, ווי ביידע שטאָט־דאָקטוירים. נאָר אַזעלכע צוויי גלייכע העגער פּאַסן זיך פּאָר אַזאַ שטרייט. שקלאָוו גייט מיט יושר און וועט נישט דערלאָזן שלאָגן זיך אַ שטאַרקערן מיט אַ שוואַכערן... אָבער קראָל דער דאָקטאָר האָט גראָד קיין יושר נישט און זעט צו דערגיידעריקן זיין קאָנקורענט האַרט, פאַר די וויבאָרעס. אַ קאָפּ זאָל ער זיך נישט דערוועגן אויפהויבן אָט דער קבצן אין די טיפע קאַלאָשן:

— ריבאַרבערים און נישט קיין ריצנאייל! איר הערט־ רי־באַר־בע־רים! און האָט מיר אַ גוטן טאָג...

יאָ. ער קען זיך דאָס דערלויבן, אַזאַ עושר ווי קראָל! אַן אַלטע מויד מיט אַ סך נדן האָט ער אין מאָהליוו אויסגעזוכט. אַ דירה האָט ער זיך גענומען אַ מלכותדיקע. די גאַנצע פאַרדינעכצן פון זיין דאָקטאָריע קלעקן אים קוים אויף קאַשע מיט וואַסער. דער עיקר איז ביי אים — כבוד. נאָר כבוד. אַריינכאַפּן שטאָט אין די הענט. וואָס זאָל אָבער טאָן אַזאַ אַלטער בחור, ווי דאָקטאָר חישין איז? וואָס האָט זיך ערשט גענומען אַרויפאַרבעטן און האַלט־אויס ביי זיך זיינע דריי שוועסטער, יתומות, אַלע דריי שוואַרץ ווי די טאָטערס, מיט וועגסעלעך אויף דער אוי־בערשטער ליפּ? אַן עקשן, וואָס האָט זיך איינגעשפּאַרט פריער חתונה מאַכן אַזעלכע שוועסטער מיאוסקייטן און ערשט דערנאָך אַליין חתונה האָבן. המ... נישקשה פון אַ נדר! אַ מענטש, וואָס איז אַנגעוויזן אויף פירן ליבעס, אָן אַן אַנהויב און אָן אַ סוף, און צו באַגנוגענען זיך אין דער שטיל מיט מושען, זונדל גאָטס גנבס טאָכטער. וואָרים אַלע ווייסן ברוך־השם דעם סוד, אַז אָט די אַפּגעפּאָרענע, גראָבע שיינהייט גייט שוין צו אים צו אָפּט און צו שפּעט אין דער נאַכט, און אַז ער היילט זי דאָס אומזיסט פון איר נערוועאישן שלוקערץ...

פרעגט זיך: ווי קען זיך אַזאַ מענטש פאַרגינען קויפן אַ פערד מיט

אַ געשפּאַן אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק? אַזוי לייכט קומט דאָס אָן אָפּצושפּאַרן, אַרום שקלאָווער פּאַציענטן, אויף אַ פערד מיט אַ צאַצקעדיקן שליטן?

.2

נאָר מען דאַרף נישט מיינען... שווייגן, האָט דאָקטאָר חישין נישט געשוויגן, זינט דאָס פערד זיינס איז פאַרפאַלן געוואָרן, האָט ער עס אַרומגעזוכט; צוגעזאָגט אַ צען־רובלדיקן יעדערן, וואָס וועט אים געבן די ערשטע שפּור. געלאָפן עטלעכע מאָל אין באַלעגאָלישן צעך און נאָכ־געפרעגט זיך צי האָט מען נישט געזען, צי האָט מען נישט געהערט פון אַזאַ און אַזאַ פערדל און פון אַזאַ און אַזאַ שליטן. דערנאָך ערשט האָט ער זיך גענומען צו הילף דעם נייעם פּריסטאַוו מיט די באַקנבאַרדן און מיט די דראָטענע וואָנצעס, וואָס איז ענלעך צו ניקאָלאַי דעם ערשטן און איז פאַרהאַסט אין גאַנץ שקלאָוו... אַזוי לאַנג ווי ס׳האָט זיך געלאָזן, האָט צו אים חישין נישט געוואָלט אָנקומען, נישט געוואָלט אָנרייצן אַ שונא־ישראל, נאָר ער האָט געמוזט.

— ✶ —

און דער נייער פּריסטאַוו האָט זיך גענומען צו הילף דעם אוריאַדניק, דער אוריאַדניק — די צוויי דיעסאַטניקלעך מיט די נייע גאַרניטערס און מען האָט גענומען אַרומזוכן און אַרומנישטערן און נאָכשפּירן אַלע באַלעגאָלעס, אַלע פאַרדעכטיקטע פאַרשוינען, און אַלעמען וואָס האָבן אַ שייכות מיט פערד און פורן. אָבער חישינס פערד איז ווי אין וואַסער אַריין. מ׳האָט אַפילו יאָ גערעדט וועגן דעם, אַז אין אַ געוויסן שבת פאַרנאַכט האָט קאַפּל, זונדלס תכשיט, נישט געגעסן קיין געקאָכטן באָב ביי דער מאַמען זייגער, און דער גרויסער טעלער באָב איז געבליבן שטיין אויפן טיש און טעמע, די מאַמע זיינע, איז אַרומגעלאָפן זוכן אים. מ׳האָט אויך געוווסט, אַז אַ קורצע צייט נאָך דער גניבה, האָט דרייזע, קאָפּלס ווייב, גענומען אַרומפּראַנטעווען אין אַ זיידענעם קאָפּ־טיכל, וואָס האָט זיך מיט העלע קווייטן געקלעפּט צו איר סיטצענעם שבתדיקן קלייד, ווי אַ קרוין צו ראַגאָזשע. נאָר קיין גרויסער באַווייז צו אַ געגנבעטן פערד איז דאָס נישט. שקלאָוו ווייסט אַלץ, נאָר דעם סוד פון חישינס

פֿאַרשווונדענעם פֿערד האָט זי פּאַרט נישט געקענט דערגרונטעוועז. און טאָמער האָט עמיצער עפּעס יאָ געוווּסט, האָט ער געשוויגן. גיי הויב זיך אָן מיט זונדלס משפּחה!

וואָלט אפשר אַלץ אַראָפּ פֿאַר קאָפּלען כשורה, און קראָל דער דאָק־טאָר, וואָלט אפשר געוואָרן ראַבינער, און חישין דער דאָקטאָר, וואָלט נאָך אפשר לאַנג געבליבן שטעקן אין זיינע טיפֿע קאַלאָשן און וואָלט נאָך אַלץ נישט חתונה־געמאַכט די שוועסטער זיינע מיט די וואָנסעלעך... אַלץ וואָלט געקענט געשען, ווען נישט הירשל דער טויבער, דער זעלבער הירשל, וואָס ווינט ביי די אָרשער ברעמלעך, און האָט איינמאָל אַ שבת פֿאַרנאַכט עפּעס יאָ געזען דורך דער אָפֿענער פֿאַרטקע.

דאַרף זיך מאַכן אַ שעה און הירשל דער גאָלדשמיד קומט אַריין צו חישין, אַמאָל אין אַ נאָווינע, צו פֿרעגן אויף זיין אַלטן מיחוש, אויף זיין איינגעגעסענע טויבקייט, וואָס ווערט ערגער פֿון טאָג צו טאָג. חישין, אַ צעטראָגענער, אַ פֿאַרזאָרגטער, ווי ער איז געוואָרן די לעצטע צייט, האָט אים אַריינגענומען אין קאַבינעט, אַ טאַפּ געטאָן דעם דופּק, אַ טאַפּ געטאָן צעטראָגענערהייט אַרום די אויערן און פֿון געוווינהייט געכאַפּט זיך צו זיין בלאָק־פּאַפּיר און גענומען שרייבן אַ רעצעפּט. אָנגעשריבן, אָפּגעריסן און גענומען אַריינשרייען אין הירשלען, פֿאָכענדיק מיטן רע־צעפּט, אַז אָט דאָס זאָל ער נעמען, אָ! דאָס קומט ביי אים אַלץ פֿון זיין סקלעראָזע, קומט דאָס ביי אים. מוז ער איינעמען יאָד, מוז ער. וועט, וועט...

נאָר אָנשטאָט צוצונעמען דעם רעצעפּט און אָוועקלייגן אויפֿן ברעג טיש אַ „פּערטעלע״, ווי דער שטייגער איז, נעמט גאָר הירשל דער טויבער מיטאַמאָל אַרויס אַ קייקעלע וואַטע פֿון רעכטן אויער, דערנאָך אַ צווייט קייקעלע וואַטע פֿון לינקן אויער, טוט אָן די שפּאַקולן מיט די שוואַרצע רעמלעך און מיט די ברעז־גלעזער, קוקט אַריין מיט אַ שמייכעלע אין רעצעפּט אַריין, לייגט אים צוזאַמען אין פֿירן און דערלאַנגט חישינען זיין רעצעפּט צוריק:

— נאַ, רעצעפּטן האָב איך גענוג. עפּעס רעכטס, גאָספּאָדין דאָקטאָר! עפּעס גאָר רעכטס...

דאָס גאַנצע ביסל בלוט האָט זיך חישינען אַ וואָרף געטאָן אין געלב־בלייבן פּנים. וואָס? אָט דער טויבער שלאָק האָט אַ העזה וואַרפֿן אים צוריק זיינע רעצעפּטן? אַזוי ווייט האָבן שוין די טיפֿע קאַלאָשן גע־בראַכט?

האָט ער זיך צעשריען מיט אַ ווייבערישן קוויטש אויף זיין טויבן פּאַציענט:

— קאַק — קאַק — קאַק ווי סמיעטע!

הירשל דער גאָלדשמיד האָט, ווי באַקאַנט, נישט זייער גוט געהערט. גאָר דער פּאַרזאַאיקעטער „קאַק" האָט ער יאָ דערהערט. מיט דער זלידנער נייגעריקייט פון אַ טויבן, האָט ער גלייך תופס־געווען, אַז דער „קאַק" האָט זיך דאָקטאָר חישין אויסגעלערנט פון דעם נייעם פּריסטאַוו, מסתמא, אין משך פון די פּאָר וואָכן, וואָס יענער העלפט אים זוכן דאָס געגנבעטע פערדל. ער האָט אויך קלאָר געזען, אַז חישין איז מלא חמה. האָט צו אים הירשל גאָלדשמיד, מיט דער געלאַסנקייט פון אַ טויבן, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ער זאָל זיך באַרואיקן. אריינגעלייגט איין קייקעלע וואַטע אין רעכטן אויער, מיט דעם צווייטן קייקעלע וואַטע פאַרשטאָפּט דאָס לינקע אויער; זייער מיושבדיק אַראָפּגענומען די שוואַרצע שפּאַקולן מיט די פאַרגרעסער־גלעזער, אַריינגעלייגט זיי אין דעם קאַרטאָ־נענעם שיידל, אַלץ נישט אַראָפּנעמענדיק דעם כיטרע־ברוגזדיקן קוק פונעם דאָקטאָרס כעסדיקן פּנים. און ערשט דערנאָך האָט ער, נאָך מער מיושבדיק גערעדט, אַזוי צו זאָגן:

— גיט מיר, מיין איך, אַ רעכטע רפואה, צו מיינע אויערן, וועל איך אייך געבן אַ רפואה צו אייער פערד...

די צאַרנדיקע רויטקייט פון חישינס פּנים איז גלייך פאַרשוווּנדן גע־וואָרן. אַ געלבע בלאַסקייט האָט זיך ווידער צעגאָסן איבער זיין הויט, אונטער די שמאָלע נעגל אונטערגעקראָכן. ווי אַ פאַרגליווערטער, האָט ער אַ ווײלע אָנגעקוקט הירשל דעם טויבן: אַ רפואה צום פערד? די גאַנצע שקלאָווער קאַריערע שטייט דאָ אין שפּיל...

נישט רעדנדיק קיין וואָרט, האָט ער צעריסן דעם געגעבענעם רע־צעפּט, געגעבן זיך אַ זעץ אַנידער און אָנגעשריבן מיט גרויס היץ צוויי נייע רעצעפּטן.

הירשל דער טויבער איז אַלץ געשטאַנען אין דער קלוגעטשקער פּאָ־זע. צוגעקוקט זיך, מיט אַ שמייכעלע פון אַ סוחר, וואָס האָט דאָ ביליק אויסגעדונגען אַ טייער שטיקל סחורה.

.3

צי די צוויי נייע רעצעפּטן האָבן הירשל דעם גאָלדשמיד גע־האָלפן — איז אַ גרויסער ספק. וואָרים די דיקע קייקלעך וואַטע האָבן

אים געשטעקט איןביידע אויערן, ווי פריער, גאַנצע וואָכן נאָכאַנאַנד. אדרבא, רעדנדיק מיט אים, האָט מען אַצינד געמוזט אַריינטרובען, פריער אין זיין רעכטן אויער, דערנאָך — אין לינקן. און הירשל פלעגט זיך נאָך אַלץ פרעגן: האַ? און טאַקע נאָכאַמאָל — האַ? דערפאַר אָבער איז חישין דער דאָקטאָר יאָ געהאָלפן געוואָרן. זיין שוואַרצער געגנבעטער פערד האָט זיך אומגעקערט פון אָרשע. אמת, מיט אַן אונטערגעשוירענעם עק און מיט אַ געקירצטער גריווע. מחמת דעם האָט זיך אָבער געדאַכט, אַז אין דער פרעמד איז ער יינגער געוואָרן. דעם פאַרלוירענעם שליטן האָט מען אויך צוריקגעבראַכט פון ערגעץ־ווו. ער איז אָבער צוריקגעקער־מען אָפּגעשיילט, אָפּגעבאַרעט. דער גוטער בערישער צודעק פאַר די פיס — אויסגעקראָכן, מיט ברודנע קאָלטונס און פליכן אין די בערישע האָר. נאָר סיי ווי סיי האָט מען אַצינד, אין דער ערב־פּסחדיקער קאַשע פון שניי און בלאָטע, נישט געקענט נוצן קיין שום שליטן אין דער וועלט, האָט מען אים אַוועקגעגעבן איבערצולאַקירן, און דעם אונטערגעשוירענעם פערד האָט מען איינגעשפּאַנט אינעם דאָקטאָרס פאַריתומטער בריטשקע. חישין גופא האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די טיפע קאַלאָשן, אַריינגעזעצט זיך אינעם פריש־אויסגעבעטן פאַיעטאָנדל, און זיין צעטראָטענער כבוד האָט צוריק גענומען וואַקסן און בליען פון טאָג צו טאָג. מ'האָט פון אים ווידער גענומען שמועסן, ווי פון קראָלס אַ שטאַרקן קאָנקורענט, ביי די נאָענטע וויבאָרעס, אָנשטאָט דעם אַלטן קאַזיאָנעם ראַבינער, וואָס איז שוין, צווישן אונדז רעדנדיק, אַ ביסל עבר־בטל.

חולאים האָבן זיך צוריק איבערגעגעבן מיט חישינען. און חישין, פון זיין זייט, האָט זיך גענומען אָפּרעכענען מיט קראָלן און מיט זיינע רפואות אויף ד ע ר וועלט.

— וואָס? מיט „פּאָדעלדיקע" האָט ער אייך געהייסן אויסרייבן? רפואות פון דער באָבע־האַפּיע!... מ'האָט דאָך אייך איינמאָל פאַר אַלעמאָל געזאָגט: „האַרמאַטיזנעם" עסיק!

קראָלס רפואות האָבן ביסלעכווייז אָפּגעטראָטן דעם אָרט דאָקטאָר חישינס באַליידיקטער דאָקטאָריע. נישט ריבאַרבערים נאָר ריצנאייל; נישט הייסע קאָמפּרעסן, נאָר לעבלעכע און דוקא מיט טאפּטע; נישט סקיפּעדאַר, נאָר קאַרבאָלקע. קיין זכר איז נישט געבליבן פון קראָלס זעלבסט־הערשעריי איבער שקלאָווער חולאים.

דער נייער פּריסטאַוו, דער צורר היהודים, האָט זיך אויך דערפילט האָפּערדיק. ער האָט ווידעראַמאָל דערוויזן נאַטשאַלסטוואָ, אַז ער טראָגט

נישט אומזיסט די קאָקאַרדע מיט די עפּאָלעטן. נאָך דעם אַרעסט פון נח פאַנדרע טרעפט אים צום צווייטן מאָל אַזאַ גליק אויף דער גודנער סלוזשבע אין שקלאָוו... דאָס מאָל האָט ער אַרעסטירט קאַפּלען, זונדל גאַטס גנבֿס בנאָק, אינמיטן שבת, פונקט דאַן, ווען קאַפּל האָט זיך באַהאַלטן ביי דער מאַמען און געגעסן געקאָכטן באָב פון פולן טעלער. אַרעסטירט און אָפּגעשיקט מיט אַ קאָנוואָי, אין מאָהליווער אָסטראָג. וואָרים פאַר אַזאַ געזונטן בויאַן איז אים שקלאָווער קוטוזקע, אין סטאַן, נישט געווען גענוג זיכער.

באַלד נאָכדעם האָט מושע, די אָפּגעפּאָרענע שיינקייט, קאַפּלס שוועס־טער, אויפגעהערט צו גיין צום דאָקטאָר. און דעם דאָקטאָרס לעבעדיק געוואָרענער פאַציענטקע אויפגעהערט אָפּצושטעלן זיך לעבן זונדלס הייזקע, ביים ברעג דניעפּער. פאַר דער אַרומגעשניטענער ווערבע, ביי דער הייזקע, ווו זיין פערד און זיין אָנזען אין שטאָט, איז אים איינ־מאָל אַ שבת פאַרשווונדן געוואָרן, האָט אַצינד דאָקטאָר חישין מורא געהאַט ווי פאַר פייער...

באַגעגנדיק אַצינד חישינס געשפאַן אינמיטן גאַס, בלאָזט מושע אָן אירע פליישיקע ליפּן און קערט אָפּ דעם שיינעם קאָפּ מיט אַ מינע פון אַ מענטשן, וואָס האָט פאַרזוכט אַ פּריקרע רפואה. און גיב נאָר אַ קוק! זינט זי האָט זיך אויפגעהערט צו היילן, איז איר דער נערוועאישער שלוקערץ לייכטער געוואָרן. זי באַגייט זיך, זאָגט זי, אָן חישינס געזאַל־צענע רפואות פון ווערלכע, זאָגט זי, ס'האָט איר אַלעמאָל אויסגעקערט די גרינע גאַל. נאָר זי האָט, זאָגט זי, פריער געמיינט —

וואָס האָט זי פריער געמיינט? גאָרנישט. מער קיין וואָרט קען מען פון איר נישט אַרויסבאַקומען מכוח דעם דאָזיקן ענין.

חישין, ווייזט אויס, איז אויך מער נישט פאַרקאָכט אין זיין באַ־לייבטער פאַציענטקע מיטן שלוקערץ. ער האָט זיך אָפּגעקילט זינט ער האָט זיך דערוווסט, ווי אַזוי מושעס פיינער ברודער האָט אים פיין אָפּגעצאָלט, פאַר היילן אומזיסט די קראַנקע שוועסטער זיינע... חישין מאַכט זיך, אַז ער זעט זי מער נישט, מושען, קאַפּלס שוועסטער. מען שמועסט גאָר, אַז ער האָט זיך גענומען באַגעגענען מיט ר' גרונימען, און גרונים דער שדכן, מיטן באַרימטן פאַראַסאָל אונטער דער פאַכווע, בייש־טערט עפּעס פאַר אים אין מאָהליוו, און פאַרט אויפן דאָקטאָרס הוצאות קיין אָרשע. הייסט דאָך דאָס, אַז ער איז געקומען צום שכל, דער אַלטער

בחור, און האָט באַשלאָסן מער נישט צו וואַרטן ביז זיינע מיאוסע שווער־טער מיט די וואָנסעלעך וועלן חתונה האָבן. ניין. צו די וויבאַרעס אויף קאַזיאָנעם ראַבין וועט דאָס אים בכלל נישט פאַרשאַטן! וויבאַלד ער האַלט ביי חתונה האָבן און אָנהויבן פירן אַ שטאַט, מיט לייטן גלייך, איז דאָך גאָר אַן אַנדער ענין. אויב אַזוי, האָט זיך שוין קראָל דער דאָקטאָר מער נישט וואָס צו בלאָזן. גענוג וועט זיין צו בלאָזן זיך!

ביז אַהער האָט פון חישינען געהאַלטן נאָר דער פּראָסטער עולם, באַלמעלאָכעס און קרעמער, מיט וועלכע ער איז פון תמיד־אָן געווען אויסגעבונדן. אַצינד האָבן פון אים גענומען האַלטן אַפילו באַלעבאַטים און לומדים. ניין, וואָס אמת איז אמת! דעם נאָז פאַררייסט ער פאָרט נישט ווי קראָל דער גביר, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַלטער מויד צוליב נדן, און וואַרפן וואַרפט ער נישט צוריק אַפילו צוואַנציק קאָפּיקעס, אָנשטאָט צוויי גילדן פאַר אַ וויזיט. וואָס אמת איז אמת.

4.

נישט נאָר גאַנץ שקלאָוו, אַפילו זונדל גאָטס גנב אַליין, האָט מצדיק געווען דעם דין אויף קאָפּלען. טעמען זיין ווייב מיטן מאַנסבילשן נאָז, און דרייזען זיין שנור, מיט דעם זיידענעם קאָפּ־טיכל אינדערוואָכן, האָט ער אָנגעזאָגט קיין פּיפּס נישט צו טאָן אַקעגן דאָקטאָר חישינען. וואָרים ער איז געערכט... שבת, אינמיטן העלן טאָג, בשעת דער דאָקטאָר האָט געהיילט מושען, האָט אים קאָפּל אָפּגעטאָן אַזאַ מעשה! דרייזע וואָלט אפשר בעסער געווען?!... ווי? קיינער אין דער וועלט וואָלט בעסער נישט געווען...

דערפאַר אָבער האָט הירשל דער טויבער, אין זיי אַלעמען, געקראָגן די ביטערסטע שונאים. דער גאַנצער צאָרן פון דער משפחה, ביים ברעג דניעפּער, האָט זיך געווענדעט אַנטקעגן א י ם. ער דאַרף זיך נאָר באַווייזן אויף דער קלאַטקע, וואָס ציט זיך פון אָרשער ברעמלעך ביז דעם גרינעם קלויסטער אין מאַרק, אַזוי וואַקסט אויס אַ פאַרשוין, אָדער אַ פאַרשויניכע פון זונדלס חברהצקע און זידלט אים מיט וואָס אין אַ קאָרט. אַ נס וואָס ער איז טויב און דערהערט נישט אַלץ. אַפילו יענקוץ, קאָפּלס זעקס־יעריקער אלף־בית־יינגעלע, מיטן שפּענצער, שרייט אים נאָך:

— מ־סור! דו טאַקע אַ־מסור!

קאַפּלס משפּט אין אַקראָזשנאַי סוד, אין מאָהליוו, דערנענטערט זיך; און וואָס נענטער עס ווערט, אַלץ עפּטער און בייזער ווערן די אָנפאַלן אויף הירשל דעם טויבן:

— אַ קאַטערינקע וועט מען פון דיר מאַכן, דו טויבער לאַך!

— מיט אַ קאָפּ קירצער וועסטו ווערן! וואַרט, וואַרט...

— פאַלשע גאָלד־פינגערלעך מאַך און מיש זיך נישט אין פערד!

— געהערט האָט ער! אַזאַ רכילותניק...

— געזען האָט ער!

— זאָלסט אַזוי זען, ווי דו האָסט געהערט!

די קללות און סטראַשונקעס זענען געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבן דורכגעדרונגען די דיקע קייקלעך וואַטע אין הירשלס אויערן. אָנגעשראָקן אים. גייט ער אַרויס אויף דער לאַנגער קלאַטקע, אַזוי הויבט ער אָן אַרומצוקוקן זיך, ווי אַ מענטש, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט געהיימע פיינט און מיט גרויסע סכנות. אָפט מאָל האָט מען געזען, ווי ער נעמט אַרויס איין קייקעלע וואַטע פון אַן אויער און האָרכט. טויבע אַנגסטן זענען דערביי צעגאָסן אויף זיין פינצטערן פּנים.

און ער האָט זיך נישט באַרואיקט, הירשל גאָלדשמיד, ביז ער האָט זיך אויפגעמייסטרעוועט אַ גראָבן פּוסטן שטעקן מיט אַ מעשענעם הענטל, ווי אַ מין קראַן צום דרייען. און אונטן מיט אַ מוראַדיקן שטאָלענעם שפּיץ. ער האָט דעם שטעקן אַלעמען געוויזן און געבעטן מען זאָל נאָר אַ טרייסל טאָן! אַז מ'האָט דעם פּוסטן שטעקן געטרייסלט, האָט דאָס איבעווייניק געקלימפּערט, ווי אַרבעסלעך אין אַ קינדערשן גראַגערל. האָט מען דאָך ביי הירשלען נייגעריק געפרעגט: וואָס איז דאָס פאַר אַ צאַצקע? האָט הירשל גלייך אַרויסגענומען איין קייקעלע וואַטע פון אויער און כיטרע און געהיימנישפול געקייט די ליפּן: „אַ צאַצקע, זאָגט איר, איז דאָס? אַ שיינע צאַצקע כ'לעבן! איך זאָל אָנשטעלן דעם שפּיץ ווי עס באַדאַרף צו זיין און אַ דריי טאָן דאָס מעשענע הענטל, אַזוי הרגעט דאָס אַוועק אַ מענטשן אויף... אויף דריי קלאַפּטער די ווייט...

ווען פון הירשל דעם טויבנס שטעקן וואָלט פּלוצלונג געוואָרן אַ שלאַנג, ווי אין משה רבינוס צייטן, וואָלט זיך שקלאָווער נייגעריקייט אויך נישט אָפּגעטרייסלט פון אים מיט אַזוי פיל שרעק און עקל:

— נעמט, ר' צבי הירש, אַוועק אייער שטעקן און גייט אייך גע־זונטערהייט!

איז אַוועק אַ קלאַנג, אַז דער טויבער טראָגט זיך אַרום מיט אַ מורא־דיקן פּיסטאָל אין האַנט, און אַז דער נייער פּריסטאַוו אַליין האָט דאָס אים דערלויבט. וואָרים הירשל דאַרף דאָך באַלד פּאָרן עדות־זאָגן קעגן קאָפּל גנב אין מאָהליווער געריכט. און ווער קען דאָס נישט זונדלס משפּחהלע? קאָפּלס חברימלעך קען מען אויך...

ס׳האָט געהאָלפן. די סטראַשונקעס אַרום דעם טויבן זענען ביסלעכ־ווייז אַנטשוויגן געוואָרן. אָפּגעפאַלן ווי אַ געוויסער. און שטאָלץ אויף זיין נצחון, איבער אַזוי פיל געפערלעכע יונגען, האָט הירשל אויף צולהכעיס גענומען אַרומשפּאַצירן איבער די קלאַטקעס, שטופן זיך אין מאַרק און אומעטום — מיט זיין געהיימנישפולן שטעקן. ער שפּרייזט זיך פּאַמעלעך, הירשל דער גאָלדשמיד; דער אייזערנער שפּיץ פון זיין מאַכערייקע קלאַפּט אים צו צום טראָט, און אין איר הילצערנעם בויך — קלימפּערט עפּעס גאָר מוראדיק. די הויט ציטערט אויף אַלע הירשלס שונאים...

גאָרנישט מיט נישט איז געוואָרן פון אַלע סטראַשונקעס. און טאַקע נאָך פּסח איז הירשל דער טויבער אַוועקגעפאָרן, מיט זיין געפערלעכן שטעקן, קיין מאָהליוו און האָט דאָרטן, טויבערהייט, עדות געזאָגט.

ער האָט אין קרייז־געריכט אַזוי לאַנג געאַרבעט מיט די קייקלעך וואַטע איןביידע אויערן, אַט אַרויסגענומען, אַט פאַרשטאָפּט, אַמאָל איינ־ציקווייז, אַמאָל ביידע אויף איין מאָל, אַזוי לאַנג געהאַקט און געבאַקט, ביז מען האָט קאָפּלען — אַ טאַטן פון צוויי קינדער — פאַרמשפּט אויף פּאָסעלעניע קיין „סימביר", אַלס אַ געפערלעכן פערד־גנב, וואָס איז שוין עטלעכע מאָל אָפּגעקומען מיט אָסטראָג, פאַר ענלעכע מעשים־טובים, און איז בעסער נישט געוואָרן.

יאָ, און זיין ווייב, אויב זי וויל נאָר, קען זי פ ר י י ע ר ה י י ט נאָכפאָרן נאָך אים. זי און אירע ביידע קינדער.

פֿאַרעכאָדן גייען

1. קאָנקורענציע

דערפֿאַר וואָס זונדל גאַטס גנבֿ „קען נעכטיקן" אין דער ברעטער־הייזקע, און היט, כלומרשט, דעם רבינס פּריסטאַן, נעמט ער נישט קיין שום שכירות.

אַלס ספּעציאַליסט פֿון „נעכטיקן" וואָס ער נעכטיקט, אין דער קאָמ־פּאַניע פֿון ווייב און טאָכטער, שנור און אייניקלעך, אויסער פּרעמדע, נישט גאַנץ כשרע פֿאַרשוינען, וואָס לויפֿן פֿון שטאָט, האָט ער אָבער צוויי גרויסע פּריווילעגיעס:

ערשטנס, צאָלט ער נישט קיין דירה־געלט אַ קיילעכדיקן יאָר, אַפֿילו דאַמאָלסט, ווען די פֿאַרעכאָדן גייען נישט מער. שוין אָפּגערעדט פֿון די פּרייע האָלץ, וואָס ער נעמט זיך, מיט אַ ברייטער האַנט, פֿון די לאַנגע קלאָפּטערס הייץ־מאַטעריאַל, וואָס זענען אָנגעגרייט פֿאַרן רבינס פֿאַ־רעכאָד.

און צווייטנס, האָט ער און זיין פֿאַמיליע אַ חזקה אויף פֿאַרקויפֿן עסנוואַרג די פּאַסאַזשירן, וואָס גייען אַריין און גייען אַרויס פֿון רבינס פּריסטאַן. אויפֿן פֿאַרעכאָד גופֿא טאָר ער נישט אַרויפֿגיין מיט זיינע קאָשיקעס, ווייל דער פֿאַרעכאָד האָט דאָך זיין בופֿעט. טאָר זונדל מיטן בופֿעט נישט קאָנקורירן.

דרייזע, זיין שנור, וואָס וואַרט היינטיקס יאָר אויף די הייסע טעג, כדי אָנועקצולאָזן זיך מיט די קינדער אין קאַלטן „סימביר" אַריין, נאָך איר פֿאַרשיקטן מאַן, פּירט די באַלעבאַטישקייט אין הייזל, רוימט אויף און קאָכט. און זונדל און טעמע זיין ווייב און מושע — זייער טאָכטער זענען באַוואָפּנט יעדער מיט צוויי פּויערשע קאָשיקעס, געפּלאָכטן פֿון רויע, גרינע לאָזעס. יעדער קאָשיק איז אָנגעפּאַקט, ווי אַ מין טיפּע פֿאַליטרע, מיט כלערליי פֿרישע פֿאַרבן, לויטן סעזאָן נאָך. אין אָנהייב

וויעסנע — מיט רויט־קאַלירטע אייער, מיט פרישע פראַנצויזישע בולקעס, מיט וויאָלעט־רויטע רעטעכלעך און מיט ברוינע לעקעכלעך. שפּעטער קומען שוין צו — גרינע אוגערקעלעך און ווייס־גרינע ציבעלקעלעך. נאָך שפּעטער — פּאַפּירענע פּימפּערס פול מיט שוואַרצע און רויטע קאַרשן, מיט ווייסע און פייער־רויטע ווייַנפּערלעך, מיט גרינע סטרוד־טשע, מיט רויטע יאַגדעס. נאָך שפּעטער — פלוימען, באַרן און עפּל. אַזוי בליען זונדלס קאָשיקעס ביז שפּעט אין האַרבסט, אַלץ שטאַרקער און רייכער, ביז זיי בליען אָפּ. דער זומער פאַרגייט און מיט אים צוזאַמען וועלקן די קאָלירן פון זונדלס סחורות. בלייבן איבער אין די קאָשיקעס ווידער אַמאָל נאָר געפאַרבטע אייער, פראַנצויזישע בולקעס און גרינע ווינטער־עפּל. דער פּריסטאַן ווערט אַוועקגעפירט ערגעץ־ווו איבערצו־ווינטערן און די קאָשיקעס מיט זייער שפּע פאַרשווינדן אויך...

ווי נאָר ס׳דערנענטערט זיך דער טרוב פון פאַרעכאַד, וועלכער קומט אָן פון אָרשע אַראָפּ וואַסער, פון צווישן די קאַבעלניעס, אָדער פון מאָה־ליוו — אַרויף וואַסער, פון הינטער דעם פאַראָם, אַזוי פליט־אַרויף דער רוסישער פלאַג אויף אַ שטאַנג איבערן פּריסטאַן. און פון דער ברעטער־הייזקע, איבערן הויכן משופּעדיקן זאַמד־ברעג, לאָזן זיך לויפן זונדל גאָטס גנב, טעמע זיין ווייב און זייער טאָכטער, אַלע דריי מיט ברייטע אָנגעלאָדענע קאָשיקעס אין די אָרעמס. יעטוועדער מיט גאַנצע צוויי, כדי צו האַלטן גלייכגעוויכט. אַזוי לויפט זיך בעסער.

מחמת זייער קורצקייט און אָנגעפּעלצטקייט זעען זונדל און טעמע זיין ווייב אויס ווי אָפּגעפּליקטע, איבערגעקאַרמעטע קאָטשקעס, יעדער מיט צוויי אָפּגעלאָזענע פאַרביקע פליגלען, וואָס איילן זיך, מיט אויסגעצוי־גענע העלדזער, צום אויסגעשאָטענעם האָבער, ס׳הייסט, צו דער פּרנסה ביים פּריסטאַן. נאָך זיי גייט נאָך מושע זייער טאָכטער, אַ גרויסע, אַ ברוסטיקע, אַ שיינע, מיט פּוסטע אויגן, אין וועלכע ס׳איז פאַרגליווערט געוואָרן דער שרעק פאַרן אייגענעם קרענקלעך־דונערדיקן שלוקערץ; און מיט אַראָפּגעלאָזענע ליפּן־ווינקלען, אין וועלכע ס׳איז פאַרגליווערט גע־וואָרן אַ זאַטע פריקרעקייט קעגן אַלע מענער אין דער וועלט.

זי דעקט טאַטע־מאַמעס פּרנסה מיט אירע ברייטע און שיין־געקיי־לעכדיקטע היפטן און מיט אירע נאָך־ברייטערע קאָשיקעס פול מיט עסנוואַרג, כדי אַנדערע דאַרינקע און פלינקע פאַרקויפערקעס־קאָנקורענט־קעס, זאָלן זיך נישט דורכשטופּן צו די פּאַסאַזשירן פונעם רבינס פאַרעכאַד און זאָלן נישט פאַרכאַפּן, מיט זייערע לייכטע קאָשיקלעך און גלאַטע

ציינגעלעך, דאָס ביסל לייזעכץ. זאָלן די פרעמדע פאַרקויפערקעס גיין צום גויאישן פריסטאַן, פון דער „קאָמפּאַניע". דעם רבינס פאַרעכאָד געהערט זונדלען מיט זיין משפחה. זיי האָבן אַ חזקה אַזאַ פון כמה יאָרן...

נאָר ווי אַזוי זאָל מען זיך שטופּן און פאַרקויפן ביים פּריסטאַן פון דער „קאָמפּאַניע", אַז יענע זענען שונאי־ישראל, לאָזן נישט צו צום פריסטאַן אויף דלד־אמות? מ'שטערט כלומרשט די פּאַסאַזשירן דעם אַרויס און אַריין... אָבער די פּאָר גויאישקע פאַרקויפערינס האָבן יאָ צוטריט. זיי שטערן נישט.

זענען טאַקע אַלע יידישע פאַרקויפערקעס מלא־חימה אויף זונדל גאָטס גנב און אויף זיין משפחה. די גאַנצע שנאה לאָזט מען אויס צו דער טאָכטער. און ווען מושע לאָזט זיך אַראָפּ מיט אירע קאָשיקעס אַלס אַן „אַריעגאַרד" (נאַקן־שוץ), הינטער טאַטע־מאַמע, הערט זי, גאַנץ אָפט, הינטער זיך אַ שלאַנגישע זידעריי:

— די שיינע נפשה!

— די לויפערקע.

— חתונה געהאַט האָט זי... יע!

— אין האָצפּלאָץ.

— אין כאַנדריקעווע.

— צוגעוואָרפן אַ ממזר און געכאַפּט זיך פאַר די קאָשיקעס.

— שלוקערצט און שלוקערצט און פּלאַצט נישט.

דערגייט דאָס מושען ביז דער גאַל. קען זי זיך מער נישט איינהאַלטן און דרייט זיך אום. זי עפנט אויף אַ מויל מיט ווייסע ציין און זידט צוריק:

— פּאַסקודניצעס!

די דאַרינקע יידענעס קריגן פחד פאַר מושען. וואָרים זי קאָן לאָזן שטיין די קאָשיקעס און וואַרפן זיך שלאָגן אויך. שוין געווען איינמאָל אַזאַ מעשה. פּעטש און קאָפּ טיכלעך און פּאַרוקן זענען געפלויגן אין דער לופטן.

טראָגן זיך די פאַרקויפערינס גלייך אָפּ. שטעלן זיך אויס נאָך ווייטער מיט זייערע אָרעמע קאָשיקלעך און קריצן מיט די ציין אויף מושעס שיינע היפטן, וואָס באַוועגן זיך אַזוי פאַרפירעריש, אַז אַלע באַלעגאַלעס אויפן הויכן ברעג גלאָצן אויס די אויגן זייערע, ווי יאַטקע הינט אויף אַ פרישן זייטל פלייש.

דערפאַר, אַז מושע וויל זיך אַמאָל דערשלאָגן מיט אירע קאָשיקעס

צום גויאישקן פריסטאַן, לאָזן די באַעוולטע פּאַרקויפערקעס אויך נישט צו. איין קייט פון אָרעמס און קאָשיקעס שליסט זיך צוזאַמען, און מושע שטויסט זיך אָן אין האַרטע געבויגענע רוקנס מיט אָפּגעטראָגענע פּאַ־טשיילעס. מאָגערע הענט, ווי די דישעלס, באַטן אָן עסנוואַרג יעדערן וואָס גייט דורך: „נעמט, נעמט! קויפט עפּעס; בייגעלעך, מאָנעלעך, אייעלעך, בולקעלעך!...״ קען דאָ מושע גאָר נישט מאַכן. „דו, הייסט עס, מיט דיין טאַטינקן ביים רבינס פריסטאַן, מיר — ביי דער „קאָמפּאַניע״. איינגעטיילט זיך דעם דניעפּער.

נאָר מיט דעם אַליין איז מען נישט יוצא. מ׳האָט זונדלען אַ פּאָר מאָל פאַרמסרט ביים רבין אין קאָפּוסט, אַז זונדל, הייסט דאָס, און זיין ווייב און טאָכטער האָבן פאַרכאַפּט דעם גאַנצן מסחר ביים יידישן פּאַ־רעכאָד, לאָזן קיינעם אַ קאָפּ נישט אויפהויבן. דעם רבינס איידעם אַליין וואָלט זיך אַזאַ זאַך נישט דערלויבט... ווו איז דאָס געהערט געוואָרן!

האָט מען פון קאָפּוסט געהייסן אָנשרייען אויף זונדלס משפּחה. און די פּאַרקויפערקעס האָבן געשטעלט אַ פּוס ביים רבינס פריסטאַן. האָט דאָס אָנגעהאַלטן אַ וואָך צייט, אָבער ביסלעכווייז, מיט קריגערייען און שטורכעניש, זענען די פּאַרקויפערקערס ווידער אַרויסגעשטופּט געוואָרן הינטער מושעס ברייטע היפּטן, און אַלץ איז אַוועק „פּאַ סטאַראָמו״. וואָ־רים קריגן זיך מיט דער „משפּחה״, דאָס קען מען זיך נאָך דערלויבן, אָבער שלאָגן זיך — דאָס איז שוין אַ שטיקל סכנה.

רייסט מען אַזוי, ביי די פּאַרעכאָדן, איינער ביים צווייטן דעם ביסן פון מויל. מען שלאָגט זיך איבער אַ קאָפּיקע לייזעכץ ביי אָרעמע פּאַסאַ־זשירן, וואָס האָבן מורא פאַר די פרייזן אין בופעט, אָדער וואָס זענען שטאַרק אָפּגעהיט אין כשרות... ווי די ענטלעך איבער אָפּפאַל אַזוי רייסן זיך, ביים וואַסער, די פּאַרקויפערקערס מיט זונדלס משפּחה. ביז עס קומט אַ טאָג און די הערשער אַליין צעקריגן זיך... דעם רבינס פּאַרעכאָד מיט די פּאַרעכאָדן פון דער „קאָמפּאַניע״ קריכן אַריין איינער דעם צווייטן אין גרגרת. ווער וועמען ס׳וועט בדלות־שטעלן. כמעט אַלעמאָל הויבט זיך דאָס אָן מצד דער „קאָמפּאַניע״, וואָס זענען רייכער, באַזיצן עטלעכע פּאַרעכאָדן און זענען גרויסע שונאי ישראל. עס ברעכט אויס אַ קאָנקורענציע. אָנשטאָט צוויי גילדן — צען קאָפּיקעס, מיטן וואַסער אַראָפּ, קיין מאָהליוו, און צען קאָפּיקעס מיטן וואַסער־אַרויף קיין אָרשע!

קליגלט זיך דער קאַפּיטאַן פון רבינס פּאַרעכאָד. ער הייסט פייפן

אין פּאַראָווען פּייפּער און קלינגען אין גלאָק פון דער קאָמאַנדע, און אַליין שרייט ער אַראָפּ פונעם העכסטן פונקט אויפן פּאַרעכאָד, פון דער קאַיוטע ביים רודער:

— אַ פּאָר קיין מאָהליוו אַכט קאָפּיקעס! אַ צוגאָב יעדערן — אַ רויט איי!

וואָס עפּעס דוקא אַ רויט איי? נאָך פּסח צייט שמעקט נאָך אַ ביסל מיט גויאישקער חגא און ס'גייט, להבדיל, צו ל״ג־בעומר, זענען רויטע אייער זייער פּאָפּולער, סיי ביי יידן און סיי ביי גויים.

דערזעט די „קאָמפּאַניע״, אַז דעם רבינס פּאַרעכאָד האָט זיי איבער־געכיטרעוועט און אָנגענומען פּאַרן גאָרגל אַזוי, אַז אַלע פּאַסאַזשירן, סיי יידן אין קאָפּאָטעס, סיי גויים אין סערמיאָגעס, לויפן צום רבינס פּריסטאַן, הייסט דער קאַפּיטאַן פון דער „קאָמפּאַניע״ אויך פּייפן אין פּייפּער און קלינגען אין גלעקל, און ער אַליין מיט דער קאָקאַרדע אויפן קאָפּ צע־שרייט זיך, ווי אַ קאַצאַפּ אַ קוואַסניק אויפן יאַריד:

— העי, העי! סיודי, סיודי! זיבן קאָפּיקעס אַ פּאָר קיין מאָהליוו און אַ צוגאָב אַ פרישע בולקע יעדן פּאַסאַזשיר!

דער קאַפּיטאַן שרייט אויס, און די מאַטראָסן צעריטשען זיך אויף אַלע עקן פון פּאַרעכאָד, אונטערן ווייסן אָפּענעם דאַך:

— העי, העי! סיודי, סיודי! (עי, עי! אַהער, אַהער!).

אין אַזאַ הייסער שעה, ווען אַזעלכע גדולים ווי דעם רבינס פּאַרעכאָד מיט דער „קאָמפּאַניע״ שלאָגן זיך איבער שקלאָווער פּאַסאַזשירן און ברעכןביידע האַלדז און נאַקן, שטייט זונדל מיט זיין ווייב און טאָכטער אויפן הויכן ברעג, אַרום זיי — די פּרעמדע פּאַרקויפּערקעס, אַלע מיט אַראָפּגעשטעלטע קאָשיקעס אין זאַמד, מיט פּאַרלייגטע הענט אויף די בייכער. די מלחמה פון די „האַרן״ אויפן דניעפּער האָט זיי געמאַכט פּאַרגעסן זייער אייגענע נעבעכדיקע קאָנקורענץ, וואָס זיי פירן טאָג־איין טאָג־אויס. מ'שטייענס געזאָגט, וואָס פּאַר אַ צורה זיי האָבן דאָ אַלע מיט די עטלעכע צענדליק געקאָכטע אייער און רעטעכלעך און בולקעס אין די קאָשיקעס! ווען קען דאָס אַציגד קלערן פון לייזן אַ קאָפּיקע! אַז אייער און בולקעס שיטן זיך, ברוך השם, ווי די שפּענער.

אָבער אַ צרה פּאַר אַלעמען איז פּאָרט אַ האַלבע טרייסט. נישט מיר און נישט דיר...

שטייען זיי אַזוי אַלע צוזאַמען, די קאָשיק־קאָנקורענטן, מיט אָפּענע

מיילער, קוקן צו פאַרזאָרגט און גאָנערן, צווישן זיך, קורץ און דער־שראָקן, ווי די שטוב־געגנדז, בשעת צוויי בייזע שפּאַרבער שלאָגן זיך איבער אַ גרויסן בלוטיקן ביסן אין בלויען הימל... עס דאַכט זיך, אַז דאָס רעווען פון די פייפערס און דאָס קלינגען פון די גלעקלעך און דאָס אויסשרייען פון די הייזעריקע העלדזער, דאָס זענען די רויבערישע קולות אין דער לופטן, פון אָט די צוויי ריזיקע ווייס־באַפליגלטע רויב־פויגלען. איין רגע קריגט די אויבערהאַנט דעם רבינס פאַרעכאַד, אַ רגע שפּעטער — די „קאָמפּאַניע". די צעטומלטע און גליקלעכע פּאַסאַזשירן קענען זיך קיין עצה נישט געבן. אָט לויפן זיי צום רבינס פּריסטאַן און אָט גיט מען זיך אַ וואָרף צו דער „קאָמפּאַניע". ס'זעט אויס, אַז יעדער איינער פּאַסאַזשיר וואָלט געוועז אַ בעלן פאָרן מיט איין פוס אויפן רבינס פאַרעכאַד און מיטן צווייטן ביי דער „קאָמפּאַניע", מיט דער רעכטער האַנט נעמען אַ פרישע בולקע און מיט דער לינקער — אַן איי. און אַלץ פאַר זיבן קאָפּיקעס!... און עס פאַלט זיי גאָר נישט איין, די זשעדנע פּאַסאַזשירן, אַז די קרבנות פון אַזאַ פייערדיקער קאָנקורענץ וועלן, סוף כל סוף, זיין זיי אַליין; אַז פון זייער קעשענע וועלן זיי סוף כל סוף מוזן באַצאָלן אַלע היזקות פון רבין און פון דער „קאָמפּאַניע".

און כך הוה. אין אַ פּאָר טעג אַרום מאַכט די „קאָמפּאַניע" יד־אחת מיטן רבינס פאַרעכאַד. און די אומזיסטע אייער מיט די אומזיסטע בולקעס פאַלן שקלאָווער יידן און גויים אויס באַקאָם. וואָרים מחמת גרויס שמחה פון שלום מאַכן רייסט מען דריי פעלן פון יעדן פּאַסאַזשיר. צווייפאַכיק און דרייפאַכיק, ווי ביזקל דער קאָנקורענץ. מוז מען צאָלן פאַר אַ בילעט, ביז די פאַרלוסטן פון „קאָמפּאַניע" און פון רבין גלייכן זיך אויס. קאָסט ווידער ווי געוויינלעך: צוויי גילדן — קיין מאָהליוו און צוויי — קיין אָרשע. ערשט דאַמאָלסט קוקן זיך שקלאָווער יידן אַרום, אַז פון אַלע גליקן, בשעת דער קאָנקורענציע, זענען זיי געבליבן מיט געריבענע זייטן, ביים שטופּן זיך, און מיט אַ האַרבער עבירה פון עסן בולקעס אומגעוואַשן... וואָרים אָפּהיטן אויף אַ פאַרעכאַד די מצוה פון נטילת־ידים, בשעת קאָנ־קורענציע איז גאָר נישט פון די לייכטע זאַכן.

געענדיקט דער גרויסער קריג ביי די האַרן פון דניעפּער און דער קליין־קריג — די פּאַרטיזאַנישע מלחמות, צווישן זונדלס משפּחה און צווישן די פאַרקויפערקעס — הויבן זיך ווייטער אָן, און מיט גאָר אַ נייער פרישקייט. ביי די פייפערס פון די פאַרעכאַדן און ביי די הייזעריקע קאָפּי־טאַנען האָבן זיי אויך עפּעס געלערנט.

2. מערע האָט זיך פאַרבענקט

אויף דער פאַרשלאָפענער שקלאָווער אָזערע, וועלכע איז אַרומגע־זוימט מיט איבערגעפרוירענע טראָסטינעס, רירט זיך דער אייז אַ סך שפעטער ווי אויף דעם שטראָמיקן דניעפער.

דער ערשטער צייכן פון פרילינג, ביי דער אָזערע, איז דער: בערעלע שד, דער קיילעכדיקער יתום און גאַסן יונג, גליטשט זיך אויף דעם אָפגעטאַיעטן ברעג, ברעכט־דורך דעם אייז און פאַלט אַריין אין וואַסער. דאָס איז שוין זיין חזקה, אַלע יאָר, נאָך פסח, טרינקט ער זיך און דער־טרינקט זיך קיינמאָל נישט. ער שרייט נאָר זיצנדיק אין אייז און וואַסער ביז די פאַכווּעס, מען זאָל אים ראַטעווען. ווערט אַן אָנגעלויף, בערעלע שד טרינקט זיך!

און אין האַרצן ווערט פונדעסטוועגן אַ ביסל פריילעכער: אַזוי ווייט האַלט מען שוין? אַ סימן, אַז דער אייז ברעכט זיך שוין ווי מצה!

דערווייל וואָס צעוואַרעמט בערעלע שד, מיט זיין אַריינפאַלן אין אייז־וואַסער, דאָס יידישע רחמנות. עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד, נאָך זיין נישט־דערטרינקען זיך, האַלט מען אים אויס מיט אַלט־געבאַקענע שטיקער חלה, מיט אויסגעריבענע הויזלעך, מיט פאַרלאַטעטע העמדער, ביז ער דערעסט אַלעמען ווי אַ ביטערע ציבעלע און מען פאַרגעסט אין אים.

נאָך בערעלעס טרינקען־זיך קומען פון ערגעץ־ווו צופליען צוויי טשייקעס (מעווּעס), מיט אַ שטאָלענעם גלאַנץ אין די שאַרפע גרוי־ווייסע פליגלען, מיט אַ זשעדנעם אומבאַקאַנטן געשריי, וואָס קלינגט נאָך גרויסע וואַסער־פלאַכן און הפקרדיקייט. שטעלן זיי זיך אַראָפּ, די טשייקעס, אויפן קרוכלען אייז און טשיקעווען געדולדיק. אויף וואָס אַ שטייגער וואַרטן זיי? יידן פון ברעג אָזערע ווייסן שוין אָבער, אַז אָט די ווילדע פויגלען קענען דעם וועטער אַ סך בעסער ווי דער יידישער ווילנער לוח. ווו נאָר די טשייקעס שטעלן זיך אַראָפּ מיט זייערע נידעריקע נישט־געניטע לאַפּקעס, דאָרטן מוז דער אייז פּלאַצן. און באמת — עס גייען נישט אַריבער קיין פּאָר שעה ווי דער קרוכלער אייז גיט זיך אַ וויג אונטער זייערע פיסלעך און די צוויי פויגלען כאַפּן איינער ביי דעם צווייטן פון שנאָבל אַרויס דאָס ערשטע זומער־פישל — אַ ברייט־בייכיקע פלאָטקע, — וואָס האָט זיך די ערשטע אַ שפּאַר־געטאָן אין אייז־שפּאַלט

צו כאַפּן אַ ביסל לופט, אַ טראָפּן שיין, אָטכאַיען זיך פון דער ווינטער־דיקער טורמע אונטערן אייז...

די שוואַרצע סאַראַקעס פון נאָענטן וואַלד, אויף יענער זייט אָזערע, וועלכע האָבן זיך אָנגעגעסן סוף ווינטער מיט נבלות און טרפות, מיט שיריים פון כוועדערס געשונדענע קליאַטשע און מיט „שמענדריקס" איינ־געווייד, און וועלכע זענען אַצינד געבליבן אָן קעסט, וואָלטן געוועזן גרויסע בעלנים איבערצוכאַפּן דאָס האַרץ מיט אַ צאַפּלדיק פישל, נאָך אַזאַ שווערן סוף־ווינטער. נאָר זיי האָבן מורא פאַר די כמורנע שטיקער אייז, פאַר דעם פריילעכן וואַסער, וואָס שפּאַרט זיך פון אַלע שפּאַלטן. שאָקלען זיי זיך בייז און הונגעריק אויף די דאַרע טראָסטינעס און קוקן אויף די ווילד־פרעמדע, דרייסטע טשייקעס, מיט גנבישע, נישט־פּאַרגי־נערישע אויגן קוקן זיי און באַרעדן און שילטן זיי, אויף זייער שוואַרצן הולטאַיסקן לשון:

— קררראַ! העט אַ נכפה זאָל זיי טרעפן! פרעמדע קבצנים... מ׳דאַרף זיי דאָ! קררראַ! געקומען אָנפרעסן זיך מיט פיש. קאַרג אייגענע הונ־געריקע שנאָבלען האָבן מיר דאָ? קררראַ... אַזאַ גזלוואַיע!

איבערן טאָג האָט זיך שוין דער אייז אומעטום געזעצט אונטער די דריבנע טריטעלעך פון די געדולדיקע טשייקעס. שמייכלענדיק יונג וואַסער האָט אין אַלע לעכער און שפּאַלטן אַרויסגעשפּאַרט, צופּאַסקעוועט מיט לאַכנדיקע בליצן־זיגזאַגן דעם פאַרעלטערטן פאַרשנייטן אייז. אַ ליב־דער ווינט האָט אַ בלאָז געטאָן און איבער אַ נאַכט האָבן זיך באַוויזן צווייי נייע וויעסנע־סמנים:

די צעפּלאַצטע שטיקער אייז האָבן זיך פאַרמישט אין אַ מין גלע־זערנער קאַשע, און נאָר דער קרומער שליאַך איבער דער אָזערע, וואָס האָט זיך אַ גאַנצן ווינטער געקאָוועט אונטער שליטנס און פאָדקאָוועס, געקלעפּט זיך פון שניי און פון פערדן־מיסט, ער אַליין האַלט זיך נאָך פעסט. איבער אַ נאַכט האָט ער זיך איינגאַנצן אָפּגעריסן פון ביידע ברעג־געס און געלייגט זיך פּאָפּערעק. אָנשטאָט צו ליגן איבער דער ברייט פון אָזערע, האָט ער זיך אויסגעקירעוועט און ליגט אין דער לענג. אַ מין גלגול פון אַ שליאַך איז דאָס אַצינד. אָן אַנהויב און אָן אַ סוף. אַלע אייז־שטיקער אַרום אים שמעלצן זיך, צעפּאַלן אין פאַרפּל, און ער האַלט זיך, דער איינגעטאָפּטשעטער אומגעדרייטער שליאַך. ער ווערט נאָר אַלץ שמאָלער און גרינער. דאָס גרינט אַצינד דאָס אָפּגעטאַיעטע פערדן־מיסט... אַצינד זעט ער שוין אויס, דער שליאַך, ווי אַ פאַרשימלטע דנאָ פון

אַ משונהדיקן, אונטערגעגאַנגענעם אָקרענט, וועלכער האָט זיך פאַר־בלאָנדזשעט אַהער, מען ווייסט נישט ווי אַזוי און פון וועלכע וואַסערן.

און נאָך אַ זאַך איז געשען איבער דער טויאיקער נאַכט: דער שניי אויף דער לאָנקע, אויף יענער זייט אָזערע, איז צעגאַנגען און די סקע־לעטן פון צוויי געשונדענע און צופיקעטע פערד האָבן זיך אַנטפּלעקט. דער סקעלעט פון כוועדערס קליאַטשע — גראָבע קנאָכנס און אַ מגושמ־דיקער פאַרסקאַליעטער קאָפּ, און שמענדריקס סקעלעט — אַן איידעלער, מיט דינע ריפּן, און מיט שמאָלע ראַסאָווע באַקן־ביינער.

אַ ראָב לאָזט זיך איבער זיי אַ רגעלע שווער אראָפּ און באַלד פליט ער אויף צוריק.

— קררראַ! — שרייט ער גאַנץ אַנטוישט, — קיין שריד ופליט נישט געבליבן!

דער אומגעדרייטער שליאַך צעפּאַלט זיך דערוויל און גייט אונטער אין די שפּילעוודיקע כוואַליעס. די טשייקעס האָבן זיך מער נישט ווו אַראָפּצושטעלן. שוועבן זיי אַרום אין דער לופטן אויף זייערע שטאָלענע פליגלען, דרייען זיך און מאַכן הקפות. זייער זאַך האָבן זיי אָפּגעטאָן. זיי האָבן אָנגעזאָגט דעם פרילינג איבער דער אָזערע. אַצינד האָבן זיי דאָ נישט וואָס צו טאָן. פאַרשווינדן זיי.

אין די טראָסטינעס, אויף יענער זייט אָזערע, באַווייזט זיך אַצינד אַ גוי, אַ יעגער, אין לאַנגע כאַליאַוועס מיט אַ לאַנגער אייזערנער הראַבליע אין האַנט און מיט אַ ביקס אין דער צווייטער האַנט. די הראַבליע לייגט ער אַוועק לעבן זיך און די ביקס נעמט ער איןביידע הענט האָריזאָנטאַל. אַזוי שטייט ער אַ פאַרכישופטער שעהן לאַנג אין די שיטערע טראָסטינעס, ווי אונטער אַ לייכטן שלייער. קיין ריר גיט ער זיך נישט. אַ מאָדנער שאָטן!... אַצינד טשיקעוועט ע ר, אַנשטאָט די פאַרשווונדענע טשייקעס. ער וואַרט מיט אַן אוממענטשלעכן געדולד אויף די גרויסע קאַרפּן און ליעשצן, וועלכע וואַרפן זייער רויג ווייט פון די שליימיקע ברעגעס. דערזעט ער אַ גרויסן פיש, וואָס צאַפּלט אין זיינע וויעסנע־ליידנשאַפטן, צילט ער זיך אָן און שיסט אויס. אַ בלויער רויך שפּרינגט אַרויס אין די טראָסטינעס און ערשט דערנאָך דערהערט מען דעם שאָס. אַז דער רויך צעגייט זיך — דערזעט מען, אַז דער פאַרגליווערטער שאָטן פונעם פיש־יעגער האָט אָפּגעלעבט. ער גראַבלט דאָרט אַצינד מיט זיין לאַנגער הראַבליע. און דערנאָך צעצאַפּלט זיך אַ לעבעדיקער שטיק זילבער אין זיינע שוואַרצע הענט. און ווידער אַמאָל בלייבט ער שטיין, צווישן די

שיטערע טראָסטינעס, געהיימנישפול טונקל און פאַרגליווערט. און יינגלעך און יידן קוקן אויף אים פון ד ע ר זייט אָזערע און קאָנען זיך נישט אָנקוקן.

.2

מערען, פאַנדרעס ווייב, קלאַפּט דאָס האַרץ. דער שאָטן פון פיש־יעגער רייצט זי מיט זיין זשעדנער פאַרגליווערטקייט. די אָזערע, און אַלץ וואָס אַרום דער אָזערע, איז אַזוי פויל. אַלץ רירט זיך דאָ אַזוי פּאַמעלעך. און אויף דער וועלט איז שוין וויעסנע, די דינע ריטער פון די ווערבעס האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט גרינעם זאַפט און אין שטוב האָט מען שוין אויפגעגעסן די לעצטע מצה־פאַרפעלעך.

אַ מאָדנע אומרואיקייט האָט זי אַרומגענומען הײנטיקן נאָך־פּסח. אַן אומרואיקייט פרעסט זי זינט קושקע בראַנד האָט זיך אַריינגעכאַפּט צו איר אין שטוב און אָנגענומען זי ביי די היפטן. זי האָט אים געשלאָגן פאַר אַזאַ העזה. יאָ, דאָס איז אמת. אָבער אירע הענט געדענקען עפּעס פון זיך אַליין קושקעס געשלאָגענע באַקן. אירע אויערן — דאָס מאַנס־בילשע פויקן פון קושקעס ברייטן רוקן, בשעת זי האָט אים געבויקערט מיטן טאַטנס שטיוול... אָפּטמאָל דוכט זיך איר, אַז איר פאַרדריסט וואָס אַזאַ געזונטער מאַנסביל איז געגאַנגען צום ציל און נישט דערגאַנגען. איר לייב שרייט אין דער איינזאַמקייט פון די נעכט. ווי אַן אויסגעהונ־גערטע הינטיכע, וואָס וויל פון גאָרנישט וויסן, וואָיעט דאָס בלוט אין די אָדערן. זי קנייפּט זיך אַליין און זידלט זיך מיט פאַרקריצטע ציין:

— הינטיש פליייש ביסטו, מערע, הינטיש פליייש!

און בייטאָג, אַז זי דערמאָנט זיך וועגן אַזאַ זידלען זיך מיט זיך אַליין, לאָזט זי אַראָפּ די אויגן און זיפצט:

— געוואַלד, נח, וואָס וועט פון מיר ווערן?...

די האַלב־טונקעלע פּיר־הויז אין טאַטנס שטוב דערמאָנט איר, אַז זי האָט דאָרטן אַמאָל נחן, חתן־צייט, געשלאָגן, זיין בלוט פאַרגאָסן... זאָל ער נאָר קומען אַהיים און אָנכאַפּן זי מיט די שטאַרקע הענט און אויפהויבן ווי אַ פּעקל וואַטע, די פינגער וועט זי אים אַצינד קושן פאַר זיין גראָבער איבערגעגעבנקייט.

הײנטיקן זומער מוז נח קומען אַהיים. זי ווייסט נאָר נישט אין וועלכן חודש און אין וועלכן טאָג. נח שרייבט איר, אַז ער אַליין ווייסט נישט

קלאָר. שווער צו דערגיין אַ טאָלק ביי פאַניען. נח שרייבט אַפילו, אַז ער רעכנט קומען פון מאָהליוו מיטן פאַרעכאָד, אויב ס'וועט אים נאָר בלייבן אויף הוצאות. ווייס דאָך מערע גאַנץ גוט, אַז ער האָט נאָך צו זיצן אַ פּאָר חדשים. אָבער אין איר ברענענדיקער בענקשאַפט דרימלט זיך איר, אַז עס וועט עפּעס געשען אַ נס. אין אָסטראָג פירט זיך אַצינד נח זייער גוט אויף. נאָכן געשלעג מיטן „טשוריל", מיט דעם ראַזבאַיניק, איז ער אינגאַנצן שטיל געוואָרן. וועט מען אפשר אויף אים רחמנות האָבן, אויף זיין ווייב און אויף זיין קינד... ווען ער האָט נאָך גאָר אין די אויגן נישט געזען. מען וועט אים באַפרייען פאַרן „סראָק". גע־וואָלד, נח!

— ✶ —

דאָס איינרעדעניש האָט זי געצומען אַזוי פייניקן, אַז זי האָט זיך מער קיין אָרט נישט געקענט געפינען. זי איז שוין עטלעכע מאָל געלאָפן צו דער מומע פייגען, צו ר' ישראל דעם גבאי פון ליובאַוויטשער בית־מדרש, אין באַלעגאַלישער צעך; אַנגעכאַפּט מענטשן אין גאַס: מען זאָל איר זאָגן צי אַזאַ זאַך איז מעגלעך, ס'הייסט: אַז נח זאָל קומען פאַרן „סראָק". זי האָט שוין אַלעמען דערעסן. אָבער קיינער פאַרשטייט זי נישט. אַלע שטאַמלען זיי, אַז... יאָ, ביי גאָט איז אַלעס מעגלעך. נאָר... וואַרטן אויף נסים איז אויך נישט קיין תכלית. זי האָט דאָך שוין, ברוך־השם, געוואָרט אַ קיילעכדיק יאָר, איז מילא... נאָך אַ פּאָר חדשים. צוליב וואָס נעמען זיך דאָס לעבן?...

איין קליינינקייט, נאָך אַ פּאָר חדשים!... און דאָ בלאָזן שוין די וויעסנע־ווינטן. מיט אַזאַ ליבלעכער קראַפט בלאָזן זיי אין מערעס האַרץ אַריין, ווי אויף איינגעאַשטע קוילן. דער אַש פליט־אַוועק און די קוילן ברענען. פון די האָלאָוועשקעס ווערט אַ פלאַם־פייער. ווי אין אַ פיבער גייט זי אום. דער שטן אַליין, דאַכט זיך, פרעגט זי שטיל אויפן אויער: וואָס וואָלט זי געטאָן, אַז קושקע בראַנד כאַפּט זיך נאָכאַמאָל אַריין איב־מיטן דער נאַכט און טשעפּעט זי?...

מערע שפּרינגט אויף און מאַכט אימיצן אַ קולאַק. זי וויל נישט וויסן, זי וויל נישט הערן, זי וויל נישט ענטפערן. מען טאָר גאָר נישט קלערן פון אַזעלכע זאַכן. שוין גלייכער נעמען דאָס קינד אויף די הענט און אַוועקלאָזן זיך צום דניעפּער. אַוועק, אַוועק פון דער אַזערע, פונעם

פאַרשלאָפענעם יעגער אין די טראַסטינעס. שטאַרבן קען מען דאָ אין אַזאַ אומעט. אויפן דניעפער איז גאַנץ אַנדערש. ביי די פאַרעכאַדן איז אַציגד קאָנקורענציע. יידן פאָרן קיין מאָהליוו, צי זיי דאַרפן צי זיי דאַרפן נישט. באַלעבאַטישע מיידלעך און בחורים מאַכן הוליאַנקעס, לאָזן זיך אַוועק מיט פעקלעך עסנוואַרג קיין אָרשע, אַנצוקוקן דאָרטן די באַן... לייטן איז גוט.

פאַרווילט זיך מערען זען ווי לייט פאָרן אָפּ, ווי לייט קומען אָן. אַ סך קומען צופאָרן פון דאָרטן... פון מאָהליוו, ווו נח זיצט אין אָסטראָג. מען לאַכט, מען גריזשעט זיך, מען קושט זיך אַפילו.

לויפט זי מיטן קינד אויף די אָרעמס צום דניעפער. זעצט זיך ביי זונדל גאָטס גנב לעבן הייזקע אויף אַ באַנק און וואַרט מיט אַ פאַרבאַר־גענער האַרצקלאַפעניש אויפן אָנקומען פון פאַרעכאַד. טעמע, זונדלס יידענע מיטן מאַנסבילשן נאָז, זעצט זיך צו איר צו און ביידע ווייבער, די אַלטע און די יונגע, גיסן אויס דאָס האַרץ איינע פאַר דער צווייטער. טעמע ווישט זיך דעם מאַנסבילשן נאָז, דערנאָך די שיינע אויגן און דערציילט צום זיבעצנטן מאָל, אַז... מען האָט קאָפּלען, איר זון, פאַר־משפט און פאַרשיקט קיין „סימביר" פאַר גאָרנישט מיט נישט... כ'ווייס... אַ פערד־שמערד!... הירשל דער טויבער מסור זאָל אַזוי לעבן! און מערע שטייט נישט אָפּ און דערציילט איבער מיט היץ די אַלטע מעשה מיטן פריסטאַוו, אויף דער שריפהביים נייעם נגיד. פאַנדרע האָט כלור־מרשט געפּאַטשט דעם פריסטאַוו, אָפּגעריסן אים אַ יונסקן קנעפל... די ענלעכקייט פון אומגליק פאַראייניקט ביידע ווייבער: מאַמע און ווייב. ביי יעדן קרימען זיך די פנימער צום וויינען. דערזעט מערעס עופעלע, אַז די מאַמע קלייבט זיך וויינען, הויבט דאָס אויך אָן צו מאַכן העויות, אָט־אָט וויינט זיך דאָס פאַנאַנדער. לויכט אויף מערעס פנים מיט מוטער־לעכער רחמנות, וואָס דאָס קינד העלפט איר אָפּעסן דאָס האַרץ. גלעט זי דאָס קינד און שעפּטשעט אים אַריין איר מאָדנע איינרעדעניש:

— דיין טאַטינקע וועט באַלד קומען... אָט ווערסטו זען..

און מיט אַ מאָל דערהערט זיך אַ פייכטער רעווען פון אַ פייפער, און דער שניי־ווייסער נאָז פון רבינס פאַרעכאַד באַווייזט זיך אינעם רויטן בויג פון די ליימיקע דניעפּער־בערג, הינטערן פאַראָם, די צוויי שוואַרצע אויפשריפטן „לעוו" פון ביידע זייטן, ביים שאַרפן שפיץ, זעען אויס ווי נאָזלעכער... אין דער בלויקייט פון וואַסער שניידט ער

זיך, דער נאָז, אַנטקעגן שטראָם און שוימט און שנאָרכט. דער גאַנצער פאַרעכאַד אַנטפּלעקט זיך, לויפט אַרויס ווי אַ שוואַן, מען זעט אַפילו שוואַרצע מענטשעלעך אונטער זיין אָפענעם ווייסן דאַך, און — די מאַט־ראָסן ביים רודער. נאָך אים באַווייזט זיך אַ צווייטער פאַרעכאַד. דאָס איז דער גויאישקער פון דער „קאָמפּאַניע״. קאָנקורענציע־צייט גייט נאָך די „קאָמפּאַניע״ נאָך דעם רבינס פאַרעכאַד ווי אַ שאָטן; לאָזט אים נישט אויסכאַפּן אַלע פּאַסאַזשירן. אויף די פּריסטאַניעס ציט מען אַרויף די קאָלירטע פלאַגן. צעפלאַטערן זיי זיך ווי אַ בשורה פון זומער־פרייד און זומער־פרייקייט אין צוויי געשטאַלטן.

— טואוו, טואוו! טו־טו! — גיבן נאָכאַמאָל אַ טרובע די פאַרעכאַדן. אַצינד — ביידע אויף איין מאָל. דאָס גיבן זיי אַ צייכן דעם פּאַראָמשציק ער זאָל אָפּלאָזן דעם קאַנאַט, זיי זאָלן קענען דורכגיין.

פונעם הויכן ברעג, ביי זונדלס הייזקע, זעט מען ווי אַנשל דער פּאַראָמשציק לויפט פון שטוב אַרויס אָפּצולאָזן דעם קאַנאַט. אונטערן רונדן דעכעלע, אויף סלופּעס, גיט ער צי אַרויף דעם שווערן הויבל און די גאַנצע מאַשינעריע פון גרויסן הילצערנעם קאָלאָוואָראָט ביז אַלע אַרו־מיקע ציינערדיקע רעדלעך און וואַלגער־העלצער, הויבן אָן צו באַראַ־באַנעווען, ווי אויף אַ טרעוואָגע. דער נייער געפּעכטער קאַנאַט גיט שווער אַ שמיץ דאָס בלויע וואַסער און שניידט איבער מיט אַ פּאַס פון שוים די גאַנצע ברייט פון דניעפּער. די פאַרעכאַדן פאָרן דורך, ווי די זיגער, איבערן געפּאַלענעם און געזונקענעם קעגנער. אויפן שפּיץ נאָז פון יעדן פאַרעכאַד שטייט אַ מאַטראָס מיט אַ שאַרפער האַק אין די הענט. טאָמער לאָזט מען נישט אָפּ אַזוי גיך דעם קאַנאַט, האָט ער דאָס רעכט איבערצוהאַקן אים אויף צווייען... וואָרים ס׳איז אַ גרויסע סכנה דער פאַרעכאַד זאָל זיך אָן אים אָפּשלאָגן אין פולן גאַנג. דעם רבינס פאַרעכאַד, אַז ער פאָרט אָן טרובעט ער צוויי מאָל. חזרט איבער זיין סיגנאַל. אָבער די פאַרעכאַדן פון דער גויאישקער „קאָמפּאַני״ גיבן נאָר איין מאָל אַ טרוב. מען ווייסט זייער גוט, און מער פון אַלעמען — אַנשל פּאַראָמשציק, אַז די שונאי־ישראל פון דער „קאָמפּאַניע״ קוקן די אויגן אויס — דער פּאַראָמשציק זאָל זיך פאַרגעסן, נישט דערהערן דעם סיג־נאַל בשעת אַ ווינט, כדי איבערצוהאַקן דעם נייעם קאַנאַט זיינעם, אַזוי ווי זיי האָבן שוין נישט איינמאָל אָפּגעטאָן זיין טאַטן, אַנשלס טאַטן, עליו השלום. היט ער זיך דערפאַר, אַנשל, פאַר דער „קאָמפּאַניע״, ווי פאַר

פייער. ער וואַרט קיינמאָל נישט ביז מען וועט פייפן. ווי נאָר ער דער־הערט דעם געוויש פון די וואַסער־רעדער, דעם שווערן אָטעם פון דער טרובע, וועלכע קלינגען אַזוי הילכיק צווישן די הויכע געבויגענע ברעגעס, אַזוי שטעלט ער אָפּ דעם פּאַראָם, און לויפט אָפּלאָזן דעם קאַנאַט. ער פּאַרטרויט דאָס אַפילו נישט אַזאַ בלייענעם פויגל ווי דעם גוי זיינעם, דעם סטאַראָזש אויפן פּאַראָם. און נאָר ביים צוריק אָנציען דעם קאַנאַט לאָזט ער צו דעם גוי, ער זאָל אים העלפן.

ביידע פּאַרעכאָדן שווימען צו מיט שוים און רויך. די הייץ פון די טרובעס שלענגלט זיך אין דער לופט ווי אַ געדיכטע זיסקייט אין לעבלעך וואַסער. זיי רוקן זיך צו מיט אַ זייט צו די פּריסטאַניעס. מען פּאַרציט קייטן און פּעטליעס, מען וואַרפט איבער קלאַטקעס מיט פּאַרענ־טשעס. פּאַסאַזשירן מיט רענצעלעך שטראָמען אַראָפּ.

מערע לויפט צו נעענטער און קוקט זיך דורשטיק איין אין יעדן פּאַסאַזשיר. גייט אימיצער אַרויס אין אַ פּאַדיאָווקע מיט ברייטע פּלייצעס, אַזוי רייסט זיך איר אָפּ אין האַרצן: „אפשר גאָר פּאַנדרע? מען קען נישט וויסן...”

די אָנגעקומענע גייען אַראָפּ און די קאָנקורענציע הויבט זיך אָן. ביידע הייזעריקע קאַפּיטאַנעס שרייען, די פייפערס פייפן. די מאַטראָסן ברומען אויף כלערליי קולות: „סידוי! סיודי!” דערנאָך באַרואיקט מען זיך. די מאַטראָסן פון ביידע פּאַרעכאָדן לאָזן זיך אַראָפּ נאָך הייץ־מאַטעריאַל, וואָס איז אָנגעהויפט אין גאַנצע וועגנט אַקעגן יעדן פּריסטאַן. אין גרויסע הויפנס טראָגן זיי די בעראָזעווע שייטן, און דער שוויס גיסט זיך פון זיי. אַראָפּלויפנדיק מיט ליידיקע אָרעמס ווינקען זיי צו מושען זונדלס טאָכטער, וועלכע רייצט זיי אַלעמען מיט איר לייביקייט, מיט אירע גרויסע און פוסטע אויגן, מיט אירע קליינע הענט. אַ מין הייסקייט ווייעט פון איר יידישער שיינקייט אויף די גויאישע פּאַרברויג־טע פּנימער. עס ציט פון איר מיט אַ ריח פון אַן אומבאַקאַנטן געריכט... נאָר אינמיטן דערינען צעטרובעט זיך דעם רבינס פּאַרעכאָד:

— טו־טו! טו־טו!

ס'הייסט: איר פאַרט אַרויף־וואַסער, קיין אָרשע, צי נישט?

— טו־טו! — כאַפּט גלייך אונטער דער פּאַרעכאָד פון דער „קאָמ־פּאַניע” — מען איז אייך מתרה: איר פאָרט צי איר פאָרט נישט?

— טו־טו! צום דריטן מאָל. ניין? טו דאַרף מען נישט!!

דער דריטער פייף שפּרינגט אַרויס נאָך פּלוצלעכער. די פּעטליעס און אַנקערס ווערן אַראָפּגענומען פון די פּריסטאַנעס. די קלאָטקעס ווערן אַראָפּגערוקט, די רודערס גיבן זיך אַ דריי און די פּאַרעכאָדן לאָזן זיך אָוועק מיטן פולן גאַנג, מאַרש, מאַרש אַקעגן שטראָם! דאָס בלויע וואַסער אַרום זיי ברויזט אויף ווי פּעטע מולינעס, די פּריסטאַנעס צעשאָקלען זיך, די פלאַגן פליען אַראָפּ. און די ווייסע שיפן שניידן זיך אַלץ אַרויף און אַרויף, צו די קאַכעלניעס — דער וועג קיין אָרשע.

דער עולם צעגייט זיך און מערע בלייבט שטיין איינע אַליין מיטן קינד אויף די הענט. זי איז פאַרחלומט פון אָט דער גאַנצער סצענע, זי איז אַנטציקט פון דער שטאַרקער געהיימנישפולער האַנט, וועלכע רע־גירט הינטער די אייזערנע שטאַבעס, אין בויך פון די פּאַרעכאָדן. זי לאָזט נישט צו, אָט די שטאַרקע האַנט, צום נודנעם ישוב־הדעת. קיין מינוט נישט! ווער עס פאַרשפּעטיקט דער פאָרט נישט!... אָט פונקט אַזאַ האַנט, נאָך אַ שטאַרקערע, קאָמאַנדעוועט ערגעץ־ווו איבער אַלע פּאַ־רעכאָדן, איבער שטעט און שטעטלעך... ווער עס שטעלט זיך אַקעגן ווערט צעריבן ווי שוים. אַזוי ווי פּאַנדרע, איר מאַן, אַזוי ווי קאָפּל — זונדלס עלטערער בנאָק...

— טו־טו־טו! אָרעמע לייט מוזן פאָלגן! אָרעמע לייט מוזן שווייגן, טו־טו! און טאָמער נישט —

אַ שווערער אומעט כאַפּט מערען אַרום. די פּאַרעכאָדן פאַרשווינדן הינטער די קאַכעלניעס. נאָר זייער שווערער אָטעם, אַ סאָפּען פון איי־זערנע חיות, דערגרייכט נאָך פון דערווייטנס. די אייזערנע האַנט צווינגט זיי — שנאָרכן זיי: „פּאַך־פּאַך־פּאַך!" מיר ווילן נישט נאָר מיר מוזן!... און יעטוועדער דאַמף־אָטעם זויגט מערען דאָס בלוט פון האַרצן, ביז עס ווערט שוואַכער און שוואַכער, ביז עס פאַרלירט זיך צווישן די רויטע ליים־בערג.

טרערן שפּאַרן מערען אָן אין ביידע אויגן. זי דריקט צו זיך צו דאָס קינד ליידנשאַפטלעך. זי קושט אים דעם רויטן פלעק אויפן העלדזל, דאָס געבורט־אָנדענקען פון דער שריפה ביים נייעם נגיד, וואָס האָט איר אַזוי טייער געקאָסט — :

— נישט געקומען דער טאַטענקע, זונעלע, נישט געקומען!...

וואַרט, וואַרט! פּאַנדרע וועט קומען...

1.

דאָס כאַפּן מיטן באַלעגאַלישן שטיוול איבערן רוקן, וואָס קושקע בראַנד האָט געכאַפּט פון מערען און דערנאָך — דער גוטער כמאַל מיט דעם קאַלטן טייגעכץ איבערן באַק, איז נישט געבליבן קיין סוד. נישטאָ קיין סודות אין שקלאָוו. ווי דורך אַ כישוף איז אויף מאָרגן, נאָך דער סעודה פון חברה־קדישא, געוואָרן באַקאַנט אין גאַנץ שטאָט, אַז ביי סענדערן אין הייזקע איז עפּעס, מיט קושקע בראַנד, געשען אַ מיאוסע מעשה: אַז ער איז אינמיטן דער נאַכט געפלויגן פון צוויי טירן מיט אַ ליידיקן קאָשיק אין האַנט און, אַז מען האָט אים נאָך דערצו גע־בויקערט מיט סענדערס אַ וואַרימען שטיוול... כע־כע! מאַלאָדיעץ פּאַנ־דריכע! וואָס דען! סענדער דעם חסידס אַ טאָכטער וועט זיך לאָזן? געטראָפן דעם ריכטיקן אָרט !...

ס׳זענען אַפילו געווען בעלנים אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געלאָזן גיין זען די רעשטלעך פון פיש און טייגעכץ, וואָס מערע האָט קושקען געוואָרפן אין קאָפּ אַריין. אויפן שניי זענען דאָך מסתמא דאָ סמנים. אָבער די גאַסן הינט האָבן שוין געזאָרגט, עס זאָל קיין שריד ופליט נישט בלייבן פון דעם נאַכטיקן באָמבאַרדירן קושקע בראַנד עט קאָמ־פּאַניע.

האָבן זיך די אַנטוישטע פּאָרשער געטאָפּטשעט אין שניי, אַקעגן סענדערס הייזקע, און געקילט זיך דאָס האַרץ מיט האָפענונגען אויף דער נאָענטער צוקונפט:

— וואַרט, וואַרט! זאָל נאָר פּאַנדרע אַרויס פון אָסטראָג. ער וועט שוין יאָ דערגיין אַ טאָלק. ער וועט זיך שוין מיט קושקען אָפּרעכענען אויף ד ע ר וועלט...

אַ לעבעדיקער עדות, צו דעם וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, איז פאָרט

געבליבן איין חיה־שרהקע די משוגענע. דריי טעג און דריי נעכט, נאָך דער סעודה, האָט זי אַרומגעשליאָנדערט, ווי אַ טרובאַדור, איבער אַלע גאַסן און באַזונגען די גרויסע געשעענישן מיט איר נודנעם קולכעלע און מיט אירע לידלדיקע קורצע שורהלעך, וואָס זי האָט, אין איר משוגענער באַגייסטערונג, ספּעציעל פֿאַרפֿאַסט לכבוד קושקע בראַנד און לכבוד זיינע נאַכטיקע אַוואַנטורעס:

„ניטשיינע" האָב איך אַ פּלי געטאָן,
דאָ, אויכעט דאָ!
פֿון דער פֿאַנדריכען, פֿון קאָכשטוב —
דאָ, טאָקע דאָ.
מיט דעם קושקע, מיט דעם קאָשיק —
דאָ, אויכעט דאָ!
מיט די גריבענעס און טייגעכץ —
איכאַ — איכאַ — כאַ!

אַזאַ צעפּויקטע חרפּה האָט שוין קושקע נישט געקענט פֿאַרטראָגן. האָט ער קודם גענומען פֿאַרענטפֿערן זיך אין באַלעגאָלישן צעך, ביי אַ גרויס געלעכטער פֿון אַלע פֿורמאַנעס, אַז ער אַליין איז גאָט די נשמה שולדיק. ער אַליין איז געווען „מלא", נאָך דער גרויסער סעודה, און נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך מיט אים. דאָס האָט אים זאַוול־שמייסער פֿאַרפֿירט. ער און מער קיינער נישט. אַזאַ פֿאַרך דאָס איז! „אַ פֿריער, מאַכט ער, באַלעבאָס, איר, דערנאָך איך..."

האָט זיך דאָך זאַוול גענומען שטעלן אַקעגן, דערציילן אַז... פֿאַרקערט, דער באַלעבאָס איז גאָר נישט געווען שיכור. פֿון אַ סאָטקע ווערט מען נישט שיכור און פֿון בולבע־צימעס מיט פֿלוימען אודאי און אודאי נישט... איז אַוועק אַ קריג צווישן באַלעגאָלע און שמייסער. איינער האָט גע־וואָרפֿן אויפֿן אַנדערן, ביז קושקע האָט ביי זאַוולען אָפּגענומען די בייטש און אים אַליין אַרויסגעטריבן. איז זאַוול דער ווייבערניק געבליבן אָן אַרבעט, וואָרים קיינער אין צעך האָט אים מער נישט געוואָלט נעמען אַלס שמייסער. אַ ביסל צוליב זיין שלעכטן נאָמען, וואָס ער האָט גע־קראָגן, און אַ ביסל צוליבן כבוד פֿון אַזאַ אַלטן מיטגליד פֿון צעך, ווי קושקע בראַנד.

— וואָס דאַרפֿן מיר זיך דאָ מישן? — האָבן באַלעגאָלעס געהויבן מיט די ברייטע, אָנגעפּעלצטע פּלייצעס, — אָט פֿאַנדרע וועט באַלד אַרויס פֿון אָסטראָג, זאָל ער דערגיין ווער ווועמען ס'האָט פֿאַרפֿירט...

איז קושקע בראַנד געבליבן אָן אַ געהילף, געוואָרן אָפּגעלאָזן ביי זיך. דאָ עפּנט זיך ביי אים אַ כאַמעט, דאָ רייסט זיך איבער אַ לייצע. דאָ קומט ער אָפּנעמען זיינע שוואַקעס אַ שעה צו פרי און דאָ — אַ שעה צו שפּעט. די פּאַסאַזשירן פירט ער אַרום איבער גאַנץ שטאָט, איידער ער לאָזט זיך מיט דער בויד אין וועג אַריין; און די — פאַרשפּעטיקן דורך אים צום אָרשער באַן. און אַפילו אַצינד, ווען די פאַרעכאַדן גייען שוין איבערן דניעפּער און די זעקס שעהדיקע פאַרעניש קיין מאָהליוו און אָרשע האָבן אויפגעהערט, פאַרשפּעטיקט ער אויך. דאַכט זיך צופירן אַ פּאַסאַזשיר צום פאַרעכאַד געדויערט דאָך איינגאַנצן אַ פערטל שעה! אָבער קושקע ספּראַוועט זיך נישט. נישטאָ אַמאָליקע כוחות. דער בויד וואַקסט און די הענט ווערן שוואַכער. זאַוול, זיין געוועזענער שמייסער, טשאַטעוועט אויף אים פון אַלע געסקעס. אין זיינע אויגן ברענט אַ גע־בעט... אָבער קושקע האַלט אויס כאַראַקטער. ער קען דעם ממזר גלייך אין די אויגן נישט קוקן. זאָל ער יעצט פּוכניען פון הונגער!...

זאַוול וויל אָבער נישט „פּוכניען". זינט דער דניעפּער האָט זיך געריררט און זונדל גאָטס גנבס הייזקע האָט זיך געעפנט פאַר אַלע פאַר־טריבענע פאַרשווינען, וועלכע לויפן פון שטאָט, האָט זיך זאַוול שמייסער אויך אַהער פאַרנאַדיעט. אַריינגעקומען איז ער כלומרשט אָנוואַרעמען די הענט ביי דער אייזערנער אייוועלע, וואָס הייצט זיך מיט רבי לייבעלע שניאורסאָנס האָלץ. דערווייל וואָס האָט ער צוגעוואָרפן אַ גוט וואָרט דרייזן, קאָפּלס ווייב, וואָס וואָרט אויף די הייסע טעג, כדי נאָכצופאָרן איר פאַרשיקטן מאַן, אין „סימביר". אָבער דרייזע איז געווען פאַרנומען מיט אויפרוימען די הייזקע, און בייז איז זי געווען אויף אַלע „האָלע־דראַנצעס", וואָס טראָגן אַהער אָן זאַמד און בלאָטע. האָט זי זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אויף אים, נישט באַמערקט אַפילו די שוואַרצע טשופּרינע זיינע, וואָס שטופּט זיך אַזוי ווויל־יונגיש פון אונטער זיין היטעלע. האָט זאַוול געפּרוווט אַ וואָרף טאָן אַ פּאָר ממזריש הייסע אויגן אויף מושען — זונדלס טאָכטער, אָט אויף דער אָפּגעפּאָרענער קראַסאַוויצע, מיט די שיינע היפטן און מיטן נערוועאישן שלוקערץ. אָבער יענע האָט גלייך געמאַכט אַ מינע פון אַ מענטשן וואָס האָט זיך איבערגעגעסן מיט צימעס... האָט זאַוול געפּרוווט אַ זידל טאָן הירשל דעם טויבן: אַזאַ מסור, אַ ייד!... און חישין דעם דאָקטאָר האָט ער אַ טשעפּ געטאָן, אַריינגעמישט זיין געגנבעטן... ס'הייסט דעם פאַרפאַלענעם און צוריקגעפונענעם פערד

מיטן אונטערגעשוירעגעם עק... אַט צוליב וואָס מען פאַרמשפּט היינטיקע צייטן אַ טאַטן פון קינדער! און שטאָט שטייט און קוקט, און גאָרנישט.

דאָס מאָל האָט זאַוול יאָ געטראָפן. מיט זיין הייליקן צאָרן האָט ער אָפּגעקויפט דאָס האָרץ פון קאָפּלס מאַמע. וואָרים טעמע, זונדלס יידענע, האָט גלייך געגומען צושאָקלען מיטן באַטיכלטן קאָפּ, ווישן מיטן פאַרטוך די אויגן און דעם מאַנסבילשן נאָז אירן. זאַוול האָט אַפילו געקראָגן פון איר אַ הויפן געקאָכטע באָב. ניין, אדרבא — אַזוי האָט צו אים טעמע וויינענדיק גערעדט — זאָל ער נאָר פאַרזוכן... קאָפּל, איר זון, האָט אויך ליב געהאַט באָב. אַזעלכענע בלאָטערן, זאָגט זי, זאָלן זיך הירשל דעם טויבן זעצן אויף דער צונג, וואָס פאַר אַ באָב קאָפּל איר זון האָט ביי איר געגעסן אַלע שבת...

נאָר פון אַ הייפל באָב קען מען נאָך נישט געהאָלפן ווערן. האָט זיך זאַוול גענומען אַרומדרייען ביים דניעפּער, צווישן אַנשלס פּאַראָם און זונדלס הייזקע, ביי די פּריסטאַנעס. דאָ שאַרט ער זיך אַריין און העלפט צו, דאָ פעלט אַ האַנט און מען בעט א י ם. דאָ קייקלט ער אַרויף אַ פּאַרטיע פּעסער אויפן פּאַראָם און דאָ העלפט ער דרייען פייכטע לאָזעס צו בינדן די פּליטן. דאָ טראָגט ער אַרויף אַ משא אויפן פּאַרעכאָד און דאָרטן טראָגט ער אַראָפּ זעקלעך מעל פון אַן אָנגעשיפּטער לייווע. ער כאַפּט איבער אַ גריוונעצקע, אַ פּערטעלע. ער לעבט זיך אַזוי דורך מיט מאַטערניש און דער כעס קאָכט אין אים אויף קושקע בראַגד. ביי קושקען אויף דער קעלניע האָט זיך געלעבט לייכטער, זאַטער, און די שטיוול האָבן זיך אַזוי נישט אָפּגענוצט. יאָ, שמייסן קושקעס פערד שמייסט ער שוין נישט מער, אָבער שווייגן טוט ער אויך נישט. דאָס וואָס חיה־שרהקע די משוגענע האָט נישט דערזונגען אין איר לידל פאַר־טייטשט ער מיט אַ ברייטן „פּירוש זאַוול", יעטוועדן, ווער עס וויל נאָר הערן: אָט, אָט אַזוי איז קושקע געפלויגן איינגעבויגענערהייט פון סעב־דערס פּירהויז, און אָט אַזוי איז אים מערע נאָכגעטאַנצט מיט איין באָרוויסן פוס און געבויקערט אים מיטן שטיוול פון דערטרונקענעם טאַטן... אָן בייכער זענען געבליבן באַלעגאָלעס און נאָסקע־טרעגערס ביים ברעג דניעפּער. „הער אויף, זאַוול ממזר!" אַזוי צוויטשען זיי פון גרויס געלעכטער און לאָזן אַראָפּ די משאות פון די קייכנדיקע פּלייצעס. „די מילצן כי־כי־כי פּאַלן אונדז באַלד אַרויס!"

לסוף ווערט נאָך זאַוול שמייסער ערנסט, גאָר ערנסט:

— איך, זאָגט ער, דער קירביס, האָט אים געשלעפּט. איך!... אַ

מענטש לאָזט מיך נישט לעבן: מערע דאָס און מערע יענץ... געזען אַ וווקס פון אַ יידענע? געזען אַ ברוסט? פֿאַנדרע „זיצט״... היינט וואָס שווייגן מיר?

— כאַ־כאַ־כאַ! — ענטפֿערן אים פון בויך די באָסקע־טרעגער.

און אַז זיי זעטיקן זיך אָן מיטן געזונטן געלעכטער, ווישן זיי זיך די אָנגעלאָפֿענע טרערן אין די אויגן.

— וואַרט, וואַרט! — פּסקענען זיי אַלע — פֿאַנדרע וועט אָקאָרשט אַרויס פון אָסטראָג...

.2

איינמאָל, אין אַ מיאוסן נאָכמיטאָג, האָט זאַוול, אויפֿן ברעג דניעפּער, דערזען מערען. זי איז געשטאַנען אין זאַמד, מיטן קינד אויף די הענט, און פֿאַרבענקט נאָכגעקוקט דעם, אָקאָרשט אָפּגעפֿאָרענעם, רבינס פֿאַרע־כאָד. טרערן זענען איר געשטאַנען אין די ברוינע אויגן. אינעם טומל פון באַלעגאָלעס, וועלכע רייסן זיך איבער אָנגעפֿאָרענע שודאַקעס, האָט זיך זאַוול צוגערוקט צו איר מיט אַ זייטל:

— המ... מערע, זי זאָל קיין פֿאַראיבל נישט האָבן. ע... וואָס האָט ער געוואָלט פֿרעגן — ווען קומט פֿאַנדרע?

מערע דערקענט אין אים דעם געוועזענעם שמייסער פון קושקע בראַנד. זינט קושקע האָט זיך צו איר אַריינגעמאַכט, אינמיטן דער נאַכט, און אימיצן געלאָזן וואַרטן דרויסן, טראָגט זיך אויף זאַוולען אַ חשד, אַז ע ר האָט זיך דאָס פֿאַרטאַיעט אויף דער גאַס, הינטער דער גע־בויטער סוכה...

ענטפֿערט זי אים נישט און וויל אַוועקגיין.

אָבער גאָר אומגעריכט, פון דער העלער הויט, הויבט זאַוול אָן צו שווערן און צו פֿלוכן זיך אַליין. מיט טויטע קללות און חרמות שווערט ער זיך:

— מערע, זי הערט? זאָל ער קרענקען, אַ קרופּ זאָל אים דערווערגן, אַ דונער זאָל אים טרעפֿן, אויב, אויב, אויב... ער איז גאָט די נשמה שולדיק. קושקע דער פּרעסער האָט זיך אין אים איינגעגעסן: מערע און מערע! לעבן האָט ער אים נישט געלאָזט...

— טו־טו! טרובעט דעם רבינס פֿאַרעכאָד און רייסט איבער זאַוולס היציקע שבועות. דאָס גיט דער פּייפֿער אַ צייכן דעם פֿאַראָמשציק מען

זאָל אָפּלאָזן דעם קאַנאַט, ער זאָל זיך קענען פריי פאַרקירעווען אויף מאַהליוו.

דערמאָנט זיך מערע, אַז אין מאַהליוו זיצט נאָך פאַנדרע איר מאַן... זאָגט זי זאַוולען אָפּ דאָס, וואָס אַלע זאָגן:

— אָט, נח וועט קומען, וועט ער זיך מיט אייך ביידן דורכשמועסן.

זאַוול ווערט געלבלעך־בלאָס. ער ווייסט מיט וואָס עס שמעקט אַזאַ דורכשמועסן זיך... אָבער באַלד כאַפּט ער זיך איינטענהן מיט מערען מיט נאָך מער היץ:

— נח? ע... אדרבא. אויף דעם וואָרט ער דאָך. טאָקע דערפּאַר פרעגט ער זיך נאָך. ער וועט פאַנדרען אַליין דערציילן יעטוועדער ברע־קעלע און יעטוועדער פּיצעלע און יעטוועדער — אַ? זי מאַכט „עי״, מאַכט זי? זי רעכנט אפשר, אַז ער, זאַוול, וויל דאָ פאַרכאַפּן די פיש פאַר דער נעץ? טאָ אדרבא, זאָל זי אַליין זאָגן. ווער וועמען פאָלגט? אַ שמייסער אַ באַלעבאָס, צי אַ באַלעבאָס אַ שמייסער? אַז קושקע האָט אים איינגעקלעמט: מערע און מערע...

די היץ, מיט וועלכער זאַוול שמייסער טענהט, זיין געדיכטע טרוקענע טשופּרינע, וואָס רייסט זיך ווי אַ שוואַרצע זאַווערוכע פון אונטער זיין דאַשיק, מאַכן מערען אַ ביסל וויכער. זינט י ע נ ע ר נ אַ כ ט, זינט קושקע האָט זי צערייצט, קוקט זי, קעגן אייגענעם ווילן, מיט אויגן פון אַן אויסגעהונגערטער וואָלפיכע אויף שיינע און געזונטע יונגע לייט. דער מאַי יערט איר אינעם בלוט. אַ מאַטקייט ציט איר די קני. אפשר איז זאַוול באמת נישט שולדיק? נאָר דאָס איבערקייען פון איר נאָמען, וואָס אַ פרעמדער שמייסער־יונג קייט איבער, איז איר פריקרע. בעט זי אים שטילערהייט:

— וואָלסט בעסער געלאָזן מיך פון מויל, גיי, גיי!

און דאָ, פּונקט ווי איר צו הילף, פאָרט אָן קושקע בראַנד, זאַוולס געוועזענער ברויטגעבער. מיט צוויי פאַרשפּעטיקטע פּאַסאַזשירן אין פאַיעטאָנדל קומט ער אָן, ווי זיין שטייגער איז די לעצטע צייט. די אויפגערעגטע פּאַסאַזשירן טייטלען מיט די פּאַראַסאָלן אויפן רויך, וואָס דעם רבינס פאַרעכאָד האָט זיך נאָך איבערגעלאָזן איבערן פּאַראָם, און ביידע זידלען קושקען אויף וואָס די וועלט שטייט.

וויל אָבער נישט זאַוול, אַז קושקע זאָל אים זען, ווי ער רעדט עפּעס מיט מערען. רייסט ער איבער איינמיטן דעריבען מיט אַ בורטש, וואָס האָט קיין שום טייטש נישט, און רוקט זיך אַוועק פון פאַנדריכען

אַזוי ווי ער האָט זיך צו איר פריער צוגעשאַרט. אין זיין קרומען גאַנגעלע דערפילט מערע, אַז דער אמתער אַנהויבער, אין יענער נאַכט, איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי זאַוול. אָ, פאַר דעם יונג דאַרף מען זיך היטן, אַ סך מער ווי פאַר קושקען דעם שוועך־לייביקן, מיטן געלן פליך.

קושקעס פאַרשוווּמענע אויגלעך גיבן שאַרף אַ בליץ־אַראָפּ פון דער קעלניע. ער דערקענט זייער גוט, אַז זאַוול האָט דאָ אָקאָרשט געשמועסט מיט מערען, מסתמא עפּעס ווייטער געגראָבן אונטער אים... דאָס בלוט גיט אים אַ זעץ אין קאָפּ. ער האָט בדעה אַראָפּצושפּרינגען פונעם פּאַיעטאָן און אויספּאָסעווען זיין געווענעם שמייסער מיט דער בייטש. אַזאַ טרפהנער ביין דאָס איז!... נאָר זיינע פאַרשפּעטיקטע פּאַסאַזשירן לאָזן נישט. זיי זידלען זיך און שרייען דאָס זייעריקע. דאָס זענען דאָך עפּעס צוויי חשובע יידן חסידים פון ליובאַוויטשער בית־מדרש: ישראל דער גבאי און בערע רחמיאלס — דער אונטער־גבאי. זיי פּאַכען פאַר כעס מיט זייערע רויטע נאַזטיכלעך און טיקן מיט די שפּיצן פון די פּאַראַסאָלן. אַצינד מער נישט אויפן פּאַס רויך פון אַוועקגעגאַנגענעם פּאַרעכאָד, נאָר אויף אים טאָקע, אויף קושקען גופא: יאָ, געבראַכט צום דניעפּער האָט ער זיי. אַ גרויסן דאַנק!... און ווו איז דער פּאַרעכאָד?

— דער פּאַרעכאָד? — קראַצט זיך קושקע פאַרלעגן.

— אָקסן־פּאַטשט! — שרייט דער גבאי.

— אויף אַ קאָטשערע וואָלט מען שוין גיכער געקומען! — העלפט צו דער אונטער־גבאי.

באַרויִקט זיין קושקע בראַנד: ס׳איז, זאָגט ער, קאָנקורענציע. און באַלד פאָרט אָן אַ צווייטער פּאַרעכאָד פון דער „קאָמפּאַניע". אַ קלענערער אַפילו, אָבער מער ווי אַכט קאָפּיקעס אַ פּאָר קיין מאָהליוו וועט זיי דאָך אַצינד נישט קאָסטן.

ווערט ישראל דער גבאי אַן אַנגעצונדענער:

— ווער פרעגט אים עצות? וואָס הייסט חסידים וועלן פאָרן מיט אַ גויאישקן פּאַרעכאָד?

— העַן אַ חוצפה! — שטילט זיך בערע רחמיאלס דאָס האַרץ מיט אַ דיקן שמעק־טאַבאַק. — אַפּטשכי, צו אַלדי קאַדיק!

פאַר כעס רייסן זיי ביידע קושקע בראַנדן אַראָפּ אַ גאַנצן פּיאַטאַקל. ווי? פאַר פאַרשפּעטיקן קומט אים אפשר אויך אַ גילדן?...

קושקע נעמט צו אַ גריוונע און רעדט מער קיין וואָרט נישט. ער איז גלייכגילטיק צו אַזעלכע קלייניקייטן. מערעס אַנוועזנהייט און זאַוולס

אוועקמאַכן זיך פון איר האָבן אים איבערגעקערט די בעבעכעס אין בויך. און טאָמער וויניק — לאַכט נאָך פון אים דער סטאַראָזש פון גויאישקן פריסטאַן, אָט דער הויכער שטעכיקער גוי, מיט דער קאָקאַרדע פון דער „קאָמפּאַניע" אויפן היטל:

— כאַ־כאָ! פּאַרשפּעטיקט, דו זשידאָווסקער קוטשער דו! אָ?

ענטפערט אים קושקע גלייך אָפּ מיט אַ גרונטאָוונעם רוסישן ווערטל. ער איז זיכער, אַז עס פּאַסט זיך פּונקט אַהער אַריין:

— לוטשי פּאָזדני טשעם ניקאַגדאַ. סוויניאַטשאַיאַ טי מאָרדאַ!*)

די באַלעגאָלעס קאַטשען זיך פון געלעכטער פון קושקעס שיינעם ענטפער. נאָר קושקען טרייסט דאָס אַ האָר נישט. מערעס שלאַנקער וווּקס, איר אויסדרייען זיך צו אים מיטן רוקן — זויגט אים דאָס בלוט. ער געדענקט זייער גוט, אַז אין דער ערשטער הייסער מינוט האָט זי זיך פאַרט פאַרלוירן, געלאָזן זיך אַרומנעמען. זי קען דערציילן וואָס זי וויל... ווען נישט זיין נאַרישקייט, ווען נישט די גראָבע רייד זיינע, אַז דאָס גיט ער איר אָפּ זיין ווייבס חלק פיש, וואָלט... אַך, וואָס איז דאָ וואָס צו רעדן! זינט זי האָט אים געשלאָגן מיטן שטיוול, האָט ער זי, דאַכט זיך, אַזוי פיינט. צעריסן אויף שטיקער וואָלט ער זי, אַזאַ ווילדע בריאה! און אין דער זעלבער צייט ברענט אין אים אַ פייער, אויסגע־מישט מיט אַ מאָדנער מורא פאַר איר, מיט אַ מאָדנעם דרך־ארץ. ס'איז מער נישט יענע גראָבע צעלאָזנקייט פון זיין געדיכט בלוט, וואָס האָט אים געטריבן פון דער סעודה אין לויה־בית־מדרש צו פאַנדריכען אין שטוב אַריין. ס'איז דער געשטיקטער פייער, דער שטאָלץ פון אַ זכר, ווען די ווייביכע האָט געגעבן אַ גוטע לעקציע, געוויזן אירע שטאַר־קערע נעגל. די בייזקייט אַקעגן איר מישט זיך ביי אים אַצינד מיט אַ בענקשאַפט פאַלן איר צו די פיס: נאַ, טאַפּטשע קושקען! אָפּגעלעבט פערציק יאָר. אַ ווייב מיט קינדער... טאַפּטשע מיך!... ער האָט געוווּסט, קושקע, אַז פּונקט אַזאַ בענקשאַפט האָט אַמאָל אַנידערגעוואָרפן פאַנדרען, דעם שקלאָווער שמשון־הגבור, צו אירע לאַנגע פיס פון אַ באַטשאַן, צו אירע געטאָקטע פיס אין רויטע זאָקן.

ער ווייסט נאָר קושקע, אַז זינט יענער נאַכט, האָט ער אָפּגעלאָזט

*) „בעסער שפּעטער, איידער קיינמאָל נישט, דו חזירישער שנוק" — פאַרגרייזט.

זיין פרנסה. ער רייסט זיך נישט מיט באַלעגאַלעס איבער אַ שודאַק. זאָל דאָס אַלץ גיין אין דר׳ערד אַריין! נאָר אַן אויסטערלישע בייגעריקייט האָט אים אַרומגעכאַפּט צו זען זיך מיט פּאַנדרען, צו זען באַכאַמאָל אַט דעם יונגאַטש, וואָס נעמט מערען אַרום, ווי זיינע אַ זאַך, און האָט אַפילו קיין מורא נישט. מען קען נישט וויסן, עס קען נאָך אויסקומען צו געבן איינער דעם צווייטן מיט אַ מעסער אין זייט.

אָבער פּאַנדרע „זיצט״ דאָך. און ווער ווייסט ווי לאַנג ער וועט נאָך זיצן. פון גרויס בענקשאַפט צו „זען זיך״ מיט אים, האָט קושקע געגומען טרינקען. ס׳איז אַ חרפּה אויסצוזאָגן: ער האָט שוין אַפילו איינמאָל געשלאָגן פּעסיען זיין ווייב אויך.

אמת, זי האָט אים שוין אַ ביסל צופיל דאַקוטשעט. זי האָט אים געעדערט, אַז די לעצטע עטלעכע וואָכן גיט ער איר נישט געגוג אויף דער הוצאה. קומט פרייטיק האָט זי נישט מיט וואָס שבת צו מאַכן. אַן אמת איז דאָס. נאָר געפּילט האָט ער, אַז אונטער דעם שטעקט עפּעס נאָך אַ טענה. נאָר זי האָט מורא צו זאָגן אָפן וואָס זי מיינט... נו, האָט ער איר מכבד געווען. רייבנדיק זיך אַ פּלייצע, נאָך די קלעפּ, איז שוין פּעסיע אַרויס מיטן גאַנצן לשון:

— וואַרט, וואַרט! — האָט זי גיפּטיק געשריען — אַז פּאַנדרע וועט דיר ברעכן די ביינער וועט דאָס שוין זיין צושטייער פאַר מיר אויך!

פון אַלע זייטן הערט קושקע, אַז מען שרעקט אים מיט פּאַנדרען ווי מיט אַ באַבוק. נמאס ומאוס זענען אים אַזעלכע סטראַשונקעס. זיי מיינען אַלע, אַז ער האָט פּחד. אינדעראמתן עסט אים אַ ברענענדיקע בייגעריקייט. אדרבא, זאָל ער נאָר קומען, דער אָסטראָזשניק! צוליב אַזאַ נקבה ווי מערע איז ווערט צו שלאָגן זיך. ס׳קען אויסקומען צו געבן מיט אַ מעסער אין זייט אויך, מ׳קען נישט וויסן...

— טור־טור!

קושקע כאַפּט זיך אויף אויף דער קעלניע פון זיין בייזער פאַר־טראַכטקייט. דער פאַרעכאַד פון דער „קאָמפּאַניע״ איז שוין גאָענט. דאָס טרובעט ער צווישן די קאַכעלניעס, גיט צו וויסן, אַז דאָס קומט ער אָן, הייסט דאָס, מיט מזל, פון אָרשע. דער זשידאָווסקע פאַרעכאַד איז שוין אַפילו אַוועק, אויסגעכאַפּט די פּאַסאַזשירן. נאָר די „קאָנקורענציע״ בלייבט ווי געווען. טור־טור!

קושקע גיט אַ טרייסל מיטן קאָפּ. ער טרייסלט זיך אָפּ פון זיין שווער געמיט, ווי אַ הונט פון וואַסער. פון דער ברייטער כאָליאַווע ציט ער פלינק אַרויס אַ פלאַכע פלעשל, שטאָפּט אויף און פאַרוואַרפט דעם קאָפּ מיט דער פלאַש צוזאַמען. אַזאַ טרונק בפרהסיא שאַדט געוויס צו פרנסה. נאָר ס'אַרט אים נישט. יעדער איינער היילט זיין האַרצווייטיק ווי ער קען. אדרבא, זאָל ער!... זאָל ער נאָר קומען, דער פאַנדרע!

ווי אַזוי מען היילט גילדענאָדער

.1

בערע רחמיאלס, דער אונטער־גבאי אין ליובאַוויטשער בית־מדרש, איז אַ געזעצטער נישט־הויכער ייד, אַ פּרומאַק מיט אַן איינגעהויקערטן פּעטן רוקן און מיט אַן אויסגעפּאַשעטן קאַרק. אַ פּנים האָט ער אַ ווייַ־בעריש־צעשוואומענעם, פון אַ פאַרעלטערטער גבירהנטע, וואָס איז זיך אויסגעלעגן אין פּוכענע בעטן און איבערגעקאָרמעט זיך מיט זיסע פלעצלעך. די שמאָלע, אַ ביסל יצר־הרעדיקע אויגלעך גייען אַוועק אין פעטע קנייטשלעך און אין אַ לאַכנדיק־וויינענדיקן אויסדרוק — אויך פון אַ פרומער באָבען, וואָס זאָגט נאָך דעם חזן אין מחזור און ווייסט נישט אויף קלאָר, צי מען באַדאַרף דאָ וויינען אָדער לויבן, מיט שמחה, גאָטס נאָמען; טוט זי ביידע זאַכן צוזאַמען.

אָט דאָס לאַכנדיק־וויינענדיק געזיכט פון ר׳ בערע רחמיאלס איז נאָך אַרומגעשאָטן מיט אַ שיטערלעך־סיוועווער באָרד, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ ווי אַ זיידן־ווייכער קייל איבערן חסידיש־אַרויסגעלאָזטן קאָלנער פון העמד. דאָס זעט זיך שוין ווידער אָן עכט מאַנסבילש. האָט ער, אָבער, צו ברייטע, ווייבערישע זייטן, וואָס וויגן זיך בשעת ער גייט. מישן זיך אַזוי אין אים די יסודות פון חסיד און חסידקע צוזאַמען.

אויפן גרויסן פליכעוואַטן קאָפּ איז אים טיף אַנגערוקט אַ „נאַפּאָ־לעאָנקע״, אַ דריי־עקיק היטל אַזאַ, פון אַ גראָבן אָפּגעקראַכענעם געוואַנט. פון פאָרנט האָט דאָס אַ מין שמאָלן קאַזיראַק, אויסגעבויגן ווי דער אויי־בערשטער טייל פון אַ גרויסן שנאָבל, און פון הינטן איז דאָ אַ מין פאַרטוכל, וואָס שפּילעט זיך צו און שפּילעט זיך אָפּ און לאָזט זיך אַראָפּוויקלען ווי אַ מין צודעק פאַרן פעטן קאַרק — אַ שוץ בשעת שטאַרקע פרעסט און גרויסע היצן. אַ גאַנצן יאָר דינט זי אים, די „נאַ־

פּאַלעאַנקע". דערפאַר, אַפּנים, איז זי אַזוי גרויסאַרטיק אַרומגעזוימט מיט אַ פאַרפּעצטן בכבודיקן זוים.

נישט קוקנדיק אויף זיין באַלייבטקייט באַוועגט זיך בערע רחמיאלס זייער גיך. נאָר זיינע איבעריקע פליישן מאַכן אים וואַקלדיק. מיט קאַטשקע־טריט לויפט ער איבער דער גאַס און זיין גרויסער פּאַראַסאָל אין האַנט פּאָספּעיעט נישט אָנצוקלאַפּן די ערד נאָך יעדן טראָט, נאָר איינמאָל איבער צוויי טריט. דערביי ווייַדלט זיך אים פון הינטן זיין רויטע חסידישע טיכל, וועלכע שטעקט אַרויס פון הינטער־קעשענע, אין שפּענצער. ווי אַ צוגעטשעפּעטער פאַרביקער עק פון אַ פּאַוויאַן כוואַליעט דאָס טיכל הינטער אים און גיסט זיך צוזאַמען, אין אַ מאָדנעם צוזאַמענ־האַנג, מיט דעם ווייבעריש־פּאַרטאַיעטן אויסדרוק פון זיין פּנים. אַ באַ־האַלטענע עברהשקייט שטעקט אין דעם, וואָס איז נאָר פון אויבן באַדעקט מיט פאַרגלאָצטער פרומקייט און מיט זיסלעכער עלטער.

און זאָגן זאָגט מען טאַקע, אַז אַמאָל איז ער גאָר נישט געווען פון די גאָטספאַרכטיקע לייט, סיי אין געלט־זאַכן, סיי אין ווייבערישע ענינים. אַמאָל, זאָגט מען, האָט ער געהאַלטן אַן אכסניה. איז ביי אים איינמאָל איינגעשטאַנען אַ רייכער סוחר. און עפּעס גאָר פּלוצלינג איז ביים גאַסט פאַרפאַלן געוואָרן אַ הונדערט רובלדיקע אַסיגנאַציע פון טאַש. איז דאָך געוואָרן אַ טומל און אַ געוואַלד. אַ קלייניקייט אַ הונדערטער אַמאָליקע צייטן! אַ גדן פאַר אַ טאָכטער... האָט זיך דער גאַסט נישט געפוילט און געבראַכט דעם פּריסטאַוו מיטן אוריאַדניק אין אכסניה אַריין. מ׳האָט דורכגענישטערט אַלע קאַמערן און דורכגעטאַפּט יעטוועדער שטרויעלע. לסוף האָט מען דעם הונדערטער געפונען אין דער גמרא ברכות. טאַקע ביים באַלעבאָס אַליין, אויף דער ספרים־פּאָליצע. האָט מען אים דאָך גענומען אויפן צימבל: ווי קומט דאָס אַ הונדערטער אין אַ גמרא? האָט ער זיך פאַרענטפערט, אַז דאָס האָט ער נאָר אַריינגעלייגט אַלס אַ סימן, וווּ ער האַלט אין לערנען... אָט ווי בערע רחמיאלס האָט אַמאָל געהאַלטן פון לערנען גמרא! אַפילו אַ פּרעמדן הונדערטער פאַר אַ סימן האָט ער אויך נישט געזשאַלעוועט.

און עפּעס נאָך אַ מעשה מיט אַ יידישער דינסט־מיידל איז זיך פאַר־לאָפן אין דער זעלבער אכסניא. דאָס מיידל האָט געמאַכט אַ געוואַלד אינמיטן דער נאַכט, אַז דער באַלעבאָס — יאָ, דער באַלעבאָס האָט... האָט עפּעס געוואָלט פון איר. האָבן דאָך מענטש גענומען מוסרן: ס׳טייטש,

אַ ייד אַ בעל־אכסניא! אַ טאַטע פון קינדער!... האָט אָבער בערע רחמיאלס געטענהט, אַז אים איז נישט־גוט געוואָרן, איז ער געלאָפן בעטן זיין דינסט־מיידל טראָפּנס. אָט ווי אים איז נישט גוט געוואָרן — אַז אַפילו לויפן צו דער דינסט־מיידל נאָך טראָפּנס אין בלויזן העמד האָט ער זיך נישט געשעמט.

נאָר וואָס טויגן אונדז אַלע מעשיות? אַז אויף דער עלטער איז ער פאַרט געוואָרן פרום און גוט, סכנות נפשות. דאַוונען דאַוונט ער, קלאַפּנדיק מיט די פויסטן אין שטענדער, מיט פאַרמאַכטע אויגן און וואַרפנדיק קאָפּ אָן פּלייצע. און נאָך יעדן פּסוק אין דאַוונען שרייט ער געשמאַק: „אי, טאַטע, ליבער פאָטער!" און ביים אויסגיין שמונה־עשרה גייט ער נישט אויס דריי טריט, ווי מען איז זיך נוהג, נאָר אַזוי פיל טריט וויפיל עס לאָזט זיך. דהיינו: „עשה שלום" און אַ טראָט אויף הינטן. „במרומיו" — אַ טראָט. „הוא יעשה" — אוודאי אַ טראָט. „שלום" — ווידעראַמאָל אַ טראָט. „עלינו" — נאָך אַ טראָט. „ועל כל ישראל" — ערשט אַ רעכטן טראָט. „ואמרו אמן" — אוודאי און אוודאי אַ טראָט.

ס'איז אַפילו אַלץ פון די פרומע זאַכן, וואָס קיין סך געלט און געזונט קאָסטן זיי נישט. אָבער אין ליובאַוויטשער בית־מדרש האַלט מען פאָרט פון זיין גאָטספאַר־נטיקייט. איר הערט דאָך! אַ ייד נעמט זיך דאָס לעבן. העָן ווי ער פאַרגייט זיך! „אַי טאַטע, טאַטע ליבער פאָטער!" און אַ טראַסק אין שטענדער אַריין.

אמת, נישט אַלעמאָל גילט אים אָפּ. בערע רחמיאלס, אויסצורעכענען דעם שטח פון הינטן, בשעת אַזאַ דרייפּאַכיקן אויסגיין שמונה־עשרה. אין נאָקן האָט דאָך אַ מענטש קיין אויגן נישט. קריכט ער, בלינדערהייט, אָן מיט זיינע שטיוול אויף באַגניאַטקעס, און מיטן פּעטן וואַקלדיקן געזעס — אויף בערד און נעזער. איז נאָך גוט, אַז ער קריכט אָן אויף אַן עלטערן יידן, וואָס קוקט אויף אַזאַ געצויגענעם שמונה־עשרה־אויסגיין ווי אויף אַ פרומע זאַך, וואָס נישט אַלע זענען בכוח אויסצופירן. ווי איז אָבער דער דין, אַז ר' בערע קריכט אָן אויף אַזאַ שייגאַץ ווי פּייוועקע אוריס, אָדער אויף אַזאַ גערבער־יונג ווי פייסקע דער געלער, פּעטער זשאַמעס אַרבעטער, וואָס איז געכאַפּט אויף יענער מעשה מיט חאַצע דעם „ציטשעליסט"? — דענסטמאָל... דענסטמאָל, זעט איר, איז זייער ביטער. וואָרים יענע לאָזן זיך נישט. פון פּייוועקען, למשל, האָט ר' בערע, דאָ אַנומלטן, געקראָגן אַזאַ קניפּ מיט די נעגעלעך אין דער מחילה, אַז

אַנשטאָט פאַרענדיקן אין פרומקייט און אין דבקות, דעם „ואמרו אמן״, איז גאָר בערע רחמיאלס אונטערגעשפּרונגען און פאַרענדיקט אַזוי:

— ואמרו — ...אוי, געוואַלד!

פון פּיישקע דעם געלן איז שוין אָפּגערעדט. פּיישקע דער גערבער־יונג האָט אָפּגעטאָן אַ שענערע מעשה. בשעת בערע רחמיאלס איז אים, אויסגייענדיק שמונה־עשרה, אָנגעקראָכן אויף די נאַגניאָטקעס, האָט אים דער יונגאַטש געגעבן אַזאַ שטויס, אַז דעם זעלבן מאַרשרוט, וואָס ר׳ בערע איז אויסגעטראָטן אויף הינטן, האָט ער נעבעך געמוזט צוריק־לויפן נאָך פאָרנט. און מיטן „ואמרו אמן״ אַרויפגעפאַלן צוריק אויפן שטענדער.

וואָס פּייווקע אוריס און וואָס פּיישקע דער געלער האָבן געקראָגן פון די בית־מדרש־יידן און דערנאָך — פון די זייעריקע, דאָס איז אַן אַנדער זאַך. מיר וועלן זיך אין דעם אַפילו נישט אַריינמישן. אָבער זינט דעם האָט זיך בערע רחמיאלס פאָרט גענומען היטן מיט זיין דבקותדיקן פיל־טריטלדיקן שמונה־עשרה־אויסגיין. ער האָט גענומען „אויסגיין״ נישט באַלכסון, נאָר אין האַלב־קרייז, כדי נישט אָנקריכן אויף מענטשן. אַצינד גייט ער אויס וויפל טריט ער וויל און בלייבט שטיין אינמיטן בית־מדרש. אַזאַ „אויסגיין״ האָט נאָר איין חסרון: וואָס אויפעפענענדיקביידע פאַר־דבקותטע אויגן, ווייס ר׳ בערע נישט אויף וועלכער וועלט ער איז, צי פאַרן בעלעמער צי הינטערן בעלעמער. שטייט ער אַזוי אַ ווײַלע און פינטלט מיט ביידע אויגן־שפּעלטעלעך ביז ער קומט צו זיך.

אָבער פרומע יידן און כלי־קודש געפעלט עס פאָרט. והא ראיה, אַז ס׳איז געקומען צו קלויבן אַ נייעם סגן צום גבאי, האָט מען אויסגע־קליבן בערע רחמיאלס. און זינט דעם טרעט ער נישט אָפּ פון ר׳ ישראלן. וואָס ר׳ ישראל דער גבאי, טוט, טוט ער אויך.

.2

אַצינד, פאַרשפּעטיקנדיק צום רבינס פאַרעכאַד, דורך קושקע בראַנדס פאַרעכץ, האָבן ר׳ ישראל גבאי און בערע רחמיאלס קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, ווי אַרומגיין אויפן זאַמדיקן ברעג, פאַר די פּריסטאַנעס, און וואַרטן אויפן פאַרעכאַד פון די שונאי־ישראל. פון דער גויאישקער „קאָמפּאַניע״ הייסט דאָס. וואָרים פאַרן טוען זיי דאָך קיין מאַהליוו נישט צוליב ווילטאָג, נאָר טאַקע צוליבן ווויל פון ליובאַוויטשער בית־מדרש.

די ערב־יום־כפורדיקע טעלער, וואָס מען שטעלט ביים האַנטפּאָס, צוליב די הצטרכותן פון זעלבן בית־מדרש, האָבן היינטיקן יאָר נישט געגוג אַריינגעבראַכט. אַ שווערער ווינטער, הוספה די שמשים, און צוויי גרויסע הרובעס האָבן אויפגעגעסן אַלע געגעבענע מתנות און נדבות. מען כאַפּט זיך דאָ אַנומלטן צום דאַך — ערשט די אַלטע שינדלען האָבן זיך ערטער־ווייז איינגעבראָכן אונטער דער משא פון אָנגעפאַלענעם שניי. אַ גאַנצן טייך האָט מען געפונען אויפן בוידעם. האָבן גבאי און אונטער־גבאי באַשלאָסן פאָרן קיין מאָהליוו און צוזאַמענגעמען עטלעכע צענדליק רובל ביי די דאָרטיקע חבדער חסידים און ביי אַמאָליקע שקלאָווער באַלעבאַטים, וואָס זענען רייך געוואָרן אַזוי, אַז ווינען אין שקלאָוו איז זיי מער נישט אָנגעשטאַנען און זיי האָבן זיך אַריבערגעפּעקלט אין דער גרויסער שטאָט מיט ברוקירטע גאַסן. היינט אַצינד, אַז ס'איז נאָך „קאָנקורענציע", און אַ פּאָר קיין מאָהליוו קאָסט אַ שבוש, איז דאָך אוודאי גוט. אי מען איז זיך עוסק בצרכי צבור, אי מען שפּאָרט קהלישע געלט.

פּאַרפאַלן. פּאַרשפּעטיקט צום רבינס פּאַרעכאָד איז פּאַרשפּעטיקט. אָבער אַזאַ מצוה ווי פּאַרריכטן דעם דאַך פון ליובאַוויטשער בית־מדרש איז דוחה דעם רבינס פּאַרעכאָד אויך... שפּאַצירן זיי זיך אַזוי אַרום און פּאַכען מיט די גרויסע פּאַראַסאָלן, און דאָס האַרץ שטילט זיי נישט אויף קושקען דעם באַלעגאָלע און אויף זיין פּאַרשפּעטיקן.

דערשמעקט דאָס זאָוול, קושקעס געוועזענער שמייסער. ער האָט געזען ווען די גבאים זענען אָנגעפאָרן און איז זיך משער וועגן וואָס זיי שמועסן אַצינד. רוקט ער זיך פּאַוואָליע צו, מיט אַ זייטל, און בורטשעט צו זיי פּאַרבייגייענדיק:

— ווי אַזוי זאָל ער ברענגען שודאָקעס, ווי אַזוי? אַז אַליין שיכורט דאָס, און קיין שמייסער האָלט דאָס אויך נישט...

דערקענט אים ישראל גבאי און גיט אַ נעם דעם שפּיץ באָרד מיט די שפּיצן פינגער:

— אָ, דו ביסט דאָך, דאַכט זיך, געווען אַ... זייניקער?

— ער האָט מיר אָפּגעזאָגט דע... דע... דער פּרעסער.

— אַ? מען זאָגט אָבער: האָסט אים פּאַרפירט, געקלאַפּט אין לאָדן ביי סענדערס טאָכטער...

— איך? פּאַרפירט? געפונען וועמען צו פּאַרפירן... אָט פרעגט אין גאַנץ שטאָט! — גליטשט זיך זאָוול ווי אַ שלייען — נעמט אַ גאַנצע

זלאָטע און אַלע פאַרשפּעטיקן ביי אים... נאָט, קוקט! אָט־אָ ציט ער שוין ווייטער דאָס פלעשל פון כאַליאַווע!

קושקע בראַנד האָט בשעת מעשה, אינדערצאמתן, געצויגן זיין פלאַכע שנאַפּס־פלעשל פון כאַליאַווע און, פאַרוואָרפנדיק זיין פליכעוואַטן קאָפּ איבער דער קעלניע, צעקושט זיך מיט דעם גלעזערנעם העלדזל. מיט דער ביטערקייט פון אָנגעוואָרעמטן בראָנפן האָט ער געוואָלט פאַרטרייבן אַן אַנדער ביטערקייט, דאָס ביטערניש פון האַרצן, די בענקשאַפט נאָך פאַנדריכען און דעם כעס אויף זאַוול־שמייסער, וועלכער גראָבט אונטער אים, ווו נאָר ער קען.

דערזען אַזאַ מעשה, האָט בערע רחמיאלס, דער פרומאַק, אַ טרייסל־געטאָן מיט זיין „נאַפּאָלעאָנקע" און אַ פּיק־געטאָן מיטן שפּיץ פאַראַסאָל אין זאַמד אַריין:

— אַ חוצפה!

שרייט נאָך העכער ישראל דער גבאי און האַקט מיט זיין פאַראַסאָל:

— אַ יונגאַצטווע!

— שעמט זיך גאָרנישט! — שטייט נישט אָפּ ר' בערע — אינמיטן העלן טאָג! בפרהסיה!

— אַ באַלעגאָלע אַ יונג קען!

— אויף דעם־אָ גייען דאָס אַוועק אונדזערע גריוונעצקעס!

— אַ קאָפּיקע נישט געדאַרפט באַצאָלן. אַ נאַרישקייט געווען.

זאַוול שמייסער, דער אונטערהעצער, האָט זיך שוין לאַנג ערגעץ־ווו אַוועקגעמאַכט. און גבאי און אונטער־גבאי שטייען נאָך אַלץ, אייגער אָקעגן צווייטן, און פלייסן זיך אַרויסצושרייען פון טיפן האַרצן דעם צאָרן פון גערעכטיקייט, און האַקן אַלץ מיט די שירעם־שפּיצן אין די שטיינד־לעך אויפן ברעג דניעפּער.

און ווען עס דערגייט שוין ביי בערע רחמיאלס צום העכסטן שטאַפּל פון הייליקן צאָרן, רייסט ער מיט אַמאָל איבער, דריקט צו די גאַלקע פון פאַראַסאָל צום האַרצן און פאַרקרימט זיך. מיט דער פרייער האַנט שלעפּט ער פלוצלונג אַרויס פון דער שפּענצער קעשענע... פון דאָרטן, ווו עס באַמבלט זיך אים שטענדיק נאָך די רויטע נאָזטיכל, שלעפּט ער אַרויס אַ סאָטקעלע בראָנפן, פראַבקעט אויף און מאַכט אויף גיך „שהכל", גיט אַ רעכטן זופּ און אַלע פרומע קנייטשלעך גיסן זיך ביי אים צוזאַמען אַרום מויל און נאָז אין איין שמאַלציקער, שטראַלנדיקער הנאה... און

באַלד נאָכדעם קריגט ער אַרויס פון דער זעלבער שפּענצער־קעשענע אַ קאָרענעם שטיקל לעקאַך. מאַכט מיט דער זעלבער פלינקייט „בורא מיני מזונות“ און פאַרבייסט. און אַלץ אַזוי פאַרהאָוועט און פאַרסאָפּעט, ווי אַ חסיד אַ ייד, וואָס איז געלאָפן אַ תחום שבת פאַרדינען אַ מצוה פון „שהכל“ און „בורא מיני מזונות“ אויף איין מאָל.

בלייבט דאָך ישראל דער גבאי שטיין אַ פאַרגאַפטער. ס׳טייטש? ווי קלעפּט זיך דאָס איינס מיט דאָס צווייטע? אָקאָרשט האָט ר׳ בערע אַזוי הייס געזידלט קושקע בראַנדס טרונק בראָנפן בפרהסיה, אינמיטן העלן טאָג, און אָט מאַכט ער שוין אַליין שהכל, זיין פרומער אונטער־גבאי, אויך בפרהסיה און אויך אינמיטן העלן טאָג...

דערזעט בערע רחמיאלס דעם גבאים אויסגעלופּעטע אויגן און איז נישט מפסיק. פאַרקערט, ער צעטשמאָקעט זיך נאָך געשמאַקער, מיטן מויל אָן ציין קייט ער האָניקדיק, די אויגן פאַרציט ער אינגאַנצן מיט קלוגעטשקע קנייטשעלעך און זעקעלעך, און מיט זיין „באַפּאַלעאָנקע“ און מיט ביידע הענט שאָקלט ער צו, ווי איינער זאָגט: לאָזט נאָר, ר׳ ישראל, אַראָפּשלינגען דעם ביסן — וועט מען אייך שוין זאָגן וואָס פאַר אַ שהכל און וואָס פאַר אַ בורא מיני מזונות דאָס זענען... אָט נאָך אַ ווײַלעצקע, ר׳ ישראל!

.3

אָפּגעשאָקלט מיט קאָפּ און הענט און אַראָפּגעשלונגען, גיט זיך בערע רחמיאלס אַ גלייך אויס, ווי אַ מענטש וואָס איז פון מיטן חלשן געקומען צו די כוחות. ער כאַפּט אַרויס דאָס רויטע טיכל פון הינטער־קעשענע, פאַררוקט אינעם ליידיק געוואָרענעם שפּאַלט דאָס רעשט לעקאַך, ווישט זיך אָפּ די ליפּן, פאַסמאַקעוועט זיך און מאַכט צו ר׳ ישראל דעם גבאי אַזוי:

— איר ווייסט דאָך, ברוך השם, אַז איך בין אַ חלוש, גילדענאַדער — ברוך השם... האָבן מיר, זאָג איך אייך, ביידע שקלאָווער דאָקטוירים געמוטשעט. קיין גוטער ייד זאָל זיי ביידן נישט קענען. זאָגט חישין: הייסע קאָמפּרעסן! הייסט קראָל: קאַלטע! פאַרשרייבט ד ע ר ריבאַר־בערים — שרייט י ע נ ע ר: ריצנאייל! אַ גאַנצער אַפּטייק איז ביי מיר אין שטוב געוואָרן.

— טצ, טצ... — שמונצערט ר׳ ישראל — היינט וואָס עס קאָסט אָפּ!

— נאָר דאָס איז נאָך גאָרנישט, — שאָקלט זיך בערע רחמיאלס אָפּ מיטן פּאַראַסאָל און מיט דער רויטער טיכל, — מיטאַמאָל פּאַרווילט זיך גאָר חישין דעם דאָקטאָר: „אַ פּאַראַציע״! אַלע רפואות מאַכט ער, זעגען קיין שמעק טאַבאַק נישט ווערט. כ׳זאָל, הייסט דאָס, פאָרן קיין מאָהליוו און לאָזן זיך שניידן לעבעדיקערהייט...

— גאָר שניידן? — ווונדערט זיך דער גבאי, — כ׳פּאַרשטיי נאָך געהאַקטע באַנקעס. אָבער גילדענאָדער שניידן? דאָס ליגט דאָך, דאַכט זיך, אין, אין, אין —

— וואָס איז? ס׳איז דען זיין פליייש און בלוט?... נאָר דאָס איז נאָך גאָרנישט! — אַזוי קלאַפּט בערע רחמיאלס מיטן פּאַראַסאָל — קיין טראָפּן משקה זאָל איך אין מויל נישט נעמען. קיין געפּעפּערטע פיש נישט עסן, קיין לעקאַך מיט נעגעלעך אַוודאי נישט. בראָנפן, זאָגט ער, איז גאָר סם־המות!

— כע־כע! — לאַכט ר׳ ישראל — אַ ביסל משקה, דאַכט זיך, וואָס קען עס שאַדן?

— אָט ווערט איר האָרכן. האָב איך מיך אַרומגעקוקט, אַז איך גיי אָפּ, שונאי־ישראל, מיט בלוט און די כוחות גייען אויס. און קומט אַ באַ־דערפעניש אַזוי עקט זיך מיר, שונאי־ישראל, דאָס לעבן. און האָרץ אָט, אָט, אָט... האָב איך זיך מישב געווען און אָנגעהויבן, כע־כע־ טאָן וואָס אונדזערע אבות־אבותינו האָבן געטאָן...

— כע־כע, — העלפט אים אונטער ר׳ ישראל, כאָטש ווייסן ווייסט ער נאָך בכלל נישט, וואָס ר׳ בערע מיינט דערמיט.

— ווי אונדזערע אבות־אבותינו, — חזרט איבער בערע רחמיאלס און זיינע אויגלעך ווערן איינגאַנצן פאַרשוווּמען; אַנשטאָט אויגן בלייבן איבער אויף זיין ווייבערישן פּנים נאָר צוויי קלוגעטשקע שפּעלטעלעך, — דווקא אַ ביסעלע משקה. און דווקא אַ שטיקעלע לעקאַך. און דווקא האַלטן עס גרייט ביי זיך אין קעשענע. עד כל צרה שלא תבא! *) מ׳גייט אין גאַס, ס׳כאַפּט אָן ביים האַרצן, די תחתוניות **) צעשפּילט זיך; נעמט מען אַרויס דאָס פלעשעלע —

— יאָ! — העלפט דער גבאי פּאָטערלעך.

---

*) מאַלע, וואָס עס מאַכט זיך.

**) גילדענאָדער.

— מ׳מאַכט שהכל.

— ש־הכל! — כאַפּט אונטער ר׳ ישראל, ווי אַ ייד אַ חכם, וואָס פאַרשטייט אויפן ווונק.

— מ׳ציט אַרויס דעם פיינעם שטיקל לעקאַך.

— לע־קאַך!

— און דווקא קאָרענעם, געווירצט מיט נעגעלעך.

— מי־יט נעגעלעך!

— מ׳מאַכט דעם שיינעם בורא מיני מזונות.

— בורא מיני כע־כע־כע.

— און עס ווערט גלייך אַ ליכט אין די אויגן! האַ, וואָס זאָגט איר, ר׳ גבאי?

— יאָ, יאָ! — איז מסכים ר׳ ישראל מיט גרויס אָנערקענונג און מיט אַ פריילעך־אָנגעבלאָזענעם גוידער.

געגעבן די הסכמה, אַנטשוויגן געוואָרן; און קאָפּ און באָרד שאָקלען זיך נאָך. ער פאַרקלערט זיך, ר׳ ישראל גבאי, אַז אויף די עלטערע יאָרן וואָלט ער זיך אויך געדאַרפט פאַרזען מיט אַזאַ קוואַל פון כוח אין דער הינטער־קעשענע. ווּעמען אַרט דאָס? זאָל דאָרט טאַקע ליגן אַ מאַנאַ־פּאָלקעלע מיט אַ שטיקעלע לעקאַך... באַטראַכט זיך — שרייט ער מיט־אַמאָל אויף:

— און טאַקע... מ׳גייט אין גאַס!

ער קרייט דאָס אַרויס מיט דער זעלבער מינע און מיט די זעלבע הויות, ווי אָקאָרשט ר׳ בערע. נאָר אַצינד האָבן זיך די ראָלן געביטן. אַצינד זינגט דער גבאי און דער אונטער־גבאי כאַפּט ביים אים די ווערטער פון מויל:

— עס, עס... עס... — זוכט ר׳ ישראל דאָס ריכטיקע וואָרט.

— עס כאַפּט אָן ביים האַרצן! — העלפט אים אַרויס ר׳ בערע רחמיאלס.

— מאַכט מען שהכל... — כאַפּט זיך ר׳ ישראל ווי אַ פאַרכישופטער פאַר זיין הינטער־קעשענע. כאָטש דערווייל איז די מאַנאַפּאָלקע אין שפּענ־צער נישט מער ווי אַ חלום.

— ש־הכל! — שאָקלט בערע רחמיאלס מיט דער „נאַפּאָלעאָנקע“.

— און טאַקע בורא מיני מזונות — דערמאָנט זיך ר׳ ישראל.

— מיני מזונות! — באַשטעטיקט זייער האָפערדיק ר׳ בערע —

און גייען די דאָקטוירים צו אַלדי קאַדיק! האַ, וואָס זאָגט איר, עפּעס, ר׳ ישראל?

בערע רחמיאלס פּילט זיך, ווייזט אויס, גאָר געהויבן, וואָס ער אַליין היילט זיך מיט אַזאַ דערפאָלג און וואָס אים איז געלונגען צו געבן אַזאַ גאָלדענעם געדאַנק דעם גבאי אויך. שטייט ער און באַוווּנדערט זיך אַליין.

— העך, אַ נאַרישקייט! — חזרט ער איבער נאָך אַ ווײַלע פון קלוגעטשקן שווייגן. — מ׳לעבט, אָן עין־הרע, אָפּ אַזוי פיל יאָרן און צום שכל קומט מען אַלעמאָל צו שפּעט. דאַכט זיך אַזאַ פּראָסטע זאַך: מ׳גייט אין גאַס —

— מ׳גייט אין גאַס! — קייט איבער ר׳ ישראל נאָך אַלץ פאַרכישופט פון דער ליכטיקער המצאה.

— אַ חלוש... גילדענאָדער... ס׳כאַפּט ביים האַרצן.

— ביים האַרצן! — זאָגט נאָך ר׳ ישראל און כאַפּט זיך ביים בוזים.

— שפּאַרט מען זיך אָן אין אַ וואַנט, אין אַ ווינקעלע...

— אין אַ ווינקעלע.

— כע־כע. שהכל... בורא מזונות... אַ? און מען אָטכאַיעט זיך!

— גערעכט ווי די וועלט! — איז ווייטער מסכים ר׳ ישראל און גיט אַ האַק מיטן שפּיץ פאַראַסאָל אין די שטיינדלעך, — מ׳קומט אַ ביסל צו שפּעט צום שכל. כ׳בין אויך נישט ווער ווייסט וואָס פאַר אַ גיבור. כ׳וואָלט דאָס אויך געמעגט טאָן.

— נו־נו! — גיט אים אונטער חשק דער אונטער־גבאי.

— אם ירצה השם — פאַרזיכערט ר׳ ישראל און הויבט אָן פון סאַמע פאָרנט: — מ׳גייט אין גאַס —

— אין גאַ־אַס! — באַלעקט זיך בערע רחמיאלס.

— ס׳כאַפּט, הייסט דאָס, ביים האַרצן.

— ביים האַרצן.

— בורא מיני... כ׳מיין שהכל, און טאַקע —

— בורא מיני מזונות! — זאָגט אונטער בערע רחמיאלס.

— יאָ. און גייט צו אַלדי קאַדיק! אַ? די דאָקטוירים מיין איך...

— כי־הי־הי! — פאַרגייט זיך בערע רחמיאלס פון פאַרגעניגן — איר וועט זיך, זאָג איך אייך, גבאי ר׳ ישראל, מחיה זיין! ס׳איז וועל־וועלער ווי ריצנאַייל אין אַפּטייק. פאַרוואָס טאַקע נישט האָבן אַזאַ רפואה ביי זיך?... מאַלע וואָס עס מאַכט זיך. מ׳גייט אין גאַס —

— אין גאַס...

.4

גבאי און אונטער־גבאי האָבן זיך, אַזוי צו זאָגן, צעהוידעט און געכאַפּט איינער ביים צווייטן, פון מויל אַרויס, די הויכע אידעע ווי אַזוי צו היילן גילדענאָדער און האַרצקלעמעניש. בייביידן האָבן זיך די סיור־באַבערדלטע פּנימער געשמאָלצן, די אויגעלען געגלאַנצט, די צינגעלעך געקנאַקט און פּאַסמאַקעוועט, און די פּאַראַסאָלן האָבן געקלאַפּט צום טאַקט. פון דער זייט האָט דאָס געקענט אויסזען, ווי צוויי עלטערע יידן זענען מחדש די לבנה אינמיטן העלן טאָג:

— שלום עליכם!

— עליכם שלום!

— שלום עליכם!

— עליכם שלום!

— מכשפה לא תחיו!

— לא תחיו מכשפה!

— מכשפה תחיו לא.

און ווער ווייסט צו וואָס אַן עקסטאַז זיי וואָלטן נאָך ביידע דער־גאַנגען, ווען נישט דער פּאַרעכאָד פון דער גויאישקער „קאָמפּאַניע״, וואָס איז אָנגעלאָפן אויפן דניעפּער מיט אַ רעווען, מיט אַ סאָפּען און מיט אַ כוואַליען.

האָבן ר׳ ישראל דער גבאי און בערע רחמיאלס געמוזט איבעררייסן אינמיטן ברען, אויפהויבן די קאַפּאָטעס און לאָזן זיך לויפן צום גויאישקן פּריסטאַן, כאַפּן אַ קאָנקורענציע־בילעט פאַר גאַנצע אַכט קאָפּיקעס פון פּאַרשוין.

אָבער שוין קלעטערנדיק, אַ פּאָר מינוטן שפּעטער, פּנים צום רוקן, אויף דער משופּעדיקער קלאַטקע פון פּאַרעכאָד און אָנהאַלטנדיק זיך ביי דער גליטשיקער פּאַרענטשע, האָבן ביידע שליחי מצוה געפונען דעם ריכטיקן מאָמענט אומצוקערן זיך צום איבערגעריסענעם הויך אינטערע־סאַנטן שמועס. האָבן אויך אַנדערע פּאַסאַזשירן זוכה־געווען אונטערצו־הערן אַ מאָדנעם געשפּרעך צווישן צוויי חשובע יידן. דער איינער בלייבט שטיין אויף דער מיטן קלאַטקע און דרייט אויס דעם קאָפּ צום צווייטן:

— דאַכט זיך אַזאַ פּראָסטע זאַך, אַ?

— מ׳גייט אין גאַס —

— ס׳כאַפּט אָן ביים האַרצן... ווי ?

— מאַלע וואָס עס מאַכט זיך...

— מאַכט מען —

— נו,־נו ! גייט, אַז איר גייט ! — זענען בייז געוואָרן עטלעכע אומ־געדולדיקע פּאַסאַזשירן און גענומען שטורכען פון הינטן מיט רענצעלעך און מיט קערבעלעך.

— שהכל... — דערשרעקט זיך ר׳ ישראל גבאי און כאַפּט לויפן אַרויף דער קלאַטקע.

— בורא מיני מזונות... — ענטפערט בערע רחמיאלס פון הינטן און גיט זיך אַ לאָז נאָכן אַנטלאָפענעם גבאי.

— טר־ר־הו, טר־ר־ו ! — האָט זיך פלוצלונג אַריינגעמישט דער פּאַ־רעכאָד גופא און צערעוועט זיך מיט פּאַרע און מיט שנאת ישראל צו דער הייפעלע יידישע פּאַסאַזשירן, וואָס זענען היינט איבערגעבליבן פון דער קאָנקורענציע מיטן רבין.

— טר־ר־הו, טר־ר־ו ! — דאָס הייסט : „איר פאָרט צי איר פאָרט נישט ?״

אַזוי אַרום איז דער סוף פון טשיקאַווען געשפּרעך, צווישן גבאי און אונטער־גבאי, דערטרונקען געוואָרן אין בייזן געברום און אין געדיכ־טער פּאַרע.

קלאַסן־קאַמף אין זונדלס הייזקע

1.

אין זונדלס גאַטס גנבס הייזקע האָבן זיך היינטיקן פרילינג, אַזוי ווי אַלע יאָר אין דער זעלבער צייט, פאַרנאַדיעט מאָדנע פאַרשוינען, אַלץ אַזעלכע מענטשן, וואָס לויפן פון שטאָט צום דניעפּער, ווי די באַעולטע פאַראָבקעס זענען אַמאָל געלאָפן אין דער קאָזאַקישער „סיעטש". דאָ, אין ענגשאַפּט פון זונדלען מיט זיין יידענע, פון מושען זייער טאָכטער און איר ערגעץ־ווו געבוירענער מיידעלע, פון דרייזען זייער שנור מיט אירע צוויי קינדער, האָבן זיך נאָך צו דער אייזערנער אייוועלע צוגע־שטופּט ווילד־פרעמדע, פאַרדעכטיקטע פּנימער און אָדערדיקע הענט. דאָס אייזערנע אייוועלע הייצט זיך ביז אין טיפן מאַי אַריין, און די פרעמדע פאַרשוינען וואַרטן ביז זונדלען, זייער באַשיצער, וועט זיך איינגעבן אַריינצושמוגלען זיי, אָן אַ בילעט, און אָפּשיקן איינציקווייז, דעם אויף אָרשע און יענעם אויף מאָהליוו.

צווישן די אָנגעלאָפענע דערוואַקסענע פאַרשוינען האָט זיך דאָ דאָס מאָל אַריינגעשטופּט אַ ייִנגל אַ מופקר. פראַיקע האָט מען אים גערופן, וועלכער איז, פאַראַיאָרן זומער, געקומען אַהער פון טשערקאַס, כלו־מרשט — לערנען גמרא און עסן טעג. ער האָט, הייסט עס, געהערט, אַז שקלאָוו פאַרמאָגט נאָך איינגעפונדעוועטע ישיבות; איז ער געקומען צו לויפן, אַזש פון דער אוקראַינע, ווי אַ קאָטער, להבדיל, אויפן ריח פון געפאַרעטער מילך.

איז עסן טעג, האָט ער דווקא יאָ געגעסן, אָבער לערנען האָט ער נישט געלערנט. אָנשטאָט צו לערנען יומם־ולילה, אַזוי ווי ער האָט צוגעזאָגט די פרומע גבאים פון אַלטן בית־מדרש, אָנשטאָט צו לערנען אין די גרויסע, אין קאַלב־לעדער־געבונדענע גמרות, האָט ער גאָר פון זיי, שטילערהייט, אָפּגעטרענט די טייערע טאָוולען און געמאַכט רענצלעך...

פאַרוואָס עפּעס דווקא רענצלעך? ער האָט געזען דעם נייעם נגידס בחורל, ווי ער גייט, אַלע אינדערפרי אין שקאָלע, מיט אַ לעדערנעם ראַנעץ אויפן רוקן, האָט זיך אים אויך פאַרגלוסט האָבן אַזאַ מין מאַכערייקע. האָט ער זיך דאָס, איינער אַליין, אויפגעמייסטרעוועט מיט טשוועקעלעך און מיט ברעטעלעך. אָן קיינעמס הילף האָט ער עס געמאַכט, נאָר מיט דער הילף פון גמרא ברכות. די אַלטע בכבודיקע גמרא האָט אים אַוועקגעשענקט אירע לעדערנע טאָוולען. צוויי גלייכע ברעטעלעך האָט ער ערגעץ־ווו אַליין פאָטיאַפּעט. פון די ברעטעלעך זענען געוואָרן הילצערנע רעברעס, פונעם לעדערנעם רוקן —אַ דעק, פון די טאָוולען — ווענטלעך. צוגעשלאָגן מיט האָבער־טשוועקעלעך פון איין זייט, צוגעשלאָגן פון דער צווייטער זייט. אָפּגעריבן מיט זאַמד די גאָלדענע אותיות און פאַרגלעט מיטן נאָגל. איז אַרויס אַ ראַנעץ — אַ צאַצקע, וואָס גאָט און לייט האָבן זיך געמעגט מיט אים פרייען: געדרימיק און באַקוועם און גלאַט. אַ כפרה אַלע מאָהליווער פאַבריקאַטן!

שפּעטער אַ ביסל האָט זיך אָבער פראָיקע אַרומגעזען, אַז דער ראַנעץ איז צו גרויס, כדי צו טראָגן אים אונטערן פאַכווע בפרהסיא. מען קען עס נאָך דערקענען. האָט ער זיך פאַבריצירט אַ קלענערן רענצל פון די לעדער־טאָוולען, וואָס ער האָט אַראָפּגעריסן ביי אַ גראָבינקן און קורצינקן משניות... ער האָט שוין אַפילו געהאַט בדעה אָנצוהייבן אַ רענצל־פאַבריקאַציע אויף אַ ברייטערן פוס און פאַרקויפן די אויסאַרבעטונג, פון הינטן־אַרום, שקאָלע ייִנגלעך און פאַר מזומן געלט... אָבער גראָד דאָ, היינטיקן נאָך־פּסח, האָט מען אים פלוצלונג דערטאַפּט און צעשטערט אַלע זיינע פּלענער. גבאים האָבן געריסן פאַר די אויערן און באַלעבאַטים האָבן געבראָכן די ביינער. מ׳האָט אָפּגענומען אַלע רענצלעך און אים גופא פון אַלטן בית־מדרש אַרויסגעוואָרפן. אַ פאַרוויינטער און אַ הונגעריקער האָט פראָיקע אַרומגעבלאָנדזשעט איבער אַלע גאַסן, געזוכט אַ מקום־מנוחה, ביז ער האָט זיך דערקליבן צו זונדלס הייזקע. דאָ האָט אים טעמע, זונדלס יידענע, אָפּגעווישט די נאָז מיט איר פאַרטוך און געגעבן אַ טעלער מיט געקאָכטע בולבעס. טאָגט ער דאָ פון דאַמאָלס אָן און נעכטיקט אויף אַן אַרשין באַנק ביי דער וואַנט. כאַפּט שיריים, פאָלגט אַ גאַנג און קלייבט זיך אָפּפאָרן, אָן אַ בילעט, מיט אַ פאַרעכאָד וואָס גייט קיין מאָהליוו, און פון דאָרטן — קיין טשערקאַס... נישקשה, זונדל גאָטס גנב וועט עס שוין באַזאָרגן.

פאַר דער קורצער צייט וואָס ער וווינט דאָ, ביי זונדלען אין כאַטע,

האָט זיין פּערצניאָריק פּנימל באַקומען אַ ציניש אויסדרוק פון אַ מופקר. די האָר האָבן זיך אים ווילד צעוואַקסן און אין די מויל־ווינקלען איז אים אָנגעלאָפן אַ פאַרטריקנטע שוים. דערזעט ער צווישן די פּאַסאַזשירן באַלעבאַטים פון אַלטן בית־מדרש, אַזוי לאָזט ער אַראָפּ דעם אומרייבעם קאָפּ און וואָרטשעט, ווי אַ הינטל, וועלכן עס גלוסט זיך שטאַרק אַ ביס צו טאָן, נאָר ער האָט פּחד פאַר אַ שטעקן...

מיטן ברייטן צעשוווּמענעם געזעס האָט זיך דאָ, ביים אייוועלע, אַריינגעשטופּט אַ וואַגלענדיקע קאָרטן־טרעפערקע אויך. ס׳איז אַ יידענע אַ קאָזאַק, וואָס שטעקט די נאָז און צונג אין אַלצדינג. און ווען זי רעדט נישט — וואַרפט זי קאָרטן. אויב זי האָט נישט וועמען — וואַרפט זי זיך אַליין. איבער די מולטענע קאָפּטעס איז זי אָנגעטאָן אין אַ בלויען סיטצענעם קליידל מיט אַ בלויער, נישט־אונטערגעגאַרטלטער בלוזע פון זעלבן שטאָף. געפּינטלט איז דער סיטץ מיט ווייסע פּינטעלעך, די נאָז — מיט רויטע פּינטעלעך און די אויבערשטע ליפּ — מיט שוואַרצינקע בראָדעווקעלעך. דער שמייכל אירער איז צעגאָסן און זיס ווי פּאַטאָקע. זעט זי אויס איינגאַנצן ווי אַ גרויסע ביליקע שלח־מנה, געפּינטלט מיט כלערליי קאָלירטע צוקער־פּאַרפעלעך. בלויז אירע אויגן זענען אַ ביסל צו לעבעדיק, לויפן אַרום, ווי ביי איינער, וואָס האָט שטענדיק מורא מ׳זאָל איר חלק נישט אַוועקגעבן אַן אַנדערן.

מיטן ערשטן וויזיט צו זונדלען אין הייזקע, האָט זי פאַרשטאַנען אָפּצוקויפן טעמעס האַרץ, מיט וואַרפן קאָרטן און מיט אַ טרעפן, וואָס זי האָט איר געטראָפן, ביים שיין פון הייס־צעגליטן אייוועלע.

נאָך יעדער קאָרט, וואָס זי האָט געוואָרפן, האָט זי געלעקט דעם גראָבן פינגער, ווי בשעת בלעטערן אין אַן אַלטער קלעפּיקער תחינה. און נאָך יעדן טרעף — צוגעשטוקעוועט עפּעס אַ מאָדנעם וואָרט: „פּאָקאָ־זאַניע". געקלעפּט האָט דאָס זיך צום טרעפן, ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט. עס האָט אָבער געווירצט דאָס גאַנצע קאָרטן־וואַרפעריי און צוגעגעבן יעדן פּשוטן אויסדרוק אַ וויכטיקייט, אַ פאַרסודעטקייט... אויף טעמען, וואָס בענקט און טרויערט אַזוי נאָך איר פאַרשיקטן תכשיט, נאָך קאָפּל גנב, האָט גראָד דאָס אויסטערלישע וואָרט און דאָס לעקן דעם גראָבן פינגער שטאַרק געווירקט, ווי די צויבערייען און העוויות פון אַ כשוף־מאַכעריך.

— אוי, אוי! — אַזוי האָט די בלויע יידענע געוואָרפן און פלינק געלעקט דעם פינגער, — זי זעט אַ הויכן מאַנסביל, זעט זי... שאַ,

אַ „פּאָקאַזאַניע!״ צוויי קינדער זעט זי אויך... און אָט איז אַ פערד מיט אַ „פּאָקאַזאַניע״ אויף אַ לאַנגן וועג... אמת צי נישט אמת? ס׳איז דאָ אַ „פּאָקאַזאַניע״ און ס׳מוז זיין אמת... זי זעט נאָך אַ יונג ווייבל אין טרערן, זעט זי. און צוויי עלטערע מענטשן... שאַ! און אָט איז אַ „פּאָ־קאַזאַניע״ אויף אַ יונגנמאַן מיט אַ שוואַרץ בערדל... אַ בחור נאָך, דאַכט זיך! טעמע, איר הערט? היטן דאַרף מען זיך פאַר אָט דעם אַלטן בחור! וואָרים די „פּאָקאַזאַניע״ ווייזט... וואַרט, וואַרט! לעבן יונגנמאַן, מיט דעם בערדעלע, זעט זי נאָך עמיצן... אַ שונא מיט אַ גראָבן שטעקן... מיט סיווע האָר, מיט אַ פּאָקאַזאַ —

טעמע איז געשטאַנען פאַרגאַפּט, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, דאָס מאַנס־בילש־פּאַרצרהט פּנים אונטערטעניק און באַלויכטן פון דער אייזערנער אייוועלע; די שוואַרצע אויגן — פאַרשווומען מיט טרערן. און מיט די פרום־אָפּגעלאָזטע ליפּן האָט זי שטיל און דערשראָקן נאָכגעזאָגט יעדן וואָרט פון דער טרעפּערקע. יענע זינגט ווי אַ חזנטע און זי העלפּט אונטער. יענע טרעפט און זי באַשטעטיקט:

— אַ הויכער מאַנסביל זאָגט זי? וואָס דען אַ קורצער? קאָפּל... קאָפּל מיט די ביינער! אַ פערד? נאָך אַ מין פערד! זאָל שוין קאָפּל, איר זון, אַזוי האָבן הצלחה אין דער פרעמד, ווי ס׳איז געווען אַ פערד... אַ לאַנגער וועג? דרייזע! מענטשן! הערט! זי רעדט דאָך ווי פון אַ סידור, רעדט זי. אַוודאי איז סימביר נישט נאָענט. אָך־אָך־אָך!... אַ שוואַרץ בערדעלע? זאָל זי שוין, טעמע, אַזוי געזונט זיין ווי ס׳איז חישין דער דאָקטאָר. אַ שונא מיט אַ גראָבן שטעקן? וואַרט, וואַרט... ווער קען עס זיין! אַי, מאַמעלעך! ס׳איז דאָך הירשל דער טויבער! זאָל זי שוין דער אויבערשטער אַזוי פאַרהיטן פון אַנגסט און נויט ווי ס׳איז הירשל דער מסור.

זאַוול שמייסער, וועלכער האָט זיך דאָ אויך געוואַרעמט ביי דער אייזערנע אויוועלע און איז געווען אַן עדות פון דעם גאַנצן טרעפעניש, האָט געוועזן אָנגעהויבן ממזריש אונטערצווינקען, באַלעגאָליש צו שמייכ־לען — מיט אַ האַלב־פאַרקרומטן מויל.

— וואָס פאַר אַ קונץ — מאַכט ער — איז צו טרעפן אַזעלכע זאַכן?... אַ גרויסע בייעס! — קאָפּל האָט גע... פאַרקויפט, הייסט דאָס, אַ... פרעמד פערד און מ׳האָט דערפאַר אים פאַרשיקט. אַ קינד אין וויג ווייסט דאָך דאָס אויך! יעדערער קען וואָרפן קאָרטן און טרעפן אַזעלכע חידושים און נעמען פּיאַטאַקלעך... נישט מער — די יידענע גיט צו צו יעדן וואָרט

„פּאָקאַזאַניע", מען קען זיך אָבער באַגיין אָן דער „פּאָקאַזאַניע"... אדרבא, זאָל די יידענע אַליין זאָגן: ער זאָל וואָלט געוועז אַ בעלן וויסן...

ווי אַ מידער מענטש, וועלכן מען רייסט אויף פון טיפן שלאָף, אַזוי איז אויף אים טעמע אָנגעפאַלן, צעבייזערט זיך:

— וואָס וויל ע ר דאָ נאָך, וואָס?... אויב עס געפעלט אים נישט, קען ער זיך גיין וואַרעמען אין אַן אַנדער אָרט, צו אַנשל־פּאַראָמשציק קען ער גיין!... די קאָרטן־וואַרפערקע איז דאָך פון דער פרעמד! ערשט נעכטן געקומען... הייַנט ווי אַזוי ווייסט זי דאָס אַלץ?... צעקושן דאַרף מען יעדן וואָרט אירן...

אויסגעזידלט און צוריק אַ וואָרף געטאָן זיך צו דער בלויער יידענע מיט די פינטעלעך:

— טרעפט, טרעפט, זייט מוחל! טרעפט ווייטער!

אויסגעלאָזט האָט זיך דערמיט, וואָס אויסער אַ פּיאַטאַקל, וואָס זי האָט איר געשענקט, האָט נאָך טעמע אַריבערגענומען די טרעפערקע צו זיך אויף קעסט, אַבי נאָר זי זאָל איר וואַרפן קאָרטן, ווען נאָר עס וועט זיך איר פאַרגלוסטן. און גלוסטן האָט זיך איר געגלוסט אַלע ווײַלע. אינדערפרי און בייַנאַכט, פאַר וואַרעמעס און נאָך וואַרעמעס, צווישן איין פאַרעכאַד און דעם צווייטן...

מיט דער זעלבסט־פּייניקונג און מיט דער גריבלעריי פון אַ מאַמען, וועלכע שפּילט זיך מיטן ווייטיק נאָך איר פאַרשיקטן זון, האָט זיך טעמע גענומען אויסהערן, פון די קאָרטן אַרויס, די מעשה מיטן געגנבעטן פערד, מיט הישין דעם דאָקטאָר און מיט הירשל דעם מסור, צום צענטן און צום צוואַנציקסטן מאָל. זי האָט זיך גאָרנישט געקענט אָנזעטיקן. די אָפּגע־ריסענע, קורץ־אָטעמדיקע ווערטער פון דער בלויער יידענע, דאָס לעקן דעם גראָבן פינגער און די געהיימנישפולע „פּאָקאַזאַניע" — האָבן איר אַ כישוף אָנגעטאָן: האַ? זי זעט עפּעס אַ שליטן... איינס, צוויי, דריי... אַ ווייטער וועג און שניי... און אָט איז ווייטער די „פּאָקאַזאַניע" אויף אַ הויכן מאַנסביל... ער פאָרט... און אָט זענען צווי קינדער נעבעך... אַ „פּאָקאַזאַניע" מיט אַ מאַמען, מיט פעקלעך, אַ סך פעקלעך... קינדער וויינען... און אָט איז דער אַלטער בייזער מענטש מיטן שטעקן. די זעלבע „פּאָקאַזאַניע"... ער גייט נאָך און לאַ־אַכט... עפּעס זייער אַ גרויסער שונא. די „פּאָקאַזאַניע" ווייזט, אַי, ער איז גאָר נאָענט. זי קען דאָ גאָרנישט מאַכן! אַזוי ווייזט די „פּאָקאַזאַניע"...

דער ערשטער הייסער וויעסנע־טאָג איז היינט אויסגעפאַלן. און זינט צען אינדערפרי האָט זיך אַהער פאַרנאַדיעט דעם נייעם נגידס יינגל. ער דרייט זיך אַרום אָן אַ היטל, ביי די פריסטאַנעס און אַרום זונדלס כאַטע און קען זיך קיין אָרט נישט געפינען.

ס׳איז דער שקאָלע־בחורל מיטן פאַרשטאָפּטן נעזל, מיט דער גרויער קורטקע און מיטן ברייטן פאַסעק אויף די דאַרע לענדן. ער האָט זיך היינט פרי צעשלאָגן מיט זיין יינגערער שוועסטער — די „ציג״ מיט די לאַנגע פערל־באָמבעלעך אין די בלייכע אויערן. ווי שטענדיק האָט זי מעלה־גרה געוועז אַ מאַנדל־בייגעלע, געשאָקלט דאָס אויסגעצויגן גאָמבעלע. האָט דאָס אים פאַרדראָסן. אַנקוקן קען ער זי נישט ווען זי איז אַזוי מעלה־גרה. האָט ער זיך גענומען טשעפּען צו איר, און זי, די „ציג״, האָט, ווי איר שטייגער איז, געכאַפּט דער מאַמעס אַ טיפּן קאַלאָש און נאָכגעיאָגט זיך נאָך אים איבער אַלע קאַמערן. זי יאָגט זיך נאָך אים און ער באַשיצט זיך מיט אַ בענקל, שלענגלט זיך אַרויס און טשעפּעט זיך. זיין באַקאַנט לידעלע פאַנפעט ער איר:

קאַזי־קאַזינע,
שהלכה לגינה
ואכלה לבאַטשווינע —
אמר רבינא:
מאי דינא?...
נוטל דובינע
און ברעכט איר אַ זייטינע
און שפּאַלט איר אַ —

אָבער דאָס טייער לידעלע, מיטן גמרא־ניגון, האָט ער נישט פאַרענדיקט. וואָרים די באַזונגענע „ציג״ האָט אים דאָס מאָל געטראָפן מיטן טיפּן קאַלאָש. ער כאַפּט אַ קוק אין שפּיגל און דערקענט זיך נישט. אַ קוויטיקער מיתה־משונה־פלעק ליגט אים אויסגעגאָסן אינמיטן פנים, און פונעם פאַרשטאָפּטן נעזל קאַפּעט בלוט... ווי אַ ווילדע קאַץ האָט ער זיך איינגעקלעמט אין דער „ציג״ אין די שיטערע צעפּ און אויסגעריסן איר אַ צייל האָר פון סאַמע פאַרנט. האָט זיך דער טאַטע אַליין, דער נייער נגיד, אַריינגעמישט, אָנגענומען זיך פאַר דער טייערער טאָכטער און אריינגעוואָרפן דעם שקאָלע־יונג עטלעכע פייערדיקע פּעטש. אַזאַ באַליידיקונג און אַזאַ אומגערעכטיקייט האָט דער פּופּצן־יאַריקער שקאָלע

בחור נישט געקענט פֿאַרטראָגן. אַנשטאָט אַוועקצוגיין אין שקאָלע איז ער, אויף צו להכעיס, אָן אָנבייסן און אָן אַ היטל, אַנטלאָפֿן צום דניעפּער. אַלע באַליידיקטע און פֿאַרביטערטע לויפֿן צום פֿרייען וואַסער, איז ער אויך געלאָפֿן. אַזאַ קראַפֿט האָט שוין דער זאַמדיקער ברעג פֿון טייך... דרייט ער זיך דאָ אַרום, דעם נייעם נגידס תכשיט, שלינג און שלאַנג גייט ער דאָ אום, און לענט אונטער דאָס האַרץ מיט אַ קיכעלע, מיט אַ פּרעפּיצע — אַ ווייך קיכל אַזאַ מיט געשטויסענע קאָניפֿליעס באַשמירט, — און מיט אַ האַרט־געקאָכט, רויט איי, וואָס ער נעמט אויף באָרג ביי זונדל גאָטס גנב פֿון קאָשיק...

— נישקשה, כע־כע, זאָל ער נאָר נעמען! — אַזוי מוגטערט אים זונדל — דעם נייעם נגידס אַ זון קען מען באָרגן. דער טאַטע זיינער, דער נייער נגיד, וועט זיין זון נישט לאָזן אָנזעצן, ווי?

מען קען נישט זאָגן, אַז אַזאַ צווייידייטיק ווערטלען זיך פֿון גאָטס גנב איז דעם פֿאַרפּיעסצעטן שקאָלע־בחורל שטאַרק געפֿעלן געוואָרן. אַן אַנדערש מאָל, לעבן שטוב, אָדער אין הויף פֿון שקאָלע, וואָלט ער אים די אָנגעשפּאָלטענע איי און די דורכגעטאַפּטע פּרעפּיצע געוואָרפֿן צו־ריק אין ברודנעם קאָשיק אַריין. נאָר וואָס זאָל ער טאָן? אַז ער איז דאָ אויפֿן ברעג דניעפּער אַ גר... אַן עלנטער גר צווישן אַזוי פֿיל באַלעגאָלעס און גראָבע־יונגען. ס'איז נישט דער ריכטיקער אָרט צו בלאָזן זיך און נישט צו עסן עמיצן אויף צו להכעיס. קיינער וועט אים דאָ נישט נאָכלויפֿן און נישט בעטן זיך ביי אים... האָט ער מיט ביטערן אַפּעטיט געקייט און געשלונגען דעם טרוקענעם, אויף באָרג־גענומענעם אָנבייסן. געקייט און געשווירן זיך אין האַרצן, אַז אויך דערפֿאַר וועט ער זיך נאָך מיט זיין ליבהאַרציקער שוועסטערקע אָפּרעכענען... ס'איז אַלץ איבער איר!... וואַרט! זאָל ער זיך נאָר איבערבעטן און גיין אַהיים און זאָל ער זיך נאָר לאָזן איינרעדן פֿון דער מאַמען אויפֿצועסן אַ הינערשע יאַיכל... אָבער ניין! אַהיים גייט ער נישט! אָט דאָ וועט ער נעכטיקן אויפֿן ברעג דניע־פּער אין הוילן זאַמד! אָט דאָ וועט ער זיך צוקילן... און זאָלן „זיי" וויסן!

און ווי ער קילט זיך אַזוי דאָס האַרץ, דער שקאָלע־בחור, און ווי ער ווערגט זיך אַזוי מיט דעם לעצטן שטיקל פּרעפּיצע, וואָס לאָזט זיך נישט איינקייען ווי אַן אָנגעוווייקט לעדער, אַז עס גיט דאָס נישט אַ קלאַפּ דער ערשטער מאַיאָוועד דונער אינדערווייטנס, און אַ צווייטער — נעב־

טער. אַ ווינטל גיט אַ בלאָז, אַ וואָלקן לויפט אָן ווי אַ שוואַרצער פאַרעכאָד אויפן מיטן הימל און אַ רעגן הויבט אָן פליוכען ווי פון אַ רעשעטע. די באַלעגאָלישע דעליעס צעגלאָנצן זיך פון נאַסקייט און וואַסער־מענ־טשעלעך צעטאַנצן זיך אויף דער פלאַך פונעם דניעפּער־שטראָם.

אַלע לויפן אַרויף־ברעג. צו זונדלס כאַטע צו איילט מען זיך, צו דער אייזערנער אויוועלע אינמיטן שטוב... פאַרגעסט דער שקאָלע־בחור, אַז ער האָט אָקאָרשט געשווירן צו פאַרקילן זיך, אויף צו להכעיס טאַטן און מאַמען... ער לויפט מיט אַלע באַלעגאָלעס און נאַסקע־טרעגער. ער פאַרלויפט זיי פאָראויס מיט זיינע יאָלדישע פיס. ער שטופּט זיך דער ערשטער צו דעם צעגליטן אייזערנעם אויוועלע, אָפּצוטריקענען די שול־קורטקע מיטן רימענעם פאַסעק. עס איז דאָך עפּעס דעם נייעם נגידס אַ זון, ער גייט דאָך עפּעס אין שקאָלע...

אָבער דאָ, ביים רויטלעכן שיין פון דער אויוועלע, דערקענט אים פראַיקע, דער פאַראָרעמטער פאַבריקאַנט פון לעדערנע רענצלעך. פראַיקע האָט מיטן נגידישן יאָלד זיינע חשבונות: ערשטנס, איז ער דאָס דורך ז י י ן שקאָלע־ראַניעץ בכשל געוואָרן... ווען נישט דער טונקל־געלער לעדערנער ראַניעץ ביים שקאָלניק אויפן רוקן, וואָלט זיך אים, פראַיקען, קיינמאָל נישט פאַרגלוסט אָפּצוטרענען די קעלבערנע איינבאַנדן פון די גרויסע גמרות און מאַכן פון זיי רענצלעך. צווייטנס, בשעת מ׳האָט אים, פראַיקען, געלאָזן שלאָפן אין אַלטן בית־מדרש און געגעבן צעטעלעך צו עסן טעג, האָט ער אַלע מיטוואָך געגעסן ביים נייעם נגיד אין קאָך־שטוב. דאָרטן האָט ער געגריזשעט ביינער און, מיט דער זשעדנעקייט פון אַ פאַרוואָגלט הינטל, צוגעזען, וואָס פאַר אַ יאַיכלעך, צימעסלעך, טייגעכצ־לעך, הינדעלעך מען קאָכט דאָס און מען פרעגלט פאַרן נייעם נגידס תכשיט, פאַרן שקאָלניק מיטן שוואַכן בייכל און מיטן פאַרשפּיצט מאָר־דעלע. מיט דער שנאת־חנם פון אַ היימלאָזן מזיק אַ יינגל, האָט פראַיקע צוגעזען, ווי דער שקאָלניק פּיעסטשעט זיך און בריקעט זיך און בלאָזט זיך און וויל נישט עסן פון די אַלע טייערע געקעכצן; און ווי די מאַמע זיינע, די נגידיתטע מיטן גאַליקן פּנים, בעט זיך ביי אים רחמים תחנונים און האַלוביעט אים... אַ חלשות איז דערפון פראַיקען אָנגעגאַנגען. צוקוקנ־דיק אַזעלכע סצענעלעך אין קאָך־שטוב, האָט אָפּטמאָל דאָס נגידישע געקעכץ באַקומען אַ מאָדנעם טעם, אַ מין שווערע פריקרעקייט פון פלאָדן מיט הערינג־ראָסל, צימעס־פלייש מיט נאַפט...

אַ באַהאַלטענע בייזקייט האָט אַזוי פּראָיקע געטראָגן אויף דעם שקאָלניק און אויף זיין שוועסטערל מיט די לאַנגע באָמבעלעך אין די בלאַסע אָפּגעצויגענע אויערן. דער שקאָלניק אָבער, פון זיין זייט, האָט אַפילו קיינמאָל, דאַכט זיך, נישט באַמערקט, אַז עמיצער אַ פרעמדער עסט דאָ אין קיך פון אַן אָנגעשפּאַלטענעם טעלער. אים האָט, אַפּנים, זייער ווייניק געאַרט, וואָס דאָס בעטלערל טראַכט זיך דאָרטן פאַר זיך, גריזשענדיק דאָס נישט־דערקאָכטע פלייש אַרום די ביינער...

נאָר איינמאָל, מיטוואָך, בשעת וואַרעמעס עסן, האָט, אַפּנים, דעם נגידישן שקאָלניק יאָ גענומען פאַרדריסן וואָס דאָס פרעמדע ישיבה־בחורל טשמאָקעט אַ ביין און שווייגט אַזוי פאַרביסן. האָט ער זיך צו אים צוגעשאַרט אַזוי, פאַרבייגייענדיק, ווי אַ האָן צו אַ הענדל, און פון אויבן־אַראָפּ גענומען עפּעס קוואָקצען און באַרימען זיך. אַ וואָרט צו אַ וואָרט האָט נישט געקלעפּט. ער האָט זיך געקעמט דעם כאָכעלטשיק מיט פינף פינגער, ווי אַ חתן־בחור און, פאַרשקענדיק מיט די ליפּן פאַר גאוה, דער־ציילט עפּעס פון דער שקאָלע און וואָס מ׳לערנט אין דער שקאָלע. אָט, למשל... צי ווייסט ער, אַ שטייגער, דאָס טשערקאַסער ייִנגל, ווער עס האָט געפונען אַמעריקע? ער ווייסט נישט, אַ? רב פּפּא אפשר?... אָט וועט ער אים זאָגן. געפונען האָט דאָס קאָלומבוס. קאָ־לום־בוס!... אַציגד ווייסט ער.

דעם נייעם נגידס בחורל האָט זיך געדוכט, אַז ער פאַרשפּרייט „ליכט און וויסנשאַפט״ צווישן אָרעמע קינדער, אַזוי ווי עס טוען, לויט ווי ער האָט געהערט, די עלטערע חברים פון זעקסטן קלאַס אין שקאָלע... אָבער אויף פּראָיקען האָט דער זאַפּטיקער, צוויי מאָל איבערגעחזרטער „קאָלומ־בוס״ געהאַט גאָר אַנדער ווירקונג. פּראָיקע האָט חושד געווען, אַז אַזאַ וואָרט איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. עס קען גרייסלעך זיין, אַז איינער אַ קאָלומב האָט געפונען אַמעריקע. אָבער נ י ש ט — קאָלומבוס. דאָס זאָגט נאָר אַזוי דעם נייעם נגידס תכשיט, כדי צו ווייזן אים זיין געלערנטקייט...

דער שקאָלניק, מיט פאַרשטאָפּטן נעזל, איז אָבער נישט אָפּגעשטאַנען. ס׳האָט אים גאָר נישט אָנגעהויבן צו אַרן, וואָס דאָס ישיבה־ייִנגל שווייגט אונטער. יאָ — עקזאַמינירט ער אים ווייטער — און פון וואָס, אַ שטייגער, ווערט אַ דונער?... ווי? גאָט רייט איבער די וואָלקנס? כאַ־כאַ... ווער האָט אים דאָס אין טשערקאַס געזאָגט?... אַ פערד אפשר מיט פאַדקעוועס?

נו, אַ דונער קומט פון עלעקטריטשעסטווע... דאָס צינדט זיך אָן די עלעקטריטשעסטווע אין די וואָלקנס. ער פאַרשטייט?

פּראַיקע דער מופקר, דער טרענער פון לעדערנע גמרות, האָט דע־מאָלט, אין דעם נייעם נגידס קאָך־שטוב, געמאַכט אַ באַשיידענע מינע פון אַן עם־הארץ, וואָס לאָזט זיך לערנען פון אַ תלמיד־חכם. ער האָט זיך געמאַכט, אַז ער גלויבט זייער שטאַרק אין דער געלערנטקייט פון אַזאַ יאָלד אַ שקאָלניק. ער האָט אַזש די ממזרישע אויגן זיינע אַראָפּגע־לאָזט פון דאַנקבאַרקייט. יאָ, איצטער ווייסט ער: „עלקע... ליקרע...” ווי זאָגט ער?

— עלעקטריטשעסטווע! — האָט אים דעם נייעם נגידס בחורל אַריינגעטייטשט מעשה־לערער, וועלכער האָט אַ סך געדולד צו גראָבע קעפּ.

אָבער דאָ, אַצינד, אין רעגן, ביי זונדלס אויוועלע, האָט זיך פּראַיקע דערמאָנט אָן דער תורה וואָס ער האָט אַזוי אונטערטעניק און איבער־גע־וואַלד, געמוזט לערנען פון אַזאַ לאָקש, אין דער נגידישער קאָך־שטוב. די גאַנצע פאַרגעסענע שנאה האָט אין אים אויפגעפלאַקערט. הע? דאָ וועט אפשר דער יאָלד אויך מאַכן אַזאַ „פּאַראַד”? דאָ, ביי זונדל גאָטס גנב זענען אַלע גלייך. ער, פּראַיקע, דאַרף דאָ מער נישט קיין נגידישע וואַר־מעסלעך, מיט וועלכע מען ווערגט זיך אַפילו ווען מען איז הונגעריק... דאָ, ביי זונדלען עסט מען געקאָכטע בולבעס מיט הערינג און עס צעגייט זיך איבער אַלע אברים.

און עפּעס גאָר פּלוצלונג, בשעת אַלע אָנגעלאָפענע פאַרשוינען פון ברעג דניעפּער האָבן זיך שווייגנדיק געוואַרעמט ביים אויוועלע און אַ פּאַרע האָט גענומען זעצן פון די פייכטע כאַלמידעס און פּאָדיאָווקעס, דאַרף זיך עמיצן פאַרוועלן אַ זאָג טאָן:

— הען, אַזעלכע דונערן אין מאַי!

נעמט פּראַיקע און פאַרקרימט, מעשה־באַלעגאָלע, זיין ייִנגלישן פאַר־שוימטן מופקר־מויל אויף איין זייט, און מיט אַ ברודיקן פינגער, מיט אַ שוואַרצן נאָגל, ווייזט ער אַלעמען אָן דעם נייעם נגידס בחורל אָן אַ היטל:

— כ'הע!... ער זאָגט, אַז אַ דונער ווערט פון ליקעריטשעסטווע!...

אַלע ווערן נשתומם פון אַזאַ מאָדנעם וואָרט. אַ פּאָר נאָסקע־טרעגער צעקיצלט עס און זיי טוען אַ לאַך. באַקומט פּראַיקע דער מופקר נאָך מער מוט און טיקעט דעם בלאַסן שקאָלניק מיט זיין פינגערל גלייך אין פאַרשטאָפּטן נעזל אַריין:

— אפשר נישט?... ס'צינדט זיך דאָ אָן אין די וואָלקנס ליקערי־טשעסטווע...

אַצינד פאַרשטייען שוין גאָטס גנב און טעמע זיין ווייב אויך, וואָס און ווען מען מיינט דאָ, גיבן זיי אַ צוק מיט די אַקסלען און טוען פאַטערלעך־שפּאָטיש אַ לאַך, נישט צום מטושטשן שקאָלניק, נאָר צו פּראָיקן — זייער אַדאָפּטירטן גאַסן־יינגל.

דערזעט די בלויע קאָרטן־וואָרפּערקע, אַז אירע ברויט־געבער לאַכן, שטעקט זי אויך אַרײַן די צונג:

— וואָס זאָגט איר, טייערינקע? אַזאַ מין פּאַקאַזאַניע! אַ דונער איז גאָר „ליקעריטשעסטווע״!

3.

ביים נייעם נגידס בחורל האָבן גיך גענומען בייטן זיך אַלערליי קאָלירן אינעם אויסגעצוואָגענעם, לאַנגן פּנים. פון אויפרעגונג האָט ער גענומען פּאָמפּען מיט זיין פאַרקאַטערט נעזל, ווי אַ פאַרעכאָדל, בשעת ער רעגולירט דעם דאַמף. ער האָט קעציש שאַרף אָנגעקוקט זיין אָפּלאַכער און געבליבן אַ ווײַלע שטיין אַ צעטומלטער. ער האָט זיינע אייגענע אויגן נישט געגלויבט. ער האָט אינעם באַוואָקסענעם, אָפּגעריסענעם און אָפּגע־שליסענעם מופקרל קוים דערקענט דאָס ישיבה־בחורל, וואָס האָט ביי זיי אין קאַך־שטוב געגעסן טעג, מיט עטלעכע וואָכן צוריק... ווו איז אַהינגע־קומען יענע בעטלערישע מינע, יענע פאַרשעמטע באַשיידנקייט מיט פייכ־טע, אַראָפּגעלאָזענע אויגן. דאָ איז אָקעגן אים געשטאַנען די גאַסן־חוצפּה אַליין, די צו להכעיס־הפקרות, מיט ברודיקן שוים פון שנאה אויף די ליפּן. ווי?... און אַזאַ איינער, אַזאַ שלעפּערל דערלויבט זיך דאָ צו וואַרפן אים אין פּנים אַריין די לערע וואָס ער האָט אים געלערנט? — אים — דעם נייעם נגידס ציטערדיקן זון, דעם שקאָלניק פון פערטן קלאַס, וואָס זוכט צו פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן די אָרעמע יינגלעך? —

— דו... דו, פּאַסקודניאַק! — ווערט פּלוצלונג אויפגעקאָכט דעם נייעם נגידס בחורל. — דו קבצן דו! דו־דו־דו גנב דו, פּו־פּו־פון גמרא־טאָוולען...

דעם נגידס יינגל פאַרזאַאיקעט זיך אַזש פאַר אויפרעגונג און כאַפּט איבער די מאָס. דאָס זידל־וואָרט „גנב״ ווירקט אין זונדלס כאַטע, ווי דאָס דערמאָנען אַ שטריק אין אַ שטוב פון אַ געהאָנגענעם...

— פּע! — מאַכט טעמע, זונדלס יידענע, און פאַרקרימט זיך אַזוי דעלי־קאַט, פּונקט ווי זי וואָלט גאָר קיינמאָל אין לעבן נישט געהערט אַזעלכע רייד — וואָס עפּעס פאַר אַ ווערטער, וואָס?

— ליקעריטשעסטווע! — רייצט זיך פראָיקע דער מופקר מיטן צאָרנ־דיקן שקאָלניק. ער פאַרדרייט נאָך דערביי שפּאָטישער דעם מויל אָן אַ זייט און וואַרפט מיט דער ברודיקער גאָמבע.

— יאָ, און ווער האָט דאָס ביי דיר געפונען אַמעריקע?... עפּעס איינער אַ — אַ „בומבוס", — אַזוי ווענדעט זיך פראָיקע צו די באַלעגאָ־לעס און נאָסקע־טרעגער, — ער מאַכט פאַראַד, מאַכט ער: „קומבוס", „שמומבוס"... כ־הי!

אין אַ כוואַליע פון גרויס געלעכטער גיט זיך דעם נייעם נגידס בחורל אַ וואָרף אויפן חוצפּהדיקן בעטלערל. ער גיט זיך אַ וואָרף שלאָגן ווי אויף קדוש־השם. וואָרים פילן פילט ער, מיט זיין נגידיש האַרץ, אַז דאָ, ביי זונדל גאָטס גנב אין כאַטע, איז י ע נ ע ר שטאַרקער און זיכערער יענער געפינט זיך דאָ אין זיין סביבה, ווי אַ פיש אין וואַסער. און ער, דעם נייעם נגידס זון, אַזאַ תכשיט, וואָס אינדערהיים בלאָזט ער זיך אויף הינערשע יאַיכלעך, שטייט דאָ איינער אַליין מיט זיין איידעלן פּנים, מיט די מאָגערע הענט און מיטן לעדערנעם שקאָלע־פּאַסעק אויף די דאַרע לענדן. פון דער היים איז ער דאָך אַנטלאָפן. אָפּגעריסן פון וואָרצל שטייט ער דאָ אויג אויף אויג מיט אַזאַ גראָבער חברה... אָבער די צעקאָכטקייט זיינע און צאַפּלדיקייט לאָזן אים נישט איבערטראַכטן. וואַרפט ער זיך ווי אַ שטוביק היגטל אויף אַ ווילד חזירל אין וואַלד.

אָבער טעמע, די בעל־רחמימטע און זונדל גאָטס גנב אַליין דערלאָזן נישט צו אַ געשלעג. פיר הענט שטעלן זיך אַקעגן. דעם נייעם נגידס בחורל באַרואיקט זיך אַ ביסל. אין האַרצן צופרידן, וואָס מ'האָט נישט דערלאָזן. שאָקלט אויף אים טעמע איר באַטיכלטן קאָפּ, קוקט אויף אים, מיט שפּאָטישער רחמנות פון אונטערן שטערן און ווישט זיך די מאַנס־בילשע נאָז:

— און טאַקע, — מאַכט זי מיט אַ געמאַכטער פרומקייט פון אַ רודף־שלומניצע — וואָס דאַרפסטו דערציילן אַ ק י נ ד אַזעלכע נאַרישקייטן... ליקריטשעסטווע גאָר!

— אַ דונער — ליקעריטשעסטווע! — העלפט אונטער די קאָרטן־וואַרפערקע מיט אַ חניפה־שמייכעלע — אַ ז אַ „פּאָקאַזאַניע"!

דאָס „קינד" — מיינט מען פראָיקן דעם גנבל פון גמרא־טאָוולען.

זיצט זיך דאָס „קינד״ באַשיצט הינטער די צוויי ברייטע יידענעס מיט פאַרטעכער איבער די אויפגעבלאָזענע בייכער, הינטער טעמען און הינטער דער בלויער טרעפערקע, און מאַכט נאָך פון שקאָלניק חוכא־טלולא. ער מאַכט דערביי העויות פון אַ געמיינעם נפשל, וואָס האָט פריער אויס־שפּיאָנירט אַלץ, וואָס טוט זיך ביים נייעם נגיד אין קיך און האָט אַלץ געבראַכט אַהער צו זונדלען אין פעסטונג. דאָ האָט ער זיך פאַרפאַנצערט און לאַכט אָפּ פון שונא, וועלכער שטייט אונטערן „מויער״ און קען צו אים נישט דערלאַנגען. אַצינד מאַכט ער נאָך ווי דער שקאָלניק וויל נישט עסן, און ווי די מאַמע זיינע, די נגידיתטע, בעט זיך ביי אים מיט אַ זויערן פּנים און מיט אַ שוואַכן קול פון אַ קימפּעטאָרין:

— זונעלע, אַ ביסעלע יאַיכל! פאַרזוך נאָר...

— כ׳וויל נישט קיין יאַיכל!

— אַ שטיקעלע בייליק פון הון... צעגייט אין מויל.

—גיי, לאָז מיך!

— כאַטש אַ קאַפּעלע פלוימען צימעסל, ליאָווקע, ס׳איז דיר גוט צום מאַגן!

— זע, זע... כ׳וויל נישט... דווקא נישט!

קען שוין דעם נייעם נגידס בחורל מער נישט אויסהאַלטן. פייל פון בויגן גיט ער זיך אַ וואָרף אויף „דאָס קינד״, און ד אָ ס מאָל געלינגט אים אַראָפּצולאָזן אַ קנאַק, מיטן דאַרן פויסט, איבער די ברודיקע, צע־פלאָשעטע האָר.

אָבער גלייך נאָכדעם באַמערקט דער שקאָלניק, אַז דער קליינוווק־סיקער גאָרנישטל, דאָס שטענדיק הונגעריק ישיבה־בחורל, איז דאָ, אין זונדלס סביבה, אויסגעוואַקסן, נישט נאָר אין חוצפה, נאָר אַפילו אין כוח און פלינקייט. ער באַמערקט דאָס אָבער צו שפּעט, וואָרים דאָס טשערקאַסער יאַטל שפּרינגט אויף, אונטערן קלאַפּ, ווי אַ געשלאָגענער גומענער באַל; גיט זיך אים אַ וואָרף אין פּנים, אין בלאָזן, אויסגע־איידלטן פּנים פון אַ נגידס אַ זון. דער „גומענער באַל״ לאָזט דערביי אַרויס פינף שוואַרצע נעגל און צעדראַפּעט אים די גאַנצע הויט פון באַק:

— נאַ דיר ליקריטשעסטווע!

דעם נייעם נגידס בחורל דערפילט אויף דער באַק דעם טעם פון אויסגעשאָטענעם הייסן פריסיק. אַ גליענדער שמאַרץ שיסט פון אויג צום שלייף צו. ער גיט אַ טאַפּ די באַק, מיט זיין אויסגעכאָליעטער האַנט, און

דערזעט בלוט אויף דער דלאָניע. אַצינד איז ער פאַרלוירן. אַצינד וועלן אַלע זען, אַז ער, דעם נייעם נגידס תכשיט, האָט זיך געשלאָגן מיט אַ גאַסן־ייִנגל. אין שקאָלע וועט ער זיך נישט קענען באַווייזן. דער טאַטע וועט ברומען, די מאַמע וועט קוויטשען און די שוועסטערל מיט די באַמ־בעלעך און די ציגענע אויערן וועט אים ערשט אַצינד נעמען די לעבער: „וויפל קאָסט ביי דיר אַן אַרשין „דראַפּ״? דו!״

פון פאַרצווייפלונג פאַרקרימט זיך ביים שקאָלניק דאָס פּנים אין אַ משונהדיקער העויה. די ציין פאַרסקאָליען זיך ביי אים אונטער די מאַגערע באַקן. ער דערפילט דעם באַהאַלטענעם דם־שונא, נישט נאָר אין פראַיקען, נאָר אין אַלע גראָבן יונגען אַרום אים; נישט נאָר צו אים אַליין, נאָר צו זיין טאַטע־מאַמע אויך. ס׳איז אַ מאָדנע שנאה, אַ פאַרטאַיעטע פון אַלע די וואָס עסן ביי רייכע באַלעבאַטים אין קאַך־שטוב און טאַפּ־טשען זיך אויף איין אָרט און רעדן כלומרשט אונטערטעניק און חניפהדיק. ס׳איז די שנאה פון אַלע די, וואָס בעטן טובות, פון אַלע די, וואָס דאַנקען און ווינטשעווען אין נגידישע הייזער...

מיט אַ יאָמערדיקן געשריי גיט ער זיך אַ וואָרף אויף זיין שונא. אָט וועט ער אים אַצינד ווייזן ווער עלטער איז! אָבער „דאָס קינד״ האָט זיך שוין ווידער באַהאַלטן הינטער די ברייטע פאַרטוכער פון די צוויי יידענעס, און קוקט אַרויס, ווי אַ יונגער טכויר פון נאָרע, אויף אַ גאַלאַ־גאַנעם הענדל וואָס האָט זיך צעקרייעט.

דאָס מאָל מישט זיך אַריין זונדל גאָטס גנב אַליין. זיין גאַסט־פריינד־שאַפט און גערעכטיקייט דערלאָזן נישט — אַ גבירישע בחורל זאָל שלאָגן אַן אָרים פאַרוואָגלט ייִנגל ביי אים אין הייזקע.

— גיי צום טאַטן דיינעם! — שרייט זונדל הייזעריק — וואָס ביסטו געקומען אַהער שלאָגן זיך, וואָס?...

— אַ נייע „פּאָקאָזאָניע״! — העלפט אים אונטער די קאָרטן־טרע־פערקע — אַ יתום — שלאָגן גאָר! אַי־אַי... שעמט זיך גאָר נישט...

— ווער פרעגט ביי אייך? — גיט זיך צו איר אַ מאָרדעווע דעם נייעם נגידס שקאָלניק — וואָס לעקט איר זיך דאָ אונטער, וואָס? ש...שלעפּערקע!

— פּע־ע! וואָס פאַראַ ווערטער! — שטעלט זיך איין טעמע פאַר איר קעסט־יידענע. זי מאַכט דערביי די פריערדיקע דעליקאַטע מינע פון איינער, וואָס איז נישט געוווינט צו אַזעלכע רייד. זי פּאַכעט זיך אַזש אָפּ מיטן ברייטן פאַרטוך, ווי פון אַ שלעכטן ריח, — גיי, גיי!

העלפט איר נאָך צו דער מאַן אירער, זונדל, מיט זיין גערעכטיקייט פון אַ גאַטס גנב:

— גיי! — מאַכט ער צום שקאָלניק — ברענג מיר בעסער אָפּ די פיר קאָפּיקעס פאַר דער פּרעפּיצע און געקאַכטע אייער, וואָס דו האָסט ביי מיר אָנגעבאַרגט.

דעם נייעם נגידס בחורל פאַרדעקן זיך די אויגן פאַר חרפּה. אַזוי לויפט ער אַרויס פונעם דאָזיקן גיהנום, ווו שנאה און אומגערעכטע בייזקייט ברענען צוזאַמען מיט די שייטן געלאַטכנטע האָלץ אין דער אייזערנער אויוועלע. דאָ, ווו אַזאַ אויסוואורף, ווי פּראַיקע, איז נעבעך אַ יתום אַן עלנטער, און ער, דעם נייעם נגידס זון, אַ צעדראַפּעטער, אַ באַליידיקטער, איז נאָך אומגערעכט און ווערט אַוועקגעטריבן ווי אַ פרעמדער הונט פון אַ פּאַמוניצע. דאָ וועט ער קיין גערעכטיקייט פאַר זיך נישט געפינען. אָט, ווען ער וואָלט געגאַנגען אָפּגעריסן אָפּגעשליסן, מיט אַ חדשים־לאַנג נישט געוואַשענעם קאָפּ, וואָלט מען זיך פאַר אים יאָ איינגעשטעלט. אַצינד לויפט ער זוכן גערעכטיקייט אין שטאָט... אין שטאָט? ביי וועמען?ביים טאַטן? ביי אָט דעם ברוגזן נגיד? ביי דער מאַמען מיטן זויערן פּנים?... ביי זיי וועט ער עס אויך נישט געפינען. זיי וועלן זיך גאָר שעמען אָנצוהויבן מיט אַזעלכע נפשות, ווי זונדל און אַלע פאַרשווינען אַרום אים. צו זיי איז ער דאָך היינט פרי אַנטלאָפן פון טאַטע־מאַמען. אַצינד זאָל ער לויפן צוריק מסרן טאַטע־מאַמע אויף זיי?

דער ביטערער ווידערשפּרוך טרייבט אים צוריק צו זונדלס הייזקע. ניין! נאָר אויף זיך אַליין מוז ער זיך פאַרלאָזן!...

שפּרינגט ער צו, שטעלט זיך אין דער אָפענער טיר און שרייט צו פּראַיקען:

— וואַרט, וואַרט גנב, כ׳וועל דיך שוין כאַפּן אין אַ געסעלע!

— ליקעריטשעסטווע! — שרייט אים אַקעגן פּראַיקע דער מופקרל, און באַהאַלט זיך פונדעסטוועגן גלייך הינטער די ברייטע יידענעס. וואָרים אין די אויגן פונעם נייעם נגידס יאָלדישן תכשיט ברענט אַצינד אַ נייער פייער, דער פייער פון אמתער נקמה און זעלבשטשטענדיקייט.

אַ מלאך פון רבינס פאַרעכאָד

.1

נאָכן הייסן קלאַסן־קאַמף אין זונדלס הייזקע האָט די זון אויפגעלויכטן און מערע, מיטן קינד אויפן אָרעם, איז אָנגעקומען פון שטאָט קוקן ווי די פאַרעכאָדן גייען. דאָס איז געוואָרן איר טעגלעכע באַדערפעניש. זינט די מאַי־ווינטן האָבן אַ בלאָז געטאָן, קען זי זיך קיין אָרט נישט געפינען. די נויט אין שטוב דריקט זי צו, די איינזאַמקייט, אָן דער מאַמען, וועלכע שטייט אַ גאַנצן טאָג אין מאַרק ביי אַ טישעלע מיט „סחורה" פאַר צוויי גילדן, יאָגט זי אַוועק פון די פיר אָפּגעלאָזענע ווענט. לויפט זי דערפאַר טאָג־איין טאָג־אויס צו זוכן טרייסט ביי טעמען און — אַ ביסל זון ביים פרייען ברעג דניעפּער, און געפינט דאָס אָפּטמאָל.

פון זונדלס הייזקע האָט זיך אַצינד, נאָכן רעגן, אַרויסגעשאָטן די גאַנצע משפּחה מיט די אָנגעלאָדענע קאָשיקעס איןביידע הענט, און גע־לאָזן זיך גיין צום פּריסטאַן. וואָרים דעם רבינס פאַרעכאָד האָט שוין געטרובעט ביי די קאַכעלניעס, אָנקומענדיק פון אָרשע.

ווי נאָר דער פאַרעכאָד איז צוגעשטאַנען צום פּריסטאַן, איז פון דער אַריבערגעוואָרפענער קלאַטקע, מיט די ערשטע פּאַסאַזשירן, אַראָפּגעלאָפן אַ פלינקער יונגערמאַנטשיק, מיט אַ שוואַרצן ציגיינערשן פּנימל, באַשאָטנט מיט אַ גרויסן קאָזיראָק פון אַ ברוינעם קאַשקעט. אַ דאַרינקער און אַ לעבעדיקער, אין אַ נייעם געפּרעסטן גאַרניטער, פונעם זעלבן ברוינעם שטאָף ווי דער קאַשקעט, און מיט פייגע האַלבע לאַק־שיכלעך, ווי אַ חתן־בחור, אַזוי איז ער אַראָפּגעלאָפן, אָן אַ פּאַלטאָ און אָן אַ רעגנצל אין האַנט. ער איז צוגעלאָפן גלייך צו טעמעס קאָשיקעס און נישט־טאַפּנדיק און נישט נישטערנדיק, ווי אַנדערע יידישע קונים, אַ נעם געטאָן אַ פּאָר רויטע אייער, אַ ווייסע פראַנצויזישע בולקע, אַ שטיקל געפּרעגלטן מאָן אין אַ פּאַפּירל, און פון דער זשילעט־קעשענע דערלאַנגט דער פּאַרקויפּערקע

אַ זילבערנעם רובל. ער האָט דאָס דערלאַנגט מיט אַזאַ באַוועגונג פון ביטול ווי מען דערלאַנגט אַ פאַרשימלטן צווייער. עטלעכע פּאָר אויגן האָבן זיך אויף אים פאַרקוקט. מען איז אין שקלאָוו נישט געוווינט זילבערנע רובלס זאָלן זיך וואַלגערן אין זשילעטן, אדם־נאַקעט, אָן אַ בייטעלע...

טעמע, זונדלס יידענע, האָט זיך גענומען פּאָרקען אונטערן פאַרטוך, אין איר לעדערנער טאָרבעלע, כדי צו געבן אויסגאָב. האָט אָבער דאָס שוואַרץ־חנעוודיקע פאַרשוינדל אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ און האַנט:

— מ׳דאַרף נישט!

ערשט דאָ האָט טעמע אויפגעהויבן אירע סוחריש־צעטראָגענע אויגן, און, מיט אַן אָפּענעם מויל, אָנגעקוקט איר קונה. דאָס פאַרשוינדל האָט איר ממזריש אונטערגעווונקען מיט איין אייגל פון אונטערן ברוי־נעם קאַזיראָק.

— שעפּטעלע... דו? — אַזוי האָט טעמע שטיל אַ פרעג געטאָן און אַרומגעקוקט זיך.

— ששאַ, מומע! — אַזוי האָט דער לעבעדיקער פּאַסאַזשיר אַ שושקע געטאָן און זיך אויך אַרומגעקוקט.

טעמע האָט שעפּטעלע דעם גנב גוט געקענט. נישט איינמאָל זומער און ווינטער האָט ער זיך ביי איר אויסבאַהאַלטן, מייסטנס נאָך אַ גניבה אין מאָהליוו צי אין אָרשע. פאַריקן ראש־השנה האָט ער זיך ביי איר אויך באַהאַלטן, אַנטלויפנדיק פון מאָהליווער אָסטראָג צום אָרשער באַן. זינט דעמאָלט איז ער אין וואַסער אַריין. נישטאָ שעפּטעלע.

— ווי דו זעסט אויס! — קען זיך טעמע נישט אָפּוווּנדערן — אַ פּריץ!

— שאַ, מומע, דאָס קום איך פון אויסלאַנד.

— וואָס פאַר אַ לאַנגע האָר דו טראָגסט. אַ מאָדע אַזאַ?

— מ י י ן מאָדע. מ׳זאָל נישט זען דעם שראַם אויף דער פּאַ־טילניצע...

— אַ, יאָ, כ׳געדענק!... נו, אַ נגיד געוואָרן?

— געלויבט דער אויבערשטער. כ׳האָב גוט געאַרבעט.

— אוי, אוי! — דערמאָנט זיך טעמע — מיין קאָפּלען, ווייסטו?... מ׳האָט אים פאַרשיקט!

— פאַרן פערד?... דעם דאָקטאָרס, דאַכט זיך...

— געדענקסט נאָך? הירשל גאָלדשמיד פון די ברעמלעך...

טעמע האָט זיך געריכט, אַז שעפּטעלע וועט זיך אַ כאַפּ טאָן, אַז ער וועט זיך אָנבאָטן אָפּצורעכענען זיך מיט הירשל דעם מסור. קאָפּל, איר זון, און שעפּטעלע זענען דאָך מענטשן פון איין פאַך... אָבער שעפּטעלע, ווייזט אויס, האָט גאָר קיין שום חשק נישט געהאַט צו איינשטעלן זיך פאַר קאָפּלען און צו באַשטראָפן טויבע יידן פאַר זייערע רכילות. וואָרים ער האָט זייער קאַלט אַ הויב־געטאָן מיט ביידע דאַרע פּלייצקעס. האָט אים טעמע געוואָלט אַ נעם־טאָן פון אַן אַנדער זייט:

— און מושען, מיין טאָכטער, געדענקסטו נאָך?... זי איז געקומען צוריק אַהיים. אַן איינִיקל געבראַכט מיר. מי... מיר... מיט דעם מאַן געגט זיך.

— הערט, מומע, — שלאָגט שעפּטעלע פּלוצלונג איבער — איר ווייסט נישט, פאַנדרע איז שוין אַרויס פון אָסטראָג?

— פאַרדאָנס איידעם? ער?... ניין, נאָך נישט. וואָס איז? דו קענסט אים?

שעפּטעלע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן ברוינעם קאַשקעט אויף „יאָ".

— ס'איז שוין איינמאָל אַ „יאַט"! — מאַכט ער און גיט אַ זיפץ ווי אַ פאַרבענקטער — נו, גוט! וועל איך אים שוין זען אין מאָהליוו...

— אָך, — גיט זיך טעמע פּלוצלונג אַ כאַפּ און אַ פּאַטש מיט ביידע הענט איבער אירע קאָשיקעס — וואָס שווייג איך, וואָס? אַן שטייט דאָך מערע! מערע סענדערס. פאַנדרעס ווייב...

שעפּטעלע צאַפּלט איינגאַנצן אויף:

— וווּ?...

— אַן דאָרטן. יענע הויכע ווייבל. מיטן קינד אויף די הענט.

— וואָס שטייט זי דאָ?

— וואָס זאָל זי טאָן? וואַרט אַלע טאָג אויפן מאַן. גייט אויס פאַר הונגער.

לייגט שעפּטעלע אָפּ די בולקע מיט די רויטע אייער וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט אין טעמעס האַנט:

— האַלט צו אַ ווײלעטשקע! מומע, כ'בעט אייך...

— טו־טו! — גיט דער פאַרעכאַד אַ רעווע. ס'איז שוין דעם צווייטן מאָל, אַז ער טרובעט. נאָכן דריטן פייף גייט ער אָפּ.

שעפּטעלע קוקט זיך אום און לאָזט זיך האַסטיק גיין, דורכן אָנגעקומענעם און אָפּפאָרנדיקן עולם. ער גייט נישט גלייך צו מערען, נאָר

אין אַ גאַנץ אַנדער זייט. ער גייט פּאַנדריכען אום אין האַלב־קרייז, ווי אַ שפּיר־הונט, און וואַקסט אויס לעבן איר גאָר אומגעריכט. אַוועק, דאַכט זיך, איז ער רעכטס און אויסגעוואַקסן פון לינקס:

— המ... איר זענט דאָס... מערע?

מערע ציטערט אויף, זי דרייט אום דעם קאָפּ און דערזעט פּאַר זיך, ריכטיקער — א ו נ ט ע ר זיך, אַ קליינינקן שצאָגל אין אַ ברוינעם גאַרניטערל און אין בלישצענדיקע שיכעלעך, וועלכער קוקט זי אָן מיט אַ פּאָר אומרואיק־פּאַרשנדע אויגלעך.

נישט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער, שטעלט דאָס פּאַרשוינדל אַ צווייטע פראַגע:

— וואָס מאַכט עפּעס אייער מאַן? נאָך נישט געקומען?

— ניין, — מאַכט מערע, און שטויסט זיך עפּעס אָן — שוין לאַנג קיין בריוו נישט געווען.

— נאַ, — מאַכט דאָס פּאַרשוינדל — כ׳פאַר באַלד אָפּ קיין מאָהליוו. איך וועל אים שוין זען.

— ווער זייט איר? — פרעגט מערע שטילערהייט.

— נאַ. פּאַנדרעס ווייב מעג איך זאָגן. כ׳בין שעפּטעלע.

— אַך, שעפּטעלע ג... — כאַפּט זיך ביי מערען שיער נישט אַרויס, — דע... דע... דער, וועלכער...

— שעפּטעלע גנב, — פאַרריכט איר דאָס פּאַרשוינדל און לאַכט, — שעמט זיך נישט!... און דאָס איז אייער יאַטל? וואָס? כ׳וועל שוין דעם טאַטן אָפּגעבן אַ גרוס.

מערעס פּנים צעשטראַלט זיך:

— אַך, נח האָט אים נאָך אין זיינע אויגן נישט געזען, ווייסט נישט וואָס פאַר אַ חכם דאָס איז...

— כ׳וועל אים שוין דערציילן.

— דערציילט, דערציילט... און איר... זענט איר דאָס שעפּטעלע? מיין מאַן האָט מיר געשריבן, אַז איר האָט אים געטאָן אַ סך טובות. דורך אייך האָט מען אים באַפרייט פון די אָפּטריטן, דורך אייך —

נאָר שעפּטעלע קרימט זיך גאָר. עפּעס וויל ער גאָר נישט אויסהערן מערעס גוטע רייד. „גוט־גוט־גוט״... אַזוי שלאָגט ער איר איבער און כמורעט זיך אָן. אין דער לינקער פרייער דלאָניע רוקט ער איר פּלינק אַריין אַ צענויפגעלייגט פּאַפּירל:

— שפּעטער... שפּעטער וועט איר קוקן, אַ? כ׳מוז צום פֿאַרעכאַד... דערציילט נאָר נישט קיין מעשׂיות... איר פֿאַרשטייט?

— אַ פּנים אַ צעטעלע פֿון נחן, — טראַכט בײַ זיך מערע און קוקט זיך אַרום. שווייגנדיק זעט זי צו, ווי דאָס פֿאַרשווינדל מיטן גרויסן קאַשקעט איבער די פֿעך־שוואַרצע גויאיש־אונטערגעשוירענע האָר, לויפֿט צו צו טעמען, כאַפּט בײַ איר פֿון האַנט אַ פּעקעלע און פֿאַרשווינדט אין אָפֿענעם אײַנגאַנג פֿון פּריסטאַן. דער פֿאַרעכאַד גיט אַ טרובע צום דריטן מאָל, האַסטיק, אימיצן דראָענדיק. די קלאַטקע מיט דער פֿאַרענטשע ווערט אַראָפּגערוקט. די וויאָסלע־רעדער פֿון פֿאַרעכאַד הייבן אָן צו שוימען.

מיט שרעקעוודיקער בייגעריקייט גיט מערע אַן עפֿן אויף די פֿאַר־מאַכטע האַנט און גלויבט אירע אייגענע אויגן נישט. אויף דער דלאָניע ליגט אַ צוזאַמענגעלייגטער, בלויאינקער פֿינף רובלדיקער. זי גיט אַ קוק צום וואַסער: אַ צעשוימטער ברייטער פּאַס שטראָמט שוין צווישן רבינס פֿאַרעכאַד און פּריסטאַן... אונטערן סאַמע דאַך פֿון פֿאַרעכאַד, נישט ווייט פֿון קאַפּיטאַן מיט דער קאָקאַרדע, שטייט שעפּטעלע און פּאַכעט צו איר אַראָפּ מיט אַ ווייס טיכל. די פּלוצליכקייט און פֿאַרסודעטקייט, מיט וועל־כער דער מאָדנער אורחל איז געקומען און אַוועק, די אומדערוואַרטע הילף, וואָס ער האָט איר געלאָזן פֿאַלן אין האַנט, אין אַזאַ שווערער מינוט פֿון נויט — דאָס אַלץ האָט איר אַצינד אויסגעזען ווי אַ נס פֿון הימל. אַ צעטומלטע איז זי געבליבן שטיין און געקוקט, מיט בלאָנדזשענדיקע אויגן, ווי דער פֿאַרעכאַד מיטן ברוינעם פֿאַרשווינדל מיט דעם ווייסן טי־כעלע רוקן זיך אָפּ אַלץ ווייטער. די שוואַרצע מענטשעלעך אונטערן בלעכערנעם דאַך ווערן קלענער, גיסן זיך צונויף. נאָר דאָס ווייסע טיכעלע פּאַכעט נאָך, ווי אַ צעבראָכן פֿליגעלע בײַ אַן אַוועקגעשוועבטן מלאך... אַזעלכע פֿליגלען האָט זי געזען בײַ די גויאישקע מלאכים, אויף די דריי־קאָפּיקענע בילדער, בשעת אַ יאַריד...

נאָר אָט דערנענטערט זיך שוין דער פֿאַרעכאַד צום אַראָפּגעלאָזענעם קאַנאַט פֿון פּאַראָם. דער „מלאך״ מיט זײַן טיכעלע גיסן זיך צוזאַמען מיטן קוימען און מיטן רודער. צוויי גרויסע קנוילן פּאַרע פֿליען אַרויס פֿון פּייער, און ערשט דערנאָך דערהערט זיך אַ דאָפּלטער טרובען: „טו־טו, טו־טו!״ דאָס הייסט: אַריבער בשלום דעם קאַנאַט... איך פֿאַר קיין מאָהליוו!...

.2

אַז דעם רבינס פֿאַרעכאָד איז אַוועק, דער עולם איז זיך צעגאַנגען, זענען נאָר די באַלעגאָלעס אָן „שודאַקעס" געבליבן זיצן אויף די קעלניעס, איבערן הויכן, זאַמדיקן ברעג. זייערע פֿערד, מיט די אונטערגעבונדענע זעקלעך אויף די מאָרדעס, האָבן, מיט פֿערדישער פֿאַרלעגנהייט, געוואָרפֿן די לאַנגע קעפּ אַרויף. זיי האָבן זיך, אַפֿנים, שטומערהייט פֿאַרענטפֿערט פֿאַר זייערע באַלעבאַטים:

— מיר, פֿון אונדזער זייט, האָבן געטאָן אַלץ וואָס מען קען, כּדי עפּעס צו פֿאַרדינען. אַלאַ וואָס דען — נישט? קייען מיר האָבער מיט סיעטשקע. און גאָט איז אַ פֿאָטער. לעבן מוז מען דאָך...

טעמע, זונדלס יידענע, מיט אירע צוויי קאָשיקעס, האָט זיך געלאָזט לויפֿן אין זאַמד צו מערען, ווי אַ גאַנדז מיט צוויי אָפּגעלאָזענע פֿליגלען. צוגעלאָפֿן צו פֿאַנדריכען, האָט זי אַראָפּגעשטעלט איר גאַנצע קראָם, אָפּ־געווישט דעם מאַנסבילשן נאָז מיטן פֿאַרטוך, דערנאָך דעם שווייס פֿון שטערן און אַ שמונצער געטאָן צום קליינעם נפֿשל אויף מערעס אָרעמס:

— נאַ, — מאַכט זי, — טצ... טצ!... פֿעטער־שעפּטעלע וועט שוין אָפּ־געבן אַ גרוס דעם טאַטן דיינעם. זאָלסט נאָר קיין צער נישט האָבן! טצ... טצ...

ערשט דאָ באַמערקט זי ווי מערע שטייט ווי אַ פֿאַרשטיינערטע און אירע ברוינע, האַלב־צוגעמאַכטע אויגן זענען פֿול מיט טרערן. גיט זיך צו איר טעמע אַ וואָרף, אַ פֿאַרזאָרגטע:

— ווייַנסט?.. ער האָט דיר עפּעס געזאָגט? חס־ושלום — עפּעס שלעכטס?

— וואָס רעדט איר? — מאַכט מערע און די אָנגעלאָפֿענע טרערן פֿאַלן איר אַרויס אויף דער פּאַטשיילע.

זי עפֿנט אויף די פֿינף פֿאַרקלעמטע פֿינגער אונטער טעמעס פֿאַר־וווּנדערטע אויגן:

— זעט!

טעמע שפּיצט אָן דעם מאַנסבילשן נאָז. זי דערזעט אַ בלויאינקן פֿינף רובלדיקן. דאָס גאַנצע פּנים צעשיינט זיך ביי איר:

— אַזאַ ברייטע האַנט ווי דאָס האָט! אַזאַ שעפּטעלע דאָס איז! אַ קלאָג צום נייעם נגיד! געמעגט זיך לערבען ביי שעפּטעלען. מיר — אַ רובל פֿאַר אַ בולקע מיט אַ פּאָר אייער, און דיר — אַ פֿינפֿערל...

— אַ מאָדנער מענטש! — מאַכט מערע מיט די פּלייצעס — נאָר כ׳ווייס... מעג מען דאָס אָננעמען, צי אפשר... ווייל...

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן! — פאַלט אויף איר טעמע אָן — ס׳האָט דיר גאָט צוגעשיקט. נעכטן האָסטו זיך געקלאָגט אויף דיין מזל, און היינט — זעסט?

— נעמט, — מאַכט מערע נאָך אַזאַ הסכמה — צעבייט און רעכנט אָפּ דאָס „פּערטעלע". איך בין אייך שולדיק...

טעמע נעמט קלינגען אין דער לעדערנער בייטל אונטערן פאַרטוך, און מערע קען אַלץ נישט קומען צו זיך פון פאַרוווּנדערונג:

— איר קענט אים?... מיין נח קען זיך גאָר פון אים נישט אָפּלויבן. אין אַ יידישן בריוו האָט ער מיר דאָס געשריבן, פון היינטן אַרום... דאָס האָט שעפּטעלע געמאַכט, שרייבט ער, מ׳זאָל אים און שמחהלען אַוועקנעמען פון דער פּאַס מיט עפּוש, טפו! אַצינד, געלויבט דער אויבערשטער, אַרבעטן זיי ביי געהילץ אין וואַלד.

— אַז דו ווייסט נאָך גאָרנישט וואָס פאַר אַ מענטש דאָס איז, — ווישט זיך טעמע די נאָז מיט גרויס באַגייסטערונג — אַז פאַר טאָן אַ יידן אַ טובה, וועט ער דיר לויפן אין פייער און אין וואַסער. זעסטו, נגידים האָט ער גראָד פיינט... אויפברעכן ביי אַ נגיד אַ שלאָס איז ווי ביי מיר — אַ געקאָכט איי. נאָר רעדן דערפון דאַרף מען נישט! וואָרים ער איז דאָך אַצינד... ווייסט דאָך מסתמא...

— שעפּטעלע?

— ווער דען? אַ בורח איז ער. אַנטלאָפן. נאָך פאַר ימים־נוראים איז ער אַנטלאָפן פון אָסטראָג. אָנגעטאָן זיך אין ווייבערישע קליידער מיט אַ שלומפּער און אַנטלאָפן. נאָר גאָרנישט. רעדן דערפון דאַרף מען נישט! כ׳הע! עס האָט ביי אים אַ צורה אַנטלויפן פון אַרעסט, ווי ביי מיר אויפמאַכן אַ פענצטער... נאָר ווער דאַרף עס רעדן פון אַזעלכע זאַכן?... ער אַנטלויפט מיינסטו, צום ערשטן מאָל? הירשל דער טויבער זאָל אַזוי לעבן! איינמאָל, מיינסטו, האָט ער ביי מיר איבערגענעכטיקט, שעפּטעלע?... אַזוי פיל טויזנטער, רבונו־של־עולם, זאָל מיין קאָפּל פאַרדינען אין „סימביר"... אין דער פרעמד, וויל איך זאָגן... נאָר רעדן דערפון דאַרף מען נישט. אַזאַ טויבע־לאָך ווי הירשל דער גאָלדשמיד זאָל זיך געוועזן דערוויסן, וואָלט ער אפשר נישט געלאָפן מסרן דעם פּריסטאַוו מיינסטו?... נאָר גאָרנישט, רעדן דערפון איז קיינער נישט מחויב. געדענק מיינע ווער־

טער: שעפּטעלע וועט זיך שוין אין מאָהליוו פּאַסטאַרען פּאַר נחן. אַז וואָס ווייסטו! אַלע אדונים און אַלע „קנעפּלעך" זענען דאָך אים אונ־טערגעקויפט, ביי אים און ביי זיין „חברה". „יאַטן" הייסן זיי ביי אים... נאָר אַז מען קען אים שוין מער נישט באַהאַלטן — „זעצט" מען אים אויף אַ ווײלעצקע אַריין... נאָר גאָרנישט. אַ וואָרט דאַרף מען דערפון נישט רעדן! מאַלע וואָס ווער עס קען דערשמעקן... הלוואי וואָלט ער נאָר געווען אין מאָהליוו בשעת מען האָט געמשפּט מיין קאָפּלען. ער וואָלט, זאָג איך דיר, נישט דערלאָזן. צי אַזוי, צי אַזוי... איך ווייס נאָך נישט צי וועט ער הירשלען אינגאַנצן פאַרשווייגן פאַר דער מסירה. הירשלס הייזל קען נאָך, זאָג איך דיר, אַוועקגיין איין שבת־צונאַכטס מיטן רויך. אין קוימען האָט זיך אָנגעצונדן. גיי ווייס — צי די סאַזשע אין קוימען צי שעפּטעלעס חברה... נאָר גאָרנישט, רעדן דערפון דאַרף מען נישט...

שיטנדיק אַזוי מיט רייד און וואָרנענדיק אַלע ווײלע אַז... „רעדן דערפון טאָר מען נישט און מען דאַרף נישט", האָט טעמע אויסגעציילט אין קליינגעלט מערעס צעביטענעם פינף רובלדיקן. און פאַנדריכע האָט באַקומען אַ גרויסן הויפן זילבער און קופּער־געלט, אַנשטאָט איר פּאַפּירל. זינט מ'האָט נחן אַרעסטירט, האָט זי אַזאַ הויפן געלט אין די אויגן נישט אָנגעזען. זי האָט דאָס צוגענומען און באַהאַלטן אין אַ טיכעלע און אין קליידל־קעשענע, און נישט אָן אַ פּאַרטאַיעטן געפיל פון מיאוסן זיך... זי אַליין האָט זיך דערביי געוווּנדערט, וואָס זי, מערע, סענדערס טאָכטער, נעמט צו אַזאַ הויפן געלט, און ווייסט אַפילו נישט פון וואַנען עס שטאַמט; וואָס זי הערט זיך צו צו אַזעלכע דיבורים פון זונדלס הייזקע און שווי־דערט נישט. זי אַליין איז עפּעס אַריין אין דער קאָמפּאַניע, ווו מען רעדט אַזוי לייכט פון אונטערצינדן, פון גנבנען, פון לויפן פון אָסטראָג, פון אונטערקויפן „קנעפּלעך"... ווען דער טאַטע האָט נאָך געלעבט און ווען נח איז געווען אויף דער פריי וואָלט זי זיך פאַר אַזעלכע רייד דערשראָקן. אַצינד אַרט איר עפּעס נישט. די צרות האָבן זי טעמפּ געמאַכט, פאַרביטערט זי. זי איז אויסגעהונגערט אויף ברויט און אויפן מאַנסביל. גאָט ווייסט וואָס פון איר וועט נאָך ווערן אויב... אויב נח וועט נאָך אַזוי גיך אַהיים נישט קומען. דער כעס אויף זיך אַליין און טעמעס טרייסט־ווערטער האָבן זי אינגאַנצן צעגומען.

— אַך, — מאַכט זי, מיט האַלב־פאַרשטשירעטע ציין, ווישנדיק זיךביידע אויגן — איך האָב שוין מער קיין כוח נישט... איר הערט, טעמע?

איך... איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטן. עס ציט מיך און אַל־דאָס בייז... אין לעצטן בריוו שרייבט נח, אַז ער רעכנט צו קומען אַהיים אַרום תמוז מיט שמחהלע טורערו צוזאַמען. ס'איז נאָך זייער ווייט. די שטוב פאַלט איין.

— זינדיק נישט, — שלאָגט איר איבער טעמע זונדלס — מיין קאָפּ־לען, אַ ווייטיק דער מאַמען זיינער, האָט מען פאַרשיקט אויף גאַנצע צ ע ן יאָר... כ'וועל שוין, מן הסתם, נישט דערלעבן אים צו זען. און דרייזע מיט צוויי פּיצלעך קינדער מוז זיך שלעפּן צו אים טויזנטער מייל קיין סימביר... שאַ! — גיט פלוצלונג טעמע אַ פּאַטש מיט די הענט איבער אירע קאָשיקעס — וואָס שווייג איך וואָס? קום, קום! טשערגיע די טרעפּערקע וועט דיר באַלד אַלץ זאָגן. פאַר איין פּיאַטאַקל... זשאַלעווע נישט, זאָג איך דיר! איצטער, אַז גאָט האָט דיר געהאָלפן...

— אַך... די קאָרטן־וואַרפערקע?

— קאָרטן־וואַרפערקע! וואָס רעדסטו וואָס? ווי פון סידור אַרויס וועט זי דיר אַלץ זאָגן... אַ שטיין, זאָג איך דיר, וועט דיר אַראָפּ פון האַרצן. שאַ! ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן?... שטיי דאָ! בלייב דאָ שטיין אַ ווײַלעצקע. אָט־אָ באַלד רוף איך זי דיר אַרויס אַהערצו צו. וואָס? דער פאַרעכאָד? האָב נאָר קיין צער נישט. צום פאַרעכאָד פון מאָהליוו אויף אָרשע איז דאָ נאָך אַ גוטע שעה צייט.

די פּאָקאָזאַניע

1.

כדי קיינער פון די אייגענע און פרעמדע, אין זונדלס הייזקע, זאָלן זיך נישט אַריינמישן אין די ווייבערשע ענינים און נישט אָפּלאָכן פון די קאָרטן, האָט טעמע אַרויסגעשטעלט אַ קליינטשיקן טישעלע אין זאַמד, נאָענט צום וואַסער, פאַרשאָטנט פון הויכן ברעג און ווייט פון בייגעריקע אויגן. אָנשטאָט אַ שטול — אַן איבערגעקערטן צעבער מיט אָפּגעבראָ־כענע אויערלעך. אָט אויף דעם דאָזיקן כסא־המלכות האָט זי אַוועקגעזעצט איר קעסטניצע, די בלויע געפינטלטע יידענע מיט איר טעשל קאָרטן. אַליין האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט פון איין זייט טישל, מערען מיטן קינד אויפן אָרעם — אַקעגן זיך.

— נו, מערע... — אַזוי האָט זי גענומען אונטערוואַרעמען פאַנדרעס שטרויענע אלמנה — האָסט נישט וואָס מורא צו האָבן!

אָבער מערע האָט זיך פאָרט געשעמט, געקווענקלט. אויב די יידענע מיט די פינטעלעך איז באמת אַזאַ נביאהטע, קען זי נאָך איר טרעפן, פון די קאָרטן אַרויס, אַלץ וואָס עס איז געשען צווישן איר און קושקע בראַנד אין יענער נאַכט, נאָך דער סעודה פון חברה־לויה... וואָלט נאָך טעמע דערביי נישט געווען! אָבער טעמע שטייט דאָ און שפּיצט שוין די אויערן זייער בייגעריק. קען נאָך אַ פרעמדע דערהערן דעם אמת, נישט ווי מען דערציילט און נישט ווי זי אַליין מאַכט דעם אָנשטעל, נאָר טאַקע, ווי זי האָט פאַרלוירן דעם קאָפּ אַ גוטע ווײַלע, געלאָזן זיך אַרומנעמען און שיער, שיער —

די בלויע יידענע טאַסט דערווײַלע איר קלעפּיקן טעשל קאָרטן גיך־גיך; ווי אַ רירעוודיקער שערער צעוויגט די קלינגען פון שער, איידער ער לאָזט זי אַראָפּ איבערן קאָם אין די האָר, אַזוי גיך באַוועגט זי אירע

געניטע, זשעדנע און פעטינקע העגטלעך. און די קאָרטן מישן זיך ביי איר ווי אין וויכער: לאַפּ־לאַפּ, לאַפּ־לאַפּ.

אָבער מערע לאָזט זיך נישט „שערן“.

— ניין, — מאַכט זי און ווערט רויט — אפשר אַן אַנדערש מאָל.

— אַ מאָדנער מענטש ביסטו, — שאָקלט אויף איר טעמע מיטן באַ־טיכלטן קאָפּ — קלאָגסט זיך און קלאָגסט זיך, און אַז עס קומט צו עפּעס —

די בלויע יידענע, גיט, טאַסנדיק, כיטרע אַ וואָרף מיט די שפּילעווע־דיקע אויגן צו טעמען און צו מערען. טעמע און די טרעפּערקע צע־שמייכלען זיך, ווי געניטע בעלי־עבירהטעס. ס'הייסט: מיר ביידע פאַר־שטייען דאָך... אָן אַ מאַן נעבעך, אַזוי יונג... שעמט זי זיך, כע־כע...

אָבער כדי דאָס פּיאַטעקל פאַרדינסט זאָל נישט גיין פאַרלוירן, זוכט זי, ווי אַ פישער זוכט צו פאַרמאַניען דאָס קאַפּריזנע פישל מיט אַ פרישן ווערימל.

— אַט, אַזאַ מין פּאָקאַזאַניע! — גיט די יידענע אַ הויב מיט די פעטע פּלייצעס — טעמע־לעבן, לאָזט, איך וועל אייך טרעפן אומזיסט, וועט דאָס יונגע ווייבל, די קראַסאַוויצע, זען אַז איך בייס קיינעם נישט אָפּ. איך טרעף נאָר, אַז ס'איז דאָ אַ פּאָקאַזאַניע אַזאַ און מער גאָרנישט.

— אַך, צעשמעלצט זיך טעמע, ווי אַ שיכורע ווען מען טשוכעט זי אויס צו נעמען אַ פריש ביסל בראָנפן — מיט־מיט־מיטן גרעסטן כבוד!

די בלוי־צעשוואָמענע יידענע צעשווימט אין איר צוקערדיקן שמייכל. די רויטע פינטעלעך אויף איר נאָז בליען אויף און אירע אויגעלעך גלאַנצן. וואָרפנדיק מיט ביידע הענט, טאַסט זי מיט גאָר אַ נייער פריש־קייט אירע פאַרשמאָדערטע, מאָכרעסדיקע קאָרטן. „סאָלדאַטסקע“ רופט מען אַן אַזעלכענע אָפּגענוצטע קאָרטן. יאָ, צום שפּילן טויגן זיי אפשר נישט מער, אָבער צום טרעפן — יאָ.

אָנגעטאָסט זיך זאַט — הויבט זי אָן צו לייגן. אַ לעק דעם גראָבן פינגער און אַ לייג אַ קאָרט מיטן פּנים אַרויף. ביי יעדן לעק און לייג כאַפּט זיך איר עפּעס אַרויס אַ נייַ־אויסטערליש וואָרט. סתרי תורה־שעפּטשעניש. אַלץ כדי מאַכן מער איינדרוק אויף אַזאַ איינגעשפּאַרט ווייבל ווי מערע איז. וואָרים מיט טעמעס האָרץ און מיט טעמעס גלויבן איז זי שוין לאַנג פאַרטיק:

— ראַז דוואַ טרי, מי־קאַ־שאַן. קאַ־זע־לופּ, נאַש־מי־קאַ. טרי, דוואַ, ראַז...

דאָס פּנים, ביי דער יידענע, איז, ביי אַזאַ מין קאַרטן אָפּשפּרעכעניש, פאַרזאָרגט. וואָרים דער גוטער יאָר ווייסט וואָס פאַראַ מזל אַ מענטשן קאָן דאָ אויספאַלן!... און מיט אַמאָל צעשיינט זי זיך אינגאַנצן, קריגט מענטשלעכן לשון:

— נו, איז אָט, טעמע לעבן, זאָל איך שוין אַזוי געזונט זיין, ווי די „פּאָקאַזאַניע" פאַלט שטענדיק אויס מיט איינעם אַ שוואַרצן יונגן־מאַן מיט אַ בערדל. אַ בייז־אויג האָט ער געוואָרפן אויף אייערע אַ נאָענטע... מסתמא אַ טאָכטער, טפו!

— חישין... חישין דער דאָקטאָר... — אַזוי הויבט אָן טעמע גלייך צו טייטשן, ווי אַ באַצויבערטע, און פאַרלייגט די האַנט אונטער דער גאָמבע. — אוי, הלוואי זאָלן מיר שוין אַלע אַזוי געזונט זיין.

— איז אָט, — צעוואַרעמט זיך די טרעפּערקע פון אַזאַ הסכמה — אָט איז אַ „פּאָקאַזאַניע" אויף אַ פערד... טויז שערל איז שטענדיק אַ פּאָ־קאַזאַניע אויף אַ פערד... און צענטל אייכל איז אַ פּאָקאַזאַניע אויף טרערן, אַ סך טרערן! ווייַ מיר נישט... וואָרים ניינטל אייכל איז אויך טרערן...

— אוי, טרערן! — שעפּטשעט טעמע און ווייזט אַ ביישפּיל דער־מיט, וואָס זי הויבט אָן פינטלען מיטביידע אויסגעגלאָצטע אויגן און ווישן זיך מיטן ברעג פאַרטוך די מאַנסבילשע נאָז — קנאַפּ טרערן האָט אונדז דאָס פערד געקאָסט?...

— נאַ, זעט איר דאָך! — פּלייסט זיך ווייטער די קאָרטן־לייגערקע — און אָט איז נאָך אַ פּאָקאַזאַניע! אַ סיוּוער מאַנסביל מיט געדיכטע ברעמען, שטופּט זיך אומעטום... עפּעס אַ פּעלער האָט ער... זעט איר דאָך... אָט איז די פּאָקאַזאַניע. מלך פּיק...

מערען דאַכט זיך, אַז די בלויע יידענע שפּילט זיך אַ ביסל אין באַ־העלטערלעך, זאָגט כלומרשט אויס אַ קאָרט, גיט צו פאַרשטיין, דעקט אויף אַ ברעג שלייער פון אירע סודות: „איר זעט, דאַכט זיך, מיט ביידע אויגן, אַ? אָט אַזוי ווערט דאָס געמאַכט!... פונדעסטוועגן וועט איר זיך אָ ן מ י ר נישט באַגיין..."

— שאַ! און אָט איז אַ פּאָקאַזאַניע, אַז... דער אַלטער סטראַשעט! מיט... מיט אַ ביקס... אַ גרויסער שונא. די פּאָקאַזאַניע ווייזט, אַז ווען נישט ער —

— הירשל דער טויבער! — כאַפּט זיך אַרויס ביי מערען. זי איז אויסער זיך פון פאַרוווּנדערונג.

אַן אַנדערש מאָל וואָלט זי זיך אפשר אַנגעשטויסן, אַזאַ גלייכער קאָפּ ווי זי איז, אַז די מעשה מיטן פערד, מיט חישין דעם דאָקטאָר, מיט קאָפּלען און מיט הירשל דעם טויבן איז אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד: פאַר גאַנץ שקלאָוו, הייסט דאָס. אָבער דער „מלאך" פון רבינס פאַרעכאָד, די פינף רובל, וואָס זענען איר ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן, די „פּאָקאַזאַניע" און אַלע איבעריקע שטיקלעך פון דער בלויער יידענע האָבן זי אינגאַנצן צע־טומלט.

און די בלויע טרעפּערקע, צעהיצט און צעקאָכט אינעם פלאַם פון נבואה, מאַכט זיך, אַז זי הערט גאָרנישט אַרום זיך. טייטלט זי אין די אויסגעלייגטע קאָרטן און רעדט ווי פון היץ:

— און אָט איז אַ פּאָקאַזאַניע מיט אַ לאַנגן וועג... שאַ. אַ פּריסטאַוו מיט אַ סך פרעמדע מענטשן און צוויי קינדער וויינען... נאָר אַלץ וועט זיך ענדיקן אין דער פרעמד מיט גליק און מיט הצלחה. צענטל האַרץ ווייזט אויף הצלחה, און מלכה־שערל איז אויך אַ פּאָקאַזאַניע — אַז —

— נאַ, זעסט! — אַזוי רעדט טעמע צו מערען. זי איז באַנומען פון די גרויסע אמתן און פון גרויסע האָפענונגען פאַר קאָפּלס הצלחה אין „סימביר"... און אַ מינע מאַכט זי דערביי פון אַ גוטהאַרציקער מאַמען, וואָס האָט אָקאָרשט אַראָפּגעשלונגען אַ געזאַלצענע רפואה מיט צוקער־וואַסער. אַלץ כדי דאָס קאַפּריזנע קינד זאָל זען באַשיימפּערלעך, אַז מען סמט זיך דערמיט נישט. אדרבא, מען שלינגט אַראָפּ און מען ווערט געזונט.

אָבער מערע לייגט זיך נאָך אַ ווײַלע איבער:

— וואָס איז דאָס... פּאָקאַזאַניע? צוליב וואָס זאָגט מען דאָס?

די יידענע גיט אַ קרים אַ ליפּ און אַ הויב מיט איין פּלייצע, ווי איינע זאָגט: אַזוי? מ'וויל גאָר אַרויסקריגן ביי מיר דעם סוד פון מאַכן געלד? ס'איז בלאָטע!

נאָר טעמע, זונדלס גאָטס גנביכע, פּילט זיך אַ ביסל אין דער ראָל פון אַ גבאיטע ביי גאָר אַ גרויסער רביצין. קיין געלט, פאַרשטייט זיך, נעמט זי נישט דערפאַר. זי טוט דאָס נאָר מחמת גרויס דרך־ארץ און איבערגעגעבנקייט. פאַרטייטשט זי דער רביצינס סתרי־תורה אַזוי:

— וואָס ווייסטו, מערע! „פּאָקאַזאַניע"? אַ — וואָרט אַזאַ! אַז מען וואַרפט קאָרטן, מוז מען אַזוי זאָגן...

.2

לייגט שוין מערע אַוועק, שעמעוודיקערהייט, אויפֿן טישל, אַ קופּער־נעם פּיאַטאַקל, איינעם פֿון דעם הויפֿן פּיאַטאַקעס, וואָס זי האָט אָקאָרשט באַקומען צעביטן ביי טעמען.

די קאָרטן־יידענע גיט זשעדנע אַ כאַפּ די מטבע, שפּייט אויף איר אַן, צוליב הצלחה וועגן, און לאָזט אַראָפּ, פֿלינק און געניט, אין זאַק אַריין. עפּער גאָרנישט ווי אַ רביצין... מ׳וואָלט געמעגט שווערן, אַז נאָר ווייבער פֿון אַ געוויסן מין טוען אַזוי. מערע בלייבט שטיין אַ רגעלע גאַנץ פֿאַרוווּנדערט פֿון אַזאַ כאַפּ און באַהאַלט אין זאַק. געהערט דאָס אויך, אַזוי די „פּאַקאַזאַניע", צו די סודות פֿון קאָרטן־וואָרפֿן?

אָבער די בלויע יידענע לאָזט איר נישט קיין צייט צום טראַכטן. „ראַז דוואַ טרי", גיט זי אַ זאָג; אַפּנים, כדי אָפּצוגרענעצן אירע קאָרטן־נבואות צווישן איין קונדין און דער צווייטער — צווישן טעמען און מערען. אירע פֿעטע הענטעלעך צעיאָגן זיך און צעפּאַכען זיך און צעטאַסן זיך. די גאַנצע קלעפּיקע טאַליע קאָרטן גייט כאַדאָראַם. זי גיט אַ לייג די גאַנצע טאַליע און צעפּאַכעט זי. און באַלד ווערט ביי איר פֿון פֿעכער פּירקאַנטיק פּעקעלע ווי פֿריער, און זי טאַסט ווייטער. אירע צעשווומענע בריסטן שאָקלען זיך, אירע אָפּגעהאָנגענע באַקן טרייסלען זיך. זי קאָכט, דאַכט זיך, אינגאַנצן פֿון באַגייסטערונג און גלוסטעניש צו טרעפֿן דאָס וואָס עס איז געווען און וואָס וועט זיין. זי גיט מערען אַראָפּנעמען פֿון דער טאַליע. מערע הויבט אויף אַ האַלבן פּעקעלע קאָרטן מיט אַ ציטער־דיקער האַנט און לייגט אַוועק אויפֿן טיש. די בלויע יידענע דעקט עס איבער מיט דער צווייטער העלפֿט, הויבט אָן גלייך צו לעקן דעם גראָבן פֿינגער און לייגן די קאָרטן מיט די פּנימער אַרויף, אַלץ מיט שעפּטשעניש און מיט סתרי־תורה:

— מאַקאַשאָן — קאָצערופּ, שאַנק־אַ־אים — נאַשאַקים...

און פֿון די אַלע סודות שווימט מיט אַמאָל אַרויס אַ מענטשלעכער לשון:

— נאַ, ביי אייך איז גאָר אַן אַנדער „פּאַקאַזאַניע"! די ערשטע פּאַקאַזאַניע איז אויף גליק. זאָלן מיר שויןביידע אַזוי לעבן און געזונט זיין... אָט איז די מלכה שערל! אַ פּאַקאַזאַניע אויף אַ גוטער מערכה... נאָך דער חתונה, אַ פּנים, וואָרים אָט איז אונטער שערל. מלכה און אונ־

טער — חתונה. דערנאָך איז אַ פּאָקאַזאַניע... שטייט, אַ פּאָקאַזאַניע אויף אַ שריפה. אַ גרויסע שרעק פון אַ שריפה...

טעמע לייגט צונויף אירע שווערע הענט אויפן בויך, איבערן פאַרטוך, און ווינקט צו צו מערען:

— נו, מערע, וואָס זאָגסטו?

— טאַקע... מאַכט מערע גרויסע אויגן און גיט דערשראָקן אַ קוק אויף דעם מוטער־פלעק ביי איר ברוסט־קינד אויפן העלדזל — דער רויטער שטעמפל פון שרעק בשעת דער שריפה ביים נייעם נגיד, בשעת דאָס קינד האָט נאָך געצאַפּלט ביי איר אונטערן האַרצן.

— און אָט, — צעזינגט זיך די יידענע גאָר האָפערדיק — אָט איז דאָ אַן אדון מיט „פּאַלעטן" (עפּאַלעטן). א י ך זאָל שוין אַזוי געזונט זיין, ווי ס'איז דאָ אַ פּאָקאַזאַניע... אַ פּאָקאַז — שאַ! כ'וואָלט געמעגט שווערן — דער זעלבער אָדון וואָס פריער ביי —

— דער פּריסטאַוו. — זאָגט אונטער טעמע — ווער דען?

— און אָט איז אַ פּאָקאַזאַניע אַז דער אָדון מיטן קנעפּל —

— מערע! — שרייט אויס טעמע — דו הערסט? דאָס קנעפּל... נו?

— ...אַז דער אָדון מיטן קנעפּל האָט זיך אָנגעזעצט אויפן אונטער שערל, אויפן יונגן־מאַן, וואָס פריער... נאָך דער חתונה. קומען אַרויס טרערן. אָט איז זי דאָס טייערע אייכעלע... צענטל אייכל, נאַט, זעט!

— נח... — שעפּטשעט מערע ווי אַ באַטויבטע.

די בלויע יידענע פון איין זייט און טעמע פון דער צווייטער זייט האָבן זי אינגאַנצן צענומען. באַמערקט זי שוין אַליין נישט, אַז זי הויבט אָן צו טייטשן די סתרי־תורה־ווערטער אַזוי ווי טעמע זונדל גאָטס גנביכע. די ליפּן שעפּטשען און דער קאָפּ איז ערגעץ ווייט.

— אוי, וויי מיר נישט! — שרייט פּלוצים אויף די יידענע — אַ פּאָקאַזאַניע אויף אַן אומגליק... אַן אומגליק געקומען פון אַ פערד. דאָ אויך — אַ פּאָקאַזאַניע אויף אַ פערד! טויז שערל!... עפּעס אַן אָנשיקעניש, נישט פאַר קיינעם געדאַכט...

— דער טאַטע, — שעפּטשעט מערע און ווישט אַ טרער.

— „שמאַרעוואַז"! — פאַרטייטשט טעמע און שאָקלט צו זיך אַליין מיטן קאָפּ — שמאַרעוואַז האָט דאָך אים נעבעך אַראָפּגעשלעפּט אין גרוב... אין אָזערע, נישט היינט געדאַכט.

— און אָט! זאָל איך שוין אַזוי געזונט זיין, — טייטלט די בלויע

יידענע מיטן פינגערל און די אויגן ברענען ביי איר — אָט איז אַ פּאַקאַ־זאַניע אויף נויט און דחקות און אַ פּאַקאַזאַניע אויף איינעם עפּעס אַ געלן פּאַרשוין... צוגעטשעפּעט זיך... אַ פּאַקאַזאַניע, אַז אָט־אָט איז ער געקר־מען גאָר נאָענט... איינגעשפּאַרט זיך, האַ? איינמאָל פאַר אַלע מאָל. וואַרט, וואַרט —

די יידענע שטאַמלט פאַרסודעט. פון צופיל אַנטפּלעקונגען קען זי, דאַכט זיך, נישט רעדן, און וואַרפן טוט זי דערביי כיטרע אויגן אויף מערען.

אין מערעס פּנים הויבן זיך אָן צו בייטן אַלערליי קאָלירן! אָט־אָט זאָגט די פרעמדע יידענע אויס דער גאַנצן אמת!... מערע טוט נישט ווילנדיק אַ טראָט צוריק. אָבער די יידענע, דאַכט זיך, זעט גאָרנישט און פליסט זיך ווייטער:

— די פּאַקאַזאַניע ווייזט, אַז דער געלער מענטש האָט אייך גע־וואָלט שלעכטס טאָן. געקומען כלומרשט אַלס אַ גוטער פריינד —

ביי מערען שטעלט זיך אָפּ דאָס האַרץ: זי ווייסט אַלץ, זי ווייסט אַלץ. די גאַנצע מעשה מיט קושקע בראַנד!

— אַפּריער, — טייטלט די יידענע אין די קאָרטן מיט אַ געזאַלצן שמייכעלע, — האָט איר... איר האָט הייסט דאָס, אַזוי ווייזט די פּאַקאַז —

אָבער אינמיטן דער געפּערלעכער „פּאַקאַזאַניע" דערהערט זיך אַ שטאַרקע טרובען פון אַ פאַרעכאַד, פון מאַהליוזער זייט הינטערן פּאַראָם. באַלד נאָך דעם — נאָך צוויי האַסטיקע טרובען. אַ געשריי. און נאָך אַ געשריי. אַ סך געשרייען! אַצינד טרובעט שוין דער פאַרעכאַד אָן אויפ־הער און באַטויבט אַלע מענטשלעכע קולות. פון פּאַראָם־זייט דערזעט זיך אַ קראַך פון צעבראָכענע העלצער, אַ צוזאַמענפאַלן פון שווערע סלופּעס און אַ גראָבער ווײ־געשריי פון אַ מאַנסביל, וועלכער גייט איבער אין אַ דינעם מוראדיקן קוויטש „אוי־אוי!" דער דאָזיקער קוויטש שניידט דורך, ווי אַ מעסער, דאָס ברומיקע פייפן פון פאַרעכאַד, און רייסט זיך איבער.

די בלויע יידענע שפּרינגט אויף. טעמע און מערע שטעלן זיך אויף די ציפּקעלעך. כדי אַריבער צו קוקן די בערגלעך זאַמד, וואָס ליגן צווישן זיי און צווישן פּאַראָם:

— האַ? וואָס איז דאָס? ווו איז דאָס?

אַלע דריי אַריינגעטאָנענע ווייבער טשוכען זיך אויס ווי פון אַ שיכרות. זיי קוקן זיך אום, צו זונדלס הייזקע און צו די באַלעגאָלעס,

איבער זייערע קעפּ אויפֿן הויכן ברעג. ערשט — יע, מען לויפֿט! אַלע לויפֿן. פֿון אַלע זייטן לויפֿט מען. באַלעגאָלעס, וואָס וואַרטן אויפֿן פּאַרע־כאָד, שפּרינגען פֿון די קעלניעס, נאָסקע־טרעגער שפּרינגען פֿון די לייוועס, לאָזע־דרייער — פֿון די פּליטן, פֿיש־כאַפּער — פֿון די שיפֿלעך. אַלע לויפֿן צום פּאַראָם צו.

און דאַרטן ווייט, אויפֿן הויכן גאַניק פֿון אַנשלס הייזקע, לויפֿט אַרויס אַ יידענע. די פּאַראָמשטשיכע אַפּנים, באַשע די פּאַראָמשטשיכע! יי צעפּירט ביידע הענט און שרייט מוראדיק, ווי אַ פֿאַרווונדעטע חיה:

— ראַ־טע־ווע־עט!

אַ נאָדל אין לעקאַך

1.

אַבאָלע, אַנשל דעם פּאַראָמשציקס ייִנגל, האָט אָנגעהויבן לערנען גמרא צו ניין יאָר. דאָס איז געשען היינטיקן נאָך־פּסח, ביי זוסל דעם זאַאיקען אין חדר. צוליב אַזאַ שמחה און צוליב אַזאַ נחת פון אַ קינד האָבן שוין דער פּאַראָמשציק און די פּאַראָמשציכע לאַנג געוואָלט מאַכן אַ לעקאַך און בראָנפן פאַר עטלעכע גוטע פריינד און פאַרן מלמד. אָבער באַלד נאָך פּסח איז מען געווען פאַרנומען מיט אויספּעכן און אַראָפּלאָזן דעם פּאַראָם. דערנאָך איז געווען אַן עסק מיט באַשטעלן אַ נייעם קאַנאַט און מיט אָנפּאַסן אים, אַנשטאָט דעם אַלטן. איז די סעודה אָפּגעלייגט געוואָרן אויף היינטיקן פרייטיק פאַר וואַרעמס. זוסל דער זאַאיקער וועט דען לאָזן פאַרפאַלן ווערן אַ לעקאַך און בראָנפן? ער האָט דאָס די לעצטע טעג גענומען מאָנען אין בית־מדרש ביים פּאַראָמשציק:

— ר־ר־רב אַנשל! ש־שוין דעם ז־זיבעטן בלאַט ג־גמרא אָנגעהויבן, און גאָרנישט.

ווי יעדן זאַאיקען שיקט אים דער רבונו של עולם צו אַזעלכע אותיות, איבער וועלכע ער פאַלט מיט דער צונג ווי אַ בלינדער איבער אַ בערוועגע. ווי אַזוי אַזאַ ייִד מיט אַזאַ לשון האָט דאָס באַוויזן דורכצואַרבעטן זיך, אין צוויי וואָכן צייט מיט אַ גאַנצער כתה ווייסע־חברהניקעס, דורך גאַנצע זיבן בלאַט גמרא מיט רש״י, איז אַפילו אַנשלען געווען זייער קשה. נאָר אַז אַזאַ למדן אַ ייִד ווי ר׳ זוסל זאָגט, מסתמא ווייסט ער וואָס ער זאָגט. ער וועט דאָך אים, חס ושלום, נישט גיין נאַרן. האָט שוין דער פּאַראָמ־שציק מער נישט געקענט אָפּלייגן. און היינטיקן פרייטיק נאָכן דאַוונען, פאַררופן צו זיך אַהיים דעם מלמד, דעם גבאי פון שול און נאָך עטלעכע פיינע ייִדן, אויסער קרובים.

מען איז געקומען פּינקטלעך, אַרום אַ זייגער איינס, פאַר וואַרעמס,

כּדי נישט מבטל צו זיין די קינדער פון מעביר־זיין די סדרה אין חדר. באַשע די פֿאַראָמשציכע האָט איינגעהאַנדלט אַ גרויסן קאָרענעם לעקאַך, און אַליין האָט זי, מיט אירע בריהשדיקע הענט, אויסגעבאַקן אַן אייער־פלאָדן, געפילט מיט רעשטלעך פון פּסחדיקן האָניק־איינגעמאַכץ מיט אינגבער, צעשניטן עטלעכע מאַרינירטע הערינג. אַנטאָשע, דער גוי פון פֿאַראָם, האָט פון מאָנאָפּאָל געבראַכט צו שלעפּן אַ צוויי־קוואָרטיקע פלאַש זעכציקער און ס'איז אַוועק ביי אַנשלען אין הייזקע אַ סעודה אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן.

מיט דער נחתדיקער זיכערקייט, אַז נאָכן לעקאַך און בראָנפן ביי אַנשלען, וואַרט אויף יעדן, ביי זיך אינדערהיים, אַ פרישע בולקע אָדער אַ פּרעפּיצע מיט יאָדערטשעס און אַ געבראָטנס מיט אַ סך ברוינע ציבעל־יויך צום טונקען, האָבן זיך די איינגעלאַדענע פיינע יידן צעזעצט אַרום טיש. פון די אָפענע פיר־שייבלדיקע, פויערישע פענצטערלעך, ביי אַנשלען אין שטוב, האָבן אַריינגעקוקט שטיקלעך זאַפטיקע בלויקייט פון דניעפּער, וואָס זענען איינגעקלעמט, ווי ווילדע סאַפּירן, אין דער רויטקייט פון די אַרומיקע ליים־ברעגעס. אָנגעשוואָלענע ווייסע וואָלקנדלעך האָבן, פֿאַרביישוועבנדיק, אויך געכאַפּט אַ קוק ווי יידן האָבן הנאה פון גאָטס וועלט און פון לעבן. גראָבלעכע באַסאָווע קולות פון גויים און פון נאָסקע־טרעגער, הירזשערייַ פון פערד און אַ פֿאַרבענקטער רעווען פון קי האָבן זיך געשטופּט, ווי אַ צעריסענער ברייטער ניגון, דורך אַלע שפּאַרונקעס. אָט צעלאָזט זיך אַ באַנדורע און רייסט זיך איבער, און אָט צעטרומייטערן זיך לעבעדיקע טרובעס און הערן אויף... אין אַנשלס הייזקע, וועלכע שטייט הויך אויף אַ בערגל, האָבן נאָך די דאָזיקע קולות מאָדנע פריש און דייטלעך אָפּגעהילכט. און די גאַנצע פֿאַרביקע זומערדיקייט, מיט אַלע אירע טענער האָט צוגעגעבן אַ באַזונדער געווירץ צו דער יידישער שמחה. זי האָט באַטעמט דעם לעקאַך און פֿאַרטיפט די שאַרפקייט פון זעכציקער בראָנפן. דאָס שיינע און געשמאַקע האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן. עולם־הבא און עולם־הזה האָבן זיך באַהעפט. און אַפילו עלטערע יידן ביים טיש מיט בלינדעוואַטע אויגן און אָפּגעטעמפּטע גומענס, האָבן זיך צעכראַשצעט די קאַפּאָטעס אויפן ברוסט, אַרומגעקוקט זיך אויף די אויס־געווייסטע ווענט, אַרויסגעקוקט צום קאָלירטן דרויסן:

— אוי־וף! אַ שפע, אָן עין־הרע! אַ דאַטשע, נישט קיין שטוב!

שוין לאַנג איז אַנשל דער פֿאַראָמשציק נישט געזעסן, ביי אַ טיש,

מיט אַזוי פיל שיינע ייִדן צוזאַמען. זינט דער דניעפּער האָט זיך גערירט איז מען פאַרהאַוועט אַרום פּאַראַם בייטאָג און ביינאַכט; מען איז פאַר־גרעבט צווישן גויים, וואָס שטופּן זיך מיט זייערע פּורלעך אַריבערצופאָרן דעם דניעפּער אַלע אויף איין מאָל, און זידלען זיך אין דער מאַמען אַריין. מען איז באַטויבט פון דעם קופּערנעם און זילבערנעם קלאַנג פון מטבעותלעך, וועלכע שיטן זיך אין דער לעדערנער טאָרבעלע ביים גאַרטל. דאָ נעם, דאָ גיב אויסגאָב. מען כאַפּט אָפּ די „מנחה". מען שלינגט אַראָפּ דעם „מעריב". און בשעת דאַוונען „שחרית" — איז שוין אָפּגערעדט. דאַמאָלס ברענט מען זיך און מען בראָט זיך, און מען רעדט צו דער ווייב אויף שטום־לשון זי זאָל גיכער דערלאַנגען אָנבייסן:

— נו, אָ! סכין! מלח! אי, אָי!

מען קושט די רצועה פון „של יד" און מען טאַפּט דעם „של ראש". און קלערן קלערט מען גאָר פון אָפּטראָגן פּאַכט־געלט דעם פּריץ, פון קאָפּיקענע חובות ביי די זאַרעטשיער גויים, וואָס זענען אַריבערגעפאָרן אויף באַרג.

אַצינד, אַז מען האָט דערלעבט אַזאַ נחת פון אַ קינד: אַבאַלע דער בכור, דער יורש זיינער האָט אָנגעהויבן צו ניין יאָר גמרא. האָט זיך אַנשל גאַנץ ברייטלעך צעזעצט מיט די נייע שטיוול, וואָס זייערע אויער־לעך האָבן נאָך גישט פאַרלוירן זייער רויטע פאַרב... לכבוד אַזאַ יום־טוב און לכבוד ערב־שבת האָט ער נאָך אויסגעשמירט די כאַליאַוועס מיט וואַרוול, אַזוי אַז די שטיוול זענען אויס בלויעלעך פון דאָס אָנגעלייגטע פעטס. ער האָט אויך געפּאַלגט באַשען זיין ווייב, אַראָפּגעלאָזט זיך צום קלאַטקע פון פּאַראַם און אויסגעשייערטביידע פאַרשוואַרצטע הענט מיט נאַסן זאַמד. און, ווי תמיד, אויסגעווישט זיי דערנאָך מיט אַ פּריילעכער יצר־הרע־מינעלע אין באַשעס ברייטן פאַרטוך. דאָס גיט אַלעמאָל צו אַ באַזונדער טעם אַזאַ אָפּשייערונג לכבוד שבת. אַ באַהאַלטענער באַגער ברענט אין ביידנס אויגן, בשעת דער מאַן ווישט די הענט אין דער ווייבס פאַרטוך. באַשע ווערט רויט און קערט אָפּ דעם קאָפּ. זי זעט אינעם מאַנס ליפּן אַ שטומען אָנזאָג אויף היינט שבת־צו־נאַכטס, נאָך דער פעטער יויך מיט דער געפילטער קישקע...

2.

ס׳איז נאָך אַפילו צו פרי צו מאַכן שבת. אַלעמאָל טוט דאָס אַנשל

האַרט ביי ליכט־בענטשן. נאָר לכבוד דעם לעקאַך און בראָנפּן, האָט ער היינט געמאַכט שבת פאַר פרי, און איבערגעגעבן דעם גאַנצן פּאַראָם אַנטאָשן זיין גוי, וועלכער טאָגט און נעכטיקט אויפן פּאַראָם.

אַנשל ווערט נאָר אומרואיק ווען אַ פּאַרעכאָד גייט אָן און טוט אַ טרוב — מען זאָל אָפּלאָזן דעם קאַנאַט וואָס שטייט אין וועג... דאַמאָלסט רייסט אַנשל איבער אינמיטן לחיים זאָגן, אינמיטן ווינטשעווען זיך מיט פרומע יידןביים טיש, און לויפט צו מיט די פעטע שטיוול צום פענצטער. ער מוז מיט די אייגענע אויגן זען צי אַנטאָשע איילט זיך צום קאָלאָ־וואָראָט אויפן הויכן ברעג, כדי אָפּצולאָזן די גאַנצע מאַכענאַציע ווי עס באַדאַרף צו זיין.

ער זעט, אַז דער ערל איז איספּראַוונע; לויפט מיט די לאַפּטיעס אַ פּאַרסאָפּעטער אַרויף דעם משופּעדיקן ברעג. פונדעסטוועגן וואָרעמט ער אים נאָך אונטער פונעם אָפענעם פענצטער:

— זשיוואָ, זשיוואָ, אַנטאָן!

עס ציטערט אין אים היינט דאָס האַרץ, און אַנשלען. פאַר נייעם קאַנאַט ציטערט ער, ווי פאַר אַ טייער קינד. ער ווייסט אַליין נישט פאַר־וואָס... בפרט ווען די פּאַרעכאָדן פון דער „קאָמפּאַניע" גייען אָן. אַזעלכע שונאים ישראל קוקן דאָך אַלעמאָל די אויגן אויס אויף עפּעס אַ פעלער. זיי ווייסן, אַז דער פּאַראָמשציק איז אַ ייד. חלשט זיך זיי ער זאָל אַ קאָפּעלע פאַרשפּעטיקן, וועלן זיי האָבן אַ תירוץ איבערצוהאַקן דעם יידנס קאַנאַט מיט אַ שאַרפער האַק. אַזאַ מעשה האָבן זיי דאָך נישט איינמאָל אָפּגעטאָן אַנשלס טאַטן, עליו־השלום.

ער איז נישט איבעריק זיכער מיט זיין שווער־פּיסיקן גוי, ביי אַזאַ איידעלער אַרבעט. און אויסער דעם... זינט נעכטן פאַרנאַכט פּייניקט אים אַ מאָדנע אומרואיקייט. עפּעס אַן אַלטער גוי, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ מכשף, האָט אים נעכטן אויפן פּאַראָם דערציילט וועגן אַן אָפּגאָט „יאַריל", צו וועלכן די אַמאָליקע רוסן האָבן זיך געבוקט, און מקריב געווען אים יונגע שיקסעלעך... געקוילעט און פאַרברענט. אַלע יאָר אַנ־הויב ווייסנע־צייט... און זינט די געצנדינער האָבן זיך אָפּגעטויפט און געוואָרן קריסטן איז יאַרילאָ בייז. ווייסנע־צייט בייזערט ער זיך מיט דונערן און פאַרלאַנגט אַ קרבן... בלוט פאַרלאַנגט ער. מענטשלעך בלוט...

דאָס האָט אויף אַנשלען געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק. ער האָט דאָס צו וועטשערע דערציילט באַשען זיין ווייב. „טפו, טפו!" האָט

באַשע אויסגעשפּייט. „צום גויס קאָפּ, צום גויס לייב און לעבן! זייער אָפּגאָט און זייער חזיריש בלוט!..״

— און טאַקע! — אַזוי האָט זיך אַנשל דערנאָך געטראַכט, — וואָס איז דאָס מיין באַבעס דאגות? איך בין דאָך אַ ייד בין איך...

פונדעסטוועגן עדערט אים ערגעץ־ווו אַן אומרואיקייט. אין אַ ווינקעלע אין קאָפּ זיצט עס ביי אים פון נעכטן אָן.

אַצינד, ביים לעקאַך און בראַנפן, בשעת יידן שרייען צו אים „לחיים״, ווערט דאָס זלידנע קולכל אַנטשוויגן. פאַרטאַיעט זיך ווי אַ וואָרים. אָבער בשעת יידן זענען פאַרנומען מיט פאַרבייסן, קריכט עס ווייטער אַרויס פון נאָרעלע און טאָרעט:

— וויעסנע־צייט... דונערן און בליצן... בלוט...

ס׳וואָלט אפשר גלייכער געווען צו מאַכן דעם לעקאַך און בראַנפן אַן אַנדער טאָג. נאָר זוסל דער מלמד האָט זיך איינגעגעסן. פאַרפאַלן. געמאַכט איז געמאַכט!

אָט די דאָזיקע אומרואיקייט איז דאָס איינציקע וואָס שטערט אַנשל דעם פאַראָמשציק הנאה צו האָבן, מיטן פולן האַרצן, פון אַבאַלעס גדולה, פונעם כבוד ביים טיש מיט אַזוי פיל קרובים און שיינע יידן. פונקט ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַנצובייסן אויף אַ באַהאַלטענע נאָדל אין זיסן לעקאַך. דערפאַר שרעקט אים אַזוי יעדער טרוב פון פאַרעכאָד, דערפאַר לויפט ער אַזוי אָפּט צום אָפענעם פענצטער און איז דאַנקבאַר אַנטאָשען זיין גוי, וועלכער טוט די מלאכה נישט ערגער פון אים. דורכן אָפענעם פענצטער זעט ער, ווי אַנטאָשע לאָזט אָפּ דעם שווערן דעמבענעם הויבל אַן מען דאַרף. ער גיט אים אַ צי אַרויף, און דער קאָלאָוואָראָט דרייט זיך אויף צוריק, די מאַשינעריע באַראַבאַנעוועט, און דער נייער געפּעכטער קאַנאַט פאַלט אין דניעפּער אַריין. און ווי נאָר די שיף גייט דורך — נעמט אַנטאָשע דרייען די הענטלדיקע ראָד און דער קאַנאַט ציט זיך ווידער אָן, מיט אַ קוויטש פון אייזערנע אַקסן און מיט אַ טשמאָקעריי פון פרישן דיעגעכץ.

פון גרויס דאַנקבאַרקייט איז ער יעדעס מאָל מכבד אַנטאָשען מיט אַ כוסה, ווען יענער לאָזט זיך צוריק אַראָפּ צום פּאַראָם. אַנשל מאַניעט אים צו מיט אַ פינגער פון איין האַנט און מיט אַ פולן קעלישאָק אין דער צווייטער האַנט:

— פּאָדי סיודי, אַנטאָן!

אַנטאָשקע לאָזט זיך נישט בעטן. נעמט אַראָפּ די מאַגערקע פון קאָפּ, גייט צו מיט בלויזע האָר און מיט אַ גליקלעכן פויערישן שמייכל צום אָפענעם פענצטער, נעמט פּאַוואָליע דעם פולן קעלישאָק און הויבט אָן צו ווינטשעווען:

— דאַי באָך, שאָב, שאָב... וואָס... (גיב גאָט... אַז... אַז... אייך...)

ער פאַרזאַאיקעט זיך פון צופיל געפילן און געפינט נישט די גויטיקע ברכה. שטייט ער אַזוי אַ רגעלע צעמישטערהייט און קערט פלוצלונג איבער דעם פולן קעלישאָק אין גאָרגל אַריין. פאַרגאָסן די בושה און זשעדנעקייט מיט איין מאָל. ערשט דאָ גייט אים אויף אַ ליכט אין גויאישקן קאָפּ. געפונען דאָס פאַרלוירענע וואָרט! גיט ער אַ טרייסל מיטן גאַנצן פּאַק קאָלטונעוואַטע פּאַקליע־האָר, אַ וויש דעם פייכטן מויל מיטן אַרבל און אַ שאָס אָפּ די נישט־פאַרענדיקטע ווינטשעוואַניע:

— זדאָראָוויאַ אי... ווסיאַקאָהאָ דאָבראַ! (געזונט און אַלדאָס גוטס).

באַמערקט נישט אַנשל פּאַראָמשציק, אַז דער ערל ווערט מיט יעדן קעלישאָק שווערער אויף דער ברכה, אַז די אויגן זיינע ווערן רויטער און די טריט וואַקלענדיקער. מילא, אין אַ יידישער שטוב אַ שמחה, זאָל דער גוי אויך הנאה האָבן!

ער באַמערקט אויך נישט, אַז דער ריח פון זיינע פריש אויסגעשמירטע שטיוול מישט זיך גראָב אַריין, מיט זיין פריקרעקייט, אינעם ריח פון לעקאָך און פלאָדן און מאַרינירטע הערינג. יעטוועדעס מאָל, ווען ער, אַנשל, גיט אַ גיי צום פענצטער, טוט דער טראַניקער ריח אַ שלאָג אין די איידעלע יידישע נעזער ביים טיש. מען בלייבט שטיין מיט אַ ביסל שטאַרע אויגן און מיט פאַרריסענע נאָזלעכער אינמיטן דער ווינטשעוואַניע און ערשט דערנאָך קומט מען צו זיך!

— איז יאָ... איז הייסט דאָס... הכלל, לחיים טובים ולשלום!

ס'איז כמעט די זעלבע פאַרלעגנהייט פון דעם גוי, להבדיל, נאָר אויף אַן אַנדער אופן. אויף אַ יידישלעכן אופן.

3.

מיט זוסלען דעם מלמד זענען געקומען, צו אַנשלען אין שטוב אַריין, עטלעכע חדר־יינגלעך. די גאַנצע עלטערע כתה. צען־יאָריקע און אַפילו... עלף־יאָריקע „גמרא־בחורים”. געקומען זענען זיי לכבוד אַבאָלעס אַנהויבן גמרא־לערנען. זייער ייִנגסטער חבר איז ער געוואָרן. טאַטעס און מאַמעס

האָבן זיי דאָס גנאָדיק דערלויבט. זיי גייען אַפּילו צום דניעפּער און דערצו נאָך פּאָר וואָרעמעס עסן. נאָר נישקשה! די קינדער גייען דאָך אויף אַ לעקאַך און בראָנפן, וועלן זיי דאָרטן דערווייל וואָס איבערכאַפּן דאָס האַרץ. און שטיפן... שטיפן וועט זיי זוסל דער רבי זייערער נישט לאָזן. ביים וואַסער מוזן קינדער האָבן אַן אויג. טאָ זאָלן זיי זיך גיין געזונטערהייט.

געקומען איז ליאָנקע פּיסקליאַניק, דער עלטסטער צווישן די גמרא־בחורים. אַן עלף־יאָריקער לאַנגאָץ, מיט אַ הויכן האַלדז, וועלכער שפּרינגט אַזוי יאָלדיש אויף זיינע הינערשע פיס. דער קול ברעכט זיך שוין ביי ליאָנקען פון פריצייטיקער בגרותקייט. בשעתן רעדן הויבט ער, דאַכט זיך, אַן מעשה־מאַנסביל, מיט אַ ברום, און גאָר פּלוצים גיט ער אַ קוואָקצע, פאַלט אַריין אין אַ קריי און צעפּישטשעט זיך. רופט מען אים דערפאַר — „פּיסקליאַניק".

געקומען איז משהקע בוילע — אַ געזעצטער יאָטל, ביי וועמען ביידע שפּיציקע שלייפן זענען פאַרוואַקסן מיט געקרייזלטע הערלעך. זיי וואַקסן ביי אים דאָרטן אין אַ געדריי. דוכט זיך דערפאַר, אַז דאָס זענען יונגע הערנער פון אַ בייקל, וואָס בייסן איס שוין אונטער הויט און האָר און אָט אָט שניידן זיי זיך אים אַרויס. משהקע בוילע ווערט נאָך ענלעך צו אַ יונגן בייקל, ווען ער ראַנגלט זיך, אויף אַן אמת אָדער אויף צו פלייסן, מיט זיינע חברים. ער לאָזט דאַן אַראָפּ זיין האַרטן קאָפּ מיט די שפּיציקע שלייפן און שטויסט זיך און בוקעט זיך אין בויך אַריין און אין האַרצן. קיינער קען זיך נישט שטעלן אַקעגן אַזאַ בייקישער סטראַטעגיקע... אַ קול האָט ער אויך אַ ביסל אַ מגושמדיקן, אַ הייזעריקלעכן, און אַז ער איז כעסדיק און גיט אַ פרעג „וואַ־אַס ?", דוכט זיך אויס, אַז ער רעוועט: „מאַ־אַה ?"

געקומען איז אויך זלמנקע „סאָוועכץ", אָדער זלמנקע האָז — אַ שרעקעדיקער, צאַפּלדיקער און פלינקער ייִנגל, מיט צעשראָקענע בולטע אויגן, וואָס קענען באַוועגן די הויט פון קאָפּ, אַז ער וויל, און שאָקלען אַ קאַפּעלע מיט די אויערן. עטלעכע אותיות קען ער נישט שאַרף אַרויסרעדן: אַנשטאָט אַ „שין" זאָגט ער „סין" און אַנשטאָט אַ „סמך" דווקא — „שין". און אַ „למד" רעדט ער גאָר אויס ווי אַ „וו"... אויף סמעטענע זאָגט ער „שמעטענע" און אויף שלמה — „סלמה". אויף לערנען — „וווערנען". און אַז ס'מאַכט זיך אים אַזאַ וואָרט ווי ראַסעל — קומט דאָס ביי אים

אַרויס — „ראשואוו״. אויף אים דערציילט מען דאָס אין חדר, אַז ער האָט אין שבתדיקן קידוש געזוכט אַ „שין״ און נישט געפונען. אין גאַנצן קידוש נישט... דהיינו: „יום הסיסי ויכלו הסמים... ויכל אלהים ביום הסיסי... ויברך אלהים את יום הסביעי ויקדס אותו... אַך יאָ! ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן! אין קידוש אין סאַמע אָנהויב איז י אָ דאָ אַ „שין״. איין איינציקער „שין״, שיער נישט פאַרגעסן... אין „שברי מרנן!״ *).

אַז יינגלעך פאַרווילט זיך לוסטיק מאַכן, בעטן זיי אים ער זאָל זאָגן ״שאָלעכץ״. אָנו זלמנקע! רעד ווי אַ מענטש! ווי זאָגט מען שאָלעכץ?

— סאָוועכץ! — ענטפערט אָפּ זלמנקע זייער בראָוו. ער איז כמעט ווי זיכער, ווייזט אויס, אַז בעסער פון אים האָט דאָס נאָך קיינער נישט אַרויסגערעדט.

קאָטשעט מען זיך פאַר געלעכטער, און מען איז אים מכבד מיט „אונטער פלעצלעך״. ס׳הייסט מיטן קני אונטערן דאַרן געזעס. מען טוט דאָס אייגנטלעך בלויז צוליב ז י י ן טובה וועגן. כדי אָפּצוהאַרטעווען אים ער זאָל זיך אויפהערן אַזוי צו שרעקן. נאָר זלמנקע שרעקט זיך פאָרט. ער האַלט אין איין שרעקן זיך. רק ער קוקט זיך אַרום צי מען וויל אים נישט געבן אַן „אונטער־פלעצל״.

געקומען איז אויך פייווקע אוריס. דעם פעטער אוריס אַ יינגל. אַ צען־יאָריקער מזיק, אַ בראַנד מיט אַ פּאָר פייערדיקע שוואַרצע אויגן. אַ כלי — פול מיט שקאָצעריי און מיט ממזריי. און פאַרדעקט איז דאָס פון אויבן מיט סטאַטעטשנעקייט און מיט תמעוואַטעקייט. ווי אַ הייסער טעפּל מיט אַ שווערן דעקל. מען דאַרף אָבער קוים קוים אַ הויב טאָן די פּאָקרישקע, אַזוי גיט דאָס אַ זעץ מיט זודיקער פּאַרע, און מען ברענט זיך די פינגער אָפּ...

זוסל דער מלמד האָט זיי דאָס געבראַכט צופירן גלייך פון חדר אַהערצו. אַלע מיט די חומשים אונטער די פּאַכוועס, נאָכן מעביר־זיין די הייַנטיקע סדרה. אַלע אַזעלכע שטילינקע. אַ גאָטס ברכה נישט קיין גמרא־יינגלעך. ווי די שעפּעלעך נאָך אַן אַלטן צאַפּ זיינען זיי אים נאָכ־געגאַנגען. נאָר אונטער זיך, הינטער דעם רבינס פּלייצעס, האָט מען זיך דעם גאַנציקן וועג איבערגערעדט אויף אַ מאָדנעם שטום־לשון, פול מיט ווינקען און מיט הברות. מ׳האָט אָפּגערעדט אויסצונוצן הייַנטיקן לעקאַך

*) סברי מרנן.

און בראָנפן ביים פּאַראָמשציק, כדי צו באַקענען זיך מיטן דניעפּער ווי עס געהערט צו זיין. איינמאָל לעבט מען אויף דער וועלט! און טאָמער האָט זוסל דער מלמד געקראָגן חשד און אומגעקוקט זיך, האָט ער געזען, אַז די גמרא־בחורים גייען שטיל, טראָט ביי טראָט. ליאָנקע־פּיסקלאָניק קוקט גאָר אין הימל. משהקע בוילע קאַלופּעט זיך אַן אויער. זלמנקע סאָוועכץ באַטראַכט זיינע נעגל און פּיווקע אוריס — פון אים איז שוין אָפּגערעדט. ער איז שטילער און סטאַטעטשנער פאַר אַלע זיינע חברים.

4.

זוסל דער מלמד גופא איז אַ ייד מיט אַ שיטערער באָרד, וואָס לאָזט זיך אים אַראָפּ אויפן האַרצן ווי אַ דיקער און קורצער גרוילעכער לולב. די גראָבלעכע ליפּן שטעקן זיך ביי אים אַרויס פון די שיטערע פּאַרטאַ־באַקטע וואָנצעס. געדיכט זענען ביי אים נאָר די ברעמען, אַ שטרענגע פינצטערקייט ליגט אין זיי! און אויף די איינגעפאַלענע שלייפן איז אויס־געגאָסן אַ געלבלעכע טרוקנקייט. דאַכט זיך, אַז אַזאַ ייד קען קיינמאָל קיין שמייכל נישט טאָן. שמייכלט ער טאָקע זייער זעלטן. און אַז ער צע־שמייכלט זיך שוין יאָ אַמאָל — גייט דאָס ביי אים צו נישט ווי ביי אַלע מענטשן. געענומען און געשמייכלט. ניין! נישט נאָר מיט דער צונג זאָאי־קעט ר׳ זוסעלע, נאָר אויך מיט זיין שמייכל. אַ זאַאיקעוואַטער שמייכל אַזאַ. דהיינו, בשעת עס קומט אָן די מזלדיקע מינוט, זוסל דער מלמד מוז אַ שמייכל טאָן: שטעקט ער קודם כל אַרויס די בולטע ליפּן זיינע פון די שיטערע וואָנצעס און גיט מיט זיי אַ ציטער. דערנאָך הויבן די גע־שלאָפענע ליפּן אָן צו שאָקלען זיך אַלץ גיכער און גיכער, די וואָנצעס צעהאָצקען זיך, ביז דער מיטן פּנים שפּאַלט זיך אים. מיט גאָטס הילף, אויף און אַנטפּלעקט געלבע נישט גאַנצע ציין... דער רבי ר׳ זוסל האָט, הייסט דאָס, הנאה.

אַנקוקנדיק אַזאַ זאַאיקעוואַטן שמייכל מיט אַזעלכע העויות קען מען דאָך מיינען, אַז זוסל איז אַ לעקיש אַ ייד און לאָזט קריכן די תלמידים איבער זיין קאָפּ? איז דאָס, במחילה, אַ גרויסער טעות. וואָרים, ווי נאָר עס קומט צום לערנען שלאָגט ער זיך און פּאַטשט זיך און שמייסט זיך סכנות נפשות. מכת־רצח שלאָגט ער טאָמער פּאַרקוקט מען זיך בשעתן לערנען, טאָמער פאַרהערט מען. דאָס וואָס ער קען נישט דערזאָגן מיט דער שווערער צונג, בשעת דער כעס שפּאַרט אים אָן, דערזאָגט ער מיט

די לאָקשן. ער האָלט זיי דערפאַר אַלעמאָל גרייט אונטערן טיש אויף דער פאַרשמאָלצעוועטער קני.

— אַ מ...מהומה, — צעשרייט ער זיך און כאַפּט דעם קאַנטשוק — אַ מ...הומה ז...אָל אויף אייך קומען!

אַזאַ מזל האָט ער שוין ר׳ זוסל דער זאַאיקע. דער רבונו של עולם שיקט אים אַלעמאָל צו גראַד יענע אותיות, וועלכע ער קען נישט אַרויס־רעדן. דאָס איבעריקע דערזאָגן שוין די לאָקשן.

די גמרא־בחורים שמייסט ער נישט אויפן נאַקעטן לייב. ניין. דאָס נישט. פּייוקע האָט אים דערפון אָפּגעוווינט. געווען אַ מעשה מיט פּייוקע אוריס, וועלכן ער האָט מיט געוואָלד אַוועקגעלייגט שמייסן. האָט זיך אים דער שייגאַץ איינגעביסן אין דער פאַרשמאָלצעוועטער קני, ווי אַ בייזער הינטל. פון דאַמאָלט אָן שמייסט ער אויפן נאַקעטן נאָר די קלענערע ייִנגלעך פון דער חומש־כתה.

און טאָמער הויבט זיך אַ ייִנגעלע אָן צו בעטן: „רבי, איך האָב אַ „בלינדן טשירעק"... אָדער: „דער בויך טוט מיר וויי!" ענטפערט אים אָפּ זוסל איבערן נאַקעטן:

— מ...מיינסט איך עס ב...בלינצעס ב...בשעת איך ש...שמייס דיך?

און שמייסט ווייטער. די אויגן ווערן ביי אים דאַן בולט און מאָדנע גלאַנציק. מ׳זעט באַשיימפּערלעך, אַז קיין בלינצעס עסט ער טאַקע נישט, נאָר אַ שטיקל טעם פון פליישיקע בלינצעס פילט ער פאָרט בשעתן שמייסן. און קומען די קינדער אַהיים מיט צעשוואָלענע לייבער, בענטשן נאָך די גוטע מאַמעס זייערע דעם רבין אונטער די אויגן:

— געבענטשט זאָלן זיין זוסלס הענט. מסתמא כשר פאַרדינט.

— אָן אַקט, אָבער, מיט זוסלס תלמידים! פרעגט אויף זיי אין גאַס, וועט איר הערן גאַנץ אַנדערע ידיעות. אַזאַ גזלן אַ רבי, דאַכט זיך. די הויט דאַך געדאַרפט אויף זיי ציטערן... הויבט זיך גאָר נישט אָן! אַנו, גיט אַ פרעג: ווער זענען די גרעסטע שקצים אין שטאָט? וועט אייך גאַנץ שקלאָוו ענטפערן: „זוסל דעם זאַאיקעס תלמידימלעך!"

פון דאַנען קען מען אַרויסדרינגען אַ מוסר השכל. אַז אַ צו האַרטע דיסציפּלין און אַ קינדערשער געדולד איז ווי אַ קאָטשערע און אַ שווערער שטיוול. וואָס שווערער דו טרעטסט אויף איר אָן, אַלץ שטאַרקער איז דער קלאַפּ וואָס זי דערלאַנגט צוריק איבערן קאָפּ. אָבער אין די צייטן פון זוסל דעם מלמד און אַנשל פאַראָמשציק האָט נאָך קיינער אַזאַ מוסר השכל נישט געוואָלט אָפּלערנען.

דאָס איז געשען אויך היינט, בשעת דעם לעקאַך און בראָנפן ביי אַנשל אין שטוב, די זעלבע קאַטשערע...

ווען די עלטערע יידן, מיטן רבין בראש, האָבן זיך צעזעצט ביים טיש און גענומען מאַכן „לחיים" און ווינטשעווען זיך, זענען די גמרא־בחורים געשטאַנען לעבן די עלטערע יידן ווי די גאָר גרויסע סטאַטיקעס, וועלכע טראָגן שוין אויף זיך דעם יאָך פון גמרא און יידישקייט. זיי האָבן זיך פון די בגילופינדיקע פרעמדע יידן געלאָזן פאַרהערן, פאַרטייטשן אַ זאַץ גמרא. האַ, שקצים, עכברשים, וואָס לערנט איר? בבא־מציעא? אַנו, זאָגט אַקאָרשט וואָס טייטש: שנים אוחזין בטלית? איז וואָס זאָגט אויף דעם רש"י?... זה אומר כולה שלי וזה אומר כולה שלי... גוט. פיין! זייער שיין. נאַ, מאַך אַ ברכה!

פון האָריקע און צעקנייטשטע הענט האָבן די ייִנגלעך באַשיידן גע־נומען די שטיקלעך לעקאַך, געמאַכט „בורא מיני מזונות", אָפגעוואַרט ביז מען וועט ענטפערן אמן. איינגעטונקט אין די בעכערלעך און געמאַכט „שהכל". גאָט און לייט האָבן זיך געמעגט פרייען מיט אַזעלכע געראָ־טענע קינדער.

5.

אָבער גאָר פּלוצלונג, אינמיטן דרינען, דאַרף זיך מאַכן, אַז עס גייט אַן אַ מאַיאָווע כמאַרע. טאַקע די זעלבע כמאַרע, וועלכע האָט דעם נייעם נגידס שקאָלניק אַריינגעיאָגט צו זונדל גאָטס גנב אין הייזקע אַריין, און געמאַכט ער זאָל זיך דאָרטן צעדראַפּען מיט אַ גאַסן־ייִנגל... אַ דונער האָט אַ זעץ געטאָן און ווידער — אַ בליץ און אַ דונער. די קעלישאָקעס זענען שטיין געבליבן, די גאָפּלען מיט די אָנגעשטאָכענע שטיקלעך הערינג האָבן זיך אַנידערגעלייגט. סיווע וויעס האָבן זיך צעפּינטלט און פרומע אויגן האָבן זיך פאַרמאַכט. באַוואַקסענע מיילער האָבן מפסיק געווען אינמיטן דער סעודה און געשעפּטשעט אַ נייע ברכה צום אויבערשטן, וועמענס כוח און גבורה ס'איז פול די וועלט. העכער פאַר אַלעמען האָבן זיך צעלויבט זוסל דעם זאַאיקענס תלמידים. זיי האָבן אַלעמען איבערגעזונגען מיט זייערע פרישע קולות. פריער מיט דער ברכה „עושה ממעשה בראַ־שית", דערנאָך מיט „שכוחו וגבורתו מלא עולם".

דער רבי האָט גענומען שאָקלען מיט קאָפּ און באָרד צו זיינע טייערע תלמידים, וועלכע הויבן אַזוי דעם כבוד פון זיין חדר צווישן אַזוי פיל

ערלעכע יידן. גוט, הייסט עס, פיין האָט איר געדרשנט!... אָבער מיטאַמאָל דערזען גאָר אַלע יידן ביים טיש, אַז אַנשלען דעם פּאַראַמשציק איז עפּעס נישט גוט געוואָרן. ער רוקט פון זיך אָפּ דעם קעלישאַק, ער שאַרט אַוועק דעם לעקאַך און די האַנט ציטערט ביי אים.

— באַשע! — גיט ער עפּעס מאָדנע אַ רוף די ווייב זיינע.

באַשע לויפט צו, גיט אַ קוק אויפן מאַן און פאַרמאַכט האַסטיק די אָפענע פענצטערלעך.

— וואָס? — מאַכט זי — שוין ווייטער דערמאָנט זיך? טפו זאָל ער ווערן, דער... אַלטער גוי דיינער! העט, אַן אַנשיקעניש!...

— גאָרנישט, — מאַכט אַנשל און דאָס פּנים איז אים נאָך אַלץ פאַרקרימט, די אויגן בלאָנדזשען איבער די צוגעהאַקטע פענצטערלעך. עס דונערט און עס בליצט. און עס דאַכט זיך אים, אַז די נאָדל אין ווייכן האָניק־לעקאַך, פאַר וועלכער ער האָט מורא געהאַט, האָט ער פאָרט אָנגעביסן און אַראָפּגעשלונגען. אָט שטעקט זי אים אַצינד אין האַלדז...

ווערן דאָך יידן נייגעריק און הויבן אָן פונאַנדערפרעגן: וואָס איז? אַ שוואַכקייט חס־ושלום? יאָ, פאַראַן מענטשן גבורים, וואָס פאַר אַ בליץ און דונער האָבן זיי מורא. יאָ, פאַראַן אַזעלכע...

— כ׳וויס וואָס! — מאַכט באַשע — עפּעס אַן אַלטער גוי האָט אים אָנדערציילט... אויס מענטש איז ער פון נעכטן אָן.

— עין ה..הרע, געדאַרפט אָפּשפּרעכן! — גיט אַן עצה זוסל דער מלמד — עמ...מיצער האָט נישט פאַרגונען אַזאַ נ...חת.

ערשט דער זומער־רעגן איז אַוועק, אַזוי גיך ווי ער איז געקומען, און די זון האָט אויפגעלויכטן — איז אַנשל געקומען צו זיך. דאָס פּנים האָט זיך אים צוריק אָנגעגאָסן מיט אַ געזונטער רויטקייט. ער האָט ווידער צוגערוקט צו זיך דעם קעלישאַק און דאָס פאַרבייסעכץ. און אַ רייב געטאָן זיך דעם שטערן.

— ס׳איז גאָרנישט, — מאַכט ער — וואָס גוי, ווען גוי? לאָמיר בעסער נעמען נאָך צו קאָפּעלעך!

כדי אָפּצוווישן די לעצטע שפּור פון אַנשלס נישט־גוט ווערן, האָט זוסל דער מלמד אויפגעהויבן זיין קעלישאַק, געשאָקלט זיינע ליפּן און וואָנצעס, כדי אַ שמייכל צו טאָן... ער האָט געהאַט בדעה צוצורופן זיין תלמיד צו זיך, אַ קניפּ טאָן אים אין בעקל פאַר אַלעמען אין די אויגן און טאַקע לאָזן אים פאַרטייטשן אַ זאַץ גמרא, וואָס ער האָט געלערנט. זאָל דער טאַטע זיינער, דער עם־הארץ, הערן און באָדן זיך אין נחת. ער

גיט זיך אַ קער און אַ רוף: „אַבאָלע!"... ווו אַבאָלע? ווען אַבאָלע? נישטאָ אַבאָלע.

ערשט דאָ האָבן זיך יידן אַרומגעזען, אַז אַלע גמרא־בחורים זענען פּלוצלונג פאַרשוווּנדן געוואָרן פון שטוב, אינמיטן לעקאַך און בראָנפן. זיי האָבן אויסגענוצט דאָס שטיקל סומאַטאָכע און אַרויסגעמאַכט זיך אַלע ביז איינעם.

כדי נישט אָוועקצושטעלן מיט חרפּה אויפן טיש דעם אָנגעגאָסענעם קעלישאָק, האָט זוסל דער זאַאיקער צוגערופן באַשע די פאַראָמשציכע, אָנשטאָט דעם גמרא־בחור, און אויסגעלאָזט צו איר זיין גאַנצע וויב־טשעוואַניע:

— ב...באַלעבאָסטע, איר הערט? איר וועט נאָך ד...דערלעבן נחת פון אייער בחורל! ג...גישקשה!

יאָ, ווי יעדן זאַאיקען שיקט אים אַלעמאָל גאָט צו פונקט אַזעלכע אותיות, וועלכע ער קען נישט אַרויסרעדן.

וואָס גמרא־בחורים קענען מקנא זיין

.1

געוויס איז גוט צו זיין אויף אַ לעקאַך און בראָנפן בשעת עלטערע ייִדן לאָזן זיך ווילגיין. זיי שמעלצן זיך דעמאָלט ווי קאָרענער האָניק־לעקאַך אין מויל. זיי קנייפּן זיך אַפילו מיט פאַרטאַבאַקטע פינגער און מוסרן אַ ביסעלע, גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין. כדי נישט צופיל הנאה האָבן פון עולם הזה — וואַרפן זיי אַרויף די גאַנצע עולם הבא אויף די קינדערשע קעפּ. זאָלן זיי נישט פאַרגעסן די יונגאַצעס... אָבער לעקאַך און געפילטן פלאָדן קריגט מען פאָרט; און אַ פערטל בעכערל בראָנפן, צום איינטונקען אַ ווייכן שטיקל אייער־טאָרט, קריגט מען אויך. און דעם מוסר־השכל — אין איין אויער לאָזט מען אים אַריין און פון צווייטן אויער טרייבט מען אים אַרויס.

יאָ, וואָס אמת איז אמת, אין דרויסן, אויפן פרייען ברעג דניעפּער, איז אויך נישקשה. צווישן אונדז רעדנדיק — מוחל דעם גאַנצן אָפּגעקני־פּענעם שטיקל לעקאַך! רק זיי האָבן מורא, די עלטערע ייִדן, אויף יעדער שמחה, די קינדער זאָלן זיך נישט קאַליע מאַכן די בייכלעך. צעפּיצלען זיי יעדן שטיקל אויף דריי חלקים. אויך מיר פאַרזאָרגער! און זייערע פרומע רייד און אויגעלעך, וואָס זיי מאַכן, מישן זיך אַריין ווי זאַלץ אינעם האָניקדיקן טעם פון די גוטע זאַכן. גענוג וועט זיין צו מאַכן ברכות!

דער רעגן איז דערוויייל אַריבער, דער קורצער וואַרעמער מאַיאָווער רעגן, וועלכער בייזערט זיך כלומרשט מיט באַסאָווע דונערן און ווינקט אַזוי שאַרף מיט האַסטיקע בליצן, און אַליין לאַכט ער גאָר אין דער בלויער באָרדיקער כמאַרע...

פאַר די נייגעריקע אויגן פון די גמרא־בחורים, וואָס האָבן זיך אַרויסגעגנבעט פון אַנשלס שטוב, האָט זיך דרויסן אַנטדעקט אַ בלוי־פיאָלעטער פאַס וואַסער, וואָס לויפט און שלענגלט זיך, און מאַכט דרייד־

לעך און פּאַליושקעט זיך אויף די שטיינדלעך פון ברעג מיט אַ זיסער שלעפּערדיקייט פון אַ ליידיק־גייער. צווישן שיפלעך און לייוועס און פליטן און צעשאָטענע געהילץ איז ער פאַרקלעמט, דער שפּילעווודיקער דניעפּער, און לויכט פון דאָרטן אַרויס ווי שטיקער טייערע עמאַל. איבער די רויטע ליים־בערג אויף זאַרעטשיע, אויפן וועג קיין מאַהליוו, בײזערט זיך נאָך די אַוועקגעלאָפענע כמאַרע, און אַנטקעגן איר לויכט שוין זיס די זון דורך שטיפערישע טרערן. און אַ שטיק וווּנדערלעכער רעגנבויגן איז אויסגעבויגן איבערן טונקעלן זייט הימל, איבער די רויטע בערג. ליכטיק אַזוי און זאַט זענען די קאָלירן! אַפילו איטשע דער פאַרבער, וואָס באַמאָלט בתי־מדרשים אין שקלאָוו, האָט נאָך אַזעלכעס נישט אויסגעמאָלט...

דערזען אַזעלכע וווּנדער — האָט פייוועקע אוריס, פון גרויס באַגייס־טערונג, גלייך געשטעלט זיך אויף ביידע הענט, מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, און פאַרוואָרפן די שיך אויף הינטן, צוליב גלייכגע־וויכט. אַזוי איז ער אָפּגעגאַנגען שיינע עטלעכע טריט, איבערגעקוליעט זיך און ווידער געבליבן שטיין אויף די פּאַדעשוועס.

האָט זיך ליאָנקע פּיסקלאַניק מתקנא געווען, יאָלדיש אַ וואָרף געטאָן זיך מיט די דאַרע פּיסנאָגעס אינדערהויך. געוואָלט, הייסט עס, נאָכמאַכן דעם זעלבן קונץ, און איז גלייך געניזוקט געוואָרן, אָפּגעהאַקט זיך אַ זייט און שיער נישט אָפּגעביסן זיך די צונג ביים אַנידערפאַלן. האָבן דאָך חברה גמרא־יונגען געמאַכט אַ גרויס געלעכטער. האָט דאָס ליאָנקען שטאַרק פאַרדראָסן: — איר לאַכט? אַ? כ׳האָב זיך אפשר שלעכט אויפגעהויבן?

אָנגעהויבן האָט ער, ווי זיין שטייגער איז, מיט אַ באַסאָווען קולכל און אויסגעלאָזט מיט אַ הינערשן קריי.

זלמנקע „סאָוועכץ״ האָט אַפילו אויך געהאַט בדעה אַ פּרווו צו טאָן זיינע פעאיקייטן, באַווייזן, אַז ער איז מער בריה ווי ליאָנקע. זיינע פלינקע מייזישע אויגלעך האָבן אָבער גלייך באַמערקט, אַז די חברים זיינע וועלן אים נישט שאַנעווען, סיי דער קונץ וועט אים געלינגען, סיי נישט. אַזוי צי אַזוי וועט מען אים גלייך מכבד זיין פאַר זיין בריהשקייט מיט אַן „אונטער־פלעצל״... האָט ער זיך באַצייטנס געכאַפּט פאַר דער מחילה און אַראָפּגעשפּרונגען ווי אַ גומענער קנייכל:

— איוו מיינט אפשוו איוו וועט מיוו נאַוון? פע, זאָגט עוו!

אַנשל דעם פּאַראַמשציקס הויז שטייט אָבער צו הויך, אַז מען זאָל דאָ אויף אַן אָרט קענען שטיפן פראַנק און פריי. ווי פון אַ הויכן נעסט זעט מען, פון אַנשלס פענצטער, אַלץ, וואָס עס טוט זיך אונטן. דעריבער האָט פּייווקע אוריס גלייך געגעבן אַן עצה מען זאָל זיך אַוועקלאָזן ווייטער, ביז איבער זונדל גאָטס גנבס הייזקע. דאָרטן, הינטער די ווערבעס, איז מען פאַרשטעלט פון אַלעמענס אויגן. דאָרטן איז די אמתע פרייע וועלט. אַלע אַנגעלאָדענע לייוועס שטעלן זיך דאָרטן אָפּ. מען בינדט פליטן.

אַבאַלע דעם פּאַראַמשציקס האָט זיך דערפילט נישט גאַנץ מעשה־תכשיט. צוליב אים איז דאָך עפּעס הײנט דער גאַנצער לעקאַך און בראַנפן אין שטוב. מיטאַמאָל וועט ער גאָר אַוועקלויפן ווייט, הינטער די ווערבעס, און לאָזן זיך פאַרפירן... ער קען דען נישט פּייווקען ?...

האָט ער געגומען שטאַמלען:

— ניין, ניין, דער טאַטע וועט... וועט... דער רבי... ס'הייסט... ער מיינט די מאַמע.

זלמנקעס געשראָקענע אויגלעך האָבן אויך געגומען אַרומלויפן:

— ס'איז דאָך הײנט פּוויטאָג. מ'האָט נאָך קיין וואָוומעס נישט געגעסן...

אָבער דאָ איז שוין משהקע בוילע אַרויס מיט לשון:

— וואָ־אָס ? — האָט ער געגעבן אַ רעווע ווי אַ יונגער ביק — דאָ אפשר אויך שפּילן זיך אין סטאַטיקלעך ? גענוג אָנגעהערט זיך זוסלס זאַאיקערײ... אין חדר. הײנט איז דאָך פרייטיק ! סיי ווי וואָלט מען שוין אַציגד נישט געלערנט. טאָ זאָלן זיך די אַלטע יידן מאַכן לחיים און מיר וועלן אַ ביסל לויפן... וואָ־אָס ?

— אַפּריער רעדט ער צו, — האָט פּייווקע אונטערגעהאָלפן און אָנגעוויזן אויף אַבאַלען — מ'עט שפּילן, מ'עט לויפן, מ'עט זען דעם דניעפּער ! און ווי עס קומט צו עפּעס — האָט ער מורא...

דעם בייקישן כּעס זיינעם האָט דערווײלע משהקע בוילע אויסגעלאָזט צו זלמנקען. ער האָט זיך פאַרגנבעט הינטער אים, אַראָפּגעבויגן די פאַרוואַקסענע שלייפן, און דאָס וואָס אַנדערע יינגלעך טוען מיט קני, האָט ער אים געטאָן מיטן קאָפּ: דערלאַנגט אים אַ רעכטע „אונטער־פּלעצל" פון אונטן אַרויף:

— און ביי דיר, „סאָוועכץ", פרעגט מען נישט !

דאָס האָט גלייך אויפגעהויבן די דיסציפּלין אין דער כּתּה פון די

גמרא־בחורים. אַלע, ווי איין מענטש, האָבן זיך אָוועקגעלאָזט הינטער זונדלס הייזקע, צווישן די האַלב־אָפּגעפּליקטע ווערבעס. ווי די סאָלדאַטן האָט מען אַצינד מאַרשירט. און וואָס ווייטער מען איז געגאַנגען, אַלץ מער ווונדער האָבן זיך אויפגעפּאַלדעוועט פאַר זייערע דורשטיקע אויגן.

.2

אויפן בלוי־גרינעם וואַסער, אין אַ באַשיצטן איינגוס פון טייך, הוידן זיך אַ סך צעשאָטענע און געבונדענע בערוועגעס. אונטן — אַנגעווייקטע, אויבן טרוקענע. גויים און יידן, באָרוועס ביזקל גאַרטל, קריכן איבער זיי און בינדן די בערוועגעס אין פּליטן. מיט געשטריקטע, פּייכטע צווייגן פון לאָזע־בוימער בינדן זיי. אויפן ברעג דרייט מען אָפּריער אָט די זעלבע צווייגן און מען מאַכט פון זיי האַלצערנע שטריק. צוויי שפּונדעס טוען דאָס. ביים דרייען פּלאַצט די גרינע הויט אויף די לאָזעס *), אָבער דאָס זאַפטיקע האָלץ, אינעווייניק, פּלאַצט נישט. עס צעשפּאַלט זיך נאָר אין האָלציקע פעדימער און די פעדימער פאַרדרייען זיך באַלד, ווי אַ מין פרישע קלעפּיקע פענקע, אין איין לאַנגן בייטש. דערנאָך לאָזט מען צוויי אַזעלכע בייטשן צונויפשלענגלען זיך אינאיינעם. מיט אַ צאַפּלדיקער שמחה כאַפּן זיי זיך אַרום, ווי צוויי ברידערלעכע שלאַנגען, און פילן אויס די פוסטע קרימונגען אייגער ביים צווייטן... איין עק, פון אַזאַ טאָפּעלען בייטש, ווערט אַצינד פאַרבויגן אין אַן „אויער", און דער עק ווערט איינגעקלעמט אינעם האָלציקן געפלעכט אַזוי פעסט, אַז קיין שפּיצעלע פון צווייג שטעקט דאָ מער נישט אַרויס. אַ געפלאָכטן גוט־אויסגעבאַקט בייגעלע איז אויך נישט שענער, פאַלט אַראָפּ אונטער דעם שפּונדע אַ גרינע בייטש מיט אַ שטאַרקער פּעטליע. איינס נאָך איינס פאַלן זיי.

אָט דערמיט בינדן דאָס אַזוי קונציק די האַלב־נאַסע יידן און גויים בערוועגע צו בערוועגע; און אָט דערמיט באַפעסטיקן זיי דאָס איין ראַנד געהילץ איבערן צווייטן. אַזוי וואַקסט דאָס ביסלעכווייז אויס אין אַ פּיל־ראַנדיקער פּליט, מיט אַ רודער פון הינטן און מיט אַ בודקע אין סאַמע מיטן, פאַר די גויים, וועלכע לאָזן זיך אַוועק מיט דעם געהילץ אַראָפּ וואַסער. ביזקל קיעוו און יעקאַטערינאָסלאַוו פאָרן זיי, ווו די סטעפּן זענען גרויס און די וועלדער — זעלטן, און געהילץ איז טייער.

---

*) פּייכטע בוש־צווייגן.

נו? איז דען דאָס נישט אַ לעבן אויף ד ע ר וועלט? איז דען נישט בעסער צו פאָרן מיט פליטן קיין קיעוו, טאָגן און נעכטיקן אויפן וואַסער, איידער לערנען אין חדר ווי צוויי יידן האָבן געפונען אַ „טלית״? מן הסתם אַזאַ פאַרשמאַלצעוועטן טלית ווי ביים אונטער־גבאי אין ליובאַ־וויטשער בית־מדרש, ביי בערע רחמיאלס... אַ וואַזשנע מציאה! ס׳איז דאָ איבער וואָס צו שלאָגן זיך און איבער וואָס צו שווערן זיך, ווער ס׳האָט אַזאַ אַנטיקל דערזען דער ערשטער. האָדזשען זיך האָט מען גע־דאַרפט אָנצורירן אַזאַ פאַרשמאָדערטע טראַנטע! אַלע וואָס דען? כדי צו רייסן צען־יאָריקע יינגלעך פאַר די אויערן און פאָכען איבער זיי מיט די לאָקשן איז עס אויך אַן עסק. ווי שרייט זוסל דער זאַאיקער? ז...זאָג מ...ממזר! „ז...זה אומר כ...כולה שלי וז...זה אומר כולה ש...שלי״ דער זאָגט דער גאַנצער טלית איז מיינער און דער זאָגט: ער איז אינגאַנצן מיינער... אַ? וואָלט דען נישט גלייכער געווען צו נעכטיקן אויף די פליטן און באַקן קאַרטאָפליעס אין הייסן פריסיק אויף אויסגעלייגטע ציגל? געוואַלד! פאַרוואָס האָט דאָס דער רבונו של עולם אַזוי געשטראָפט יידישע קינדער און אָנגעלייגט אויף זייערע דאַרע פלייצקעס אַזוי פיל דינים מיט אַזוי פיל מצוות מיט אַזוי פיל פירושים אויף יעטוועדער פשוטער שורה?

און איידער די גמרא־בחורים האָבן זיך נאָך זאַט אָנגעקוקט אויף דער אַרבעט ביי די פליטן, פאַרכאַפּט זיי שוין דער אָטעם פון די נאָסקע־טרעגער און פון זייער גליקלעך לעבן ביים ברעג דניעפּער. אויסגעווייסט זענען זיי, די טרעגער, אין מעל פון קאָפּ ביזקל די פיס. און פון דער אָנגעפודערטער ווייסקייט זעען זיך נאָר אַרויס די רויטע האַרטע קאַרקן און די אָפּגעבריענטע פנימער. די באַשטיוולטע און באָרוועסע שווערע רגלים טרעטן שווער איבער די קלאָטקעס, וואָס זענען אויסגעלייגט באַלכסון פון די אָנגעלאָדענע לייוועס צום זאַמדיקן ברעג אַראָפּ. די קלאָטקעס הוידן זיך אונטער דער משא פון אָנגעשטרענגטע ליטקעס און רוקנס און אָנגעפּאַקטע זעק. דוכט זיך, אַז די פאַרשוויצטע טרעגער טוען טאַנצנדיק זייער שווערע אַרבעט. אונטער זון און הימל גייען זיי אַ טאַנץ מיט די נאָסקעס אויף די ברייטע פלייצעס. הער אַ שמחה אַ ביסל! האָ־רעוועו ווי די פערד און פרייען זיך. ווי האָט גאָט ברוך־הוא פאַרשאָלטן דעם מענטשן? מיטן שווייס פון דיין געזיכט זאָלסטו עסן ברויט!... די נאָסקע טרעגער לאַכן זיך אָבער אויס. פון דער קללה האָבן זיי גאָר געמאַכט אַ ברכה. זיי טאַנצן... און די נייע אויסגעלייגטע ברעטער קנאַקן

פריילעך אונטער זייערע טריט. איינער נאָכן אַנדערן גייען זיי אין אַ האָפקנדיקער שערענגע. זיי לאָדן אויף די לייוועס און טראָגן אַוועק די סחורות אין די ליידיקע פורן. זיי שלעפּן אַריבער זעק מיט מעל און מיט זאַלץ, קוליעס מיט טראַנקעס, קאַסטנס מיט טשוועקעס, פּעק מיט סיטץ און געצייג פּאַר שטאָט און פּאַר דערפער און שטעטלעך אַרום שקלאָוו, וועלכע זענען ווייט פון וואַסער און אָפּגעריסן פון שאָסיי.

ערשט אַצינד כאַפּן זיך די צען־יאָריקע גמרא־בחורים ווי דאַר עס זענען זייערע אָרעמס, ווי שפּיציק די קני זייערע און ווי נעבעכדיק און אויסגעצויגן די פּנימלעך. ווי אַזוי וועלן זיי דאָס מלחמה־האַלטן מיט גויים, בשעת משיח וועט קומען? אַזוי וויניק כוח ווי זיי האָבן! און אָט, אָט די טרעגער, זיי וועלן שוין זייער שטעטל באַשטיין! זיי וועלן שוין געבן אויסגאָב ווי ס׳געהערט צו זיין.

און דאָ, אָן אַ זייט, אין שאָטן פון אַ ווערבע, זיצט אַ קופּקעלע יידן און גויים, אין אַ האַלבן קרייז האָבן זיי זיך אויסגעזעצט. די ערלים אָן היטלען און די ישראלים, להבדיל, אין אָנגערוקטע קאַרטוזן, אַלע עסן זיי אַריין. וואָרעמעס הייסט דאָס, אַפּנים, ביי זיי. די גויים טונקען גרויסע לוסטעס שוואַרץ ברויט אין זאַלץ און בייסן פון גאַנצן, פאַר־זיכטיק און געשמאַק, ווי מען בייסט פון אַ מאַנדל־טאָרט. זיי היטן זיך דערביי אַ ברעקעלע זאָל נישט אַראָפּפאַלן. און טאָמער גליטשט זיך נישט דער שאַרסטקער צעקייטער ביסן, אַזוי פאַרזופן זיי עס מיט וואַסער פון ליימענע קריגלעך. זיי פאַרוואַרפן די קודלאַטע קעפּ אויף הינטן און לאָזן זיי צוריק אַראָפּ מיט אַ זיסן קרעכץ פון אויסגעהונגערטע האָרע־פּאַשניקעס, וואָס קיין געשמאַקערע זאַך ווי ברויט מיט וואַסער האָבן זיי שוין לאַנג נישט פאַרזוכט.

און די יידן שניידן זייער ווייסערן ברויט מיט מעסערלעך און פאַרזופן פון שמאָלע האַלאַטשיקעס מיט קאַלטן שצאַוו, אָדער מיט זויער־מילך. אַפריער דערהיצן זיי דעם גומען מיט קימלדיקן ברויט און מיט אַן אָפּגעשיילטער ציבעלע. די הייסע ביטערקייט שפּאַרט זיי אָן אין פּנים. דערנאָך קילן זיי זיך אָפּ מיט אַ זויערלעכן זופּ. די הנאה פון לעבן הוידעט זיך ביי זיי אין די געדיכטע מעליקע בערד און דער ברכת־המזון שיינט שוין ביי זיי פון די ברעמיקע אויגן אַרויס, נאָך איידער זיי האָבן געענדיקט דעם מאָלצייט זייערן. די מיילער, ביי די גמרא־בחורים לויפן אָן מיט וואַסער. דער טעם פון לעקאָך פון פלאָדן, וואָס זיי האָבן

אָקאָרשט געגאַשט, ביי אַנשל דעם פּאַראָמשציק, ווערט עפּעס פּריקרע און איבעריק. דאָס פּרייטיקדיקע געבראָטנס, וואָס טוקט זיך אין ציבעלע יויך און וואַרט אויף זיי אײנדערהיים מיט אַ פרישער בולקע ביים טעלער, ווערט איגגאַנצן פאַרנעפּלט. אַך, זיי וואָלטן זיך בעסער צוגעזעצט אָט דאָ, מיט דער קופּקע אָנגעהאָרעוועטע גויים און יידן, וואָלטן געשמאַק געקייט קאָרענעם ברויט מיט זאַלץ און פאַרזופּט מיט קאַלטן שצאַוו, און מוחל אויף אַלע אַנדערע מאכלים אין דער גאַרער וועלט! פון דער ערד ביסטו געגומען געוואָרן, אויף דער ערד שפּייזסטו זיך און צו דער ערד קערסטו זיך אום... עס מאַכט נישט אויס! גאַנץ גוט אַזוי.

אומבאַקאַנטע אַפּעטיטן און אויסטערלישע גבורות ברויזן אויף אין די ייִנגלישע לייבער. כדי צו באַהאַלטן איינער פאַרן צווייטן די נישט־אַנשטענדיקע זשעדנעקייט און דעם איבערפלוס פון כוחות, כאַפּט מען זיך ראַנגלען, גלאַט אַזוי, פון דער העלער הויט אַרויס. ליאָנקע דער הויכער מיט זלמנקע „סאָוועכץ" דעם קורצן, און פּייווקע אוריס מיט משהקע בוילע. אבאַלע דעם פּאַראָמשציקס בלייבט שטיין איינער אַליין, אַ ביסל פאַרלעגן. און מיט אַמאָל פאַרגעסט ער, אַז ער איז היינט אַ בעל שמחה, אַז יידן מאַכן לחיים צוליב זיין אָנהויבן לערנען גמרא. ער גיט זיך אַ וואָרף מיט אַ קוויטש אויף ליאָנקע פּיסקליאַניק, רייסט ביי אים אַרויס זלמנקע האָז פון די אָרעמס, וואַרפט אים אַרויף, ווי אַ זעקל מעל, אויפן רוקן און לאָזט זיך לויפן מיט טענצלדיקע טריט צו די פורן, פּונקט ווי די גאָסקע־טרעגער מיט זייערע שווערע משאות.

— אָסטאַוואָזנע! — שרייט „סאָוועכץ" און מאַכט מיט די פיסלעך ווי אַ טאַראַקאַן.

אָבער אַבאָלע לויפט אַלץ גיכער און גיכער, ביז דער כוח פון פלוצלונגן אימפּעט גייט אים אויס. פאַלט ער אַנידער און ציט זיך אויס, מיט זיין לעבעדיקער משא צוזאַמען, אין געלבן זאַמד. די אַנדערע ייִנגלעך לויפן אָן און „סאָוועכץ" שפּרינגט אויף ווי אַ ספּרוזשינע. ער כאַפּט זיך פאַרן געזעס און טראָגט זיך אָפּ אָן אַ זייט:

— איוו וועט מיוו נישט נאַוועך! — שרייט ער מיט נצחון, — פע, זאָגט עוו!

רק ער האָט מורא פאַר אַן „אונטער־פלעצל".

3.

און דאָ קומט דאָס גרעסטע וווּנדער. אַ גליק וואַלגערט זיך אויפן

וואַסער, נאָר קיינער, אויסער זוסל דעם זאַאיקעס גמרא־תּלמידים, קוקן זיך אויף אים נישט אום.

צווישן פליטן און לייוועס, פאַרשטעקט, אין אַ קליינינקן אויסגוס פון דניעפּער, געפינען פינף פאָר בייגעריקע אויגן אַ באָרוועסן גוי, וואָס די קורצע מייטקעס זיינע, פון אַן אומבאַקאַנטן שטאָף, זענען אים צעפליקט און צושנאַפּערט, און הענגען אים אַראָפּ אין לאַנגע פרענדז און קאָלטנס איבער זיין באָרוועסקייט. זיין קורצע פאַדיאָווקע, אין לעכער און אין לאַטעס פון כלערליי קאָלירן, איז אים אַרומגעבונדן מיט אַ צוזאַמענגע־קניפּלט שטריקל, אַרום די לענדן. זיצט ער זיך אַזוי אינמיטן זיין שיפל און דאָס שיפל אַליין איז איינס פון יענע „דושעהובקעס״, אָדער קוילעטש־שיפלעך, פון מענטשן־פרעסער און רויט־הויטיקע, וועלכע מען געפינט נאָר צווישן די בילדער אין ראָבינזאָן קרוזאָ און אין קופערס מעשיות, ווו ס׳איז די „קאָרמע״ מיט אַ רודער און ווו די „באָז״ איז — דאָס קען מען נישט וויסן, ווייל אַזאַ שיפל האָט בטבע צוויי שפּיציקע נעזער אויףביידע עקן. דאָס דאָזיקע שיפל פונעם גוי איז נאָך אויסער דעם געווען איבערגעשפּאַנט, איבער ביידע נעזער, מיט הילצערנע רייפן, און די רייפן — איבערגעצויגן מיט אַ געפעכטן זאַק. האָט דאָס אויסגעזען האַלב־ביידלדיק, האַלב־דעכלדיק, נישט דאָס, נישט יענץ. משמעות, ביידע זאַכן צוזאַמען. שאַ! פונקט אַזעלכע שיפלעך מיט אַזעלכע דעכלעך מאַכן חדר־יינגלעך פון אַ פאַפּירענעם דריי־עקיקן הוט. און פונקט אינדערמיטן, ווי אין אַזאַ פאַפּירן שיפעלע, זיצט זיך אָט דער באַוואַקסענער בראָדיאַגע. זיין געזיכט איז הארט און פאַרשוואַרצט, ווי דער געפעכטער זאַק פון זיינע ביידלעך. און אין די אויגן ליגט אים אויסגעגאָסן אַ מילכיק־בלויע רואיקייט. און כאַפּן כאַפּט ער פיש מיט אַ ווודע *). און ביים סאַמע ברעג, אין פייכטן זאַמד, אויף דריי בעזים־פלעקענער, אויסגעשפּרייט ווי אַ דריי־פוס און אויבן צוזאַמענגעבונדן מיט אַ דראָט, הענגט אַ פאַררויכערט קעסעלע, איבער אַ פלאַקערל אַ קנאַקנדיקס. און עס קאָכט זיך אין קעסעלע וואַרעמעס. אַ מאָדנע סאָרט וואַרעמעס! אַלץ איז אין אים צוזאַמענגעמישט: דאַרע שטיקלעך פלייש, קאַרטאָפליעס, געשניטענע בור־ראַקעס און פישלעך, פיר־עקעדיקע שטיקלעך פעטס און קיילעכדיקע גרויפּן, בעבלעך און געטריקנטע שוועמלעך. הכלל, כלערליי מינים, וואָס מ׳קען געפינען אין אַ שפּיזאַרנע אין כלימלעך און אין פעקעלעך, האָבן

---

*) ווענדקע.

זיך דאָ צוזאַמענגענומען צו קאָכן זיך אין איין געקעכץ, פאַרן אָפּגע־ריסענעם ערל.

— נאַ, — טראַכט זיך פּייווקע אוריס, — אַן אמתע געקעכץ פון אַ וואָגלער, פון עמיצן, וואָס ריכט אָפּ גלות!... פּונקט אַזאַ געמישעכץ האָט גאָט געהייסן שטויסן און באַקן יחזקאל דעם נביא, ער זאָל דערמיט ווייזן, וואָס די זינדיקע, פאַרטריבענע יידעלעך וועלן עסן אין דער פרעמד... נעם, האָט גאָט געזאָגט, גערשטן און קאָרן און הירזש און נאָך מיני פאַר־טראָוועס און באַק זיי צוזאַמען!... איז, הייסט דאָס, דער ערל אויך אַזאַ מין סאָרט „פאַרטריבענער?״

אַבאַלע דעם פּאַראָמשציקס איז דאָך אָבער אַ דניעפּער־ייִנגל, פאָרט אויסגעהאָדעוועט זיך צווישן גויים ביים פּאַראָם, קען ער דאָך עפּעס זייער לשון. און נייגעריק איז ער דאָך נישט ווייניקער ווי די אַנדערע חדר־יונגען, מאַכט ער נישט קיין שהיות און וואַרפט זיך איבער מיטן מאָדנעם גוי, מיט עטלעכע גויאישקע ווערטער. שטוינען די גמרא־בחורים הערנדיק, אַז אָט אַזוי לעבט ער זיך דורך, דער ערל. פראַנק און פריי לעבט ער זיך. זינט דער דניעפּער האָט זיך געריררט פאָרט ער אַזוי אַראָפּ וואַסער. שוין אַ פּאָר וואָכן, אַז ער פאָרט אַזוי. ווו ער טאָגט דאָרטן נעכטיקט ער נישט. און שלאָפן טוט ער מיטן קאָפּ אונטער אייןביידל, אויפן דעק פון זיין שיפעלע, און מיט די פיס אונטערן צווייטן ביידל. טאָמער רעגנט עס — איז אויך דאָ אַן עצה: וואַרפט מען איבער אַ פּאָר זעק איבער די ביידע ביידלעך ווערט פון זיי איין צוגעדעקט ביידל. און מען שלאָפט ווייטער. דער דניעפּער כוואַליעט, דאָס שיפל קאַטשעט זיך ווי אַ וויגעלע. וויגט דאָס אים איין, ווי אַ לייבלעכע מאַמע וויגט אים דאָס וואַסער איין. מורא?... פאַר וועמען זאָל ער מורא האָבן? ער האָט קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן. און גנבים וועלן ביי אים אויך גאָרנישט נישט געפינען. כיבע אָט די צעפּליקטע פּליודערן. כאַ־האַ! אָבער ווער דאַרף זיי?... אין קיעוו וועט ער אפשר אָנקומען העט־העט סוף זומער. אים איז אַלץ איינס. ער האָט צייט. ביי יעדן דאָרף און ביי יעדער שטאָט רוט ער זיך אויס. אייגנטלעך, ער האָט נישט פון וואָס אויסצורוען זיך. דער דניעפּער טרייבט זיין שיפעלע מער ווי ער אַליין. אין דאָרף פאַרדינט ער, כאַפּט אָן עט־לעכע לעשצעלעך און פאָרט ווייטער אַראָפּ וואַסער. דאָס שיפעלע? דאָס האָט ער זיך אַליין צוזאַמענגעמייסטרעוועט. אָט האָט ער אַ פּושקעלע זאַלץ, אַ פּושקעלע צוקער... פעפער... אַ גאַנצע באַלעבאַטישקייט. כע־הע! דאָס זענען אַלץ פּושקעלעך פון שוואַקס. אַז מען וואַשט זיי גוט אויס

און מען שייערט זיי אויס מיט זאַמד זענען זיי ווי נייאינקע. ניטשאַוואָ! בעסער ווי גלעזערנע טעצעלעך און פאָרצעלייענע טעפּעלעך, וואָס האַלטן זיך אין איין ברעכן און פּלאַצן, און ציען אין זיך אָן פייכטקייט. און אָט איז אַ פּושקעלע מיט לעבעדיקע ווערים, מיט לעכעלעך אין דער אויבערשטער דעקל. אויך אַ פּושקעלע פון שוואַקס. וואָס אַנדערע וואַרפן אַרויס איז פאַר אים אַ כלי... פיש האָט ליב אַ לעבעדיקן וואָרים. אין אַזאַ פּושקעלע מיט לעכעלעך, אַנגעפּילט מיט פייכטע ערד, קען אַ וואָרים אָפּלעבן עטלעכע טעג. די דניעפּער־פיש זענען געשמאַק. יאָ. און ברויט קויפט ער אין שטאָט, שניידט אויף לוסטעס, טריקנט זיי אין דער זון און מאַכט סוכאַרעס. האַלטן זיי זיך לאַנג. און ווו נעמט ער געלט? געלט — אַך יאָ. געלט איז אַן איידעלע זאַך. געלט איז אַ זעלטענע זאַך. פויערים האָבן נישט קיין געלט. זיי באַצאָלן אים מיט אייער, מיט ברויט, מיט לייוונט אויף אַ העמד. פאַרוואָס באַצאָלן זיי? פאַר אַרבעט. אַז מען דאַרף איז ער אַ באָנדאַר, קען אָנרייפן אַ פאַס. אַז מען דאַרף, קען ער אָנשלאָגן פּאָדקאָוועס אַ פערד, אַ קליאַמקע צורעכט מאַכן, דעקן אַ דאַך, אָפּפאַרבן וואָס נישט איז. אַלץ קען ער טאָן אַז מען דאַרף. אָט האָט ער כלערליי געצייג ביי זיך: אַ צוועגגל, אַ האַמער, אַ דלאָטע, אַ פענדזל... אָט, יידן זיי האָבן גראָד געלט, מזומנים האָבן זיי. נאָר יידן זענען אַ פאָלק וואָס האָט מורא... ביי זיי איז דער עיקר גאַנצע קליידער. קוקן זיי אויף זיינע צעריסענע פּליודערן און האָבן מורא. זיי מיינען כאַ־האַ, אַז ער איז אַ האַלדז־שניידער. שווער קומט אָן צוצוגיין צו זיי. אַז ער גייט צו יידן בעטן אַרבעט טוט ער אַציגד אָן אַ פאָר גאַנצע לייוונטענע הויזן. אָבער דערפאַר באַצאָלן יידן גוט. דער מוזשיק איז קאַרג. פאַר אַן איי ציט ער די נשמה אַרויס. פאַר אַ לאַבן ברויט מיט קוואָס מוז מען ביי אים אַרבעטן אַ גאַנצן טאָג אויפן פעלד. אָ, ס׳איז נישט פאַר אים. ער איז זיך אַ מענטש פאַר זיך און פאָרט זיך אַראָפּ וואַסער. ווייטער גאָרנישט. פאַרוואָס זיצט ער נישט איין אויף איין אָרט? עס זיצט זיך נישט, קינדערלעך! די „באַבאַ״ (ווייב) איז אים היינטיקן אָנהייב ווינטער געשטאָרבן. די קינדער זיינע — אויך. אַ חולאת אַזאַ איז זיי אַריין אין האַלדז און האָט זיי דערוואָרגן. קען ער זיך פון דעמאָלט אָן קיין אָרט נישט געפינען, פאָרט ער אַזוי אין קיעוו. אויף באַהאָמאַליע. דאָס האַרץ באַרואיקן. אומעטום איז גאָט. אומעטום מענטשן. ניטשעוואָ!...

.4

די גמרא־בחורים זענען געשטאַנען פאַרגאַפטע. מיט זייער קינדערשן חוש האָבן זיי נעפּלדיק געפילט, אַז דאָ אַנטקעגן זיי, אינמיטן קוילעטש־שיפעלע, זיצט אַ שטיק אמתער מענטש, אַ רויער בירגער פון גאָטס ערד, איידער מ׳האָט אויף אים אָנגעוואָרפן דעם יאָך פון מצוות, פון סטאַ־טעטשנעקייט. איידער עלטערע האָבן פאַרקנעכט יינגערע. שטאַרקערע — שוואַכערע, רייכע — אָרעמע. אַפילו אַבאַלען דעם תכשיט, דעם אתרוגל פון היינטיקן לעקאַך און בראַנפן, האָט זיך געגומען דוכטן, אַז אָנהויבן גמרא, וועגן אַן אַלטן טלית, וואָס צוויי אַלטע יידן האָבן ערגעץ־ווו געפונען, איז שוין, באמת נישט וועד ווייסט וואָס פאַר אַ גליק... אויף גאָטס וועלט זענען, מאַלט אייך אויס, פאַראַן גרעסערע גליקן. אָט, אַ מאָדנע זאַך! אַ גוי, דאַכט זיך, ווייסט נישט פון די אַלע זאַכן. אַפילו ווער רש״י איז געווען ווייסט ער אויך נישט. און לעבט פונדעסטוועגן פראַנק און פריי. האָט כוח צו לעבן אָן דעם... עפּעס איז דאָ נישט גאַנץ גלאַטיק.

פון באַגייסטערונג האָט קיינער פון די יינגלעך קיין וואָרט נישט גערעדט. יעטוועדער האָט עפּעס פאַר זיך געטראַכט. איין פייווקע אוריס האָט זיך מער נישט געקענט איינהאַלטן:

— פרעג אים, — מאַכט ער צו אַבאַלען מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם — פרעג ביי אים, וואָס טוט ער בשעת... בשעת ער האָט נישט וואָס צו טאָן?

אַבאַלע האָט פייווקען געטאָן דעם צוליב.

דער ערל האָט אָנגעשטעלט אויף אַבאַלען זיינע מילכיק־בלויע אויגן:

— בשעת ס׳איז אומעטיק ווילסטו זאָגן, כלאָפּיעץ?

אָנשטאָט צו ענטפערן מיט ווערטער האָט זיך דער גוי אין שיפעלע געגעבן אַ בויג איין, אַרויסגעצויגן פון אונטער אייןביידל אַ האַרמאָניקע מיט צוויי לעדערנע פאַרשמאַלצעוועטע אויערלעך. פלינק און גענים האָט ער אין זיי דורכגעשטופּט זיינעביידע פאַרמאָזאָליעטע גראָבע פינגער און אַ צי געטאָן. ס׳האָט זיך דערהערט אַ מין ווייטער פייערלעכער כאָר פון יונגע פאַראַבקעס. די אַנדערע אַכט פינגער האָבן גלייך אַ לויף געגעבן איבער די שוואַרצע וויג־ברעטעלעך אויף דער כלי, און יונגע שיקסעס האָבן זיך צעזונגען, ערגעץ־ווו, אויף אויפגעאַקערטע גערטנער... קיינער פון די יינגלעך האָט זיך לחלוטין נישט געריכט אויף אַזאַ פליב־קייט פון די פויערישע פינגער. פון אַלע קיילעכדיקע לעכעלעך, אויף דער

האַרמאָשקע, האָט זיך אַ שאָט געטאָן אַ גאַנצע מחנה פריילעך־קורצע און אומעטיק־געצויגענע טענער. אַלע אַזעלכע זאַפטיקע, ביים האַרצן־ציִענדיקע. און קיילעכדיק זענען זיי ווי די רונדע פענצטערלעך אין דער האַרמאָשקע, פון וועלכער זיי שפּרינגען... ס׳האָט אַ צי געטאָן איבערן גאַנצן דניעפּער מיט זיסער הפקרות. שטיינדלעך ביי דעם ברעג טייך און אונטערגעשווענקטע ליים־בערג אויף יענעם ברעג, ווערבעס און מאַסטן, זונדל גאָטס גנבֿס הייזקע און איר בלעכערנער קוימען אויפן דעכל, אַלע האָבן זיך אָנגעשפּיצט, אויף די ציפּקעלעך געשטעלט זיך: האַ? וואָס? טאַנצן? אויב טאַנצן אַ האָפּקע זענען מיר דאָ!..

דערשיטערט זענען די גמרא־בחורים געבליבן שטיין. דער האַלדז ביי ליאָנקע פּיסקלאָניק האָט זיך אויסגעצויגן ווי ביי אַ גאָנער. משהקע בוילע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ ווי אַ צוגעבונדן בייקל. ביי זלמנקע „סאָוועכץ" זענען די שרעקנדיקע אויגן שטיין געבליבן, נאָר די מאָגערע באַקן האָבן זיך ביי אים געגומען גיך באַוועגן, ווי ביי אַ האָז, וואָס איז מעלה־גרה. אַבאָלע האָט שטיל געקלאַפּט צום טאַקט מיטן פּיסל אין זאַמד, און האָט דאָס אַפּילו אַליין נישט באַמערקט. ווי אַזוי קען דאָס אַזאַ קליינער גויאישקער אינסטרומענט אַרויסשיטן פון זיך אַזאַ אוצר פון טענער? עס מאַכט רעדן שטיין און בוים און וואַסער, און דריקט אויס זייער זומערדיקע, באַהאַלטענע פריילעכקייט. די דינע טענער פּאַסן זיך צו די גרינע שפּיציקע בלעטער פון די ווערבעס, און די גראָבע — זענען אַזוי רויט ווי די ליים־בערג אויף „זאַרעטשיע", ווי די אָנגעגאָסענע פּנימער און קאַרקן פון די נאָסקע־טרעגער. שיקסעס און פּאַרובקעס און שדימ׳לעך — אַלע האָבן זיך צעהוליעט און גייען אַ קאָראָהאָד. און אַלץ נייע און נייע פריילעכע שטיפער שפּרינגען פון דער האַרמאָשקע. דורך די רונדע „פענצטערלעך" שפּרינגען זיי. זיי הוידן זיך אויף די וויגברעטעל׳עך אונטער דעם גויס פינגער, גוט אַזוי, גוט אַזוי!

פייוקען האָט דאָס געהויבן ווי אויף גומענע קנייכלעך. ס׳האָט געצויגן ביי די קני און גענאָגט אין האַרצן.

— אָט — האָט ער זיך געטראַכט, — אַז דער אויבערשטער וועט אים, פייוקען, שענקען דעם געזונט און ער וועט אַמאָל אַרויס גאַנץ מיט די ביינער פון זוהל דעם זאַאיקעס חדר און וועט ווערן אַ מענטש, וועט ער, קודם־כל, אַנטלויפן פונדערהיים און פאַרשאַפן זיך אַזאַ מין שיפּל. צווייביידלעך אויף ביידע עקן וועט ער זיך, אם ירצה השם, אַליין אויפ־

מייסטרעווען. אַ גרויסע קונץ! מען שלאָגט צו צו צוויי אַלטע רייפן און מען ציט איבער מיט אַ זאַק. אַן אייזערנעם קעסעלע קען מען אַוועק־לקחענען פונדערהיים. און וואָס, דוכט זיך, קען זיין גלייכער און געזינטער ווי אַרומשיפן זיך בייטאָג אַראָפּ וואַסער און נעכטיקן, ביינאַכט, אין שיפעלע אונטער אַ פעלץ? וואָס פאַר אַ צורה, מ׳שטיינס געזאָגט, האָבן דאָס אַלע תכליתים, מיט וועלכע דער טאַטע זייַנער, פעטער אורי, עקבערט אים אַ קאָפּ, אַנטקעגן אַזעלכע צוויי פאַרשמאַלצעוועטע ביידלעך אויף ביידע שפּיצן פון שיפל? און וואָס פאַר אַ ווערט האָבן אַלע מעדיצינס און קופּערנע פענדלעך און פסחדיקע כלים פון דער מומע־פייגען אַנטקעגן אַזאַ פאַררויכערטע קעסעלע אויף דריי פלעקענער? הייגט דאָס געקעכץ וואָס עס קאָכט זיך אין אים! בעבלעך מיט פיש מיט ציבעלעס מיט פלייש מיט זויער קרויט מיט קאַרטאָפליעס, מיט גרויפּן, מיט הירזש, מיט שוועמלעך און פאַרפעלעך. ס׳מוז דאָך האָבן אַ ווונדערלעכן טעם פון אַלע מאכלים צוזאַמען. דער מאַמען זייַנער פאַלט גאָר קיינמאָל נישט איין צו קאָכן אַזאַ מאכל! דאָס גאַנצע ערב־שבתדיקע ציבעלע־פלייש מיט דער פרישער פרעפּיצע וואָלט ער אַוועקגעגעבן פאַר... פאַר איין זופּ פונעם גויס קעסעלע. נאָר שאַ, שטיל! מען טאָר גאָר פון אַזעלכע גלוסטעניש הויך אויפן קול נישט רעדן...

און אין רעכטן מיטן שווונג פון פאַנטאַזיע, אין מיטן טראָגן זיך אַזוי הויך אויף די פליגלען פון די פריילעכע בלאָז־טענער, האָט דער בראַ־דיאַגע פלוצלונג אָפּגעבראָכן זיין מוזיק, אָפּגעשטעלט דעם כישוף־טאַנץ און אַרייַנגעוואָרפן זיין האַרמאָניקע צוריק אין שיפל־ביידעלע אַריין. דערזעענדיק אָבער די אַנטוישטע פּנימער פון די שטאָט־ייִנגלעך און זייערע פאַרבענקטע אויגן, האָט ער זיי דערקלערט זיין אויפהערן שפּילן בזה הלשון:

— יאַנאַ ריבאַ טאָ דיוזשאַ פּושליוואַ!

ס׳הייסט: „זי, די פיש, איז זייער שרעקעוודיק”... קען ער דערפאַר מער נישט שפּילן. יאָ, האָט ער זיך אַ קראַץ געטאָן אין פּאַטעלניצע, אַן אַנדערש מאָל אפשר... ער האָט נאָך הייגט נישט גענוג אָנגעכאַפּט אויף וואַרעמעס.

פון גרויס דאַנקבאַרקייט, וואָס אַזאַ פרייער בירגער פון דניעפּער רעדט אַזוי פריינדלעך מיט זיי, חדר־שנעקעס, פאַר דעם קורצן אָבער שיינעם קאָנצערט וואָס ער האָט זיי דאָ געגעבן, און בכלל כדי צו דער־

ווייזן, אַז זוסל דעם מלמדס גמרא־כתה זענען נישט פון יענע יידן, וואָס האָבן מורא פאַר יעדן באָרוועסן גוי — האָט אַבאַלע דעם פּאַראָמשציקס אַרויסגעכאַפּט פון קעשענע אַ צוויי־קאָפּינקע מטבע, איינע פון יענע פּאַראָם־געלט מטבעות, וואָס מ׳לקחנט אַרויס, ווען מען באַדאַרף פון דער מאַמעס לעדערנער טאָרבעלע אונטערן פאַרטוך... און שעמעוודיק דער־לאַנגט עס דעם גוי אין דער שוואַרצער לאַפּע אַריין. דערזעענדיק אַזאַ ברייטקייט פון אַ יונגערן חבר, האָבן שוין די איבעריקע גמרא־חברים מער נישט געקענט געוועלטיקן איבער זיך. די ווילטעטיקייט האָט זיי אַלעמען אָנגעשפּאַרט און יעדער איינער האָט גענומען טאַפּן אין קעשענע און אָפּשטעקן דעם גוי דאָס וואָס גאָט האָט געבאָטן. ווער אַ קאָפּיקע, ווער אַ גראָשנדל.

און דער אָפּגעריסענער ערל — זאָל ער דאָס כאָטש אַפילו נתפּעל ווערן! ער האָט, דאַכט זיך, געוואַרט אויף דעם, מ׳זאָל אים באַצאָלן פאַר זיין באַרעדעוודיקייט.

— נו וואָט, — מאַכט ער, — ספּאַסיבאָ, — מאַכט ער, — כלאָפּצי!

און מער גאָרנישט... אַריינגעשאָטן אַלע געשענקטע קאָפּיקעס אין אַ בלעכערנער אויסגעשייערטער פּושקעלע — אויך אַ פּושקעלע פון שוואָקס, און גענומען זיך צוריק צו זיין ווודע. אָנגעטשעפּעט אַ פרישן ווערעמל און פאַרוואָרפן. און גאָרנישט, ווי נישט אים האָט מען דאָ געמיינט.

אַנטוישט פון אַזאַ קאַלטקייט און גלייכגילטיקייט, נאָך אַזאַ שיינער מתנה פון מזומנים, האָבן זיך די גמרא־בחורים אָפּגעטראָגן פון שיפל, געלאָזן דעם ערל שווייגן איינעם אַליין איבער זיין פאַרוואָרפענער ווודע. אין זייער צען־יאָריקן לעבן אויף דער וועלט האָבן זיי זיך שוין אָנגעזען אַ סך קבצנים. יידישע — וואָס וויפל מ׳גיט זיי איז זיי ווייניק. און וואָס מ׳גיט זיי — געפעלט זיי נישט. גיט מען זיי אַ קאָפּיקע — ווילן זיי צוויי. גיט מען זיי ברויט — בעטן זיי אַ העמד, גיט מען זיי אַ העמד — בעטן זיי צוקער... און גויאישקע בעטלער מיט לאַנגע טאָרבעס און מיט הויכע שטעקנס האָבן זיי זיך אויך אָנגעזען. יענע בוקן זיך און נויגן זיך ביזקל דער ערד פאַר יעדער סקאָרינקע. פאַר אַ געבאַקטע בולבע; פאַרגייען זיך, מחמת גרויס דאַנקבאַרקייט, אין אַ זינגעדיק כליפּען, פאַלן צו די פיס און לויבן גאָט און מענטשלעכע גוטהאַרציקייט. און דער דאָ, אָט דער בראָדיאַגע אין שיפל, אַריינגעפּאַקט אין אים, דאַכט זיך, אַזאַ מזומנע

מטבע און גאָרנישט! „ספּאַסיבאָ״ האָט ער נאָר קורץ אָפּגעזאָגט. אַזאַ מין יחסן!...

אָבער קיין איבעריקן פּאַרדרוס, אויף אַזאַ גאווה, האָבן די קינדער מיט זיך נישט אַוועקגעטראָגן. דער אָרעמער גוי אין שיפּל איז פּאָרט נישט ענלעך געווען צו קיין שום קבצן אין דער וועלט.

אַהאַ, מיין טאַטע איז טאַקע אַ גנבֿ!...

.1

מיט האַרצקלעמעניש האָבן זיך די גמרא־בחורים אָפּגעריסן פון טייך און פונעם גויאישקן וואַגלער אין זיין קוילעטש־שיפעלע. דער איינדרוק איז געווען גרויס. זיי האָט זיך געדוכט, אַז זיי רייסן זיך דאָ אָפּ פון אַ קוואַל מונטערקייט און פרייהייט, וועלכן זיי וועלן שוין מער נישט געפינען אַזוי גיך... און, כדי אויפצומונטערן זיך און זיינע חברים, האָט פייוועקע פלוצלונג אַ שפרונג געטאָן, און אין שפרונג אומגעדרייט זיך מיטן פנים צו די גמרא־בחורים.

— קינדער, — האָט ער אַ קוויטש געגעבן, אַנטציקט פון זיין איי־גענעם איינפאַל — לאָמיר גאָר שפילן אין פליטן!

— אין פוויטן, אין פוויטן! — האָט אונטערגעכאַפּט זלמנקע „סאָ־וועכץ" מיט אַ ברען, פונקט ווי דאָס וואָלט געווען זיין אייגענער אויפטו, נישט פייוועקעס. אונטערגעכאַפּט און... גלייך באַדעקט זיין געזעס און אָפּגעטראָגן זיך אָן אַ זייט, ווייל זיינע אומרואיקע אויגן האָבן גלייך באַמערקט, אַז משהקע בוילע גנבעט זיך פון הינטן, כדי מכבד צו זיין אים מיט אַן „אונטער־פלעצל" פאַר אַזאַ הסכמה.

חברה גמרא־בחורים האָבן אַלע מסכים געווען, אַז ס'איז אַ געדאַנק. נאָר נישט אַזוי גיך טוט זיך ווי עס רעדט זיך. צו אַזאַ שפּיל מוז מען אויסטאָן שיך און זאָקן, פאַרקאַטשען די מייטקעלעך, אַנרייסן פייכטע ריטער, צוזאַמענגעמען העלצער. אין די ייִנגלעך האָט זיך אָבער צעשפּילט די לוסט פון האַרעוואַניע. ווי אַ פייער האָט זיי אַנגענומען אַ חשק צו קרעכצן זיס אונטער שווערע משאות, ווי די פאַרשוויצטע נאַסקע טרעגער. האָט מען מיט מסירת נפש גענומען שלעפּן בעראָזעווע שייטן פון די קלאָפּטערס האָלץ, וועלכע זענען אָנגעגרייט פאַרן רבינס פאַרעכאָד. זלמנקע „סאָוועכץ", דער שוואַכסטער, אָבער דער פלינקסטער פון זיי אַלעמען, האָט,

ווי אַ וועווערקע, גענומען קלעטערן אויף די ווערבע־בוימער און פליקן זייערע לאַנגע בויגיקע צווייגן, און נאָך יעדן אַראָפּגעוואָרפענעם צווייג געשריען פון גרינס אַרויס:

— וואָזעס, קינדער וואָזעס! פּוועכט וואָזעס! (לאָזעס, קינדער, לאָזעס, פלעכט לאָזעס!)

דאָס שווערסטע איז אָבער פאַרט געווען דאָס אַראָפּלקחענען שייטן האָלץ. מ׳האָט זיך געמוזט קליגן און קריכן מיטן רויב איבער דער ערד, וואָרים זונדל גאָטס גנב זאָל געווען דערזען פון פענצטערל, אַז מען שלעפּט דעם רבינס האָלץ — וואָס ער, כלומרשט, איז זייער שומר־חנם, וואָלט ער אָנגעלאָפן און וואָלט געמזיקט. ער אַליין מ ע ג י אָ, טאָג און נאַכט, ברענען פרעמד האָלץ, אַנדערע — נישט. אַפילו שפּילן זיך מיטן רבינס האָלץ — טאָר מען אויך נישט.

די אַרבעט האָט דערווייל געבליט. שיינע עטלעכע שייטן זענען שוין אַרומגעשווומען אין פלאַכן וואַסער, פאַרשטעלט קעגן שטראָם מיט אַ האַלבער וויספּעלע פון זאַמד, כדי עס זאָל זיי נישט אַוועקטראָגן. אָבער גאָר, אינמיטן, דערינען, רוקט זיך אַרויס פון צווישן די ווייטערע ווער־בעס, אַ ברודנע קעפּעלע פון אַ דרדקי־יינגעלע מיט איין הענטל אין מויל, דערנאָך — אַ פּאָר באָרוועסע שוואַרצע פיסלעך, מיט אַן עק פון אַ גע־פּאַסקעט העמדל אין שפּאַלט פון די מייטקעלעך. דאָס נפשל האָט אַרויס־גענומען דאָס הענטל פון מויל און אַ זאָג געטאָן מיט אַ שעפּעליאַוון, שפּיץ־צונג לשון:

— איכל טאַקע געזעט, איכל!

— וואָס וויל ער דאָ, דער ק...? — האָבן זיך די גמרא־בחורים אָנ־געשפּיצט.

אַבאַלע דעם פּאַראָמשציקס האָט אָבער גלייך דערקענט אינעם נפשל, אַז דאָס איז דעם שכנס אייניקל. און זיין לשון האָט ער אַ ביסל אויך פאַרשטאַנען. מען איז דאָך עפּעס שכנים. האָט ער די גמרא־בחורים באַרואיקט.

— ס׳איז גאָרנישט. ס׳איז יענקוץ. ער זאָגט, אַז ער זעט טאַקע...

— וועלכער יענקוץ? — ווערט נייגעריק ליאָנקע פּיסקליאַניק.

— שש!... — וואָרנט אַבאַלע שטילערהייט — ס׳איז זונדלס אייניקל. זיין טאַטן האָט מען דאָס פאַרשיקט אין „סימביר"... איר ווייסט דאָך... פאַרן דאָקטאָרס פערד.

— וואַ־אַס? — גיט משהקע בוילע פריילעך אַ רעווע — ס׳איז אַט דער ייִנגעלע מיטן כאַמעט אונטערן היי?

— יאָ, יאָ, ס׳איז ער!

— כאַ־כאַ־כאַ!

— ששששאַ! — מאַכט אַבאַלע און קוקט זיך אַרום — דער קליינער קען נאָך לויפן מסרן... אַז מיר שלעפּן האָלץ.

— איך זע אים „אָווע מאַוו" (אַלע מאָל) — שושקעט זלמנקע „סאַ־וועכץ" — אַז יענקוץ דערזעט הירשל דעם גאָלדשמיד אין מאַרק, לויפט ער אים נאָך מיט זיין פאַרדריפּעטן עקעלע אין שפּענצער און שרייט: „מסור! דו טאַקע אַ מסור!"

.2

די גמרא־בחורים האָבן אצינד באַטראַכט יענקוצן מיט שפּאָטישער נייגעריקייט. לויט זיין גאַנצן האַלטן זיך, פינטלען מיט די אויגן און טאַפּן זיך אין שפּאַלט, האָבן זיי קלאָר געזען, אַז יענקוץ האָט אַ גוואַלדאָוונעם חשק צו העלפן בויען די „פליטן". ער, פון זיין זייט, איז מוכן ומזומן, מען זאָל נאָר אים אַ ווונק געבן — שפּרינגט ער מיט די שוואַרצע פיסלעך גלייך אין וואַסער אַריין. ווען אָבער זוסל דעם מלמדס גמרא־לערנער גיין שפּילן זיך מיט אַ שפּענצער־ייִנגעלע! דערצו נאָך — מיט זונדל גאָטס גנבס אייניקל. אַ וואַזשנע מצצה! הייבט אַ פּשיטאַ שוין, אַז זיי אַלע ווייסן די מעשה, וואָס איז מיט יענקוצן געשען אין תלמוד־תורה. וואָרים באַלד נאָכדעם, ווי מען האָט דעם טאַטן זיינעם אַרעסטירט פאַר חישינס פערד, האָט מיט אים דער מלמד, אין תלמוד־תורה, גראַד גענומען לערנען „פּתח־אלף".

— איז, זאָג־זשע, — מאַכט ער — יענקוץ, וואָס שטייט אונטערן אלף?

— אַ פּאַסיקל טאַקע! — האָט זיך יענקוץ דערפרייט און גענומען טייטלען מיטביידע הענטלעך אונטערן אלף.

— נעם אַראָפּ די הענט! — האָט דער מלמד אַ געשריי געטאָן — ס׳איז נישט קיין פּאַסיקל, ס׳איז אַ „פּתח". פּתח־אלף מאַכט „אַ". טאָ זאָג־זשע: פּתח־אלף מאַכט —

— אַ — האָט יענקוץ אונטערגעכאַפּט.

— שריי אויף אים!

— אַ!!

— נאָך העכער.

— אַ אַ!!! — האָט זיך יענקוץ צעקוויטשעט, פונקט ווי מען וואָלט אים אַ קניפּ געטאָן אין בייכל.

— אָט אַזוי, — מאַכט דער רבי — ביסטו אַ ווויל ייִנגעלע. און וואָס איז דאָס? אַ — אַ — „בית" גוט! און וואָס שטייט אונטערן „בית"?... טאָ זאָג־זשע: פּתח־בית —

— טאַקע באַ, טאַקע!...

— שריי אויף אים!

— באַ! — האָט יענקוץ פריילעך געשריען.

אַזוי זענען אַראָפּ בשלום דער „גימל" און דער „דלד", אָבער ווי נאָר עס איז געקומען צום „היי" האָט יענקוץ אַראָפּגעלאָזט די אויגן, גענומען סאָפּען מיטן נעזל און איז שטיין געבליבן.

— איז זאָג־זשע! — האָט אים דער רבי אַ טורקע געטאָן — וואָס איז אונטערן „היי"?

און יענקוץ — נישט פון אָרט.

האָט דער רבי אַרויסגעכאַפּט די לאָקשן:

— דו וועסט זאָגן, צי נישט? גויאישקער קאָפּ!...

יענקוץ האָט זיך נאָר אַ רוק געטאָן, די צעשראָקענע אויגן אויסגע־דרייט צו די „לאָקשן" און עפּעס געשטאַמלט: „איכל... איכל טאַקע... דער טאַטע געזאָגט..."

דער רבי האָט אים אַראָפּגעלאָזט אַ שמיץ איבער די פּלייצקעס. ערשט דאַמאָלט האָט זיך יענקוץ צעכליפּעט:

— אַ.. אַ... כאָמעט!

אַ כאָמעט גאָר?... דער רבי האָט אים שיער נישט געמּמיתט. און אַרויסגעוויזן האָט זיך שפּעטער, אַז יענקוץ איז דאָ גאָט די נשמה שולדיק. יענקוץ האָט גראָד יאָ געוווּסט וואָס אונטערן „היי" געפינט זיך. ער האָט נאָר מורא געהאַט אויסצוזאָגן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אינדערהיים, ביי טאַטע מאַמע, ליגט טאַקע באַהאַלטן אַ כאָמעט אונטער אַ קופּע „היי" און געהערן טוט דער כאָמעט צו חישין דעם דאָקטערס געשפּאַן... נאָר קאָפּל האָט דעם כאָמעט אין אָרשע נישט געקענט אָפּזעצן. צו שטאַרק האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן דאָס צעמאַליעוועטע האָלץ פון כאָמעט און די מעשענע פליטערלעך אויפן לעדער. האָט אים קאָפּל־גנב געבראַכט צושלעפּן, שטילערהייט, צוריק, און באַהאַלטן אין שטאַל, אונטער היי.

נאַר יענקוץ, וואָס קריכט אין אַלע לעכער און באַברעט זיך טאָג און נאַכט אין שטאַל, האָט דעם כאָמעט דערטאַפּט און אַריינגעלאָפן אין שטוב מיט אַ שמחה, אויסגעשריען אַ פאַרסאָפּעטער וועגן דער מציאה, וואָס ער האָט געפונען:

— אוי, אוי, איכל טאַקע גיווען גיזעט אַ כאָמעט, טאַקע... אין היי, טאַקע...

פאַר אַזאַ בשורה האָט אים קאָפּל גנב אַ כאַפּ געטאָן פאַרן העלדזל מיט דער האַרטער לאַפּע. שיער נישט געמאַכט אַ לעמעשקע פון גאַנצן יינגעלע. און האַקנדיק מיט דער צווייטער לאַפּע איבער די מייטקעס, אָנגעזאָגט אים, אַז אַ מויל זאָל ער זיך נאָר דערוועגן צו עפענען, אַ וואָרט זאָל ער וועגן דער כשרער מציאה אין היי קיינמאָל נישט און קיינעם נישט זאָגן! וואָרים ער וועט אים ממיתן. ווי אַ פליג וועט ער אים צעקוועטשן.

קען מען זיך שוין פאָרשטעלן וואָס פאַר אַן אָנזען אַזאַ ר׳ יענקוץ מיט אַזאַ לערנען עברי האָט געהאַט אין די אויגן פון זוסלס גמרא־בחורים. נאָר גאָרנישט, טשעפּען זיך מיט אַזאַ דרדקי־יינגעלע האָט אויך נישט געטויגט. אַוועקטרייבן — אַוודאי און אוודאי נישט. וואָרים ערשטנס: קען ער לויפן מסרן דעם זיידן זיינעם. און צווייטנס: איז מען פון אים אין גאַס אויך נישט זיכער. ווען מען גייט פון חדר וואַרמעס עסן, קען אַזאַ יאַטל נאָכלויפן, אַזוי ווי ער לויפט נאָך הירשל דעם טויבן, און שרייען מיט אַ פאַרסאַרקעט קולכל און בפרהסיה, אַז... ליאַנקע פּיסקליאַניק, משהקע בוילע עט קאָמפּ. האָבן געשלעפּט האָלץ ביים פּריסטאַן. מער פעלט זיי נישט!

האָט אַבאַלע דעם פאַראַמשציקס געפונען אַ פשרה: ער האָט אַ ווונק געטאָן צו די חברים און צו יענקוצן מאַכט ער אַזוי:

— נאַ, טאַ שטיי דאַ אַזוי און קוק!...

שטיי און קוק! אַ געשמאַקע זאַך פאַר יענקוצן, שטיין און קוקן בשעת אַנדערע יינגלעך, עלטערע און נגידישע, מיט פאַרקאַטשעטע הויזלעך, אַן שפּאַלטן און אַן שפּענצערס, לאָזן זיך אַזוי ווילגיין ביי אַזאַ וווּנדערלעכער המציאה, ווי בויען פּליטן. פליטן פון שייטער־האָלץ מיט לאָזע־צווייגן. פונקט אַזוי ווי די עלטערע יידן און גויים טוען.

שטייט ער, נעבעך, אַזוי יענקוץ, אין געהאַקטע צרות, אַ פאַראומער־טער, אַ בכבודיק־פאַרשטויסענער. איין הענטל האַלט ער אין מויל און

זויגט עס פון האַרצקלעמעניש, און מיט דער צווייטער הענטל פאַרשטופּט ער די חרפּה זיינע, דעם עק פון זיין פאַרפלעקט העמדעלע אין שפּענצער־שפּאַלט, כדי כאָטש אַ קאַפּעלע פאַרווישן זיין קליין־ייִנגלשאַפט; ווערן פּאַכאָזשע אויף אַ שטיקל חדר־בחור וויל ער. ס׳איז אָבער אַלץ אַן אומזיסטע טרחה! די מזיקים פון זוסלס חדר קוקן זיך אַפילו נישט אום. ס׳אַרט זיי גאָרנישט צי ס׳געפּאַסקעט עקלעך שטעקט ביי אים אַרויס, צי נישט. זוכט יענקוץ אַן עצה צו פאַראינטערעסירן די ניין־יאָריקע חדר־יונגען, מיט זיין זעקס־יאָריקן „פערזאַנדל‟, ביז עס לויפט אים אויף אַ געדאַנקל אין קעפּעלע. נעמט ער אַרויס דאָס ברודיקע הענטל פון מויל, גיט זיך אַ פּיק אינמיטן בייכל און רעדט אַרויס הייזעריקלעך און פאַרסמאַרקעט פון גרויס אויפרעגונג. אָבער אויפן פּנימל ציט ער פונדעסט־וועגן אַן אַ באַרימערישע מינע:

— איכל טאַקע... איך האָב דאָ... טאַקע אַ... אַ... פּופּיקל!

דאָס איז יענקוצעס רייניסטער מאַמע לשון. ער האָט אינגאַנצן עט־לעכע געציילטע ווערטער. און מיט אַזאַ ווערטער־בוך מוז ער, נעבעך, אויסדריקן אַלע זיינע טיפע בענקעניש, זיין הייסע קנאה און קאָכיקע גלוסטעניש פאַר אַזאַ כאַפּטע מיט שטאַלצע ליידאַקעס, וואָס בלאָזן זיך אויף אים און האָבן אַזוי פיל ווערטער צום רעדן און אַזוי פיל איינפאַלן ביים שפּילן. און אָט... אָנשטאָט אים צו פאַרשטיין, אַ ביסל רחמנות האָבן אויף אַזאַ קליינינקן ווי ער איז, מאַכן זיי גאָר חוזק פון אַלע זיינע וווּנדער און פון זיין רעדן.

— איז וואָס זאָגסטו? — גיט ליאַנקע פּיסקליאַניק אַ קוואַצקע — איז האָסטו אַ פּופּיקל? טצ... טצ!... קינדער, איר הערט?

— האָווט אים צו מיט די פינגערוועך! — גיט אים זלמנקע „סאָ־וועכץ אַן עצה — ער קען נאָך אָנטווויפן!

נאָר איין אַבאַלע דעם פאַראָמשציקס טרייסט אים אַ קאַפּעלע:

— שטיי זיך בעסער אַזוי און קוק!

זעט יענקוץ באַשיימפּערלעך, אַז זיין קיילעכדיקער, האַרטינקער פּו־פּיקל, וואָס ער האָט אין די מייטקעלעך אונטערן העמדעלע, האָט קיין שום איינדרוק אויפן עולם נישט געמאַכט, רוקט ער צוריק אַריין איי̄ן הענטל אין מויל און מיט דער צווייטער — טאַפּט ער זיך ביים שפּאַלט אין די מייטקעס. און טראַכט ווייטער אַ רגעלע: מיט וואָס ער זאָל דאָ מאַכן שטוינען אַזעלכע וואַזשנע יאַטן. ביז עס פאַלט אים ווייטער עפּעס

איין. רעדט ער דאָס אַרויס פון גאָידערל מיט אַ קינדישן כאָרכלען, פאַר־שלינגענדיק אַ „רייש" אין אַ „כייש":

— איכל... איכל טאַקע אויך גיוועהן גיגייט אין כיידער, אין תלמיד־תייכע טאַקע!

ביי אים האָט דאָס געמיינט צו זאָגן, אַז ער, יענקוץ, גייט שוין, געלויבט דער אויבערשטער, אויך אין חדר, אין תלמוד תורה לערנט ער; און ס'איז נישטאָ וואָס צו שעמען זיך מיט אים.

אָבער אַפילו די תלמוד־תורה האָט אויך נישט געמאַכט קיין שום רושם. וואָרים די גמרא־בחורים האָבן זיך, ווי פריער, געשלעפּט די שייטן האָלץ, געלייגט זיי פלאַך אויפן וואַסער, און אויפן קליינעם מושלם פון תלמוד־תורה אַפילו נישט אומגעקוקט זיך. אָבער יענקוץ האָט זיך אַלץ נישט מיאש־געווען פון ווייך צו מאַכן זייער פאַרשטיינערט האַרץ.

— מיין מאַמע — מאַכט ער נאָך אַ רגעלע איבערלייגונג — מיין מאַמע מיך טאַקע גיוועהן גיגעבט אַ פאַסקכאָבוק מיט מילך... איכל גוט גילעכנט, איכל... אוי, סאַראַ געשמאַ־אַקייט!

ס'האָט געזאָלט הייסן, אַז די מאַמע זיינע, דרייזע, זונדלס שנור, האָט אים געגעבן אַ טייערן מאכל: אַ „פאַסקראָביק". אויסגעקראַצט פון דעק באַק־דייזשע, אויסגעבאַקן און אָנגעבראָקט אין מילך... ווייל ער האָט גוט געלערנט, נו? האָט ער אפשר נאָך אַלץ נישט זוכה־געווען צו שפּילן זיך מיט אַנדערע לערנער?

אָבער אויך דאָס האָט נישט געגומען. געפונען מיט וואָס צו מאַכן נייגעריק באַלעבאַטישע קינדער! אַ קאָרענעם האַלב־פאַרברענטן פאַסקראָ־ביק. האַרט ווי אַ שטיין, און שוואַרץ ווי די ערד. אַז אייער פאַרפל איב־מיטן וואָך איז ביי זיי אויך נישט קיין נאַשעריי.

— פע! מאַכט ליאָנקע פּיסקליאַניק, דערהערנדיק פון אַזאַ מאכל.

און זלמנקע „סאָוועכץ" כאַפּט גלייך אונטער:

— איך עס אַפּיווע נישט קיין וואָקשן מיט מיווך!

— מיין זיידע, טאַקע, — קען זיך אָבער יענקוץ נישט באַרואיקן — מיין זיידע געוועהן געקאָכט אייעך! אוי, אוי, סאַראַ כייטע! טאַקע געקאָכט מיט סיבעלע־שאָליכץ... אַלע געקויפּט טאַקע...

דאָס האָט ער געוואָלט זאָגן: אַז דער זיינע זיינער, מורנו ר' זונדל, האָט אָפּגעקאָכט אייער אין ציבעלע־שאָלעכץ, זענען דערפון די אייער געוואָרן זייער רויט, און ער פאַרקויפט זיי אַזוי פון קאָשיק.

אָן אַזאַ חידוש קען מען אויך נישט שטאַרבן פאַר אומעט. מיט בינדן פליטן פון שייטן האָלץ קען אַזאַ ידיעה, ווי קאָכן אייער אין ציבעלע שאָלעכץ, בשום אופן נישט קאָנקורירן. טוען זיך די גמרא־בחורים, זייער פאַרהאַוועט, זייער וויכטיקע אַרבעט און לאָזן יענקוצן אויסגיסן זיין פאַרבענקט האַרץ וויפל ער וויל. יענקוץ גופא האָט זיך אָבער אַריינגענומען אין זיין פאַרעקשנט קעפל: איינמאָל פאַר אַלעמאָל — ער מוז אַריינגענומען ווערן אין חברה פליטן מאַכער! באַרימט ער זיך ווייטער:

— איכל און די מאַמע טאַקע וועלן גיוווען זיפּאַרט ספּעטער טאַקע. מיין סווועסטערל אייכעט... ווייט, ווייט צו טאַטן עלען מיך אַלע פאַכן! אוי, אוי, סאַראַ ווייטקייט!

דערמיט האָט ער זיך באַרימט, אַז ער יענקוץ, די מאַמע זיינע און די שוועסטערל וועלן טאַקע שפּעטער אַוועקפאָרן צום טאַטן ווייט, ווייט, ס׳הייסט: קיין סיביר, וווהין מען האָט קאָפּלען פאַרשיקט.

נאָר אויך דאָס נעמט נישט. פּייוקע אוריס בלייבט אַ ווילע שטיין, גלייכט זיך אויס, שפּיצט אָן איין אויער. אָבער באַלד בויגט ער זיך אַראָפּ צו די „פליטן" אין וואַסער, מייסטרעוועט, און הערט יענקונצן ווי דעם קאָטער.

בלייבט יענקוץ שטיין אַ דערשלאָגענער. ס׳הויבט זיך שוין אָן צו דאַכטן, אַז ס׳איז אים אויסגעגאַנגען דער גאַנצער שטאָף, און אַציגד וועט ער שוין קוקן און שווייגן. אָבער גאָר פלוצלונג ווערן אַלע גמרא־בחורים איבעראַשט פון יענקוצעס פאַרכליפּעטן אויסרוף:

— אַהאַ! — שרייט ער אויס מיט בייזן נצחון — מ י י ן טאַטע איז טאַקע אַ גנבֿ!

.3

אַזאַ משונהדיקע אָפּנהאַרציקייט, אַזאַ אויסטערלישע באַרימעריי, מיט אַזאַ תמימותדיקער ערנסטקייט אַרויסגעשריען, מאַכן אַ גרויסן איינדרוק. די שייטן האָלץ גליטשן זיך אַרויס פון די פאַרהאַוועטע הענט, ביי די גמרא־בחורים. אַלע אויגן גיבן זיך אַ וואָרף צו יענקוצן. יענקוץ קוקט אויף זיי האַרט און בייזלעך. דער גאַידערל איז ביי אים אָנגעבלאָזן, דאָס קעפּל איז פאַרוואָרפן, די אויגן ברענען. און אינגאַנצן זעט ער אויס

אַזוי האָפּערדיק, ווי אַ יונגער הענדל, וואָס האָט אָקאָרשט געגעבן אַ קריי צום ערשטן מאָל אין לעבן.

— וואָ־אָס? — גיט משהקע בוילע אַ רעווע אַזוי בייקיש פֿאַרוווּנ־דערט, און דער „וואָס" הערט זיך ביי אים ווי „מאָ־אָ..."

— איר הערט? — גיט ליאָנקע פּיסקליאָניק אַ קוואָקצע. ער הויבט אָן, ווי זיין טבע איז, מיט אַ שטיקל באַס און ענדיקט מיט אַ קוויטש — איר... איר הערט?

— ווי, ווי? — פרעגן איבער נייגעריק אַבאָלע, פּייווקע און זלמנקע „סאָוועכץ". איינעם דעם אַנדערן שלאָגן זיי איבער.

— דיין טאַטע? ווי זאָגסטו?

— זאָג, זאָג! וואָס איז דיין טאַטע?

— טאַקע אַ גנב מיין טאַטע! — ענטפערט אָפּ יענקוץ גאָר האָפּערדיק. ער דערפילט, אַז ער האָט דאָ ביי אַלעמען אָנגעטראָפן אויף דער שוואַכ־סטער סטרונע, אויף אַ מוראדיקער נייגעריקייט האָט ער זיך אָנגעטראָפן. לאָזט ער זיך אַוועק באַרימען אויף דעם זעלבן דרך, ווי אַ גוטער שווימער אין שטיל־געוואָרענע וואַסערן.

— מיין טאַטע טאַקע געווען געגנבעט אַ פעכד"... מיט אַ כאָמעט אייכעט טאַקע... איכל גיוועז גיזעט אין היי דעם כאָמעט... אוי, אוי, סאַראַ מעשענע בלעכלעך! גיוועז גיגלאַנצט... אוי, אוי! איכל טאַקע גיזאָגט דעם רבין... די מאַמע מיך „גיסלאָגן"; אוי, מיך די מאַמע גיסלאָגן!

אַזעלכע מיאוסע סודות פונדערהיים איז שוין עפּעס גאָר אַן אַנדער מעשה! קריכן די יינגלעך אַרויס פון וואַסער, פאַרגעסן אינגאַנצן אָן זייער אויפטו, ווי בינדן פּליטן מיט לאָזע־צווייגן, און רינגלען אַרום יענקוצן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם:

— דערציייל, יענקוץ, דערציייל!

— שעם זיך נישט!

און יענקוץ שעמט זיך אַ האָר נישט. פאַרקערט. ער דרייט זיך אַרום אויף איין אָרט, אינעם קרייזל פון די נייגעריקע עלטערע יינגלעך, כדי אַלעמען צופרידן צו שטעלן. ער פאַרכלינעט זיך אַזש מחמת גרויס באַ־גייסטערונג, וואָס ער איז פּלוצלונג אַזוי נתעלה געוואָרן. ער שמידט, אַזוי צו זאָגן, דאָס אייזן אַזוי לאַנג ווי ס׳גליט.

— טאַקע צו אונדז אין „סטוב" גיווען גיגייט דער „פריסטאַוו" מיטן דעסאַטניק... צוויי דעסיאַטניקעס טאַקע! אַלע מיט קנעפּ. אוי, סאַראַ

קנעפ! יונסקע קנעפ. אוי, אוי, ט׳זיי גיגלאַנצט! די מאַמע מיינע טאַקע גיוויינט. אוי, ט׳זי גיוויינט!

— און וואָס האָבן זיי ביי אייך געטאָן אין שטוב דער פּריסטאַוו מיט די דעסיאַטניקעס? זאָג, זאָג יענקוץ!

— דער „פּכיסטאַוו״ גיוועז גיכאַפּט דעם טאַטן פאַרן אַרבל און, און, און —

— און וואָס?

— פּידיאָם! דער „פּכיסטאַוו״ געסריען... אוי, אוי, ט׳ער געסריען! די מאַמע גיפאַלט אויף די קני די מאַמע...

אַזאַ אומפאַרשעמטע דרייסטקייט פון אַ זעקס־יאָריקן סמאַרק־ייִנגעלע, אַזאַ אומברחמנותדיק אמת־אויסזאָגן פון שטוב, האָט אויף די חברה גמרא־בחורים געווירקט ווי אַ שיכרות. זיי האָבן געפילט בחוש, אַז זיי אַלע זענען אפשר דערוואַקסענע, קליגערע, געלערנטערע. אָבער ליגנער זענען זיי און פּחדנים, לגבי אָט דעם קליינעם צוציק מיטן שפּאַלט אין די מייטקעלעך. זיי האָבן אינגאַנצן אויפגעהערט אָפּצולאַכן פון אים, איבער־ווינקען זיך. אין די אויגן האָט זיך ביי אַלעמען צעפלאַקערט אַן אומרייִנער פייערל:

— דערציילֿ, דערצייל! — האָבן זיי יענקוצן געצופּט פון אַלע זייטן — איז וואָס איז געוועז נאָכדעם?

דערזעט שוין יענקוץ גאַנץ קלאָר, אַז אַצינד האָט ער זיי אַלעמען אַריבערגעוויגן. פון אַ פאַרשעמטן דרדקי־ייִנגעלע איז ער גאָר געוואָרן אַ גאַנצער העלד. וואָרום ווער זענען זיי אַלע? יאָלדן זענען זיי. אָבער ער — זיין טאַטע איז טאַקע אַ גנבֿ! אַצינד מאַנטשען זיי ביי א י ם. מ׳האָט זיך גענדאַרפט אָנבלאָזן און רעדן וואָס ווייניקער. אָבער די שמחה פון שטיין אַזוי נאָענט צו עלטערע באַלעבאַטישע ייִנגלעך ציט אים אַלץ שטאַרקער פאַרן שעפּעליאָוון צינגל:

— אַהאַ, איכל טאַקע גיסטאַנען לעבן „פּכיסטאַוו״ — איכל. דער „פּכיסטאַוו״ מיך טאַקע נישט געטשעפּעט. דעם טאַטן געטשעפּעט. מיך נישט געטשעפּעט. ביים פּכיסטאַוו טאַקע אַ „שוועכד״, ביי דיסיאַטניקעס אויך. אָר־אָר!... דער פּכיסטאַוו געמאַכט אַ קולאַק דעם טאַטן: „אָר־אָר!...

דער טאַטע געוואָלט „אַנקלויפן״ דער טאַטע. דער פּכיסטאַוו גיגעבט אַ צי דעם שוועכד. אוי, אוי, פּאַראַ „לאַנגעך מעסעך״! ציפּקע געהאַט מורא. איכל טאַקע נישט געהאַט מורא. איכל געקוקט אויף די קנעפּ...

צעברענט זיך ביי פּיווקע דער דורשט נאָך אַלע איינצלהייטן. פּונקט וויביים פעטער אורין — זיין טאַטן, בשעת יענער לייענט צייטונגען. ס'איז דאָך עפּעס די ערשטע לעבעדיקע סענסאַציע אין פּיווקעס צען־יאָריקן לעבן. קען ער איבער זיך מער נישט געוועלטיקן. ער צופּט יענקוצן און שלעפּט אים:

— נו, זאָג, זאָג... און דער טאַטע? וואָס האָט געטאָן דיין טאַטע?

און יענקוץ לאָזט זיך נישט בעטן. ער זעט נאָר, אַז דער טאַטע איז דאָ דער עיקר, מיט אים אינטערעסירט מען זיך מער ווי מיט אַלעמען. הויבט ער ווייטער אָן פון אָנהויב:

— דעך טאַטע גיוועין גיגעסט אָנבייסן... דער פּכיסטאַוו גיבט אַ געשריי: „פּידיאָם!" דער טאַטע גיוואָרן בלייך. אוי, אוי, סאַראַ בלייכקייט! דער גאַנצער אָנבייסן געבליבט סטיין. איכל טאַגע אויפגיגעסט די גאַנצע פּאַדסמעטענע... ציפּקע ניט געוואָלט עסן. ציפּקע נאָכגעלאָפט דעם טאַטן. דער טאַטע גיסריען אויף איר: אַהיים גיי! אַהיים!... טאַקע אַוועק מיין טאַטע מיט די דיסיאַטניקעס: ראַז־דוואַ, ראַז־דוואַ! אַלע געלאָפן קוקן. אַלינקע „מענצען". איכל אויך געוווען גילאָפט קוקן. איכל אויך גיגייט נאָכן טאַטן... ראַז־דוואַ, ראַז־דוואַ! סטאַי!... איכל נישט מורא טאַקע.

דאָס באַלעבאַטשען פון יענקוצעס צינגעלע ווערט אַלץ האַסטיקער און דער צויבער־קרייז פון גנבה און אַרעסט, פון פּריסטאַוו און שווערדן, ווערט אַלץ ענגער און ענגער. עס ווערגט אין האַלדז, דאָס האַרץ שלאָגט געשווינדער. אָט אָט ווערט מען דערשטיקט פאַר בייגעריקייט. אַצינד דערציילט שוין יענקוץ ווי די מאַמע איז געבליבן „איינינקע אַליין" אין „סטוב", ווי זי האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ, „גיסלאָגן" זיך קאָפּ אָן וואַנט.

נאָר משהקע בוילע ברעכט מיט איין מאָל דורך דעם ענגן כישוף־קרייז פון אומגעזונטער בייגעריקייט. זיין פּראָסטע נאַטור קען מער נישט אַריבערטראָגן אַזוי פיל אויסטערלישע סודות פון אַ פרעמדער שטוב. „געגוג!" — שלאָגט ער איבער יענקוצן אין רעכטן מיטן ברען. דערנאָך לאָזט ער אַראָפּ דעם קאָפּ, ווי אַ יונגער בייק, און רעוועט צו זיינע חברים:

— קינדער! לאָמיר גאָר שפּילן אין גנבים!

ווי אַ דערלייזונג קומט אָן „בוילעס" אויפטו. „טאַקע, טאַקע!" — טומלט מען זיך איינער איבערן צווייטן. גענוג וועט זיין מיט די פּליטן! קינדער, טוט אָן די שיך!"

— שאַ! — שרייט פּיווקע — אָבער ווער וויל זיין דער געגנבעטער פערד?

אַלע שווייגן. קיינער וויל נישט זיין קיין פערד. אַ שיינע מעשה, כ'לעבן! אַ גמרא־בחור פון זוסל דעם זאַאיקענס חדר וועט גאָר ווערן „אַ פערד".

— איכל טאַקע — אַ פערד, איכל! — קוויטשעט אויף יענקוץ און ציט גלייך אַרויס דעם עק העמד דורך דעם שפּאַלט אין די מייטקעלעך. געקומען די שעה פון דעם פאַרשעמט העמדעלע צו פאַרנעמען אַ בכבודיקן אָרט אין שפּיל. אַ פערד מוז דאָך האָבן אַן עק.

— גוט, גוט! — רופן זיך אָפּ חברה כת־ליצנים. און גלייך אויפן אָרט פּרוווט מען אים אויס. מען ציט אים פאַרן עק העמד און מען טרייבט אים אָן: „היניאַ־אַ!... מפּפּו! מפּפּו! אָה, וויי! אַ טייערער לאַשעק!"

פּיווקע לאָזט אָבער מער נישט אויספּרוּוון דעם „פערדל". ס'האָט אים אַרומגעכאַפּט דער חשק פון אַ נייער שפּילעריי. ער פאַרטיילט די ראָלן:

— לאָזט אים אָפּ, קינדער!... און ווער וועט זיין קאַפּל־גנב?

אויף דעם זענען, צווישן די באַלעבאַטישע קינדער, אויך נישטאָ קיין גרויסע בעלנים. יעדער איינער וויל זיין אַ פּריסטאַוו, אַ דאָקטאָר, לכל הפּחות אַ דעסיאַטניק. נאָר זיין אַ גנב — פע! דאָס — נישט.

— איכל, איכל... טאַקע! — רופט זיך אָפּ יענקוץ און שטופּט דעם עקעלע פון העמד צוריק אין שפּאַלט פון די מייטקעלעך. וואָרום אַ מענטש, מעג ער אַפילו זיין אַ גנב, קען ער, בטבע, קיין עק נישט האָבן.

— אי אַ פערד אי אַ גנב? — וווּנדערט זיך פּיווקע.

— פע זאָגט „עור"! — העלפט זלמנקע „סאָוועכץ", וואָס אומעטום פּאַסט ער זיך אַריין און אַלעמען העלפט ער ווי אַ משורר העלפט אַ חזן.

— אוי, אוי, איכל טאַקעביידע! — טומלט זיך יענקוץ מיט גרויס התלהבות. מען זעט פּשוט, אַז ער איז זיך מפקיר פאַר טובת הכלל. און כדי באַשיימפּערלעך צו באַווייזן, אַז ער טויג זיך, געלויבט דער אוי־בערשטער, פאַר ביידע שיינע זאַכן, הויבט ער אָן צו וואַרפן מיטן קעפּל אַרויף און אַראָפּ, צעהירזשעט זיך דריי־גאָרנדיק: „איי־היי־היי־היי!" — דערביי פאַבריקעוועט ער מיט די באַרוועסע פיסלעך אויף איין אָרט, ווי

גאַר אַ גוטער פערדל, וואָס רייסט זיך אומגעדולדיק פון לייצע און וויל לויפן סכנות־נפשות. און באַלד נאָכדעם, אָן שום איבערגאַנג, שטעלט ער אויס אַ פּאָר גזלנישע אויגן, מאַכט אַ קולאַק אויף די יינגלעך, נאָכמאַכנדיק אַפּנים קאַפּלען, דעם פאַרשיקטן טאַטן זיינעם. אָר־אָר־אָר! „צוקין־צין!" אָר־אָו, „צאַרט פּאָברי!" איכל, איכל... אייך סלאָגן!

די יינגלעך קאָטשען זיך פאַר געלעכטער. איין יענקוץ איז מוראדיק ערנסט. ער איז איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן קהלשן ווילזיין. נאָר די עלטערע ליידאַקעס פאַרשטייען נישט. זיי הויבן עס נישט אָן צו פאַרשטיין.

מאַכט משהקע בוילע אַ סוף צו אַזאַ חוזק:

— לאָזט מיך, — גיט ער אַ רעווע — איך וועל זיין דער גנב!

ער בויגט אַראָפּ דעם קאָפּ, ווי אַ יונגער בייק, בלאָזט אָן די אויגן, און חברה גמרא בחורים מוזן מודה זיין, אַז קיין בעסערן גנב און גזלן, אָנשטאָט קאַפּלען, וואָלט מען אין אַ גאַנצער מדינה נישט געקענט אויסזוכן.

די אַנדערע ראָלן ווערן פאַרטיילט אַ סך גיכער. ליאָנקע פּיסקליאָניק, אַ הויכער און דאַרער מיט אַ האַלדז פון אַ גאָנער, פּאַסט זיך ווי קיינער נישט צו זיין דאָקטאָר חישין — דער באַלעבאָס פון פערד. פייווקע וועט זיין דער פּריסטאַוו. אַבאָלע דעם פּאַראָמשציקס — אַ דע־סיאַטניק. און זלמנקע „סאָוועכץ" מיט די אַרומלויפנדיקע אויגן — דער ציגיינער אין אָרשע, וואָס קויפט אָפּ דעם געגנבעטן פערד און וואָס דעם כאָמעט וויל ער נישט קויפן.

די שפּיל האָט זיך אָנגעהויבן, פּיסקלאָניק האָט אויסגעצויגן דעם האַלדז ווי דאָקטאָר חישין, אויסגעשמירט די שיך אין נאַסן זאַמד, אַ מין „זכר־לטיט", כדי צו דערמאָנען אָן די טיפע קויטיקע קאַלאָשן פון דאָקטאָר, נאָך דער גניבה, ווען ער האָט נעבעך אַרומגעטיאַפּעט, אָן זיין פערד און שליטן, אין שקלאָווער בלאָטעס... אַלץ מוז זיין גרייט. דערנאָך האָט ער מכלומרשט צוגעבונדן יענקוצן — דעם לאָשעק — צו אַ ווערבע. געגעבן אים אגב אורחא אָן „אונטער־פּלעצל" און אָ קוואָקצע געטאָן: „טפּררו!..." אַלץ ווי עס באַדאַרף צו זיין. פייווקע האָט זיך געשטעלט אין דער פּאָזע פון אַ פּריסטאַוו. געדרייט, איך בעט אייך איבער, די וואָנצעס. אבאָלע דער דעסיאַטניק האָט גענומען פאַלן פון די פּיס פאַר שיכרות, פלאָנטערן זיך „אין נייעם שינעל" — פּונקט ווי ליקסיי דער

סטראַזשניק. זאָל עס פעלן אַ האָר. און „סאָוועכץ״ האָט גענומען שפּייען, דורך די ציין, דרייען מיט שוואַרצע קוקערס, ווי אַן אמתער ציגיינער, וואָס קוקט די אויגן אויס נאָך עפּעס אַ גניבהלע.

— נו! — גיט פּייוקע פּריסטאַוו אַ קאָמאַנדעווע, באַטראַכטנדיק מיט שטרענגע בליקן די גאַנצע שיינע חברהצקע — נו, בוילע! ס׳הייסט: קאַפּל גנב! גנבע שוין צו דעם פערד און לאָמיך דיך פירן אין אָסטראָג!

יענקוץ האָט זיך מכלומרשט גענומען רייסן פון שטריק, ווען „בוילע״ האָט זיך צו אים גענומען גנבענען. אַלץ איז געגאַנגען כשורה... נאָר אינמיטן דרינען האָט זיך, אויפן הויכן ברעג דניעפּער, הינטער די ווער־בעס, אויפגעהויבן אַ טרעוואָגע. אַ פאַרעכאָד האָט זיך דאָרטן צעטרובעט איינמאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל און פיר מאָל. נישט ווי דער שטייגער איז צעטרובעט זיך. און באַלד נאָכדעם האָט זיך דערהערט אַ מאוימ־דיקער טראַך, פּונקט ווי אַ הילצערנער בנין וואָלט איינגעפאַלן און צע־שאָטן זיך באַרג־אַראָפּ. אַ סך מענטשלעכע קולות האָבן אויפגעשריען, אַלע בקאָמפּאַניע. נאָסקע־טרעגער, באַלעגאָלעס און פליטן־בינדער האָבן אַוועקגעוואָרפן זייער אַרבעט און געלאָזן זיך לויפן ערגעץ־ווו מיט אַן „אַי־אַי־אַי״, ווי אויף אַ שריפה.

די גמרא־בחורים האָבן זיך איבערגעקוקט מיט שרעק. די גאַנצע שפּיל אין „גנבים״ איז שטיין געבליבן.

— ראַ־טע־ווע־עט! — האָט זיך דערהערט אַ שניידנדיק ווייבעריש געשריי. ערגעץ־ווו לעבן פּאַראָם האָט אַזוי אַ יידענע געשריען.

— אוי־אוי! — האָט אַבאַלע אָפּגעענטפערט מיט אַ שטילערן געשריי. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ס׳איז דער מאַמעס קול, נאָר אַ מאָדנער אַזאַ, אַ פאַרשטעלטער קול. דערפאַר האָט ער, נישט־וועלנדיק מיטגעשריען.

מיט דער נאָקעטער אכזריות פון קינדער, וואָס האָבן זיך ליב צו דערגרונטעווען אין יעדער זאַך, האָבן נאָך עטלעכע חברים דעם צע־שראָקענעם חבֿרל זייערן פאַרטייטשט:

— ביי אייך, אבאַלע?...

— ביי אייך אין שטוב!

— דיין מאַמע שרייט!

און אַלע קינדער האָבן זיך הענדום־פּענדום געלאָזט לויפן צום פּאַראָם. נישט איבער די ווערבעס אויפן הויכן ברעג. נאָר אונטן, איבערן

נאַסן זאַמד, ביים סאַמע וואַסער; כדי אַזוי אַרום אָפּקירצן דעם וועג, אַך, אַך, געפּטרט אַזאַ טייערע שפּיל!

נאָר מער פון אַלעמען איז געווען אַנטוישט יענקוץ, זונדל גאַטס גנבס אייניקל. איינמאָל אין לעבן — און אויך ד אָ ס מ אָ ל האָט זיך אים נישט איינגעגעבן צו שפּילן מיט נגידישע קינדער, ביזקל סוף. איבער גוואַלט, און דער סאַמע לעצטער, האָט ער זיך „אָפּגעריסן פון שטריק", אַרויס פון זיין פּערדישער ראָל, און, אויף אַלע פּיסלעך מיט אַן אַרויסגעשטעקט עקעלע פון די מייטקעס, געכאַפּט נאָכלויפן, פּאָברי־קעווען נאָך זיינע אָקאָרשטיקע, בכבודיקע חברים.

— זעט, זעט! — האָט ער פאַרצווייפלט נאָכגעשריען — זעט „קינדעך"! איכל טאָקע אויך גילויפט; איכל אייכעט קוקן! זעט, זעט!

יאַרילאָ דער אָפּגאָט

1.

דאָנערשטיק פאַרנאַכט, אַ טאָג פאַרן פרייטיקדיקן „לעקאַך און בראָנפן" לכבוד זיין אַבאָלען, האָט זיך אַנשל פאַראָמשציק דערפילט עפּעס אויסערגעוויינלעך מיד; אַ קלעמעניש אין האַרצן און אַ שווערקייט אין קאָפּ. ס'קען זיין, אַז ס'איז געקומען פון דער פּאַגאָדע. וואַרים אין דער לופט איז געהאָנגען אַ וואַרעמע פייכטקייט פון פאַר אַ רעגן, וועלכער האָט זיך אויסגעגאָסן ערשט צומאָרגנס, בשעתן לעקאַך און בראָנפן...

ווי עס זאָל נישט געווען זיין, אָבער די פּולבלוטיקייט האָט אַנשלען געדריקט אין די אָדערן, און ס'האָט זיך אים נישט געגלוסט צו עסן פרי וועטשערע. זאָגט צו אים באַשע זיין ווייב:

— גיי, אַנשל, פאַר זיך דורך אַהין און צוריק מיטן פּאַראָם, וועסטו זיך דורכלופטערן. איך וועל דערווייל גרייטן צום טיש.

אַנשל האָט געפאָלגט דער ווייב און איז אַן קאַרטוז אַרויף אויפן פּאַראָם, און זיין אַנטבלויזטן קאָפּ אַרויסגעשטעלט דעם לייכטן ווינטל, וועלכער ווייעט אַלע מאָל אויפן דניעפּער אַראָפּ שטראָם. אַן אַ היטל האָט זיך אַנשלס שטערן שניידיק צעטיילט אויף צווי קאָלירן. דאָרטן, ווו דער האַרטער ראַנד פון קאַרטוז זיצט, צו די שלייפן אַרויף — אַ מילכיקע פרישע ווייסקייט. און פון מיטן שטערן אַראָפּ — אַן אָפּגע־ברענטע קופערנע רויטקייט, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ אַלץ טונקעלער און ברוינער און פאַרלירט זיך אין דער בלוילעכער שוואַרצקייט פון באָרד און וואָנצעס. אין דער דאָזיקער אָפּגעברענטקייט פון הויט, האָבן מיד געלויכטן, ווי סאַפּירן אין קופּער איינגעפאַסט, זיינע טונקל־בלויע אויגן. שטייענדיק אויף דער קלאַטקע, האָט באַשע דערזען דאָס פאַרבן־שפּיל אויף איר מאַנס פּנים, האָט זי צו אים דערפילט אַ זיסע ווייכקייט. ווי אין די כלה־יאָרן.

— ס'אַראַ ווייסן שטערן — מאַכט זי — דו האָסט!

איר בענקשאַפט האָט זיך אים גלייך איבערגעגעבן. דאָס ווינטל האָט נאָך צו אים פאַרפירעריש געוווּנקען מיט אַ ברעג פון איר בלויען פאַרטוך... אָט, געהאַט שוין מיט אָט דער פרישער יידענע דריי קינדערלעך, קיין עין־הרע, און נאָך אַלץ אַזוי פאַרפרעגלט אין איר! ער האָט פאַרטראַכ־טערהייט אַ פיר־געטאָן מיט די פינגער איבערן שטערן, ווי ער וואָלט געמיינט אַנצוטאַפּן די אָפּגעגרענעצטע ווייסקייט, און שמייכלענדיק אַ זאָג געטאָן צו איר, איבער דער פאָרענטשע:

— באַשינקע, אַ געזונט צו דיר! ס'איז דאָ טאַקע אַ מחיה!

דער פאַראָם האָט זיך גערירט. און באַשע האָט דעם מאַן אַלץ צו־געשאָקלט:

— פאָר זיך דורך געזונטערהייט!

און שוין קלעטערנדיק איבערן משופּעדיקן זאַמד צום שטוב, האָט זי זיך נאָך אַמאָל אומגעדרייט צו אים:

— פאַרזוים זיך נישט, אַנשל!

דער פאַראָמשציק איז אָפּגעטראָטן פון דער פאַרריגלטער פאָרענטשע און שטיל און באַשיידן אַרויף אויפן מיטן פאַראָם; נישט ווי אַ באַלעבאָס, נאָר ווי אַ זייטיקער פּאַסאַזשיר. מיט די אויגן האָט ער זיך אויסגעזוכט אַ ליידיקע באַנק און צוגעזעצט זיך. ער האָט געוואָלט זיין אַליין.

אַנשל איז זעלטן ווען געפאָרן מיט זיין אייגענעם פאַראָם איבערן דניעפּער. טאָג איין טאָג אויס האָט ער אַרויסבאַגלייט אַזוי פיל מענטשן און פורן אויף „זאַרעטשיע", אַז אים אַליין האָט דאָס איבערשיפן זיך מיטן פאַראָם אויסגעזען, ווי אַ פריקרער ווילטאָג. אַזוי, אַפּנים, עסט זיך צו דער ריח פון האָניק אַ לעקאָך מאַכער, און ער פאַרזוכט נישט זיין אייגענע סחורה יאָרן לאַנג... דאָס פאָרן איבערן דניעפּער, גלאַט אַזוי זיך, האָט אים, דערפאַר, אויסגעזען ווי אַ מין יינגלשקייט. העןן! אַ טאַטע פון קינדער האָט זיך אין מיטן דרינען צעשטיפט און פאַרט.

קיין סך פּאַסאַזשירן זענען דאָ, וועטשערע־צייט, נישט געווען. גויים פאָרן נישט אַזוי שפּעט צוריק אין דאָרף אַריין, און יידן דאַוונען מעריב. נאָר איין יידענע פון זאַרעטשיע, וואָס פאַרקויפט קיכעלעך און פאָרט אַרום אַ גאַנצן טאָג הין און צוריק אומזיסט, איז דאָס געזעסן איבער אירע קאָשיקעס און געדרעמלט. אַ גוי איז געזעסן אין זיין ליידיקן וואָגן און געקייט אַ בייגל. עטלעכע קוליעס און פעסלעך זענען געווען אָנגעוואָרפן,

אָן אַ זייט, אין איין קופּע — איינגעהאַנדלטע סחורות פֿאַר אַ קראָם, אויך אויף „זאַרעטשיע". דער קרעמער אַליין איז דאָ מיטגעפֿאָרן, כדי גיכער אַריבערצופּעקלען זיך אויף יענער זייט, האָט ער געהאָלפֿן אַנטאָשען, דעם גוי פֿון פֿאַראָם, ציען דעם קאַנאַט. דער פֿאַראָם האָט זיך ווי אָפּגעשפּאָלטן פֿון דער גרויסער קלאַטקע, און אַ בלויער פּאַס וואַסער האָט זיך גענומען אויסברייטן צווישן אים און דעם ברעג. דער פּאַס איז געוואָרן אַלץ ברייטער. די וועלט האָט זיך אַ וויג געטאָן און דער פֿאַראָם איז געבליבן הענגען צווישן הימל און וואַסער און צוויי ברעגעס. אַ מינוטקעלע האָט זיך געדוכט, אַז ער רירט זיך נישט פֿון אָרט.

צופֿרידן וואָס קיינער שטערט אים נישט, האָט אַנשל טיף אין זיך געאָטעמט דעם פֿייכטן גערוך פֿון דניעפּער, וואָס גיט זיך אָפּ מיט אָפּגעשטאַנענעם טיי. ער האָט זיך צוגעהערט צום געזאַנגעלע פֿונעם שטראָם אונטער די שאַרפֿע נעזער פֿון די פֿאַראָם־לייוועס. גערוך און קלאַנג האָבן זיך שלעפֿערדיק גענומען צוזאַמענגיסן אין דער פֿאַרנאַכטלעכער ליכטיקייט. „אָה, אַ מחיה!", האָט פֿאַר זיך אונטערגעמורמלט אַנשל פֿאַראַמשציק.

נאָר דאָ איז דער פֿאַראָם אַריינגעפֿאָרן אין די לעצטע שטראַלן פֿון דער פֿאַרגאַנגענער זון. ביז אַהער האָט דעם פֿאַראָם געוועזן באַשאָטנט דער הויכער, משופּעדיקער ברעג פֿון דער שטאָטישער זייט. די פּלוצלינגע רויטע שטראַלונג האָט אַ זעץ געטאָן אַנשלען אין די האַלב־פֿאַרמאַכטע אויגן. ער האָט זיך שטאַרק פֿאַרזשמורעט און פּאַוואָליע צוריק אויפֿגעריסן די פֿאַרקלעמטע וויעס. ווי דורך אַ פֿאָרהאַנג פֿון רויטער מאַרלע האָט ער פֿאַר זיך דערזען אַ ווילד־צומאַליעוועטן עק הימל. צעוואָרפֿענע משונהדיקע וואָלקנדלעך האָבן געגליט ווי אָפּגעפּאָלירטע קופּער, ווי גאָלד און ווי פּסחדיקער וויין... ביסלעכווייז האָבן זיך די צעשויבערטע שטיקער צוזאַמענגעגאָסן, פֿאַר זיינע אויגן, אין אַ מין גולם, וואָס זיצט אויף אַ קיילעכדיקן שטיק פֿאַרע... פֿון דעם גולמס פּוסטע אויגן קוקט אַרויס די בלויקייט פֿון הימל. פֿון זיינע גראָבע אָרעמס קאַפּעט מיט בלוט, און צו זיין מגושמדיקן צופֿוסנס וואַלגערן זיך פֿאַרבלוטיקטע פּגרים...

— פֿע! — מאַכט אַנשל, פֿון אַזאַ איינבילדונג צו זיך אַליין, און גיט אַ טרייסל מיט זיין קודלאַטן קאָפּ. ער גיט זיך אַ ביסל אַ הויב און האָט בדעה איבערצובייטן דאָס אָרט. כדי דאָס אויסטערלישע בילד אין הימל זאָל אים נישט שטערן. אָבער צוזאַמען מיט אים האָט עפּעס

אַ צוק געטאָן אויף דער קופּע אָנגעוואָרפענע סחורות אָן דער זייט. די מערב־ליכטיקייט האָט אַצינד רויט באַגאָסן די גאַנצע קופּע, און צווישן צוויי קוליעס מיט טאַראַנקעס, איינגעוויקלטע אין ראַגאָזשקעס, האָט אַנשל דערזען אַצינד אַ פּאָר אַלטיטשקע אויגן, אַ לאַנגע ברודיק־גרויע באָרד, וואָס אויבן, לעבן דער גאָמבע, איז זי ברייט, צעשויבערט, ווי רויע פּאַקליע, און די שפּיצן אירע לאָזן זיך אַראָפּ אין געדרייטע קאָלטונס, ווי אָפּגעלאָזענע, אויפגעדרייטע גראָבע שטריק. און די קאָלטונס שטראָמען ביזן גאַרטל, איבער אַ פּאַרצייטיקער סערמיאַגע, מיט הירש־ביינדלעך אָנשטאָט קנעפּ. ווי פון אונטערן פּאָל פון פּאַראָם איז דער קאָפּ אַרויסגעוואַקסן.

.2

פון פּלוצלעכקייט האָט זיך אַנשל אַ צאַפּל געטאָן:

— כטאָ טאָם? (ווער איז דאָרט?) — האָט ער הייזעריק אַ פרעג געטאָן און זיין אייגענעם קול נישט דערקענט.

— דאַ טאַי, דאַ סוואָי! (אַ יענער, אַן אייגענער!) — האָט אים דער פּענקענער קאָפּ אָפּגעענטפערט מיט יענעם הילכיקן אַלטיטשקן קולכל, וואָס דערמאָנט אָן אַ קוקאָווקע און אָן דאָס פייפן פון אַ הילצערנעם פיאַל אינדערוויטנס.

מחמת דער גרויקייט פון דער סערמיאַגע, צווישן די גרויע ראַגאָזשקעס און קוליעס, האָט אים אַנשל פריער נישט באַמערקט. איין גרויקייט האָט פּאַרשלונגען די צווייטע. אַצינד, אינעם שפּיל פון די רויטלעכע שטראַלן, האָט ער זיך אַרויסגעפּײַגט און אָנגענומען אַ געשטאַלט פון אַ „דיעד״; איינע פון יענע אַלטיטשקע געשטאַלטן, וואָס גייען מיטן ברעג דניעפּער אויף „באָהאָמאָליע״ און זינגען און בעטלען און דערציילן מעשות... נאָר אַנשלען האָט זיך געדאַכט, אַז דער אַלטיטשקער האָט זיך דאָ בכיון אַזוי פּאַרטאַיעט, כדי דערנאָך פּלוצלונג אַרויסצוּוואַקסן און איבערשרעקן אים...

— וואָס זיצטו עפּעס צווישן די קוליעס, דיעד? — מאַכט צו אים אַנשל — אַט זענען דאָך בענק!...

— אַ דאַנק, גוטער מענטש! — ענטפערט אים דער גוי מיט אַ וויייטן קול פון אַ בויכרעדער — פּאַר מיינע קראַנקע ליטקעלעך איז בעסער צו זיצן אויף דר׳ערד. אַ וואַנדערער בין איך. נישט געוווינט צו זיצן אויף

בענק. אַזוי איז מיר לייכטער. אַ געוווינהייט אַזאַ. ווו זענען דאָ בענק אין פעלד?... אָט זיץ איך מיר און קוק אַזוי אויף גאַטס וואַלקנדלעך. און אפשר נישט גאָטס — שדים ווייסן וועמענס!

— פאַרוואָס שדים ווייסן וועמענס? — שפּיצט זיך אַנשל אָן.

— אָט, כע־כע... פּונקט ווי בלוט גייט פון זיי... זעסט דאָך! „ניע ק׳דאָברו יעפּטאָ!"... נישט צום גוטן איז דאָס, גוטער מענטש! נישט צום גוטן. וואָלט דאָ אַ קלויסטער געווען נאָענט, וואָלט איך אַוועק זיך צלמען. נישט צום גוטן, זאָג איך דיר, איז אַזאַ הימל...

דער גוי האָט גערעדט אויף אַ זינגענדיק־געצויגענעם רוסיש מיט דעם טיפן שאַל פון אַ בויך־רעדער, בשעת נבואה זאָגן. און רעדנדיק אַזוי, האָט ער געטשאַטעוועט פון אונטן אַרויף, פאַרשנדיק און פאַרטאַיעט, מיט אַ גרינלעכן האַלב־שמייכלדיקן קוק פון אַ זשאַבע, וואָס מאַכט זיך געפּגרט אינמיטן שפּרינגען, כדי מ׳זאָל זי נישט באַמערקן; אָבער ווי נאָר מען מאַכט אַ צו נאָענטן טראָט, אַזוי גיט זי אַ שפּרונג־אויף, צוואַנציק מאָל מער, ווי איר אייגענע גרויס... פּונקט אַזוי איז דאָס שווייגן און פאַר־גליווערטקייט פון אַלטיטשקן פּלוצלונג איבערגעגאַנגען אין רירעוודיקייט און באַרעדעוודיקייט, ווי נאָר אַנשל האָט אים אַ וואָרט געזאָגט. די רעשטלעך גרינע ציין אין פאַרוועלקטן מויל, צוויי אַנטקעגן צוויי, האָבן זיך אין רעדן אַנטבלויזט און צוגעגעבן אים די ענלעכקייט פון אַ יאַש־צער־שנאָבל אָנשטאָט ליפּן. די קאַריאַווע פינגער האָבן געגראַבלט אין דער לופט פון ביידע זייטן באָרד.

אַנשלען האָט גענומען זויגן אונטערן לעפעלע פון אַזאַ שאַמקעריי. „וואָס באַלעבאַטשעט ער דאָרטן?" טראַכט ער זיך מיט אַ געפיל פון נישט־גוטקייט. „ווער פרעגט ביי אים?" און פונדעסטוועגן, כמעט קעגן אייגענעם ווילן, געווענדעט זיך צום גוי נאָכאַמאָל:

— קום, זעץ זיך בעסער... אָט דאָ! וואָס האָסטו זיך פאַרקליבן צווישן סחורות? אָן, דער „קופּיעץ" (סוחר) קען נאָך מיינען, אַז דו ווילסט עפּעס לאַטכענען...

מיט אַ קרעכצעלע האָט זיך דער אַלטיטשקער אויפגעהויבן פון צווישן די קוליעס, און אַנשל איז נשתומם־געוואָרן. לויט דער לאַנגער צורה, מיט דער פלאַקסענער באָרד, האָט מען געקענט מיינען, אַז ס׳איז אַ גרויסער גוי. און אויפגעשטעלט האָט זיך גאָר אַ קליין גויעצל מיט לאַפּטיעלעך אויף די פיס. און נאָך מער קלענער האָט ער אויסגעזען דורך זיין איינ־

געבויגנקייט איבער זיין שטעקן — אַ רויער פלאָקן פון אַן אָפּגענוצטן בעזים. אַ ווײַלע איז ער אַזוי געשטאַנען און קיין אויג נישט אַראָפּגענומען פון אַנשלען, דורכגענומען אים מיט אַ מוטנער גרינקייט. און, קוקנדיק אַזוי, געזומען טריטלען צו אַנשלס באַנק, סמאַר־סמאַר מיט די לאַפּטיעלעך, צוגעשלעפּט זיך, אַראָפּגעלאָזט די טאָרבע פון פּלייצע, דערנאָך — זיך אַליין, נישט באַקוועם אַוועקגעזעצט זיך און גלייך גענומען רעדן מיט זיין קבר־קולכל:

— נישט געווינט בין איך צו זיצן אויף בענק. אַך־כאַ־כאַ! די קני ברעכן, די זייטן ציען. אויסגעקלערט האָבן מענטשן בענק. גאָטס ערד געפעלט זיי נישט. אַליין זיצן זיי נישט און אַ צווייטן פאַרגינען זיי נישט.

אַנשל האָט זיך דערפילט אומהיימלעך אין דער דאָזיקער שכנישאַפט, וואָס ער אַליין האָט צו זיך צוגערופן. דער שאַרפינקער שרעק פון פריער איז טעמפּ געוואָרן, אָבער צעוואָקסן זיך אין אַ שוועמוטיקייט. די גאַנצע אויסזיכט אויף אַ גוטער וועטשערע, נאָכן „דורכלופטערן זיך", אויף באַשען אין דער קאַרג־באַלויכטענער בעט, איז עפּעס פאַרטונקלט געוואָרן, אָפּגערוקט זיך אין אַ זייט. מאַכט ער צום אַלטיטשקן מיט פאַרדאַכט:

— עפּעס האָב איך דיך נישט געזען אַרויפגיין אויפן פאַראָם. ס'איז מיין פאַראָם. איך בין דער פאַראָמשציק.

— האָסט געזען! — ענטפערט דער גוי מיט אַ זשאַבע שמייכעלע אין די אויגן — האָסט געזען, גוטער מענטש! דיין קאָפּיקע פאַרן אַרי־בערפאָרן האָט איך דיר נישט געגנבעט! האָסט גערעדט מיט דער ווייב דיינער, צוגענומען די קאָפּיקע און געקוקט אויף דיין ווייב. נו, וואָס איז דאָ צו רעדן? מאַלינאַ־באַבאַ!... אַ מאַלינע האָסטו, נישט קיין ווייב.

אַזאַ קאָמפּלימענט האָט אַנשלען אַ ביסל צעשטרייט. העז! אַזאַ תרח, ווייסט נאָך אויך אַ טאָלק אין ווייבער!... מאַכט ער צום גוי אַ ביסל צוטריטלעכער:

— נישט פון אונדזערע מקומות, דאַכט זיך?

אָבער דער אַלטיטשקער האָט זיך נישט געלאָזן אָנטאַפּן. ער האָט זיך געגליטשט פון האַנט:

— פון דאַנען צי פון דאָרט. ס'איז אַלצאיינס. פון ווייט זענען מיר. העט־העט גאָר ווייט... אַ בוים האָט גאָט באַשאַפן מיט וואָרצעלעך, וואַקסט עס. פיסלעך האָט גאָט אַ מענטשן געגעבן, גייט ער. יעדערן דאָס זייניקע. טאַק־טאָ, כאַזאַין!

— וואָס מיינסטו, דיעד, דערמיט צו זאָגן? — שפּיצט זיך אַנשל ווידער אָן.

— כ'מיין גאָרנישט. אַ בוים, זאָג איך, שטייט אויף איין אָרט, קומט אַ האַק און האַקט עס אָפּ, און אַ מענטש לויפט, לויפט פון טויט און קען אויך נישט אַנטלויפן. טאַק־טאַ, גוטער מענטש!

— ביסט שוין אוודאי אין די אַכציקער! — מאַכט אַנשל מיט אַ באַהאַלטענעם קוועטש — כ'האָב מורא צו זאָגן: אוודאי — ? אַ ?

— אפשר אַן אַכציקער! — ענטפערט דער דיעד מיט אַ כיטרען שמייכעלע.

— און אפשר טאַקע איבער די אַכציק?

— אפשר — איבער.

— זאָג שוין דעם אמת! אפשר די גאַנצע ניין צענדליק?

— אפשר די גאַנצע ניין! אַ כטאַ יעהאָ זנאַיעט, כאַזאַין? אין אונ־דזערע צייטן האָט מען קיין חשבונות נישט געפירט. נישט געטיינטלט מיט פעדערלעך. געלעבט איז געלעבט. צוליב וואָס ציילן? גאָט ציילט. און אַז ס'קומט די צייט — צייל יאָ, צייל נישט, כי־כי...

„עפּעס אַ פּאַסקודנער גויעלע", קלערט ביי זיך אַנשל. „צוגעקלעפּט זיך ווי אַ שוואַרץ יאָר. אַבי באַשע האָט מיך געשיקט אויסלופטערן זיך... אָנגעטראָפן אויף דער אמתער לופט. טפו זאָל ער ווערן!"

— ביסט אפשר אַ... אַן אַלטער „זנאַכער" *)? אַזאַ... וועלכער —

— אַ זנאַכער נישט אַ זנאַכער, — גיט ווייטער דער גויעלע אַ קוק מיט אַן אומהיימלעך פייערל אין די אויגן — און ווייסן טוען מיר ווייני־קער ווי אַ זנאַכער. אַ בהמה פון מישקעס **) קענען מיר אָפּשפּרעכן און אַ מענטשן קענען מיר זאָגן, וואָס שפּעטער וועט זיין. פאַראַן אַזעלכע וואָס מיינען: עך, מירן נאָך לעבן און הוליען. און קוק — אַ גריבעלע וואָרט שוין אויף אים און אַ גראָבאייזן גראָבט. אַ בליאַסק און אַ גראָב, אַ גראָב און אַ... אַך, קוק! זאָרעטשיע, דאַכט זיך!

3.

אין מיטן גליטשן זיך אַזוי פון די הענט און רעדן פאַרשטעלטערהייט, איז דער גויעלע פלוצלונג אַנטשוויגן געוואָרן. דער ליימיקער זאָרעטשיע־

*) אַ ווייסער. עטוואָס צווישן אַ רופא און אַ מכשף.

**) אַ שווערע הויט־קראַנקהייט ביי בהמות.

ברעג איז אַנגעלאָפֿן ווי אַ רויט־באַלויכטענע כמאַרע. דער פֿאַראָם האָט אַ ציטער געטאָן. אַנגעשטויסן זיך, מיט זיין אָפּגעהובלטן זייט, אָן דער הויכער קלאַטקע. דער פֿויער מיט זיין פֿערד און וועגל איז אַראָפּגעפֿאָרן פֿון מיטן פֿאַראָם. דער באַקאַליי־קרעמער האָט אַראָפּגעקייקלט זיינע פֿעסלעך און קוליעס. דאָס ווייב זיינס האָט שוין אויף אים דאָ געוואַרט מיט אַ ליידיקן האַנט־וועגל. ביידע האָבן עס געניט אַנגעלאָדן און אַוועקגעפֿירט צום שליאַך, וואָס שניידט זיך אַריין צווישן צוויי ליימיקע בערגלעך. אָבער נישט אַנשל, נישט דער אַלטער גויעלע — קיינער פֿון זיי ביידע האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט. איינער, דאַכט זיך, האָט געוואַרט, אַז דער צווייטער זאָל זיך פֿריער אויפֿהויבן. ווי אויף אַ וויגברעט זענען זיי ביידע געזעסן, געהאַלטן גלייכגעוויכט, טאָמער הויבט זיך איינער אויף, אַזוי פֿאַלט דער צווייטער אַרונטער. דערפֿאַר, דאַכט זיך, האָט יעדער איינער מורא געהאַט... ערשט, אַז דער פֿאַראָם איז אינגאַנצן ליידיק געוואָרן, די יידענע מיט די קיכעלעך אין די קאָשיקעס איז אַוועקגעגאַנגען, און אַנטאָשע איז אַריין צו זיך אין בודקע, האָט זיך דער אַלטיטשקער גויעלע אומגעקוקט און גענומען ציען די שווערע טאָרבע אויפֿן רוקן. אַנשל האָט געוואָלט וואָס גיכער פּטור ווערן פֿון אים, איז ער צו אים צוגעגאַנגען:

— קום, — מאַכט ער — דיעד! כ׳וועל דיר העלפֿן אַראָפּגיין פֿון קלאַטקע. זי איז דאָ זייער משופּעדיק. לאָז מ י ך בעסער האַלטן דיין טאָרבע. לאָז!

— אַ דאַנק, אַ דאַנק גוטער מענטש! — זינגט דער גויעלע מיט זיין בויכרעדערישן קולכל, און אַליין בויגט ער זיך איין איבער זיין בעזים־שטעקן, ווי אַ „דלד״. מאַכט אַ טריטעלע און גיט אַ קלאַפּ מיטן שפּיץ פֿלאָקן, אַ קלאַפּ און אַ טריטעלע, אַזוי לאָזט ער זיך אַראָפּ פֿון דער קלאַטקע. אַנשל זעט כמעט נישט דעם אַלטנס קאָפּ, אַזוי נידעריק איז ער אים אַראָפּגעבויגן. נאָר דוכטן דוכט זיך אים פֿאַרט, אַז דער גויעלע קוקט אים נאָך קאָפּ־אַראָפּ, ווי אַ קונצנמאַכער. דורך זיינע דינע, אין אַנוטשעס פֿאַרבונדענע פֿיסלעך! דורך די ריסן פֿון דער סערמיאַגע קוקט ער אויף אים אַזוי... און די פֿלאַקסענע באָרד זיינע קערט די קלאַטקע מיט אירע קאַלטונס.

— וואָס באַדיין איך אים אַזוי? — בייזערט זיך אַנשל אין האַרצן — און אַז ער וועט דאָ ברעכן האַלדז־און־נאַקן אונטער זיין ברודיקער טאָרבע — בין איך בדלות. ווי?

פונדעסטוועגן טראָגט ער אים נאָך די אַלטע טאָרבע, ווי אַ שמש, להבדיל, דעם טלית־זעקל נאָך אַ גבאי.

אַראָפּ פון דער קלאַטקע טוט זיך פּלוצלונג דער גוי אַ דריי אויס, ווי אַ פאַרבויגטער טשוואָק, און קוקט אָן אַנשלען פאַרשנדיק, פון אונטן אַרויף:

— נאַ, — מאַכט ער — דו ווילסט דאָך גאָר נישט העלפן, גוטער מענטש! אין האַרצן שילסטו מיך און מיין טאָרבע טראָגסטו מיר נאָך... אַ־אָס?... מ׳דאַרף נישט, גוטער מענטש!

אַנשל ווערט פאַרציטערט פונעם גויס קוקעלע און פון זיינע רייד. יענער זעט אים, אפנים, דורך און דורך. ער קריגט חשק, אַנשל, אַ וואָרף צו טאָן די שווערע טאָרבע דעם גויעצל אין קאָפּ אַריין, פּלעטן אים דעם מוח. אָנשטאָט דעם שטאַמלט ער גאָר:

— ניין ניין. ביטשעוואָ, לאָז!

— אָך, — מאַכט דער גויעלע אָן אָנשטעל, אַז ער גלויבט אים שוין — לאָמיך זיך גאָר צוזעצן אַ קאַפּעלע. וואָט טוטאָטשקי! אָט דאָ אין זאַמד. אָה! די באַנק דיינע האָט מיך מיד געמאַכט. וווהין צו איילן האָב איך נישט.

— איך אויך נישט! — מאַכט אַנשל, און אין האַרצן גריזשעט ער זיך, אַז ער טוט נישט דאָס וואָס ער וויל.

נישט רעדנדיק מער קיין וואָרט, זעצט זיך דאָס גויעלע אַראָפּ אין זאַמד, ווי אַ קינד, מיט אויסגעשטרעקטע, באַשטריקלטע פיסלעך און לאַפּטיעלעך. אַנשל לאָזט לעבן אים אַראָפּ די טאָרבע, און, נישט־ווילנדיק און נישט־וויסנדיק ווי אַזוי, זעצט ער זיך אויך צו לעבן אַלטיטשקן. אָבער נישט אויף דר׳ערד נאָר אויפן אָנגעצויגענעם קאַנאַט פון פּאַראָם, וואָס לאָזט זיך דאָ אַראָפּביים עק קלאַטקע, אָנגעבונדן מיט אייזערנע פויסט־גראָבע קייטן אָן אַן איינגעגראָבענעם שווערן אַנקער. דאָס איז דער גאַנצער האַלט פון קאַנאַט אויף דער זייט דניעפּער, אויף זאַרעטשיע, און אָנגעצויגן איז ער דאָ ווי אַ מוראדיק דיקע סטרונע.

אונטער אַנשלס אָנגעגאָסענעם גוף גיט זיך דער קאַנאַט אַ וויג און אַ ברום ווי אַ באַנדורע. אַ שוידער לויפט אַרויס פון אונטער אַנשלס געזעס און לויפט אַוועק איבערן קאַנאַט. העט־העט ווייט, ביז אויף יענער זייט דניעפּער.

— וויגסט זיך, אַ? — קוקט אים אָן דער אַלטיטשקער מיט זיינע זשאַבע אויגלעך — וויג זיך, גוטער מענטש, וויג זיך!

— אפשר געבן אים גאָר אין מאָרדע אַריין? — טראַכט אַנשל ביי־זערהייט — אַזאַ אַלטער כלב! ווי דאָס קוקט, ווי דאָס דברט!

אָנשטאָט דעם בורטשעט ער גאָר אַרויס:

— מיין קאַנאַט — וויג איך מיך, אַז איך וויל!

— וויג זיך, גוטער מענטש! — חזרט איבער דאָס גויעלע כלומרשט פאַרשעמט — בייזער זיך נישט אויף אַן אַלטן מאַן! איך זאָג נאָר... ווי ער ברומט, דער קאַנאַט! ווי אַ חיה רעה אין שטייג. זיי מיט אים פאָר־זיכטיק, גוטער מענטש! איבער גוואַלד האָסטו אים אָנגעדרייט און אָנגע־צויגן אים. איז ער בייז. אָה־אָה־אָה! נישט אַלע ווייסן דאָס. נישט אַלע האָבן אַן אויער. אויך אַ שטיין האָט אַ נשמה, אויך אַן „איסטוקאַן" *) אַ האָלצערנער. אַ שנאה טראָגן זיי אויפן מענטשן, אויב ער קאָמאַנדעוועט צופיל איבער זיי. נישט אין אַ בייזער שעה זאָל זיין אויסגערעדט! אַך־כאַ־כאַ, האָספּאָדי פּאָמילוי!

אַנשל האָט זיך צוגעהערט אַ דערדריקטער. אים האָט זיך געגומען דוכטן, אַז ער איז שוין לאַנג פונדערהיים, זייער לאַנג. און דער גאַנצער שפּאַציר מיטן פּאַראָם איבערן דניעפּער, דער בלוטיקער וואָלקן מיט פּוסטע אויגן פריער און, דער מאָדנער גויעלע, דאָ ביים אַנקער, איז עפּעס איין שווערער חלום, פון וועלכן ער קען זיך בשום־אופן נישט אויפכאַפּן. ער וויל זיך אויפהויבן פון עק קאַנאַט און לויפן צו אַנטאַשן אויפן פּאַראָם און קען נישט. ער האָט פאַרלוירן דעם ווילן איבער זיך. צוגעקלעפּט איז ער, פאַרפּלאָנטערט זיך, ווי אַ פליג אין שפּינוועבס, און די גרינע שפּין מיט שפּיציקע אויגלעך — דאָס גויעלע, ציט פון מויל אַלץ נייע און נייע קלעפּיקע פעדימער און מאַכט מיט די לאַפּקעלעך, שפּינט די פעדימער, פּלאָנטערט זיי אַרום אים. וואָס וויל ער נאָך? וואָס דרשנט ער דאָ אַזוי?

4.

דער פּאַראָם איז דערווייל געשטאַנען צוגעפּענטעט צו דער קלאָטקע און נישט גערירט זיך פון אָרט. דער פּאַראָם פּאָרט נישט גלאָט אַזוי, אומזיסט. ער וואַרט שטענדיק ביז עס וועלן זיך אָנקלייבן פּאַסאַזשירן און פורלעך אויף דער זייט, אָדער ביז אומגעדולדיקע איבערפאָרער וועלן

*) אַ גולם.

אים אַ רוף טאָן פון יענער זייט. נאָר נישט דאָ, נישט דאָרטן זענען איצט, וועטשערע צייט, קיין פּאַסאַזשירן נישט געווען. אַנטאָשע, דער גוי פון פּאַראָם, האָט זיך אויך געלאָזן ווייל גיין, ביי זיך אין בודקע. איבערגעכאַפּט דאָס האַרץ. האָט אַנשלען און זיין צוטשעפּעניש — דעם גויעלע — קיינער נישט געשטערט. ביידע, ווי צוזאַמענגעפּענטעטע, האָבן אַ היפּשע ווײַלע געשוויגן.

דער שטראָם פון דניעפּער האָט שטיפעריש און ווײַמוטיק געמורמלט אויף שטיינדלעך ביים ברעג. אונטער דער האָלצערנער קלאָטקע האָט זיך דאָס געמורמל אָפּגעגעבן נאָך טרויעריקער, הילכיקער, ווי פון אַ גרויסער אָנגעשפּאָלטענער האַרפע, ווען מען בלאָנדזשעט מיט פאַרקלעמטע פינגער איבער אירע סטרונעס. צווישן די האַרטע גראָזן אין זאַמד ביים סאָמע וואַסער, איז עפּעס דורכגעלאָפן, אַ וואַסער־שטשור אַפּנים. אַ פאַרטרוימטער פיש האָט זיך דערשראָקן, אָפּגעשפּרונגען פון ברעג אין דער טיפעניש אַריין — פּליוך! אַן אומבאַקאַנטער האַלב־שלעפערדיקער פויגל, אין די ווערבעס, האָט אויפגעציטערט פונעם פּליוך און אַ פלי געטאָן: פּ־ר־ר־ר־ר!

איין טאָן האָט זיך אַזוי געקייקלט מיטן צווייטן. און אַלע דריי: דאָס נישטערן פון דעם שטשור, דער שפּרונג פון פיש און דער פלי פון פויגל, האָבן זיך געשווינד צוזאַמענגעגאָסן אין איין פאַרסודעטן אוּנטלעכן אויפשרעק. דאָס האָט זיך איבערגעגעבן אַנשלס אינערלעכער געשפּאַנטקייט, ווי אויף איבערגעצויגענע סטרונעס. ער האָט אינגאַנצן אויפגעשווידערט. דער קאַנאַט, אויף וועלכן ער זיצט, האָט דעם שוידער אויפגעכאַפּט און אַוועקגעטראָגן אים אויף יענער זייט דניעפּער. „וואָס טוט זיך מיט מיר?" קלערט ביי זיך אַנשל, און אַרויסרעדן טוט ער עפּעס גאָר אַנדערעס:

— די לעשץ טאַנצט. אַ גוטע פּאָגאָדע וועט מאָרגן זיין. אָדער אפשר אַ רעגן... ווי מיינסטו?

אָנשטאָט צו ענטפערן האָט זיך גאָר דאָס גויעלע צוכיכיקעט אין דער גרויער פענקענער באָרד. אומהיימלעך און דריבנע. אַנשלס ווילן איז איבגאַנצן פאַרגליווערט געוואָרן. אַ מאַטקייט האָט זיך אים צעגאָסן איבער אַלע אברים.

— וואָס לאַכסטו עפּעס, דיעד? — האָט ער אים מיד, כמעט שלעפעריק, אַ פרעג געטאָן.

— פיש שפרינגען, שטשורעס האָפּקען, פויגעלעך מאַכן: פּ־ר־ר־ר... אַ? אַ שושקעניש און אַ קושעניש. „שאָפּאָט דאַ כלאָפּאָט” און אין דער אמתן: „בי טאָ, בי סיאָ, בי דרוהאָי” — נישט דאָס, נישט יענץ, נישט עפּעס אַנדערש. ס׳איז ער אַליין. ער!... וואַלגערט זיך דאָ, ערגעץ־ווו אין גראָז, אונטער דער קלאַטקע אפשר, און טשיקוועט...

אַ קילע פייכטקייט האָט אַנשלען אַרויסגעשפּאַרט אויפן שטערן און אויף די שווערע דלאָניעס.

— ווער איז דער „ער”? — פרעגט ער מיט דער זעלבער אָפּגע־שטאָרבנקייט — וואָס רעדסטו, וואָס?

— וועמען זאָל איך מיינען? — שאָמקעט דאָס גויעלע — א י ם מיין איך. אים אַליין, דעם יאַרילאָ... מ׳האָט אים פאַרשטויסן. פאַריאָגט און פאַרפלאָגט האָט אים דאָס פּראַוואָסלאַוונע פאָלק. באַהאַלט ער זיך פון דאַמאָלס אָן אין וועלדער. קומט זומער לאָזט ער זיך אַראָפּ אויף ברעגעס פון טייכן. וואַלגערט זיך אין קוסטעס און טשיקעוועט. ווו מ׳האָט אים דערטרונקען, דאָרטן לויערט ער...

אַנשל האָט אויסגעקרומט די אויגן אויף די ווערבעס ביי דער זייט, ווו דער שטשור איז אָקאָרשט דורכגעלאָפן. און דער גויעלע, פונקט ווי ער וואָלט זיך געשפּילט מיט זיין שרעק און נייגעריקייט, האָט די ווערטער געצויגן מיט זיין קוקאָווע־קולכל:

— קוק בעסער נישט, גוטער מענטש! ווייסט אים סיי ווי סיי נישט זען. ער איז גרין און די קוסטעס גרין. זיין באָרד בליט ווי די בעז אין מאַי: אַמאָל בלוי און אַמאָל ווייס, און די הענט זענען ביי אים רויט ווי מאָן־בלומען אין פעלד. סיידן מען טרעט אים אָן, סיידן מען באַליידיקט אים, דעמאָלט דערזעט מען אים. צום לעצטן מאָל דערזעט מען אים... אָך־כאָ־כאָ, די שווערע זינד אונדזערע!

— ווער איז ער דאָס דיין... דער, דער...

— דער יאַרילאָ?... ווי קומסטו צו וויסן? אייגענע, פּראַוואָסלאַוונע, וואָס האָבן אים פון דאָרף פאַרטריבן, ווייסן שוין נישט מער. היינט דו זאָלסט וויסן? דו ביסט דאָך נישט קיין פּראַוואָסלאַוונער, אַ? אַ סטאַראָזאַקאָנער *) ביסטו. אָך־כאָ־כאָ! אַן אָפּגאָט אַזאַ געווען אַמאָל. אין פאַלעסיע איז ער געווען אין געדיכטן וואַלד, ביי דער בערעזינאַ, ביי די פינסקער בלאָטעס.

---

*) אַ ייד.

דאָס פאָלק האָט אים דאָן געדינט. „טשוד" האָט דאָס פאָלק געהייסן, דאָס איצטיקע רוסישע פּראַוואָסלאַוונע פאָלק. פינצטערע מענטשן דאַמאָלסט געווען. דעם טייוול האָבן זיי געדינט. דעם גרינעם טייוול פון זומער. יאַרילאָ האָט ער ביי זיי געהייסן. פון אַ יונגן דעמב פלעגן זיי אים אויסהאַקן מיט אַ שטיינערנער האַק. נישט געווען נאָך קיין אייזן אויף דער וועלט, נאָר אַ „קרעמען", אַנגעבונדן אָן אַ פלאָקן. און אויסגעהאַקט האָט דעם אָפּגאָט אַן אַלטער, גאָר אַלטער „וויעדון", דער מכשף זייערער. יונגע „צעלקעס" *) האָט מען אים דערצו געמוזט ברענגען, איינע מיט העלע האָר — דער טאָג, איינע מיט טונקעלע — די נאַכט. קיין מאַנסביל האָבן זיי נישט געטאָרט וויסן. נאָר יונגינקע קינדער נאָך. צוויי קרבנות יעדן נייעם אָפּגאָט. און אַזוי האָט דער „וויעדון" אויסגעהאַקט יאַרילאָן: מיטן שטיינערנער האַק, איין מאָל אין לייב, צוויי מאָל אין האַלדז. איין מאָל אין לעבעדיקן פלייש, צוויי מאָל אין דעמב. אַזוי האָט ער געהאַקט און געהאַקט. קיין גאַנץ ביינדעלע איז אין די קינדער נישט געבליבן. צעהאַקטע און מוטער־נאַקעטע זענען זיי לעבן דעמב געלעגן. אין לייב איין מאָל מיט דער האַק, אין האַלדז — צוויי. אָפּגעבן זייער לעבן און בלוט, די האַרציקע, פאַר אַ שטיק האָלץ! און דאָס פאָלק אַרום איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דער ערד און געפּרעפּלט ביז דער אָפּגאָט איז פאַרטיק געוואָרן. מיט אויגן, מיט אַ מויל, מיט הענט און פיס. אַלץ ווי עס באַדאַרף צו זיין. אַלע אברים זיינע — מיט מיידלשע בלוט באַשפּריצט. רויט אַזוי ווי דער מאָן אין וויעסנע־פעלד. דערנאָך פלעגט מען אים אויפשטעלן אויף אַ בערגל און מ׳פלעגט אים פאַרברענען די צעהאַקטע לייבער פאַר אַ קרבן. צוזאַמען מיט דרייצן מעסטלעך הירזש פלעגט מען דאָס פאַר־ברענען. וויפיל גאַנצע לבנות אין יאָר, אַזוי פיל מעסטלעך. נישט געווען נאָך דאַמאָלסט קיין קאָרן אין „טשוד", נאָר הירזש איז דאַמאָלסט אויף די פעלדער געוואַקסן...

5.

אַנשל האָט דערפילט, אַז די האָר שאָקלען זיך אים אויפן קאָפּ. ער האָט זיך אומגעדרייט צום מערב־הימל. דאָרטן ווו ער האָט פריער געזען דאָס משונהדיק בילד: אַ רויטע גולם־געשטאַלט מיט פוסטע אויגן, מיט

*) מיידלעך.

פאַרבלוטיקטע וואָלקנדלעך צופוסנס... צי האָט נישט דאָס וואָלקן־בילד אַ וועלכן נישט איז צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס דער גוי דערציילט דאָ? קיין זכר פון פריערדיקע צעגליטע וואָלקנס איז שוין אָבער מער נישט געבליבן אין הימל. נאָר אַ פּאַס געלע ליכטיקייט האָט נאָך געטליעט אין עק מערב, איבער שטאָטישע הייזער, אויף יענער זייט דניעפּער.

האָט ער זיך ווייטער אַ קער געטאָן צום גויעלע. יענער האָט נאָך כלומרשט אונטערגעזיפצט אויף די בלוטיקע זינד פון די אַמאָליקע „טשוד", בשעת מאַכן אַן אָפּגאָט. און אינדעראמתן — געסמאַקעוועט יעדעס וואָרט, יעטוועדע גרויזאַמע איינצלהייט, וואָס ער האָט אויסדערציילט. „אַי פּאַשלאַ אַי פּאָשלאַ!" — שאַמקעוועט דער אַלטיטשקער. ווי נאָר מ'האָט אים דאָס מענטשן־פלייש און הירזש פאַרברענט, דעם יאַרילאָ, האָט זיך אָנגעהויבן אַ יום־טוב, אַ הוליאַנקע פון קליין און גרויס. נישט קיין מאַן נישט קיין ווייב, נישט קיין ברודער נישט קיין שוועסטער. אַלע אינאיי־נעם, אַך־כאַ־כאַ!

אַן עקל האָט אָנשלען אַרומגענומען. ער האָט זיך אַ ביסל אויסגע־טשוכעט פון זיין מאַטקייט, אָנגענומען אַ בייזלעכן טאָן:

— און פון וואַנען ווייסטו דאָס אַלץ, דו אַלטע שקראַבע?

— אַ—אַס? פון וואַנען ווייס איך? — האָט זיך דאָס גויעלע אַ האַר נישט באַליידיקט — פון טאַטן ווייס איך דאָס. און מיין טאַטע פון זיידן. און דער זיידע פון עלטער־זיידן. טאַק־טאָ, גוטער מענטש. מיר ווייַ־ייסן! און דו האָסט געמיינט אַ לעשץ! אַ פויגל, כי־כי, אַ שטשור — אין גראָז. ס'איז ער, דער פאַרשטויסענער, אין דניעפּער געטרונקענער און נישט־דערטרונקענער. יאַרילאָ אַליין. פון צאַרגראַד*) זענען געקומען הייליקע פּאָפּן און גלחים אין גאָלדענע בראָקאַטן אָנגעטאָן, מיטן הייליקן צלם אין דער רעכטער האַנט און מיט רויכער־פאַנען און ווייראַך אין דער לינקער... צעגאַנגען זענען זיי זיך איבער דער ברייטער רוסישער ערד. אַריינגעטריבן דעם „טשוד" און אַלע אַנדערע איינוווינער אין דניעפּער אַריין. אָפּגעטובלט זיי און אָפּגעקריסטלט. אָפּגעוואַשן פון זיי דאָס אומשולדיקע בלוט פון קינדער. דורך די „וויעדונס" געשאָכטענע. די אָפּ־געטער אַראָפּגעשלעפּט פון די בערגלעך מיט שטריק. איבער די בלאָטעס געצויגן און אין דניעפּער מיט שווערע אָנגעבונדענע שטיינער אַריינ־

*) אַמאָליקער קאָנסטאַנטינאָפּאָל, איידער די טערקן האָבן אים איינגענומען.

געוואָרפן. בייזערט ער זיך פון דאַמאַלסט אָן יאַרילאָ. ווען דאָס גרינס צעוואַקסט זיך, קריכט ער אַרויס פון זיין באַהעלטער, וואַרעמט זיין גרין לייב אין דער וויעסנע־זון ווי אַ האַדיוקע*) אַ גיפטיקע און קוקט אַרויס מיט פאַהאַנע אויגעלעך. אָן אים גייט אויך די וועלט, גלעקער אין פראַ־וואָסלאַוונע קלויסטערס קלינגען, ציגן און צאַפּן פּאָרלען זיך, פעלדער בליען. אַלץ אָן אים. איז ער אין כעס. בלוט וויל ער! אַ קרבן וויל ער! ש־ש־ש... דו הערסט?

אין האָרטן גראָז, ביים וואַסער, האָט באמת עפּעס אַ שיפּע געטאָן, ווי אַן אָנגעטראָטענע שלאַנג. ווער וועמען האָט דאָ נאָכגעמאַכט? די שלאַנג דעם גויעלע, אָדער דאָס גויעלע די שלאַנג? אַנשל האָט זיך אין דעם נישט געקענט פאַנאַנדערקלייבן, וואָרים אָן איבערגעשראָקענער אמסל־פויגל איז אויפגעפלויגן מיט אַ געשריי: „צוואַ־צוואַ־צוואַ!...” און אַוועק.

— ס׳איז ער! — האָט דאָס גויעלע אויסגעלופּעט די אויגן און אַריינגעקוקט אַנשלען ביזן מאַרך פון די ביינער. — ס׳געהערט?...

אַנשל האָט קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסלאָזן. דאָס האַרץ האָט זיך אים אָפּגעשטעלט, און ס׳גויעלע האָט אַ ווילעטשקע אויסגעוואַרט, ווי ער וואָלט הנאה געהאַט פון זיין אייגענעם געהיימען כוח, און ווייטער גענומען פלאָנטערן אַרום אַנשלען זיין קלעפּיקן שפּינוועבס:

— דאָס איז נאָר אַ פּיפּס זיינער, אַן אָנזאָג. ער קען זיין שאַנד נישט פאַרגעסן. ער קען דעם פראַוואָסלאַוונעם פאָלק נישט מוחל זיין. מיט בליצן און דונערן צעבייזערט ער זיך, ווען עס קומט די צייט. זיינע אויגן און זיין קול איז עס. און ווער עס קומט אים אָן אין וועג, ווען ער צעיושעט זיך —

— פּאָדאַוואַ־אַי פּאַראַ־אָם!**)

פון דעם צווייטן ברעג דניעפּער האָט דער דאָזיקער רוף דערגרייכט, אַ הילכיק־ברומיקער און אויסגעצויגענער רוף פון אַ געזונטן, אומגעדולדיקן פּאַסאַזשיר. ווי פון אַ צווייטער וועלט האָט עס אַהער מונטער אַריינגע־הילכט צווישן אַנשלען און זיין צוטשעפּעניש גויעלע; איבערגעריסן פּלוצ־לונג אַלע אָנגעפּלאָנטערטע שפּינוועבס. אַנשל האָט זיך אַ וויש געטאָן דאָס פּנים מיט דער גאַנצער דלאָניע: הא? ווו איז ער דאָס אין דער וועלט?

---

*) שלאַנג.

**) גיב אַהער דעם פּאַראָם.

פון דער בודקע אויפן פּאַראָם איז אַרויסגעלאָפן אַנטאָשע מיט אַ פולן מויל ברויט און מיט אַן אָנגעצונדענער לאַמטערנע אין האַנט.

— כאַזאַין! — האָט אַנטאָשע אַ רוף געטאָן מיט אַ פאַרשטאָפּטן מויל — הוקאַיוטש! (באַלעבאָס, מען רופט!).

— איך גיי! — האָט זיך אַנשל גלייך אָפּגערופן און, ווי פון קייטן באַפרייט, אַ ריס געטאָן זיך פון זיין זיץ אויפן עק קאַנאַט און אַן „אַ גוטע נאַכט" צו זאָגן דעם מכלומרשט פריינטלעכן גויעלע, אַ שפרונג געטאָן אַרויף דער משופּעדיקער קלאַטקע. אין איילעניש האָט ער נאָך פאַספּיעט אָפּלאָזן ביידע פּעטליעס, וואָס האַלטן פעסט דעם פּאַראָם ביים ברעג, און גענומען ציען מיט אַלע כוחות. דער פּאַראָם האָט זיך גלייך אָפּגעשפּאַלטן, פון דער טונקעלער קלאַטקע אין אַ נאָך מער טונקעלן וואַסערדיקן דריי עק, גענומען שניידן זיך אין שטראָם מיט די צווי שפּיציקע נעזער פון די אונטערשטע לייוועס. אַנטאָשע מיט דער אָנגעצונדענער לאַמטערנע אין האַנט האָט אָנגעקוקט זיין באַלעבאָס אַ ביסעלע פאַרוווּנדערט, וואָס יענער האָט זיך נישט דערוואַרט ביז ער, אַנטאָן, וועט טאָן אַזאַ גראָבע מלאכה. דערזען לעבן זיך אַזוי נאָענט זיין טרייען דינער, אַן אָנגעצונדן היימיש ליכטל אונטערן גלאָז, איז אַנשל איינגאַנצן גע־קומען צו זיך. ער האָט זיך באַזינט, אַז ער האָט דעם מאָדנעם גויעלע אַפילו קיין גוט נאַכט נישט געזאָגט, אַנטלאָפן פון אים ווי פון אַ פורעניות. האָט ער זיך פאַרשעמט פאַר זיין יינגלשער שרעקעוודיקייט, אומגעדרייט זיך צום אַוועקגעשוווּמענעם ברעג, געוואָלט צושרייען דעם אַלטן גויעלע אַ גוט וואָרט. דערזעט ער גאָר, אַנשל, אַז דער אַלטיטשקער איז שוין מער אויפן זאַמדיקן ברעג נישטאָ, נאָר ער לויפט גיך־גיך, ווי אַ יאַשטשערקע, מיט דער שווערער טאָרבע אויפן פּלייצע צום שליאַך, וועלכער שניידט זיך אַריין צווישן צוויי בערגלעך, אַ היפּשן שטיק ווייט פון ברעג. און נישט קיין איינגעבויגענער איבער זיין שטעקן לויפט ער, נאָר אויסגע־גלייכט, ווי אַ רירעוודיק פויערל, אַ זעכציקער....

בלייבט אַנשל שטיין אַ פאַרגאַפּטער. דער קאַנאַט גליטשט זיך אים אַרויס פון די הענט און שטופּט אים אָפּ פון זיך מיט זיין גאַנצער אימ־פּעטדיקער קראַפט, גליטשנדיק זיך איבער די רעדלעך. זיין אָרט פאַר־נעמט אַנטאָשע און ציט ווייטער.

— וואָס טוט זיך דאָ היינט? — שטוינט אַנשל פאַראָמשציק הויך

אויפן קול. — אָקאָרשט האָט דאָך דאָס פויערל קוים־קוים געשלעפּט די לאַפּטיעלעך זיינע, אויסגעבויגן געווען ווי אַן אַלטע קאָטשערע.

— אַנטאָשע! אפשר ווייסטו... אפשר קענסטו אים, אָט יענעם דאָרטן, דעם אַלטיטשקן דיעד?

— אַ כטאָ יעהאָ זנאַיעט, באַרין! — הויבט אַנטאָשע מיט די פּליי־צעס — ווייזט אויס, אַ וואָגלער, אַ באָהאָמאָליעץ אפשר...

— אַ וואָס? — צינדט זיך אַנשל פלוצים אָן — אַ שיינער באָהאָ־מאָליעץ! אַ מכשף זאָג איך דיר! אַ טפו זאָל ער ווערן! קיין גוטער מענטש זאָל אים נישט קענען!... וואָס גלאָצסטו מיט דיינע קוקערס, וואָס? צי, צי, צי! פּערדישער קאָפּ איינער! צי!

יאַרילאָס קרבן

1.

אָנגעקומען איז דאָס איבער אַנשלען גאָר פלוצלונג און פונקט אַזוי אומגעריכט, ווי די פריערדיקע זומער־כמאַרע, ווי די קורצע דונערן און בליצן, וועלכע האָבן אים אַזוי אָנגעשראָקן. ער האָט שוין אין דעם פריער געזען אַן אָנהויב פון דעם מכשפס נבואות, אַן אָנזאָג — אַז זיי הויבן אָן מקוים צו ווערן...

ווי יעדע גרויסע געשעעניש האָט זיך דאָס אָנגעהויבן פון אַ קלייניקייט, פון גאָר אַ קלייניקייט:

ווען אַנשל פּאַראָמשציק האָט זיך שוין געהאַט אַ ביסל באַרואיקט, דאַרף זיך גראָד זוסל דעם מלמד פּאַרוועלן צו פּאַרגלעטן דעם שלעכטן איינדרוק, וואָס זיינע גמרא־תלמידים האָבן געמאַכט אויף די שיינע יידן אַרום טיש, מיט זייער אַרויסגנבענען זיך פון שטוב בשעת דער קליינער סומאַטאָכע. סטייטש! אַזעלכע יונגאַטשעס! אַזוי מבייש זיין אים און דעם כבוד פון דער תורה פאַר טאַטע מאַמען אין די אויגן, אין רעכטן מיטן לעקאַך און בראָנפן! איז מילא, אין חדר, און אם ירצה השם באַלד נאָך שבת, וועט ער זיך שוין מיט זיי אָפּרעכענען אויף ד ע ר וועלט. אָבער ווי אַזוי טייטשט מען אויס אַזאַ שקאָצעריי, אַזאַ בושה און חרפה פאַר פרעמדע יידן. מענטשן קענען דאָך באמת מיינען, אַז פאַר אים, דעם רבין זייערן, האָבן די שיינע תלמידימלעך מורא ווי פאַר דעם פּאַראַיאַריקן שניי... האָט ער זיך קודם כל צעשמייכלט מיט זיין זאַאיקען שמייכל, וועל־כער איז ביי אים אַלעמאָל אַ הקדמה פאַר אַ ברייטן שמועס. עס הייסט: ער האָט אַ ציטער געטאָן מיט דער אויבערשטער ליפּ, דערנאָך מיטביידע ליפּן צוזאַמען; צעוויגט זיך און צעשאָקלט די שיטערע וואָנצעס און אויפגעשפּאָלטן די פאַרוויכערטע ציין. און באַלד האָט ער זיך צערעדט און צעזאַאיקעט און פאַרשלאָגן אַלעמען דעם קאָפּ, מיט נסים ונפלאות

פון זיינע טייערע תלמידים: דאַכט זיך שקצים, אַ? יונגאַטשעס. קען מען דאָך מיינען ג...גאָט ווייסט וואָס. אָבער קינדער בלייבן קינדער! מיר זענען נישט בעסער געווען, ווי? מען מ...מוז זאָגן... דעם אמת, מוז מען זאָגן, ק...קעפּ, איר הערט? ק...קעפּ — האָבן זיי אייזערנע. אָט, דאַכט זיך, ליאָנקע, ליאָנקע פּ...פּיסקליאָניק רופט מען אים אין חדר. דאַכט זיך אַזאַ לאָקש! פרעגט ער ביי אים נישט אַנומלטן די אמתע קשיא? אינמיטן ב...בלאַט גמרא. ער, זוסל, איז פּשוט צעטומלט געוואָרן. און טרעפט ווו ער האָט די זעלבע קשיא און תירוץ געפונען? אין מרש״א האָט ער דאָס געפונען, מיט גאַנצע דרייסיק בלאַט ווייטער. איז דאָך אַ סימן, אַז ליאָנקע האָט עס אין די אויגן נישט געזען. איר פאַרשטייט אַ ח...חריפות? הייַנט נ...נעמט, למשל, משהקע בוילע, זעט, דאַכט זיך, אויס ווי אַ ביקל. קען מען דאָך מיינען — גאַרנישט. אַ פאַרשטאָפּטער קאָפּ. נעמט ער גאָר מיט התמדה, נעמט ער. זעצט זיך אַן אויף אַ האַרבן שטיקל גמרא און חזרט און חזרט ביז ער ווייסט עס אויף אויסנווייניק מיט... מיט... אַלע פּיצעלעך. הייַנט גיי רוף אים „בוילע״! אַ יידישער בוילע, עה? נו, פון פּייווקע אוריס איז שוין אָפּגערעדט. אַ ב...בראַנד אַ יונג, אַ פייער, זאָג איך אייך. כאַטש, דאַכט זיך, אַ סטאַטיק. בבחינת האָגל פון מצרים. כע־כע, אויבן אייז, שטיל, פיין, און אַ העלישער פייער ברענט אין האָגל... אַזוי אין דרך־ארץ, אַזוי אין לערנען, אַזוי אין שטיפן, להבדיל. נאָר וו...וואָס טויג אייך, אַזאַ קעפּל ווי פּייווקע? קיין וווּנדער נישט? נעמט אַפילו זלמינקע האָז. רעדט ווי אַ דרדקי־ייִנגעלע. רש״י איז ביי אים „ראַסי״ און פאַרהערט אים אָקאָרשט! אַ זכרון! חזרן חזרט ער קיינמאָל נישט. ער וועט אייך בעסער שפּילן מיט קנעפּלעך אונטערן טיש. געדענקט אָבער בעסער פאַר אַלעמען. אַז מען פאַרגעסט עפּעס איז ער דער אונטערזאָגער. וויפיל מאָל האָט ער ש...שוין געקראָגן מיט די „לאָקשן״ פאַר אַזאַ אונטערזאָגן? נאָר ס׳העלפט נישט...

ווי יעדער זאַאיקער האָט ער מאַריך געווען, זוסל דער מלמד, און ליב געהאַט מאריך צו זיין. און שיינע יידן אַרום טיש האָבן דערזופּט די לעצטע קעלישאָקעס, געצויגן ברעקלעך פון די בערד, מיט נחתדיקע באַוועגונגען און מיט שייַנענדיקע פּנימער און געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זיי גלויבן אין אַלע נסים וואָס ר׳ זוסל דערציילט זיי דאָ. זיי האָבן, אגב, פאַרדייעט אַצינד די גוטע פאַרבייסעכצן, מיט וועלכע באַשע די פאַראַמ־שציכע האָט זיי מכבד געווען, און קיין זאַך נישט געוואָלט נעמען זיך צום האַרצן. אַ פולן מאָגן זאָל גאָט אָפּהיטן פון אויפרעגונג און צווייפל!

האָבן זיי זוסלס רייד געלאָזט רינען איבער זיך, ווי אַ וואַרעמען שפּרעי־רעגן. זאָל ער זיך רעדן געזונטערהייט.

און ווען דער מלמד איז שוין אַזוי, פּאַוואָליע, דערגאַנגען ביז צום יינגסטן און איידלסטן פון זיין גמרא־כתה, צו אַבאָלע אַנשלס, צום מיטל־פונקט פון הייבטיקן לעקאַך און בראָנפן, האָט אַ ווינטעלע אַן אָטעם־געטאָן דורך דעם אָפענעם פענצטער און אַריינגעמישט אין זוסלס רייד אַ וויטן גערויש פון אַ מאַשין און אַ שטילן „פּאַך־פּאַך" פון וויאָסלע־רעדער.

אַנשלס בלויע אויגן זענען גלייך געוואָרן אומרואיק. די שוואַרצע וויעס האָבן געגנומען פינטלען. קיינער פון זיינע געסט האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט. נאָר ער אַליין האָט דערכאַפּט מיט איין אויער, אַז אַ פּאַרעכאַד קומט אָן... נישט אויסגערוט, ווי ער איז הייבט געווען, נאָך דעם נעכטיקן שמועס מיט דעם מאָדנעם גוי אויפן פּאַראָם און אַנגעשראָקן דורך דעם קורצן שטורעם, וואָס האָט זיך אָקאָרשט אַריבערגעטראָגן איבער זיין שטוב, האָט אים אַצינד, דער ווייטער סאָפּען פון פּאַרעכאַד, געשווינדלט דורך ר' זוסלס זאַאיקעוואַטע רייד, ווי בליצן דורך פּאַר־מאַכטע לאָדן־שפּאַלטן...

האָט ר' זוסל דער מלמד דערזען, אַז דער באַלעבאָס הערט זיך נישט מער צו צו די מעלות פון זיין אייגענעם זון. „יאָ, יאָ", מורמלט אַנשל פּאַראָמשציק, און ער קוקט גאָר צום אָפענעם פענצטער, האָט ער זיך צו אים צוגערוקט נענטער און פריינדלעך אַנגענומען פאַר אַ קנעפּל.

— איר הערט דאָך, — מאַכט צו אים ר' זוסל — איר מיינט אפשר, ר' אַנשל, כ'וואָלט אַזוי פרי אָנגעהויבן גמרא מיט אייער אבאָלען? נאָר איך כ...כאַפּ זיך דאָ פאַר פּסח, אַז ער קוקט כלומרשט אין ח...חומש און הערט זיך גאָר צו ווי די עלטערע כתה חזרט איבער איר בלאַט גמרא. וו...ווהין קוקסטו? זאָג איך. ווו האַלטסטו קאָפּ? זאָג איך. ק...קוק, זאָג איך אין „משפּטים" קוק! און וואָס רש"י מאַכט מכוח קויפן אַ יידישן קנעכט... הערט ער מיך, מיינט איר? בין איך אים דאָך מכבד מיט... מיט אַ פּאַטש. אַ רבי מעג, אַ רבי! שווייגט ער. וויינט אַפילו נישט און הערט זיך בגניבה צו וואָס די גמרא־יינגלעך לערנען. שריי איך דאָך שוין: ש...שייגאַץ! וואָס הערסטו זיך צו, וואָס? פּאַרשטייסט דען עפּעס? ווערט ער רויט ווי אַ בוראַק, ווערט ער רויט... און... און... און —

.2

דאָס סאָפּען פון פֿאַרעכאַד דערהערט זיך נענטער און אַנשל פּאַ־ראַמשציק קוקט זיך אַרום ווי אַ געפֿאַנגענער. ער פּרוּווט זיך אַ ביסעלע אַ הויב טאָן און דערפֿילט, אַז ער איז גאָר צוגעקייטלט צו ר׳ זוסלען... ווייסט ער נישט וואָס ער זאָל דאָ טאָן. ער איז באַזאָרגט פֿאַרן קאַנאַט און ר׳ זוסלען וויל ער אויך נישט מבייש זיין. שפּיצט ער אָן ביידע אויערן, צי הערט מען נישט אַנטאָשעס לאַפּטיעס, ווי זיי טאָפּען אַרויף צום קאָלאָוואָראַט אויפֿן הויכן ברעג? נאָר עפּעס הערט מען זיי נישט. ער האָט צייט דער ערל, ימח שמו וזכרו! פֿרעמדע הענט זענען פֿאַרט נישט אייגענע!... זיצט ער, אַנשל, ווי אויף הייסע קוילן, און די אויגן זיינע לויפֿן פֿון פֿענצטער צו פֿענצטער.

— מיר דאַכט זיך... הערט, הערט!... — אַזוי וויל ער איבערשלאָגן ר׳ זוסלען.

נאָר ר׳ זוסל לאָזט זיך נישט. פֿעסט זיצט דעם באַלעבאָס קנעפּל אין זיין מלמדישער האַנט. און ער אַליין קוקט אַזוי חניפֿהדיק־זיס ר׳ אַנשלען אין די אויגן אַריין. ער לויבט אַבאַלען, אונטער די אויגן, און זאַאיקעט האַניקדיק:

— ז...זאָג איך צו אייער בחורל זאָג איך. טו זאָג־זשע שייגאַץ, זאָג איך: ש...שנים אוחזין בטלית, זאָג איך. ז...זה, זאָג איך, אומר: אני מצאתיה, זאָג איך...

— פֿאַך — פֿאַך! פֿאַך — פֿאַך! — אָטעמט שווער דער פֿאַרעכאַד. אַצינד — ערגעצווו נישט ווייט הינטער דער שטוב. און אַנשל פֿילט ווי אַ חיה־רעה גנבעט זיך צו זיין נייעם קאַנאַט. שפּרינגט ווייך און כיטרע און די זשעדנעקייט אָטעמט איר פֿון גאָרגל. נאָר דער פֿאַרעכאַד פֿון דער גויאישקער „קאָמפּאַניע" סאָפּעט אַזוי!...

קען זיך שוין דער פֿאַראַמשציק מער נישט באַהערשן, און, אומגעריכט פֿאַרן עולם אַרום טיש און פֿאַר זיך אַליין, גיט ער, אינמיטן „שנים אוחזין בטלית", אַ רעווע צום אָפֿענעם פֿענצטער:

— אַנטאָ־אָן!

בלייבן דאָך אַלע זיצן פֿאַרציטערטע פֿון אַזאַ פּלוצלעכן עם־הארצישן ברום. די גוטע פֿאַרדייאונג ביי די שיינע יידן ביים טיש איז געשטערט. ס'איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז „אַנטאָן" פּאַסט זיך נישט אַהער. פֿון וואַנען האָט זיך דאָ אין מיטן דרינען גענומען אַן „אַנטאָן"?

ר׳ אַנשלס אויגן ווערן אָבער ווילד. אַנטאָן ענטפערט נישט! אַנשטאָט אים גיט די חיה אַ טרובע אויפן דניעפּער:

— טו־טו־טו!

ס׳איז אַ כלומרשטע וואָרענונג פון גויאישקן פאַרעכאָד. וואָרים אינ־דעראמתן ווילן גאָר נישט די שונאי ישראל מען זאָל אָפּלאָזן דעם קאַנאַט, ס׳איז נאָר פון יוצא וועגן. איבערהאַקן ווילן זיי אים...

דערשראָקן פון דעם פּאַראָמשציקס קוק מער ווי פון זיין קול, לאָזט אים ר׳ זוסל אָפּ דעם געפּאַנגענעם קנאָפּ. און באַפרייט, ווי אַ בער פון אַ קייט אָפּגעריסן, שפּרינגט אַנשל אויף, שטעלט זיך דיבאָם, לויפט צו מיט די געוואָרוולטע שטיוואַלעס צום פענצטער און ברילט נישט מיט זיין קול:

— אַנטאָשע, מען טרובעט!

אַ נישט דייטלעכער בורטשען ענטפערט אים אָפּ פון זאַמדיקן שטע־געלע, וואָס פירט ארויף באַרג, פון פּאַראָם צום קאָלאָוואָרט.

— אַנטאָן! — רעוועט אַנשל און צאַפּלט זיך פאַר כעס, ווי גרויס און געזעצט ער איז.

אַצינד ענטפערט אים אַנטאָשעס קול ערגעץ־ווו אַ פאַרגאָסענער, אַ שיטערינקער קול:

— אידו יעטאַ... באַ־אַרין! *)

נאָר ר׳ זוסל מלמד פאַרשטייט נאָך נישט גאַנץ קלאָר וואָס פאַר אַ בהלה ס׳איז דאָ פּלוצלונג אָנגעקומען אויף ר׳ אַנשלען. וואָס קאָכט ער זיך אַזוי, וואָס צאַפּלט ער זיך?... וואָס פאַרשטייט אַ מלמד אין די ענינים פון פּאַראָם און קאַנאַט! ער ווייסט נאָר, אַז ער האָט מיט עפּעס נישט יוצא געווען פאַרן פּאַראָמשציק, עפּעס איז מיט אים דער עם־הארץ שטאַרק נישט צופרידן. שאַרט ער זיך צו צום פענצטער און האָט בדעה אָנצונעמען דעם באַלעבאָס פאַרן אָפּגעלאָזענעם קנעפּל, אַזוי גיך ווי ער וועט זיך אַ ביסל באַרואיקן. אַ קלוגעטשקע מינע ציט ער אויף זיך אָן און גיט אַ מאַך מיט איין האַנט בטולדיק. ס׳הייסט: „נישטאָ ר׳ אַנשל וואָס צו קאָכן זיך!״... און מיט דער צווייטער האַנט רירט ער אים אָן ביים אַרבל:

— מה רעש, ר׳ אַנשל!... איז הערט איר דאָך! ט...טייטש זאָג איך צו אייער בחור, זאָג איך, זה, זאָג איך, אומר —

---

*) אָט־אָ גיי איך, באַלעבאָס.

אַנשטאָט צו ענטפערן אים גיט זיך גאָר אַנשל אַ וואָרף און אַ דריי אויס צו ר׳ זוסלען, ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטאָן. עס בריט אים אָפּ מיט אַ מוראדיקן קוק פון אַ מענטשן, וואָס טרינקט זיך, אויף איינעם וואָס שטייט דערביי און גלויבט נישט און טרייבט גאָר קאַטאָוועס.

— איר!... — גיט ער אויף אים שאַרף און גראָב אַ געשריי — שלים —

ער פאַרענדיקט נישט דעם בייזן זידל־וואָרט, אַנשל פּאַראָמשציק. ער פאַרשלינגט אים אין אַ דערשטיקטן ברום פון אַ פאַרווונדעטער חיה. איין פעטן שטיוול וואַרפט ער דערביי אַרויף, ווי אַן אַנגעצויגענעם בויגן, אויפן פענצטער־שוועל און מיטן צווייטן באַשטיוולטן פוס גיט ער ווילד אַ שפרונג אונטער. ער פליט אַזוי אַרויס ווי אַ פייל דורכן אָפענעם פענצטער און פאַרשווינדט פון ר׳ זוסלס אויגן.

דער מלמד בלייבט שטיין מיט אַן אָפּגעהאָנגענעם קין. אויף אַזאַ פלינקייט פון אַ בעל־גוף אַ יידן, ווי אַנשל איז, האָט ער זיך אינגאַנצן נישט גערעכט. אים זעט דאָס אויס עפּעס מעשה־קונדס... דרייט ער זיך אויס, ר׳ זוסל, צו די נישט ווייניקער פאַרווונדערטע שיינע יידן ביים טיש, און גיט אַ מאַך מיט ביידע פּלייצעס. ס׳הייסט: „איר זעט דאָך! אַן עם־הארץ בלייבט אַן עם־הארץ!״

.3

מיט איין בלאָנדזשענדיקן קוק פון זאַמדיקן בערגל אַראָפּ, איז אַנשל תופס די גאַנצע לאַגע: דער פאַרעכאָד לויפט מיט זיין פולן דאַמף. נאָר אַ וועלכע צען קלאַפטער טיילן אים אָפּ פונעם נישט אָפּגעלאָזענעם קאַנאַט. אויפן סאַמע רויט־געפאַרבטן נאָז פון פאַרעכאָד שטייט גרייט, ווי אַ יעגער, אַ געזונטער מאַטראָס מיט אַ ברייטער האַק און אויסגעשטרעקטן אָרעם. די האַק גלאַנצט מערדערלעך אין דער זון און די ציינער ביים גויאישקן מאַטראָס גלאַנצן אויך. מיט צוזאַמענגערעדטער רשעות בליאַס־קען זיי ביידע. צופרידן, אַפּנים, וואָס מ׳האָט פאַרשפּעטיקט אָפּלאָזן דעם זשידאָווסקין קאָלאָוואָראָט און אָט־אָט וועט מען דעם קאַנאַט איבערהאַקן, אין סאַמע מיטן, און אָנטאָן דעם יידן אַ רעכט ביסל היזק... דער גויאיש־קער פאַרעכאָד קלערט גאָר נישט אָפּצוהאַלטן זיין אימפּעט, פאַרקלענערן דעם גאַנג. והא ראיה: לעבן דער הענטלדיקער ראָד פון רודער שטייט דער קאַפּיטאַן אַליין, מיט זיינע גאָלדענע עפּאָלעטן און קאָקאַרדע און

שטייערט אויפֿן סאַמע מיטן דניעפּער, אויף דעם דיקן אָדער פֿונעם יידנס פּרנסה שטורעמט ער. דער אַראָפּגעבויגענער קאָזיראָק פֿאַרשטעלט זיין טרפֿהנעם פּנים. נאָר אַנשל פֿילט, אַז ער שמייכלט דאָרטן פּונקט אַזוי רשעותדיק, ווי דער מאַטראָס אויפֿן נאָז פֿון פֿאַרעכאָד, צווישן די אַנקערס. אַ געהיימער פֿאָדים פֿאַרבינדט זיי ביידן...

דער פּאַראָם שטייט אַ צוגעבונדענער, האַרט ביי דער משופּעדיקער קלאַטקע. גויים אויף אויסגעבעטע פֿורן און יידענעס מיט קאָשיקעס מאַכן אויף אים דערשראָקן מיט די הענט. אַ טייל פֿון זיי לויפֿן צוריק אַראָפּ־קלאַטקע. און אויף דעם זאַמדיקן שטעג, וואָס פֿירט פֿון פּאַראָם צום קאַ־לאָוואָראָט, דראַפּעט זיך אַנטאָשע מיט זיינע לאַפּטיעס צום הויכן ברעג, און בויטשעט, מחמת גרויס פֿלייסיקייט, מיטן גרויסן קאָפּ...

ערשט אַציגד איז זיך דער פּאַראָמשציק משער, אַז זיין גוי איז שיכור, אַז ער האָט זיך איבערגעטרונקען מיט די גרויסע קעלישאָקעס בראָנפֿן, וואָס ער, אַנשל אַליין, האָט אים דערלאַנגט דורכן אָפֿענעם פֿענצטער. געשפּילט זיך מיט דער פּויערישער ניכטערקייט, פּאַר וואַרמעס, און אָט! פֿאַרשפּילט זיך...

— פֿאַרלוירן דעם קאַנאַט! — גיט אַנשלען אַ בליץ אין צעהיצטן קאָפּ — דער גוי איבערגעטרונקען און אַליין פֿאַרזאַמט זיך איבערן מלמד... אוי, אוי, אַן אומגליק... אויפֿן מכשפֿס קאָפּ!

די דאָזיקע פֿאַרצווייפֿלונג געדויערט נאָר איין קליינע רגעלע. און באַלד קומט אַנשל צו זיך. אַ ניכטערער פֿינטל פֿלאַמט אים אויף אין צעטומלטן מוח און פֿאַרוואַנדלט זיך אין האַסטיקער עקשנות. ווי אָפּ־געלאָזענער דאַמף אין אַ מאַשין, כאַפּט דאָס אים אויף און טרייבט אים אימפּעטיק, אַראָפּ בערגל, צו דער מאַשינעריע מיטן קאַלאָוואָראָט, אונ־טערן שינדל־דעכל. שפּרינגענדיק, ווי אַ דערשראָקענער בער, מעסט ער פֿונדעסטוועגן אָפּ דעם געבליבענעם שטח צווישן קאַנאַט און צווישן דער גלאַנצנדיקער האַק; צווישן אים, אַנשלען, און קאַלאָוואָראָט. דאָרטן — אַ וועלכע פֿינף קלאַפֿטער געבליבן און דאָ — אַ זיבן אַכט... דאַרף מען, הייסט דאָס, פֿאָספּיען גיכער ווי דער דאַמף!

ס׳איז אַ קורצע רגע פֿון וועט־געלויף צווישן אַ מענטשן מיט אָפֿענע אויגן און אַ בלינדער בייזער מאַשין; צווישן אַ ווילן פֿון בלוט און פֿלייש און אַ ברוטאַלער קראַפֿט... ווער וועמען וועט איבעריאָגן?

ווי אַ שוואַרצער וויכער טראָגט זיך אַנשל, און דאָס סאָפּען פֿון פֿאַ־רעכאָד פֿאַרפֿאָלגט אים, דאַכט זיך, ביי די פּיאַטעס. כאָטש יענער לויפֿט

גאָר אונטן, אויפן וואַסער, און ער, — דאָ אויבן אויפן זאַמד. פּאַך־פּאַך! אָטעמט גיך די מאַשין און אין אַנשלס ברענענדיקע אויערן קלינגט עס עפּעס משונהדיק קאַפּויר: כאַפּ! כאַפּ! כאַפּ! פּונקט ווי אַ גרויס, בייז־לאַכנדיקע בעסטיע וואָלט זיך נאָך אים געיאָגט: „כאַפּ, כאַפּ, כאַפּ, דעם יידליק! פּאַרטומלט אים! שנייד איבער זיין פּרנסה! האַק איבער דעם קאַנאַט ווי אַן אָדער, אַז דאָס גאַנצע בלוט זאָל אויסרינען אין דניעפּער!...״ און כדי צו באַרעכטיקן איר פּאַרברעכן, גיט זי נאָכאַמאָל אַ טרובע, צערעוועט זיך מיט אַ כיון:

— טו־טו־טו!

ס׳הייסט: זי האָט געוואָרנט אָפּצולאָזן דעם קאַנאַט באַצייטנס... קיינער האָט זיך אָבער נישט אָפּגערופן. איז זי נישט שולדיק.

אַנשל פילט דאָס זייער גוט. און זיינע אויסגעשמירטע, פון שטויב גרוי געוואָרענע, שטיול וואַרפן זיך אינדערלופטן. ווי אונטערגעשאָסענע פליגלען צאַפּלען זיי זיך און פלאַטערן אין זאַמד. און די רויטע לאַכנ־דיקע, ווי מיט בלוט אויסגעשמירטע וויאָסלע־רעדער פון פּאַרעכאָד פּאַטשן זיך אין וואַסער, רודערן זשעדנע אין שוים, ווי די פליגלען פון אַ רויב־פיש נאָכן קרבן:

— פּאַך־פּאַך פּאַך!

— אַי־אַי־אַי! — רייסט זיך אַרויס אַ וויי־געשריי פון אַנשלס קייכנ־דיקער ברוסט. ס׳איז אַ געשריי פון טיפסטן צער און שרעק. ער פילט שוין אַצינד, אַז סיי דער קאַנאַט, סיי ער אַליין זעגען אין געפאַר. נאָר אָפּהאַלטן זיין לויף קען ער שוין נישט מער. ס׳איז שטאַרקער פון אים. דער בייזער גייסט פון געלט טראָגט אים אַצינד כמעט קעגן אייגענעם ווילן. עס לאָזט אים אַפילו נישט מער אומקוקן זיך, אָפּמעסטן דעם געבליבענעם קליינעם שטח מיטן אויג. יעדער ציטער מיט די וויעס איז אַצינד טייער. ער פילט נאָר מיט אַלע צעהיצטע חושים און מיט אַלע פאַרשוויצטע אברים, אַז... אַט־אַט־אַט!

פון הינטן דערגרייכט צו אים נאָך באַשעס אַ געשריי:

— אַ־נשל! צו ע... ע...

דעם סוף פון איר געשריי הערט ער שוין נישט מער. אין זיין אומ־מענטשלעכן אימפּעט צו ראַטעווען זיין אייגנטום, זיין פּרנסה, דעם הונ־דערט־רובלדיקן קאַנאַט, וואָס ער האָט געלאָזט מאַכן צום ערשטן מאָל נאָכן טאַטנס טויט, פאַרגעסט ער אינגאַנצן אויף זיך אַליין. ער פּאַלט כמעט אַרויף אויפן שווערן דעמבענעם הויבל. מיט דער צאַפּלדיקער ליַנ־

קער האַנט טשעפּעט ער אָפּ דעם אייזערנעם צוויי פּודיקן געוויכט. און מיט דער רעכטער — כאַפּט ער אָן דעם גוט־באַקאַנטן אויסגעגלעטן און נאָכגיביקן האַלצערנעם אָרעם און גיט אַ הויב.

ער דערהויבט אָבער נישט... די גאַנצע וועלט פאַלט איין. ווי אַזוי, אַ?... אַנשטאָט דער פּלייסיקער פּויקעריי פון באַפרייטע האַלץ־ציינער, רעדער און וואַלגער־העלצער מיטן האַסטיקן שטיפערישן פּליושק פון קאַנאַט אין וואַסער. שפּרינגען גאָר אויף הימל און ערד. איינער אַקעגן אַנדערן און מישן זיך צוזאַמען אין איין מוטנעקייט. ווי פון אַ מוראדיקן פּאַטש הויבן אָן צו שיסן רויטע און גרינע פונקען פון די אויגן און גלאָקן צעקלינגען זיך קורץ און שמערצלעך איןביידע אויערן. איבעם גיהנום־געשווינדל פון פונקען און גלעקער און עפּעס אַ זודיקן שמוץ גיט אַ בליץ, ווי דורך אַ ברייטן שפּאַלט, דער אויסגעריסענער קאַלאָוואָראָט. ביידע אַקסן דרייען זיך אַצינד נישט שטייענדיק, נאָר ליגנדיק... איין אַקס רויט, גליענדיק רויט, ווי דער נעכטיקער וואָלקן־גולם מיט די פּוסטע אויגן... פונעם מערב־הימל איז ער אַראָפּגעפאַלן... טררראַך! און אָט ברענען שוין אים צופוסן צוויי געשאָכטענע שיקסעלעך...

— טפו, טפו! — מאַכט אַנשל מיט אַ מוראדיקער שפּלדיקייט. ווי מיט אַ הייסער שעפּל שמוץ ליגט ער אָפּגעגאָסן צופוסנס פונעם זעלביקן אָפּגאָט. צוזאַמען מיט די שיקסלעך טוקט ער זיך אין בלוט. אָבער אַנ־שטאָט אויסצושפּייען, מאַכן גאָר די ווייטיקדיקע ליפּן „בול־בול” און אַ קלעפּיקער און רויטער דיעגאַכץ בלעזלט זיך אויף זיי. וואָס איז דאָס פאַר אַ דיעגאַכץ? אַך, יאָ!... פון דער שוואַרצער קיילעכדיקער לאָך אין דער אונטערשטער קלאָץ, וווּ די אַקס פון קאַלאָוואָראָט האָט זיך אַמאָל געטוקט אין פעטער סמאָלע, לויפט גאָר אַצינד אַ געדיכטע רויטקייט. זי שמעקט נאָך בראָנפן, און שטיקלעך לעקאַך שווימען אין איר... דער נעכטיקער גויעלע מיט דער פלאַקסענער באָרד, געדרייט און צעשויבערט ווי אַן אַלטער צעוויקלטער קאַנאַט, שפּרינגט אַרויס פון אונטער דער קלאָץ, קוליעט זיך איבער. מיט די זשאַבע אויגן נעמט ער אים דורך, אַנשלען; און מיט דער פּאָסקודנער באָרד ווישט ער אים די קלעפּיקע בלעזלעך פון די ליפּן, קיצלט אים אין האַלדז און מאַכט: — יאַריל — ריל — כי־כי, אַ?... און פון זיין יעדן רירעלע שיט זיך מיט שניידנדיקע ווייטיקן אין שאַרבן.

— קאַ־קאַ־קיי, — שטאַמלט אַנשל בלעזלענדיק. ער וויל זאָגן: קיין בעסערן קרבן פאַר דיין מיאוסן „יאַרילאָ”, ווי אַ יידישן פּאַראָמשציק,

האָסטו זיך שוין נישט געקענט אויסזוכן ?... נאָר אַרויסזאָגן דאָס קען ער נישט. דער גויעלע ווערגט אים.

— באַ־אַש !... — שרייט־אויף אַנשל מיט די לעצטע כוחות. דאָס האָט ער געוואָלט אַ רוף טאָן : „באַשע ! טרייב אַוועק דעם גויעלע !״ און האָט נישט דעררופן. וואָרים אַלע פאַרבן און מאָסן ווערן מיטאַמאָל פלאַך און דין און שוואַרץ. אין דער נישט־מממשותדיקער פלאַכקייט בלייבט איבער נאָר איין קלעפּיק בלעזעלע אויפן מויל. „פּוק !״ מאַכט דאָס לעצטע בלעזעלע — און פּלאַצט.

4.

געשען איז דאָס, אויף וואָס די רשעותדיקע מאַנשאַפט פון פאַרעכאַד האָט זיך אַליין נישט געריכט.

דאָס ערשטע פאַך־טאָן מיט דער ברייטער האַק האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס צו שוואַך אַקעגן דעם נייעם קאַנאַט. דער פויסט־דיקער, פּריש־דורכגעפּעכטער פּענקענער זייל איז אָפּגעשפּרונגען אונטער דער שטאָ־לענער שאַרף ווי אַ שווער־וואַגיקע אָנגעצויגענע ספּרוזשינע. נאָר איין דריטל פון זיין בויגיקער מאַסיווקייט האָט זיך געלאָזן אָנהאַקן.

אַ שווונג טאָן די האַק אַ צווייטן מאָל האָט שוין דער גויאישקער מאַטראָס נישט פאַספּעיעט. דער קאַפּיטאַן אַליין האָט זיך פאַררעכנט, פאַרפּלאָנטערט אין זיין אייגענער רשעות. ער האָט זיך נישט פאָרגע־שטעלט, אַז אַ זשידאָווסקער קאַנאַטל וועט זיך אַזוי אַנטקעגנשטעלן אַ קריסטלעכן שאַרפן אייזן. האָט ער דערפאַר נישט באַוויזן אָפּצושטעלן באַצייטנס דעם דאַמף. און מיט פולן אימפּעט איז דער שפּיץ נאָז פון פאַרעכאַד אָנגעלאָפן אויף דעם נישט־דערהאַקטן, פאַפרעק־אָנגעצויגענעם פּענקענעם צוים. אין סאַמע מיטן ברייט פון דניעפּער.

און אָט וואָס די פּויערים און באָסקע־טרעגער אויפן שטאַטישן דניע־פּער־ברעג האָבן געזען מיט זייערע אייגענע אויגן :

פון שטורמישן שטויס אין קאַנאַט און דורך זיין מאָוימדיקן שמיץ אויף צוריק איז, קודם כל, דער פריילעכער מאַטראָס, מיט דער האַק אין האַנט, אַראָפּגעשליידערט געוואָרן פון „נאָז״ אין וואַסער אַריין. ווי אַן אַרבעסל פון אַ קינדער־בויגן האָט דאָס אים אַרויסגעשנעלט... און דער אָנגעשלאָ־גענער רויטער נאָז פון פאַרעכאַד גופא איז אויפגעשפּרונגען צוויי קלאַפּ־טער הויך, אַזוי, אַז דער גאַנצער פאָרנט פון פאַרעכאַד האָט זיך אויפ־

געשטעלט דיבאָם, ווי אַ טויט־דערשראָקענער פערד. אַלע פּאַסאַזשירן, וועלכע האָבן זיך, בשעת־מעשה, געפונען אונטערן ווייסן, משופּעדיק געוואָרענעם דאַך, זענען מיט קולות און געוואַלדן אומגעפאַלן אויף הינטן, צוזאַמענגעקויקלט זיך אין איין שרייענדיקער קופּע. דער קאַפּיטאַן אַליין מיט זיין שטורמאַן האָבן זיך אָפּגעריסן פון דער הענטלדיקער ראָד ביים רודער און אויך אָוועקגעקויקלט זיך אינעם הויפן מענטשן.

אָבער, ווי נאָר די פאַרריסענע נאָז פון פאַרעכאָד האָט ווידער אַ פאַל געטאָן אין שטראָם, האָט זיך דער מוראדיקער שמיץ פון קאַנאַט אַריבערגעטראָגן פון אונטערשטן טייל פאַרעכאָד איבער זיין לייכטן, בלעכערנעם דאַך. ווי אַ באַפליגלטע ווערג־שלאַנג האָט זיך דער צעיושעטער קאַנאַט אַ וואָרף געטאָן איבער דער גאַנצער לענג פון פאַרעכאָד און דורכגעבראָכן, אומגעוואָרפן און אַראָפּגעשאַרט אַלץ, וואָס איז אים געשטאַנען אין וועג, וואָס לייכט — איז ווי שפענדלעך געפלויגן אין וואַסער, און וואָס שווער — האָט זיך אונטערטעניק איינגעבויגן, אָדער אומגעפאַלן. די לופט־רערן פון די קאַיוטעס, וועלכע טרעטן אַרויס איבערן דאַך, ווי ריזיקע בלאָז־אינסטרומענטן, האָבן זיך צעקרימט, די גומענע רעטונג־גאַרטלען זענען געפלויגן ווי ווייסע בייגל מיט שוואַרצע אויפשריפטן. נאָר דער שווערער רויך־קוימען האָט זיך קראַכנדיק אַראָפּגעבויגן און מיט אים צוזאַמען — דער פאַראָווער פּייפער. עפּעס איז דאָרטן גלייך קאַליע געוואָרן אין פּייפער, וואָרים ער האָט אָנגעהויבן כריפּען און זשיפּען אָן אויפהער, ווי אַן אַסטמע קראַנקער. און באַלד נאָכן איינפאַלן פון קוימען האָט זיך אונטערן בלעכערנעם דאַך, דערהערט אַ פרישער געוואַלד: „ראַטויטשאַ!" (ראַטעווועט!). ס'האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, אַז געוואַיעט האָט דאָס נישט קיין אַנדערער, ווי דער קאַפּיטאַן מיט זיין אייגענעם כבוד. ער האָט זיך דער ערשטער אויפגעהויבן פון דער צוזאַמענגעפאַלענער קופּע פּאַסאַזשירן און אַ וואָרף געטאָן זיך צום אָפּגעלאָזטן רודער. האָט אים דער קראַכנדיקער קוימען געטראָפן דעם ערשטן, פאַרקלעמט אַ פוס. און דער קאַליע געוואָרענער פּייפער האָט אים אָפּגעשפּריצט מיט זודיקע וואַסער... אַ מאַטראָס האָט געמוזט איבערנעמען די קאָמאַנדע ביים רודער און אַרויסגעפירט דעם פאַראומגליקטן פאַרעכאָד אויפן מיטן טייך. וואָרים דעם צעקאַליעטשעטן קאַפּיטאַן האָט מען געמוזט אַראָפּטראָגן אין די קאַיוטעס.

אָפּגעקאָסעט אַזוי אַלץ וואָס שטעקט אַרויס און שפּיצט זיך איבערן דאַך, האָט נאָך דער צעוויגטער קאַנאַט אַ שמיץ געטאָן דעם משופּעדיקן

הינטערטייל פון פאַרעכאַד, אַ גליטש געטאָן זיך איבער די אָנגעצויגענע לייוונטן, וואָס באַשיצן דעם באַגאַזש, און, ווי מיט אַ מעסער, אָפּגעשניטן די פלאַטערנדיקע רוסישע פאָן אויפן ווייסן שטאַנג. און ווען דער פאַרשעמטער צעשונדענער פאַרעכאַד איז, קוים מיטן לעבן, אַנטלאָפן פון דעם צעבושעוועטן און פלינקן מזיק, האָט זיך נאָך דער זיגרייכער קאַנאַט געוויגט הינטער אים, אַהין און צוריק, ווי אַ מוראדיקער אומרו. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ער רופט שפּאָטיש נאָך דעם אַנטלאָפענעם: „ווילסט אפשר נאָך?״ און, וויגנדיק זיך אַזוי, האָט ער פּאַוואָליע גענומען אַראָפּזינקען אינמיטן דניעפּער. דאָס אַליין איז געווען אומגעווייניק. וואָרים אויב פאַלן פאַלט אַלעמאָל דער קאַנאַט מיט איין גיכן פליושק אין וואַסער אריין...

מענטשן, וואָס קענען די גאַנצע מאַשינעריע פון פּאַראָם, האָבן זיך אַצינד אומגעקוקט צום קאָלאָוואָראָט אונטערן דעכעלע, אויפן הויכן ברעג, ווו דער קאַנאַט ווערט, בטבע, אָפּגעלאָזן. אינעם ערשטן טומל אויפן דניעפּער, האָט מען אינגאַנצן פאַרגעסן אויפן פּאַראָמשציק, וואָס איז אָקאָרשט געלאָפן וועט־געלויף מיטן גויעשקן פאַרעכאַד, פאַר אַלע ברעג־לייט אין די אויגן.

באַשעס פלוצלעכער געשריי האָט זיי אַלעמען אַ קער געטאָן פון אַנטרונענעם פאַרעכאַד צו אַנשלס רעזידענץ אויפן בערגל. אין דער אָפענער טיר פון אַנשלס הייזקע, עפּעס מאָדנע פאַרגליווערט, ווי פאַרטשעפּעט אָן שוועל, איז געשטאַנען די פאַראָמשציכע. אירע האָר זענען געווען צעפלאָשעט, אירע ביידע אָרעמס אויסגעשטרעקט און מיטן ברייט־אויפגעריסענעם מויל האָט זי געשריען ווי אַ חיה:

— אַי! אַי! אַי! זעט, ראַטעווו־עט!

נישט ווייט פון איר, אין אָפענעם פענצטערל פון הייזקע, האָט זיך אַרויסגעשטופּט אַ גאַנצער הויפן יידישע קעפּ מיט לאַנגע בערד. זייערע אַלעמענס אויסגעלופּעטע אויגן האָבן געשטאַרט אין דער זעלבער ריכטונג, וווהין באַשע האָט אויסגעשטרעקט אירע ביידע אָרעמס. הייסט דאָס, אַז זיי אַלע ז ע ע ן ע פּ ע ס פון בערגל אַראָפּ... עפּעס גאָר שרעקלעכעס זעען זיי, וואָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיטן פאַראומגליקטן פאַרעכאַד.

האָט מען זיך פון אַלע זייטן אַ לאָז געטאָן צו דער הילצערנער מאַשינעריע, נישט ווייט פון אַנשלס שטוב, וווהין אַנטאָשע, דער גוי פון פּאַראָם, האָט זיך שוין פריער אַרויפגעקאַראַבקעט, מיט זיין שיכורן קאָפּ און מיט די „ניכטערע״ לאַפּטיעס.

דאָס, וואָס מ'האָט דאָ דערזען, אין שאָטן פון קײלעכדיקן שינדל־דעכעלע, האָט שטאַר געמאַכט דאָס בלוט אין אַלעמענס אָדערן. פּון שטויס, מיטן נאָז פון פּאַרעכאָד, איז דער מגושמדיקער קאָלאָוואָראָט אַרויסגעריסן געוואָרן פון זײַנע גליטשיקע אַקסן־לעכער, נאָך אײדער דער קאַנאַט האָט זיך געגומען אָפּוויקלען פון זײַן רונדן קליאָפּקע־בויך...

אויסגעריסן האָט זיך דער קאָלאָוואָראָט, און אַנטקעגן אים איז אויפגעשפּרונגען דער שווערער דעמבענער הויבל, וועלכן אַנשל האָט נאָר באַוויזן אָפּצוטשעפּען פון אײַזערנעם צוויי־פּודיקן געוויכט. צווישן אַזעלכע צוויי קלעצער, ווי די אַרויסגעשפּרונגענע אַקס פון קאָלאָוואָראָט און — הויבל, האָט אַנשלס אָרעמער קאָפּ אַרײַנגעטראָפן, ווי אַ נוס צווישן האַמער און קאָוואַדלע. דער שטויס פון פּאַרעכאָד — דאָס איז געווען דער ריזיקער שמיד.

מיט מענטשלעכע געהירן און בלוט איז דער גראָבער קאָלאָוואָראָט געווען באַשפּריצט. ווי אַן אויסטערלישער ווילד־אויסגעהאַקטער אָפּגאָט פון מענטשן־פּרעסער האָט ער דאָ אַצינד געהויערט. זאַט און גרויזאַם מיאוס, מיט אַן אָנגעשוואָלענעם בויך, אַרומגעגאַרטלט מיט פּאַרבלוטיקטע שטריק. און לעבן אים איז שטראַם געשטאַנען דער לאַפּיטוט זײַנער, דער הויבל. אַזוי ווי ער איז אויפגעשפּרונגען נאָכן שטויס, אַזוי איז ער שטײן געבליבן: דאַר און קרעפּטיק ווי אַ תלין פּאַרטאַיעט בײז און געהאָרכזאַם. גרייט, דאַכט זיך, אויסצופירן אַ צווייטן באַפעל פון זײַן אויסגעצויגענעם הערשער.

דער קרבן זײַערער, אַנשל פּאַראָמשציקס קערפּער, איז דאָ געלעגן אַ ביסעלע אָן אַ זײַט. נאָכן טויטלעכן קלאַפּ, האָט ער נאָך, אַפּנים, געלעבט אַ פּאָר מינוט, געוואָרפן זיך.

אַ גבר אַ ייד געווען! פון זײַן געזונטן אָפּגעבערענטן פּנים איז אָבער כמעט מער גאָרנישט געווען צו דערקענען. אײן וווּנד. אײן קנויל פון בלוט און האָר. נאָר זײַנע פריש־געוואָרולטע שטיוול האָבן, מיט זײַערע פּאַרשטויבטע, טעמפּע נעזער, געקוקט אַרויף צום קײלעכדיקן דעכעלע אויף די פּלופּעס. מיט אַ מין שטומער טענה האָבן זײ געקוקט צו דעם, וואָס זיצט אויבן:

— אָט, אויסגעשמירט לכבוד שבת! און וואָס?... אומזיסט אויסגעשמירט.

פּענטע און זיין נייער ברויט־געבער

1.

דעם זעלבן פרייטיק, אַ קורצע צייט איידער אַנשל פּאַראַמשציק איז געהרגעט געוואָרן, האָט נאָך מאיר פּענטע געהאַלטן אין רעכטן מיטן אָנבייסן. ער האָט אַריינגעאכלט זיין שוואַרצע זויערלעכע „פּרעפּיצע״ פון פּראָסטן ווייצן־מעל, מיט אַן ערב־שבתדיקן לונגען־געבראָטנס. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס טריינע זיין פּלוניתטע רופט אים: ליימענער גולם, האָלצערנע צורה, בלייענער אינדיק וכדומה, נאָך אַזעלכע מיני קלאָגעדיקע צונעמענישן, איז פּענטע, אין הלכות אכילה, גאָר נישט אַזאַ גולם ווי מען קען מיינען. והא ראיה: ער האָט זייער באַהאַוונט געריסן פון דער גרויסער פּרעפּיצע ווילדע, אָבער אַפּעטיטלעכע שטיקער, און פּאַוואָליע געטונקט אין דער שוואַרץ־ברוינער לונגען־יויך, מיט אַ סך ציבעלע איינגעבראָטן. ס'איז אַ וואָלוועלער אָבער געשמאַקער מאכל, וואָס אַפילו אָרעמעלייט פאַרגינען זיך דאָס כמעט אַלע ערב שבת צום אָנבייסן. מיט אַ פרישער, פּוכיקער בולקע, אָדער מיט אַ פלאַכער פּרעפּיצע באַשמירט מיט קאָניפּליעס, פּאַסט זיך אַזאַ זאַפטיק געקעכץ גאָר אַן אַנטיק. אַזאַ אָנבייסן גיט שוין דעם פאָדער־געשמאַק פון די ביינאַכטיקע געפילטע פיש און פון מאָרגנדיקן טשאָלנט.

פאַרטיפט אין דעם טעלער מיט לונגען, האָט מאיר פּענטע, ווי אַן אָקס ביים טונקעלן זאַשיק, אַלע ווײַלע אויפגעהויבן זיין האַמעטנעם קאָפּ און בהמהש אומגעקוקט זיך. פון אונטער זיין פאַרשאַרט היטעלע, נישט קיין ווינטערדיקע, נישט קיין זומערדיקע, נאָר סתם אַ האַלב־וואַטענע און אַן אַ קאָזיראָק, האָבן אים פון אַלע זייטן קאָפּ אַרויסגעשטעקט פּעקלעך רויטלעכע, נישט־געשוירענע האָר. אויף דער פּאַטילניצע אַ שטויביקער פּעקל, און פּעקלעך — איבערן שטערן און אויערן. זיינע בלוילעכע אויג־לעך האָבן אַצינד אַרויסגעשטראַלט פון די ווייטיקדיקע ברעמען מיט

גרויס תענוג. אָבער זען האָט זיין בלאָנדזשענדיק קוקעלע קיינעם נישט געזען. נישט טריינען זיין ברוגזדיק ווייבל, די טוחרטע פון ציגן מילך; נישט די קינדער זיינע. אַצינד האָט ער געזען פאַר זיך נאָר אַ ברוטאַל־צעריסענע פרעפּיצע און אַ הויפן, אין בלוט־און־ציבעלע, איינגעקאָכטע לונגען... די פרישע פרעפּיצע האָט גליטשיק געקוויטשעט אונטער זיינע שטאַרקע ציין און די מגושמדיקע פינגער, וואָס האָבן אים געדינט אַלס מעסער־גאָפּל, האָט ער געקושט ווי אַ גר קושט ציצית.

נאָר עפּעס איין מאָל צוויי מאָל האָט זיין פאַרפרעסן אויגל יאָ דער־כאַפּט אַ באַוועגונג... הינטער דעם אָפענעם פענצטער. דאָס האָט דער „קראַ־סאַוויעץ", דער נייער פאַדלע־פערד זיינער, „שמענדריקעס" יורש, געוואָרפן מיט זיין איין־אויעריקן קאָפּ, כדי אַריינצוגרונטעווען זיך מיט דער דאַרער מאָרדע אין אונטערגעבונדענעם זעקל סיעטשקע מיט האָבער, און צו דערגרייכן ביזקל די שיריים. פענטען האָט זיך אָבער אויסגעדוכט, אַז דאָס כראָבּרעט ער זיך גאָר, דער קראַסאַוויעץ זיינער, אַז דאָס ווינקט ער צו אים: „זעסט, באַלעבאָס, דו עסט וואַרעמעס און איך אויך. עסן מיר זיך אַזוי ביידע!..."

אַזאַ חברותא ביי די פּרייטיקדיקע געציבלטע לונגען האָט פענטען פאַרדראָסן. וואָס גלייכט ער זיך עפּעס, אַזאַ פאַדלע פון דאַרף, צו אַ יידן?... וואָס ווינקט ער אים, דער שלימזל?

האָט פענטע מפסיק געווען אינמיטן און אַ ברום געטאָן אויפן פערד פון האַלדז אַרויס, מיט זיין ווילדן לשון, נישט צודריקנדיק דערביי ציין און ליפּן:

— עריע—זע—מי—ני—כאַל—! רעס—אַ—דו—רעס!

ס'האָט געהייסן: „בריה זיך מיר נישט, כאָלערע! פרעס אַז דו פרעסט!

און אַ מאָדנע זאַך! די „כאָלערע" האָט אים גלייך פאַרשטאַנען. אויפגעהערט צו וואַרפן מיטן קאָפּ, אינגאַנצן מיאש געווען זיך פון דער־כאַפּן די רעשטלעך סיעטשקע, און געבליבן אַזוי שטיין, דעם קאָפּ איינ־גענורעט אין טאָרבע און געטראַכט. ער האָט זיך, קענטיק, געוואָלט דער־טראַכטן, דער פיר־פיסיקער פילאָזאָף, ביז וואַנעט ער וועט זיך אַזוי מור־טשען אויף דער וועלט? צוליב וואָס ער לעבט און צוליב וועמען?... וכדומה נאָך אַזעלכע פערדישע שאלות. מ'האָט אים אָבער צו לאַנג נישט געלאָזן טראַכטן. שטעך־פליגן האָבן זיך באַנוצט מיט זיין פאַרגליווערט־קייט און גענומען אים בייסן מיט פאַראייניקטע כוחות. קיין גרויסן עק

האָט נעבעך פּענטעס קראַסאַוויעץ נישט געהאַט. דאָס וואָס איז אים אַראָפּגעהאָנגען איבער די דאַרע ליטקעס האָט אויסגעזען ווי אַ פאַלשער אָפּגעטראָגענער צאָפּ. מיט אַזאַ עק קען אַ דאַרפישער פערד קעגן שקלאַ־ווער פליגן קיין סך נישט אויפטאָן. בפרט — יענע האָבן נאָך דערשמעקט, אַז וואַרפן מיטן קאָפּ לאָזט דער באַלעבאָס אויך נישט... האָט דער „קראַ־סאַוויעץ" געמוזט אויסשלאָגן מיט די הינטערשטע פיס, פאַבריקעווען, אויף איין אָרט, צווישן די האַלאַבליעס. פּענטעס קלאָציקער און נידעריקער וועגל האָט אָבער קיין צו פרייע באַוועגונגען נישט דערלויבט. האָבן זיך די פאָדקאָוועס אָפּגעקלאַפּט אָן דער פאָדערשטער אַקס, דאָס האָט פּענטען נאָך מער צערייצט:

— כאָלע—! דו—טייס, צי דו טייס—ני—?... ס'הייסט: כאָלערע! דו שטייסט, צי דו שטייסט נישט?

און גיב נאָר אַ קוק! דער „קראַסאַוויעץ" איז שוין אַזוי אָנגעשראָקן פון די „מענטשלעכע" פּעטש, מיט וועלכע פּענטע איז זיך נוהג מכבד צו זיין זיינע פיר־פיסיקע ברויט־געבער, אַז ער האָט אויפגעהערט צו ברי־קען זיך, דאָס אויך; און געלאָזן די בייסיקע פליגן זיי זאָלן אים צאַפּן דאָס אַלטע נישט־געזונטע בלוט פון די אָדערן. ער האָט נאָר פילאָזאָפיש געדרייט מיט זיין איין־איינציקן אויער איבערן קאָפּ. קיין צווייטן אויער האָט ער, ברוך השם, נישט געהאַט. אַ וואָלף האָט דאָס אים אַמאָל אָפּ־געביסן אין ווינטערדיקן וואַלד, אין ווילדן אַנטלויפן פון טויט איז דאָס געשען... און ס'איז געווען איינע פון דעם פערדס מעלות, פאַר וואָס פּענטע האָט אים, ווי אַלע מאָל, איינגעהאַנדלט פאַר גאַנצע זיבן קאַרבן...

געברויכנדיק אַזוי, יאָרן־לאַנג, איין און דעם זעלבן אויער, צו האָרכן און נאָכצוזענקען, האָט אים דער „קראַסאַוויעץ" געמוזט דאָפּלט אָנשטרענ־גען. דערפאַר איז ער אים לענגער געוואָרן ווי ביי אַ געוויינלעכן פערד, כמעט שטענדיק שטראַם געשטאַנען אויף דער פערדישער פאַטילניצע, און האָט אים אין פּראָפיל צוגעגעבן אַ לעגענדאַרישן אויסזען פון אַ חיה מיט איין האָרן.

דאָס דרייען אַצינד מיט דעם דאָזיקן האָרן האָט געזאָלט באַדייטן:

„עט! אַ ביסל מער פערדישע בלוט אין די אָדערן, אָדער ווייניקער... אַבי פּענטע זאָל נישט זיין אין כעס..."

2.

מיט דעם לעצטן שטיקל פּרעפּיצע האָט פּענטע, ווי מיט אַ שוואָם,

קונציק אויסגעווישט דאָס רעשטל שוואַרצע לונגען־יויך פון טעלער, אָפּ־געקושט דעם גראָבן פינגער און, שלוקערצנדיק, אָפּגעבורטשעט זיין אין טשאַיניק האַקנדיקן בענטשן, פון וועלכן קיין שום פאַרשער פון לשון־קודש וואָלט קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען. אָפּגעבענטשט — האָט זיך פענטע אַ הויב געטאָן מיט זיין קלאָציקן גוף און אַ בורטש געטאָן נישט צום באַלקן, נישט צום ווייב:

— נאַ, כמו—זאָפירן—שעשאָט—צו—ראָשטשיק. אַ גוואַל—איפל—דע—פראָם עס—אויף שעשאָטקע!

מיט דעם האָט ער זיך, אייגנטלעך, געוואָלט פאַרענטפערן פאַר טריינען זיין אשת חייל, די שטאָלצע סוחרטע פון ציגן מילך, אַז אומזיסט חס־ושלום האָט ער די פרישע פרעפיצע מיט לונגען־געקעכץ נישט גע־געסן. אָט פאָרט ער אָפּפירן „טשעטשאָטקע” צו אַנשל פאַראָמשציק. עס הייסט: אַ וואָרצלדיקע האָלץ אַזאַ, וואָס איז נויטיק צו מאַכן רעדלעך פאַרן קאָנאָט... פאַר איינע הוצאות האָט ער זיך שוין אַ באַרים־געטאָן מיט זיין באַהאַוונטקייט אין סוחרישע ענינים: אַ געוואַלד, וויפיל דער פאַראָם עסט אויף טשעטשאָטקע!

נאָר פון זיין האַמעטנער באַרעדעוודיקייט איז גאָרנישט געוואָרן. טריינע האָט אויף אים, זינט אַ פאָר חדשים, געטראָגן אַ שווער האַרץ. האָט זי זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אַצינד אויף איר כלומרשטן ברויט געבער, אויפן באַהאַוונטן טשעטשאָטקע פירער, און פאַר זיך אַ בורטש געטאָן:

— פאַרצעדינער מיינער! ציגן קענסטו גנבענען!...

מאיר פענטע האָט זיך שווער אַ קראַץ געטאָן אין די פעקלעך האָר אויף זיין פאַטילניצע מיט דעם זעלבן האַלב צענדליק פינגער, וואָס האָט אים אָקאָרשט געדינט אַלס מעסער־גאָפּל. ס'איז קלאָר ווי דער טאָג: זיין טיף־סוחרישע באַמערקונג, אַז דער פאַראָם עסט אויף אַ סך טשע־טשאָטקע, האָט אויף טריינען קיין שום איינדרוק נישט געמאַכט, און אַלץ בלייבט ווי געווען. דער ברוגז האַלט אָן. און אויף איר מעלקנדיקער ציג האָט זי נאָך נישט פאַרגעסן. פון סוף ווינטער אָן קען זי גאָר נישט פאַרגעסן דאָס, וואָס איז געשען. זי דראָפּעט זיך נישט מער, וואָרפט נישט קיין פאָקרישקעס אין קאָפּ, דערלאַנגט אים שווייגנדיק דאָס עסן. און דווקא אָט די שווייגעוודיקייט, אָט די קאַלטע פאַרביסנקייט שרעקן מאיר פענטען און מאַכן אים אָפּהענטיק. זיינע געניטע לאָפּעס הויבן זיך אים נישט אויף צו כאַפּן דאָס ווייב, ווי מען כאַפּט אַ הון אין ווינקל, פאַר־

פענטען זי, אַזוי ווי זיין שטייגער איז, און אַריינוואַרפן זי אַ געבונדענע אין בעט, ביז זי וועט זיך באַרואיקן און נישט „קריכן מער אין היזק״... אָט דאָס איז דאָך דאָס גאַנצע אומגליק וואָס זי איז רואיק און „אין היזק״ קריכט זי נישט מער!

אָנגעהויבן האָט זיך דער גרויסער ברוגז נאָך ווינטער צייט, שבת שירה פּאַרנאַכט, ווען די קראָען האָבן „שמענדריקעס״ פליישן אויסגעפּיקט אויף יענער זייט אָזערע. דאָס אָפּגעלייזטע געלט פאַר שמענדריקעס פעל, דריי רובל מיט פערציק קאָפּיקעס, האָט דאָך פענטע, באַלד נאָך ליכט־בענטשן, באַהאַלטן אונטער טריינעס אַ שבתדיקן לייכטער, כדי די מילך־סוחרטע זיינע זאָל דאָס נישט צונעמען און נישט אויסברענגען אויף אירע אָפּגע־ציגלטע קאָזעס. אַ גאַנצן שבת שירה איז דאָס געלט געווען זיכער ווי אין אַן אייזערנעם קאַסטן. מאַן און ווייב האָבן זיך נישט דערוועגט אָנ־צורירן די שבת לייכטער. טריינע האָט געמאַכט אַ פרומען פּיסקעלע. מען וואָלט געקענט מיינען, אַז זי האָט אויף דעם געלט אינגאַנצן פאַרגעסן. אין דער אמתן האָט זי אָבער גוט געטשיקעוועט, געוואַרט, אַז מאיר זאָל אַוועקגיין דאַוונען מעריב אין בית מדרש... פענטע האָט זיך אָבער נישט גערירט פון אָרט. נאָכן כמורגעם שלש סעודות איז ער געבליבן זיצן אינדערהיים, אָפּגעוואַרט דעם ערשטן שטערן און געשטעלט זיך דאַוונען מעריב ביי זיך אינדערהיים. און אָט דאָ איז צווישן מאַן און ווייב פאַר־געקומען דער אמתער וועט־געלויף: ווער פון זיי ביידע וועט פריער אַרויסבאַגלייטן דעם שבת קודש פון שטוב און צונעמען דאָס געלט פון אונטערן לייכטער. ווי נאָר מאיר פענטע האָט זיך, מיטן פּנים צום מזרח־ווענטל, געשטעלט שמונה־עשרה, האָט טריינע, זיין רירעוודיקע אשת חיל, גענומען בראָקן דעם „גאָט פון אברהם און יצחק און יעקבן...״

האָט מאיר פענטע אינמיטן שמונה־עשרה דערהערט ווי זיין ווייבעלע פּיפּכט מיטן שנעבעלע, איז אים איינגעפאַלן די דמים. ער האָט דערפילט, אַז דאָס מיינט מען דאָס געלט אונטערן לייכטער. ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז אַן זיין מעריב קען די יידענע אויך אויסקומען. קען אַרויס־טרייבן דעם שבת איינע אַליין. האָט ער אַ ביסל צו שפּעט גענומען אונטעראיילן זיך, יאָגן די ברכות אין דער שטילער שמונה־עשרה באַרג אַראָפּ. ער: „היפּ־היפּ״ און „פּליפּ־פּליפּ״ מיט דער שווערער שליימיקער צונג, און זי, טריינע, זיין אשת חיל: „ציף־ציף״ און „ציפּ־ציפּ!״, אַז ס'איז געגאַנגען אַ רויך...

נאָר וואָס פאַר אַ פאַרגלייך צווישן די מהירות פון טריינעס שנעבעלע

און דער פעכיקער עברי פון אַזאַ גולם ווי פענטע איז! ער — אַ וואָרט, זי — פינף. שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס די ווייבערשע תפילה אַליין איז אַ סך קירצער און באַקוועמער אָפּצופּרעפּלען. נאָך איידער אונדזער צעיאָגטער און פאַרסאָפּעטער מאיר פענטע איז דערלאָפן ביז „ולמלשינים אל תהי תקוה", איז שוין טרייבע פאַרטיק געוואָרן מיט איר מוצאי־שבת־דיקן געבעט, אַ דריי געטאָן מיטן עק פון שבתדיקן קליידל, אַ רייב געטאָן אַ שוועבעלע, כדי ווייזן גאָט און מאירן, איר מאַן, אַז ביי א י ר איז שוין אינדערוואָכן.

און ביי דעם שטעכנדיקן שיין פון שוועבעלע האָט פענטע, צו זיין גרויסן שרעק, דערזען מיט זיינע אייגענע ווייטיקדיקע אויגלעך, אַז טרייבעס לינקע הענטל האָט אַ רוק געגעבן דעם שווערן מעשענעם לייכ־טער, פונקט י ע נ ע ם לייכטער... און באַלד נאָכדעם איז די שוועבעלע אויסגעלאָשן געוואָרן.

ווען פענטע איז, אין אַ רגע אַרום, אויסגעלאָפן... נישט אויסגעגאַנגען, נאָר אויסגעלאָפן שמונה־עשרה, אַ פאַרפריאיקן שפּיי געטאָן אין „עלינו" און אַ וואָרף געטאָן זיך צום טיש, האָט ער אין דער טונקלקייט אָנגעטאַפּט אַ ליידיקע טישטוך. אונטער ביידע לייכטער — אַ ליידיקע טישטוך. די דריי רובל מיט פערציק קאָפּיקעס זענען ערגעץ־ווו פאַרשוווּנדן געוואָרן. אַוועקגעפלויגן אין חשך אַריין... אין די פאַלדן פון טרייבעס קליידל? אין אַ שפּאַלט פון וואַנט? אונטער אַ צוקאָפּנס? ווער קאָן דאָס וויסן? ביים אָנגעצונדענעם לעמפּל האָט פענטע, ברומענדיק, איבערגעטאַפּט אַלע קליידלעך פון ווייב, אויף איר גופא און אויף דער וואַנט. ער האָט איבער־געקערט אַלע בעבעכעס אין די בעטן, געשאַרט מיט אַ שטעקן אונטערן אַלמער, אויף די פאַליצעס גענישטערט. אַן אומזיסטע טרחה! דאָס אָפּגע־לייזטע געלט איז ווי אין וואַסער אַריין. אויף אַלע סטראַשונקעס, אויף זיין פאַכען מיטן קולאַק און מיטן גאַרטל, אַז אַט־אַ גייט ער זי פאַרפּענ־טען, האָט ער געקראָגן נאָר איין טונקעלע תשובה:

— אַז עס וועט האַלטן ביי קויפן אַ פערד, וועסטו וויסן... פריער — אַ מכה!

.3

מיט עטלעכע טעג שפּעטער, ווען טרייבעס אָפּגעציגלטע קאָזעס האָבן גענומען צו געשמאַק מעלה־גרה זיין, האָט פענטע ביי דער שוואַרצער

קאַזע, אויף איר באַרד, געפונען סימנים פון קלייען. מיט זיין גלייכן שכל האָט ער תיכף פאַרשטאַנען, אַז די ציגן עסן קעסט אויף ז י י ן חשבון, אויף דעם געלט פון אונטערן שבתדיקן לייכטער. האָט ער ווייטער גענומען קערן וועלטן און נישטערן אין אַלע ווינקעלעך. דאָס מאָל האָט אים גאָט געהאָלפן און ער האָט דאָס געלט געפונען. און אדרבא, טרעפט ווו?... מען זאָל זיין מיט צען קעפּ, וואָלט מען עס אויך נישט טרעפן. און דווקא פּענטע, מיט זיין איין־איינציקן קאָפּ פון אַ גולם, האָט יאָ געטראָפן. ער האָט דאָס אַנטדעקט אונטער אַן איבערגעקערטער בלעכערנער פּענדעלע אויף דער וואַנט, אַנגעהאַנגען ביים אויערל, אויף אַ טשוואָק. אָט וואָס די יידענע איז קאַפּאַבל צוצוקלערן! אַ הויפן בלוטיק געלט באַהאַלטן אין אַ פּענדעלע... פון די דריי רובל מיט פערציק קאָפּיקעס האָבן אָבער אַצינד געפעלט גאַנצע אַכציק. אַפּנים אויף קלייען פאַר די קאָזעס אויסגעבראַכט. אַזאַ פאַרשווענדונג פון זיין מילך־סוחרטע האָט פּענטען אַריינגעבראַכט אין מוראדיקן גרימצאָרן. און פאַרשווירן האָט ער זיך, אויף דער ווייבס ציגן, צו נעמען פון זיי נקמה און אויפשטעלן דעם כבוד און דעם נאָכ־פאָלגער פון זיין געשוונדענעם פערדל אויף ז י י ע ר לייב און לעבן...

האָט ער זיך פאַרטאַיעט, פּענטע, געמאַכט זיך, אַז אויף די אַכציק קאָפּיקעס האָט ער שוין אינגאַנצן מוחל־געווען; און אין דער אמתן אויסגעקוקט אויף אַ שעהלע, ווען טריינע טראָגט פאַנאַנדער ציגן־מילך פאַר אירע דעריקע קונדן. פּענטע האָט זיך דאַן שטיל אַריינגעמאַכט אין דעם ווייבס שטעלכעלע, אַפּגעלאָזן דעם פינף אַרשינענעם גאַרטל פון די לענדן און געבונדן די שוואַרצע ציג, די גרעסטע און די בעסטע מילך געבעריןָ. אירע אַ היינטיקן ווינטער געבוירענע ציגעלע — אַ „האָדולקע", וואָס טראָגט אַ צוימל אין מויל, כדי זי זאָל נישט זויגן, האָט ער אויך געבונדן, מיט איר מאַמען אינאיינעם און מיטן זעלבן גאַרטל. אַזוי האָט ער זיי ביידן אַוועקגעטראָגן אויף דער קלאַציקער פּלייצע און פאַרקויפט פאַר פיר מיט אַ האַלבן רובל; מוטער און קינד אויף באַלדיקער שחיטה. ער האָט אַפילו אַפּגעוואַרט ביז מ'האָט דער ווייבס ציגן געקוילעט פאַר אים אין די אויגן הינטער די יאַטקעס. וואָרים בייטאָג איז דאָס קוילער־שטוב, הינטערן שטאָט, געשלאָסן. און אַ „בהמה־דקה" *) דערלויבט מען זיך צו שעכטן דאָ אויפן אָרט; אויף צו להכעיס דעם נייעם פּריסטאַוו מיט זיינע זאַקאָנעס...

---

*) קליינע בהמות.

פֿאַרשפּריצט פֿון ציגענע בלוט, זאַט מיט נקמה און מיט זיבן רובל און צען קאָפּיקעס אין קעשענע, האָט זיך פּענטע אַוועקגעלאָזט מיטן שליאַך, וואָס פֿירט איבערן „אונטער־באַרג״, צווישן דניעפּער און אָזערע. טיאָפּ־טיאָפּ מיט די שטיוואַלעס, ביז ער איז אַזוי אָנגעקומען אין מאַקאַ־ראָווקע, אויף אַ דאָרפֿישן יאַריד, פֿאַר פּאַסכע.

פֿון מאַקאַראָווקע קיין שקלאָוו איז שוין מאיר פּענטע אָנגעקומען צו־ריק רייטנדיק אויף זיין איינגעהאַנדלטן „קראַסאַוויעץ״. איין אויער האָט טאַקע דעם פֿערד געפֿעלט און כמעט דער גאַנצער עק; איינגעפֿאַלענע באַקעס האָט ער אויך געהאַט. דערפֿאַר, אָבער, האָט ער אינגאַנצן געקאָסט זיבן קאַרבן. פּענטעס אייביקע זיבן קאַרבן... וואָרים העכער פֿון דעם האָט ער קיינמאָל, זינט ער לעבט, פֿאַר אַ פֿערד נישט באַצאָלט. און אַ גריוונעצקע אויף „כאַרטש״ איז אים נאָך דאָס מאָל געבליבן אין קעשענע. דאָס רעשט פֿון אונטערן לייכטער און פֿון די פֿאַרקויפֿטע ציגעלעך האָבן אויףביידע זאַכן געקלעקט.

אויפֿן גאַניק פֿון אַפּטייק, ביים סאַמע אַריינפֿאָר אין מאַרק איז גע־שטאַנען דאָס אַפּטייק־העלפֿערל גראַד דאַמאָלסט, ווען פּענטע איז אָנגע־ריטן אויף זיין נייעם אָדלער. ס׳איז שוין געווען פֿאַרנאַכטלעך, און אויפֿן רויטלעכן גרונט פֿון אדר־הימל האָט אים דער טונקל־גרויער פֿערד, מיט איין אויסגעשטרעקטן אויער אויפֿן קאָפּ, אויסגעזען ווי אַ פֿאַנטאַסטישע חיה מיט איין האָרן, פֿון וועלכער ער האָט ערגעץ־ווו געלייענט. און וועלכן בוך? דאָס האָט ער זיך נישט געקענט דערמאָנען. פּענטע מיט זיין קלאָ־ציקן גוף האָט אים אויך אויסגעזען פֿאַרסודעט. אַרויפֿגעכאַפּט זיך, ווי אַ האַלבער „קענטאַוור״ *) אויפֿן רוקן פֿון דער חיה, און אָנגעקומען פֿון אַ פֿרעמדער וועלט, ערשט מאָרגן ביים טאָג, ווען ער האָט די זעלבע חיה דערזען איינגעשפּאַנט אין פּענטעס וועגל, אינמיטן העל־באַלויכטענעם מאַרק, ערשט דאַמאָלסט האָט ער זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט, דאָס אַפּטייקערל...

פּענטע גופֿא איז אין יענעם אָוונט אַראָפּגעשטיגן פֿון זיין געהיימניש־פֿולן פֿערד האַרט פֿאַר דער טיר פֿון זיין הייזקע. דעם אָפּגעבונדענעם גאַרטל אָנגעגרייט אין האַנט. ער איז געווען זיכער, אַז זיין רירעוודיק ווייבעלע וועט זיך אים גלייך אַ וואַרף טאָן אין פּנים און אָנהויבן קוויטשען און דראַפּען זיך, פֿאַר דער שוואַרצער מעלקנדיקער ציג, וואָס ער האָט פֿאַרקויפֿט. אויב יאָ — וועט ער זי, מיט גאָטס הילף, און אָן שום שהיות

*) אַ מענטש־פֿערד.

פאַרפּענטעז און אַריינוואַרפן אין בעט, ביז זי וועט זיך באַרואיקן. ער האָט אָבער דאָס מאָל נישט געטראָפן. טריינע האָט נאָר געשוויגן, נישט גע־ענטפערט אויף זיין גוט־נאַונט. דערלאַנגט וועטשערע און קיין וואָרט נישט גערעדט. דאָס האָט פּענטען געשראָקן מער ווי קולות, געוואַלדן, מער ווי וואַרפן אים ליימענע פּאָקרישקעס אין ליימענעם קאָפּ.

זינט דעם איז צווישן זיי אַוועק אַ שטומער ברוגז. ס'הייסט פּענטע האָט יאָ געבאַלאַבאָטשעט, פּאַרענטפערט זיך, אַמאָל אין וואָך, אויף דער באַגאַנגענער עוולה. אָבער טריינע האָט נישט געענטפערט. איר ציגענע מילך־ווירטשאַפט האָט זי טאַקע פאַרקלענערט, אָבער באַקלאָגט האָט זי זיך אויך נישט. און אַז פּענטע האָט גענומען צושטיין צו איר, האָט זי אים גיפטיק־שאַרף, ווי אַן אָנגעצונדענע שוועבעלע, געגעבן צו פאַר־שטיין:

— פּרעסן — פּרעס! נאָר אין מקוה גיי איך נישט...

— עס—ני—גיי? — האָט פּענטע אויפגעפּענט זיין גולמשן מויל. — וואָס—הייס—ני—גיי?

טריינע האָט נישט געענטפערט.

— ביז—וואַן—סטו—ני—גיי? (ביז וואַנען וועסטו נישט גיין?).

— ביז דו וועסט מיר נישט אָפּקויפן מיינע ציגן.

אַזוי האָט טריינע געפּסקנט.

אַ שיינע מעשה! גיי שפּאָר־אָפּ פון די גרויסע פּרנסות מיטן „קראַ־סאַוויעץ" אויף אַ מעלקנדיקער ציג מיט אַ ציגעלע. ער האָט אָבער מיט טריינען גאָרנישט געקענט מאַכן. שווער אַזאַ סלופּ, ווי פּענטע איז, נאָכצו־לויפן אַ בייזע קאַץ; קריכן נאָך איר אויף די זומערדיקע דעכער.

— קכי—ררש—סס! — זידט טריינע. און פּענטע קראַצט זיך אין פּאַטילניצע.

4.

דער קורצער וואַרעמער רעגן, וועלכער איז היינטיקן פרייטיק, נאָך וואַרעמעס, אַרויסגעפּאַלן, מיט די ערשטע זומערדיקע דונערן און בליצן, האָט פּענטעס פערד און וועגל אָפּגעפּליוכעט, ווי מיט אַ פּעסל וואַסער. פון איבערראַשונג האָט אַזש דער „קראַסאַוויעץ" איינגעבויגן זיין „האָרן", צוגעדעקט איין ליטקע מיט זיין אָפּגעשמיסענעם הושענא־עק און געבליבן אַזוי שטיין. עס האָט פון אים גערונען, ווי פון אַן אַלטער רעשעטע. נאָר פּענטע האָט זיך ווייניק וואָס געזאָרגט, טאָמער וועט זיך דער פערד פאַר־

קילן. ער איז אַפּילו נישט אַרויסגעלאָפן צוצודעקן אים מיט אַ זאַק. ביז דער רעגן איז איינגאַנצן אַריבער, האָט זיך פּענטע נישט גערירט פון אָרט. נישקשה! אַ פערד פאַר זיבן רובל מעג זיך געוווינען! פיר רובל פאַר דער פעל וועט ער אַלעמאָל אָפּנעמען... פאַר זיין סחורה און וועגל האָט פּענטע אויך נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבן. טשעטשאָטקע העל־צער ווערן פון וואַסער נישט קאַליע. אַ פייער וועט זיי אויך אַזוי לייכט נישט נעמען.

און ווען ער האָט מיט מזל אַ שמיץ געטאָן דעם „קראַסאַוויעץ", און די נישט־געשמירטע רעדער האָבן זיך גערירט פון אָרט, איז שוין געוואָרן אַ זייגער צוויי.

נישטאָ קיין מכה אָן אַ רפואה. און צוויי גוטע פּעולות האָט דער רעגן געהאַט אויף זיין געשפּאַן. ערשטנס, האָט ער פאַריאָגט די פליגן פונעם פערדס רוקן און נאָזלעכער; און צווייטנס, האָט ער גוט אָפּגעגעצט די נישט־גערייניגעכטע אָקסן פון זיין נידעריקן וועגל. האָבן די מאַסיווע, נישט גלייכע רעדער נישט אַזוי מאָרמאָדיק געשריען ביי דעם ערשטן אַרויספאָר, אונטער אַזאַ נישט געווייגלעכער משא, ווי בוימער־וואָרצלען. אָבער אָפּפאָרנדיק אַ הונדערט קלאַפּטער, האָבן זיך די אַקסן דערוואָרעמט, און די רעדער האָבן זיך מוראדיק צעשריען און צעגרילצט און צעקווי־טשעט, אַזוי, אַז דער פערד האָט אַ צעטומלטער גענומען דרייען מיט זיין איינאיינציקן אויער, און פּענטע האָט, שילטנדיק, געכאַפּט נעצן די אַקסן פון די בלאָטקעלעך אין גאַס. און שקלאָוועד באַלעבאַטישע ליידיקגייער, וואָס כאַפּן אַ דרימל נאָכן פרייטיקדיקן אָנבייסן, האָבן מיט זויערע אויגן באַגלייט פּענטעס מאַרשרוט, פאַרביי די שטיבער; באַגלייט און נאָכגע־שאָלטן:

— אַ־אַ נכפי אויף דעם ליימענעם גולם! נייע מיני סחורות — אויסגעקראַצט...

אויף פּענטעס וועגל זענען, דאָס מאָל, באמת, געוועזן אָנגעלאָדן עפּעס גאָר מאָדנע אַנטיקן. עס האָבן זיך אויף אים געטורמט טשיקאַווע פאַרזעע־נישן. משונהדיקע שוואַרץ־ברוינע פּיסקעס מיט קעציישע וואָנצעס. פאַר־דרייטע לאַפּעס און האָרטע מאָרדעס מיט גרויסע, האָריקע בראָדעוקעס. מוראדיקע פויסטן האַלציק־פאַרקלעמטע, מיט אַרויסגעשטעקטע „פייגן", ריזיקע קעפּ פון היישעריקן. בלינדע שנויצן פון חיות פאַרן מבול, מיט הערנער אָנשטאָט אויגן. און דאָס אַלץ איז געלעגן שווער פאַרקראַמפּט און פאַרפלאָנטערט איינס אין צווייטן.

נישט אַלע אומצופרידענע באַלעבאַטים האָבן אָבער געוווּסט, אַז דאָס איז די טשעטשאַטקע — אויסגעגראָבענע וואָרצלען פון מיני וואַלד־בוימער, וואָס זיצן טיף אין דער ערד, ווי די רויע שטיקער אייזן, און זענען אַזוי שווער און דויערהאַפט ווי אייזן. און, ברעכנדיק שטאָל־אינסטרומענטן און העק, ווערט פון די דאָזיקע וואָרצלען געטאָקט און געשניצט כלערליי רעדלעך און וואַלגערהעלצער, פאַר לייוועס און בער־לינעס, פאַר קאַנאַטן און אַנקערס; דאָרטן, ווו געוויינלעכע העלצער ווערן גיך אָפּגענוצט און אייזן ווערט פאַרזשאַווערט.

מ׳האָט נאָר קלאָר געזען, אַז קיין געוויינלעכע קלעצער זענען דאָס נישט, און אַז קיין געוויינלעכע וואָג פון האָלץ האָבן זיי אויך נישט, אָט די ערדיקע פאַרזעעניש. אָט די אויסגעגראָבענע אָדערן פון געוועזענע בוימער. נאָך אַצינד, אָפּגעשטאָרבענע, טרייסלען זיי זיך אין פענטעס וועגל פאַרדרייט און פאַרעקשנט אין זיך אַליין. און זייערע טאַפּ־הערנער גלי־ווערן קרום און זשעדנע, פונקט ווי זיי האַלטן נאָך אַרומגענומען גרויסע פייכטע שטיקער ערד, ערגעץ־ווו אין די טיפעניש פון וואַלד.

אונטער זייער לאַסט האָט דאָס פענטעס פויעריש וועגל אַזוי געשריען און דער „קראַסאַוויעץ״ זיינער איז פון דער הויט געקראָכן; געמאַכט לאַנגע טריט און קורצע קני. האָט זיך עס אַנגעזען ווי אויסטערלישע קריכנדיקע באַוועגונגען פון אַ גרויסער קאָץ איבער דער נאַסער גאַס. אַזוי האָט ער נעבעך אָפּגעדינט פאַר דאָס ביסל סיעטשקע, וואָס ער האָט, נישט זאַט צו ווערן, אָקאָרשט געגעסן פון דער צו טיפער טאָרבע.

און פענטע אַליין, אַן אויסגערוטער, אַן אַנגעשטאָפּטער מיט פּרע־פיצע און געקאָכטע לונגען, גייט נאָך ביי דער זייט פון וועגל, ביידע הענט און בייטש־שטעקל פאַרוואָרפן אויפן ברייטן הינטן. מעשה באַלעבאָס נאָך וואָרעמעס שפּרייזט ער נאָך. און זאָל עס אים אַפילו אַרן, וואָס זיין נייער ברויט־געבער מוטשעט זיך אַזוי. „ניאָ! ניאָ! כאַלערנע פּאַדל!״ (כאַלע־רעדיקע פּאַדלע) — ברומט ער נאָר אויף, אָפּנעצנדיק די אָקסן מיט וואַסער פון בלאָטקע. און דער ליימענער קאָפּ קלערט גאָר פון טריינעס איינגע־שפּאַרטקייט. ווי לאַנג קען דאָס אַזוי דויערן?

— עט, — קלערט ער, — זי ט׳שוין בעסער ווערן!

אָבער זייער זיכער איז ער נישט... פון קלעמעניש גיט ער אַ פּיק דעם ברויט־געבער זיינעם מיטן בייטש־שטעקל אינמיטן איינגעפאַלע־נעם בויך:

— גיי—כאַל—אַ—דו—גייס! ס׳הייסט: גיי כאַלערע, אַז דו גייסט!

פּאַלאַהײקע

1.

שוין פֿאַרקערעװענדיק זיך מיטן „קראַסאַװיעץ״ צום דניעפּער און דערזעענדיק פֿון דערװײטנס דעם פּאַראָמשציקס הײזל, האָט מאיר פּענטע, גאָר אומגעריכט, אָנגעשטויסן זיך אָן פּאַלאַהײקען — די געװעזענע װאַסער־טרעגערין צװישן יידישע באַלעבאָסטעס בײם ברעג אָזערע.

אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן אָן אַ צױם פֿון אַ קרויט־גאָרטן און מיט בײדע הענט געהאַלטן זיך אָן איר קאָראָמיסעל, אַזױ איז זי אַ נישט־ניכטערע געשטאַנען און אַ קאַפּעלע געשאָקלט זיך. זי איז געװען באָרװעס און איר צעפּליקטע קלײדל און פֿאַרטוך האָבן זיך איר, נאַסע פֿון רעגן, געקלעפּט אין פֿאַרמאָרעטן לײב. דאָס געזיכט איז בײ איר געװען רויט װי ציגל און די אויגן האָבן שוין לאַנג פֿאַרלוירן יעדן אויסדרוק. דער אַלטער קאָראָמיסעל, אָט דער זעלבער, מיט װעלכן כװעדער — איר געזעצלעכער מאַן — האָט זי אַזױ געשמאַק געשלאָגן אין װינטער, איז געװען אַלץ, װאָס ס׳איז איר איבערגעבליבן פֿון איר גאַנצער קאַריערע, אַלכּ אַן אײנגעפּונדעװעטע װאַסער־טרעגערין אין יידישע הײזער. אָן דעם זעלבן קאָראָמיסעל האָט זי זיך דאָס אַצינד אָנגעהאַלטן, אָפּגעגאָסן פֿון רעגן, װי אָן אַ רעטונג־האָלץ בשעת טרינקען זיך, װי אין דעם לעצטן זכר פֿון אַ גליקלעך לעבן מיט כװעדערן, דאַמאָלסט... װען זי האָט נאָך געגעסן װײסע חלה בײם אַראָפּנעמען לײכטער פֿון שבתדיקע טישן, און פּעטע שיריים פֿון טשאָלנט נאָך װאַרעמעס...

פּענטע האָט זיך אַ װײלע אָפּגעשטעלט און באַטראַכט די גויע בײם צױם. זינט אַ געװיסער צײט האָט ער עפּעס געפֿילט אַ מאָדנע רחמנות צו פּאַלאַהײקען. נישט דערפֿאַר, חס ושלום, װאָס ער האָט געטראָגן אַ בײז האַרץ אויף טרײבען זײן װײב, פֿאַר איר האַרטקײט און אָפּזונדערן זיך פֿון אים, נאָר דערפֿאַר, װײל כמעט אײן שלימזל האָט אַצינד פֿאַר־

בונדן אים און די גויאישע וואַסער־טרעגערין. די פעלן פון שמענדריקן און פון כוועדערס הינקענדיקער קליאַטשע, וועלכע יאָקע האָט אָפּגע־שונדן אין שבת, ערב שבת שירה, האָט פּאַר אים, אַזוי ווי פּאַר פּאַלאַהייקען, געהאַט איין בייזן פּועל־יוצא. די זעלבע תוכחה האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זייערעביידנס קעפּ. די רוחות פון די „געשונדענע" האָבן זיך פּשוט אַנגעזעצט אויף זייערע אַמאָליקע באַלעבאַטים: אָפּגעקערט טריינעס האַרץ פון פּענטען, און כוועדערס האַרץ — פון פּאַלאַהייקען...

אויפהויבנדיק זיך פון די מוראדיקע קלעפּ, וואָס כוועדער, איר געזעצלעכער מאַן, האָט אין איר אַריינגעלייגט ערב שבת שירה, האָט זי שוין איר ברויט־געבער געפונען אַ האַלב משוגענעם. ער איז אַרומגעלאָפן איבער די יידישע גאַסן ווילד און צעפּאַטלט, און מיטן קאַראַמיסעל געטריבן די סאַראַקעס, ווו נאָר ער האָט זיי דערזען: ביי מיסט־גריבער, אויף צוימען, ביי חזירים אויף די רוקנס... רק ס׳האָט זיך אים געדוכט, אַז די סאַראַקעס פּיקען דאָס רויע פליש פון זיין סיווער קליאַטשע, וואָס ער אַליין האָט פּאַרקויפט... „דערזשי!" (האַלט), אַזוי האָט כוועדער געשריען און נאָכגעיאָגט זיך מיטן קאַראַמיסעל נאָך יעדן פויגל.

ביינאַכט, אומקערנדיק זיך אַהיים, נאָכן ערשטן גרויסן געיעג, האָט כוועדער מיט זיין קאַראַמיסעל גענומען ברעכן שויבן, האַקן טעפּלעך און קרוגן. אַלץ וואָס געפינט זיך ביי אים אין כאַטע האָט אים אויסגעזען ווי שוואַרצע פויגלען, וואָס פלאַטערן איבער אַ נבלה. פּאַלאַהייקע האָט געמוזט צוזאַמענרופן אַלע גויאישע שכנים מ׳זאָל ביי כוועדערן אָפּנעמען דעם קאַראַמיסעל און אים אַליין בינדן. אַ מעת־לעת איז ער אַזוי געלעגן אַ געבונדענער און פּאַלאַהייקע האָט אים געגעבן צום טרינקען פון איין איבערגעבליבענעם קרוג. כוועדער איז אַ ביסל געקומען צו זיך; נאָר לאַנג האָט דאָס נישט געדויערט. ווי נאָר מ׳האָט אים געלאָזן פריי, האָט ער זיך אָנגעשיכורט און ווי נאָר ער האָט זיך אויסגעניכטערט, האָט ער ווידער גענומען בונטעווען, טרייבן סאַראַקעס פון טיר און פּענצטער, און שלאָגן זיין ווייב. פון טראָגן וואַסער אין די יידישע הייזער איז שוין געווען אָפּגערעדט. אַ קלאַנג איז אַוועק איבער שטאָט, אַז ביי כוועדערן האָט זיך גערירט אַ קליאָפּקע אין מוח, אַז ער ברעכט כלים און שלאָגט זיך. האָט מען זיך פון אים אָפּגעשאָקלט און גענומען שליסן טיר און טויער ביי איין אַנבליק פון זיין פּאַראייזטער פּעסל אויפן שליטן.

האָט פּאַלאַהייקע דערזען, אַז אויף איר געזעצלעכן מאַן איז מער נישטאָ וואָס צו פאַרלאָזן זיך, האָט זי אַליין גענומען אַרבעטן. אייגע

אַליין געשעפּט מיטן אָצופּ, איינע אַליין איינגעשפּאַנט זיך אין שליטן און געשלעפּט.

נאָר אַזאַ זעלבסטשטענדיקייט פון פּאַלאַהייקען האָט כוועדער אונ־טערגעגראָבן, צעטראָטן אין זיין פּאַרפּאַלנקייט אַלע אירע ווייבערישע רעכט. וואָרים כוועדער האָט געגומען אַרומגיין צו די יידישע באַלעבאָס־טעס און טראַסקען מיטן קאַראָמיסעל אין די לאָדן, מ׳זאָל אים אָפּגעבן פּאַלאַהייקעס פּאַרדינסטן. וואָרים ער, אַזוי האָט כוועדער געוואַלדעוועט, איז איר געזעצלעכער מאַן !...

פּאַר אַזעלכע זאַכן, ווי איינמאָנען געלט, איז ער גראָד געווען קלאָר, אויף דעם זענען ביי אים אַלע קליאָפּקעס אין מוח געווען גאַנץ. דאָס געלט האָט ער גלייך אַוועקגעטראָגן אין שענק און פּאַרשיכורט... און טאָמער האָבן באַלעבאָסטעס רחמנות געהאַט אויף פּאַלאַהייקען און נישט געוואָלט אויסצאָלן די אָנגעהאָרעוועטע גראָשנס איר געזעצלעכן מאַן, פּלעגט זיך כוועדער אַריינגנבענען, אָדער אַריינרייסן זיך אין אויפגעשלאָסענע טירן און איבערקערען די פולע וואַסער־פּעסלעך אין יידישע פירהויזן. אַ מבול אָנגעמאַכט.

האָט מען זיך סוף־כל־סוף אָפּגעשאָקלט פון פּאַלאַהייקען, אַזוי ווי פון כוועדערן, נישט געוואָלט האָבן קיין שום מגע־ומשא מיט זייביידן.

2.

פּאַלאַהייקעס מערכה האָט אַזוי, זינט יענעם שלימזלדיקן ערב שבת, געהאַלטן אין איין זינקען. פון דער הינקענדיקער קליאַטשע מיטן געשפּאַן איז געבליבן אַ פּעסל אויף אַ האַנט־שליטל. דאָס פּעסל איז דערנאָך איינגעשמאַלצן געוואָרן אין בלויזע צוויי עמער מיטן אַלטן קאָ־ראָמיסעל אויפן אָנגעווייטיקטן אַקסל. איין עמער האָט כוועדער שיכורער־הייט צעבראָכן. איז איר איבערגעבליבן דער צווייטער עמער. מיטן לעצטן עמער פלעגט זי נאָך, ווו נישט ווו, אַריינברענגען אַ ביסל וואַסער, אין אַן אָרעמער יידישער הויז, פּאַר אַ סקאָרינקע, פּאַר אַ שטיקל צוקער, פּאַר אַ גראָשן. און מיטן פריי־געוואָרענעם קאָראָמיסעל האָט זי כוועדער געהאַלטן אין איין בויקערן. ביז ס׳האָט אים דערעסן צו שלאָגן זיין געזעצלעך ווייב אָן אַ תכלית, אָן אַ שום אויסזיכט אויף אַ פּאָר קאָפּיקעס, האָט ער זי אין גאַנצן אַוועקגעוואָרפן.

מחמת די גרויסע צרות, וואָס האָבן זיך אויף איר אויסגעגאָסן, האָט

פּאַלאַהייקע אַליין געגומען טרינקען. געהאָרעוועט, געבאָרגט ווי נאָר ס׳האָט זיך געלאָזן, אויסגעמאַטשעט ביי גוטע מענטשן און פּאַרזויפן. ביז זי איז איינמאָל אַנידערגעפאַלן, אַ שיכורע, מיטן לעצטן פולן עמער אויפן לעצטן יידישן שוועל. דאָס וואַסער האָט זיך צעפליוכעט און די הילצערנע כלי האָט זיך צעשאָטן אין קליאָפּקעס. איז איר איבערגעבליבן פון דער גאַנצער וואַסער־באַלעבאַטישקייט דער בלויזער קאָראָמיסעל, מיט וועלכן כוועדער האָט זי אַזוי ליבלעך געשלאָגן. האָט זי זיך צו אים צוגעטוליעט ווי צו דער לעצטער האָפענונג אין איר פאַרלוירענעם לעבן, ווי צום לעצטן צייכן פון איר פריערדיקן גליק. קרום און אומבאַקוועם ווי דער קאָראָמיסעל איז געווען צו באַנוצן זיך מיט אים ווי מיט אַ שטעקן, האָט זי זיך דאָך אָנגעשפּאַרט אָן אים און אַרומגעבלאָנדזשעט איבער די גאַסן. יידישע חדר־ייִנגלעך פלעגן איר בגניבה אַרויסטראָגן אַ שטיקל ברויט אונטערן רעקל, און ווייכהאַרציקע באַלעבאָסטעס — אַ קעלישאָק משקה צו אָטכאַיען זייער געוועזענע וואַסער־טרעגערין.

אין דער שיטערער בלאָטע פון דער גרויסער שטאָטישער קאַנאַווע, פלעגט פּאַלאַהייקע ווען נישט ווען דערקענען איר געוועזענעם געזעצלעכן מאַן — כוועדער. פלעגט זי זיך ווייִנענדיק איבערבויגן איבער אים און עפּעס נישט ניכטער קלאָגן זיך, אַז פון כאַטע האָט מען זי אַרויסגעטריבן פאַר נישט צאָלן דירה־געלט, אַז די קינדער האָבן דאָרפישע „קומעס״ *) צוגענומען צו זיך, אַז זי אַליין נעכטיקט אין דרויסן, אין יידישן בית מדרש אויפן גאַניק, ווייל פון פּראַוואָסלאַוונעם קלויסטער טרייבט מען זי אַוועק. שטיינער וואַרפט איר דער קריסטלעכער „זוואָנאַר״ **) נאָך, ווען זי גייט נאָר נאָענט צו...

כוועדער האָרכט אויס אירע שלוכצען און פּינטלט מיט שווערע אויגן. פּאַלאַהייקעס רויער פּנים מיט דער רויט־אָפּגעברענטער הויט זעט אים אויס ווי אַ שטיק פלייש פון זיין געשונדענער סיווער קליאַטשע. און פּלוצלונג כאַפּט ער זיך אויף פון זיין הינער־פּלעט, הויבט אויף אַ פּאַר בלאָטיקטן קאָפּ האָר, פאַרקלעמט אַ קנאָכיקן קולאַק און צערעוועט זיך:

— אוידי, וואַראָנאַ! אוביו—ו!... ***)

אַנטלויפט פּאַלאַהייקע און בלאָנדזשעט ווייטער אַרום מיט איר קאַ־

---

*) קרובים.

**) דער גלאָקן־קלינגער.

***) אַוועק, וואָראָנע! כ׳וועל דיך ממיתן!...

ראַמיסעל, ווי אַ פּאַרוואַגלטע נשמה, וואָס קען צו רו נישט קומען. טאַטעס מוסרן מיט איר די קינדער: „אַט זעסט וואָס פון אַ מענטשן ווערט... בשעת, הייסט דאָס... ווערט דאָס אָנגערופן...״ בשעת וואָס? און וואָס ווערט „אָנגערופן״?... דער משל פּאַסט זיך גאָר נישט צום נמשל. וואָרים ווו זענען דאָ ביי יידן וואַסער־טרעגער, וואָס האָבן זיך אַזוי נידעריק אַראָפּ־געלאָזט? נאָר יידישע קינדער זענען שוין, מסתמא, אַליין משיג וואָס מען מיינט דערמיט.

צוקוקנדיק אַזאַ געפאַלנקייט, האָבן זיך יידישע באַלעבאָסטעס אַ פּאָר מאָל צוזאַמענגערעדט: „לאָמיר אַ פּרווו טאָן! פון כוועדערן זענען מיר פטור געוואָרן איז... אפשר וועט פאַלאַהייקע צוריק ווערן אַ מענטש, אַ?״ — האָט מען איר געשענקט אַן אַלט קליידל, געבאָרגט אַ פּאָר עמער, געגעבן איר עטלעכע ווייכע שמאַטעס, אויסצובעטן אויפן אַקסל אונטערן קאָראָמיסעל, און געהייסן איר אָנטראָגן וואַסער. קיין מזומן־געלט, פּאַר איר טרחה האָט מען איר נישט פאַרטרויט; טאָמער פאַרטרינקט זי. אָנשטאָט דעם האָט מען איר דערלאַנגט אַ גוט שטיקל ברויט, אַ ביסל זויער־מילך, אַ געקעכץ. דערזען אַזאַ כיבוד פלעגט זיך פאַלאַהייקע פּאַר־קרימען ווי פון לויט־עסיק, און מיט אַ נעבעכדיק פּנים געגומען בעטלען מען זאָל איר בעסער געבן אַ קליין פּיצעלע ברויט. אויף וואָס טויג איר אַזוי פיל שבתדיקע חלה, אַזוי פיל קרופּניק? אַן עברה! יאָ, איין פּיצעלע ברויט וויל זי, אָט אַזוי גרויס ווי איר שפּיץ נאָגל, נישט מער. און אַ... גרויסן קעלישאָק בראָנפן. וואָרים ס׳איז איר שווער אויפן האַרצן איז איר, און זי ווייסט נישט אויף וועלכער וועלט זי איז.

מ׳פלעגט זיך איבערקוקן, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, און פונדעסטוועגן נאָכגעבן אַזאַ ביטער האַרץ ווי זי איז. נאָך איידער מ׳האָט איר אָנגעגאָסן, האָט זי זיך שוין פאָסמאַקעוועט, און איבערן פולן קעלישאָק אויסדערציילט די גאַנצע פינצטערע מערכה אירע. וואָס? די כריפּקע אין האַרצן? דאָס האָט איר כוועדער מיטן קאָראָמיסעל אָפּגעשלאָגן די לונגען. דאָס איז גאָרנישט... דער עיקר איז דאָס זויפן בראָנפן! אָט ווו עס שטעקט איר גאַנצער אומגליק. זינט כוועדער האָט זיך פאַרבענקט נאָך זיין געשונ־דענער קליאַטשע און געגומען שיכורן, איז ער פון זינען אַראָפּ. די כאַטע איז צעפאַלן געוואָרן, די קינדער — צעשפּרייט. הכלל, אין די אויגן איז איר פון דעמאָלט אַן פינצטער... אַ, גוטע מענטשן! זאָל מען נאָר זען צו וואָס בראָנפן דערפירט: פריער — כוועדערן, אַצינד — זי אַליין.

אָפּגעהאַלטן אַזאַ שיינע דרשה איבער דעם גרויסן שאָדן פון אַלקאָ־

האָל, פּלעגט פּאַלאַהייקע מאַכן אַ פרומע מינעלע, פאַרקנייטשן די ליפּעלעך. ס׳עקלט זי, הייסט דאָס, אָפּ פון דער דאָזיקער פּליסיקייט. און אינמיטן ברעכן זיך אַזוי — געגעבן פלוצלונג אַ קער אַריין דעם דערלאַנגטן קעלישאָק, אַז יידישע ווייבער פלעגן נבהל ונשתומם ווערן פון אַזאַ מאַנס־בילשער געניטקייט ביי אַ קראַנקער גויע.

פאַרגאָסן די ערשטע ניכטערקייט און פאַרביסן מיט אַ פּיצעלע ברויט, פלעגט זיך פּאַלאַהייקע אַ נעם טאָן בעטלען מיט גאָר אַ נייער פרישקייט: הכלל, האַרציקע, גאָלדענע מענטשן, מ׳זאָל זי ראַטעווען, אַ זינדיקע נשמה זאָל מען טרייסטן! מען זאָל איר געבן נאָך אַ קעלישאָק. וואָרים אָט־אָ עקט זיך איר דאָס חיות, עקט זיך איר, קכי־קכי־קכי!...

אירע אויגן האָבן אָבער דערביי באַקומען אַזאַ זשעדנעם בליק, אַז יידישע באַלעבאָסטעס פלעגן זיך דערשרעקן פאַר דער פולער פלעשל אין אַלמערל און בעטן פּאַלאַהייקען זי זאָל מוחל זיין און אַוועקגיין. אָט איז ברויט און אָט איז אַ ציבעלע... זאָל זי מוחל זיין און אָפּטראָגן זיך.

אַזאַ פלוצלעכער קער אין די אונטערהאַנדלונגען, מכוח אַ נייעם קעלישאָק, פלעגט ביי פּאַלאַהייקען אַרויסרופן אַ קאָכיקן גרימצאָרן, וואָס הייסט אַוועקגיין? פאַר איר בלוטיקער פראַצע זאָל מען איר באַצאָלן! יאָ, מיט בראָנפן אָדער מיט מזומנים! אָט דאָ אויפן אָרט! אַלטגעבאַקענעם ברויט זאָלן זיי אַליין עסן, די זשידעס...

ביי אַזאַ סקאַנדאַלעוועו האָט מען זיך שוין געמוזט ווענדן נאָך מאַנס־בילשע הילף. מ׳האָט אָפּגענומען די געבאָרגטע עמער און אַרויסגעוואָרפן זי מיט איר אָנגעשפּאָלטענעם קאָראָמיסעל אויף דער גאַס.

ביי די צוגעהאַקטע טירן פלעגט נאָך פּאַלאַהייקע, אַ היפּשע ווײַלע, שילטן און פלוכן און זידלען אַלע זשידעס פון הויז, פון גאַנץ שטאָט און פון דער גאַנצער וועלט. דערנאָך פלעגט זי זיך, מיד און האַלב־שיכור, אָנשפּאַרן ערגעץ־ווו אין אַ צוים און שטילינקערהייט יאָמערן און שאָקלען זיך איבער איר קאָראָמיסעל, ווי איבער אַ צעבראָכן לעבן. ס׳איז געווען אַ נודנע גויאישקע קינה, אָן אָן אָנהויב און אָן אַ סוף, אָן ווערטער און אָן אינהאַלט. און לאַנג און כמורנע איז עס געווען ווי אַן אָסיענדיקער רעגן.

יידישע קינדער, וואָס האָבן מיטן רוסישן לערער געלייענט אין דער כרעסטאָמאַטיע די מעשה פון פּושקינס „גאָלדן פישעלע״, האָבן אין פּאַלאַהייקען, בשעת אַזאַ שאָקלען זיך, געזען אַן ענלעכקייט מיט דעם אַלטן פישערס הולטייקע, וועלכער ס׳האָט זיך פריער פאַרוואָלט האָבן

אַ גאַנצע קאַריטע, דערנאָך האָט זיך איר פאַרגלוסט ווערן אַ „מעשצאַנקע", דערנאָך — „דוואָריאַנקע", דערנאָך — אַ קייזערטע, דערנאָך — אַ הער־שערין איבערן גאַנצן ים און איבער דעם גאָלדן פישעלע. לסוף איז זי ווידעראַמאָל געבליבן זיצן ביי איר צעבראָכענער קאַריטע... יענע — ביי דער קאַריטע און פּאַלאַהייקע ביי איר קאַראַמיסעל.

ווי אַזוי האָט זיך דאָס די קינדער געקענט אויסדוכטן אַזאַ זאַך? ווען איז דאָס פּאַלאַהייקע געווען אַ דוואָריאַנקע, און ווען אַ קייזערטע, און ווען איז דאָס איר די וועלט געווען צו ווייניק? קיין קשיות זאָל מען ביי קינדער נישט פרעגן. מיט זייערע אויגן האָבן זיי אַליין געזען, אַז פּאַלאַהייקע האָט געהאַט אַ כאַטקעלע ביים ברעג אַזערע, געוווינט דאָרטן מיט איר כוועדערן, געהאַט אַ סיווע קליאַטשע איינגעשפּאַנט אין אַ נייעם שליטן, מיט אַ גוטער פעסל אויפן שליטן אום ווינטער, און אויף אַ וועגל מיט רעדער — אום זומער. און פּלוצלונג האָט זיך אַלץ גענומען שמעלצן. פון כאַטע און פערד איז געבליבן אַ פּאַס אויף אַ שליטן אָן האָלאָבליעס. פון פעסל זענען געוואָרן צוויי עמערס און אַ קאַראַמיסעל. פון די צוויי עמער — איין איינציקער עמער, וואָס מען טראָגט מיט דער בלויזער האַנט. כוועדער איז ערגעץ־ווו פאַרפאַלן געוואָרן און אָט זיצט פּאַלאַהייקע און וויינט איבער איר אָנגעשפּאַלטענעם קאַראַמיסעל. הייגט וואָס דאַרף מען מער?... די אַלטיטשקע פון דעם „גאָלדענעם פישל" מיט די ביינער!

.3

דערזעענדיק איצט פּאַלאַהייקען אין אַ ווינקל, אַ באָסע פון רעגן, מיט די באָרוועסע פיס אין בלאָטע, האָט מאיר פּענטען אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצן. ער האָט אין דער גויע דערזען דעם אָפּשפּיגל פון זיין איי־גענער געפּאַלנקייט ביי טריינען זיין ווייב אין די אויגן. האָט ער געלאָזן גיין דעם „קראַסאַוויעץ" זיינעם, שלעפּן דעם פולן וועגל מיט טשעטשאָטקע, און אַליין איז ער צוגעגאַנגען צו פּאַלאַהייקען איבעררעדן מיט איר... אפשר וויל זי קומען מאָרגן, פּאַר טשאָלנט, אָראָפּצונעמען די שבתדיקע לייכטער פון טיש, אויסמעלקן טריינעס ציגן, ברענגען אַ פּאָר עמער וואַסער אויף פּאָילע... נישקשה, אַ שטיק חלה וועט זי קריגן, און אפשר אַ גלאָז מילך אויך. טריינע וועט זי נישט באַעולען. ציגענע מילך איז אַ געזונטע זאַך...

פענטע האָט דאָס אין איר אַריינגעדברט, מיט זיין גולמשער צונג, אויף פּויעריש, ער האָט דערביי זייער איידל געלויבט זיין פּלוניתטע.

און געהאַט דערפון אַ מאָדנע הנאה. זינט טריינע האָט זיך פון איר אָפּגעקערט, רעדט ער פון איר, אונטער די אויגן, מיט גרויס רעספּעקט! אַפילו מיט אַזאַ פאַרפאַלענער נשמה ווי די וואַסער־טרעגערקע. אָבער פּאַלאַהייקע איז פון זיין ריטערלעכקייט צום ווייב אַ האָר נישט נתפּעל געוואָרן, און די געזונטקייט פון ציגענע מילך האָט זי אויך נישט אָפּגע־שאַצט. זי האָט נאָר טעמפּ געקרימט איר ציגל־רויטן, קנאָכיקן פּנים, געהויבן דאָס איינגעקלעפּט קליידל פון נאָסן לייב. און, קלאַפּנדיק מיטן קאָראָמיסעל צום טאַקט פון יעדן וואָרט, האָט זי געבורטשעט: וואָס טויג איר יידישע חלה, וואָס טויג איר? אויף כפּרות דאַרף זי דאָס האָבן! און וואָס פאַר אַ טעם האָט ציגענע מילך? השתנה. זאָלן דאָס די דעריקע יידן זליאַקען. יאָ, איר, פּאַלאַהייקען, זאָל מען בעסער דערלאַנגען אַ בע־כערל „פּייסאַכאָווע האָרעלקע" *). אַט וואָס! איין פּיטשימאַנטשיקן שטי־קעלע ברויט מיט זאַלץ צום פאַרבייסן. אָט אַזאַ ווי איר שפּיץ נאָגל די גרויס. דאַמאָלסט וועט זי מעלקן ציגן. אַז נישט מעגן די פּאָהאַנע שבתדיקע לייכטער שטיין ביז איבעראַיאָר טראַיצע. אָנרירן וועט זי זיי נישט. אָט, מעג זי לאָפּניען אויף אַן אָרט. מעג זי דאָ קריגן טריאַסצע און —

נישט פּאַלאַהייקע האָט פאַרענדיקט איר שווערן זיך, נישט פּענטע — זיינע דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען. וואָרים פּלוצלונג האָט זיך דער־הערט אַ גרויסע טרובעריי פון אַ פאַרעכאָד אויפן דניעפּער. מיט אַ גע־דיכטן, קורץ־אָטעמדיקן באַס האָט דער פּייפער געברעוועט, אַנגעזאָגט אומגליק און אָנגעמאַכט אַ טרעוואָגע. און באַלד נאָכן טרובען האָבן זיך דערהערט געוואַלדן, און ס'איז געוואָרן אַ גרויס געלויף פון אַלע זייטן. פּענטע איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפענעם מויל. מען דאַרף שוין באמת זיין אַ ליימענער גולם נישט צו הערן, אַז פון אַרום אַנשלס הייזקע טראָגן זיך די קולות. פּונקט דאָרטן, וווהין ער פּירט אַצינד זיין וועגל מיט טשעטשאָטקע...

די איידעלע אונטערהאַנדלונגען אַריינצוציען פּאַלאַהייקען אין אַ גע־זונט לעבן און אין אַ כשרער פּרנסה, זענען אַזוי אַרום גראָב איבערגעריסן געוואָרן. מאיר פּענטע, מיטן בייטש־שטעקל אונטערן אָרעם, האָט זיך גענומען יאָגן נאָכן אַוועקגעקראָכענעם „קראַסאַוויעץ" זיינעם. נאָך מאירן — פּאַלאַהייקע אַ באָרוועסע מיט איר קאָראָמיסעל אין האַנט.

נאָכלויפנדיק, אַן אויסגעטשוכעטע מיט איר איינגעקלעפּטן קליידל

*) פּסחדיקן שנאַפּס.

אויפֿן נאַסן לייב, האָט זי זיך מיט איר קאַראַמיסעל באַנוצט ווי אַן אַלטע „באַבע” מיט אַ צו גרויסן שטעקן. עטלעכע קליינע טריטעלעך מיט די פּיס און איין גרויסן שפּאַן מיטן קאַראַמיסעל פֿאַראויס. אַזוי האָט זי אָנגעיאָגט פּענטען מיט זיין וועגל.

אויף דער אויסגעשווענקטער, זומערדיק באַלויכטענער גאַס האָבן זיי צוזאַמען געשאַפֿן אַן אויסטערלישע קאָמפּאַניע, אַ משונהדיק־מאַלערישע גרופּע, פֿון דער פֿאַרקערטער זייט מאַלעריש... די ווילדע וואָרצלען פֿון דער טשעטשאָטקע אויפֿן וועגל, דער גרילצנדיקער קוויטש פֿון די טרוקענע אַקסן, דער איין־אויעריקער, גרויער פֿערד, וואָס טייטלט מיט זיין „האָרן” אַראָפּ וועג, פּענטע דער גולם מיט זיין איבערגעגאַרטלטן געזעס, וואָס האָצקעט זיך ביים לויפֿן אַזוי אומגעלומפּערט, פֿאַלאַהייקעס נאָכטאַנצן מיטן אויסגעבויגענעם קאַראָמיסעל אָנשטאָט אַ שטעקן און איר איינגע־קלעפּטער סיסצענער קליידל אין נאַסן, פֿאַרמאָרעטן לייב — דאָס אַלץ האָט זיך אַזוי מאָדנע געפּאַסט אינאיינעם, אַזוי אויסגעפּילט האָט איינס דאָס צווייטע! ווי אָפּגעריסן פֿון אַ גראָטעסקער פֿאַנטאַזיע האָט די גאַנצע גרופּקע אויסגעזען. און אָט איילט זי זיך ערגעץ־ווו: האָץ־האָץ און טיאָפּ־טיאָפּ, אַראָפּ גאַס צום ברעג דניעפּער צו, פֿון וואַנען עס טראָגן זיך די גרויסע געוואַלדן.

דער איינגעלויף

.1

ווי צו אַ רויטן מיטלפּונקט פון אומגליק זענען זיך דאָ צוזאַמענגעלאָפן אַ סך פון אונדזערע העלדן. און אַלץ וואָס ווינט און האָרעוועט און גייט אום שלינג און שלאַנג ביים ברעג דניעפּער.

אַנשלס צעקאַליעטשעטער גוף איז געווען דער דאָזיקער מיטלפּונקט. צו א י ם האָט מען זיך, פון אַלע שטעגלעך, געטראָגן מיט שרעק און נייגעריקייט. נאָסקע־טרעגער זענען געלאָפן וועט־געלויף מיט לאָזע־דרייער, באַלמעלאָכעס און באַלעגאָלעס. פּאַסאַזשירן, וואָס זענען אָנגעקומען מיטן פּאַראומגליקלעכטן פּאַרעכאָד; און אַזעלכע — וואָס האָבן זיך געקליבן פּאָרן אין אָרשע און זענען געבליבן, מחמת אָן אַ קוימען און אָן אַ פייפער האָט דער פּאַרעכאָד ווייטער נישט געקענט פאָרן.

יעטוועדער פון די אָנגעלאָפענע האָט געזען דעם פרעמדן אומגליק מיט אַנדערע אויגן. אָבער איין באַהאַלטענער געפיל האָט זיי אַלעמען אויסגעגלייכט. דאָס גיפטיק־זיסע און פאַרבאָרגענע באַוווסטזיין, אַז י ע נ ע ר איז געהרגעט געוואָרן און „איך" בין ניצול געוואָרן... צוזאַמען מיט שטוינונג און פחד האָט זיך דאָס געמישט, וואָס אַ מענטשנס לעבן איז אַזוי ווייניק ווערט... אָבער געלויבט דער אויבערשטער! מיט מ י ר האָט דאָס נ י ש ט געטראָפן!...

ווי חיות פון אַלערליי גרויסן, פון אַלערליי ראַסן און כוחות, וואָס ראַטעווען זיך אויף אַ לעצטן פעלדז־שטיין, אינמיטן אַ מבול, אַזוי האָט דאָ יעדערער פאַרגעסן אָן זיינע ציין, אָן זיין גיפט און נעגל. אויסגעגלייכט האָט דער פרעמדער אומגליק אַלעמען. אַ שטילן שלום געמאַכט צווישן פאַרקאָכטע הערצער.

דאָ, ביים אויסגעריסענעם קאָלאָוואָראָט פון קאַנאַט, האָבן זיך היינט, צום צווייטן מאָל, געטראָפן אַזעלכע פאַרביסענע שונאים ווי פראָיקע, דאָס

מופקר־יינגל, און דעם נייעם נגידס בחורל מיט דער צעדראָפּעטער באַק. מיטגעשלעפּט מיט אַלעמענס נייגעריקייט און שרעק האָט דעם נייעם נגידס שקאָלניק אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ער האָט, מיט אַ ווײַלע צוריק, געשווירן אָפּצורעכענען זיך מיטן שלעפּערל „ערגעץ־ווו אין אַ געסעלע", דערפאַר, וואָס יענער האָט אים אַזוי פאַרשעמט, אַזוי באַאַרבעט דעם פּנים פאַר לײַטן אין די אויגן.

דאָ זענען אָנגעלאָפן זונדלס גאָטס גנב, מושע זיין טאָכטער און טעמע זיין ווייב. די בלויע קאָרטן־טרעפּערקע מיט די ווײַנפּערלעך אויפן פּנים, מיט די פינטעלעך אויפן קלייד און מיט אַ נישט־דערטראָפּענער טאַליע קאָרטן אין האַנט. און פאַנדריכע מיט איר קינד אויפן אָרעם — וועלכע איז דורך דער סומאַטאָכע ניצול געוואָרן פון דער צו קלוגער טרעפּערקע, פון איר אויסזאָגן סודות פון חדר... שפּעטער אַ ווײַלע זענען צוגעקומען זוסלס תלמידים פון דער עלטערער כתה, וואָס האָבן זיך פריער אַרויסגעגנבעט אינמיטן לעקאַך און בראָנפן און אינמיטן טייטשן גמרא, און געלאָפן שפּילן זיך אויפן ברעג דניעפּער, ווי די דרדקי־יינגלעך; ליאָנקע פּיסקליאָניק מיט די לאַנגע רגלים איז אָנגעלאָפן; נאָך אים — משהקע בוילע, פּייוקע, זלמנקע האַז און דעם פאַראַמשציקס יינגל — נאָך זיי. ער איז געלאָפן אַ בלייכער פון דער מאַמעס געשרייען, וואָס ער האָט דערהערט אינדערווייטנס, נישט וויסנדיק אַפילו, אַז ער איז שוין אַ יתום. און נאָך זיי אַלעמען איז נאָכגעלאָפן יענקוץ, זונדלס אייניקל, מיטן עקעלע אַרויס פון די צעשפּאָלטענע מייטקעלעך. אַ פאַרסאָפּעטער, מיט דריבנע שפּרינגעלעך איז ער נאָכגעלאָפן נאָך די באַלעבאַטישע קינדער, און געשריען אַ פאַרסמאַרקעטער: „איכל טאַקע אויך גיוועז גיזעט איכל!" ס׳הייסט: ער וויל אויך זען...

זוסל דער מלמד האָט אַבאַלען דערזען צווישן די אָנגעלאָפענע יינג־לעך. איז ער אים אַרויס אַנטקעגן, איבערגעשניטן דעם וועג צום הרוג און אָנגעכאַפּט אים ציטערנדיק פאַרן אַרבל:

— ג...גיי! — האָט ער זיך פאַרזאַאיקעט פון אויפרעגונג — די מ...מ...מאַמ...!

מיט אַ גרויסער אינערלעכער אָנשטרענגונג איז ער בייגעקומען די פאַרקראַמפּטע צונג זיינע און זיך קלאָרער אַרויסגערעדט:

— גיי, אַבאָלע! צו דער מאַמען גיי בעסער! די מאַמע — איר איז נישט גוט געוואָרן!...

פון ערגעץ־ווו איז אָנגעלאָפן וואָיטעק, דער ציווילער בריוו־טרעגער,

מיט דער אייביקער פּיפּקע אין מויל, מיט אַ צעטומלטקייט אין די פּיאַ־לעט־בלויע אויגן; און לעבן אים, אַלס אַן אונטערפירער — זאַוול שמיי־סער. זאַוול האָט זיך, קענטיק, ווייניק־וואָס געגומען צום האַרצן דעם אומגליק פון אַנשלס משפּחה. ער איז אינגאַנצן געווען פאַרהאַוועט, ווי אַן אויבער־סאַרווער אויף אַ חתונה. דער פּנים האָט ביי אים געפלאַמט, די אויגן געברענט, דאָס היטעלע געווען פאַרשאַרט. נאַ! ע ר האָט שוין פּאָספּעיעט זען. ער ווייסט שוין... טו זאָל זיידע־וואָיטעק אויך זען און אויך וויסן!

חיה־שרהקע די משוגענע איז אַרויסגעקראָכן פון אַ הינטער־געסקע, מיט איר פּעקעלע שמאַטעס אויפן אָרעם — פאַרבונדן ווי אַ זויג־קינד און צוגעטוליעט צום ברוסט ווי אַ זויג־קינד. די דינינקע קנייטשעלעך אַרום אירע בולטע אויגן האָבן געטאַנצט, די דיקע ליפּן האָבן זיך באַ־וועגט געשלאָסענערהייט. אָט־אָט פּלאַצט זי אַרויס מיט אַ משוגענעם געלעכטערל! האָט זיך אויף איר, נישט קיין אַנדערער ווי זאַוול שמייסער, צעשריען: „אַוועק פון דאַנעט דו משוגעת דו!" אים, דעם אַרויסגעטריי־בענעם „שמייסער", האָט זיך מיטאַמאָל פאַרגלוסט צו קאָמאַנדעווען. און זאָלן טאָקע אויך אַנדערע זען ווי ער מאַכט פאַראָנדקעס, לייגט איין דעם לעבן פאַר אַ פאַראומגליקטער פאַמיליע.

נאָר אין רעכטן מיטן ברען פון פאַריאָגן חיה־שרהקען האָט ער, מיט זיינע שאַרפינקע אויגן דערקענט, אין אַ וואָלקן פון שטויב, אין דער ווייטנס, דעם דאָקטערס קאַרעטע. האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר, ווי אַ יאַגד־הונט נאָך אַן אַנטרונענער חיה. און אין אַ מינוט אַרום איז שוין דאָקטאָר חישין אָנגעפאָרן מיט זיין צוריקגעפּונענער, ניי־איבערלאַ־קירטער קאַרעטע, מיט זאַוול דעם שמייסער, וועלכער האָט זיך אָנגעהאַנגען ווי אַ משרת פון הינטן. זאַוול איז דער ערשטער אַראָפּגעשפּרונגען. העכסט גליקלעך, וואָס ער איז געפאָרן עטלעכע קלאַפּטער מיט דעם דאָקטאָר „אין איין קאַרעטע", האָט ער האָפּערדיק געגומען שטויסן מיטביידע געזונטע עלענבויגנס, ווי אַ סטראַזשניק:

— לאָזט, לאָזט, לאָזט! דער דאָקטאָר גייט! דער דאָקטאָר!

חישין גופא האָט זיך פּייערלעך פּינצטער און אַ בלאַס־געלבער גע־לאָזן גיין נאָך זאַוולען — זיין נישט געדונגענעם לאָקאַי, און האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אויף זיינע אַמאָליקע פריינד און יעצטיקע פאַרביסענע שונאים — אויף זונדל גאָטס גנב און זיין משפּחה. וועמענס זון און ברודער ער האָט פאַרן געגנבעטן פערד פאַרשיקט קיין סיביר...

פאַרקערט, דער פאַרביסענער שונא אליין, ס'הייסט: זונדל גאָטס גנב, האָט זיך דווקא יאָ צעטומלט. ער האָט אַזש אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטל פאַרן דאָקטאָר. פּונקט אַזוי ווי ער האָט דאָס געטאָן אַמאָל, ווען חישין פלעגט אַרײַנקומען היילן מושען זיין טאָכטער.

איז דאָס געשען דערפאַר, וואָס אַצינד איז ער געווען דערשיטערט פון פרעמדן אומגליק? צי מחמת גרויס דרך־ארץ, וואָס זיין שונא גייט ראַטעווען אַ געניזקטן מענטשן, בשעת ער, זונדל, מיט זיינע האַמעטנע הענט קען דאָ גאָרנישט העלפן? ווי עס זאָל נישט געווען זיין — ער האָט פאַרן דאָקטאָר אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטל. און קוקנדיק אויף אים האָט טעמע, זיין ווייב, אַראָפּגעלאָזט איר מאַנכבילשן נאָז און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי בשעת תחינות־זאָגן. און מושע, חישינס נאַכטיקע פּאַציענטקע פון פאַר דער גניבה, האָט אָנגעבלאָזן די דיקלעכע ליפּן אירע, קינדיש צעפּינטלט זיך מיט די שיינע אויגן און אַ כאַפּ געטאָן זיך פאַרן האַרצן, ווי זי וואָלט געוואָלט אָפּשטעלן איר נערוועאישן שלוקערץ, פון וועלכן חישין האָט זי אַזוי לאַנג געהיילט און נישט אויסגעהיילט. נאָר ס'האָט זיך איר נישט איינגעגעבן.

— איק! — האָט דאָס ביי איר אַ שאַל געטאָן פון האַלדז אַרויס און אַזוי שטאַרק, אַז אירע פולע בריסטען זענען אונטערגעשפּרונגען ווי אַ כוואַליע.

נאָר איין יענקוץ, מיטן עקעלע, האָט זיך נישט פאַרלוירן. ער האָט אין חישינען, מיט דעם שוואַרצן בערדעלע, דערקענט דעם גרויסן שונא פון זייער הויז, וועגן וועמען זונדל זיין זיידע, טעמע זיין באָבע, מושע זיין מומע און די אייגענע מאַמע רעדן אויס אַל־דאָס־בייז, מיט ביטערניש און מיט שוים ביים מויל. האָט ער, נישט קלערנדיק קיין סך, גלייך געמאַכט אַ קולאַקעלע און צעסטראַשעט זיך הינטערן דאָקטאָרס פּלייצע:

— אר־אר! צוקין־צין! איכל, איכל דיך סלאָ —

נאָר פון זיין לייבלעכן זיידן האָט יענקוץ, אינמיטן דרינען, געכאַפּט אַזאַ כמאַל איבערן קעפּל, אַז ער האָט זיך פאַרדרייט אין דרייען און געלאָזן דעם „סלאָגן" אויף אַן אַנדער מאָל.

.2

אַרום דעם פאַרבלוטיקטן קאָלאָוואָראָט, ווי אַרום אַ טרפהן מזבח פון אַן אומבאַקאַנטן אָפּגאָט, איז מען געשטאַנען ראָד אין ראָד. אויף קעפּ

איז מען געשטאַנען און געדיכט געהודזשעט, ווי אַ בינשטאָק. אויף די פּנימער פון דער אינעווייניקסטער מענטשן־ראָד איז געווען אָנגעשריבן שרעק און שפּלדיקייט, און אויף די דרויסנדיקע פּנימער — זשעדנע ביי־געריקייט. נאָך אַ מינוט צוקוקן זיך, האָבן זיך די אינעווייניקסטע צוזעער געכאַפּט פאַר די קעפּ, אויסגעדרייט די פאַרקרימטע פּנימער צום עולם און אַזוי אַרויסגעשטופּט געוואָרן דורך די ביי־אָנגעלאָפענע פון דרויסן, וועלכע האָבן פאַרנומען זייער אָרט.

דעם מאוימדיקן איינדרוק פון אַנשלס צעטראַשצעטן שאַרבן האָט נאָך פאַרשטאַרקט אַנטאָשע — דער יונגער גוי פון פאַראַם. ער איז דאָ נאָך אַלץ געשטאַנען, אָנגעשפּאַרט אָן אַ סלופּ, אונטער דעם אָפענעם דעכעלע פון דער האָלצערנער מאַשינעריע. אַ האַלב־געחלשטער איז ער געשטאַנען מיט אונטערגעבויגענע קני, עפּעס אַזוי וואַטע ווייך, אָן ביינער. און געצלמט האָט ער זיך און דריבנע געציטערט. פון די ליקענע לאַפּציעס ביז די צעפלאָשעטע קודלעס זיינע. פון די איבערגעכאַפּטע שריים בראַנפן, ביי אַנשלס פענצטער, בשעת דער פריערדיקער שמחה, האָט ער זיך שוין אינגאַנצן אויסגעניכטערט. נאָר דער געדאַנק, אַז זיין אָקאָרשטדיקע שיכרות און פוילקייט האָט דעם באַלעבאָס זיינעם געצוווּנגען צו פאַרלויפן אים דעם וועג און געהרגעט ווערן אויף אַן אָרט — האָט אים שיכורער געמאַכט ווי ווין. דערפאַר האָבן זיך אים די קני אונטערגעבויגן. ער האָט אָבער פונדעסטוועגן קלאָר געפילט, אַז דורך דעם איז ער, אַנטאָשע, אַליין ניצול געוואָרן פון אַזאַ מיאוסן טויט. און איין רגעלע איז דאָס געגאַנגען... דערפאַר האָט ער זיך אַזוי פלייסיק געצלמט.

איבערן הרוג האָט זיך אַצינד איינגעבויגן חישין דער דאָקטאָר. זיין שוואַרץ בערדעלע און זיין געלבלעכער פּנים זענען פאַרשווונדן געוואָרן אין אַ רויטלעכן שאָטן... נאָר באַלד האָט ער זיך צוריק אויסגעגלייכט, ווישנדיק די פאַרבלוטיקטע דלאָניע מיט אַ ווייסער נאָז־טיכעלע. אַ מוטנער רויטער פלעק איז אַרויסגעטרעטן אויף דער קלאָרקייט פון באַטיסט. און חישין דער דאָקטאָר האָט דאָס גוטע טיכעלע גרויסמוטיק געלאָזן פאַלן, ווי אַ שמוציק שטיקל פּאַפּיר.

— נו־נו? — האָט מען דערשטיקט גענומען פרעגן פון אַלע זייטן.

חישין האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער אויסגעווישטער האַנט און געענטפערט נישט צו דער זאַך:

— רירט גאָרנישט אָן ביז וואַנען דער פּריסטאַוו וועט קומען. מ׳מוז מאַכן אַ פּראָטאָקאָל.

האָט מען פאַרשטאַנען, אַז פאַר אַנשלען, ברוך השם, איז קיין פּיצל האָפענונג מער נישטאָ. דערפאַר האָט דעם פּריסטאַווס נאָמען געהאַט אַ באַלדיקע ווירקונג. ווי דורך אַ כישוף האָבן זיך די נייגעריקע פאַנאַנ־דערגערוקט אין אַ ברייטערן קרייז:

— ששאַ, יידן. דער פּריסטאַוו!... אַ פּראָטאָקאָל.

אַצינד האָט מען זיך שוין געשטופּט ווי לעבן אַ פאַרכישופטער גרענעץ, ווו די גויאישקע שנאה, פון פאַרעכאָד צו יידן, און דער יידישער כוח־הפּרנסה, פון אַנשל פאַראָמשציק, האָבן זיך מיט אַזאַ גוואַלטאָוונעם כוח צוזאַמענגעשטויסן און ביידע זענען זיי אַרויס האַלב און גאַנץ־פאַרטיליקט פון אַזאַ צוזאַמענשטויס. דער פאַרעכאָד — אָן אַ קוימען, דער קאַפּיטאַן — אָן אַ פוס, און אַנשל נעבעך — אָן לייב און לעבן.

דערשיטערט פון אַזאַ שטראָף פון גאָט איבער אַ יידן, וואָס האָט אָקאָרשט געלעבט און געמאַכט „לחיים״, האָט זיך פּראָיקע — דער מופקר־יינגל, בכיון געהאַלטן נאָענט צום נייעם נגידס שקאָלניק. כמעט געבעטן זיך ביי אים מיט די אויגן: „נאָ, שלאָג מיך שוין אָן!...״ ער האָט דערמיט געוואָלט אָפּקומען אַלע זיינע זינד, דאָס אַנטלויפן אין דער פרעמד, דאָס מאַכן לעדערנע רענצעלעך פון גמרא־טאָוולען אין אַלטן בית מדרש.

אָבער ביים נייעם נגידס בחורל איז דאָ אויך אַוועק דער גאַנצער גיפט. וואָס פאַר אַ באַטרעף האָבן די פּאָר קעצישע דראָפּען אויפן באַק, אַקעגן אַזוי פיל אויסגעגאָסן בלוט? אַקעגן אַזאַ מוראדיקע מאַסקע פון געהירן און האָר — אַנשטאָט אַ פּנים?... ער האָט אַפילו ביי זיך באַשלאָסן, נאָך היינט פאַר ליכט בענטשן, איבערצובעטן זיך מיט דער „ציג״, ס׳הייסט מיט זיין יינגערער שוועסטער מיט די באָמבעלעך אין די בלייכע אויערן. צוזאָגן איר וויל ער, אַז מער וועט ער איר נישט דאָס מיאוסע גמרא־לידעלע, מיט „קאָזי־קאָזינע, שהלכה לגינה״, נישט זינגען.

און מערע, די שטרויענע אלמנה מיטן קינד אויפן האַנט, האָט ביי זיך געפּועלט מער נישט צו קלאָגן זיך פאַר טעמען אויף איר ביטערן מזל, וואָס איר מאַן זיצט נאָך אַלץ אין אָסטראָג און זי איז איינע אַליין, אָן פּרנסה. מ׳טאָר נישט זינדיקן! אָט, נישט פאַר קיינעם געדאַכט, אַ טאַטע פון קינדער! ווי אַ בליץ פון הימל האָט דאָס אים געטראָפן. אָן ווידוי אַוועק פון דער וועלט. אָבער פאַנדרע וועט נאָך קומען, סוף זומער, מיט גאָטס הילף, וועט ער קומען...

אָפּוואַרטנדיק דעם פּריסטאַוו, נאָך וועלכן זאַוול שמייסער איז מיט אַזוי פיל חשק אַוועקגעלאָפן, האָט חישין דער דאָקטאָר, דער פאַרזעסענער

בחור, מיט פאַרטראַכטע אויגן געכאַפּט אַ קוק אויף מושען. אַט איז זי די געוועזענע פּאַציענטקע זיינע מיט די שיינע היפּטן, מיט קליינע הענט און מיט די פליישיקע ליפּן, וועלכע פלעגט זיך אַזוי ווייבעריש פויל און באַטעמט אויסטאָן, ווי נאָר ער פלעגט איר געבן אַ צייכן, אַז ער מוז זי אויסהערן... אָך, פון די שידוכים, וואָס גרונם דער שדכן זוכט פאַר אים, איז דערווייל גאָרנישט נישט געוואָרן. ווען מושע זאָל זיך אויפהערן צו בלאָזן פאַר איר פאַרשיקטן ברודער, וואָלט ער זי ווייטער געהיילט. עס איז אים געוועזן גאַנץ ליב צוצוטוליען זיך צו איר פולער ברוסט מיט איין גליענדיקן אויער, אויסהערן דאָס האַרץ און די לונגען און אויסרועז זיך אין איין און דער זעלבער צייט פון אַלע קליינשטעטלדיקע רכילות, פון קראָל דעם דאָקטאָרס אינטריגעס... זאָל ער, דער קראָל, ווערן ראַ־בינער! אים, חישינען, אַרט דאָס אַצינד אַ האָר אויף נישט.

מושע, די אָפּגעפּאָרענע שיינקייט, האָט זיין פאַרבענקטן קוק דער־כאַפּט, און דאָס קנייטשעלע פון פריקרעקייט, ביי אירע זאַטע ליפּן, איז פאַרשווונדן געוואָרן. טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן: איר איז פאָרט געוועזן בעסער, ווען זי איז געשטאַנען אַזוי נאָענט צו אַזאַ איידעלן מענטשן! נאָר קאָפּל דער גנב, איר אייגענער ברודער, האָט זיך אַריינגעמישט און קאַליע געמאַכט... וואָס איז איר אַצינד געבליבן? קאַשיקעס מיט בייגל און מיט רויטע אייער?... רעכט אויף אים, אויפן גנב!

מאיר פענטע, וועלכער איז אַ ביסעלע צו שפּעט אָנגעפאָרן מיט זיינע טשעטשאָטקע־העלצער פאָרן פאַראָם, האָט גולמיש געפינטלט מיט די ווייטיקדיקע אויגלעך, געקראַצט זיך טעמפּ אין דער באַוואַקסענער פּאַ־טיליציע, קודם כל האָט אים אַרומגעכאַפּט דער צער פון אַן אומזיסטער טרחה: אָט, געבראַכט סחורה פאַר אַנשלען, און אַנשל — העט־העט!... אויס אַנשל!....

נאָר ביסלעכווייז האָט אים דאָס פרעמדע אומגליק דורכגענומען, ווייך געמאַכט דאָס האַמעטנע האַרץ, ווי וואַסער מאַכט ווייך פאַרטריקנטע ליים. ער האָט, דאָ אויף אַן אָרט, גענומען טראַכטן איבערצובעטן זיך מיט טריינען, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן. אָפּקויפן אַ מעלקעדיקע ציג וועט ער איר. מעג עס דונערן און בליצן, מעג עס! נאָך היינט ביינאַכט, פאַר דער שבתדיקער וועטשערע, וועט ער זיך איר שווערן: „דו הערסט, טריינע? עס מעג דונערן און בליצן!... גאָט העלפט מיר אַלע מאָל אויף אַ פערד, וועט ער מיר העלפן אויף אַ ציג אויך!" אָט אַזוי וועט ער זיך איר שווערן.

אַנגעשפּאַרט אויפן קאַראַמיסעל און שאָקלענדיק פרום מיטן קאָפּ, האָט פּאַלאַהייקע, די וואַסער־טרעגערקע, אויך חוזר־בתשובה געווען: זי וועט נעמען אויף באַרג צוויי נייע עמערס וועט זי נעמען. נישקשה, בנימין דער קרעמער וועט רחמנות האָבן!... מיט די נייע עמערס וועט זי אָנהויבן טראָגן וואַסער אין די יידישע הייזער, ביז זי וועט זיך צוריק אַרויפשלאָגן אויף אַ פּעסל מיט אַ וועגעלע אויף רעדלעך. בראָנפן וועט זי מער אין מויל נישט נעמען, און כוועדערן אין קאַנאַוועס וועט זי מער נישט זוכן. זאָל ער דאָרטן דריכניען, דער פּיאַניצע!

און כדי צו מאַכן אַ גוטן פּאַטשאַנטעק איז זי גלייך צוגעגאַנגען צו פּענטען און פייערלעך דערקלערט אים, אַז זי נעמט אָן זיין איינלאַדונג, וואָס ער האָט זי איינגעלאַדן פריער, ביים צוים: הכלל, מאָרגן פונקט עלף אַזייגער קומט זי אַראָפּנעמען די שבתדיקע לייכטער. קיין בראָנפן וויל זי נישט. זי וויל נאָר אַ גלאָז ציגענע מילך וויל זי. ציגענע מילך איז טאַקע געזונט און זייער גוט צו כריפּקע. דאָס ווייסט זי.

און כדי צו באַשטעטיקן איר פרומען באַשלוס האָט זי זיך גרונטלעך אויסגעשנייצט אין נאַסן פאַרטוך: אָט זאָל זי אַזוי לעבן און געזונט זיין!

יעדער אויף זיין שטייגער האָט תשובה געטאָן מיט אַ באַהאַלטענער און זיסער קלעמעניש אין האַרצן, נישט געוואָלט מודה זיין זיך אויפן גראָבן עיקר. און דער עיקר איז ביי יעדן איינעם געווען: „איך... איך לעב נאָך!"

און אינמיטן דער געדיכטער מענטשן־ראָד, וואָס ברומט פון שרעק און קרעכצן און נייגעריקייט, וואָס כוואַליעט פון קאָפּ־שאָקלעניש, הענט־פּאַכעניש און פלייצע־הויבעניש, וואָס קרימט זיך מיט אמתע און געמאַכטע פרומע מינעס און איז באַנומען פון דער נישטיקייט פון אַ מענטשנס לעבן און פון תשובה־געדאַנקען, — אינמיטן אָט דער ראָד איז געלעגן צעוואָרפן, מיט דער גאַנצער גרויזאַמקייט און נישט־קלאָרקייט פון אַזאַ נישט־נאַטירלעכן טויט — אַנשל דער פּאַראָמשציק. און זיין ברייט־פלייציקער קערפּער, אָן אַ שום מענטשלעכער צורה, נאָר מיט איין ריזיקער בלוט־וווּנד האָט, דאַכט זיך, טעמפּ און איינגעשפּאַרט געקוקט אין קיילעכ־דיקן שינדל־דעכעלע:

— אָט, אַ קרבן אויסגעזוכט זיך!... פאַר ז י י אַלעמען אַ קרבן...

3.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָבן שוין אין אַנשלס פּאַריתומטער שטוב

געברענט נשמה־ליכט. צווישן די שיריים פון לעקאַך און בראָנפן אויפן טיש האָבן זיי געברענט. זייער געלבלעכער, בייטאָגיקער גלאַנץ האָט אָבער באַשען געשראָקן, ווי דער אָפשיין פון אַ גאָענטער, גאָר נאָענטער שריפה, אין וועלכער איר מאַן ברענט נאָך לעבעדיקערהייט... זי פלעגט דערפאַר אַלע ווײַלע, ווי פון זינען געריררט אויפשרייען:

— אָט אָ רויט... אָ!... ניין, ניין! ראַ—אַטעוועט אים!... איין שטיק בלוט!... געוואַלד, רבונו של עולם!

מיט די דאָזיקע שטאַמלענדיקע אויסגעשרייען האָט זי געמיינט צו זאָגן, אַז גאָט וועט דאָך מן הסתם נישט דערלאָזן, פון איר אָקאָרשט געזונטן און ליבן מאַן זאָל מיטאַמאָל ווערן איין שטיק רויטע שמוץ!... ניין, עס קען נישט זיין! מ׳קען אים נאָך אוודאי ראַטעווען... און צווישן איין אויסגעשריי און דעם צווייטן האָט זי זיך געוואָרפן אין ספּאַזמעס, אָדער געלעגן אין טיפער חלשות.

די שיינע יידן, וואָס האָבן דאָ מיט אַ קורצער ווײַלע צוריק געמאַכט „לחיים״, פאַרביסן מיט באַשעס לעקעכער און געווינטשעוועט איר אַל־דאָס גוטס, האָבן די זעלבע פרישע יידענע געמוזט אַצינד מינטערן. דאָס האָט אויסגעזען ווי אַ בייזער חלום, סיי זיי, סיי אַבאַלען, דעם פלוצלעכן יתום, וועלכער איז געזעסן דערביי און געוויינט, אָן שום העויות, אָן קראַמף, נאָר מיט אַ פאַרגליווערט אויסגעצויגן פנימל. דער שאַרפער איבערגאַנג פון שפּילן זיך אין פּליטן און שטיפן מיט די חברים — צו אָט די ברענענדיקע ליכט, נאָכן טאַטן, האָבן זיך נאָך נישט פּאַטופּיעט אין זיין מאַטן גמרא־קעפּל.

זאַוול שמייסער דער ליידיקגייער, וואָס קיינער האָט אים נישט גע־שיקט און קיינער האָט אים דאָ נישט דערוואַרט, איז פון ערגעץ־ווו אָנ־געלאָפן מיט אַ שפּאָגל נייער בשורה:

— נאָ, — שיסט ער אויס אַ פאַרסאָפּעטער — דער פּריסטאַוו האָט שוין געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל אויפן פאַרעכאָד. איצטער גייט ער אַוועק!

— פּ־ס־ס!... — קרימט אים איבער איינער פון די אָנגעלאָפענע יידן אין שטוב — גרויסע ישועות! גיי, גיי, גראָבער יונג דו!

דאָס האָט זיך אָנגעבייזערט אויף זאַוולען נישט קיין אַנדערער ווי ר׳ ישראל דער גבאי, וועלכער איז מיט בערע רחמיאלס זיין סגן, אָנגע־קומען אויפן פאַראומגליקטן פאַרעכאָד, פון מאָהליוו. איינער פון די לעצטע איז ער אָנגעלאָפן מיט ר׳ בערען אָפּצוזאָגן „ברוך דין אמת״ איבערן

„קדוש״. אָבערביידע האָבן שוין ביים אויסגעריסענעם קאָלאָוואָראָט אַנגעטראָפן ליקסיין דעם סטראַזשניק, מיט די אָנגעשוואָלענע בעקלעך. יענער האָט געהאַלטן אין איין פּאַכען מיט זיין פּאַרזשאַווערטער שאַשקע, קיינעם נישט צוגעלאָזט צום געהרגעטן. בכלל — געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז אים, ליקסיין, איז זייער שווער צו אונטערקויפן.

—— העי העי ראַזאָידיס! *) — אַזוי האָט ליקסיי הייזעריק געשריען, איבערגעלאָדן מיט פליכטן, און אַ פאַרמאַטערטער געבלאָזן מיט ביידע געשוואָלענע בעקלעך.

ביי דער קאַרגער ליכטיקייט, אונטערן דעכעלע, האָבן גבאי און אויר־בער־שמש, אין דער צוזאַמענגעפּאַלענער מאַשינעריע, באַמערקט נאָר אַ רויט־ראָזיקן קנויל, מיט האָר און קנאָכן־שערבלעך אויסגעמישט. און, שוידערנדיק מיט אַלע אברים, אַריינגעכאַפּט זיך אין אַנשלס הייזקע, אַ קוק צו טאָן וואָס ד אָ ר ט ן טוט זיך. אַלס גבאי פון ליובאַוויטשער בית מדרש, ווו אַנשל דער קדוש האָט שטענדיק געדאַוונט, האָט ער זיך דאָ דערפילט באַרעכטיקט אַכטונג צו געבן אויף אַלע גאַנץ איבעריקע טומלער אין שטוב.

נאָר בערע רחמיאלס, מיט דער נאַפּאָלעאָנקע אויפן קאָפּ, האָט אים נישט געלאָזט אַנטוויקלען זיין גאַנצע גבאישע באַהאַוונטקייט. ער האָט אים שטאַרק אַ צי געטאָן פאַרן אַרבל און אָנגעשטעלט אויף אים די קלור־געטשקע פּעטע שפּעלטעלעך, אָנשטאָט אויגן.

— קומט, — מאַכט ער שטילערהייט — ר׳ ישראל! לאָמיר בעסער טאָן, וואָס יעקב אבינו האָט געטאָן...

ערשט דאָ האָט ר׳ ישראל דערזען, אַז די שיינע יידן רוקן זיך פּאַוואָליע אַרויס פון שטוב. נישט געווען קיין סך בעלנים צו שטיין מיטן פּריסטאַוו אין זיינע דלד־אמות. זיין טרפהנעם נאָמען האָט קיינער נישט געקענט הערן.

— ויברח. יעקב!... — טייטשט אים בערע רחמיאלס איין — נוּיטיק דאַרפט איר דער צורר היהודים זאָל אונדז שטעלן פאַר עדות, שלעפן אין סטאַן... אַ?

ר׳ ישראל האָט גלייך אָפּגעשאַצט די פּאַרזיכטיקייט פון זיין סגן. פּאָרט אַ ייד אַ בעל אכסניה געווען אין די יונגע זינדיקע יאָרן! געהאַט צו טאָן מיט נאַטשאַלסטוואָ.

---

*) עי, עי, צעגייט אייך!

— אומ־הו! — מאַכט ער צו ר׳ בערען, מער מיט נאָז און אויגן, ווי מיט די ליפּן, גיט זיך שעמעוודיק אַ וויש די באָרד מיט אלע פינף פינגער און מאַכט זיך שטילערהייט אַרויס פון טיר.

נאָר די אָנגעלאָפענע קלאָג־יידענעס האָבן זיך פון אָרט נישט גערירט. שטאַרקער פאַר אַלע מאַנסבילן האָבן זיי זיך אַרויסגעוויזן. זיי זענען געבליבן אַרום דער פאַראָמשציכע, כדי צו העלפן איר ווייגען און מינטערן זי.

4.

פאַרשעמט, פון זייער אייגענער פחדנות פאַר אַ „קנעפּל״, האָבן זיך ר׳ ישראל און בערע רחמיאלס אַוועקגעלאָזט אין שטאָט אַריין איבער די הויכע קלאַטקעס, אַרום דניעפּער. ביידע האָבן זיי געשפּרייזט מיט צעשפּרייטע, נישט־זיכערע טריט. און די הערצער זענען געווען פאַר־קלעמט פון אַלדאָס געזעענע און געהערטע. זיי האָבן אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז זיי אַליין זענען געווען אין סכנה אויפן גויאישקן פאַרעכאָד, מיט וועלכן זיי זענען אָנגעקומען.

— דאָס געלט איז גאַנץ? — גיט מיטאַמאָל אַ פרעג בערע רחמיאלס, און אין די פעטע שפּעלטעלעך אויף זיין פּנים קריכן אַרויס אַ פּאָר אויגלעך.

ר׳ ישראל האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן צום בוזעם. ס׳האָט גריילעך געקענט טרעפן, אַז בשעת „פאַלן כורעים״, אין איין קופּע פון מענטשן און פּעק־לעך אויפן פאַרעכאָד, זאָל דאָס געלט אַרויספאַלן, אָדער אַרויסגעגנבעט ווערן. דאָס געלט איז אָבער געווען גאַנץ — דאָס טייער געלט, וואָס זיי ביידע האָבן צוזאַמענגענומען, צווישן מאָהליווער חסידים, אויפן ליובאַווי־טשער בית מדרש...

— למען השם, — דערמאָנט אים ווייטער ר׳ בערע — מאָרגן נאָך קריאת־התורה — „גומל בענטשן״!

— אם ירצה השם! — ענטפערט אים ר׳ ישראל פאַרקלערטערהייט — און ווייסט איר, ר׳ בערע, וואָס איך וועל אייך זאָגן? ס׳איז אונדז באַ־שערט... דערפאַר וואָס מיר זענען געפאָרן נישט מיטן פאַרעכאָד פון ר׳ לייבעלען זאָל לעבן. ווי קומען מיר חסידים צו פאָרן מיט אַזעטקענע גזלנים, ווי די „קאָמפּאַניע״ לייט? איז אָט... רחמנא יצילנו!

— און ווער איז שולדיק? — גיט ר׳ בערע אַ פרעג און פאַרקוועטשט איין שפּעלטעלע.

ר׳ ישראל גיט אַ מאַך מיטביידע פּלייצעס.

— קושקע! — דערמאָנט אים בערע רחמיאלס — קושקע בראַנד!

— אַך, יאָ! — דערמאָנט זיך ר׳ ישראל און בלייבט שטיין אויף דער מיטן קלאָטקע — אַזאַ פֿאַרד!

— איבער אים פּאַרשפּעטיקט! — קלאַפּט ר׳ בערע מיטן פּאַראַסאָל אין ברעט אַריין.

— איבער אים געמוזט נעמען אַ בילעט ביי דער קאָמפּאַניע!

— אַ קאָנקורענציע־בילעט אויף אַהין און צוריק!

— אַ יונגאַטש קען!

— ימח שמו וזכרו זאָל ער ווערן!

— זויפט נאָך בפרהסיה פון פלעשל, אַ חרפּה!

— אויפן שוועל פון ליובאַוויטשער בית מדרש דאַרף מען אים מער נישט אַרויפלאָזן!

— אַ ייד זאָל גאָר האַלטן בראָנפן אין כאַליאַווע!

— אַ חרפּה און אַ שאַנדע!

גבאי און אויבער־שמש זענען אַזוי געשטאַנען אויפן מיטן קלאָטקע, אָנגעצונדן פון הייליקן צאָרן, אויסגעטענהט זיך איינער אַקעגן דעם אַנדערן און געקלאַפּט מיט די פּאַראַסאָלן אין די פּוילע ברעטער. און ווער ווייסט ווי לאַנג אַזאַ זינגען אין צוויי קולות עס וואָלט נאָך געדויערט, ווען נישט בערע רחמיאלס מיחוש...

בערע רחמיאלס האָט מיטאַמאָל צוגעדריקט די גאָלקע פון פּאַראַסאָל צום האַרצן און מיט דער רעכטער האַנט האָט ער זיך פלינק גענומען טאַפּן אין דער הינטער־קעשענע, אין סאַמע שפּאַלט פון קאַפּאָטע, האָט ער פון דאָרטן אַרויסגעכאַפּט אַ קליין מאַנאַפּאָלקע פלעשעלע. מיט וואַקל־דיקע גיכע טריט פון אַ קאַטשקע אַראָפּגעלאָפן פון עק קלאָטקע, צוגע־שפּאַרט זיך צו אַ צוים, געמאַכט שהכל און אַ זופּ געטאָן, דערנאָך — בורא מיני מזונות און פאַרביסן.

דאָס איז פאָרגעקומען אַזוי פּלוצלונג, אַז ר׳ ישראל האָט גלייך אויפן אָרט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס איז פאָרגעקומען. געמיינט, ר׳ בערע רחמיאלס האָט דערזען דעם פּריסטאַוו פונדערווייטנס, אָדער חס ושלום אַ הונט... נאָר אַז ער האָט זיך אַרומגעזען, האָט ער פריילעך אָנגעיאָגט ר׳ בערען ביים צוים און אָנגעגאַנגען אויף אים מיט אַ פּאָטערלעך־צע־בליטן שמייכל אין דער לאַנגער ווייסער באָרד.

— גערעכט, ר׳ בער! — מאַכט ר׳ ישראל און הויבט זיך אויף אָן טאַפּן אין דער הינטער־קעשענע — גערעכט ווי די וועלט!

פּאָר די פּאָר טעג, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין מאַהליוו, לטובת דעם ליובאַוויטשער בית מדרש, האָט ער פון ר׳ בערע רחמיאלס עפּעס אָפּ־געלערנט. ער האָט זיך אויך אַרומגעזען, אַז ס׳איז נישט קיין תכלית צו פּילן זיך שוואַך אויף די עלטערע יאָרן; אַז מען מוז זיך אָנהויבן היילן פון גילדענאָדער ווי ס׳געהערט צו זיין. האָט ער נאָכגעטאָן זיין אויבער שמש, פאַרשאַפט זיך אַ מאַנאַפּאָלקע מיט אַ שטיקל לעקאַך אין דער הינטער־קעשענע, און לאַכט אַצינד פון אַלע חולאתן אין דער וועלט.

בערע רחמיאלס האָט גאָר אָנגעקוואָלן קוקנדיק, ווי זיין בכבודיקער תלמיד, אַזאַ ייד מיט אַ שיינער באָרד ווי ר׳ ישראל איז, גייט אויף אַ דרך. ווי ער מאַכט „שהכל״ און „בורא מיני מזונות״, פונקט אַזוי ווי ער, לעבן זעלבן גאָרטן־צוים ביים עק קלאַטקע, אַלץ אַזוי ווי ער.

— אָ? מאַכט ער מיט אַ קלוגעטשקער העויהלע צו ר׳ ישראל — וואָס זאָגט איר עפּעס, גבאי? אַן איינפאַל, אַ?

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן! — פאַסמאַקעוועט זיך ר׳ ישראל נאָכן בורא מיני מזונות — איר האָט מיך ממש געראַטעוועט!... מ׳לעבט אָפּ קיין עין־הרע נישט, אַזוי פיל יאָרן און מ׳קומט אַזוי שפּעט צום שכל! דאַכט זיך אַזאַ פּראָסטע זאַך. מ׳גייט אין גאַס —

— ס׳כאַפּט אָן ביים האַרצן! — העלפט אונטער ר׳ בערע רחמיאלס.

— מאַכט מען ש—הכל!

— און טאַקע דעם אמתן בורא מיני מזו—נות! — העלפט זינגען ר׳ בערע.

— יאַ־אַ! און ס׳ווערט אַ ליכט אין די אויגן...

— און די דאָקטוירים? — גיט ר׳ בערע אַ פרעג און אַ ווינק מיטביידע אויגן שפּעלטעלעך. ער האָט דאָס געטאָן ווי אַ הויכער סאָרט רבי, וואָס פאַרהערט זיינעם אַ תלמיד אַן עילוי.

— צו אַלדי קאַדיק זאָלן זיי גיין! — ענטפערט גלייך אָפּ ר׳ ישראל. פונקט אין פּינטל געטראָפן.

— אָט־אָ... כי־כי־כי! — שמעלצט זיך ר׳ בערע פאַר נחת, וואָס זיין גרויסאַרטיקער תלמיד געדענקט שוין אויסנווייניק די גאַנצע תורה, וואָס ער האָט מיט אים אייַנגעקנעלט, סיי ווי מען היילט זיך פון גילדענ־אָדער, סיי ווי מען שילט די דאָקטוירים.

אַ הודזשעריי פון דניעפּער־זייט האָט ר׳ ישראלן דערמאָנט פון

וואָנען זיי קומען אַצינד און וואָס זיי האָבן אָקאָרשט געזען... דער פּריסטאַוו, אַפּנים, איז אָנגעקומען צום הרוג און ס׳איז דאָרט געוואָרן אַ נייער טומל, בייזע געשרייען. האָט ער פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און אָפּגעזיפצט אינמיטן חזרן ר׳ בערעס תורה:

— אָט, מיר דאָ זענען זיך עוסק מיט „עולם הזה״ און דאָרטן נעבעך... ר׳ אַנשל, עליו השלום...

דאָס האָט אויסגעטשוכעט אויך ר׳ בערען אינמיטן אָנקוועלן פון זיין המצאה, פון זיין קלוגשאַפט. פון זיין אָפּנאַרן אויף די עלטערע יאָרן ביידע שקלאָווער דאָקטוירים מיט אַלע זייערע רפואות. אין די פעטע שפּעלטעלעך פון זיין פּנים זענען אַרויסגעשוווּמען אַ פּאָר שוואַרצאַפּלען.

— עולם כמנהגו נוהג! *) — האָט ער פאַרטראַכט אַ הויב געטאָן ביידע ברעמען אָן אַ סימן פון האָר. און ביידע, גבאי און אויבער־שמש, האָבן זיך, שווייגנדיק, אַוועקגעלאָזן אַרויף גאַס. מיט די דיקע פאַראַסאָלן אונטער די פּאַכוועס. יעדער איינער האָט באַטראַכט, ווי אַזוי ער זאָל דערציילן דער אַלטיטשקער זייַנער די מעשה־נורא, וואָס האָט אָקאָרשט געטראָפן ביים פּאַראָם, און די סכנה אין וועלכער זיי אַליין זענען געווען. יאָ... דערציילן דאַרף מען אַזוי — אַז עס זאָל מאַכן אַ גרויסן רושם, אַז די יידענעס זאָלן זיך נישט צו שטאַרק נעמען צום האַרצן ערב שבת, פאַר ליכט־בענטשן...

ס׳איז שוין אָבער געווען אַן אומזיסטע פאָרזיכטיקייט. נאָך איידער דער גבאי און אויבער־שמש זענען דערגאַנגען צו זיך אַהיים, איז שוין חיה־שרהקע די משוגענע פאַרלאָפן זיי דעם וועג און צעטראָגן די בייזע איבער אַלע יידישע געסלעך. ביי דער אָזערע און אַרום דעם לובאַוויטשער בית מדרש. אין די אָפענע פענצטער האָבן זיך אַרויסגעשטעקט נישט דערצוואָגענע קעפּ פון ווייבער, און אונטער די נאַסע האָר האָבן צע־שראָקענע אויערן פאַרנומען דאָס פּאַסקודנינקע און בייזע לידעלע, וואָס חיה־שרהקע זינגט אויס צווישן צוימען און הינטער־הויפן:

„ניטשיינע״**) האָב איך אַ קוק געטאָן
דאָ, איכעט דאָ!
פאַר די לעקאַך, פאַרן בראָנפן

*) די וועלט פירט זיך, ווי איר שטייגער איז!

**) צופעליק.

דאָ, טאַקע דאָ!
אויס פּאַראַם און פאַרעכאָדן.
איכאַ, איכאַ־כאַ!
נאָך ר׳ אַנשלען דעם פּאַראַמשציק —
אונדז צו לאַנגע יאָר!

ענדע — צווייטע, טייל „עמי־הארצים"